STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03735

DRAY SHTET

Sholem Asch

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום אש

דריי שטעט

משה שמואל שקלארסקי

ניו־יאָרק, 1952

Sholem Asch
DRAI SHTET
(Three Cities)

Copyright 1933, by Sholem Asch
First published in New York by G. P. Putnam's Sons

MORRIS S. SKLARSKY, *Publisher*
10 MONROE ST., NEW YORK 2, N. Y.

Printed in U.S.A.

שלום אַש

מאסקווע

(דריטער טייל פון בוך „פאַרן מבול“)

ראָמאַן

משה־שמואל־שקלאַרסקי

ניו־יאָרק, 1952

MOSKVE

(Moscow)

BOOK THREE

דאָס איז אַ פֿאָטאָגראַפֿישער־אָפּדרוק פֿון דער אויסגאַבע,
וואָס איז אַרויסגעגעבן דורכ׳ן „צענטראַל־פֿאַרבאַנד פֿון
פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע", בוענאָס־איירעס, 1949

ערשטער טייל

קאַפּיטל 1

וואָס איז אַזוינס „באָלשעוויקעס"?

יעדעס גרעזעלע האָט א מוטער. יעדער בלאַט ווערט געצערטלט אין די לופטיקע אָרעמס פון ווינט. נאָר קיין שום גראָז און קיין שום בלאַט ווערט נישט אזוי לאַנג געטוליעט אונטער די וואַרימע מוטער־שנייבריסטן, ווי דאָס טיפע שאָטנדיקע גרינס פון די בזשאָזקע־וועלדער אַרום מאָסקווע. ווען זיי קומען־אַרויס פון אונטער דעם לאַנגן ווינטער־שניי אויף דער ליכטיקער שיין, ציטערט יעדעס גרעזעלע מיט דער פרישקייט פון געצערטלטע קינדער־לייבער. יעדעס גרעזעלע באַזונדער ווערט געצוואָגן און געבאָדן אין טוי־טרערן, וואָס די מוטער־נאַכט לאָזט איבער דערויף, איידער עס שיידט זיך אָפּ דערפון אויף א גאַנצן טאָג. און ווען דער ווינט בלאָזט אין אַזעלכע גרעזער, ציטערט האַרץ־ברעכנדיק יעדעס גרעזעלע באַזונדער אין דער זוניקער לופטיקייט מיט אַן אומבאַרירלעכן טוי באַהויכט.

קיין שום גראָז אין דער וועלט האָט נישט די דאָזיקע שאָטנדיקע פרישע גרינקייט. די גרינקייט פון אונגערקע־קאָליר. און ווען מען קוקט פון דערווייטנס אויף אַזאַ אויסגעבעטן גראָז־דיוואַן, וואָס פאַרלירט זיך צווישן ווייס־באַפלעקטע ביימער און אומבאַקאַנטע ווייטקייטן, ציט עס דיך צו דער טונקעלער גרינקייט מיט א מיסטישן כישוף, ווי אומבאַוווסטע כוחות פון פאַרבאָרגענע וועלטן וואָלטן פּלוצים לעבעדיק געוואָרן אין דיין האַרץ, געפונען פון לאַנג־אָנגעקניפּטע פאַרבינדונגען, און דו האָסט אַ גלוסטונג פאַרפאַלן צו ווערן אין די טיפע פייכטקייטן, וואָס לויערן־אַרויס צו דיר פון אומבאַקאַנטע ווייטקייטן...

די טיפע גרעזישע גרינקייט האַלט־אָן צווישן די יונגע ווייסע בזשאָזקעס אַרום מאָסקוועך וועלדער דעם גאַנצן זומער, ביז עס הייבן־אָן די פראָסטן צו פרירן, די ערשטע שנייען צו בלאָזן. די יונגע גרעזער־לייבלעך פרירן אין די קאַלטע פרימאָרגנס, און פון אונטער די פראָסטי־קע דעקן קוקט נאָך אַרויס דאָס פרומע גרינקייט. און דו האָסט דאָס גע־פיל, אַז מען האָט ציטערנדיקע קינדער־לייבעלעך איבערגעלאָזט אין דרויסן... ביז דער ווייסער שניי דעקט זיי נישט אינגאַנצן צו. דענסטמאָל גייען זיי שלאָפן אונטער די שניי־בריסטן דעם גאַנצן ווינטער לאַנג...

דעם האַרבסט, כאָטש עס איז שוין געווען שפּעט אין אָקטאָבער, זענען די ווייכע גרינע אויסגעבעטע דיוואַנען־פעלדער נאָך נישט געווען מיט שניי באַדעקט, ווי יעדעס אַנדערע יאָר. וואַסיל אַנדרעיעוויטש, דער פּריץ פון סאָפּיאַנקאַ, וואָס ליגט אויף דער ניזשנער באַן־ליניע, האָט מיט פרייד אין האַרץ געקאָנט זיך אָנקוועלן פון זיין וואַגאָן־פענצטער אַרויס מיט דעם פרישן פראָסט־הויך, וואָס איז געלעגן אויף די פעלדער אין דעם גרויען פרימאָרגן.

וואַסיל אַנדרעיעוויטש איז אין זיין מאָסקוועך שוואַרצער קורטקע, אויפגעקנעפּלט איבער זיין פליישיק פעטן גוף, געשטאַנען ביים פענצטער פון זיין וואַגאָן־אַפּטייל, — זיין רויט פּנים מיט זיין פליישיקער נאָז צו־געדריקט צו דער פייכטער, איבערגעלאָפענער שויב, — און באַטראַכט די לאַנדשאַפט, וואָס איז געלאָפן אין דרויסן. די קאַלט־וואַרימע אויפגייענ־דיקע זון האָט געטריקנט די טויאישע פייכטקייט, וואָס איז געלעגן אי־בער פעלד און בוים, ווי אַ מוטער־קו, וואָס באַלעקט מיט איר צונג איר ערשט נאָר־וואָס געבוירן קאַלב.

די אויפוואַכנדיקע וועלט האָט טאַקע געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ ניי־געבוירן קאַלב, וואָס איז נאָך געשטאַנען אויף די דינע דראָטענע פיסלעך.

זי, די וועלט, האָט געהאַלטן אין איין געניצן און האָט נאָך צוריק־געבענקט נאָך די ווייכע אָרעמס פון דער נאַכט, פון וועלכער דער רויט־באַלויכטענער הימל האָט זי געהאַלטן אין איין אַרויסוועקן...

וואַסיל אַנדרעיעוויטש האָט מיט פרייד אין האַרצן געהאַלטן אין איין באַטראַכטן די געל־גאָלדענע פעלדער פון אָפּגעריייניקטן שניט, די גרינע לאָנקעס פון די וועלדער, די קליינע וואַסערלעך און טייכלעך, אין

וועלכע קאטשקעס און גענדז האָבן זיך נאָך אין שפעטן הארבסט אין וואסער געפליעשטשעט. די בלוי־ און רויט־געפארבטע לאָדן, די געשניצטע געזימסן און דעכער פון די פרידלעכע הייזלעך, די פרי־אויפגעוועקטע פויערים און פויערטעס ביי זייער ארבעט. די רויט־געפלעקטע זיך־פיטערנדיקע קי אויף די לאָנקעס, די שפרינגענדיקע און פיס־געפענטעטע פערד און זשרעבאקעס, וואָס שרעקן זיך פארן רעשענדיקן לאָקאָמאָטיוו, — דאָס איז געווען די לאנדשאפט, וואָס האָט זיך געצויגן ווי א פאנאָראמע פאר זיינע אויגן מיטן אימפעט־געלויף פון דער באַן.

וואסיל אנדרעיעוויטש איז געווען א פרידלעכער, נאטור־ליבנדיקער מענטש. צום אלעדערשטן האָט ער גערן־געהאט גוט אָפּצועסן, נאָך א פראָסטיקן שליט־וועגס א פאָר „זובראָווקעס" צו פארטרינקען, א האלבן קאלבסקאָפּ אין עסיק צו פארבייסן, אזוי נאָך מיטן קאלבס־אויג פונעם פארגליווערטן אראָפּצוקוקן: א חזיר אויער אין כריין, א פאָר געגליווערטע חזיר־פיסלעך.

זומער, אין א הייסן נאָכמיטאָג, פלעגט ער ליב־האָבן צו זיצן אויף דער וועראַנדע מיט דעם אָפּגעקילטן לייב פונעם טייך־באָדן, מיטן האנטוך נאָך אויף די פלייצעס, א זודיקן סאמאָוואר אויפן טיש, א טעלער מאלינעס און שמאנט אָדער „כלאָדניק" מיט פארשידענע גרינס און צעשניטענע אוגערקעס, אז שטיקער חזיר זאָלן ארומשווימען פון אויבן־אויף איבער דער סמעטענע. דאָס צווייטע נאָכן עסן האָט ער ליב געהאט די נאטור. אין א הארבסטיקן פרימאָרגן, אין גראָען נעפל, ביז איבער די קני אין די הויכע שטיוול אין א וואלדיקן זומפּ צו שטיין און צו שיסן די ווילדע קאטשקעס, וואָס באהאלטן זיך צווישן דעם זומפּ־געמויזעכטס. קאָן זיין א גרעסערע פרייד ווי די, ווען דער ווייטער נעיענ־הונט פלאָשעט פון די אָפּגעשטאנענע גרינע זומפּן די ווילדע קאטשקעס ארויס, קומט־צולויפן צו זיין האר מיט א פארבליטיקטן פויגל אין מויל?

זיינע פערד און הינט האָט ער פארגעטערט. ליבער א טראָגנדיקע פויערטע לאָזן שלעפן א פור מיט האָלץ פונעם וואלד, איידער דערצו א פערד באנוצן. קי האָט מען ביי אים רייגער געהאלטן, ווי זיינע פויערים ביי די קי אין די שטאלן האָט מען מער געקערט, געוואשן און אויסגעשייערט, איידער אין מענטשלעכע שטובן. און שעפסן האָט ער ליבגעהאט, ווען זיי גראָזן אויף די אָפּגעשניטענע פעלדער — אריינצופירן

זיין האַנט אין דער פאַרקאַלטעוואַטער פעטער וואַל, צו דערגרייכן דאָס פעטס פונעם בייליק. מיט וואָס פאַרא פרייד האָט ער געלאָזט באַלעקן זיינע פינגער, זיין אייגענע גאָמבע, די ליפּן און דאָס פּנים פון הינטישע צונגען, פון קיעשע און שעפּסענע פּיסקעס! אָדער וואָס פאַרא פרייד איז עס — אַ באַליבטן פערד אין דער פייכטער נאָזדרע צו קושן?!

פעלדער און וועלדער — דאָס איז געווען זיין סעניגרייך. אביסל האָט ער געירשנט פון עלטערן, מער אָבער געקראָגן אין נדן פונעם ווייב. ער פלעגט אין די גראָע, פייכטע פרימאָרגנס, אין דער פוטערנער קורטקע, באַגלייט פון זיינע הינט, אויסמעסטן זיינע גרענעצן (אַ שאָד אים געווען אַ פערד דערצו צו באַנוצן). ער האָט איינגעאָטעמט אין זיין ברייטן ברוסט־קאַסטן מיט די פולע לונגען די פרישע מאָרגן־לופט. אָפּגעשטעלט זיך אין וואַלד און איינגעהערט זיך מיט וואָל־לוסט צו דער ווינטיקער שטילקייט, וואָס זשומעט־אַרום פון די נאָדל־צווייגן.

ווי ליב ער האָט געהאַט אינעם פריען פרילינג נאָכצוגיין די פּויער־שע אַקערס, אַריינצוקנעטן זיין האַנט אינעם שוואַרץ־ערדיקן טייג, אָפּ־קנייפּן אַ שטיק, — צו פּרוּוון די ווייכקייט פון דער ערד. ער האָט נישט געקאָנט גלייכגילטיק דורכגיין דורך זאַנגען און גערשטן, נישט זיי צע־רייסן און צו פאַרזוכן. ער האָט באַדויערט יעדן פויגל, וואָס איז צופעל־ליק דורכגעפלויגן פאַרביי זיין קאָפּ, פאַרוואָס ער קאָן אים נישט שיסן. ער האָט אין די פוס־שפּורן דערקענט יעדע פעלד־חיה, וואָס האָט צופעל־ליק אַריינגעשפּרייזט אין זיינע גרענעצן, און מיט זיינע הינט און ביקס געלאָזט זיך אויף איר שפּור, זי צו יאָגן. פעלד און וואַלד — טייערער דיר ווי אַ ווייב, טייערער דיר ווי די אייגענע מוטער.

און אויך איצט, אַזוי ווי ער שטייט ביים פענצטער אין זיין וואָגאָן און זעט די אָפּגעגאָלדעטע פעלדער, די גרינע לאָנקעס פון די וויעזשבאָ־ווע וועלדער, די באַמאָלטע, געשניצטע הייזלעך, די סטאַוון, די זיך פּאַשנ־דיקע בהמות, די אַרבעטנדיקע פּויערים און פּויערטעס, — קאָן ער זיך נישט גלייכגילטיק צוקוקן. עס גלוסט זיך אים דאָס אַלץ אָנצוטאַפּן, אין דער האַנט קנעטן, פאַר זיין אייגנס האָבן. און פון זיין האַרץ רייסט זיך אַרויס אַ וואויל־געניסנדיקער זיפץ אויף זייער אָגבליק בלויז, מיט אַ ווערטל.

— אך, מוטערל, דו אייגענע! א לאנד איז ביי אונדז א גוטס און א גרויס, נאר קיין ארדנונג נישטא.

ער דערמאנט זיך אן דער שלעכטער צייט, אין וועלכער מיר לעבן — מלחמה און רעוואלוציע. דעם צאר־פאטערל פון דעם טראן אראפגעזוארפן, דעם מאסקווער גובערנאטאר פון זיין הויז פארטריבן, די פויערים אין די דערפער האבן קעגן פריץ גרויסע מיילער געקראגן. דעם וואלד, איבער וועלכן ער שטייט מיט זיינע פויערים אין פראצעס, האבן זיי זיך באמעכטיקט, שניידן פראנק און פריי דאס געהילץ פון אים. אפילו די בהמות דערלויבן זיי זיך אויף פריצישע לאנקעס צו פארטרייבן, און דער עקאנאם האט מורא „קארעס" אויף די פויערים ארויפצולייגן.

אפילו באבעס בונטעווען זיך. די שטוב-שיקסעס הערן זיך נישט צו. נעכטן האט מאריע ארקאדיעווגע, זיין ווייב, פון אזא איינער ספאזמען געקראגן. אן אנדערשמאל וואלט ער אזא שיקסע געלאזט נעמען אין שטאל, א צוויי פויערים געהייסן די ספאדניצע אויפהויבן, און ער אליין וואלט מיט דער שפיץ־רוט איבערן געזעס געשמיסן. זי וואלט נאך גענוזט פאר א דאנק דעם פריץ דערנאך צו די קני פאלן און די האנט קושן, וואלט נישט געסמיעט זיך צו באקלאגן. ווען יא — איז דעם „אוריאדניק" א פאר קאטשקעס, א האלב פורל קארטאפל — און די שיקסע צום פריץ געשיקט אים איבערצובעטן.

איצט מוז מען שווייגן, און ווער ווייסט, צו וואס עס וועט נאך דערגיין?... די פויערים זאגן, מען וועט פון די פריצים די ערד צונעמען און זי די פויערים צעטיילן. ע, צו דעם וועלן זיי נישט דערלאזן. אן די פריצים וועלן זיי זיך נישט קיין עצה־געבן. ווער וועט אויף די פויערים אכטונג געבן, אז זיי זאלן די פעלדער באארבעטן? א שיינע ווירטשאפט וועט דאס זיין אן פריצים!

זאל נאר אן ענד צו דער פארשאלטענער מלחמה קומען. צו וואס האבן מיר זיך מיט די דייטשן צעקריגט? די דייטשן זענען שטענדיק געווען אונדזערע פריינט. דאס האט אלץ ענגלאנד אנגעמאכט. לאז נאר אן ענד קומען פון דער מלחמה, דאס מיליטער וועט צוריק אהיימקומען, אין די דערפער וועט מען זיי צעשיקן, וועט שוין גאנץ אנדערש זיין.

וואסיל אנדרעיעוויטש ווייסט, אז עס איז א קנאפע טרייסט. עפעס אין הארץ זאגט אים, אז עס גייט נישט צום גוטן. נאר וואסיל אנדרעיע־

וויטיג איז א מענטש, וואָס לאָזט זיך נישט צו קיין עגמת־נפש, פארטרייבט שלעכטע געדאנקען פון זיך. עס שאדט צום געזונט, עס שטערט דעם אפעטיט און מאכט זויער דאָס עסן אין מאָגן.

ער פרוווט פון זיך פאַריאָגן די שלעכטע געדאנקען מיט א טרייסט:

— עפּעס דאָרטן וועט שוין זיין, זיי וועלן זיך שוין אן עצה געבן. זאָלן נאָר די געגנערלעך פון דער מלחמה צוריקקומען מיט זייערע קאָזאַקלעך אויף די פערד, די שאָדן־ברענגענדיקע עלעמענטן פון די שטעט אפּרייניקן. די באָרישעוויקעס. אין אַלעם זענען שולדיק די באָלשעוויקעס, — שרייבן די צייטונגען. די אנדערע זענען מעסיקע, מיט די אנדערע וואָלט מען זיך געקאָנט צוזאמענגערעדן. נאָר די באָלשעוויקעס שטערן, — דייטשע שפּיאָנען. פאר דייטש געלט געקומען צופאָרן! אין דייטשע וואגאָנען, — שרייבן די צייטונגען.

— וואָס איז דאָס אזעלכעס — „באָלשעוויקעס”? — קראצט ער זיך אין קאָפּ. — וואָס ווילן זיי? ווער ווייסט, וואָס עס איז אזוינס?

ער קאָן זיך דערויף קיין ענטפער נישט געבן. און אזוי ווי דער דאָזיקער נאָמען ברענגט צו שלעכטע געדאנקען, ווארפט ער אים אינגאנצן איוועק:

— צום טייוול מיט די באָלשעוויקעס! און ער הייבט־אָן צו קלערן וועגן אייגענע זאכן, וועגן דעם, צוליב וואָס ער פאָרט קיין מאָסקווע, — וועגן נאטאשקען. נאטאשע כטעפּאנאָווגע, — ווי ער רופט זי איצט. וועגן איר ברייט־ביינקן ווייסן הויז, וועגן די רונדע פולע ליטקעס, וואָס שטאָרן פונעם קלייד ארויס, וועגן ווייכן ווייבערישן האלדז, — וועגן נאטאשע כטעפּאנאָווגע, זיין קעבסווייב, וואָס וווינט אין מאָסקווע, און וועגן אנישקע און סימאשקאַ, די צוויי קינדערלעך, וואָס ער האָט פון איר.

א פאַרגעניגטער, ברייט־שיינענדיקער שמייכל צעגיסט זיך איבער דעם פולן פעטן מויל אין די גרויסע דיקע וואָנסעס אריין און עס דוכט זיך, אז זיין ברייט־פלייציקער בויך, וואָס שטאַרט ווי א טעלער ארויס פון זיין אויפגעקנעפּלטער קורטקע, שמייכלט־מיט און וויברירט דאָרטן מיט גלוסטונג הינטער זיין העמד.

דער געדאנק וועגן נאטאשע און די קינדער מאכט אים שוין גליקלעך, און פארטרייבט פון אים אלע מרה־שחורהדיקע זאכן. איצט זעט

ער נאָר די וואַרימע קליינע אָנגענעמע היים אויפן פעטערבורגער שאָסיי, דאָרט ווייט אַרויס צום פעלד פון פערד-געיעג, ווו ער האָט געדונגען פאַר נאַטאַשאַן אַ וווינונג אין דעם נייעם קוואַרטאַל, וואָס בויט זיך אין מאָסקווע.

געווען איז ביי וואַסיל אַנדרעיעוויטשן אַ ווייב אַ מאָדערנע. מאַריע אַרקאַדיעווונע האָט זיך אָנגעלעזן מיט אַלערליי נארישע ביכער און האָט נישט געוואָלט קיין קינדער האָבן. אַ מענטש, — האָט זי געזאָגט, — איז נישט קיין חיה, איז נישט קיין שטוב-בהמה — און זי איז נישט באַשאַפן געוואָרן אָנצופלאָדיען, אויסצובריהן קינדער. זי האָט אפילו גע־לאָזט אַרויסשטעלן איר בעט פונעם בשותפותדיקן שלאָף-צימער, געמאַכט זיך איר אייגענעם בודואַר. אַ פרוי, — האָט זי געזאָגט, — דאַרף האָבן איר אייגענע פערזענלעכקייט. אַ בשותפותדיקער שלאָף-צימער רויבט־אָוועק פון אַ פרוי איר פערזענלעכקייט.

פלעגט זי אין די אָוונטן, ביים שלאָפן-גיין, אַריינקומען צו וואַסיל אַנדרעיעוויטשן אין איר שלאָף-העמד, אין איר שלאָף-ראָק, אים אַ קוש-געבן אויפן שטערן און זאָגן אים „אַ גוטע נאַכט". און שלאָף-העמדער און שלאָף-רעק זענען דווקא געווען ביי מאַריע אַרקאַדיעווונע פיקאַנטע. שלאָף-העמדער געמאַכט ווי הויזן, אין אַלערליי קאָלירן, אַמאָל רויטע, אַמאָל שוואַרצע.

און שלאָף-רעק זענען ביי איר געווען גאָר אינטערעסאַנטע, מיט לויזע אַרבל און ווייט-טיפע אויסגעשניטענע העלדזער. און שטענדיק האָט זי זיי געטראָגן אויפגעפּראַלטע, אַזוי אַז מען האָט די הויזן אַרויסגעזען מיט אַלערליי רויטע און פיקאַנטע בענדלעך פאַרבונדן. און ווען וואַסיל אַנדרעיעוויטש פלעגט זי אָננעמען ביי דער האַנט און געוואָלט זי פאַר־האַלטן, פלעגט זי זאָגן, אַז אַ מענטש איז נישט קיין זאַך, אַז צו דעם, וואָס ער פאַרלאַנגט פון איר, דאַרף מען זיין אין אַ פּאַסיקער שטימונג און האָבן די ריכטיקע אַטמאָספערע. און אַזוי ווי אַ פּאַסיקע שטימינג און די ריכטיקע אַטמאָספערע קאָן מען נישט אַרויסרופן געמאַכטער־הייט, מוז ער זיך באַנוגענען-לאָזן מיט אַ קוש אין שטערן. און זי דרייט זיך אויס און גייט זיך אַרויס און באַווייזט די הויזן אויף דער צווייטער זייט, און לאָזט נאָך זיך איבער אַן אָנגענעמען הויך פון פּערפומען. און פּערפומען זענען ביי איר דווקא געווען אינטערעסאַנטע.

וואסיל אנדרעיעוויטש איז א נאטירלעכער מאנספארשוין, און עס בענקט זיך אים נאך א געזונט ווייב, וואס נויטיקט זיך נישט אין שטי־מונגען און אטמאספערן, און עס גלוסט זיך אים צו האבן קינדער. עס ווילט זיך אים א טאטע זיין, קינדער צו דערציען, קינדער אין שול צו שיקן, לעקציעס צו עקזאמינירן, אמאל א קינד איבער די קני צו לייגן און ארייננצימבלען, אזוי ווי יעדער אנדערער טאטע טוט. און דא נאדיר גאר: „א מענטש איז דיר נישט קיין „הויז־חיה" און איז נישט באשאפן קינדער, ווי בהמות, אנצופלאדיען".

און צעגיין זיך מיט איר איז א שאד: איר נדן, דאס דארף מיטן וואלד, וואס ער פארוואלט, ברענגען א גוטן אפפאל. פון זיינע וועט ער נישט לעבן. און ביי מאריע ארקאדיעוונע זענען נאכט־העמדער אינטע־רעסאנטע...

דולדעט ער די פארשידענע שטאטישע „רענגדים", וואס קומען ארויס צו איר: די אפערעטן־זינגערינס און די באלעט־טענצערינס און די פארשידענע שרייבערלעך, וואס שלעפן זיך נאך זיי. זיצט זי מיט זיי גאנצע טעג אין איר בודואר, באווייזן זיך נאר צום עסן, קוקן אויף אים ווי אויף א פרעמדן, ווי אויף אן איבריקן, פארגינען זיך אויס רחמנות אמאל א קערטל צו שפילן אין די אוונטן. אדער אויף א געיעג צו גיין, וואס זיי ווייסן נישט ווי זיך דערביי צו באנעמען.

געפינט זיך ביי מאריע ארקאדיעוונע אין הויז אן עקאנאמקע, א גע־זונטע, אנטוויקלטע פרוי. איר פליישיק לייב גיסט פון איר שווארץ קלייד ארויס. פארקוקט זיך וואסיל אנדרעיעוויטש אויף די דיקע באטעמטע היפטן און טראכט זיך, אז פון אזעלכע היפטן קאן א געזונטער דור ארויס־קומען.

האט אייגנטלעך מאריע ארקאדיעוונע גארנישט קעגן דעם, וואס איר מאן קריכט צו דער עקאנאמקע. א געזונטער מאן האט זיין נאטירלעכן דראנג, און פאר דעם צוועק זענען דא שטוב־שיקסעס, פונקט אזוי ווי שטוב־חיות. אבי ער רירט נישט אן איר „פערזענלעכקייט". לאזט ער זי מיט איר געזעלשאפט, מישט זיך נישט, ווען די אדער יענע פריינדין נעכטיקט ביי איר, און קומט נישט שטערן, באגנוגנט זיך מיט א קוש אין שטערן, דעם אנבליק פון די הויזן, און א הויך פונעם פערפום.

קומט די עקאנאמקע אין די הויכע חדשים, שעמט מען זיך פאר־

דער דינערשאפט. דינגט איר וואסיל אנדרעיעוויטש, מיטן ווייבס וויסן, א וווינונג אין שטאט. ווערט די געליבטע ביי אים דאס ריכטיקע ווייב.

נאטאשע סטעפאנאוונע איז אן איינפאכע גאטספארכטיקע פרוי און האט פונקט אזוי ווי וואסיל אנדרעיעוויטש, ליב דאס הויזלעכע לעבן, דעם מאן און קינדער. פירן זיי ביידע א גאטספארכטיק פרידלעך לעבן. יעדע פאר חדשים קומט וואסיל אנדרעיעוויטש פון דארף צו איר. פאר־פארן פארפארט ער פון דער באן אין האטעל „מעטראפאל”, — פאר מענטשנס־וועגן מוז ער זיך דארטן מעלדן, אבער וווינען וווינט ער ביי נאטאשען אין שטוב. ער פירט זיך אויף, ווי א ריכטיקער, גאטספארכטי־קער מאן. פאר די ארומיקע שכנים גילט ער טאקע פאר אזעלכן. ער גיט זיך אן פאר אן עקאנאם פון זיין דארף, וואס האלט זיין משפחה, צוליב דער דערציאונג פון די קינדער, אין שטאט.

ער גייט מיט נאטאשען יעדן שבת אין אוונט און זונטיק אין דער שכנותדיקער צערקווע אריין. ביידע צינדן־אן ליכט פארן הייליקן בילד. ווען ער איז אינדערהיים ביי נאטאשען, אינטערעסירט ער זיך מיט דער באלעבאטישקייט. ער נעמט־אפ דין־וחשבון פון אלצדינג, וואס איז אפ־געלאפן דורך דער צייט, וואס ער איז נישט געווען. ער באצאלט אלע חשבונות, גייט אליין צום קצב און ברענגט א גוט שטיק פלייש פארן מיטאג אהיים, האט ליב צו האקן האלץ פאר דער קיך.

קינדער האבן זיי שוין איצט צוויי. דאס עלטסטע איז שוין א יאר פינף. נעמט ער אים טאקע אפט אויף די קני און ווייזט אים, וואס א טאטע הייסט, ווען ער פארזינדיקט זיך מיט וואס. רופן, רופן זיי זיך פאר מענטשן נישט אנדערש ווי מאן און ווייב. ביי נאטאשען פילט זיך וואסיל אנדרעיעוויטש פאר א ריכטיקן פאמיליען־מאן, פאר אן אמתן טאטן, און ער האט עם ליב אויך. דאס איז זיין אמתדיק לעבן. דאס לעבן מיטן ווייב האלט ער פאר א זינד און א נארישקייט.

פון איין זאך האבן זיי נאר פארדרוס: וואס זייער צוזאמענלעבן איז נישט פון דער צערקווע געבענטשט. און זיי קלערן טאקע עצות, ווי אזוי ארויסצונארן די ברכה פון פאפ? קלערן זיי צו פארן אין א גאענטער שטאט און דארט אונטער דער חופה־קרוין זיך צו שטעלן, און גאטס הסכמה צו קריגן אויף זייער צוזאמענלעבן.

מאריע ארקאדיעוונע, זיין אמת ווייב, ווייסט פון דעם טאפלטן

לעבן, וואָס עס פירט איר מאַן. עס אַרט איר נישט. פאַרקערט, זי איז צופרידן דערפון, וואָס זי דאַרף נישט, ווי זי דריקט זיך אויס, „די ציינ" פאַר זיינע קינדער זיין. די גאַנצע צייט, וואָס וואַסיל אַנדרעיעוויטש גע־פינט זיך ביי איר, ציטערט זי פאַר אים. זי האָט מורא, אַז ער זאָל איר פערזענלעכקייט נישט אָנרירן. זי שלאָפט אין איר בודואַר מיט א פאַרשלאָסענער טיר. און ווען וואַסיל אַנדרעיעוויטש הייבט אָן צו ווערן צודרינגלעך און אינטערעסירט זיך צו פיל מיט איר שלאָף־העמד, האָט זי ביים אָוונט קויט צו פעסט און צו לאַנג אין זיין שטאַרקער האַנט, פאַקט זי אים אויף מאָרגן דעם סטעמפאַרן און שיקט אים אין שטאָט אַריין.

איצט, ווען וואַסיל אַנדרעיעוויטש געפינט זיך אין דער באַן קיין מאָסקווע, האָט ער דאָס געפיל, ווי ער וואָלט געפאָרן אהיים. און עס קומט איבער אים די אמתע, גליקלעכע פאַמיליען־פרידלעכקייט. ער ליי־טערט זיך ביי זיין קעבסווייב פון דעם זינדיקן לעבן, וואָס ער פירט מיט זיין לעגיטים ווייב. ער פאַרגעסט אין אַלעם און קלערט נאָר וועגן זיין גליק, וועגן נאַטאַשעס זייבערער שטוב, וועגן איר קוועלנדיקן ראָזעווען לייב, וועגן די געזונטע קינדערלעך, וואָס זי האָט אים געבוירן.

אויך איצט האָט אים דער געדאַנק וועגן דעם באַלדיקן צוזאַמענזיין מיט זיין אמתער פאַמיליע געמאַכט פאַרגעסן אין אַלעם שלעכטן, וואָס די איצטיקע שלעכטע צייט ברענגט מיט זיך. און ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין זיין פאַנטאַזיע וועגן דעם באַלדיקן גליק, וואָס שטייט אים פאָר, — צו טרעפן זיך מיט נאַטאַשען מיט די קינדערלעך נאָך דער זומערדיקער אָפּרו־צייט. אין זומער איז געווען פיל צו טון ביי דער ווירטשאַפט אין פעלד. האָט ער נישט געהאַט קיין צייט זי צו באַזוכן. איבער די זומערדיקע חדשים שיקט ער אויך נאַטאַשען מיט די קינדער אין א דאָרף אַרויס. ביי זיך אויפן דאָרף קאָן ער זיי נישט האַלטן צוליב די שכנים און די פויערים.

געזען האָט ער שוין נישט דאָס ווייב מיט די קינדער א חדשים דריי־פיר. פיל געווען דעם זומער צו טון, ביז די אַלע תבואות אונטער דעם שייער געבראַכט. פיל האַרץ־קרענקונג פון פויערים האָט ער געהאַט דעם זומער. נישט געוואָלט אַרבעטן ווי יעדן יאָר. שרייען האָט מען נישט גע־קאָנט, דעם „אוריאַדניק" באַנוצן אויך נישט, ווי אַן אַנדערש מאָל. גע־מוזט באַנוצן אַן אַנדערע פּאָליטיק, כיטרע צו זיין, און צו דעם איז ער נישט געווינט געווען.

וואסיל אַנדרעיעוויטש האָט צו די פויערים ביז איצט געהאַט איין מיטל: די הויכע ברעמען און אַנצודרייען די דיקע וואָנסעס. ביז איצט איז דאָס פאַר זיי גענוג געווען. עס איז געקומען אַ ביטערע צייט. אויס־געמוטשעט האָט ער זיך פון זיי. נאָר איצט וועט אים אַלץ זיין פּאַר־גיטיקט. אָט באַלד וועט ער נאַטאַשען זען. אויסגעהונגערט זיך נאָך איר גוט. זי מוז אוודאי אויך שוין בענקען, דאָס אָרימע ווייב. ער וועט באַ־קוקן, אויב דער זומער־אַפּרו האָט איר געדינט, אויב זי איז צוגעקומען אויפן לייב. דאָס איז גוט. נאַטאַשען פּאַסט, אַז זי איז פול. פאַר פאַרגע־ניגן, בלויז אין געדאַנק, גיט ער אַ לעק איבער די וואָנסעס מיט דער צונג.

די קינדער זעען אוודאי אויך אויס, ברוך השם, גוט. מען דאַרף זיי מאַכן נייע אַנצוגלעך. פאַר דעם יינגל איז שוין צייט אין שול צו גיין. אָך, נאַטאַשע מוז זיך שוין ריכטן אויף אים! אויסגעוואַשן, אויסגעקערט די שטוב, ער זעט, ווי זיין שלאָף-מיצל, וואָס זי האָט אים געשטריקט אין דער פרייער צייט, הענגט אויפן זייל פון בעט, ווי זיינע לאַטשן שטייען ביים נאַכט־טישל אָנגעגרייט, וואַרטן אויף אים. אַ באַלעבאָסטע איז די נאַטאַשע! אַלץ מוז ביי איר זיין אויפן פּלאַץ. איז ער נישטאָ, שטייט אַלץ זיין וואַרט אויף אים.

יעדעס מאָל, ווען ער קומט, איבערראַשט זי אים מיט׳עפּעס נייעס. אַמאָל האָט זי אַ קישן פאַר אים אויסגענייט, מיט זיין נאָמען „וואַסיל אַנדרעיעוויטש" אויסגעהאַפטן. אַן אַנדערש מאָל האָט זי אים אַ וואַרי־מען שלאָף־ראָק אויפגענייט. אַ וואונדער, וואָס זי האָט איצט עפּעס אָנ־געגרייט? אַ ביטרינקע איז זי, די נאַטאַשע. זי ווייסט, ווי ביים מאַן אין האַרץ זיך אַריינצונאַרן. געגאַר, געגאַר דיך אַריין, — זאָגט ער זיך, — איך האָב נישט קעגן דעם. און ווען גאָט קאָן געבן, אַז מיר זאָלן נאָך דעם פּאַפּס ברכה באַקומען, אַז עס זאָל קיין זינד נישט זיין...

ער דערמאָנט זיך אין איינגעזאַלצענעם חזיר, וואָס ער פירט פון דאָרף מיט זיך אין אַ זאַק איינגענייט. אָך, וועט דאָס זיין אַ פרייד! מיט קרויט איינגעלייגט! און ווי ער האַלט ביים איינגעזאַלצענעם חזיר, לויפט דער צוג אַריין אין מאַסקווער וואָקזאַל.

ער וויל רופן אַ טרעגער, אַז ער זאָל אים די פּעקלעך אַרויסטראָגן.

קיין טרענער באווייזט זיך נישט. ער שטעקט דעם קאָפּ דורך דעם אָפּע־נעם פענצטער ארויס און דערזעט מיטאמאָל אַן אַנגעלויף פון מענטשן.

וואסיל אנדרעיעוויטש שרייט צו די פארבייגייענדיקע:

— זאָגט, ליבינקע, וואָס איז געשען? וואָס איז געשען?

קיינער ענטפערט אים נישט. אַלע איילן זיך מיט די פּעקלעך צום ארויסגאַנג.

— זאָגט, ליבינקע, וואָס איז געשען? — בעט זיך וואסיל אנדרע־יעוויטש.

באָלשעוויקעס! — שרייט עמיצער, וואָס איז אין איילעניש דורכ־געלאָפן.

וואסיל כאַפּט זיינע פּעקלעך. אָנגעשטעקט פון דער אַלגעמיינער־פּאניק, יאָגט ער זיך נאָך אנדערע, שטופּט זיך צום ארויסגאַנג פון וואָק־זאַל.

פארן באַנהויף כאַפּט ער נאָך דעם לעצטן „איזוואָשטשיק”, איבער וועלכן עס רייסן זיך שוין עטלעכע.

וואסיל ווארפט אריין זיינע פּעקלעך, כאַפּט זיך ארויף אויפן גע־זעס און שרייט צום בעל־עגלה:

— צום פּעטערבורגער שאָסיי!

— דאָרטן וועל איך נישט פאָרן, מען קאָן שוין נישט.

— וואָס איז געשען?

— פון הימל אראָפּגעפאַלן, צי וואָס? די באָלשעוויקעס האָבן פּעט־ראָגראַד פארכאַפּט, באַלד אויך מאָסקווע.

— פאָר, פאָר געשווינד אין האָטעל „מעטראָפּאָל”.

— עס וועט קאָסטן היינט אַ גאַנצן הונדערטער!

— פאָר!

אויפן וועג, דורך די פּאניק־פארכאַפּטע, אויסגעליידיקטע גאַסן, ווענדט זיך וואסיל אנדרעיעוויטש צום „איזוואָשטשיק”:

— זאָג, וואָס איז עס אַזעלכעס „באָלשעוויקעס”?

— איך הייב נישט אָן צו וויסן, פּריצל.

קאַפּיטל 2

„האָטעל מעטראָפּאָל"

דער האָטעל „מעטראָפּאָל" אין מאָסקווע, כאָטש דאָס ערשטע הויז אין שטאָט, האָט זיך דאָך נישט געקאָנט גלייכן צו „דעם נעסט פון די באָיאַרן", צו דעם אַלטן גרויסן אַריסטאָקראַטישן גאַסט־הויז, אין וועלכן עס זענען איינגעשטאַנען דער אַדעל און די הויכע באַאַמטע, און מ'האָט כמעט געדאַרפט האָבן אַ יחוס־בריוו, כדי אַהין אַריינצוקומען.

דעם האָטעל „מעטראָפּאָל" האָט אויפגעבויט דאָס מאָסקווער ליבעראַלע סוחרטום, אַלס פּראָטעסט קעגן די „גאָלדענע שטולן" פון דעם „באָיאַרישן נעסט", צו וועלכן עס איז פאַר זיי געווען שווער צוצוקומען.

דאָס דאָזיקע הויז, געבויט אויפן מאָדערנעם אופן, מיט בעדער, ביליאַרד־זאַלן און אַנדערע לוקסוסן, האָט פאַרמאָגט די ברייטע צעוואָרפנקייט, פון וועלכער דער רוסישער מענטש קאָן זיך נישט אָפּגעוווינען. נאָך פון פאַר דער מלחמה איז דאָס דאָזיקע הויז פּראָטעזשירט געוואָרן פון אַלעמען, וואָס זענען מיטגעגאַנגען מיט דער מאָדערנער צייט. נאָכן פאַלן פון צאַר איז דער „מעטראָפּאָל" גאָר עולה־לגדולה געוואָרן. עס איז פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז דאָס גרויסע „מאָסקווער" גאַסט־הויז האָט רעפּרעזענטירט דעם אַלטן צאַרישן רעזשים, און דער „מעטראָפּאָל" שטעלט מיט זיך פאָר דאָס נייע באַפרייטע רוסלאַנד. און יעדער איינער, וואָס האָט זיך געוואָלט אויסהיטן פון אַ חשד, אַז ער געהערט נאָך צום אַלטן רוסלאַנד, האָט אויסגעמיטן דאָס „מאָסקווער" הויז און פאַרקערט אין „מעטראָפּאָל", וואָס איז געוואָרן, אַזוי־צו־זאָגן, דער סימבאָל פון ליבעראַלן רוסלאַנד.

צייט די יולי־געשעענישן, צייט די „דייטשע אַגענטן", ווי מען האָט איבעראַל גערופן די פּאַרטיי־פירער, וואָס זענען אַריבערגעקומען פון אויסלאַנד אין דייטשע פּלאָמבירטע וואַגאָנען, האָבן געמאַכט די אַוואַנטורע צו פאַרכאַפּן די מאַכט, און נאָך קאָרנילאָווס אומגעלונגענעם מאַרש אויף פּעטראָגראַד, האָבן די סאָלידע עלעמענטן אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן די הויפּטשטאָט און אַריבערקומען קיין מאָסקווע.

מאָסקווע האָט אָנגעהויבן צו פאַרנעמען איר אָרט אַלס צענטער פון דער מדינה, און צו איר האָבן טאַקע געצויגן עלעמענטן פון דער גאַנצער אימפּעריע, זייט די פרייהייט איז געקומען. עס איז געווען, ווי יידן וואָלטן געוואָלט שטילן זייער דורשט מיט דעם געטראַנק, וואָס איז זיי פאַרווערט געווען דורך אַזוי פיל יאָרן אין צאַרישן רוסלאַנד — צו ווינען אין מאָסקווע. זענען זיי געקומען פון אַלע פאַרוואָרפענע ווינקלען אין „צענטער". אויך רוסישע עלעמענטן האָבן געשטראָמט קיין מאָסקווע.

פעטראָגראַד איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ קראַנקער מענטש, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אַ געפערלעכער חולאת, און מען ווייסט נישט, וואָס עס וועט מאָרגן מיט אים געשען. אַ סך האָבן נישט געקאָנט נאָכשפּרייזן די זיבן-מייליקע טריט, מיט וועלכע די רעוואָלוציע האָט זיך געטראָגן אין אירע וווּנדער-שטיוול אין דער טונקעלער צוקונפט אַריין, און קיינער האָט נישט געוווּסט, ווו זי וועט זיך אָפּשטעלן. האָט מען זיך אָפּגעטראָגן פון דער קראַנק-געוואָרענער שטאָט צום האַרץ פון דער מוטער רוסלאַנד, וואָס האָט בלויז שוין מיטן קלאַנג פון איר נאָמען דערוועקט צו זיך צוטרוי און זיכערקייט.

אויפן סוף פון אָקטאָבער-חודש איז אויך פאַררופן געוואָרן די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג פון דער געזעלשאַפט „ניי-רוסלאַנד", אין מאַרמאָרזאַל פון האָטעל „מעטראָפּאָל" אין מאָסקווע.

די דאָזיקע געזעלשאַפט „ניי-רוסלאַנד" האָט געזאָלט זיין אַ גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונג. זייט דעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציע האָט מען אָנגעהויבן צו באַמערקן אין פינאַנציעלע קרייזן, אַז אויסלענדישער קאַפּיטאַל ציט זיך צוריק פון רוסישע פירמעס. ראָטשילד, האָט מען געוווּסט, האָט פאַרקויפט זיין אָנטייל אינעם רוסישן נאַפט פאַר אַקציעס פון שעל. ער האָט מיטגעצויגן מיט זיך אַ רייע רוסישע קאַפּיטאַליסטן, זיינע פריינט, וועלכע ער האָט געראַטן נאָכצוטון אים.

באַלד איז אויך געוואָרן באַוווּסט, אַז רוסישע קאַפּיטאַליסטן זאַמלען זייערע קאַפּיטאַלן אין אויסלענדישע געשעפטן, אין אויסלענדישע בענק. אין די רוסישע פינאַנציעלע קרייזן האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאַניק. פאַרלויפיק איז זי פאַרשטעלט געוואָרן דורך דער גוטער קאָניונקטור, וואָס די מלחמה האָט געשאַפן, און דורך די סימפּאַטיעס צו רוסלאַנד, וואָס די רעוואָלוציע האָט געוווּנען, איבערהויפּט מצד צפון-אַמעריקע, וועלכע האָט

זיך אליין געקליבן אנצושליסן זיך אן די „פארבינדעטע". דאס האט אויפ־געעפנט ברייטע האריזאנטן פאר גרויסמאסשטאביקע הלוואות.

דאס הויז מירקין פון פעטראגראד, דאס גרויסע באנק־הויז, וואס האט שטענדיק געהאט א רוסישע אריענטאציע און האט געגלויבט אין רוסלאנדס ליכטיקער צוקונפט, איז געקומען אויף א גליקלעכער אידעע. דער אלטער גבריאל חיימאוויטש מירקין האט פאררופן א קליינע פאר־זאמלונג פון זיינע פריינט און שותפים (צווישן וועלכע עס האט, זעלבסט־פארשטענדלעך, זיך געפונען זיין שוועער, דער בארימטער אדוואקאט, סאָ־לאמאן האלפערין). דער אלטער געשרויפטער מירקין האט מיט זיין קלוגן, פראקטישן שכל אויפגעוויזן דער פארזאמלונג, אז דווקא איצט, ווען דאס אויסלענדישע קאפיטאל איז פארכאפט געווארן פון א פאניק, דווקא איצט איז די צייט, ארייננצוקריגן אין די הענט אריין די גרויסע רוסישע אונ־טערנעמונגען, וועלכע זענען דורך אזוי פיל יארן עקספלואטירט געווארן פון פרעמדע.

מירקין, מיט זיין דערפארענעם, סוחרישן שכל, און האלפערין, מיט זיינע הייסע פאטריאטישע רעדעס, האבן געווירקט אויף דער גרופע קאפי־טאליסטן, צווישן וועלכע עס האבן זיך אויך, א דאנק דער נייער ליבע־ראלער צייט, געפונען יידן און קריסטן צוזאמען, שוין אן גרויספירשט־לעכן אנטייל. עס האט זיך געגרינדעט א געזעלשאפט, וועלכע האט אין דער שטיל ארייננגעקראגן דעם גרויסן אייזן־באסיין פון מיכאילאווקע, וואס איז זינט ניקאלאי דעם ערשטנס צייטן געווארן עקספלואטירט פון אן ענגלישער פירמע.

די נייע געזעלשאפט האט אין דער שטיל אראפגעשיקט אירע אגענ־טן קיין לאנדאן. די ענגלישע פירמע, וואס האט זיך דערשראקן פאר די אנארכיסטישע טענדענצן, וואס די רוסישע רעוואלוציע האט אריינגע־בראכט אין רוסישן פאלק, האט פאר א פארהעלטנישמעסיק קליינעם פרייז אפגעטראטן דעם באסיין צו דער נייער רוסישער געזעלשאפט.

איצט האט זיך געהאנדלט אין דעם, אז לויט דעם גייסט פון דער צייט זאל מען צוציען די ברייטע רוסישע מאסן צו דער אונטערנעמונג. צו דעם צוועק האט די געזעלשאפט געדארפט ארויסלאזן פאר פיר הונ־דערט מיליאן רובל אקציעס צו ביליקע פרייזן, כדי, ווי דער ליבעראלער סאלאמאן האלפערין האט זיך אויסגעדריקט, „צו געבן די רוסישע ברייטע

מאַסן אַ געלעגנהייט צו געניסן פון די פרוכטן פון דער רעוואָלוציע".

אויף צוועלף אַזייגער, דעם 25סטן אָקטאָבער, איז באַשטימט געוואָרן די ערשטע זיצונג פון דער געזעלשאַפט „ניי־רוסלאַנד", אין דעם מאַרמאָר־זאַל פון האָטעל „מעטראָפּאָל".

די וויכטיקסטע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט האָבן זיך שוין צייט אַ פּאָר טעג פריער געהאַט געפונען אין מאָסקווע. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן חלקים, „ווער" און „וויפל", און עס איז אָנגעגאַנגען אַ דינגעניש, אַ האַנדלען אין די אָפּגעזונדערטע צימערן שוין אַ וואָך צייט. פאַרשטייט זיך, אַז אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט האָבן געוווינט אין דעם דאָזיקן האָטעל און זענען זיך צונויפגעקומען, ווען מען האָט געדאַרפט. אַזוי האָבן זיך אויך שוין זינט אַ געוויסער צייט געפונען אין מאָסקווע, אין „מעטראָפּאָל", דער אַדוואָקאַט האַלפּערין און זיין איידעם, גבריאל חיימאָוויטש. צייט דער גליקלעכער געשעעניש אין זייער פאַמיליע (דאָס הייסט, צייט גאָט האָט אַליין צוגעשטימט צו דער פאַראייניקונג פון דעם אומגלייכן פּאָר, דעם זעכציק־יעריקן מירקין מיט דער קוים צוואַנציק־יעריקער טאָכטער פון דעם אַדוואָקאַט, דורך דעם, וואָס ער האָט באַשאָנקען דאָס פּאָר מיט אַ יורש), איז אַריינגעטראָטן אַ נאָענטקייט און אַ וואַרימקייט צווישן שווער און איידעם, וועלכע זענען אין אָנהייב, צוליב דעם מאָדנעם שידוך, געווען פרעמד און קאַלט צווישן זיך.

שווער און איידעם זענען ביידע געוואָרן אַביסל עלטער, גרויער, צוליב די מלחמה־יאָרן און די געשעענישן פון דער לעצטער צייט, אָבער ביידע זענען געווען דיקלעכער — פון דעם גוטן טיש, וואָס ניגאַטשקע האָט געפירט. זיי זענען געווען צופרידן פון דער גליקלעכער צייט, וואָס איז אָנגעקומען פאַר רוסלאַנד בכלל און פאַר זיי בפרט, נישט געקוקט אויף די אַלע שטערונגען און שוועריקייטן, וואָס רוסלאַנד לעבט איבער, אַ דאַנק די לינקע עלעמענטן. ביידע זענען געווען אָפּגעברענט פון דער זומער־זון, ווייל זיי האָבן ביידע פאַרבראַכט אין אַ מאָדערנעם באָד־אָרט אין קאַווקאַז, פון וועלכן זיי זענען נאָר וואָס צוריקגעקומען. זיי האָבן ביידע משפחה־מעסיק פאַרקערט דורך דער גאַנצער צייט, וואָס זיי האָבן זיך געפונען אין האָטעל. זיי האָבן כמעט געוווינט אין איין אַפּאַרטאַמענט, געגעסן ביי איין טיש. שווער און איידעם האָבן איינער אויפן אַנדערן אויפגעפּאַסט, כאָטש זיי האָבן זיך נאָך „געאירצט" און נישט גע־

קאַנט ברענגען איבער זיך דאָס „דוצען", נישט געקוקט אויף די פּילע פּייערלעכע מאָמענטן אין זייער צוזאַמענלעבן, צייט די פאַרבינדונג פון די משפחות האָט געבראָכט פּרוכט...

דער באַרימטער אַדוואָקאַט האַלפערין האָט זיך אַליין נישט געמישט אין די אַלע פּאַר־אונטערהאַנדלונגען, וואָס זענען אָנגעגאַנגען צווישן די ווי כטיקסע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט וועגן אויסגלייך פון באַטיי־ליקן און געווין. איבערהויפּט האָט ער זיך געהאַלטן פונדערווייטנס, ווען עס האָט זיך גערעדט וועגן „פּראָצענטן", „אַקציעס" און אַזוי ווייטער.

דער באַרימטער אַדוואָקאַט איז נאָר געווען פאַראינטערעסירט אין דער אונטערנעמונג אויס ריין־פּאַטריאָטישע מאָטיוון. ער האָט עס אויך געערן ביי יעדער געלעגנהייט אונטערגעשטראָכן, כדי עס זאָל ביי קיינעם קיין ספק נישט זיין, אַז עס גייט אים נאָר אין דעם, כדי צו פאַרטרייבן דעם אויסלענדישן קאַפּיטאַל, מיט וועלכן דער אַלטער רעזשים האָט פאַר־פּלייצט רוסלאַנד. זיין אייגענע באַטייליקונג אינעם געשעפט, זיין גע־האַלט אַלס פאַרזיצער פונעם ראַט, האָט ער איבערגעלאָזט פאַר זיין איי־דעם אויסצוגלייכן מיט די אַנדערע מיטגלידער, פּונקט אַזוי ווי אַ רבּילע נעמט צו דאָס קוויטל און לאָזט איבער, אַז דער גבאי זאָל באַזאָרגן דעם פּדיון...

דעם זעלבן טאָג, אויף וועלכן די ערשטע פּייערלעכע עפענונג פון דער געזעלשאַפט „ניי־רוסלאַנד" איז געווען באַשטימט (און צוליב וועל־כער דער אַדוואָקאַט האָט צוגעגרייט אַ פּייערלעכע רעדע), האָבן די צייַ־טונגען געבראַכט די טרויעריקע ידיעה, אַז ביינאַכט האָבן די „דייטשע אַגענטן" אין דער הויפּטשטאָט ווידער באַנייט זייער אַוואַנטורע, וואָס האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן אין יולי. זיי האָבן פאַרכאַפּט די באַנהויפן און די בריקן פון דער שטאָט. „די סיטואַציע, אָבער, געפינט זיך אין די הענט פון דער ציטוויליקער רעגירונג", — האָבן די צייטונגען פאַרזי־כערט.

באַפעלן זענען שוין אויך אָפּגעגאַנגען צום פראָנט צו שיקן צו הילף דער הויפּטשטאָט אָפּטיילונגען קאָזאַקן. „עס איז זייער לעצטער פּרוּוו, — האָבן די צייטונגען פאַרזיכערט. — און מיר האָפן, אַז דאָס מאָל, — האָבן די צייטונגען אויסגעדריקט זייער ווונטש, — וועט די פּראָוויזאָ־רישע רעגירונג ליקווידירן איינמאָל פאַר אַלע מאָל די דייטשע אַוואַנטו־

ריסטן, אז זיי זאָלן פאַרשפּאָרן נאָך אַמאָל צו מאַכן דעם דאָזיקן פּרווו״.

די געשעענישן האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין דער הויפּטשטאָט צוויי אַזייגער ביינאַכט, ביז זיבן אַזייגער אינדערפרי האָבן זיך נאָך די טעלעפאָנישע און טעלעגראַפישע סטאַציעס געפונען אין די הענט פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג. פּעטראָגראַד, פאַרשטייט זיך, האָט דורך די פּאָר שעה געקאָנט טעלעפאָנירן, וואָס זיין האַרץ האָט געגלוסט, און נישט נאָר די מאָסקווער צייטונגען און די פּראָווינץ-צייטונגען, נאָר אפילו די פּעטראָגראַדער צייטונגען זענען אינדערפרי אַרויסגעקומען מיט דראָאונגס־אַרטיקלען קעגן די באָלשעוויקעס.

די מאָסקווער צייטונגען האָבן באַהאַנדלט די גאַנצע אָנגעלעגנהייט, ווי אַ פאַרברעכן פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג, וועלכע נעמט נישט אָן קיין שטאַרקערע מיטלען קעגן די „פּלאָמביסטן״. זי האָט באַטראַכט דעם ענין ווי אַן אויסברוך, וואָס וועט באַלד, אָדער וואָס איז שוין איצט ליקווידירט געוואָרן.

די צייטונגען האָבן געבראַכט קאַרגע ידיעות וועגן די עצם געשעענישן אַליין, וואָס זיי האָבן באַקומען פון דער הויפּטשטאָט. זיי זענען אָבער געווען פול מיט פייער און פּלאַם קעגן די איניציאַטאָרן פון די געשעענישן און האָבן גערופן צו באַשאַפן אַ קאָמיטעט פון „אַלגעמיינער זיכערהייט״ צו דערטרינקען אין פייער יעדן פּרווו, וואָס די באָלשעוויקעס וועלן זיך דערוועגן צו מאַכן אין מאָסקווע.

סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש האַלפּערין האָט געקראָגן די מאָרגן־צייטונגען, ווי יעדן טאָג, צוזאַמען מיט זיין סאַמאָוואַר, אין זיין האָטעל-צימער אַריין. ווען ער האָט איבערגעלעזן די נייעס, איז אים די ציטערנדיקע פּעקסנע אַראָפּגעפאַלן פון זיין ביינערדיקער נאָז פאַר אויפרעגונג. עס האָט געברענט אין אים אַן אומזעטיקער כעס, קוים מיט מי האָט ער געפונען אין זיך געדולד אָנצוטון זיך.

מיט נישט־פאַרקעמטע האָר איז ער אַריין צו זיין איידעם אין צווייטן צימער. ער האָט אים שוין נישט געפונען. דער אַדוואָקאַט האָט געהאַלטן די צייטונג אין איין האַנט, און מיט דער צווייטער האָט ער צוגעהאַלטן זיין ציטערנדיקע פּענסנע אויף דער נאָז, און מיט ייִנגלישן אימפּעט איז ער אַראָפּ פון די טרעפּ אין דער האָלע פון האָטעל.

די האָלע פון האָטעל איז געווען באַלעבט. ער האָט זיך דורכגעקע־

רעוועט צווישן דעם אויפגערעגטן עולם און איז אריין אין האטעל-רעס־טאראן, ווו ער האט געפונען זיין איידעם, מירקין, זיצן מיט דעם באַרימטן גרויסן סוחר קאראפאטקין. זיי האבן צוזאמען געפרישטיקט.

— מיינע הערן, האט איר שוין דאס געלעזן? וואס זאגט איר נישט צו דעם? נאך דאס האט אונדז געפעלט, נאך דער נידערלאגע אויפן גאַליציאנער פראנט! מיר פארשווארצן זיך דאך דאס פנים פאר אונדזערע פארבינדעטע? וואס וועט די וועלט זאגן? וואס פארא חרפות און בושות זיי ברענגען אויף דעם רעוואלוציאנערן רוסלאנד! — האט דער אדוואַקאט זיך געהאלטן אין איין קאכן. רויטע פלעקן האבן אנגעהויבן ארויס־צושלאגן אויף די עקן פון זיינע באקן־ביינער, זיינע האר זענען געשטאַנען אין דער הויך, און עס האט זיך געדאכט, אז זיי ווערן פארוואנדלט אין דראט.

— סאלאמאן אסיפאוויטש, נאר נישט זיך אויפרעגן! עס איז זייער שעדלעך פאר דער לעבער. דער דאקטאר האט באפוילן. די גאנצע קור פון קיסלאווארסק וועט זיין ארויסגעווארפן, — האט דערמאנט דער רו־איק־געבליבענער גבריאל מירקין.

דער אדוואקאט האט אים אנגעקוקט פארוווּנדערט איבער זיין רואיקייט, און ער האט זיך גענומען נאך מער קאכן:

— ווי קאן מען דא זיין רואיק? קומען מענטשן אריינגעשמוגלטע קיין רוסלאנד אין דייטשע וואגאנען, און מאכן א תל פון אלע דערגריי־כונגען. דאס איז דאך מיט דייטש געלט געמאכט! און זיי רופן זיך נאך רעוואלוציאנערן! ווי קאן מען דאס רואיק באטראכטן? ווער האט אייער געדולד, גבריאל חיימאוויטש?

— און אז איר וועט זיך קאכן, וועט איר דערמיט עפעס העלפן? איר וועט זיך נאר די לעבער אפעסן און דאס געזונט פטרן, — זאגט זיך אלץ רואיק גבריאל מירקין, — דאנקט גאט, וואס מיר האבן אונדזערע פרויען און דעם קליינעם איבערגעלאזט אין קאווקאז.

— ווער רעדט דא פון געזונט? דא האנדלט זיך וועגן רוסלאנד! איך קאן דא קיין איין אויגנבליק נישט בלייבן, גבריאל חיימאוויטש, איך מוז פארן צוריק קיין פעטראגראד, די מינוט. איך באדויער זייער, נאר איך וועל ביי דער היינטיקער פארזאמלונג נישט קאנען נעמען קיין אנטייל. רוסלאנד איז אין געפאר, די רעוואלוציע. די רעגירונג דארף מיך האבן אין

דער שווערער מינוט, — האָט דער אַדוואָקאַט געמאַכט אַ שריט ווי אַוועק־צוגיין אין איילעניש. ער איז אָבער דאָך געבליבן שטיין.

— וווּ וועט איר לויפן, סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש? פּעטראָגראַד איז באַזעצט פון די רויטע. נישטאָ וווהין צו לויפן, — האָט דער איידעם געזאָגט אין אַ רואיקן טאָן, אַזוי ווי עס וואָלט אים גאָרנישט אָנגעגאַנגען.

— וואָס, פּעטראָגראַד איז באַזעצט פון די רויטע, און איר זאָגט זיך דאָס אַלץ אַזוי רואיק?! ניין, איך קאָן דאָ קיין איין מינוט נישט פאַרבלייבן. אַ ביקס דאַרף מען אין האַנט נעמען, אַ ביקס אין האַנט, און גיין פאַרטיידיקן די רעוואָלוציע.

— אָן אייך וועלן זיך אויך געפינען פאַרטיידיקער, און פאַר אַ ביקס זענט איר שוין צו אַלט. סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש, בארואיקט אייך, זעצט זיך מיט אונדז. אייער קאַווע האָט איר שוין געטרונקען? אָ, גאָר פאַרגעסן אייך צו באַקענען. איר קענט דעם הער קאַראַפּאַטקין? מיכאַיל ניקאָלאַיעוויטש, פון „קאָמערטשעסקי באַנק", איינער פון אונדזערע הויפּט-באַטייליקער אין דער געזעלשאַפט „ניי־רוסלאַנד". זעצט אייך, אָן אונדז וועלן זיי זיך שוין אויך אָן עצה געבן. אונדז דאַרף מען אויף עפּעס אַנדערש, — האָט דער אַלטער מירקין אָנגענומען זיין אויפגערעגטן שווער ביים אַרבל מיט דרך־ארץ, נאָר גענוג פילבאַר, און האָט אים אַוועקגעזעצט נעבן טישל ביי זיך, אויף וועלכן עס איז געווען סערווירט פרישטיק.

— איך באַוווּנדער אייער געדולד, גבריאל חיימאָוויטש, — האָט דער אַדוואָקאַט אַלץ זיך נישט געקאָנט בארואיקן, כאָטש געזעסן איז ער שוין, — ווער קאָן איצט רעדן פון געשעפטן? ווער קאָן אין זינען האָבן פרישטיק? — האָט ער פאַראַכטנדיק געגעבן אַ שאַר אַוועק דאָס קאַווע טעצל, וואָס דער איידעם האָט געשטעלט פאַר אים. — דרויסן גייט אַן אַ מלחמה. מיין רעגירונג איז אין געפאַר, רוסלאַנד, די רעוואָלוציע. ניין, איך קאָן נישט רואיק איינזיצן. איך פיל, אַז מען דאַרף מיך האָבן. איך מוז כאָטש אויף דער גאַס זיין, — האָט דער אַדוואָקאַט ווידער געפּרווּוט זיך אויפהויבן פון בענקל.

נאָר דער איידעם האָט אים שוין געהאַלטן פאַרן אָרעם:

— סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש, זייט נישט קיין קינד, — האָט דער איידעם זיך דערלויבט אין אַן ערנסטן טאָן, — איר רופט נאָר אַרויס אַ פּאַניק ביי מענטשן, מיט אייער האַלטן זיך. מיר קאָנען גאָרנישט טון.

רוסלאנד איז אראפ פון די רעלסן, רוסלאנד איז א ווילד־געווארענע קארו־זעלע, און מיר מוזן זיך לערנען צו לעבן אויף דער דרייענדיקער קארו־זעלע. אדער זיי וועלן זיך אן עצה געבן אן אונדז, אדער זיי וועלן זיך גאר קיין עצה נישט געבן. דאן איז אלץ צום טייוול. דערווייל דארפן מיר טון אונדזער זאך. אפילו אויף אן אונטערגייענדיקער שיף שטעלט זיך דאס לעבן נישט אפ.

עס איז געווען מער דער אנטשידענער ערנסטער טאן, ווי די ווער־טער, וואס האט דעם בארימטן אדוואקאט אפגעשראקן און בארואיקט, ווי א קינד. פאר כעס האט ער געגעבן א שלעפ צו זיך דאס קאווע־טעצל, וואס ער האט פריער געהאט פון זיך אפגעווארפן, און מיט אימפעט זיך אנגעגאסן קאווע. ער האט א מאך־געטון מיט דער האנט אין רעזיגנאציע און האט א ברום־געטון:

— אך, ארים רוסלאנד, וואס דיר שטייט נאך פאר! אבער אלץ וועלן מיר איבערטראגן, — און ער האט דעם ערשטן זופ־געטון פון קא־ווע טעצל.

נאר דא האט זיך צו אים אנגערופן א שטימע, ווי זי וואלט נישט געקומען פון טיש, נאר פון הינטער דער שטול:

— איר וועט דאך מודה זיין, סאלאמאן אסיפאוויטש, אז ביים אלטן רעזשים וואלט מען זיך מיט די לייט פיל גיכער אן עצה געגעבן.

דער אדוואקאט האט אוועקגערוקט דאס טעצל פון זיך מיט אימ־פעטיקן כעס, האט אנגעקוקט דעם, וואס האט געוואגט צו דערמאנען דאס דאזיקע שרעקלעכע ווארט: „דער אלטער רעזשים". עס איז געווען דער באנקיר קראפאטקין, וואס האט ביז איצט געשוויגן. דער אדוואקאט האט אין זיין נערוועזיטעט ביז איצט גארנישט באמערקט זיין איידעמס בא־גלייטער, כאטש מען האט אים ערשט נאר־וואס פארגעשטעלט. ערשט איצט, ביים דערמאנען דאס דאזיקע שרעקלעכע ווארט, האט האלפערין אנגעשטעלט אויף אים זיינע אויגן פון די צימערנדיקע, וואקלענדיקע פענסנע ארויס.

פאר אים איז געזעסן נישט א מענטש, נאר א מאסע, אן אומבא־וועגלעכע, אנגעגאסענע מאסע, אין א שווארצער קליידער־פארם, האט געערדט איבערן טיש עפעס אומגעלומפערטס. דער בויך איז געקומען צום פארשיין צוערשט פון דער מאסע ארויס. דער בויך האט זיך געטריי־

סלט און זיך באַוויזן פאַר דעם מענטשן. נאָך מער, עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס לעבן פונעם דאָזיקן מענטש איז פאַרשוווּנדן פון זיין פּנים און האָט זיך באַזעצט איבער דעם גרויסן טעלער-ראַנד פון בויך, און זיינע אויגן זיצן נישט אין פּנים, נאָר אין בויך. עס איז אפשר איבערגעטריבן, נאָר זיין בויך האָט געקאָנט שמייכלען, דאָס איז אמת. זיין פּנים איז געווען טויט, איין ברויגלעכער, פלייִשיקער פלעק, אין וועלכן עס האָט זיך עפּעס געטון. דערפאַר איז זיין בויך פול געווען מיט לעבן. ער האָט וויבּרירט ווי אַ וואַלפיש, דאָ איינגעזאַנגען, דאָ אויפגעגאַנגען, דאָ געקאַר־טשעט זיך. אַ מינוט געשמייכלט, אַ מינוט טרויעריק געוואָרן, לויט דער סיטואַציע פונעם מאָמענט און לויט די עמפינדונגען פון דעם מענטשן.

אויך איצט, ביים אַרויסברענגען די פראַזע וועגן „אַלטן רעזשים”, האָט זי דער בויך באַגלייט מיט אַ קלאַנג, וואָס איז נישט אַרויסגעקומען דורך דער באַוועגונג פון קאַראַפּאַטקינס ליפּן, נאָר דורך דער וויבּרירונג פון זיין אויפגעבלאָזן לייב.

דער באַרימטער אַדוואָקאַט האָט אין דעם לאַכן פון דעם הערס בויך דערפילט די גאַנצע גרינגשעצונג, וואָס דער מענטש האָט צום נייעם רע־זשים.

דאָס האָט דער אַדוואָקאַט נישט געקאָנט איבערטראָגן. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַרן נייעם רעזשים. נאָך מער: ער האָט זיך געהאַלטן נאָכן באַרימטן וואָרט: „דער שטאַט — דאָס בין איך”. ער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער רעוואָלוציע. האַלפּערין האָט זיך אויפגעהויבן אין זיין גאַנצער הויך און האָט אָפּגעענטפערט אין אַ פּאַטעטישן טאָן:

— קיינער וועט אונדז נישט קאָנען פּראָוואָצירן, נישט פון לינקס און נישט פון רעכטס, איינצופירן די מעטאָדן פון דעם אַלטן רעזשים. דער אַלטער רעזשים איז טויט! און די רעוואָלוציע וועט קיינמאָל נישט באַפלעקן איר גלאַררייכן נאָמען מיט זיינע דרכים און מעטאָדן. דערפאַר וועלן מיר שוין זאָרגן

דער באַנקיר האָט זיך גענומען פאַרענטפערן. נאָר איידער עס איז אָנגעקומען דאָס וואָרט פונעם מויל, האָט שוין דער בויך געהאַט רעאַגירט דערויף. דער בויך איז געווען פיל לויפיקער און געשווינדער פון מאַטן, אַלטן אויסגעלאָשענעם פּנים. דאָס פּנים, האָט זיך איבערהויפּט געדוכט

איז אזוי ווייט, אז מען האָט עס קוים געקאָנט דערזען. עס איז, לויט דער פּראָפּאָרציע צו זיין גרויסן, גוואַלדיקן קערפּער אויסגעקומען אזוי קליין, אז מען האָט עס טאַקע קוים אָנגעזען. פון זיין מאָגן זענען געקומען עפּעס אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, וועלכע זענען פאַרהאַלטן געוואָרן דורך זיין שווערן אָטעם. נאָר דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן, האָט ער געזאָגט דורך די באַוועגונגען פון דעם בויכס פאַלדן. און עס איז אויך געווען מער פּאַסיק, וואָרים דאָס, וואָס דער דיקער באַנקיר האָט געהאַט צו ענטפערן, האָט מען נישט געקאָנט אַרויסזאָגן מיט ווערטער, נאָך בעסער מיט א געדאַנקען־פולן שמייכל, און צו דעם האָט זיין ברייט־ראַנדיקער טעלער גרויסאַרטיק געטויגט.

דערווייל איז דאָס לעבן אין דעם האָטעל אָנגעגאַנגען ווי געוויינלעך, וואָרים היינט איז געווען א פיל גרעסערע באַוועגונג און א פיל באַלעבּ־טערע האָטעל־טעטיקייט, ווי יעדן אַנדערן טאָג. די באַנען זענען נאָך אָנ־געקומען אין מאָסקווע. דרויסן, פאַרן האָטעל, אויפן ברייטן, באַוועגלעכן טעאַטער־פּלאַץ, האָבן געהאַלטן אין איין אָנפּענדזשען איינגעשפּאַנטע דראָזשקעס, געפירט פון שווערע, שוואַרץ־גלאַנציקע שטאַרקע פערד, מיט געסט און געפּעק פון די וואָקזאַלן.

די באַאומרואיקנדיקע נייעס פון די צייטונגען, און די נערוועאישע שטימונג, וואָס האָט צוליב איר געהערשט אין די גאַסן פון מאָסקווע, האָבן אָנגעוואָרפן א שרעק אויף אייניקע רואיקע מאָסקווער באַלעבאַטים, וועלכע האָבן געלעבט צוריקגעצויגן אין זייערע „אָסאָבניאַקעס".

אייניקע פון זיי, וועלכע האָבן געהאַט זייערע וווינונגען נאָענט צו די אַרבעטער־קוואַרטאַלן, האָבן געפונען פאַר נויטיק אויף די פּאָר אומ־רואיקע טעג — ביז עס וועט זיך איינשטילן — צו זיין נענטער צום צענ־טער און אַריבערצופאָרן אין האָטעל, כאָטש עס איז פאַרלויפיק קיין גרונט נישט געווען פאַר דער דאָזיקער נערוועזיטעט. א חוץ נישט־געשטויגענע און נישט־געפלויגענע קלאַנגען און צווייפלהאַפטיקע ידיעות, האָט מען קיין אומגעוועגלעכעס אויף די מאָסקווער גאַסן נישט אָנגעזען.

דאָס לעבן איז אָנגעגאַנגען, ווי געוויינלעך. טאַקע אין די ערשטע שעהען פון טאָג האָבן די גרויסע געשעפטן זיך נישט געאיילט צו עפע־נען. נאָר אז מען האָט געזען, אז אַנדערע געוועלבער עפענען זיך, האָט

מען אויך אויפגעמאַכט די טירן, און די באַוועגונג איז געוואָרן אַ מער באַ־לעבטע.

פאַרשטייט זיך, אַז דער פאַרוואַלטער פונעם האָטעל מיט זיינע צו־העלפער האָבן געהאַט פיל צו טון אָפּצושלאָגן די פילע געסט, וועלכע האָבן זיך געוואָרפן אויף דעם שוין איבערגעפולטן האָטעל, און צו שאַפן קאַרגן פּלאַץ פאַר יענע חשובֿע, אָדער אַלטע קונדן, וואָס מען האָט נישט געקאָנט אָוועקשיקן. אַלע זענען געווען נערוועז און האָבן גערעדט מיט העכערע שטימען, ווי געוויינלעך, מיט מער באַלעבטן טעמפּעראַמענט.

אַן ענערגישער קאַוואַליער האָט זיך געפּעדערט אין די פּריאיקע־שעהען צום קאָנטאָר פונעם האָטעל מיט אַ בלומען־בוקעט און האָט גע־פרעגט עפּעס אויף אַ דאַמע. נאָר אין גאַנצן הויז האָט מען נישט געקאָנט געפינען אַ דאַמע מיט אַזאַ נאָמען. דער טעמפּעראַמענטפולער קאַוואַליער האָט זיך נישט געלאָזט אָפּפאַרטיקן מיט אַן אָפּזאָג. מיט אַ טעלעגראַפישן בלאַנק אין איין האַנט און דעם בלומען־בוקעט אין דער צווייטער, האָט ער געפּאָדערט מיט אַ דערהויבענער שטימע די „מאַדאַם”, און עס האָט אויסגעזען, אַז נישט אַנדערש, נאָר די האָטעל־באַזיצער האָבן זי אויפ־געגעסן.

די האָטעל־אָנגעשטעלטע האָבן געשוויצט, זוכנדיק אין די מעלדונגס־ביכער. די באַדינער האָבן געהאַלטן אין איין לויפן אַרויף־און־אַראָפּ איבער די מיט טעפּיך באַלייגטע טרעפּ צו זוכן די מאַדאַם מיט דעם אָדער אַן ענלעכן נאָמען.

דערווייל האָט די באַלעבטע שטימע פון דעם טעמפּעראַמענטפילן קאַוואַליער צוגעצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די אַרומיקע, וואָ־רים ער האָט אַקצענטירט זיין פאַרלאַנג צו זען די באַטרעפנדע מאַדאַם, נישט נאָר בלויז מיט זיין שטימע און טעלעגראַמע, וואָס ער האָט גע־האַלטן אין דער האַנט, נאָר ער האָט אויך דערביי באַנוצט די בלומען, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט דערשראָקענע פונעם בוקעט, ווי פייגעלעך, וואָס האָבן מורא, אַז איצט קומט זייער סוף... און זייער ענד איז טאַקע, נעבעך, אַזוי געווען. פאַרלירנדיק זיין געדולד, האָט דער עלעגאַנטער קאַוואַליער אָנגעהויבן צו שלאָגן מיט די בלומען אויפן קאָנטאָר, ווי מיט הושענות...

פון דער באַן איז אויך איצט אָנגעקומען וואַסיל אַנדרעיעוויטש, דער פּאַסאַזשיר, וועמען מיר האָבן באַגלייט קיין מאָסקווע — אַ דערשראָקע־

נער, אַ דערציטערטער, אַ גישט־אויסגעשלאָפענער. קיין צימער איז פאַר אים נישט געווען אָנגעגרייט, האָט ער זיך אוועקגעזעצט אויף דעם איינגעזאַלצענעם, אינעם זאַק איינגענייטן חזיר ביים קאָנטאָר, און געזאָגט, אַז ער וועט נישט אָפּטרעטן פון דאַנען, כאָטש בלייבן זיצן איבער־נאַכט, ביז מען וועט נישט אויפשטעלן פאַר אים אַ בעט אין אַ באָד־צימער, כאָטש אין קאָרידאָר. עס איז אים אַלץ־איינס. ענדלעך האָט זיך פאַר אים געפונען אַ ווינקל, ווו מען האָט אים איבערגעפעקלט מיטן איינגעזאַלצענעם חזיר (און עס איז געווען נויטווענדיק אויך, וואָרים פון דעם איינגענייטן זאַק האָט זיך שוין געלאָזט הערן)...

די מאָסקווער סוחרים, אין פינקלדיק־אָפּגעפוצטע שטיוול, מיט „פרינץ־אַלבערטס" אויף פאַרקנעפּלטע רוסישע העמדער אָן האַלדז־טיכער, האָבן מיט שווערע טריט זיך באַוועגט אַהין־און־צוריק. צוויפלהאָפּטיקע פרויען, פון וועלכע עס האָבן זיך געפילט געפעפערטע שטאַרקע פּערפומען־ריחות, האָבן זיך דורכגעשליכן דורך די מיט מענער באַזעצטע טישלעך פון רעסטאָראַן און קאַפע־האַלע, פון וואַנען עס האָבן זיך געטראָגן וואָלקנס רויך פון ציגאַרעטן און ציגאַרן, שיכורע שטימען פון אָנגעוואַרימטער רוסישער „וואָדקע".

קעלנערס אין ווייסע העמדער און ווייסע פאַרטיכער זענען מיט באַלייגטע טאַצן געלאָפן פון בופעט צום רעסטאָראַן און צוריק. מיט איין וואָרט: עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פרימאָרגן אין דעם האָטעל, ווי אין יעדן אַנדערן, נאָר נאָך מער באַלעבט ווי אין יעדן אַנדערן. עס האָט זיך נישט געוואָלט גלויבן, אַז עס איז דאָ אַ פיזישע מאַכט, וועלכע קאָן אָפּשטעלן דאָס רוסישע לעבן, וואָס האָט זיך אַריינגעגאָסן מיט זיין געוועזענער רוטינע אין דעם פרישן, אויסערגעוועהנלעך שיינעם זוניקן האַרבסטטאָג.

די נייעס, וואָס די צייטונגען האָבן געבראַכט פון דער הויפּטשטאָט, די ידיעות, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון אויער־צו־אויער וועגן גובערנאַטאָרישן הויז, וועגן רעוואָלוציאָנערן קריגס־קאָמיטעט, האָבן זיך אַרויסגעוויזן ווי זאַכן, וואָס געשען עפּעס אין אַן אַנדערער מדינה און האָבן מיטן לעבן פונעם האָטעל קיין שום שייכות נישט.

— אַז די פּראָוויזאָרישע רעגירונג וואָלט מיך געוואָלט האָרכן, וואָלט זי זיי איבערגעגעבן די מאַכט, לאָמיר זען, וואָס זיי וועלן אויפטון. זיי

וועלן זיך דאָך נישט קאָנען האַלטן קיין פיר און צוואַנציק שעה. — מיט די דאָזיקע ווערטער איז צוגעקומען צו מירקינס טישל דער טיי־סוחר ראָז־מאַרין, וועלכער איז אויך צוגעצויגן געוואָרן צו דער היינטיקער פאַר־זאַמלונג.

ער איז געווען אויסגעשלאָפן, אויסגעצערטלט, אויסגעקעמט. נאָך זיין געוווינהייט, האָט ער זיך נישט געלאָזט וויי־טון. ער האָט פעדאַנ־טיש אָפּגעהיט דעם דאָקטאָרס געבאָט „נישט צו נעמען זיך צום האַרצן".

די דאָזיקע ווערטער האָט ער גערעדט אָן אויפרעגונג, ווי א זאַך, וואָס האָט צו אים קיין שייכות נישט. ער האָט זיך דערביי נישט וויי־געטון.

— ער קאָן עס זאָגן, אים איז עס לייכט. זיין הויפּט־קאַנטאָר האָט ער איבערגעטראָגן קיין לאָנדאָן, די קאַפּיטאַלן האַלט ער אין די אַמעריקאַנער בענק און זיין טיי וואַקסט — אין כינע. אָבער מיר האָבן דאָ אַלץ, אונדזער לעבן איז דאָ.

— אונדזער רוסלאַנד! — האָט זיך דער אַדוואָקאַט געקלאַפּט אין האַרץ אריין און ווידער גערעדט מיט באַלעבונג. — פיר און צוואַנציק שעה, זאָגט ער — אָבער אין די פיר און צוואַנציק שעה וועלן זיי א תל־מאַכן פון רוסלאַנד.

— עס האַלט נאָך נישט דערביי, און צו קאָכן זיך איז נישטאָ וואָס, — האָט מירקין ווידער דערמאָנט. — דערווייל איז נאָך דאָ א פראָנט, און די גאַרניזאָנען אין די שטעט זענען אויך נאָך גענוג שטאַרק. דערווייל מאַכט איר זיך קאַליע אייער לעבער, סאַלאָמאָן אָסיפּאָוויטש.

— דער שטאָט־גאַלאָווא האָט טעלעגראַפיש אַרויסגערופן אַלע שטאָט־פאַרוואַלטונגען פון מאָסקווער גובערניע, אַז זיי זאָלן קומען פאַר־טיידיקן מאָסקווע. עשאַלאָנען קאָזאַקן גייען פון פראָנט, קערענסקי האָט זיי אַרויסגערופן... די גאַנצע אַוואַנטורע וועט זיך באַלד ענדיקן.

— יונגערמאַן, פון וואַנען ווייסט איר די דאָזיקע ידיעה? — האָט דער אַדוואָקאַט אָנגעכאַפּט ביים אַרבל אַן עלעגאַנט־געקליידעטן יונגנ־מאַן, וואָס האָט די אויבן־דערמאָנטע ווערטער אַריינגעוואָרפן צו דעם אַלטן מירקינס טיש. פון דעם יונגנמאַן האָבן זיך געטראָגן פּערפומען־ריחות ווי פון א פרוי.

— דאָס איז א סוד. אייגענע פּאָסט, פּאַרערטער סאַלאָמאָן אָסיפּאָ־

וויטש — ענטפערט־אָפּ דער יונגערמאַן מיט אַ סודותדיקן קוק אויף זיי־נע געפּלעגטע נעגל.

— פון וואַנען ווייסט איר מיין נאָמען? ווונדערט זיך, נישט אָן צו־פרידנקייט, דער אדוואָקאַט איבער דעם, וואָס ער ווערט דערקענט.

— דאָס איז קיין ווונדער נישט. ווער קאָן נישט אייער נאָמען אין רוסלאַנד, סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש?

נאָך איידער דער אדוואָקאַט האָט נאָך צייט געהאַט אָפּצוענטפערן עפּעס אָנגענעמס דעם יונגנמאַן פאַרן נחת־רוח, וואָס ער האָט אים אָנגע־טון, איז ער אָפּגעצויגן געוואָרן ביים ארבל דורך אַן ענערגישן צי פון מירקינס שטאַרקער האַנט:

— לאָזט אים אָפּ.

דער אדוואָקאַט האָט אָנגעקוקט פאַרוונדערט זיין איידעם.

— מיינע ידיעות וועלן אייך זייער צונוץ־קומען, איך קאָן אייך פאַר־זיכערן, גבריאל חיימאָוויטש, — האָט דער יונגערמאַן געשווינד אָפּגע־ענטפערט און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

— דאָס איז דאָך מישקע „מאָלאָדעץ". ער האָט דערשפּירט, אַז מיר האַלטן דאָ אָפּ די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון „ניי־רוסלאַנד", איז ער אונדז נאָכגעקומען. עס וועט אים אָבער גאָרנישט העלפן, — האָט מירקין געזאָגט. — יעדנפאַלס, איז צייט זיך צוצוגרייטן, דער זייגער רוקט זיך

— איר דענקט נאָך טאַקע אָפּצוהאַלטן די פאַרזאַמלונג? איצט, אין אַזאַ צייט? — ווונדערט זיך דער אדוואָקאַט. — איין גאָט ווייסט, מיין האַרץ וועט נישט זיין דערביי.

— דווקא איצט, דווקא אין אַזאַ צייט. און פון אייך דערוואַרטן מיר צו הערן אַ קרעפטיק וואָרט, סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש, וואָס זאָל שטאַרקן אונדזערע הענט אין דעם דאָזיקן פאַראַנטוואָרטלעכן מאָמענט.

— אפשר האָט איר רעכט. דווקא איצט, דווקא אין אַזאַ צייט. רוס־לאַנד דאַרף אונדז דאָ האָבן, נישט ווינציקער ווי אויפן פראָנט און אויף די באַריקאַדן, — האָט געזאָגט פרום דער אדוואָקאַט.

ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק אין זיין צימער צוגרייטן זיך פאַרן פייערלעכן אַרויסטריט אויף דער וויכטיקער גרינדונגס־פאַר־זאַמלונג פון דער געזעלשאַפט.

צייט דער אדוואָקאַט האָט זיין פּערזאָן נאָענט פאַרבונדן מיט דעם

נייעם רעזשים. ליגט ער פיל געוויכט אויף זיין אויפערלעכן אויסזען. אי־בערהויפט, ווען עס קומט אים אויס ארויסצוטרעטן אין דער עפנטלעכ־קייט אין שייכות מיט זיין פראפעסיע, אדער מיט זיין געזעלשאפטלע־כער טעטיקייט. ער איז היינט געשטאנען לענגער ביים שפיגל, ווי אן אנ־דערש מאל, באגאסן זיך מיט אדעקאלאן און פארקעמט זיך די האר צום אויבן. ער האט אריינגעטון דעם צייכן פון זיין הויכן אמט, וואס ער פארנעמט אין נייעם רעזשים, אין דער קלאפע פון זיין שווארצן ראק. עס איז אים איינגעפאלן א געניאל ווארט, מיט וועלכן ער זאל אנהייבן די היינטיקע פייערלעכע דערעפענונג. ער וועט באנוצן דאס זעלבע באקאנ־טע ווארט, וואס א פארזיצער פון פראנצויזישן פארלאמענט האט גע־זאגט אין דער קאמער נאך אן אנארכיסטישן אטענטאט:

„מיינע הערן, די זיצונג דויערט ווייטער”.

קאפיטל 3

נחם תיבה

אלע האבן מודה געווען, אז דאס מאל האט דער בארימטער אדוואָ־קאט זיך אליין איבערטראפן מיט זיין פלאמענדיקער רעדע אויף דער פייערלעכער דערעפענונג פון דער גרינדונגס־פארזאמלונג פון דער געזעל־שאפט „נייע־רוסלאנד”. די פארזאמלונג איז פארגעקומען אין מארמאר־זאל פון האטעל „מעטראפאל”, פונקט צוועלף אזייגער, צו דער מינוט, נישט געקוקט אויף דער אומרואיקער צייט און אויף די ידיעות, וואס זענען אנגעקומען פון דער הויפטשטאט.

און עס איז טאקע געווען א גלענצנדע פארזאמלונג אויך: סאמע קארפן־קעפ, אנגעזעענע פירער פון דער רוסישער פינאנץ און אינדוסט־ריע. עס זענען געווען, א חוץ די אונדז באקאנטע פערזענלעכקייטן, ווי ראזמארין פון דער טיי, אויך דער גרויסער נאפט־סוחר גאלדשטיין, און פון דער פינאנץ־וועלט — דער פארזיצער פון „קאמערטשעסקי באנק”, דער באנקיר קאראפאטקין, און פון דער מזרח־באנק — ארבוזאוו מיט חיימזאנען.

דער בארימטער אדוואקאט, איינגעצירט מיטן צייכן, וואס זיין הויכער אמט אין דעם נייעם רעזשים בארעכטיקט אים צו טראגן, אין לאץ פון זיין ראק, און מיט נאך אנדערע אויסצייכענונגען, האט גערעדט אין א האלב־אפיציעלן טאן, מען קאן זאגן, אין נאמען פון די „מאסגעבנדע קרייזן". כאטש ער איז דערצו נישט באאויפטראגט געווארן (ווי ער האט זיך אין דעם אליין מודה געווען), אבער לויט די שטימונגען, וואס הערשן אין יענע קרייזן, לויט ווי ער איז אינפארמירט געווארן דירעקט פון דער ערשטער קוועלע, האט ער זיך גענומען דאס רעכט זיך אויף זיי צו באַרופן.

אנגעהויבן זיין רעדע האט ער טאקע מיט יענעם בארימטן שפרוך פון דעם אמאליקן פראנצויזישן פארלאמענט: „די ציוונג גייט־אן ווייטער". דווקא איצט, אין די שווערע צייטן, „מוז יעדער שטיין געטריי אויף זיין פאסטן. דער סאלדאט דרויסן אין פעלד, און דער פינאנסיסט און אינדוסטריעלער — אויף דער וואך פון די רוסישע אינטערעסן". מיט איין ווארט, ער האט די פארזאמלטע איבערצייגט, אז פאר זיי שטייט־פאר א פאטריאטישער חוב פון דער ערשטער וויכטיקייט: ארויסצוראטעווען די רוסישע אינדוסטריע פון פרעמדן קאפיטאל, צו וועלכן דער צארישער רעזשים האט זי אזוי אומברחמנותדיק פארקויפט. און עס שטייט פאר זיי די רעוואלוציאנערע אויפגאבע, צוצוציען די ברייטע רוסישע מאסן צום אינדוסטריעלן אויפלעבן פון לאנד.

„ברענגט־אריין די רייכטימער פון דער רוסישער ערד, מיט וועלכע גאט און נאטור האבן אונדז באשאנקען!" — האט ער אויסגערופן מיט פאטאס. — „ברענגט־אריין דעם נאפט פון די באקוער פעלדער, דאס אייזן פון קריוואראגער באסיין, דאס זילבער פון באיקאל — אין די ארימע רוסישע שטובן. דורך דעם, וואס איר וועט אייך ברידערלעך טיילן מיט די מאסן מיט די פראפיטן, וואס די אקציעס פון די אונטערנעמונגען וועלן אריינברענגען, וועט אויפהערן דער ברידער־קאמף אין די גאסן. דאס איז דער איינציקער וועג צו שטילן דעם דורות־לאנגן געראנגל צווישן קאפיטאל און ארבעט. דאס איז אונדזער סאציאליזם! רוסלאנד דארף דינען פאר א ביישפיל. זי דארף זיין א פארלויפערין אויף דעם דאזיקן געביט. און פונקט אזוי ווי רוסלאנד האט אפגעשאפט די אליין־הערשאפט אין דער מלוכה, מוז זי אויך אפשאפן די אליין־הערשאפט אין

דער אינדוסטריע. אוים פריווילעגיעס! מיר באשאפן א רעפובליק פון דער אינדוסטריע!" — האט ער פארענדיקט מיט אן אויסערגעווענלעכן פאטאס.

די פארזאמלטע, ווי געזאגט, זענען אזוי באגייסטערט געווארן פון דעם באריםטן אדוואקאטס רעדע, אז זיי האבן זיך אנגעהויבן צו באטראכטן כמעט ווי רעוואלוציאנערע סאלדאטן אויפן אינדוסטריעלן פעלד — און זיי האבן זיך גענומען פאר דער גרינדונג פון דער געזעלשאפט, וואס זאל האבן די אויפגאבע ארויסצווארפן אויפן מארק פאר הונדערטער מיליאנען רובל אקציעס פון דער רוסישער אינדוסטריע. זיי האבן זיך גענומען צו דער ארבעט מיט אזא באגייסטערונג, מיט אזא איבערגעבנקייט, מיט אזא, קאן מען זאגן, הייליקן עקסטאז, ווי עס וואלט זיך נאר נישט געווען געהאנדלט וועגן א פריוואטער אונטערנעמונג. יעדער איינער איז דורכגענומען געווארן מיט דער הייליקער מיסיע, וואס שטייט אים פאר, און האט זיך פעסט פארגענומען אפצוזאגן זיך פון עגאאיסטישע צילן, נאר זיך טיילן מיט דער באפעלקערונג מיט די רייכטימער, דורך פארשפרייטן ביליקע אקציעס אין פאלק.

נאך איז נישט אויסגעלאשן געווארן דאס ענטוזיאסטישע האנטפאטשן, וואס די גליענדע ווערטער פון דעם אדוואקאט האבן ארויסגערופן, און מען האט ערשט געוואלט נעמען באטראכטן, ווי אזוי אויסצופירן אין לעבן דעם אדוואקאטס-ווערטער, ווען פון דרויסן, פון דעם טעאטער-פלאץ, האבן זיך דערהערט איינזאמע שאסן פון ביקסן. די ערשטע קוילן זענען געפאלן אין די פעטע געזעסן פון די פראכטפולע מלאכים-לעך, וואס שטייען אינדרויסן אויפן פלאץ ארום דעם ווונדערבארן ראקאקא-ברונען.

עס זענען געווען די ערשטע שאסן, וואס די רויטע גווארדיסטן פון דעם רעוואלוציאנערן קריגס-קאמיטעט האבן אפגעגעבן, ארויסלאזנדיק זיך פון גובערנאטארישן הויז צו פארכאפן ראיאנען. זיי האבן זיך איצט געלאזט אין צענטער, צו די רעדאקציעס פון די בורזשואזע צייטונגען, כדי זיי צו פארניכטן.

קיין ארגאניזירטער פארטיידיקונגס-קאמיטעט איז נאך נישט געווען. האט דער שטאט-נאלאווא ארויסגעשיקט די שטאטישע מיליץ, פארשטארקט מיט יונקערס פון דער קריגס-שול, זיי צפצושלאגן.

זיי האָבן זיך באַגעגנט אויפן טעאַטער-פּלאַץ, וועלכן ביידע צדדים האָבן געוואָלט באַזעצן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסעריי.

די ערשטע שאָסן האָבן געטראָפן ווי אַ דונער אין דער פאַרזאַמלונג. כאָטש עס איז, אייגנטלעך, נישט געווען פאַר וואָס זיך צו שרעקן.

מאָסקווע איז זינט דער פעברואַר־רעוואָלוציע פאַרפלייצט געוואָרן פון „ווילדע" סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך געצויגן פון פראָנט, פון די מיליטער־רעזערוון, אויסגעשריבענע פון שפּיטעלער, אין צענטער פון רוסלאַנד.

קיין שום כוח איז נישט געווען אימשטאַנד צוריקצוהאַלטן דעם שטראָם פון דעזערטירן און בכלל סאָלדאַטן, וואָס זענען דורכגעפאָרן מאָסקווע. האָבן זיך די באַנען געמעגט אָפּשטעלן ווי ווייט הינטער דער שטאָט, האָבן זיי אַלץ נישט געקאָנט צוריקהאַלטן דעם חשק פון די סאָל־דאַטן צו זען די „מאַמעלע מאָסקווע", און זיי זענען דאָרטן שוין גע־בליבן שטעקן. אַלץ האָט געהאַט רעוואָלווערן און אַלץ האָט געשאָסן. נאָר ווי מאָסקווע איז נישט געווען צוגעוווינט צום שיסן, האָבן די איינ־זאַמע זאַלפּן, איינער נאָכן אַנדערן, ביי דער נערוועזער שטימונג, וואָס האָט געהערשט אין שטאָט, און, פאַרשטייט זיך, אויך ביי דער פאַרזאַמ־לונג, אַרויסגערופן אַ פּאַניק.

נישט קוקנדיק אויף דער פייערדיקייט פון דעם אַדוואָקאַטס ווער־טער, זענען זיי דאָך נישט געווען אימשטאַנד איינגאַנצן צו באַרויקן און צו מאַכן פאַרגעסן, אין וועלכער צייט מען לעבט. האָבן די שאָסן אויפן טעאַטער-פּלאַץ, וואָס האָבן אַזוי רוישיק אָפּגעהילכט דורך די גרויס־שוי־ביקע פענצטער פון זאַל, אַרויסגערופן אַ פאַרווירונג צווישן די פאַרזאַמל־טע. בחינם האָט דער פאָרזיצער, דער ווירדיקער שעף פון דער גרויסער באַנק־ און האַלץ־הויז, מירקין, געקלונגען נערוועז מיט זיין גלעקל. איי־ניקע פון די פאַרזאַמלטע, און דער באַרימטער אַדוואָקאַט פון די ערשטע, זענען צוגעלאָפן צו די גרויסע, געוואַשענע, מיט פאָרטיערן באַהאַנגענע פענצטער. האַלב־באַהאַלטענע אין די שווערע פאָרטיערן, האָבן זיי אַרויס־געקוקט אויפן פּלאַץ.

פיל האָבן זיי נישט געקאָנט זען. דער שטענדיק־ באַלעבטער טעאַ-טער-פּלאַץ איז מיטאַמאָל געוואָרן ליידיק, אַזוי ווי עס וואָלט געווען גאָר פריער מאָרגן, אָדער אַן אויסערגעוועגלעכער יום-טוב: נישט קיין פור, נישט קיין פערד, נישט קיין מענטש. איינזאַם שטייען די נאַקעטע מלאַ־

כימלעך ארום דעם בראַנדזענעם ברונען. און פונדערווייטנס זעען זיך די איינזאַמע פערד אויפֿן דאַך פון רויטן גרויסן טעאַטער. נאָר צווישן די טעאַטער־קאָלומנעס זעט מען, ווי איינצלנע גרופּן מענטשן, צודריקנדיק זיך צו די ווענט, באַוועגן זיך.

מען האָט געזען פאַרשידענע אין די דאָזיקע גרופּן. צווישן די שוואַרץ־גראָע ארבעטער־קליידער האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן זעל־נערישע מונדירן און מאַטראָזיש־בלאָע, און דאָס, וואָס ציווילע מענטשן זענען געמישט מיט זעלנער, וואָס האַלטן ביקסן, האָט ארויסגערופן אי פרייד, אי שרעק. דאָס דאָזיקע בילד איז געווען אַזוי פרעמד און נישט־געוווינט, — זעלנער מיט ציוויל־לייט צוזאַמען אויסגעמישט, — אַז עס האָט מיטאַמאָל געגעבן צו דערקענען דעם גאַנצן ערנסט פון דער לאַגע און די זאָרג פאַר דער צוקונפט.

— ווו איז מיין ראָק, מיין שטעקן? מיין ראָק, מיין שטעקן! — האָט דער באַרימטער אדוואָקאַט מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו רופן צו וועמען: פאַר־געסן, אפּנים, ווו ער געפינט זיך. — איך מוז אַרויס אינדרויסן. דאָרטן באַדאַרף מען מיך! — האָט ער געשריגן.

— סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש, וווהין וועט איר גיין? אינדרויסן איז געפערלעך, — האָט אים ווער מיט שרעק געכאַפּט אונטער דעם אָרעם.

בחינם האָט דער ענערגישער פּאָרזיצער געקלונגען ווייטער מיט דעם גלעקל. דער עולם איז געווען נערוועז. די רואיקערע, ווי דער נאַפט־סוחר גאָלדשטיין, אָדער באַנקיר קאַראַפּאַטקין, חיימזאָן און נאָך אַ פּאָר קריסטן, זענען געבליבן זיצן רואיק אויף זייערע ערטער. אָבער דער טיי־סוחר ראָזמאַרין האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין אָרט. זיין אויסגע־פלעגט, אויסגעשלאָפן פנים איז מיט איינמאָל געל געוואָרן, מיט ברוינע פלעקן אַרום די אויגן. ער האָט אויסגערופן פאַרוואונדערט:

— די לאַגע ווערט דאָך טאַקע ערנסט!

— מיינע הערן, איך בעט פאַרנעמען די ערטער! די זיצונג גייט ווייטער אָן! — האָט דער פּאָרזיצער אריינגעגעסן זיך אין דער פראַזע, וואָס דער אדוואָקאַט האָט געלאָזט פאַלן, אַזוי ווי ער וואָלט זיך נישט גע־קאָנט פון איר אָפּטשעפּען.

נאָר ווער עס איז אַמיינסטן געווען אויפגערודערט און האָט אריינ־

געבראכט א פאניק אין דער פארזאמלונג מיט זיין באנעמען זיך, איז גע־וועז טאקע דער בארימטער אדוואקאט אליין.

ער האט זיך גארנישט געקאנט בארואיקן און געהאלטן אין איין רופן: „מיין ראק, מיין שטעקן! הערן, לאמיר נעמען ביקסן און ארויס אויף דער גאס!"

ער האט זיך נישט געלאזט אפרייסן פון פענצטער און געראנגלט זיך מיט די, וואס האבן אים געהאלטן אונטערן ארעם און געוואלט פון דארטן צונעמען.

מיטאמאל האט עס א רוישיקן קלונג־געגעבן. עס איז געווען א קלינ־גענדיקער דונער. נאר דורך דעם דאזיקן דונער האט מען ערשט געהערט דאס ברעכן פון פאלנדן גלאז. דאס זענען א רייע שויבן פון די פענצטער געפאלן.

— אוועק פון די פענצטער! — האבן מיטאמאל אנגסטיקע שטי־מען אנגעהויבן צו רופן. און נישט איין בכבודיקער גראער קאפ פון די פארזאמלטע האט אנגעהויבן צו זוכן א באשיצונג אונטער פאטעלן, שטו־לן, טישן.

דער אדוואקאט האט זיך מיטאמאל אויפגעשטעלט אויף ביידע פיס. ער האט אויסגעקוקט העכער, ווי אן ארויסגעשראקענע חיה פון באוואק־סעניש ארויס. זיינע האר זענען שוין איצט געווען צעפלאשעט, זיינע אויגן אויסגעשטראלט, זיינע ביינערדיקע הענט אויסגעצויגן, און ער האט אנגעהויבן היסטעריש צו שרייען:

— איך קאן דא לענגער נישט בלייבן: ארויס אויף די גאסן! — און געלאזט זיך מיט אימפעט צו דער טיר.

נאר באלד האט אים ווער פארכאפט: דער אויך דערשראקענער מיר־קין, וועלכער איז דאך געבליבן ביי זיין רואיקן געמיט:

— וואהין? וואהין? — און מירקין האט געצווונגען אים זיך צו זעצן.

די טיר האט זיך געעפנט, און עס איז אריין דער ווירדיקער פאר־וואלטער פון האטעל אין זיין שווארצן „קאטאוועי" און זיך אנגערופן צו די דערשראקענע פארזאמלטע:

— מיינע הערן, — האט ער אנגעהויבן אין א רואיקן טאן. — אויף די גאסן גייט־אן א בירגער־קריג. די באלשעוויקעס ווילן פארכאפן דעם טעאטער־פלאץ. מיר ווערן פארלויפיק באשיצט פון אונדזער בראווער

מיליץ און יוגנט. דער קאָמאַנדיר פון אונדזערע בראַווע פּאַרטיידיקער, דער פּאָלקאָווניק מאַרקאָוו, האָט מיר באַפוילן, אַזוי לאַנג ווי דער קאַמף אויפן טעאַטער-פּלאַץ וועט אָנהאַלטן, אַרויסצונעמען די געסט פון די צימערן און זיי אַראָפּפירן אין די קעלער-עטאַזשן. ער גאַראַנטירט נישט פאַר זייער לעבן. איך וויל דעריבער בעטן, מיינע הערן, אַז זיי זאָלן זיך באַמיען אין ביליאַרד-זאַל. מיר האָבן דעם ביליאַרד-זאַל אויסגערוימט און פּאַרטיק-געמאַכט אויפצונעמען אונדזערע געסט, לויט די אומשטענדן און מעגלעכ-קייטן. עס קאָן זיך נישט האַנדלען אין זייער לאַנג, ביז עס וועט נאָר גע-לינגען אונדזערע בראַווע פּאַרטיידיקער אָפּצורוימען דעם טעאַטער-פּלאַץ פון די געפערלעכע עלעמענטן. איך בעט, מיינע הערן, צו גיין נאָך מיר. מיר פאַרמאַכן דעם זאַל.

— זשאַמעי!*) — האָט זיך דערהערט אַ מוטיקער אויסרוף פון אַד-וואָקאַט. — פאַר זיי אָפּטרעטן? איבער מיין קערפּער!

נאָר צוויי פעסטע אָרעמס האָבן דעם באַרימטן אַדוואָקאַט געפירט מיט דער גאַנצער ענערגיע הינטער דעם פּאַרוואַלטער צום ביליאַרד-זאַל.

דער ביליאַרד-זאַל איז געווען אונטערן פּאַרטער. אַ גערוימלעכער שטאָטלעכער זאַל, וועלכער האָט פאַרנומען צוזאַמען מיט זיינע נעבן-צי-מערן די גאַנצע לענג און ברייט פון דעם גרויסן הויז.

אַז די פּאַרזאַמלטע פון דער געזעלשאַפט „ניי-רוסלאַנד" זענען אַרונ-טער, האָבן זיי שוין אָנגעטראָפן אויף די טרעפּ פאַרשידענע לייט, איינ-וווינער פון גרויסן הויז, וואָס האָבן זיך געאיילט, מיט דעם טייערסטן פון זייער באַזיץ אין די הענט, פון די עטאַזשן אַראָפּ איבער די טרעפּ. טייל פון זיי האָבן געהאַלטן האַנט-טאַשן, יוועלן-קעסטעלעך, פּערזענלעכע טואַלעט-זאַכן, נאַכט-קליידער; אַנדערע, ספּעציעל די דאַמען, — קליינע שוים-הינטעלעך, בינעזישע ראַסן מיט חזירישע פּנימלעך; עלטערע דאַ-מען האָבן געהאַלטן אויסגעפּיטערטע קעץ; נאָר אַנדערע — אַ שטייג מיט אַ פּאַפּוגע, אָדער מיט זינגער-קאַנאַריקלעך. טייל פון זיי האָבן הויך גע-לאַכט; אַנדערע האָבן געוויינט; טייל זענען געווען פריילעך; אַנדערע טרויעריק.

אַלע זענען געווען אַרויסגענומען פון זייער לעבנס-שטייגער און אָנ-

---

*) קיינמאָל

געשטעקט מיט דער היסטאריע פון דער אלגעמיין הערשנדער שטימונג.

אז די געזעלשאפט איז אריין אין גרויסן ביליארד־זאל, מיט דעם בארימטן אדוואקאט (וועלכער האט זיך נאך געהאלטן אין איין רייסן, כאטש שוין מיט אויסגעגאנגענער ענערגיע, פון די אָרעמס פון זיינע באַגלייטער), האבן זיי נאך אנגעטראפן די דינערשאפט, וועלכע האט מיט א פארגרעסערטן אימפעט און יאגנדיקער איילנדיקייט, וואס דער מאמענט האט פארלאנגט, ארויסגעטראגן די גרויסע ביליארד־טישן פון זאל און האבן אריינגעשטעלט אויסגעבעטע פאטעלן, קאנאפעס פאר די דאמען און געפלאכטענע שטולן מיט קליינע קלוב־טישלעך פאר די הערן.

און, ווי שטענדיק אין אזעלכע פאלן, ווייזט זיך ארויס סיי ביי די גרעסטע און בעסטע און סיי ביי די אָרימסטע און נידעריקסטע שיכטן די זעלבע נאטור און מענטשלעכע אייגנשאפטן: יעדער־איינער, איבער־הויפט פון די דאמען, האט געאיילט צו פארנעמען פאר זיך וואס מער פלאץ און וואס מער א באקוועמערן זיץ, און כאטש מען האט נאך פאר־לויפיק באנוצט די גוטע מאנירן פון א גוט־דערצויגענער געזעלשאפט, דאך האט מען באלד, צוליב דער נויט פון מאמענט, פארגעסן די לעקציעס פון די קינדער־שטובן, און עס זענען ארויסגעקומען אומאנגענעמע קליי־נע רייבונגען צוליב די פארכאפטע פלעצער...

מען קאן זיך גארנישט פארשטעלן, וואס אזא האטעל האלט־אויף אין זיינע פארבארגענע און פיל־צאליקע צימערן. ווען מען קוקט עס אן פון דרויסן אין געוועגלעכע צייטן, איז עס ווי איין־איינציק פאפירן־שטיק, ווי א טשעק, צום ביישפיל, אויף א גרעסערער סומע, וואס מען ווייסט, אז עס אנטהאלט א ווערט פון פילע מיליאנען, און דאך איז עס אזוי קליין, אפגעשלאסן, און באקוועם צו האלטן. איצט האט דער האטעל גע־מאכט דעם איינדרוק, ווי מען וואלט דעם פיל־מיליאנענדיקן טשעק אויס־געטוישט אויף קופערנע און זילבערנע מטבעות, און די מטבעות זענען אזוי פיל, אז זיי צעפאלן זיך אין אלע זייטן און מען קאן זיי גארנישט אנזאמלען.

א שטאט א גאנצע איז אראפגעקומען אין דעם ביליארד־זאל אריין. מען האט געהאלטן אין איין גיין און גיין. די, וואס האבן פארכאפט די פלעצער, האבן מיט שרעק און אנגסטן באטראכט דעם דאזיקן פעלקער־צוג: ווען וועט ער זיך שוין אפשטעלן?! און וואס פארא פארשידענע מי־

נים מענטשן! וואָס פאַרא פאַרשידענע טיפּן! מען ווייסט גאָרנישט, אַז די מענטשהייט באַשטייט פון אַזעלכע פאַרשידענע מינים און סאָרטן. ווער קאָן זיי אויסרעכענען? עס האָט זיך געדאַכט, אַז גאַנץ רוסלאַנד קומט זיך צונויף אין דעם ביליאַרד־זאַל. נישט נאָר יונג און אַלט, ווייבלעך און מענלעך, נאָר אויך דריטע סאָרטן, וואָס עקזיסטירן, נאָר עס זענען נישטאָ קיין ווערטער זיי צו באַצייכענען.

עס זענען אָראָפּגעקומען אַ הער מיט אַ דאַמע גאָרעמטעזהייט, און אַ דינער האָט אין איין האַנט נאָכגעטראָגן אַ טשעמאָדאַן נאָך זיי, און אין דער צווייטער האַנט — אַ שטייג מיט אַ פּאַפּוגיי. דאָס פּאָר איז גע־גאַנגען פעסטלעך און פייערלעך, ווי צו עפּעס אַ גרויסן גאָטעס־דינסט. דער הויכער הער האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געווען איינגעשלונגען אַ שטעקן. ער האָט זיך נישט אַ בויג־געטון, נישט קיין איין טריט פלינקער געשטעלט. און ער האָט אין דעם כאַאָטישן צושטאַנד עפּעס אויסערגע־וועגלעך באַרואיקנדיק געווירקט, מיט זיין פאָרנעמען האַלטן זיך האָט ער איינגעשטילט די געמיטער. ער האָט אויפגעהאַלטן זיין גאַנצע מענטש־לעכע ווירדע. מיט אויסערגעוויינלעכער העפלעכקייט האָט ער געבעטן אַ פּלאַץ אויף דער קאַנאַפּע פאַר זיין דאַמע, און אַליין האָט ער זיך גע־שטעלט הינטער איר ווי ביי אַ באַל, און דער דינער נאָך אים.

אַ לאַנגיאָריקע פענסיאָנערקע פון האָטעל, וועלכע זיצט דאָרט ערגעץ אין אַ צימער באַהאַלטן, אַ גענעראַלס אַ ווייב, צי אַ רייכן גוט־באַ־זיצערס אַן אַלמנה, איז אָראָפּגעקומען געפירט פון איר דינסט, מיט היס־טערישע קרעכצן און פנים־גרימאַסן. עס איז נישט געווען קיין שיעור צו די קישנס און קישעלעך, וואָס מען האָט איר נאָכגעטראָגן און וועלכע מען האָט געהאַלטן אין איין אונטערלייגן אונטער איר קאָפּ, אונטערן רוקן, אַזוי אַז זי איז געבליבן הענגען ווי אין דער לופטן און האָט גע־טראָגט איבער אַלעמען.

עס איז אַראָפּ אַ רייצנדע יונגע דאַמע, האַלב אין נעגליזשע, פון וועלכער עס האָבן זיך געטראָגן וואָלקנס מיט פּערפומען, — אַ שאַנסאָ־נעטקע, צי אַ גרויסשטאָטישע קאָקאָטע, — אין באַגלייטונג פון אַ גאַנצער כאַליאַסטרע עלעגאַנטע יונגעלייט, שטאָטישע „דענדים", וועלכע האָבן נאָך איר געטראָגן טשעמאָדאַנטלעך און הינטלעך. זי איז אַריין מיט אָפּע־נער פרייד, אַזוי ווי זי וואָלט געקומען אויף אַ פּיקניק. זי האָט זיך צע־

קלונגען איבערן גאַנצן זאַל מיט איר הילכיקן געלעכטער, צו דער אויפרע־גונג פון די בכבודע דאַמען.

א קאַפּריזנע ווייבל, וואָס ליידט אויף מיגרענע, מיט א פאַרבונדע־נעם קאָפּ, איז געפירט געוואָרן פון איר אויסגעמוטשעטן מאַן, וועמענס פיגור עס האָט זיך געבויגן אונטער דעם ווייבס יאָך. זיין בלייך פּנים האָט געבעטן רחמנות, צו ראַטעווען אים. ער האָט זי געהאַלטן אין איין באַרואיקן, אין איין צוטראָגן איר פלעשלעך צו דער נאָז, טיכלעך צום קאָפּ. מיט חלשדיקע אויגן האָט ער אויסגעבעטלט ביי מענטשן א זיץ פאַר איר, וואָס מען האָט אים, פון רחמנות וועגן, אָפּגעטראָטן.

א שיינער יונגערמאַן, אָנגעטון אין א „פּרינץ־אַלבערט", ביי וועלכן עס האָט אַרויסגעקוקט פון האַלדז א רוסיש צוגעקנעפּלט טונקל העמדל און א פּאָר שטיוול אויף די פיס, איז באַגלייט געווען פון א גאַנצן האַרעם ווייבער. ער האָט אויסגעזען ווי א קליין־שטעטלדיקער ווייבער־הענדלער. ער האָט זיי אויך אַזוי באַהאַנדלט. מיט זיינע קולאַקעס האָט ער אויסגע־קעמפּט א גאַנצע קאַנאַפּע פאַר זיין האַרעם, אַרויפגעשאַרצט זיך די אַרבל און איז גרייט געווען זיך צו ראַנגלען.

עס זענען אויך אַראָפּ פּעגסיאָנירטע גענעראַלן, מיט אָפּגעריסענע שליפעס און באַלייגטע בריסטן מיט מעדאַלן, — זיי האָבן זיך נישט צור־ריקגעהאַלטן אויסצודריקן אין דער הויך, אויפן קול, זייער פאַראַכטונג צו דעם נייעם רעזשים.

עס האָבן זיך באַוויזן רוסישע הויכע באַאַמטע, מיט דיפּלאָמאַטישע שטייפע קאָלנערס און אַריסטאָקראַטישע ליסינעס, וואָס האָבן נישט גע־קאָנט אונטערדריקן זייער „שאָדן־פרייד", וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף זייערע פּנימער, איבער דעם אומגליק, וואָס האָט געטראָפן דער פּראָ־ווינזאַרישער רעגירונג.

א גוטמוטיקער אַלטינקער, א דיקלעכער, מיט רויטע באַקן, האָט גע־האַלטן די ווייבער אין איין טרייסטן מיט וויציקע ווערטלעך און אויפ־האַלטן ביי זיי די שטימונג מיט קאַפּויעריקע אָנצוהערענישן און די ווייבער האָבן אַרויסגעוויזן זייער צופרידנהייט מיט זייער הויך לאַכן.

אן אויסערגעוויינלעך אַרטיקער און גוט־דערצויגענער יונגערמאַן. א בלאָנדער, מיט שיינע געשנירטע וואָנסעלעך און ווייסע מאַנזשעטן, האָט זיך געהאַלטן אין איין נוצלעך מאַכן אין דער אומאָנגענעמער סיטואַציע,

די ווייבער בייהילפיק צו זיין. ער האָט געזאָרגט פאַר זייער באַקוועמ־לעכקייט, געבעטן די מאַגנספאַרשוינען אָפּצוטרעטן די געבעטע זיצן פאַר די דאַמען, צוגעטראָגן אפילו פיס־בענקעלעך די עלטערע, און ביי די יינגע־רע זיך געהאַלטן אין איין אויספרעגן, צי זיי נויטיקן זיך נישט אין עפּעס, כאָטש עס איז אין דעם כאַאָטישן מיש־מאַש, וואָס האָט געהערשט, גע־ווען שווערלעך, כמעט אוממעגלעך אויסצופירן זייערע פאַרשידענע ווונ־טשן און פאַרלאַנגען. נאָר דערפאַר האָט ער זיך געהאַלטן אין איין קאָכן, אין איין דרייען זיך, אין איין יאָגן זיך — און אַזוי־אַרום האָט ער זיך באַשעפטיקט.

„דענשטשיקעס" פון די אַלטע גענעראַלן האָבן זיך אָנגעהויבן צו קריגן מיט דער דינערשאַפט פון די ציווילע מענטשן, אויסקעמפנדיק פאַר זייערע הארן באַקוועמערע ערטער און זיצן.

פאַרזאָרגטע יידישע סוחרים זענען געווען פאַרטון אין די ווינקלען, באַהאַלטנדיק אויף די לייביקע הערצער זייער געלט און אַקציעס.

מיט איין וואָרט, עס איז געווען אַ צעפּאַלענער בבל־טורעם...

אממיינסטן האָט זיך אויסגעטיילט פון דער געזעלשאַפט אַ גרופּע פון באַיאָרטע דאַמען, וואָס האָבן זיך, ווי תמיד ווען מענטשן קלייבן זיך צונויף, אויסגעשניטן פון אַלע אַרומיקע און געבילדעט אַ קלאַס פאַר זיך. זיי האָבן זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל אויף די בעסטע, באַקוועמסטע שטולן און קאַנאַפּעס און האָבן מיטאמאָל אינעם כאַאָס געבילדעט אַ וועלט פאַר זיך אַליין.

יעדע עלטערע פרוי איז דער סימבאָל פון מוטערשאַפט, יעדע אַלטע פרוי באַזונדער אין איר ווינקל, סיי אין רייכן סאַלאָן, סיי אין די אָרימע כאַלופּעס, איז די קעניגין פון שטוב. נאָר — זאָלן זיי מיר מוחל זיין — ווען אַלטע דאַמען קומען זיך אָבער צונויף אין אַ גרופּע, פירט דער טייוול דאָס קאַפּעלמייסטער־שטעקעלע צווישן זיי. עס קאָן נישט זיין עפּעס ער־גערס, ווי אַלטע דאַמען אין אַ ווינקל, אויף אויסגעבעטע שטולן, און אין אַזאַ סיטואַציע, ווי די, וואָס עס ווערט דאָ געשילדערט.

זיי האָבן גאָרנישט געוואָלט וויסן פון קיין אומאָנגענעמלעכקייטן. גאָרנישט איז פאַר זיי גוט געווען, גאָרנישט איז פאַר זיי באַקוועם גע־ווען. פון אַלעמען האָבן זיי פאַרלאַנגט צינזן פאַר זייער באַיאָרטקייט. זיי האָבן געזעסן איינעם זיצן אין געהאַקטע וואָגן אויף אַ באַקוועמען שטול,

האָבן זיי געבעטן דעם שטול פאַר זיך. טאָמער האָט זיך אַ יונגערמאַן באַקוועם געמאַכט אויף אַ פוס־בענקל אין אַ ווינקל, האָבן זיי עם שוין אויסגעזוכט, און דאָס בענקל פאַר די „שוואַכע פיס" פאַרלאַנגט.

— יונגערמאַן, אַ גלאָז וואַסער פאַר אַן אַלטן מענטש.

— אַ קישעלע פאַר אַן אַלטן רוקן.

— רופט מיר דעם פאַרוואַלטער.

— פאַרוואָס זעט מען גאָרנישט די דינערשאַפט?

— אפשר וועט איר אַזוי פריינטלעך זיין?

און דערווייל פאַרכאַפּט מען ביי דיר דאָס שטיקעלע פּלאַץ, וואָס דו האָסט דיר מיט צרות אויסגעקעמפט. היינט באַלד דאָס געמורמל און דאָס סודלען זיך אין די אויערן, — מען נעמט־אַרויף יעדן־איינעם אויפן צימבל. און די בליקן, וואָס ווערן דיר געשאָסן פון יענעם ווינקל אַרויס. עס גליען דאָרטן פייערלעך פון כעס און שנאה פון די שוואַרצע פּנימער אַרויס: דו גנבעסט זייער לופט מיט דיין אָטעמען, דו טרעטסט אויף זייערע פיס. אַלץ באַלאַנגט צו זיי — און דו פּילסט זיך באַלד אַן איבעריקער, אַ באַלעסטיקטער אויף דער וועלט.

מיט איין וואָרט: דאָס גרופּעלע אין ווינקל האָט באַלד דעם גאַנצן פּלאַץ פאַרוואַנדלט אין אַ גיהנום.

דערווייל איז די ערשטע נויטווענדיקייט געווען: אַריינצוברענגען אַ ביסעלע אָרדענונג און שלום אין דער מלחמה, וואָס עס האָבן אָנגעהויבן צווישן זיך די חיות: די הינט קעגן די קעץ און דיביידע קעגן די קאַנאַריקעס מיט די פּאַפּוגייען, וואָס האָבן באַלאַנגט צו די פאַרשידענע דאַמען.

איז געוואָרן אַזאַ געבילעריי פון די הינט, אַזאַ מיאַוטשען פון די קעץ, אַזאַ קוויטשען פון די פּאַפּוגייען און האַרצרייסנדיק קלאַפּן פון די פליגלען פון די אַנדערע שטיינ־פייגל, אַז עס האָט געדוכט, אַז מען איז אַריינגעפאַלן אין אַ משוגעים־הויז פאַר חיות.

די גרעסערע הינט זענען באַפּאַלן די קלענערע. די בולדאָגס האָבן געשמעקט צו די „כינעזער". די „כינעזער" האָבן זיך געריסן אויף די שוים־הינטלעך. די קעץ זענען געשפּרונגען צו די שטיינגן. און עס פאַרשטייט זיך, אַז באַלד האָט די מלחמה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צווישן די שטוב־חיות, מיטגעצויגן מיט זיך אַ קריגעריי פון זייערע באַלעבאַטים. די דאַמען האָבן באַשיצט זייערע ליבלינגען אין זייערע בוזימס און

געהאט טענות צו די מענער, פארוואס זיי נעמען זיך נישט אָן פאַר די אומבאהאָלפענע באַשעפענישן. האָבן זיך די מענער אָנגענומען פאַר די הינטעלעך פון זייערע דאַמען, זענען אָבער די אַנדערע קאַוואַליערן פון די קענגנער־הינט אויך נישט געבליבן הינטערשטעליק. די, וואָס האָבן קיין חיות נישט געהאַט, האָבן גלאַט פּראָטעסטירט קעגן דער בילעריי. אַזוי, אַז באַלד האָט זיך דער קריג צעפלאַקערט און האָט שוין אָנגעשטעקט אַלע־מען קעגן אַלעמען. עס איז דורכאויס געוועזן נויטיק אַריינצוברענגען אַביסל אָרדענונג צווישן די חיות. איז געפאַלן אַ פאָרשלאָג פון אַן עלטערן הער, דאַכט זיך, אַ ייִד, וועלכער, זעט־אויס, האָט נישט געהאַט קיין באַזונדערע פאַרשטענדעניש און ליבע צו חיות, אַז מען זאָל גאָר דערוויַיטערן פונעם אַלגעמיינעם זאַל די פיר־פיסיקע, וועלכע ברענגען אַריין אַזאַ צעמישונג צווישן די איינוווינער פון דער קליינער רעפּובליק, — ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט.

לויט דעם גייסט פון דער צייט, איז דער דאָזיקער פאָרשלאָג גענו־מען געוואָרן צו אַן אַלגעמיינער אָפּשטימונג און איז דורכגעגאַנגען מיט אַ מערהייט.

מען האָט גענומען מיט דער הילף פונעם פאַרוואַלטער און די דינער דערוויַיטערן פונעם זאַל אַלע הינטלעך און קעצעלעך, קאַנאַריקלעך און פּאַפּוגייען, און זיי אַריינצוברענגען אין אַן אַנדער צימער. קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן די היסטערישע גוואַלדן און די פלאַמענדיקע פּראָטעסטן, וואָס עס האָט אַרויסגערופן דער דאָזיקער באַרבאַרישער אַקט ביי די דאַ־מען. עס האָט נישט געהאָלפן די פאַרזיכערונג, וואָס דער פאַרוואַלטער האָט געגעבן, אַז די חיות וועלן גוט געהאַלטן ווערן און ריכטיק געפּיטערט ווערן דורך דער צייט פון דער „באַלאַגערונג", און וועלן דערנאָך ווערן צוגעשטעלט גאַנץ זיכער אין די הענט פון זייערע באַלעבאַטים. יעדע איי־נע פון די דאַמען האָט געוואָלט זיין אַן אויסנאַם און געבעטן פּריווילעג־יעם פאַר איר ליבלינג. ענדלעך איז דאָך עטלעכע גוט־מיינענדע הערן גע־לונגען צו באַרואיקן די דאַמען דורך דעם, וואָס זיי האָבן גערופן צו זייער געוויסן, צו ברענגען דעם קליינעם קרבן, און שיידן זיך פון זייערע ליב־לינגען אויף אַ קורצער צייט פאַר דעם אַלגעמיינעם גוט.

מיט האַרץ־ברעכנדיקער רירנדיקייט און אויסערגעוויינלעכן פּאַטאָס. וואָס האָט נישט ביי איינעם אַרויסגערופן טרערן אין די אויגן, האָבן זיך

די דאַמען געשיידט מיט זייערע חיהלעך, און די געזעלשאַפט האָט זיך ענדלעך באַרואיקט.

ווי עס טרעפט זיך ביי אַזעלכע פאַלן, האָט זיך מיטאַמאָל דערוועקט ביי די אַגוועזנדע אין זאַל אַן אויסערגעוועלעכער ריזיקער הונגער, אַזוי ווי דער מאָגן וואָלט געווען דערפילט אינסטינקטיוו די געפאַר פיל פריער ווי דער עצם מענטש, און וואָלט וועלן אָנקלייבן פראָוויאַנט פאַר דער שלעכטער צייט, וואָס שטייט־פאָר. עס איז זיי גאָרנישט געווען אַ צוקאָר־מען. וויפיל קעלנער, וויפיל דינער עס זענען נישט געווען, זענען אַלע געווען באַשעפטיקט מיט טראָגן אין ביליאַרד־זאַל טאַצן מיט סענדוויטשעס, באַלייגטע ברויט, קאַלטע אויפשניטן, פאַרשידענע סאַלאַטן, אוגערקעס, איינגעמאַכטע שוואָמען, קאַוויאַר, געריכערטע פיש, קאַלטן ראָסטביף און קאַלבס־פליישן.

וואָס מער מען האָט געגעסן, אַלץ מער האָט זיך דער אַפּעטיט דער־וועקט. גוט-דערצויגענע מענטשן האָבן זיך געריסן די ביסנס פון די מיי־לער און צוגעטראָגן צו זייערע הונגעריקע דאַמען.

ערשט דערנאָך, ווען דער אויפזעער האָט פאַרזיכערט דער געזעל־שאַפט, אַז דאָס הויז איז גוט פראָוויאַנטירט און קאָן אויסהאַלטן אַ באַ־לאַגערונג פון אַ פאָר טעג, און דערנאָך, ווען די קעלנער האָבן אָנגעהויבן אויפצומאָנען באַצאָלונגען, וועלכע זענען, אגב, צוליב דער אויסערגעוועג־לעכער לאַגע, דערהויבן געוואָרן דורך דעם אויפזעער פילפאַכיק, האָט זיך דער הונגער אַביסל איינגעשטילט ביז צום אָוונט־עסן.

יעדנפאַלס האָט דאָס בשותפותדיקע עסן אַריינגעבראַכט אַן אויפגע־לייגטע שטימונג און די געמיטער האָבן, נאָך דעם אומאָנגענעמען אינצי־דענט מיט די חיות, זיך אָנגעהויבן צו באַרואיקן. מען האָט זיך באַקענט איינער מיט דעם אנדערן, און די אַלגעמיינע טרויעריקע לאַגע, אין וועל־כער אַלע האָבן זיך געפונען, האָט באַשאַפן אַ בשותפותדיקייט צווישן די מענטשן און, מען קאָן זאָגן, אַ פאַמיליאַר געפיל, וואָס האָט נאָענט גע־בראַכט איינעם צום אנדערן

קאפיטל 4

דער משפט איבער די באלשעוויקעס

שפעטער אבער האט שוין געהערשט אין ביליארד־זאל אזא באלעבאטישע און אויפגעלייגטע שטימונג, אז עס האט זיך אויסגעדאכט, אז די מענטשן דא זענען נישט צונויפגעטריבן געווארן צופעליק דורך א נויט, נאר עס זענען זיך פרייוויליק צוזאמענגעקומען אויף א ראט מענטשן, וואס באלאנגען צו איין געזעלשאפט, נאר זענען אנגעטון אין נישט־פאסיקע קליידער.

דער רוסישער נאציאנאלער כאראקטער און נאך מער דאס גלעזעלע רוסישע „וואדקע" האט באלד ברידערלעך צוזאמענגעבונדן די פארשידנארטיקע מענטשן, אז עס האט זיך אויסגעדאכט, אז מען קען זיך שוין פון לאנג. נישט נאר פרויען, נאר מענער האבן זיך געהאלטן אין איין קושן, אין איין שליסן פריינטשאפט, און איין קלאפן זיך אויף די פלייצעס.

ס'פארשטייט זיך, אז צוזאמענגעגליט אלעמען האט דער גרויסער ערנסט פון דעם מאמענט, דאס פאטריאטישע געפיל, די ליבע צו רוסלאנד און די שנאה צום אלגעמיינעם שונא, וואס וויל מיט דייטשיש געלט דערשטיקן די דערגרייכונגען פון דער רעוואלוציע.

עס איז אנגעגאנגען א זייער באלעבטע, הייסע דיסקוסיע איבער די צילן פון די באלשעוויקעס.

קיינער, פארשטייט זיך, האט נישט געגלויבט, אז זיי מיינען טאקע ערנסט צו פארכאפן די מאכט, וועלכע זיי קאנען דאך, פארשטייט זיך, נישט האלטן. טייל האבן דערקלערט, אז עס איז נאר א וואל־מאנעוור מצד די באלשעוויקעס, כדי צו געווינען וואס מער מיטגלידער צו די פארשטייענדיקע וואלן פון דער גרינדונגס־פארזאמלונג פון דער רוסישער רעפובליק.

עס האט גערעדט א יונגערמאן אין א סטודענטיש היטל, וואס ער האט געטראגן אויפן קאפ, — כאטש די מענער זענען אלע געווען מיט אנטבלויזטע קעפ. דערביי זענען זיין עלטער, זיין פיגור און די איבעריקע קליידונג זיינע געווען מער פון א דערפאלגרייכן סוחר, איידער פון אן

אַרימען סטודענט. ער האָט געהאַלטן אין איין רעדן הויך אויפן קול, אַז אַלע זאָלן הערן, אַז ער האָט זיך נאָר וואָס צוריקגעקערט פון סיביר, פון וואַנען די רוסישע רעוואָלוציע האָט אים באַפרייט, און האָט מורא, ער זאָל ווידער נישט אַריינפאַלן אין סיביר צוליב די באָלשעוויקעס. שוין גע-נוג סיביר! — האָט ער אויסגעשריגן. — ער וויל שוין נישט מער קיין סיביר.

אַ צווייטער יונגערמאַן האָט זיך גענומען דעם אויטאָריטעט צו דערקלערן אין נאָמען פון צ. ק. פון די „עסערן", אַז זיי, די סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן, מאַכן נישט מיט די דאָזיקע אַוואַנטורע. ער איז קעגן דעם איצטיקן אַרויסטרעט און שטעלט זיך אויף דער זייט פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג. דערצו האָט ער פאַרזיכערט, אַז די גאַנצע אַוואַנטורע וועט היינט נאָך ווערן ליקווידירט, אָן אַ טראָפּן בלוט, ביים צווייטן צוזאַמענפאָר פונעם אַלרוסישן סאָוויעט, וואָס קומט־פאָר אין פּעטראָגראַד.

עס האָט זיך אָנגעהויבן צווישן אים מיט נאָך אַ יונגנמאַן אַ וויכוח וועגן דער שטעלונג פון מאַרטאָווס גרופּע, און דאָס האָט זיי זייער צע-היצט. אַזוי אַז די בכבודע רוסישע לייט, און סתם רוסן, וואָס זענען גע-שטאַנען דערביי, האָבן זיך דורכגעווונקען מיט בליקן און איינגערוימט זיך אין די אויערן, אַז די גאַנצע חתונה איז אַרויסגעקומען צוליב דעם, וואָס די צוויי זשידעס, טראָצקי און מאַרטאָוו, האָבן זיך נישט געקאָנט איינטיילן מיט דער רוסישער מלוכה. כאָטש הויך האָבן זיי עס מורא-געהאַט צו זאָגן, ווייל דאָס וואָרט „זשיד" איז צייט דער רוסישער רעוואָלוציע אַרויס פון דער מאָדע.

פאַרשטייט זיך, אַז די אַלגעמיינע דערלייכטערטע שטימונג פון דער פאַרזאַמלונג האָט געווירקט גוט אויפן געמיט פון אונדזער אַדוואָקאַט. עס האָט צוריק אויפגעלעבט זיין ענערגיע, און זיין גענעלשאַפטלעכער חיש האָט אים מיטאַמאָל געגעבן אַ שטופּ צו טון מעשים. ער האָט זיך געפונען אין זיין עלעמענט און האָט זיך געפילט ווי אַ פיש אין וואַסער. נאָך די שטימינגען פון דעם מאָמענט האָט ער באַלד זיך גענומען אָרגאַניזירן די „באַלאַגערונג", ווי ער האָט אָנגערופן דאָס געצוווּנגענע צוזאַמען-זיין אין ביליאַרד-זאַל.

ער האָט זיך באַלד גענומען פאַרוואַנדלען די צופעליקע צוזאַמענ-קונפט פון מענטשן אין אַ „געזעלשאַפטלעכן קערפּער", ווי ער האָט ליב-

געהאַט זיך אויסצודריקן, — אין „אַ גענעלשאַפטלעכן קערפּער מיט פיל פונקציאָנירנדיקע גלידער". ער מיט נאָך אַ קאָלעגע, דעם רוסישן אַדוואָ־קאַט סמירנאָוו, וואָס האָט באַלאַנגט צו מיליוקאָווס גרופּע, — האָבן באַלד באַשאַפן אַ „פּאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט", וואָס קיינער האָט אייגנט־לעך נישט געוווּסט אין וואָס עס וועט באַשטיין זיין טעטיקייט, וויל אויפן פּלאַץ פאַרן האָטעל, ווו עס איז אָנגעגאַנגען די שיסעריי צווישן די באָלשעוויקעס און דער אָרטיקער מיליץ, האָט קיינער נישט געהאַט בדעה אַרויסצוגיין, און דער קאָמאַנדיר, פּאָלקאָווניק מאַרקאָוו, וואָס האָט פאַר־טיידיקט דעם טעאַטער־פּלאַץ, וואָלט קיינעם נישט אַרויסגעלאָזט. דער קאָמיטעט אָבער האָט עקזיסטירט, און האָט ווערבירט וואָלונטירן צווישן דער געצוווּנגענער געזעלשאַפט. ער האָט אפילו באַשאַפן אַ סאַניטאַר־קאָ־מיסיע, און אייניקע דאַמען, ספּעציעל די ייִנגערע און שענערע, האָבן אָנ־געהויבן צו באַנוצן אַלס קאָפּ־באַקליידונג „שוועסטער־טיכלעך", וואָס זיי האָבן זיך מיט ווייבערשער געשיקטקייט אויף געשווינד צונויפגעשטעלט אויפן היימישן אופן. שוין אָפּגערעדט פון אַ „רויטן קרייץ", אין וועלכן עס זענען געווען פאַרפליכטעט אַריינצוטרעטן אַלע עלטערע מאַנספּאַר־שוינען, אַזוי, אַז עס האָבן זיך באַלד אין דער פאַרזאַמלונג באַוויזן לייט מיט בענדער איבער די אָרעמס און מיט אָפּצייכענונגען פון די טיילן, צו וועלכע זיי באַלאַנגען. און צווישן די דאַמען האָט מען געזען שוועסטער־הייבלעך, וואָס די ייִנגערע האָט עס נאָך שענער געמאַכט און די עלטע־רע — נאָך מיאוסער.

נאָר אַזוי ווי עס איז דורכגעגאַנגען אַ שטיקל צייט, און די קאָמי־טעטן זענען געבליבן אָן טעטיקייט, און אַזוי ווי דער אַדוואָקאַט סאָלאָמאָן אַסיפּאָוויטש איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט נישט געקאָנט זיצן רואיק, איז ער געקומען אויף דער גליקלעכער אידעע: צו אָרגאַניזירן אַן עפנט־לעכן משפּט איבער די באָלשעוויקעס, וואָס זאָל אַרויסברענגען די נידער־טרעכטיקייט פון זייערע מעשים פאַר דער עפנטלעכקייט און אָפּשטעמפּ־לען זייער טרויעריקע ראָל אין דער רוסישער געשיכטע. עס האָט אָבער געפעלט אַ פּאַרטיידיקער פון די באָלשעוויקעס, וועלכן עס איז ביי דעם דאָזיקן עולם, פאַרשטייט זיך, געווען שווער אויסצוזוכן.

עס האָט זיך אָבער באַלד אַרויסגעוויזן, אַז די גאַנצע מעשה איז געווען איבעריק. די שטאָטישע מיליץ מיט די פרייוויליקע אָפיצירן האָבן

פאריאָגט דעם חבר גאַלענקאָ, וואָס איז אַרומגעגאַנגען מיט רויטע גוואַר־דיסטן איבער די בורזשואַזע רעדאַקציעס און צעשלאָגן די דרוקעריייען. מען האָט זיי צוריקגעטריבן אין „גובערנאַטאָרישן הויז” אַריין, ווי זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן, כּמעט דאָ־און־דאָרט זענען נאָך אָנגעגאַנגען אויף די גאַסן איינצלנע קאַמפן, אָבער אויף דעם טעאַטער־פּלאַץ, פאַרן האָטעל „מעטראָפּאָל”, איז שוין געווען רואיק.

דער פאַרוואַלטער פון האָטעל האָט דערלויבט די געסט צוריקצוגיין אין זייערע צימערן, כּמעט אויף דער גאַס האָט די מיליץ נישט אַרויס־געלאָזט, ווייל די גאַסן זענען נישט געווען זיכער, און עס זענען נאָך אָנ־געגאַנגען איינצלנע שיסערייען. אַ געוויסער עלעמענט, די עלטערע און רואיקערע, האָט זיך געהעריק געפרייט מיט דער באַרואיקנדיקער ידיעה, און פון איר אויך געצווינגן נוצן. די מער קאַמף־לוסטיקע, די ייִנגערע, האָבן זיך נישט געאיילט צוריקצוציען זיך אין זייערע צימערן. מען קאָן אפילו זאָגן, אַז אינערלעך האָבן זיי געהאַט אַביסל פאַרדרוס, וואָס די גאַנצע אויפרעגנדיקע מעשה איז עפּעס אַזוי שטיל אָפּגעלאָפן, און אַלץ איז שוין פאַרביי.

זיי האָבן דערוואַרט עמאָציאָנעלע אויפטרייסלונגען, און דאָס בשות־פותדיקע געזעלשאַפטלעכע לעבן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי אינטע־רעסאַנט איינשטעלן אין דעם ביליאַרד־זאַל, איז זיי געפעלן געוואָרן, און זיי האָבן עס נישט געוואָלט אַזוי גיך אויפגעבן; איז טאַקע דער גרעסטער טייל פונעם עולם איבערגעבליבן ווייטער אינעם ביליאַרד־זאַל, אין די בופעטן. ס׳ווי־ס׳יי איז נישט געווען וואָס צו טון, — אויף דער גאַס האָט מען נישט געקאָנט אַרויסגיין.

עס איז אָבער אינגאַנצן צערונען געוואָרן דער בשותפותדיקער, ברייט־דערלעכער גייסט, וואָס דאָס געצווונגענע צוזאַמענלעבן, די אַלגעמיינע געפאַר האָט אַרויסגערופן צווישן די איינוווינער. יעדער איינער האָט שוין צוריקגעקראָגן זיינע אינדיווידועלע חשיבות, און אַ געוויסע קאַלטקייט, אַן אומגלייכהייט האָט ווידער אָנגעהויבן צו הערשן, כּמעט דער עולם איז — ווי שוין געזאָגט — ווייטער איבערגעבליבן פרייוויליק אין בי־ליאַרד־זאַל, און מען האָט דאָרטן געגעסן מיטאָג. צוליב די הייסע דיסקו־סיעס, וואָס האָבן זיך דאָרט אַנטוויקלט, איז דער זאַל באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין קלוב.

דער מער צוריקגעהאלטענער עולם, די רייכע גוט־באזיצער, די גע־וועזענע הויכע באאמטע, די לעב־וועלט, — די שיינע דאמעטשקעס מיט זייערע פילע באגלייטער, וואס האבן זיך אין ערשטן אויגנבליק אזוי גע־האט פארלוירן, האבן איצט ביי דער בארואיקונג ווידער צוריקגעקראגן זייער „דזשענטעלמעניש” קאלטקייט. זיי האבן זיך אפגעזונדערט פון אלע מינים פארדעכטיקע עלעמענטן. אזוי ווי עס איז אבער נישט געווען וואס צו טון, — אויף דער גאס האט מען נישט געקאנט ארויס, אין אין די צימערן צוריק האט זיך נישט געגלוסט, — האט מען זיך פארקליבן אין די „סעפאראטקעס”, כדי אין זיי צו „באגיסן” די באלאגערונג מיט שאמפאניער און קאניאקן.

איבער אלע זאלן האבן זיך שוין געטראגן דאס פארייניקטע לאבן, די ווייבערשע אויפפלאמענדיקע קולות און מענערישע שיכורע שטימען פון די סעפאראטע צימערן. אלע זענען געווען צופרידן. נאך קיינמאל האט די דינערשאפט נישט באקומען אזא ברייטהענטיק טרינק־געלט; קיינמאל האט דאס הויז נאך נישט געמאכט אזעלכע גוטע געשעפטן, ווי יענעם טאג. און קיינמאל איז דער פארוואלטער נאך נישט געווען אזוי צופרידן פון דער גוטער שטימונג, וואס הערשט צווישן זיינע געסט, ווי אין יענעם געדענקלעכן טאג, מיטוואך, דעם ביינ און צוואנציקסטן אק־טאבער אלטן סטיל, אין מאסקווע.

נישט ווייניק האט געהאלפן ארייננברענגען די בארואיקנדיקע און פריילעכע שטימונג צווישן עולם דער זעלטענער גאסט, וואס מען האט גערופן „מישקע” מאלאדיעץ”, אדער מישקע „קאמבינאטאר”, דער יונ־גערמאן מיטן בלייכן פנים און איבערדערווענלעך עלעגאנטער קליידונג.

דאס הויז איז געווען אפגעשניטן פון דער וועלט. דער פלאץ איז געווארן באזעצט פון אפיצירן פון ארטיקן גארניזאן, וואס דער שטאט־נאלאווא האט געשיקט, כדי צו פארהיטן דעם צוגאנג צו דער שטאט־דומע. מען האט נישט ארויסגעלאזט און נישט אריינגעלאזט אין האטעל, אבער ער, מישקע, האט געוווסט אלץ, וואס טוט זיך אין שטאט, וועלכע סטראטעגישע פונקטן די באלשעוויקעס האבן שוין באזעצט, און פון וועלכע מען האט זיי פארטריבן, וועלכע אינסטיטוציעס עס געפינען זיך אין די הענט פון שטאט־דומע און וועלכע עס זענען געווארן פארכאפט פון די „רויטע”.

ער האָט געוווּסט וועגן די שלאַכטן, וואָס גייען־אָן אויף די גאַסן פון שעה צו שעה. און נישט נאָר האָט ער געוווּסט, וואָס עס טוט זיך אין אין מאָסקווע, נאָר ווי ער וואָלט עפּעס געווען פאַרמאָגט אַן אייגענעם, געהיימען ראַדיאָ, אָדער באַקומען די ידיעות דורך אַן אַנדערן וועג. ווי ער וואָלט עס פון ווינט געשעפּט, האָט ער געוווּסט, וואָס עס טוט זיך אין דער הויפּטשטאָט, אויף דער פּראָווינץ, ווי עס פאַרהאַלט זיך דער פראָנט צו די געשעענישן, ווי עס אַרבעטן די באַנען, וואָס פאַרא טיילן פון דער געזעלשאַפט, וואָס פאַרא סאָציאַליסטישע גרופּירונגען עס זענען צוגע־שטאַנען צו די באָלשעוויקעס אָדער זענען פון זיי אָפּגעפאַלן.

אַלע האָבן זיך געוווּנדערט, פון וואַנען מישקע נעמט די דאָזיקע נייעס. אַלע האָבן געצווייפלט אין זייער ריכטיקייט. נאָר דאָך האָבן זיך אַלע צוגעהערט צו זיינע אינפאָרמאַציעס. ער פלעגט אַרומגיין און לאָזן פאַלן ווערטלעך:

„די פּראָוויזאָרישע רעגירונג איינגעשלאָסן אין ווינטער־פּאַלאַץ", „באָטשקאַריאָוואַס ווייבערישער באַטאַליאָן פאַרטיידיקט דעם ווינטער־פּאַ־לאַץ", „פון דעם פראָנט איז אָפּגעגאַנגען א דיוויזיע קאָזאַקן אויפן וועג קיין אָרשע..."

געוויינלעך פלעגט מען זאָגן: „אַהאַ מישקע קאָמבינירט". אָבער דאָך האָט יעדער געלעבט נאָך א ביסל נייעס. דאָרט, וווּ עס איז נישטאָ קיין פרישער קוואַל, באַנוצט מען זיך אויך מיט א נישט ריינעם. און מישקעס אינפאָרמאַציעס זענען נישט נאָר אַרומגעגאַנגען פון אויער צו אויער, נאָר באַלד איז ער געוואָרן דער צענטער, צו וועלכן אַלע האָבן זיך געווענדעט.

— מישקע, וואָס הערט זיך? — און מישקע פאַרליינט זיך די הענט און קיקט אויף זיינע געפּלעגטע נעגל, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען זיין ראַדיאָ־אַפּאַראַט, צו וועלכן ער הערט זיך צו. און ער וואַרפט אַרויס א שטיקל נייעס, וואָס די אויסגעהונגערטע מענטשן האָבן באַלד איינגע־שלונגען און עס צעטראָגן איבערן זאַל.

דעם טאָג און א גאַנצן פאַרנאַכט האָט מישקעס „ראַדיאָ" געהאַלטן אין איין פאַרשפּרייטן באַרויקנדיקע און פריילעכע ידיעות: „דער שטאָט־גאָלאָווא פאַררופט אויף מאָרגן אַן אויסערגעוויינלעכע פאַרזאַמלונג פון אַלע רעכט־דענקענדיקע עלעמענטן". „דער שטאָט־גאָלאָווא האָט אַרויסגעשיקט טעלעגראַמעס צו אַלע „דומעס" פון די אַרומיקע שטעט, אַז זיי זאָלן שיקן

פאַרשטאַרקונג צו פאַרטיידיקן דאָס „מאַמעלע רוסלאַנד", און זיי זענען שוין אויפן וועג". „די פּראָווינץ האַלט זיך אויסערגעווענלעך גוט. אומעטום ווערן גערופן פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען קעגן די „דייטשע שפּיאָנען", און עס ווערן אַרויסגעטראָגן געהעריקע פאַרדאַמונגס־רעזאָלוציעס". „דער ווינטער־פּאַלאַץ איז נאָך נישט גענומען, און פון פראָנט גייען עשאַלאָנען מיט קאָזאַקן, וואָס קערענסקי האָט אַרויסגערופן". „זיי זענען אייזן־פעסט פאַר דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג". „טשערנאָוו געפינט זיך אין מאָהילעוו, ווו ער אַגיטירט די סאָלדאַטן פון פראָנט און קלערט זיי אויף וועגן די ריכטיקע טענדענצן פון די באָלשעוויקעס, אַז דאָס אַלץ ווערט געמאַכט פאַר דייטש געלט, כדי צו קאָמפּראָמיטירן די רעוואָלוציע". „מען דערוואַרט די ליקווידאַציע פון דער אוואַנטורע נאָך דורך דער הייַנטיקער נאַכט".

אַזוי ווי די נייעסן, וואָס מישקע האָט פאַרשפּרייט, זענען געווען גוטע און אָנגענעמע צו הערן, איז ער באַלד געוואָרן נישט נאָר אַן אָנגעלייגטער מענטש, נאָר מען קאָן זאָגן, דער ליבלינג פון אַלע דאַמען און אַ געפערלעכער קאָנקורענט פאַר די ייִנגערע הערן.

„דער סימפּאַטישער מישקע", — האָט מען זיין נאָמען מיטאַמאָל איבערגעשמדט. ער איז געריכט געוואָרן פון אַלע מיילער פון דעם שיינעם געשלעכט. די מענער האָבן אים מקנא געווען.

מען קאָן זאָגן, אַז מישקע איז געוואָרן דער צענטער פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. מען האָט געזוכט זיין באַקאַנטשאַפט. אפילו עלטערע און חשובע הערן האָבן אים זייער וואַרים די האַנט געדריקט: „עס פרייט מיך, זיך מיט אייך צו באַקענען".

עס האָבן אים באַלד אַרומגערינגלט יונגעלייט, וואָס האָבן מיט דער הילף פון מישקעס אינפאָרמאַציעס געוואָלט געווינען אָנזען ביי זייערע דאַמען אין זייערע קרייזן. מען האָט מישקען איינגעלאַדן צו אַלע טישלעך מיטצוטרינקען, און מען מוז צו זיין כבוד צוגעבן, אַז ער האָט עס, ווי אַ גוט־דערצויגענער מענטש, אָבער מיט פעסטקייט אָפּגעזאָגט. דאָס האָט צוגעגעבן נאָך מער חשיבות צו זיין פּערזאָן.

פון דער גאַנצער גוט־געשטימטער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך געפונען אין האָטעל, האָט זיך נאָר אַ קליינע גרופּע אויסגענומען מיט איר געפאַלנקייט.

די דאָזיקע גרופּע האָט זיך געהאַלטן באַזונדער, געזעסן באַזונדער און גערעדט צווישן זיך מיט געדריקטע שטימען. די גאַנצע ערנסטקייט פון דער לאַגע איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף זייערע טרויעריקע פּנימער. דאָס איז געווען די גרופּע רייכע יידישע קאַפּיטאַליסטן, וואָס זענען זיך צונויפגעקומען קיין מאָסקווע אין האָטעל אַריין צו דער גרינדונגס־פאַר־זאַמלונג פון דער אַקציע־געזעלשאַפט „ניי־רוסלאַנד“.

דאָ זענען געווען דער אַלטער מירקין, דער רייכער טיי־סוחר ראָזמאַ־רין און דער באַקוער נאַפט־סוחר גאָלדשטיין. נאָר ווען ביי די לעצטע צוויי האָט זיך געפילט אַ זיכערקייט, אַזוי ווי די גאַנצע זאַך וואָלט זיי איינגנטלעך גאָרנישט אָנגעגאַנגען, איז דער אַלטער מירקין פּלוצלינג גע־בליבן זיצן. די גאַנצע לאַסט פון דעם שווערן וואָלקן, וואָס ציט זיך אויף רוסלאַנד, האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף זיינע פּלייצעס. זיין פּנים איז מיט איינמאָל געוואָרן געל־בלוילעך, און די אויגן זענען איינגעזונקען אין שלאַבריק־געוואָרענע, טונקעלע נעצן פון הויט. שטיקער לויזע הויט, זוי־מען וואָלט פון זיי די לופט אַרויסגעלאָזט, האָבן אָנגעהויבן אַראָפּצו־הענגען פון זיין פּנים און פון זיין האַלדז, און די שטענדיק אַזוי שטאָט־לעך אויסזעענדיקע צוויי לאַנגע שפּיצן פון זיין באָרד, וואָס האָבן ביז צום לעצט געקעמפט קעגן דער עלטער און איינגעהאַלטן זייער געלן קאָ־ליר, זענען מיטאַמאָל גרוי געוואָרן. דער גאַנצער הויכער און שטאָלצער מירקין האָט זיך געבויגן און איז קלענער און איינגעשרומפּענער געוואָרן.

בחינם האָבן אין אים אַריינגערעדט אין דער שטיל, מיט נידעריקע שטימען, די צוויי סוחרים, אַז עס איז נאָך נישט צו שפּעט, און עס וועט זיך נאָך לאָזן איינאָרדענען.

ער האָט זיי נישט געהערט און האָט זיי אָפּגעענטפערט, כמעט ווי פאַר זיך, אַזוי ווי זיי וואָלטן גאָרנישט געווען דערביי:

— עס איז נישט דאָס. נישט אין פאַרמעגנס גייט עס. ניין. אין רוסלאַנד, אין מיין לעבן. אַ גאַנץ לעבן געבויט, געמיינט, אַז איך בוי אויף אַ שטאַרקן פונדאַמענט. קיין ווינטן, קיינע זאַווערוכעס האָבן מיך נישט געקאָנט אָפּשרעקן. איך האָב געגלויבט אין דעם פונדאַמענט. איר פאַרשטייט, — אין דעם פונדאַמענט, — אַז אונטער דער בלאָטע ליגט אַ קיזלשטיין, און דער קיזלשטיין וועט אַלצדינג אויסהאַלטן. עס איז אָבער טאַקע גאָרנישט מער, נאָר בלאָטע, און אַלץ זינקט אין איר איין...

דער טיי־סוחר ראָזמארין, וועמענס געדאַנק איז איצט געווען פאַר־נומען מיט דעם, ווי אַזוי אָפּצוהאַלטן דעם טראַנספּאָרט מיט טיי, וואָס גייט צו זיין קאָנטאָר פון דער כינעזישער גרענעץ, האָט געזאָגט הויך, אַרויסזינגענדיק די ווערטער, צו מירקינען און געטראַכט דערביי וועגן אייגענע אינטערעסן:

— ס׳וועט זיך דאָך מוזן געפינען אַ וועג זיך צו קאָמוניקירן מיט אויסלאַנד.

— צוליב וואָס? — פרעגט מירקין.

— צוריקצוהאַלטן אונדזערע קאַפּיטאַלן.

— דאָס וועט זיין פאַרראַט, — האָט דער אַלטער מירקין געזאָגט, צעבייסנדיק דאָס דאָזיקע וואָרט מיט זיינע נאָך געזונטע ציין.

— נו, נו, קעגן וועמען? — האָט אים אָפּגעענטפערט דער סוחר גאָלדשטיין.

— קעגן רוסלאַנד!

— פאַר וועלכן רוסלאַנד? ווען וועט עס נאָך זיין אַזעלכעס. איך האָב אייך שטענדיק געוואָרנט, גבריאל חיימאָוויטש, אַז איר שטעלט צו־פיל איין אויף איין קאָרט.

— מיר איז נישט קיין חילוק, וועלכעס רוסלאַנד, — האָט געזאָגט דער אַלטער מירקין. — איך האָב נישט קיין אַנדערע היים, און צו וואַנ־דערן בין איך צו־אַלט. און איך באַדויער נישט, וואָס איך האָב אַלץ איינגעשטעלט אויף איין קאָרט. איך האָב געגלויבט אין רוסלאַנד.

— נו, נו, איר וועט נאָך קלוגער ווערן, אויב עס וועט שוין נישט זיין צו־שפּעט, — האָט דער נאַפט־סוחר געענטפערט מיט אַ זיכער; שמייכל.

— אַך, זשידי, זשידי! — האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט די באַלעבי־טע שטימע פון דעם אַדוואָקאַט, וועלכער איז צוגעקומען צו זיי, גע־אָרעמט האַנט אין האַנט מיט זיין קאָלעגע, דעם רוסישן קאַדעט. — גיב נאָר אַ קוק ווי זיי זיצן ווי די געשאָכטענע הינער. עס האָט זיך נאָר־וואָס אָנגעהויבן, און זיי זענען שוין געפאַלן! און איך, פאַרקערט, איך ווער שטאַרק אין קאַמף. „דער ווינט איז דאָס פערד, וואָס טראָגט מיין זאָטל"

— האָט ער אָנגעהויבן צו דעקלאַמירן פון אַ רוסישן קלאַסיקער. — גיט נישט מיט אייער דערשלאָגנקייט קיין ביישפּיל די איבעריקע. מוט, מוט

און מוט! — איז דער בארימטער אדוואקאט מיטאמאל לעבעדיק געווארן.

— ווען מיר וואלטן מיט בלויז מוט געקאנט פארטרייבן די באלשע־וויקעס פונעם טעאטער־פלאץ, וואלט ער אונדז שוין נישט פארפעלט.

— און מיר וועלן זיי פארטרייבן אויך. מיר וועלן זיי ווייזן, ווער שטארקער איז. מיר הייבן שוין אן דעם משפט איבער זיי. טאקע היינט אויף דער נאכט... עס האט זיך געפונען א פארטיידיקער. וואסילי יא־קאוולעוויטש סמירנאוו האט אויף זיך גענומען די דאזיקע טרויעריקע ראלע, געאפפערט זיך פארן וויל פון דער געזעלשאפט. מיר וועלן זיי שוין היינט איינמאל אפשטעמפלען, באשטימען דעם ריכטיקן פלאץ זייערן אין דער רוסישער געשיכטע.

— יא, יא, דאס וועט זיין דער ריכטיקער שפרוך קעגן טייוול, — האט דער נאפט־סוחר געפרווט באמערקן מיט א שמייכל.

נאר דער אדוואקאט האט שוין נישט געהערט די שפאטישע באַ־מערקונג פון דעם נאפט־סוחר. געארעמט מיט זיין קריסטלעכן קאלעגע, ווי ער וואלט דורך דעם ארומנעמען געוואלט געבן א סימבאלישן באווייז, אז אין דער געפאר גייען מיר אלע האנט אין האנט, איז דער אדוואקאט ארומגעגאנגען פון איין טיש צום אנדערן און גערופן אלעמען בייצו־וווינען דעם משפט, וו עס וועט ארויסגעטראגן ווערן דער ריכטיקער אור־טייל אויף די באלשעוויקעס פאר דער רוסישער צוקונפט. און דער עולם האט זיך אויך שוין טאקע אנגעהויבן צו קלייבן. מען האט זיך אנגעהויבן צו רייסן איבער בענקלעך. די דינערשאפט איז געווען פארנומען מיט אויסריכטן אויף געשווינד א פראוויזארישע בינע, וו עס זאלן זיצן די ריכטער און די געשווירענע. מיטאמאל איז עפעס געשען, און דער עולם איז שטיין און זיצן געבליבן אין א חושך־מצרים.

די פינצטערניש האט אין ערשטן אויגנבליק ארויסגערופן א פאניק. עס האבן זיך דערהערט א פאר ווייבערשע היסטערישע אויסרופן. נאר דא און דארט האבן באלד אויפגעפלאמט אנגעצונדענע עלעקטרישע מאַ־שינלעמפלעך. און איניקע בכבודע שטימען האבן פון פארשידענע ווינ־קעלעך גערופן זיך צו בארואיקן:

— איינשטילן, איינשטילן זיך. איינשטילן. ס'וועט באלד זיין ליכ־טיק.

— וואס הייסט דאס? וואס מיינט עס, ליבינקע?

און אַלע אויגן האָבן זיך געווענדעט צו דעם איינציקן, וואָס קאָ. געבן אויפקלערונגען, צו מישקען.

— דאָס מיינט, אַז די באָלשעוויקעס האָבן באַזעצט די עלעקטרישע סטאַציע, — האָט מישקע אָפּגעענטפערט.

נאָר קוים האָט מישקע פאַרענדיקט דעם זאַץ, האָט די עלעקטריע אָנגעהויבן ווידער צו לייכטן.

— אָ! — האָבן אַלע אויגן אויפגעשטראַלט און געקוקט אויף מיש־קען מיט פרעמדקייט און אומצוטרוי.

— און דאָס מיינט, אַז די באָלשעוויקעס זענען אָפּגעשטויסן גע־וואָרן פון דער עלעקטרישער סטאַציע, — פאַרלירט זיך נישט מישקע.

— אַזוי גיך? — וואונדערט זיך אַן עלטערער הער.

— עפּעס שטימען דאָ נישט אינגאַנצן אייערע ידיעות, טייערינ־קער. — און מען מוז מודה זיין, אַז דאָס מאָל האָט מישקע געליטן אַ צוריקשטויס אין זיין אויטאָריטעט.

— נו, מיינע הערן, מירן אָנהייבן דעם משפּט איבער די באָלשע־וויקעס. אָט טאַקע באַלד. מיר האָבן געפונען אַ פּאַרטיידיקער, — האָט אויסגערופן דער אַדוואָקאַט, אָנגעשטעקט פון דער זיכערקייט, וואָס דאָס צוריקגעפונענע עלעקטרישע ליכט האָט אַרויסגערופן ביים עולם. — טאַ־קע, אָט אין דעם זאַל, אין אונדזער „געפאַנגענשאַפט“ מיינע הערן, פאַר־נעמט די פּלעצער, ביטע.

מיר מוזן מודה זיין, אַז לײדער נאָר אַ קליינער טייל פונעם עולם, און דאָס דער יינגערער עלעמענט, אַזוי צו זאָגן, דער אינטעליגענטער. איז געווען פאַראינטערעסירט אין דעם דאָזיקן ענין, און אַרויסגעוויזן צו דעם וויכטיקן משפּט, וואָס דער אַדוואָקאַט האָט פאַררופן איבער די באָל־שעוויקעס, דעם געהעריקן אינטערעס. דער איבעריקער טייל פון עולם, און דאָס דער גרעסטער, האָט גאָר קיין אינטערעס נישט געהאַט צו דעם אורטייל, וואָס איז אַזוי נויטיק געווען אַרויסצוברענגען פאַר דער צו־קונפטיקער געשיכטע.

זיי האָבן זיך נישט געלאָזט שטערן אין זייערע אָנגעהויבענע „ביב־קעס“, אין זייערע טרינקערייען, וואָס האָבן איצט צוליב דער גוטער שטי־מונג, וואָס האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט מיטן צוריקגעפונענעם עלעק־טרישן ליכט, זיך צעפלאַקערט אין אַ ריכטיקן ברען. זיי האָבן דעם גאַנצן

פארפלאָנטערטן ענין פון „באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס", אין וועלכן א גרויסע מדינה איז פלוצלינג אריינגעצויגן געוואָרן, איבערגעלאָזט פאַר די יידישע קעפלעך, — זאָלן זיי זיך אליין רייסן ביי די האָר.

עס איז אויך געווען שווער זיך פונאנדערצוקלייבן אין דעם דאָזיקן גאנצן ענין. אויב די דיסקוסיעס און רעדעס האָבן ביים אָנהייב פון דער רעוואָלוציע נאָך ארויסגערופן נייגעריקייט און אינטערעס ביים ברייטן עולם און מען איז געקומען צושטראָמען אין די מאסן צו הערן א פאָליטישן רעדנער, זענען זיי שוין איצט אזוי דערעסן געוואָרן, אז קיינער האָט מער נישט געוואָלט הערן קיין פאָליטישע רעדעס.

דער עולם איז זיך צעקראָכן פון דעם ביליארד-זאל, ווער צוריק אין זיין האָטעל-צימער, ווער אין אלגעמיינעם בופעט. אָפּגעשטעלט האָט זיך נאָר א קליינע גרופּע פון מענטשן מיט „אָריענטאציעס" און „פאָליטישער באפארבונג". אבער דער באַרימטער אדוואָקאט האָט זיך נישט געלאָזט אָפּשרעקן פון די ליידיקע שטולן. ער האָט נאָר באדויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף דער איגנאָראַנץ פון דעם רוסישן עולם און געברומט פאַר זיך מיט א קרעכץ:

— אָך, רוסלאנד, רוסלאנד!

די דינער האָבן אויפגעשטעלט א לאנגן טיש. לויטן גייסט פון דער צייט, האָבן זיי אים באדעקט נישט מיט א גרינעם טוך, נאָר מיט א רויטן. זיי האָבן געשטעלט אויפן טיש צוויי מיט ליכט אָנגעצונדענע קאנדעליאברעס, און מען מוז מודה זיין, אז ווען דער באַרימטער אדוואָקאט האָט זיך געזעצט הינטערן טיש, אויף דעם הויכן גאָלדענעם פאָטערשטול, וואָס איז צוליב דעם צוועק אוועקגעשטעלט געוואָרן, און פון ביידע זייטן זענען געווען זיינע צוהעלפער, — האָט זיין גרויער, באוואקסענער קאָפּ האָר, באשיינט פון דער יום-טובדיקער באלייכטונג פון דעם ליכט, ארויסגערופן צו זיך רעספּעקט און אכטונג.

דער רויט-באדעקטער טיש מיט די לייכטנדע קאנדעליאברעס האָט צוגעגעבן דעם פּראָצעס חשיבות און שטימונג, אז מען האָט געקאָנט מיינען, מען געפינט זיך מיט אן אמת אויף א היסטאָרישן משפט. עס האָט נאָר געפעלט אויף דער וואנט, הינטערן טיש, א פּאסיק בילד פון א רעגירנדיקער פּערזענלעכקייט. אבער דעם אדוואָקאטס גרויער קאָפּ האָט

דאָס אויך פאַרטראַטן, און מיט אַ געריבטער שטימע און פייערלעכקייט אין טאָן האָט דער אדוואָקאַט אָנגעהויבן זיין רעדע:
— מיינע הערן, דאָס געריכט זיצט.

קאַפּיטל 5

אין גובערנאַטאָרס הויז

דורך דער צייט, ווען דער באַרימטער אדוואָקאַט האָט אָפּגעהאַלטן אין האָטעל „מעטראָפּאָל" זיין משפט איבער די באָלשעוויקעס, האָבן די באָלשעוויקעס נישט גערוט.

דער ראַט פון די סאָלדאַטן איז געווען אין מאָסקווע אונטער דער עס-עריש׳ער השפעה. כדי צו באַשאַפן אַ קעגנגעוויכט, האָט דער רעוואָלוציאָנערער קריגס-קאָמיטעט פאַררופן אַ פאַרזאַמלונג פון די דעלעגאַטן פון מאָסקווער גאַרניזאָן, אויפצוקלערן די סאָלדאַטן וועגן די צילן פון די באָלשעוויסטישע געשעענישן אין פעטראָגראַד און אָנצונעמען צו זיי אַ שטעלונג.

מיט די זעלנערישע דעלעגאַטן האָבן זיך אויך אַריינגעכאַפּט אויף דער פאַרזאַמלונג פאָרשטייער פון די אַנדערע פאַרטייען, כדי אויפן אָרט זיך אַנטקעגנצושטעלן קעגן די באָלשעוויסטישע אויספירונגען און אַגיטאַציע.

אויפן טשערנישעווסקי-פּלאַץ האָט זיך געפונען דאָס גענעראַל-גובערנאַטאָרישע הויז, וואָס האָט כמעט פאַרנומען דעם גאַנצן פּלאַץ, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען סקאָבעלעווס דענקמאָל, ביז צו דער טווערסקאַיאַ אַרויס. דאָס כאַראַקטעריסטישע רויט, מיט וועלכן עס זענען געווען אָנגעפאַרבט די רוסישע רעגירונגס-געביידעס, האָט שטענדיק אָנגעיאָגט אַ שרעק אויף די איינוואוינער פון דער גרויסער רוסישער אימפּעריע. דאָס רויט, אָבער, פונעם מאָסקווער גענעראַל-גובערנאַטאָרס הויז איז געווען ווי פייערדיק בלוט. נאָך מער האָבן פאַרשטאַרקט דעם איינדרוק פון דעם גערעלעכן קאָליר די באַגנעטן פון די ביקסן וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון די טיפע שעפּסן-פּעלצן, וועלכע די קאָזאַקן און סטראַזשניקעס, וואָס פלעגן שטענ-

דיק באוואכן דאָס דאָזיקע הויז, האָבן געטראָגן, און אויך די פּאַרהעכטיקע, ציוויל-געקליידעטע מענטשן, וואָס האָבן זיך תּמיד געדרייט אַרום דער דאָזיקער געביידע.

די מאָסקווער איינוווינער, ווען עס פלעגט זיי אויסקומען פאַרביי־צוגיין דעם טשערנישעווסקי־פּלאַץ, פלעגן אריבערגיין אויף דער צווייטער זייט טראָטואַר, כדי זיי זאָלן נישט דערוועקן קיין חשד אויף זיך דורך דעם, וואָס זיי וועלן צופעליק לאָזן בלאָנדזשען זייערע בליקן אין גרויסן, אומהיימלעכן הויף, וואָס קוקט אַרויס פון דעם ברייט־געעפנטן און שווער־באַלאַדענעם טויער.

פון קדמונים־אָן האָט דאָס דאָזיקע הויז באַוווינט אַזעלכער, וואָס האָט אַליין אָפּגעשטאַמט פון צאַרישן בלוט, אָדער גאָר אַ נאָענטער פון דער צאַרישער משפּחה.

זייט דער פעברואַר־רעוואָלוציע, ווען פון פראָנט האָבן זיך געטראָגן אָפּגעריסענע, בלאָנדזשענדיקע טיילן פון אָוועקגעלאָפענע סאָלדאַטן, ווען עס האָבן זיך אין מאָסקווע אָנגעקליבן פון אַלע פיר עקן רוסלאַנד היימלאָזע זעלנער און האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין „צענטער", — האָבן זיי, ווי די צייט וואָלט געוואָלט אויסשפּילן איר איראָניע, דווקא פאַרנומען דאָס הויז פון דעם אַנטלאָפענעם גובערנאַטאָר. אַלע געביידעס און אַלע זיינע טיילן, אַלע זיינע באַוווסטע און פאַרבאָרגענע שטובן זענען געווען אָנגעפילט מיט מיליטערישע אָפּטיילונגען, אַ בבלדיק צוזאַמענקלייבעניש פון אַלע פעלקער און ראַסן, וואָס האָבן באַוווינט די ברייטע רוסישע ערד: בלאָנדע, לאַכנדיקע גרויס־רוסן, ברונעט־באַהאָרטע, מיט קאַלב־אויגן, אַריינגעזעצטע אין תּמעוואַטע פּנימער, קליין־רוסן, קאַלמוקנע, טרויעריקע, מיט קאַלמיקישע אויגן־שניטן, אַזיאַטן, שוואַרץ־אויגיקע, מיט קאַרטאָפל־פּנימער, געשטופּלטע פּאָליאַקן, און קליינגעוויקסיקע רירעוודיקע יידן. נאָר מער ווי אַלץ איז דאָס הויז געווען באַזעצט פון שוואַרץ־מוטיקע, מיט שלעכטס־אָנגעגאָסענע פּנימער לאַטישן, און ליטווינער, אָנגעטון אין אַלע מעגלעכע שטיקער קליידונג: אין פוטערנע היט, אין שטיוול, און פאַרשידענע פאָרמען רעקלעך, נישט לויט דער פאָרמע, נאָר ווי עס האָט זיך געלאָזט.

מיט זיי האָט זיך אויך פאַרקליבן אַ היפּשער עולם, וואָס האָט דירעקט מיט מיליטער נישט געהאַט קיין שייכות: אַגיטאַטאָרן און טוער פון פאַרשידענע סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, אויך

געקליידט, ווען אפילו נאך ציוויל, נאר מיט מיליטערישן שנים, אין קור־צע פעלצלעך אדער אין לעדערנע כאלאטן, אין שטיוול און אין לויט א מיליטערישער פארם צוגעשניטענע היט. אלע זיי אויסנאם מיט אכט־טע־ניקע און צוויי־וואכיקע שמוציק־צוגעוואקסענע בערד אויף די גאמבעס.

דאס גובערנאטארישע הויז איז געווארן דער זיץ פון רעוואלוציאנערן קריגס־קאמיטעט. און אט דעם הזיקן קאמיטעט האבן אלע רעוואלוציא־נערן געוואלט געווינען אויף זייער זייט. זענען דארט, אין דעם גובערנא־טארישן הויז, צייט חדשים און חדשים אנגעגאנגען דיסקוסיעס און מיטינ־גען, רעדעס און אויפפאדערונגען פון אלע פארטייען, וואס האבן פאר־מושעט די זעלנער.

דאס גובערנאטארישע הויז, קאן מען זאגן, איז געווארן פארוואנדלט אין א קלויז. און די סאלדאטן — אין ישיבה־בחורים, מיט וועלכע יעדע פארטיי באזונדער האט געהאלטן אין איין קנעלן אירע אייגענע פראָ־גראמען, אין איין פארלעזן אירע טעזיסן, און וועלכע די סאלדאטן האבן, פארשטייט זיך, נישט געקאט זיך פונאנדערקלייבן. פארשטייט זיך, אז נאך יעדער דיסקוסיע האט מען אנגענומען א פאסיקע רעזאלוציע, און עס האט זיך געביטן דער צוזאמענשטעל פונעם קאמיטעט, און שליסלעך האבן די זעלנער פארגעסן די פנימער פון זייערע אויבערשטע, און יעדער סאלדאט איז געווארן זיין אייגענער קאמאנדיר...

אז די באלשעוויסטישע רעוואלוציע איז אויסגעבראכן, האבן נישט נאר די ארימע סאלדאטן נישט געוווסט, אויף וואס פארא וועלט זיי זע־נען, נאר אויך זייערע פירער זענען צעמישט געווארן.

איז אינעם גרויסן גובערנאטארישן זאל, דארט, ווו עס זענען אפגע־האלטן געווארן די גרויסע מאסקווער באלן פון רוסישן אדל, פארגעקומען איצט די גרויסע דיסקוסיע פון אלע סאציאליסטישע פארטייען, וואס זע־נען געוועזן פארטראטן אין רעוואלוציאנערן קריגס־קאמיטעט.

דער אומהיימלעכער גרויסער זאל, מיט די ווענט באשלאגן מיט רא־זעווען דאמאסק, צווישן די מארמארנע זיילן, — דער באלקן באמאלט מיט געטינס און מוזעס אויף א בלויען הימל, — איז געווען איבערגע־פאקט מיט זעלנער און ארבעטער.

דער מארמארנער באלקאן, פון וועלכן עס פלעגט זיך אין די גוטע צייטן הערן שפילן זעלנערישע מוזיק, איז היינט געווען פול מיט צעפלא־

שיטע טשופּרינעס פון זעלנערישע קעפּ. דאָ און דאָרט בעלט שוין אַ שטיק זיידנס פון דער באַשלאָגענער וואַנט. אָבער רעכציייטיק האָט זיך אַריינגעמישט די „הויז־קאָמיסיע“, און דאָס שטיק זיידנס איז געבליבן הענגען און פאַלט אַריבער איבער אַ בראָנזענע וואַנט־קאַנדעליאַברע.

און די פאַרגילדעטע בראָנזענע פיגורן פון נאַקעטע פרויען, נימפן און אַמורן טוען דאָס זייעריקע: זיי האָבן אַמאָל באַלויכטן די רוקנס און אָרעמס פון די שיינע מאָסקווער דאַמען אויף גובערנאַטאָרישע בעלער; זיי באַלויכטן איצט, כאָטש פאַרשמוצט און פאַרזשאַווערט, די זעלנערישע צעשוויצטע פּנימער. די מאַרמאָרנע זאַלן שוויצן. עס הויכט פון זיי מיט אַ דומפּיקער ראָסע, וואָס שלאָגט פון דורכגעוואָרימטע, צוזויפּגעקנאָטענע זעלנערישע לייבער.

פון דער נישע־בינע, פון וועמענס הינטערגרונט עס פלעגן אַראָפּקוקן די פאַרמעט־ אָדער שאָקאָלאַד־קאָלירן פון די קייזערלעכע פאַמיליען־בילדער, פלאַמען איצט אַרויס רויטע טיכער מיט פאַרשידענע „וואונטש“־אויפשריפטן, אַ גרויסער באָרד־פּלאַנטער און אַ לייכטנדיקער שטערן פון קאַרל מאַרקס. ביי אַ ברייטן, רויט־באַדעקטן טיש זיצן די פירער. דאָרט שטייען די רעדנער, און דער זעלנערישער עולם הערט זיך צו.

טייל — מידע, שלעפעריקע, פאַרלאַנגווייליקטע — פאַלן איינער אויפן אַנדערנס אַקסל, דורשטיקע נאָך שלאָף. שוין צייט חדשים און חדשים, ווי עס גייען־אַן די דעבאַטן, און וועגן וואָס, אייגנטלעך, ווייסט מען נישט. מען האָט געזאָגט, אַז ווען מ׳וועט דעם צאַר אַראָפּוואַרפן, וועט מען די סאָלדאַטן פונעם פראָנט אַהיימשיקן, ערד צו די פּויערים צעטיילן. און דאָ האָט מען שוין דעם צאַר אַראָפּגעוואָרפן און אויפן פראָנט שלעפּט מען נאָך, און פון קיין ערד הערט מען נישט. פאַרמיאָוסט איז געוואָרן דאָס אַרומוואַלגערן און אַרומשלעפּן זיך איבער די שטעט. געגנוג שוין דאָס הוליען און הולטאַיען, עס בענקט זיך אַהיים, צום אייגענעם דאָרף, צום אייגענעם פעלד, צו דער אייגענער משפחה. צו די אייגענע בהמות. און דאָ האַלט מען אין איין רעדן און רעדן, קריגן און אַמפּערן זיך, און אויסגלייכן קאָן מען זיך נישט. אַז דער טייוול זאָל דאָס אַלעס כאַפּן!...

אַנדערע פּנימער זענען אויפגעלעבטע, נאַאיווע, קוקן פאַרלוירן מיט בהמהשע בליקן, ווילן פאַרשטיין, ווילן באַנעמען. אין עפּעס־וואָס גייט עס דאָך, עפּעס מוז עס דאָך זיין, אויב עס איז געקומען דערצו, צו אַ ברי־

דער־קריג. און וועגן וואָס גייט עס דאָך? דער טייוול וועט עס נישט באַנעמען.

אנדערע פּנימער זענען באַלעבטע, צעהיצטע. דער שוויים רינט פון די צוגעקלעפּטע, געדיכטע, שטעכיקע האָר אויפן קליינעם שטערן, די נאָז־לעכער צעשפּרייט, אָטעמען טיף. דאָס מויל איז אויפגעריסן, מיט צונג און ציין ארויס. מען שרייט עפּעס, און מען ווייסט נישט וואָס.

אנדערע, שטילע, זאַפּן אין זיך אַלץ אריין, ווי א שוואָם, הערן זיך צו מיט א רעליגיעזער תמימותדיקייט און שאָקלען־צו מיטן קאָפּ. א־דערע זענען גאָר שוין ווי צעממיתט פון די פאַרשידענע ווערטער, וואָס ווערן געוואָרפן פון אויבן, פון דער פּלאַטפאָרמע, ווי זיי וואָלטן געווען שטיינער, אין קאָפּ געזעצט. יעדעס וואָרט טרעפט, ווי געצילט פון א ביקס. און דער האָט געטראָפן, און יענער האָט געטראָפן: דער האָט רעכט, און יענער האָט רעכט. נאָר ווי אזוי דאָס וועט זיין, ווייסט מען נישט. און פון צוזאמע־געקוועטשטע לייבער זעצט א היץ, אז דאָס העמד קלעפּט זיך דיר אויפן רוקן. איינעם גאָרגל א ז טרוקן, דאָס מויל איז פאַרקלעפּט פון שלעכט־אויסגעבאַקענעם, פייכטן ברויט, פון שלעכטע, פעטע קאשע און פון בלויז „קיפּיאַטאָק“, ווייל קיין טיי איז נישטאָ גענוג. וואָלט כאָטש א שלוק וואַסער געווען ארונטערצושווענקען דאָס טייגעכץ!

נאָר הערן מוז מען. עס איז דאָך נויטיק צו וויסן. עס האנדלט זיך דאָך וועגן עפּעס וויכטיקס. אז דו קאָנסט עס נישט פאַרנעמען, איז עס נאָך קיין באַווייז נישט. מען שלאָגט זיך דעריבער, מוז עס דאָך יאָ עפּעס זיין. נאָר וואָס? דער טייוול ווייסט. און דאָ דער געשטאַנק, און די היץ נעמט דיך ארום אזוי ווי דו וואָלטסט אין אן איבערגעהייצטער באָד געווען.

און דאָרטן אויבן, אויף דער פּלאַטפאָרמע, אין דער נישע־בינע, אונטער די טיכער, זיצן זיי, אייגענע און פרעמדע, סאָלדאַטן און ציוויל־געקליידעטע. א סאָלדאַט פונעם זעקס און פופציקסטן פּולק, וואָס איז אין קרעמל, און מאַטראָזן צוויי. הינטישע זין, די מאַטראָזן. פון זיי קומט דאָס אַלץ ארויס. נאָר קלוגע יונגען, זיי באַנעמען אן עסק, ווייסן וועגן וואָס עס גייט. און ציווילע, מיט אַרבעטער־העמדלעך און נישט־געשוירע:ע בערד. נאָר די גוטע יאָר ווייסן זיי, די ציווילע. אז זיי רעדן, וועסטו עס נישט באַנעמען, און אַלעמאָל זענען זיי הייזעריק. דער טייוול זאָל זיי נעמען!

און אָט שטייט ער, דער ציווילער, מיט דער פלאַכער ברוסט. וואָס

ער רעדט, קאָנסטו נישט הערן. דאָס קול איז ווי אין א פאַס אריין, הייזע־ריק ווי אַן אָפּגעצוואָגענער קאָטער. און טאָמער דערגייט שוין יאָ צו דיר א וואָרט, קריכט עס פון האַלדז: נאָך אמאָל „די רעוואָלוציע אין געפאַר“, „מיט די בריסטן זי צו באַשיצן“. פון וואָס פאַרא בריסטן רעדט ער? וואָלט עס כאָטש א נקבה געווען, וואָלט זיך געוועז געלוינט צו הערן פון בריסטן. אזוי קומט עפּעס אויס ווי א שטעקן אין א ברעט אריין. צום טייוול!

אַלע ווילן זיי פון דיר דאָס לעבן. צוערשט האָבן זיי גערופן צו באַ־שיצן דעם צאַר, דערנאָך דאָס פאָטערלאַנד, און איצט — די רעוואָלוציע. און ד, אז דו וועסט אוועקגעבן דאָס לעבן, ביי וואָס־זשע וועסטו בלייבן? די רעוואָלוציע קאָן דיך נישט נאָכאמאָל געבוירן.

— שווייג, הינטישער זון! דו הערסט נישט וואָס מען זאָגט צו דיר? די „ווייסע“ ווילן דיך שיקן אויפן פראָנט, און די לאָזן נישט. די זאָגן: גיי נישט, מען באַדאַרף נישט, גענוג מלחמה.

— וואָס קומט מיר אַרויס, אז די הייסן מיר אַרויסגיין אויף דער גאַס, אַרונטערשטעלן זיך אונטער די פּולעמיאָטן פון די „ווייסע“? וואָס איז דער חילוק ווו איך וועל געפינען מיין טויט, דאָרט צי דאָ?

— און דו, הינטישער זון, אז דו וועסט נישט גיין אויף דער גאַס, וועלן קומען די „ווייסע“ און דיך שיקן אויפן פראָנט. פאַרשטאַנען? און די לאָזן נישט. די זענען דאָך פון אונדזערע. א באָלשעוויק רעדט איצט, פאַר־שטאַנען?

— כאַפּט זיי אַלע דער טייוול! אויף איין בוים באַדאַרף מען זיי אַלע אויפהענגען, אי קערענסקין, אי לענינען, און די אַנדערע יידן. עשאַלאָנען באַדאַרף מען נעמען און אין די דערפער צוריקפאָרן. ערד באַדאַרף מען געבן — און זיי רעדן אַלץ וועגן רעוואָלוציע, אז עס האָט שוין דערעסן. הייליקער קריסטוס! דער טייוול זאָל זיי אַלע כאַפּן!

— מאַכט אים שטיל. ער האָט געטרונקען, צי וואָס, דער הינטי־שער זון?

— ער האָט דען נישט רעכט? וואָס ברייען זיי אָן? געזאָגט, אז די רעוואָלוציע וועט קומען, וועט מען דיך אהיימשיקן און דיר ערד געבן. צו וואָס האַלטן זיי דאָ אין שטאָט נאָך אונטער דער ביקס? און קיין ערד זעט מען אויך נישט. הינטישע זין זענען אַלע.

די ביינער זענען ביי זיי געווען אָנגעוואַקסענע, און די פּנימער טרוי־

עריקע. די גרויע אויגן האָבן פון זייערע קעלבער־לעכער אַרויסגעקוקט האַלב־פאַרחלומט, האַלב־פאַרצווייפלט. נישט פון איין זעלנערישער ברוסט האָט זיך אַרויסגעריסן אַ טיפער קרעכץ, צוהערנדיק זיך צו דער הייזע־ריקער, שרייענדיקער שטים פון רעדנער.

— אַז דער טייוול זאָל זיי אַלע נעמען!

— שווייג שטיל, לאָז הערן! — זאָגט אַ מיטליעריקער זעלנער מיט אַן אָנגעשטרענגט פּנים פון שווערן פאַרנעם, וואָס קוקט אַרויס פון אַ רונדיק־שטעכעדיקער באָרד און אַ ווילד־באַוואַקסענעם קאָפּ האָר.

— וואָס וועסטו הערן, אַז פאַרשטיין וועסטו סיי־ווי־סיי נישט.

— העי, חבר, זאָג אונדז, וואָס איז דאָס אַזעלכעס באָלשעוויקעס? — האָט זיך געהערט אַ וזייט אָפּגעלייגטע שטים פון אַ ווינקל אַרויס, — און דער פרעגנדיקער קייעט דערביי אַ שטיק שוואַרץ ברויט.

צוערשט האָט די דאָזיקע פראַגע אַרויסגערופן פאַרפרעמדונג און פאַר־וווּנדערונג. דער רעדנער איז צעטומלט געוואָרן אויבן אויף דער פּלאַט־פאָרמע, אַזוי אויך אַ טייל פון עולם. פאַר פאַרוווּנדערונג האָט מען נישט געקאָנט ענטפערן.

— עי, דו פערדישער קאָפּ! דאָס זענען דאָך באָלשעוויקעס! מיר זע־נען דאָך אויף אַ באָלשעוויסטישער פאַרזאַמלונג, — האָט ווער אָפּגעענט־פערט דעם פרעגנדיקן.

— דאָס ווייס איך. איך בין אַליין אַ באָלשעוויק. נאָר וואָס אַזוינס עס זענען די באָלשעוויקעס, דאָס האָט אונדז נאָך קיינער נישט געזאָגט. וואָס ווילן מיר און וואָס ווילן זיי?

די פראַגע איז געווען ווי אַן אַראָפּגענומענער חרם. מיטאַמאָל האָבן אַלע דערפילט, אַז מען מעג פרעגן, און עס האָבן זיך שוין געהערט שטי־מען פון אומעטום:

— דאָס איז ריכטיק. זאָל אונדז דער חבר איינמאָל פאַר אַלעמאָל דערקלערן, — זאָגט ווייטער אַ צווייטער, אַ נידעריקער, וואָס מען זעט אים קוים אַרויס פון די סאָלדאַטן-אַקסלען, — וואָס אַזוינס איז אַ באָל־שעוויק?

דער רעדנער איז געווען אַ טיפּישער אינטעליגענט, אַ מענטש, וואָס איז ערשט צוריקגעקומען פון אויסלאַנד, אין פרעמדלענדישער קליידונג מיט אַ שמוציקן קאָלנער און קראַוואַט, — און ער איז זייער בלייך גע־

וואָרן. די פראַגע האָט אים זייער צעמישט. ער האָט געפּרוווט ווייטער רעדן, נישט פאַר די סאָלדאַטן, נאָר פאַר די חברים, וואָס זענען געזעסן אויף דער פּלאַטפאָרמע.

די זעלנער האָבן אָנגעהויבן צו ליאַרמען, און ער האָט געמוזט פאַרלאָזן זיין רעדנער־אָרט.

די דאָזיקע סומאַטאָכע האָט אויסגענוצט דער קענגערישער צד. דער קריגס־קאָמיטעט, ווי געזאָגט, איז נאָך דענסטמאָל, ביים אָנהייב פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, באַשטאַנען פון געמישטע רעוואָלוציאָנערן. עס זענען נאָך געווען אין אים „עסערן" און „מענשעוויקעס", כאָטש זיי זענען שוין געווען כמעט ווי אַרויסגעשטופּט. און כאָטש עס זענען שוין געגאַנגען קאַמפן אויף די גאַסן צווישן די פאַרשידענע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, האָבן זיי נאָך געפּרוווט צו פאַרנעמען בשותפותדיקע פּלאַט־פאָרמען.

אויף דער פּלאַטפאָרמע פאַר די סאָלדאַטן האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אַן „עסערישער" רעדנער, אַ שוואַרצער ברונעט, אַ הויכער מיט אַ צעפּלאָ־שעטער. גערדיכטער טשופּרינע, מיט אַ שוואַרץ, שפּיציק בערדל „אַלאַ טשערנאָוו", ווי עס איז דענסטמאָל געווען די מאָדע צווישן רעוואָלוציאָ־נערן. זיין פּנים איז געווען מיט רויטע, געזונטע באַקן און צופרידענע, לאַכנדיקע אויגן, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געווען גענערט פון רעוואָלוציע און וואָלט פון איר געוואַקסן אין דער ברייט און אין דער לענג. די צו־פרידנקייט פון זיין פּנים איז נישט בלויז געווען צוליב דער „גוטער צייט", אין וועלכער מיר לעבן, נאָר זי האָט אים אַרויסגעשטראַלט פון זיינע איי־גענע מעלות...

ביי זיין דערשיינען האָט זיך אויפגעהויבן אַ גוואַלד און אַ ליאַרעם פון פאַרשידענע זייטן, סיי מצד דער פּלאַטפאָרמע, סיי מצד דעם עולם: „פאַרקויפטע נשמה", „קאַדעט", „ווייסער גוואַרדיסט", „קאָנטר־רעוואָלו־ציאָנער", און נאָך אַנדערע גוטע נעמען. אָבער עס האָט אים נישט גע־אַרט. אדרבא, די דאָזיקע נעמען האָבן אים געחנפעט. עס האָבן זיך שוין געריסן הענט צו אים, מיט הענט אים געפּרוווט אַראָפּשלעפּן פון דער פּלאַטפאָרמע. אָבער ער האָט זיך, אַ שמייכלדיקער, געוועדט, און נישט געלאָזט זיך פאַרטרייבן פון זיין אָרט.

דער טייל פונעם סאָלדאַטישן עולם, וואָס האָט באַלאַנגט צו זיין צד,

האָט אים אונטערגעשטיצט און געפּאָדערט, אַז מען זאָל אים לאָזן רעדן, הערן, וואָס ער האָט צו זאָגן. אַנדערע האָבן געפּאָדערט אים אַפּצורוימען. אין דעם דאָזיקן רויש און רעש האָט ער זיך נישט געלאָזט שטערן. ער האָט גערעדט מיט אַן אויסערגעוויינלעך שרייענדיקער שטימע, וואָס האָט שליסלעך באַזיגט דעם ליאַרעם פון עולם.

גערעדט האָט אַזוי ווי ער האָט געדאַרפט רעדן, אַזאַ צעפּרידענער, מיט אַ לאַכנדיקער שטימע, און ביי יעדן זאַץ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט שמייכלענדיק דעם עולם אין פּנים אַריין. אַזוי ווי ער וואָלט געוואַרט אויף באַוווּנדערונג. ער האָט געשאָקלט פאַר באַגייסטערונג מיט זיין טשופּרינע, אַן אַנטציקטער פון דעם זאַץ, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט. אַזוי גרויס און שטאַרק, ווי ער איז געווען, האָט ער נאָר באַנוצט פאַרקלענערונגס־ווערטער. זעלנער האָבן ביי אים נישט געהייסן קיין זעלנער, נאָר „זעלנערלעך", און חברים — „חברימלעך"

און אַזוי געזונט און קרעפטיק, ווי דער מאַן האָט אויסגעזען, האָט ער געהאַט אַ פאַרגאַנגענהייט, וואָס וואָלט געקאָנט אַוועקלייגן אַ ראָטע סאָלדאַטן. עס האָט עפּעס אויסגעזען, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געבאָרט מיט רעוואָלוציע. אַ רעוואָלוציאָנער מיט אַן אומדערהערטער טעראָריסטישער פאַרגאַנגענהייט. אַליין האָט ער געשטאַמט פון דער העכערער באַאַמטן־שאַפט. האָט ער זיך נאָך אין די סטודענטישע יאָרן אָנגעשלאָסן אָן דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פון זיין פּאַרטיי.

יאָרן־לאַנג האָט ער געלעבט אַלס איינפּאַכער „איזוואָזשטשיק" אין מאָסקווע, אין פּעטערבורג, ווו ער פלעגט פון זיין וועגעלע באַאָבאַכטן די טעגלעכע געוווינהייטן פון די מיניסטאָרן און העכערע באַאַמטע, וועלכע זיין פּאַרטיי האָט פאַרמשפּט צום טויט. אויף זיין וועגעלע פלעגט ער איבערפירן באָמבעס דינאַמיט און אַנדערע אויפרייס־מאַטעריאַלן. אַמאָל פלעגט ער זיך אויך פאַרשטעלן פאַר אַ פּרוכט־הענדלער און אַרומגיין איבער די גאַסן. יאָרן און יאָרן האָט ער אַזוי אָפּגעלעבט, גערעדט און געשאָלטן זיך מיטן פּראָסטן פאָלק, געוווינט אין נאָרעס, אין לעכער, געהיטן זיין פערד־און־וועגעלע און געווען פאַררעכנט צווישן די בעלי־עגלות, ווי אַ גוטער באַלעבאָס.

ער האָט פאַרגעסן דאָס אינטעליגענטישע לשון, די מענטשלעכע קליידונג. ער איז געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ פינצטערן פאָלקס־מענטש, ביז

ער איז ענדלעך אריינגעפאלן אין סיבער, פון וואנען עס האט אים באַפרייט די פעברואר־רעוואָלוציע. קוים אָבער איז ער געקומען אהיים און געפונען די זייניקע ביי דער מאכט, האט ער געהאט דאָס געפיל, ווי ער וואלט אָנגעטון א פראק און א צילינדער אויף זיינע רעוואָלוציאָנערע קליידער.

עס זענען ערגעץ־ווו פארשוונדן די סאָציאַליסטישע אידעאלן, פאר וועלכע ער האט געקעמפט זיין גאנץ לעבן, און עס איז איבערגעבליבן דער געטרייער זון פון זיינע עלטערן, די באאמטע. יאָ, די ליפן האבן נאָך געפלאפלט אוים געוווינהייט: „די ערד — צו די פויערים, די פאבריקן — צו די ארבעטער". אָבער דאָס איז געווען א פרומער ווונטש, וועלכן מען באדארף אָפּליינען אויף בעסערע צייטן, ווען משיח וועט קומען. „משיח וועט קומען" האט געהייסן — נאָכן זיג פון דער מלחמה. פארלויפיק האט ער נאָר געזען „רוסלאנד", אין פאטריאָטישן זין, וואָס וואלט אים ווייניקוואָס אפּגעטיילט פון זיינע עלטערן, פון א סאראטאָווער אָדער אן אנדערן גובערנאטאָר. ער האט אָבער, לויט זיין טראדיציע, און לויטן גייסט פון דער צייט, געקאָנט איינהילן זיין פאטריאָטיזם אין א רעוואָלוציאָנערן מאנטל. ער איז געווען אן אָנהענגער פון „קריג ביז צום זיג" — ווי יעדער אנדערער פאטריאָט, פאר דער „גלאָריע פון פאָטערלאנד". נאָר אָנשטאָט „פאָטערלאנד", האט ער באנוצט דאָס וואָרט „רעוואָלוציע" און האט געהאט גענוג מוט צו פארטיידיקן דאָ, אויף דער פארזאמלונג, זיין שטאנדפונקט.

— אין א צייט, ווען אונדזערע ליגן אין די פייכטע גריבער און פארהאלטן מיט זייערע לייבער דעם שונא פון איבערטרעטן די טירן פון דער רעוואָלוציע, שפּילט איר זיך הינטער זייערע רוקנס אין אוואנטורעס, כדי צו העלפן דעם שונא אריינצוברעכן צעמישונג אין אונדזערע רייען! — האט ער געדונערט מיט זיין שטים.

— אָך, דו פארשאָלטענער! פארוואָס גייסטו נישט אליין אין די גריבער פארהאלטן דעם שונא?!

— מיר זענען געגאנגען, מיר זענען געגאנגען! — האט ער געדונערט. — ווען איר זענט נאָך געלעגן אין די וויגן, זענען מיר געגאנגען מיט טעראָר! — און ער האט אויפגעהויבן זיין שטים צו אן אומדערהערטן פאטאָס, ווען ער האט אויסגערופן: — פונקט אזוי ווי דער טע־

ראַר איז געווען נויטיק פאַר דער רעוואָלוציע, אַזוי איז איצט די מלחמה נויטיק פאַר דער רעוואָלוציע. מיינט נישט, אַז עס איז אונדז געווען אַזוי ליכט צו גיין מיט טעראָר. אונדז האָט געעקלט דערפון, און מיר זענען געגאַנגען, ווייל עס איז געווען אַ נויטווענדיק שלעכטס. דאָס זעל־בע איז איצט מיט דער מלחמה. געווים איז מלחמה אַ פאַרברעכן, נאָר אַ פאַרברעכן, וואָס מיר מוזן באַגיין, כדי צו ראַטעווען די רעוואָלוציע. קיין זאַך קאָן אונדז נישט אָפּשרעקן פאַר דער רעוואָלוציע. נישט דער טעראָר אַמאָל, נישט די מלחמה היינט. מיר זענען נישט קיין פּאַציפיסטן פאַר יעדן פּרייז. מיר זענען רעוואָלוציאָנערן.

— וואָס פאַרא רעוואָלוציאָנער ביסטו, אַז דו הייסט אונדז גיין אין מלחמה? אַ פאַררעטער ביסטו, נישט קיין רעוואָלוציאָנער!

— פאַררעטער!

— אויף וועמען שרייסטו „פאַררעטער"? דו ווייסט, ווער עס שטייט פאַר דיר? ווען דו ביסט נאָך ארומגעלאָפן אין די מייטקעס, האָט ער שוין געוואָרפן באָמבעס, — האָט זיך אָן אַנהענגער אָנגענומען פאַר אים.

— יאָ, באָמבעס האָט ער געוואָרפן, נאָר ווען עס איז געקומען צו עפּעס, איז ער אַליין צום צווייטן צד אריבערגעלאָפן.

אין דעם האָט אַ מאַן מיט אַ גלאַנציקן קאָפּ, וואָס איז געזעסן אויף דער הויפּט-פּלאַטפאָרמע, הינטערן טיש, צו עמיצן אַ שטומען ווונק געגעבן. אַ מאַטראָז האָט זיך אויפגעהויבן פאַרן עולם און זיך אָנגערופן:

— חברים, וואָס איז די פּעולה פון רעדן? בשעת ער שטייט פאַר אייך, זיצן זיינע שוין מיט די צאַריסטישע אָפיצירן און יונקערס אין דער שטאָטישער דומע און גרייטן צו אַן איבערפאַל אויפן פּראָלעטאַריאַט. איז עס אַזוי, אָדער נישט?

אומזיסט האָט זיך דער רעדנער געריסן עפּעס צו זאָגן. צוויי שטאַר־קע אָרעמס האָבן אים אָנגענומען און אַראָפּגעפירט פון דער פּלאַטפאָרמע. אין זאַל איז געוואָרן אַן אומדערהערטע אויפרעגונג און סומאַטאָכע.

אויף דער פּלאַטפאָרמע, הינטער דעם טיש, איז געזעסן דער חבר רישקאָוו מיט זיין אויסערגעוויינלעכן גרויסן קאָפּ, וואָס איז געווען אָפּגע־גאָלט און האָט געגלאַנצט אינעם עלעקטרישן ליכט, ווי אַן אָפּגעשייער־טער טאָפּ.

די גאַנצע פאַרזאַמלונג קען חבר רישקאָוון. ער זיצט און בייסט זיך

די נעגל פון די קורצע הענט און זאָגט קיין וואָרט נישט. ער איז נישט קיין רעדנער, חבר רישקאָוו, נאָר אַ הערער. חבר רישקאָוו הערט זיך איין און רעגט זיך נישט אויף. קיין איין מוסקול באַוועגט זיך נישט אין זיין פּנים, ווי די גאַנצע פאַרזאַמלונג וואָלט אים גאָרנישט אָנגעגאַנגען. פון צייט צו צייט שרייבט ער נאָר עפּעס אָן אויף אַ שטיקעלע פּאַפּיר און שאַרט עס צו גלייכגילטיק צום חבר בוכאַנין, וואָס זיצט אויף דער צווייטער זייט טיש.

פונקט אַזוי ווי חבר רישקאָוו איז אַ רואיקער און קוקט זיך אום גלייכגילטיק מיט זיינע קאַלטע, רואיקע אויגן אויף די פאַרזאַמלטע סאָלדאַטן, אַזוי איז חבר בוכאַנין אַ נערוועזער. זיין גאַנצער קערפּער באַשטייט פון איין בינטל פאַרטריקנט-געוואָרענע נערוון, וואָס מען האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין אַ צו גרויסן, אומגעלומפּערטן פרעמדלענדישן שוואַרצן ראָק. אַן אויסגעדרייטער און פאַרשטייפטער הויכער האַלדז ציט זיך אַרויס, ווי ער וואָלט פון דראָטן געדרייט געוואָרן, פון אַ שמוציקן שטייפליגענדן קאַלנער. חבר בוכאַנין האַלט אין איין פאַרשרייבן מיט אַן ענערגישן, אומרואיקן דריקן מיטן בליישטיפט אין אַ נאָטיץ-ביכל. דערביי קנייטשט ער איין זיין אויסגעטריקנט פּנים, אַז עס ווערט ווי אַ צוזאַמענגעקאַרטשעטער שוואָם. חבר בוכאַנין האַלט אין איין צורעכטמאַכן זיין פּענסנע, וואָס האַלט אין איין ציטערן אויף זיין דינער נאָז.

איצט, ווען דער עולם האַלט אין איין ליאַרעמען צוליב די רייד פונעם סיבירישן רעדנער, קוקט זיך דורך שטום, מיט אַ טרוקענעם בליק, חבר רישקאָוו מיטן פאָרזיצער.

דער פאָרזיצער איז אַ לעטישער סאָלדאַט מיט אַ פינצטער פּנים און אויסגעלאָשענע אויגן. אויף דעם טונקל-בלויעלעכן קאָליר פון זיין באַקןהויט און די גרויע קעלבער-לעבער, אין וועלכע עס שטעקן זיינע קאַרע אויגן, ליגט אויסגעגאָסן דער גאַנצער אומעט פון זיין וואָכעדיק לעבן. כאָטש עס איז היים דערשטיקט צו ווערן, טראָגט דער פאָרזיצער אַ שווערן זעלנערישן ניי-אויפגענייטן מאַנטל, וואָס איז נישט צוגעשניטן צו זיין מאָס, וואָרים ער האָט צוגעדעקט זיינע פיס און זיך נאָכגעשלעפּט נאָך זיינע טריט.

דער פאָרזיצער האָט פאַרשטאַנען דעם חבר רישקאָווס ווונק און האָט פאַרגעשטעלט פאַרן עולם דעם טעאָרעטיקער פון דער פּאַרטיי, דעם

חבר בוכאנין. ביים אויסרופן דעם נאמען שטילט זיך דער עולם איין מיט א גרויסן, ענטוזיאסטישן אויסברוך מיט א הענט־פאטשן, הורא־אויסרופן, באגריסט מען דעם פארדינסטפולן טעארעטיקער פון דער פארטיי. דער ענטוזיאסטישער עמפאנג טויט־אפ די פראטעסטן פון אנדערן צד. א שטימע הייבט־אן צו זינגען דעם „אינטערנאציאנאל". דער גאנצער עולם זינגט מיט.

ענדלעך האט דער עולם זיך בארואיקט און איינגעשטילט א שטילער הוסטן, דער עולם גרייט זיך צו הערן און באנעמען די סאלדאטן שטרעקן־אויס זייערע נאאיווע קעפ, ווי די שעפסן, געגארט צו באנעמען ענדלעך די באלשעוויסטישע תורה פון דעם טעארעטיקער און רעוואלוציאנער, כדי זיי זאלן ווייסן איינמאל פאר אלעמאל וואס דאס איז אזוינס דער באלשעוויזם, פאר וועלכן מען דארף גיין מיט די ביקסן ארויס אין גאס און דאס לעבן אוועקלייגן.

לאנג האט נאך דער נידעריקער, איינגעקארטשעטער מענטש אויסגעקנאקט זיך די פינגער, אויסגעהוסט און אנגעזאמלט אביסל פייכטקייט אין מויל. ער האט ארויסגענומען דאס נאטיץ־ביכל פון טאש, ארייננגעקוקט און האט אנגעהויבן.

זיין שטימע, ווי ביי די אנדערע, איז געווען הייזעריק, נאר, ווי ער איינגאנצן, איז זי אויך געווען א נערוועזע, א קוויטשענדיקע. אין דער הייזעריקייט האט דאס קוויטשען געסוויסטשעט, ווי דאס זעצן פון דאמף דורך א רער.

אנגעהויבן האט ער נישט מיט די „לעניניש טעזיסן", ווי דער פארזיצער האט אין זיין רעדע געזאגט נאר מיט די מארטאווע, און אנגעהויבן האט ער פון ערשטן טאג אן פון דער שפאלטונג אויף דעם לאנדאנער צוזאמענפאר. ער האט אנגעוויזן, אז מארטאווס טעזיסן נייגן־אפ פונעם ריכטיקן מארקסיזם און האלטן נישט אויס קיין קריטיק פון „היסטאריש־מאטעריאליסטישן שטאנדפונקט"...

דער זעלנערישער עולם, וועמען עס איז געווען וויכטיק צו ווייסן, פארוואס מען רופט אים אין קאמף, פארוואס מען הייסט אים פולעמיאטן נעמען און ארויסגיין אויף דער גאס און שיסן אין הייזער און מענטשן — פאר אים איז דער באלשעוויזם נישט געווען קיין טעאריע, נישט קיין דיסקוסיע פון טעזיסן. ביי אים איז עס געווען א בלוטיקע נויטווענדיקייט

פון טויט און לעבן. און וואס איז דאס ווידער די דאזיקע נויטווענדי־קייט, פאר וועלכער מען הייסט אים זיך שטעלן אונטער דעם פייערדיקן רעגן פון א שונא, דא אין דער הויפטשטאט פון זיין אייגענעם לאנד, פון זיינע אייגענע מענטשן? ער וואלט פארשטאנען, ווען מען וואלט אים גע־ווען געזאגט: „גיי ראבעווען, נעם־צו, וואס עס קומט דיר אונטער דער האנט". אבער דאס, וואס איז דא געזאגט געווארן, איז אים אויסגעקור־מען ווי פוסטע ווערטער, וואס לײדיקגייער, וועלכע האבן נישט וואס צו טון האבן אויסגעטראכט, און צוליב וועלכע מען שלאגט זיך ארום. פאר פוסטע ווערטער הייסט מען אים זיין יונג לעבן אוועקלייגן, וואס ער האט עס נאר קוים ארויסגעראטעוועט פון די פייכטע גריבער פון פראנט. וואס איז דאס פארא טייוול?

דאס זעלנערישע געדולד, וואס טראגט אזוי אונטערטעניק זיין גורל, האט אנגעהויבן צו פלאצן, און עס האט ענדלעך אנגעהויבן צו רעוואל־טירן:

— צום טייוול לענין, צום טייוול מארטאוו, צום טייוול טעזיסן! דו זאג אונדז פארוואס הייסטו אונדז דאס לעבן אוועקלייגן? דאס, וואס אונדז איז נייטיק! — האט אן אומגעדולדיקער, אויסגעמוטשעטער סאל־דאט אויסגעשריגן.

זיין אויסגעשריי איז געווען אנשטעקנד. דאס דאזיקע געשריי האבן דערפילט די פארבלוטיקטע הערצער פון די אנדערע סאלדאטן, און עס האבן זיך שוין געהערט אנדערע געשרייען:

— וואס פייניקט איר אונדז? פארוואס הייסט איר אונדז מיט די ביקסן שיסן? זאגט אונדז, פאר וועמען? און פארוואס?

פון אומעטום האט זיך געהערט א מורמלען, וואס האט אנגעזאגט אויף נישט גוטס. פון אומעטום האט מען זיך גענומען צו דער פלאטפארמע.

דער חבר בוכאנין איז געשטאנען א פארלוירענער, און נאאיוו, מיט צוקנדיקע אויגן און ציטערנדיקע, בלייכע ליפן ארומגעקוקט זיך פאר־וואונדערט, נישט געוווסט וואס דא קומט פאר, פארוואס קאכט זיך דער עולם.

בחנם האט דער פארזיצער גערופן זיך איינצושטילן. פארזיכערט, אז דער חבר וועט זיך מיען צו רעדן העכער און פארשטענדלעכער, דער זעל־

נערישער עולם איז שוין ארוים פון צוים. זיי האָבן נישט געוואָלט מער הערן.

דער פאָרזיצער האָט געקוקט קאַלט אויפן חבר רישקאָוו. חבר רישקאָוו, אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען, איז געווען פאַרנומען מיט אַ גלייכגילטיקן באַקוקן זיך די קורצע, אָפּגעביסענע נעגל זיינע. דער פאָרזיצער האָט געוווסט וואָס דאָס מיינט: „אָפּוואַרטן, לאָזן זיך אויסשרייען“.

דער חבר בוכאַנין איז צוריקגעגאַנגען צום טיש, צוקנדיק אַלץ מיט די אויגן און באַוועגנדיק מיט די אַקסלען. און פּלוצים איז עמיצער אויסגעוואַקסן אויף דער פּלאַטפאָרמע אויף חבר בוכאַנינס אָרט.

אַ געמורמל איז דורך צווישן דעם עולם, ווי אַ פּליושקען פון וואַסער.

— זעט, ווער עס שטייט אויף דער פּלאַטפאָרמע! — און דער עולם האָט מיט פאַרווונדערונג דערזען דעם חבר אַנאַטאָל.

דער פאָרזיצער־סאָלדאַט, אין זיין לאַנגן מאַנטל האָט אָנגעקוקט דעם חבר רישקאָוו. רישקאָוו האָט אַלץ זיך געהאַלטן אין איין באַטראַכטן זיינע נעגל. דאַן איז צוגעגאַנגען דער פאָרזיצער צום שטייענדיקן חבר און אים דערמאָנט מיט אַ טרויעריקער שטימע:

— חבר, איר האָט נישט איצט דאָס וואָרט.

— לאָזט אים רעדן, לאָזט אים רעדן! — האָבן זיך געהערט איינצלנע שטימען.

— פּאַררעטער! יודאַש! — איז דער זאַל פאַרהילכט געוואָרן מיט אויסרופן.

קאַפּיטל 6

מיטן ווייבערשן כוח

דער מענטש איז אָבער געשטאַנען ווי צוגעשמידט צו זיין אָרט און געלאָזט פאַלן איבער זיך די דאַזיקע זידלערייען. ער האָט אָנגעקוקט די, וואָס האָבן אים געוואָרפן די דאַזיקע ווערטער אין פּנים, און דערביי האָט ער נישט אויפגעהערט צו שמייכלען איבער זיי מיט דעם ביטולדיקן, פאַראַכטנדיקן שמייכעלע, וואָס איז געשטאַנען אויף זיינע פאַרקרימטע ליפּן.

— שוויַג, דו היַנטישער זון! וויסט וועָר עס שטייט פאַר דיר? דאָס איז דער חבר אַנאַטאָל!

— און וואָס פאַר אַ מורינו איז ער מיר, אַז ער איז דער חבר אַנאַטאָל?

— ווו ביסטו געווען ביז איצט? ער איז געווען אין סיביר, האָט פאַר דיר געהיימע פּראָקלאַמאַציעס געדרוקט. דו ווייסט, וועָר עס איז, דער חבר אַנאַטאָל?

— און איצט איז ער צום אַנדערן צד איבערגעלאָפן.

— מיט זיין רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט כּשרט ער נאָר די פאַר-רעטער. מיט זיין כּשר חזיר־פּיסל שטאַרקט ער דעם שונא. אַראָפּ! אַראָפּ!

עס איז ווידער געוואָרן אַ סומאַטאָכע צווישן דעם זעלנערישן עולם. עס ווייזט־אויס, אַז דער צוויַיטער צד האָט נאָך געהאַט געניג אַנהענגער צווישן די סאָלדאַטן, וואָרים אַרום דעם חבר אַנאַטאָל האָט זיך באַלד אָנ-געקליבן אַ קרענצל סאָלדאַטן און ציוויליע, וואָס האָבן צו אים קיינעם נישט צוגעלאָזט.

דער זעלנערישער פאָרזיצער האָט געקוקט אויפן חבר רישקאָוו. דער חבר מיטן גלאַנציקן קאָפּ האָט איצט פאַרכמורעט זיין פּנים און עפּעס צוגעווונקען.

— מיר גיבן איצט דאָס וואָרט דעם פאָרשטייער פון די מענשעוויי-קעס, דעם חבר אַנאַטאָל, — האָט דער זעלנערישער פאָרזיצער אויסגערופן.

דער רעדנער האָט זיך געמיט צו רעדן הויך. כאָטש זיין שטימע, ווי יעדע אַנדערע, איז געווען טויט־הייזעריק. די ערנסטקייט פון זיין פּנים, די ערנסטקייט פון דער שטים האָט געוווּנען פאַר אים באַלד אַ בכבודע אויפמערקזאַמקייט.

ער האָט אָנגעהויבן מיט דעם:

— די רעוואָלוציע האָט נישט אַרויסגערופן די מלחמה, די רעוואָלו-ציע האָט איבערגענומען די מלחמה בירושה צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע פּלאָגן פונעם אַלטן צאַרישן רעזשים. געוויס באַדאַרף מען ליקווידירן די מלחמה. אָבער ווי אַזוי?

— וועָר אַ באָלשעוויק, נעם אַרויס אַ פּאַרטיי־ציעטל! — האָט איך אַ שטימע צוגערופן.

ער האָט זיך נישט געלאָזט פּראָוואָצירן און האָט וויַיטער גערעדט.

— די מלחמה צו פאַרענדיקן ליגט נישט אין אייער מאַכט. איר וועט

זי פארענדיקן, אנדערע ווידער וועלן זי אנהייבן, דאס קאן נאר טון די גרינדונגס־פארזאמלונג, ווו גאנץ רוסלאנד וועט זיך ארויסזאגן.

— דעמאקראט! — האט אים ווער געזידלט.

— מיט דעם וועט איר מיך נישט אפשרעקן, — האט דער חבר אנאטאל געשמייכלט. — און דורך דעם, וואס איר וועט ארייננעמען וואסער אין אייערע אייגענע קאנאלן, וועט איר נאך נישט ברענגען דעם שלום. צו א שלום דארף מען האבן ביידע צדדים. ווען אונדזערע וועלן אנטלויפן פון פראנט און אויפעפענען די טויערן, וועט דורך זיי אריינקומען נישט דער שלום, נאר די דייטשע מיליטאריסטישע פויסט. אנשטאט דער רוסישער נאגאיקע וועלן מיר האבן די דייטשע שווערד, ניין, נישט דעם שלום מיינט איר. איר ווייסט גאנץ גוט, אז עס איז נישט אין אייער מאכט אים צו ברענגען. איר רעדט וועגן שלום און גייט טון עפעס אזעלכעס, וואס זאל צעפלאקערן דעם בלוטיקסטן ברודער־קאמף.

— קאנטער־רעוואלוציאנער!

— לאזט הערן, א מענטש רעדט.

— ניין, נישט דעם שלום מיינט איר. וואס איר מיינט — איז די סאציאלע רעוואלוציע, וואס איר ווילט ארייננשמוגלען אונטער דער קאנטראבאנדע פון שלום.

— פראוואקאטאר! בלוט־דורשטיקער יונקערישער אגענט! שטעל דיך אליין אוועק אויפן פראנט הינטן דעם טויער. וואס שיקסטו די אנדערע?

— האט מען אים אנגעהויבן צוצושרייען.

ער איז אבער ווייטער געשטאנען. פילע פון זיינע ווערטער און אויספירונגען זענען פארשטומט געווארן אין די געשרייען און איבעררייסענישן. דא און דארט האט מען געהערט א פראזע: „דער נס פון דער צווייטער זייט איז נישט געקומען". אבער די שטימען און פראטעסטן האבן נישט אויפגעהערט:

— ווייסער, קאדעט, יונקערישע רייד, בלוט־דורשטיקער!...

חבר אנאטאל איז געשטאנען א בלייבער און געלאזט איבער זיך שיטן די אלע זידל־ווערטער. דרייסט און ארויספאדערנדיק האט ער געקוקט דעם צעהיצטן עולם אין פנים אריין, און אויף זיינע ליפן האט נישט אויפגעהערט צו שפילן דאס שפאטישע געלעכטערל. זיין טיפער ערנסט, זיין

אויסגעהאלטנקייט, זיין בלייך געזיכט האָבן געקעמפט פאַר אים, און א טייל שטימען פון זיינע אָנהענגער האָבן איינגעשטילט די שרייער:

— באַרואיקט אייך! וואָס איז עס, א קאַבאַק?

— שווייגט! דרך־ארץ פאַר א רעוואָלוציאָנערן מאַרטירער! — האָט מען געררופן פון זיין צד.

חבר אַנאַטאָל האָט ווייטער גערעדט. זיין שטים איז געוואָרן העלער, איינדרוקספולער.

— עס איז נישטאָ קיין לייכטערע זאַך, ווי צו זיין א רעוואָלוציאָנער אין דער צייט פון א רעוואָלוציע. עס איז נישטאָ קיין לייכטערע זאַך, ווי אייך נאָכצוגעבן וואָס איר ווילט. איך באַק נישט קיין לעקעכלעך! — האָט ער אויסגעשריגן. — און פון מיר זאָלט איר זיי נישט דערוואַרטן! מיר זענען האַרט־הויטיקע, און מיר שרעקן זיך נישט.

דער עולם האָט זיך איינגעשטילט.

— מיר באַטראַכטן נישט די רעוואָלוציע פאַר אן אוואַנטורע, פאַר א שפּיל, וואָס וועט יאָ געלינגען אָדער נישט. א רעוואָלוציע איז נישט קיין לאָטעריע, נישט קיין טרעף. א רעוואָלוציע קומט, ווייל זי מוז קומען, און קומט זי, מוז מען זי אין שטאַרקע הענט אַריינגעמען, נישט אויף דער גאַס פאַר יעדן שאַרלאַטאַן זי אַרויסוואַרפן, — האָט ער שוין איצט גע־דונערט. — דאָס, וואָס איר ווילט מאַכן — איז אַן אַוואַנטורע. איר ווייסט עס אַזוי גוט ווי מיר, — ווענדט ער זיך צו די זיצנדיקע אויף דער פּלאַט־פאָרמע. — די גאַנצע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור באַשעפטיקט זיך דער־מיט, ווי אַזוי איבערצוגיין פון דער קאַפּיטאַליסטישער צו דער סאָציאַ־ליסטישער אָרדענונג — די עטאַפּן, וואָס זי האָט דורכצומאַכן, די וועגן, וואָס זי האָט איינצושלאָגן. און איר ווילט עס דורכפירן מיט א שפּרונג אין דער פינצטערניש. א שפּרונג אין דער פינצטערניש, — דאָס איז מיטן קאָפּ אין דער וואַנט. איר נוצט אויס דעמאַגאָגיש די אומוויסנהייט פון די מאַסן.

זיינע ווערטער האָבן געמאַכט אַן איינדרוק און געוווּנען פאַר אים אָנהענגער מען האָט עס באַמערקט אין דער שטימונג פון דעם זאַל. די חברים אויף דער פּלאַטפאָרמע האָבן זיך אָנגעהויבן דורכצוקוקן. ווידער האָט דער זעלגערישער פאָרזיצער געקוקט אויפן חבר רישקאָוו. חבר רייט־

קאַוו האָט עמיצן אַ קוויטל דערלאַנגט, און ווידער האָט זיך אויפגעהויבן דער מאַטראָז — און געשטעלט אַן אָפענע פראַגע:

— ווי ווערט איר זיך פאַרהאַלטן, חבר, אין איצטיקן קאַמף? מיט דער ביקס אין דער האַנט קעגן פּראָלעטאַריאַט? וואָס?

— דאָס הענגט־אָפּ פון דער שטעלונג, וואָס מיין פּאַרטיי וועט אָנ־נעמען, — שמייכלט זיך ארויס אַנאַטאָל פון דער אומאַנגענעמער סיטואַציע, אין וועלכער דער מאַטראָז וויל אים אריינגנאַרן.

— זעט, חברים, דעם רעוואָלוציאָנערן מאַרטירער! און אַז אייער פּאַרטיי, — ווענדעט ער זיך צום חבר אַנאַטאָל, — וועט באַשטימען צו גיין צוזאַמען מיט די יונקערס? איר זענט דאָך עפּעס אַ דעמאָקראַט? — זאָגט דער מאַטראָז מיט פאַראַכטונג.

— יאָ, איך בין אַ דעמאָקראַט, — לאַכט דער חבר אַנאַטאָל. — איך גלויב אין אָפּשטימונג. נאָר איך בין נישט קיין פּאַציפיסט פאַר יעדן פּרייז. און איך בין אויך נישט קיין דעמאָקראַט פאַר יעדן פּרייז.

חבר אַנאַטאָלס געשיקטער ארויסדריי פון דעם קלעם האָט ווידער צעמישט די פירער אויף דער פּלאַטפאָרמע. זיי האָבן אַלע געוואַנדעט זייערע בליקן צו דעם מאַן מיטן גלאַנציקן קאָפּ.

חבר רישקאָוו האָט גלייכגילטיק עפּעס אָנגעשריבן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר. נאָר ביים איבערגעבן האָט ער נישט געקאָנט פאַרהוילן זיין ענערגישע באַוועגונג מיט דער האַנט.

פּלוצים איז עפּעס־וואָס געשען:

אויף דער פּלאַטפאָרמע איז אַ פרויענצימער ארויפגעקומען. איידער וואָס און ווען, האָט זי זיך שוין געפונען אינמיטן ביי דער רעדנער־טריבונע.

אויף דער טריבונע איז געוואָרן אַ געשטופּעריי. עמיצער האָט דעם חבר רעדנער אָפּגעשטופּט, און אויף זיין אָרט איז געבליבן שטיין די חברטע.

— חברטע סאָפיע, חברטע סאָפיע! — האָט מען גערופן פון עולם.

דער זעלנערישער עולם האָט זיך נייגעריק אומגעקוקט און פאַר נייגעריקייט אָפּגעשטעלט די פּראָטעסטן און דעם ליאַרעם. זיי האָבן גאָר־נישט באַמערקט, ווי אַזוי חבר אַנאַטאָל איז פאַרשוואונדן. זייער אויפמערקזאַמקייט איז אינגאַנצן צוגעצויגן געוואָרן דורך דעם אָנבליק פון אַ ווייַ־

בערשער געשטאַלט אויף דער טריבונע, פון דער אַנטוויקלטער מיידלשער ברוסט, וואָס זעט זיך אַרויס פון דער אויפגעפּראַלטער לעדערנער קורטקע, פון די שטיקער האַלדז־און־לייב, וואָס רייסן זיך אַרויס פון דער צעלויזער ווייבערשער בלוזע, פון די טראָלדן האָר, וואָס פאַלן אַראָפּ איבער איר פּנים.

איר פּנים איז געווען אויסערגעווענלעך בלייך. פאַר אויפרעגונג האָבן די נאָזלעכער ביי איר געציטערט, די אָדערן אויף דעם דיקלעכן האַלדז האָבן זיך געשוויליק אויפגעבלאָזן, געציטערט, געשפּרונגען פון איין אָרט צום אַנדערן, אַזוי אַז מען האָט געזען, ווי אירע בריסטן הייבן זיך אונטער איר בלוזע. און מיט אַ מיידלש־העלער, נאָך פאַר אויפרעגונג ציטערנדיקער שטימע, האָט זי אָנגעהויבן, צוערשט מיט די הענט מער ווי מיטן קול, כאָטש אין אַ פרעמדלעך־קלינגענדיקן, נאָר דאָך אין אַ גוטן גימנאַזיע־רוסיש:

— חברים זעלנער! — און די ציטערנדיקע שטים פונעם מיידלשן קלאַפּנדיקן האַרץ, די אַרויסיערנדיקע העלע הויט פון איר אויפגעפּראַלטער לעדערנער קורטקע האָבן באַלד געוווּנען פאַר איר דעם זעלנערישן עולם, וואָס דאָס דערשיינען פון אַ מיידל אויף דער טריבונע האָט אין ערשטן אויגנבליק ביי אים געהאַט אַרויסגערופן הייטערקייט און אַ שטיפערישע שטימונג.

— חברים זעלנער! איר ווילט וויסן וואָס עס זענען אַזוינס די באָלשעוויקעס? באָלשעוויקעס — דאָס זענט איר, די געפּלאָגטע און געפּייניקטע רוסישע מאַסע, וואָס מען קאַטעוועט און קאַטעוועט פון דורות און דורות. צוערשט האָבן זי געשלאָגן די צאַרן, טשינאָווניקעס, נאַטשאַלניקעס. איצט — די פּאַטריאָטן, די מלחמה־העלדן. צוערשט האָט מען אייך געהייסן גיין אַוועקלייגן אייער לעבן פאַרן צאַר, און איצט — פאַרן פאָטערלאַנד. באָלשעוויקעס זענט איר, איר, אָרימע, געפּייניקטע, געשלאָגענע, איר, וואָס מען האָט אייך אָפּגעריסן פון אייערע היימען, פון אייערע מוטערס, פון אייערע ווייבער, פון אייערע קינדער, און אייך אַריינגעשטעקט אין מונדירן און אייך געהאַלטן פאַר יאָרן און יאָרן אין קאַזאַרמעס, אין פייכטע, נאַסע מלחמה־גריבער, אָן עסן, אָן קליידונג, אונטער דעם האָגל פון שונאישע קוילן. מען האָט אייך צוגעזאָגט ערד, און מען גיט זי אייך נישט. מען האָט אייך צוגעזאָגט פרייהייט, און מען שמייסט אייך

צוריק אונטער באַנגעטן אויפֿן פראָנט. מען יאָגט אייך אַן מיט רעוואָל־ווערן צו גיין אין אַטאַקעס אויפֿן דייטשן מיליטער, וואָס באַשטייט פֿון פּויערים און אַרבעטער, ווי איר, פֿאַר קיינעמס נוצן נישט, נאָר פֿאַר פּוסט־קייט פֿון ניי־געבאַקענע פּוסט־און פּאַסניקעס, וואָס ווילן ווערן העלדן מיט אייער בלוט. איר האָט פֿון דער מלחמה גאָרנישט צו געווינען. ווער עס וועט זי געווינען, איר וועט זי פֿאַרלירן. אייך וועט מען סיי־ווי־סיי האַלטן געשפּאַנט אינעם כאָמעט, צי דאָס וועט זיין אַ צאַר, צי דאָס וועט זיין אַ גענעראַל, צי דאָס וועט זיין אַ פּאַטריאָט! אַ טויט דער מלחמה! אַ טויט די פּאַטריאָטן!

דאָס וואַסער, וואָס האָט זיך געזאַמלט אין איר מויל, דאָס קלאַפּן פֿון איר האַרץ, די באַוועגונגען פֿון איר געהויבענער ברוסט, וואָס יעדע וויברירונג האָט זיך אַרויסגעזען פֿון איר געפּאָלדעוועט' ווייסן ווייבערשן קאַפּטן, האָבן געהאַלטן דעם זעלנערישן עולם געשפּאַנט ווי אין שנורן. זענען זיי מיט די אָפֿענע מיילער געשטאַנען צו איר אָנגעצווינגען.

עס האָט איר אויסגעפּעלט אָטעם, און זי האָט געמוזט איבעררהאַקן. די הפסקה האָט אַריינגעבראַכט אַן אָנגעלאָדענע שטימונג צווישן זעלנע־רישן עולם. די ווייבערשע שוואַכקייט האָט זיי גערירט. פֿאַר אויפֿרעגונג זענען פּנימער בלייך געוואָרן, אויגן האָבן זיך באַלעבט, נאָזלעכער און מיילער האָבן הויך געאַרבעט, אויפֿשעפּנדיק די הייס־אָנגעלאָדענע לופֿט.

געווים זענען עס געווען די מיידלשע הויכן, וואָס האָבן זיך געטראָגן פֿון דער געהויבענער, ווייס־בלענדיקער מיידלשער ברוסט, וואָס האָבן פֿאַרכישופֿט די סאָלדאַטן. געווים זענען עס געווען די טראָלדן האָר, וואָס זענען געפֿאַלן איבער אירע אויערן, איבערן מיידלשן נאַקן. געווים זענען עס געווען דער נאַקעטער מיידלשער האַלדז, די לייכטע, ווייסע מיידלשע הענט, וואָס האָבן די זעלנערישע לייב־און־לעבנס געזאַמלט און אוועקגע־טראָגן איבער אַלע ספֿקות און וואַקלענישן.

נאָר עס זענען דאָך געווען — די ווערטער, דער אייגענער גורל, וואָס האָט אַרויסגעצאַפּלט פֿון די דאָזיקע מיידלשע ווערטער, וואָס האָבן זיי געשניטן ווי רייפֿע זאַנגען צו אירע פֿיס.

— רעדט, חברטע! רעדט, רעדט! — האָט זיך אַ זעלנער צעשריגן.

— וואָס שרייסטו? דו זעסט דאָך! לאָז דעם אָטעם אָפּכאַפּן.

— העי, דערלאנגט איר וואסער. וואס זיצט איר אויבן ווי די גולמס? דערלאנגט איר וואסער.

— די מאנספארשוינען האבן נישט געקאנט עס דיר געבן צו פאר־שטיין, און א ספאדניצע האט עט ־יר געזאגט.

— זידל זיך נישט מיט ספאדניצעס. איינע אזעלכע איז דיר מער ווי א גאנצע בריגאדע.

— שטילט אייך איין, לאזט הערן!

— רעדט, חברטע, רעדט!

די חברטע האט געזאמלט לופט און האט ווידער אנגעהויבן, כאטש שוין אויסגעשפאנט אביסל, נאר מיטן זעלבן אימפעט.

— און דערנאך, אז איר וועט שוין האבן געוונען די מלחמה, יואס וועט איר האבן געוונען? דעם צאר צוריק, אייער קנעכטשאפט וועט איר האבן געוונען. ווער וועט קומען נאכן זיג? די רעוואלוציע? ניין, די גענעראלן וועלן קומען, די קארנילאוס, די רוסקים, זיי וועלן דעם צאר צוריק ארויפזעצן אויפן טראן. זעט ווי זיי באהאלטן אים אויס, ווי זיי פיעשטשען זיך מיט אים!

— זיי וועלן עס נישט דערלעבן! — האט א צעהיצטער סאלדאט געשריגן.

— אט איז דא געשטאנען א מענשעוויק און האט אייך געזאגט. — וואס האט ער אייך געזאגט? „גייט צוריק אויפן פראנט, פארהיט מיט אייערע לייבער דעם רוסישן טויער". פארוואס גייט ער אליין נישט? פארוואס שיקט ער אייך? ניין, זיי זיצן ביי זיך אין דיווארימע שטובן, און אייך שיקן זיי צום טויט. זיי ווילן אייער יונג לעבן אונטערברענגען, כדי אזוי ארום פון אייך פטור צו ווערן. די מלחמה איז פאר זיי א פייער־טאפ, אין וועלכן זיי שטעקן אריין די רעוואלוציאנערע כוחות, כדי דארט זיי אונטערצוברענגען, צוליב דעם באדארפן זיי די מלחמה. אלע: די קא־דעטן, די עסערן, די מענשעוויקעס — זיי אלע באדארפן די מלחמה, כדי אין איר צו דערשטיקן די רעוואלוציע.

— א טויט די פארראטער! צו דער וואנט זיי! — האבן זיך גע־הערט שטימען.

— חברים! — האט די ווייבערשע שטימע ווייטער גערופן. — אין צענטער האבן אנדזערע חברים אויפגעהויבן א דערפאלגרייכן ווידע־

שטאַנד. די מאַסן זענען נאָך זיי נאָכגעגאַנגען, און זיי האָבן פאַרנומען די מאַכט, פאַרטריבן די „פּראָוויזאָרישע פאַררעטער". איצט שטייען זיי אין קאַמף מיט די פאַררעטערישע גענעראַלן. דאָס זעלבע באַדאַרפן מיר טון, דאָ, אין מאָסקווע. מיטן געווער אין דער האַנט פאַריאָגן די שונאים פון פאָלק, פון אַלע מינים, און די גאַנצע מאַכט איבערגעבן צו די ראַטן.

— די גאַנצע מאַכט די ראַטן! הורא! — האָט זיך שוין געהערט אַ ווידערקול פון דעם גאַנצן זאַל.

אויף דער פּלאַטפאָרמע האָט מען זיך שוין געגרייט צו דער פּאַפּיקער רעזאָלוציע, און צו אַ נייעם באַשטאַנד פונעם רעוואָלוציאָנערן קריגס־קאָמיטעט, פון וועלכן מען האָט, פאַרשטייט זיך, — אויסגעשלאָסן די פאַררעטער.

די רעזאָלוציע, וואָס איז געווען פאַרפאַסט פון דעם מאַן מיטן איינגעקניייטשטן פּנים, און די נעמען פון די מיטגלידער פונעם נייעם סאָוויעט, וואָס איז איצט שוין באַשטאַנען אויסשליסלעך פון באָלשעוויקעס, זענען, צוליב פאָרמע, פאַרגעלייענט געוואָרן פאַרן אויפגעקאָכטן זעלנערישן עולם, וואָס האָט זיך נישט צוגעהערט צו זיי און זיי אַקצעפּטירט מיט אומאַנשטענדיקע אויסרופן אויפן חשבון פון די פאַררעטער. זיי איז שוין געווען אינגאַנצן גלייכגילטיק, וועגן וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט. זיי האָבן זיך געריסן צו מעשים.

צו דעם פריי־אָפּגעלאָזענעם מיידל, וואָס האָט זיך קוים מיט צרות אַרויסגעריסן פון די זעלנערישע הענט, איז איצט צוגעקומען מירקין. ער האָט זיך אַרויסגעשלייכט פון דעם זעלנערישן עולם. אין זיין קורץ־געשוירן בערדל האָבן זיך איינצלנע גראָע האָר באַוויזן. זיין פּנים, כאָטש אויסגעמאָגערט און בלייך, איז אָבער געווען אויסערגעוויינלעך באַלעבט, און אין זיינע אויגן האָט, מער ווי תמיד, געברענט אַן ענערגיש פייער.

— האָסט מיך געהערט?

— יאָ.

— וואָס שווייגסטו?

— עס געפעלט מיר, ווייל עס האָט געבראַכט די פּעולה. אָבער ליגנס דאַרף מען נישט זאָגן.

— ליגנס?

— נו, יאָ. אַזוי פּינקטלעך ביסטו דאָך ווידער נישט געווען, — שמייכלט ער.

— מיט קיין אַגדערע סברות וועסטו זיי נישט נעמען. מיט זיי דאַרף מען רעדן אין אַ שפּראַך, וואָס זיי פאַרשטייען. מיט קיין הענטשקעס וועסטו די רעוואָלוציע נישט מאַכן.

— מיט דעמאַגאָגיע אויך נישט.

— אָך, דו בורזשוק. ביז צו די טירן פונעם גובערנאַטאָרישן הויז ביסטו מיט אונדז דערגאַנגען, און ביסט נאָך אַלץ געבליבן ביי דיינע סענטימענטן.

— ס'זעט אויס, אַז איך וועל שוין אַזוי בלייבן. און דאָס, וואָס די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן ווילן זיי איבערגעבן אין די הענט פון די גענעראַלן, איז אויך נישט ריכטיק, — לייגט ער צו.

— דאָס איז שוין אמת. צי זיי וועלן יאָ וועלן, צי נישט, מיט זייער טאַקטיק וועלן זיי דערפירן דערצו, אַז די גענעראַלן וועלן פאַרכאַפּן די מאַכט, און דערנאָך וועלן זיי דיין טשערנאָוון מיט מאַרטאָוון אַליין שיקן צום טייוול. איינמאָל האָט זיך נישט איינגעגעבן, אַ צווייט מאָל וועט זיך איינגעבן.

און איך מיין, אַז די באָלשעוויקעס האָבן אַזאַ געדעכטע זאַך אין דער האַנט, אַז מען דאַרף גאָרנישט אָנקומען צו דעמאַגאָגיע. מען דאַרף דעם פאָלק זאָגן דעם אמת: אַז יענע ווילן פירן ווייטער דעם קריג, און די פרוכטן פון דער רעוואָלוציע אָפּלייגן ביז נאָכן זיג, און מיר זאָגן, אַז יעדער טאָג, וואָס מען האַלט די אויסגעמוטשעטע סאָלדאַטן אייפּן פראָנט, איז אַ זינד. דער קריג איז אַ פאַרברעכן, נישט נאָר בלויז קעגן מענטש, נאָר ער איז אַ טויט־אורטייל פאַר דער רעוואָלוציע.

דו מיינסט, אַז דו האָסט צו טון מיט אינטעליגענטן?

ווי זיי שטייען און רעדן, אַזוי קומט־צו דער חבר אנאַטאָל. פון זיינע קרומע ליפּן איז נאָך נישט פאַרשוווּנדן דער אומאָנגענעמער שמייכל, און ער זאָגט צו דער חברטע סאָפיע:

איך גראַטוליר אייך, חברטע. אייערע אַרגומענטן זענען נישט געווען צו באַזיגן.

חברטע סאָפיע איז רויט געוואָרן

וואָס מיינט איר, חבר?

— איך מיין, פאַרשטייט זיך, אייער טעמפּעראַמענט. ווער קאָן מיט אייך קאָנקורירן?

— וואָס רעכנט איר צו טון, חבר אנאטאָל? — פרעגט אים מירקין.

— איך גיי, און איר?

— איך בלייב, — ענטפערט־אָפּ מירקין רואיק.

— אויך איר, מירקין? — זאָגט דער חבר אנאטאָל אין א שפּאַסיקן טאָן.

— יאָ, אויך איך, — באַשטעטיקט מירקין.

דער אומאנגענער שמייכל אויף חבר אנאטאָלס ליפּן איז איצט נאָך ביטערער געוואָרן. ער האָט עפּעס געלאָזט פאַלן א וואָרט „איך האָב זיך מיר אזוי געטראַכט”.

און מירקין און די חברטע סאָפיע האָבן נאָכגעקוקט, ווי אַן אַלטער, איינגעהויקערטער מאַן, דעם קאָפּ אריינגענומען אין זיינע אקסלען, גייט אוועק פון זיי. אויף זיין רוקן ליגט דער גאַנצער עול פון דער קומענדיקער, אומבאַוווּסטער צייט. אזוי שווער, האָט זיך געדוכט, טראָגט ער זיין רוקן.

קאַפּיטל 7

מען גרייט זיך

קוים האָט די סאָלדאַטישע פאַרזאַמלונג אָנגענומען די פייערדיקע רעזאָלוציע, אין וועלכער עס איז געקומען צום אויסדרוק איר סאָלידאַריטעט מיטן פּעטערבורגער פּראָלעטאַריאַט, האָט מען זיך גלייך פאַרנומען מיטן אָרגאַניזירן אַן אויפשטאַנד אין מאָסקווע.

די, וואָס זענען נישט געווען איינפאַרשטאַנען מיט דער רעזאָלוציע האָבן פאַרלאָזט דאָס הויז. א צוויי־דריי וואַקלדיקע מענשעוויקעס זענען נאָך איבערגעבליבן וואַרטן ביז מאָרגן. אָבער די גרויסע מערהייט סאָלדאַטן האָבן זיך געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פונעם נייעם „רעוואָלוציאָנערן קריגס־קאָמיטעט”. זיי זענען שוין איבערגעבליבן אין גובערנאַטאָרישן הויז. מיט זיי איז אויך פאַרבליבן מירקין און, זעלבסטפאַר-

שטענדלעך, אויך חברטע סאָפיע, וועלכע איז נישט געווען קיין אַנדערע ווי זאָשקע הורוויץ. די נאַכט איז מען שוין מער נישט געגאַנגען צו זיך אַהיים שלאָפן.

דאָס גאַנצע גרויסע גובערנאַטאָרישע הויז איז פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין איין גרויסן, לעבעדיקן קערפּער. דער קאָפּ, דער שׂכל, איז גע־זעסן אויבן, אויף די אויבערשטע עטאַזשן, אין פאַרשידענע צימערן, אין די פאַרשידענע קאָמיטעטן. חבר רישקאָוו מיטן „אויספיר־קאָמיטעט" זע־נען געווען אין גובערנאַטאָרס קאַבינעט. אין די גרויסע זאַלן אונטן זענען געווען די אבֿרים פון דעם קערפּער, זיינע הענט און זיינע פיס. יעדעס מאָל האָט זיך פון אויבן באַוויזן אַן אַנדערער חבר מיט אַ געשריבן פּאַפּיר אוועקגענומען אַ פּאָר סאָלדאַטן, עטלעכע רויטע גוואַרדיסטן פון די באַ־וואַפנטע אַרבעטער, און פאַרשוווּנדן ערגעץ־ווו אויף אַ געהיימען אופן.

חבר בורשאַנאָוו, דער פּאָרזיצער, דער סאָלדאַט מיטן שווייגנדיקן, טרויעריקן פּנים און לאַנגן זעלנערישן מונדיר, איז אַרומגעגאַנגען צווישן די סאָלדאַטן — כמעט אָן אַ וואָרט, נאָר מיט שטומע בליקן זיי צעשטעלט אויף פאַרשידענע פּאָסטנס ביי די טירן פון די קאַבינעטן, ווו עס זענען פאָרגעקומען די זיצונגען, ביי אַלע אַריינגאַנגען, ביי אַלע טויערן.

ער איז אויך אַרומגעגאַנגען צווישן דעם גרויסן אָנגעלאָפענעם עולם, מיט וועלכן עס איז געווען פול דאָס הויז. ער האָט אויסגעפרעגט, ווער עס וויל בלייבן, און זייטיקע האָט ער אַוועקגעשיקט.

דאָ איז געווען חברטע איזמאַילאָווע, מיט אַ פּנים פון אַ הויזלע־רער, הייליקער מאַנאַשקע, מיט איר אינטעליגענטיש אויסזען. זי איז גע־ווען אין גוטן בירגערלעכן שוואַרצן אָנטועכץ, אַרויפגעקנעפּלט ביז צו דער גאָמבע, מיטן ווייבערשן זיידענעם ווייער־פּרענזעלע, פאַרשטאָכן אפילו מיט אַ דיסקרעטער שפּילקע. זי האָט אַ רואיקע, מיט גוטער אויפ־מערקזאַמקייט זיך געפּאָרעט אַרום דער באַלעבאָטישקייט פון הויז מיט אַ כאַליאַסטרע אינטעליגענטע און פּראָסטע פּויערשע פרויען, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען חברטע סאָפיע.

זי האָט נאָכגעקוקט אין די קאַמערן, אין די מאַגאַזינען וויפל עס געפינט זיך מעל, ברויט, קאַשע, גריץ און אַנדערע פּראָוויאַנטן. מען האָט פון ערגעץ־ווו באַקומען ליילעכער, וועלכע מען האָט צעריסן אין פּאַסן און געוויקלט פון זיי באַנדאַזשן. זי האָט נאָכגעקוקט אין דער הויז־אַפּ־

טייק. אומעטום האָט מען אוועקגעשטעלט סאָלדאַטן מיט ביקסן. זי האָט די וויבער, די אינטעליגענטע און די פויערשע, צעשטעלט אויף שטעלן און יעדער געגעבן איר ארבעט. אַ זעלנער, וואָס האָט פונדערהיים געקאָנט מאָלן, האָט געריסן שטיקער זיידנס פון די ווענט, שוין אומגעשטערט, און מיט אַ צונויפגעבונדן, היימיש געמאַכטן פּענזעלע אויסגעשריבן מיט טינט אויף די שטיקער רויטע זיידנס פאַרשידענע ווונטשן, פאַרלאַנגען, לאָזונגען און נעמען פון קאָמיטעטן. דערביי האָט ער יעדן לאָזונג באַמאָלט מיט בילדלעך פון דער אייגענער פאַנטאַזיע.

און אויבן איז געזעסן דער קאָפּ, דער חבר רישקאָוו. דורכן טעלעפאָן האָט ער גערופן, גערעדט, באַפוילן: דעם 193סטן פּולק, וואָס איז געווען באָלשעוויסטיש, האָט ער אריינגעשיקט אין קרעמל, כדי דאָרט מיט איי־גענע, מיטן 56סטן, צו פאַרכאַפּן דעם ארסענאַל. דער נאַטשאַלניק פון קרעמלער ארסענאַל, אויך אַן אייגענער מענטש, וועט ארויסגעבן געווער צו באַוואָפענען דעם פּראָלעטאַריאַט.

ער האָט גערופן די ארבעטער פון די פאַרשטעט, צעשיקט חברים אין קאַזאַרמעס פון אָרטיקן גאַרניזאָן אריבערצוברענגען די חברים סאָל־דאַטן, וואָס סימפּאַטיזירן מיט די באָלשעוויקעס. די אַרטילעריסטן זע־נען כמעט אינגאַנצן אונטער דער באָלשעוויסטישער השפעה. דאַרף מען זען זיי ביינאַכט אויפצוועקן און זיי אריבערפירן מיט די האַרמאַטן צום „רעוואָלוציאָנערן קריגס־קאָמיטעט”. נאָר דער עיקר דאַרף מען זען ארויס־צוקריגן ביקסן פון קרעמלער ארסענאַל — וואָס מער ביקסן, קוילן, מאַ־שין־געווער, קליינע פּולעמיאָטן, וואָס שנעלער און וואָס מער איבערנאַכט אריבערפירן אין גובערנאַטאָרישן הויז.

— פאַרוואָס גייט עס אַזוי לאַנגזאַם? קאָן מען נישט באַמעכטיקן דעם מאַניעזש און ארויספירן פון דאָרטן אויטאָמאָבילן?

— ניין, דער מאַניעזש איז באַזעצט מיט עסערישע קאָזאַקן. אַן בלוט־פאַרגיסונג וועט עס נישט גיין.

— ניין, ניין, אויסמיידן יעדן צוזאַמענשטויס, כדי נישט אויפ־מערקזאַם צו מאַכן דעם שונא. אויף די פּלייצעס אריבערפירן וואָס מער, וואָס שנעלער, אין דער שטיל. אויסמיידן יעדע אויפמערקזאַמקייט.

— ניין, נישט אין „גובערנאַטאָרישן” — גלייך אין די ראַיאָנען!

— באַפעלט חבר רישקאָוו.

ציען זיך שוין שאָטנס אין דער טונקעלער נאַכט איבער דעם רויטן פּלאַץ, געדריקט צו די ווענט, מיט אַמוניציע, ביקסן, פון דעם קרעמלער ארסענאַל. ביז צום סקאָבעלעווער פּלאַץ ציט זיך איין שרענגע נאָך דער אנדערער פון באַלאָדענע שאָטנס.

דאָ צעגייט מען זיך אין ראַיאָנען. מען קריכט אויף דעכער, אין באַ־האַלטענע בוידעם-שטיבער. די גאַנצע שטאָט איז פול מיט באַוועגלעכע שאָטנס. אין גובערנאַטאָרישן הויז איז אַ שטענדיקע באַוועגונג. מען גייט און מען קומט!...

עס הערט זיך אַ קלאַנג פון צונויפגעבונדענע ביקסן, וואָס פאַלן אריין אין די מאַגאַזינען ביים שיין פון עלעקטרישע טאַשן-לעמפּלעך. באַלד שטעלן זיך אוועק שטאַרקע, באַוואָפנטע פּאַטרולן — דאָס געוועער צו היטן. עס פאָרעט זיך און מיט זיך די חברטע סאָפיע. איר פּנים איז צעהיצט. זי האָט אראָפּגעוואָרפן פון זיך די לעדערנע קורטקע, דעם רעוואָלווער מיט דער רויטער שנור — איבער דעם אויפגעפּראַלטן ווייַ־בערשן ברוסט-קאַסטן, — די שנור טאַנצט ארום אויף די אויפגעברויזטע, באַוועגלעכע ברוסט-עפּל, וואָס מען פילט ארויס פון דער ווייסער, ווייַ־בערשער בלוזע. מיט די באַהענטשקעטע הענט, מיט די טראָלדן האָר אי־בער די פלאַמענדיקע אויערן, לויפט זי ארום פון איין שטעל צו דער אנדערער, דאָ ארויף צום „אויספיר-קאָמיטעט", דאָ אראָפּ מיט אַ פּאַפּיר אין דער האַנט. דעם חבר האָט זי גערופן אין אַ זייט, אים אָנפּאַרטרויט עפּעס. דאָרטן איז אַ גרופּע סאָלדאַטן, וואָס האָבן מיט אינטערעס דער־וועקטע פּנימער, שטייט זי און רעדט עפּעס, מאַכט צו מיט אירע הענט, און איר גאַנצע לעבעדיקע, יאָגנדיקע מיידל-פיגור טאַקעוועט-צו ענערגיש צו אירע ארגומענטן.

אָ, זי איז אין איר עלעמענט, די חברטע סאָפיע, — ווי מען רופט זי דאָ. דער מאַמע רחל-לאהס טאָכטער. אויף דעם האָט זי אויסגעוואַרט יאָרן און יאָרן, אויף דער דאָזיקער נאַכט. האַלט זיך אין איין באַוועגן, אין איין קאָכן זיך, אומעטום ברענגט זי אריין איר אָנגעגליטע, רחל־לאהשע ענערגיע. דאָ איז זי אין די קעלערס, אין די קיכן, צווישן די סאָלדאַטן-קובערס. זי נעמט-אויף חשבון מיטן „הויז-קאָמיטעט" וועגן פּראָוויאַנט. זי זאַמלט איין דאָס זעלנערשע ברויט, וואָס די סאָלדאַטן ברענגען מיט זיך, כדי קאָמונעדיק צווישן זיך צו צעטיילן. מען וויַיסט

נישט, ווי לאנג מען וועט דא דארפן בלייבן. אפשר וועט מען דא אויס־הארן א באלאגערונג?

אין א מינוט ארום איז זי שוין ביי די הויפישע קאשארן, ווו חבר בורשאנאוו טיילט אויס מיטן ארסענאל־אויפזעער געווער צו א גרופע סאלדאטן, רויטע גווארדיסטן, וועלכע מען צעשיקט אויף אויסשפירן אין ראיאנען. און באלד פליט זי שוין איבער די טרעפ ארויף צו די שרייב־מאשינען, אויפצושרייבן א באפולמעכטיקונג פאר א גרופע סאלדאטן, וואס ווילן מיטן אייגענעם ווילן גיין אין זייערע קאזארמעס און אפשלאגן זייערע חברים פון די עסערישע קאמאנדירן און זיי ברענגען אין גובער־נאטארישן הויז. און אט קלאפט זי שוין און אפילו אין קאבינעט פון „אויספיר-קאמיטעט" מיט דער גרויסער בשורה: א פאר צענדליק „דווינס־קער" זענען געקומען, ארבעטער פון מייכאראווקער פארשטאט!

אומעטום איז זי איבעריק, אויף קיין שום ארט דארף מען זי נישט. אן איר גייט דורך די ארבעט, נאר אומעטום ברענגט זי אריין א קאכנדיקן שטראם, איר אנגעגליטע ענערגיע.

אין דעם דאזיקן הויז פון אנגעצויגענער ענערגיע דרייט זיך ארום חבר מירקין, ווי א גייענדיקער אין וואלקנס. ער וואקלט זיך אויף די פיס, ווי אין א חלום. אלצדינג קומט אים פאר ווי עס וואלט יא זיין און נישט זיין. ער פארשטייט יא און פארשטייט נישט. ער ווייסט יא, וואס ער טוט דא, און ווייסט עס נישט. אינעם קאפ קלאפט א געדאנק:

„דער קאמף דער לעצטער, דורך די לעצטע". און ער האט געזען אנקומען די „לעצטע".

עס זענען געווען די יונגע ארבעטער, וואס האבן זיך אנגעהויבן צו זאמלען אין דער דאזיקער טונקעלער נאכט אין גובערנאטארישן הויז פון די קעלערס, פון די לעכער פון דער הייליקער מוטער רוסלאנד, פון די ווייטע פארשטעט פון מאסקווע. פריש פון די פאבריקן, זענען זייערע פנימער, זייערע הענט געווען שווארץ פון רויך און סאזשע, מיט בא־שפריצטער הויט פון די אייזן־גיסערייען. די אויוון־הייצערס זענען גע־קומען מיט נאקעטע שטאל־גלאנציקע לייבער אונטער זעק, — אין אר־בעטער-קורטקעס. ווייל־יונגעריש האבן זיך ארויסגעריסן די קודלעס טשופרינעס פון אונטער די אפגעריסענע היטלעך. אין די שטארקע אברים האט זיך געזאמלט די קאמף־ענערגיע.

אנדערע פנימער, שוין אויסגעלאָשענע מיט אומגעלומפּערטע גע־שוואָלענע גופים פון וואטערדיקער קארטאָפל־נארונג, זענען מיטאמאָל געוואָרן באלויכטן מיט א שלאכט-אַנזאָגנדיקן מעטאל־גלאנץ, באלעבט פון דער אָנגעצויגענער אטמאָספערע פון דעם דאָזיקן הויז. אין זייערע מיט קאמף־לוסט אָנגעגאָסענע, נאקעטע אָרעמס זענען געווען ארייגגע־טון ביקסן און געווער־שטיק, און עס איז געווען אזוי ווי די דאָזיקע אײ־זערנע כלי-זין וואָלטן ארייגגעגאָסן אין זייערע גופים נייע נקמה־כוחות. טייל פון זיי האָבן געקושט די ביקסן, אנדערע האָבן זיי געגלעט ווי כלות, געצערטלט זיי, געדריקט צו זייערע מעטאלענע הערצער.

אויף אלע פנימער האָט זיך אָנגעצויגן אַן ערנסט און א פייערלעכ־קייט. נאָר די אויגן האָבן נישט אויפגעהערט צו גלאנצן מיט נקמה־ליכטער, וואָס זענען ווי עלעקטרישע פונקען געפלויגן פון איין פנים צום אנדערן, אזוי ווי עלעקטרישע שטראָמען וואָלטן זיך געווען אָנגעצונדן און אויסגעלאָשן אין דעם זאל.

מירקין האָט געזען, ווי דאָס גאנצע גרויסע גובערנאטאָרישע הויז זאמלט זיך אָן מיט עלעקטרישע כוחות, ווי פון לאנג שוין אָפּגעשטאָר־בענע, פון צער גרימאסנדיקע טויטע פנימער זענען צו תחית-המתים אויפגעשטאנען, און ווי עלעקטרישע וועלן האָבן אָנגעהויבן זיך צו זאמ־לען אונטער דעם באלקן פון דאָזיקן הויז. דורות און דורות צער און כעס, וואָס זענען אוממעכטיק אויסגעלאָשן געוואָרן אין ציין־קריצנדיקע קללות, האָבן באקומען א תיקון דאָ אין דעם זאל. די מיט טויט גלאנציקע אויגן און די מיט כוחות אָנגעלאָדענע אָרעמס, וועלכע האלדזן די ביקסן, — דאָס זענען מער נישט געווען קיין מענטשן. שאָטנס פון פארשמאכטע דורות זענען ארויסגעקראָכן פון זייערע פארגראָבענע לעבער פאָדערן א דערלייזונג און האָבן זיך פארפלייצט אין די מעכטיקע שטאָלענע אר־בעטער-לייבער. זיי, די שאָטנס, שיינען־ארוים פון זייערע אויגן מיט נקמה-פייערן, זיי זאמלען זיך אין די אָדערדיקע אָרעמס. זיי לאָדן זיך אָן אין זייער געווער. די נקמה בלוט. זי צעוואקסט זיך און ווערט רייף פאַר דעם גרויסן יום-הדין, וואָס דערנענטערט זיך און קומט־אָן.

א שרעק האָט אים ארומגענומען פאַר די דאָזיקע באוואפנטע שאָטנס, וואָס זענען געזעסן אין די טונקל-פארהילטע ווינקלען מיט דעם געווער צווישן די קני. זיי האָבן געדולדיק, אזוי ווי זיכער אין זייער קרבן, גע-

ווארט אויף דעם נקמה־מאָמענט. מיט די שאָטנס איז געזעסן די שטראָף, די שטראָף פאר דער זינד, וואָס הייסט „רוסלאַנד".

ער האָט פארשטאַנען זיין אָרט און זיין פּלאַץ דאָ, אין גובערנאַטאָרישן הויז. אויך ער איז פון די „לעצטע". זיין פאָלק וועט נאָר אויסגעלייזט ווערן אויפן לעצטן שלאַכטפעלד.

**
*

אַז עס האָט אָנגעהויבן צו גרויען, זענען די באַוואַפנטע שאָטנס איינגעשלאָפן, אויסגעמאַטערטע פון דער אָנגעהיצטער אַטמאָספערע, אין וועלכער זיי האָבן זיך דורך דעם טאָג געפונען. אָפּגעשפּאַנט פון וואַרטן אויף אַקטיוויטעט, זענען זיי געפאַלן אַזוי ווי זיי זענען געגאַנגען און געשטאַנען. אויף דער פּאָדלאָגע, אין שמוץ און שטויב, זענען געלעגן אויסגעצויגן סאָלדאַטישע גופים מיט די מונדירן און שטיוול, צווישן די בינטלעך אויפגעשטעלטע ביקסן. איינער האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויפן צווייטנס ברוסט, קני, רוקן, אָרעמס און געשמאַק, הויך און דורשטיק, מיט דער פולער ברוסט אריינגעטרונקען אין זיך דעם שלאָף. איבער די טישן זענען געלעגן די אינטעליגענטן. דאָ און דאָרט איז געווען אַ ווייבערשער גוף צווישן מענערשע לייבער. די אַרבעטער, מיט די ביקסן צווישן די קני, האָבן געדרעמלט אין די ווינקלען.

דענסטמאַל איז אַראָפּגעקומען פון די אויבערשטע עטאַזשן דער פּידער רישקאָוו. ער האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן די שלאָפנדיקע שאָטנס. אַ טרויעריקע גרימאַסע האָט זיין פאַרשלאָפנדיק, איבער נאַכט באַוואַקסן פּנים פאַרפינצטערט. ער האָט געטראַכט, גערעדט צו זיך אַליין:

— און דאָך זענען זיי נישט געקומען, נאָר יוגנטלעכע! מענלעכע אַרבעטער זעט מען נישט. פון סאָלדאַטן — אויך ווייניק. קיין איין האַרמאַט נישט געבראַכט! אַפילו די „דווינסקער" זענען נישט געקומען! און איך האָב געמיינט, אַז די שטאָט וועט זיך אויפהייבן איבער נאַכט.

ער האָט געקוקט אין די גרויסע פענצטער אַריין און צוגעגעבן טרויעריק:

— און דאָ גרויט שוין אויף מאָרגן.

**
*

נאָר פון דער צווייטער זייט איז מען אויך נישט געזעסן מיט פאַר־לייגטע הענט.

אויף צומאַרגנס האָט דער שטאָט־גאָלאָווא, ראַדינאָוו, פאַררופן אַן אויסערגעווענלעכע פאַרזאַמלונג אין שטאָט־דומע, צו שאַפן אַ „קאָמיטעט פאַר אַלגעמיינער זיכערהייט" אויף צו באַשיצן די מוטער רוסלאַנד פון די הענט פון די „בייזע כוחות".

עס האָט זיך אויפגעהויבן רוסלאַנד. דער אַלטער צאַרישער, צוויי־קעפּיקער אָדלער האָט ווידער געפּרוווט דאָס לעצטע מאָל זיינע פליגל צו פאַרשפּרייטן.

מען איז געקומען פון אַלע זייטן. רעכטע און לינקע האָבן זיך די הענט געגעבן אין דער פאַרזאַמלונג. אַלטע צאַרישע אָפיצירן, אויף וועמענס ליפּן עס איז נאָך נישט פאַרלאָשן געוואָרן דער צאַרישער הימן, האָבן זיך געשטעלט, אַקסל אין אַקסל, מיט רעוואָלוציאָנערע טעראָריסטן, וואָס האָבן באַשפּריצט די שטיינער פון דער שטאָט מיט דעם מאַרך פון גרויס־פירשטן און גובערנאַטאָרן דורך באָמבעס־אַטענטאַטן. זיי זענען געווען גרייט צו דעם קאַמף פאַר רוסלאַנד, וואָס מען האָט איצט — צוליב דער נייער צייט — פאַרשטעלט אונטער דעם נאָמען „רעוואָלוציע".

אַלע אָפיצירן פון מאָסקווער גאַרניזאָן האָבן זיך געשטעלט קאָמאַ־לוסטיקע אין רשות פונעם שטאָט־גאָלאָווא: אפילו סאָלדאַטן, וואָס זענען געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן, האָבן געשיקט דעלעגאַטן צו דער אויסערגעווענלעכער פאַרזאַמלונג; די יונקערס פון די שטאַטישע קריגס־שולן, קאַדעטן, צוזאַמען מיט סאָציאַליסטן־מענ־שעוויקעס, ערשט צוריקגעקומענע פון סיביר, סטודענטן, אינטעליגענטן.

פון דער פּראָווינץ אפילו האָבן אָנגעהויבן צו קומען כוחות, וועלכע דער שטאָט־גאָלאָווא האָט ארויסגעפאָדערט אַ טאָג פריער צו קומען העלפן מאָסקווע. מיט איין וואָרט, די גאַנצע שטאָט, גאַנץ רוסלאַנד איז געקומען.

די טאָן־געבנדיקע, די אָנפירנדיקע זענען אָבער געווען די רעכטע סאָ־ציאַל־רעוואָלוציאָנערן.

צו קיין שום פּאַרטיי פונעם רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד האָט זיך נישט אריינגעכאַפּט נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע אַזאַ ערב־רב פון פאַרשי־דענע עלעמענטן, ווי אין דער מחנה פון די העלדישע סאָציאַל־רעוואָלו־

ציאָנערן. געווים האָט דאָ מיטגעשפּילט זייער ראָמאַנטישע פאַרגאַנגענ־הייט. נאָר נאָך מער ווי דאָס, האָט געווירקט זייער ריין־פּאַטריאָטישע שטעלונג צום קריג.

נאָך אַלס רעוואָלוציאָנערן אין דער צייט פון צאַרישן רעזשים, ווען די דאָזיקע פּאַרטיי האָט אויסגעפירט די מוטיקסטע אַטענטאַטן אויף צארישע סאטראַפּן, האָט די קאַמף־אָרגאַניזאַציע, אַזוי גוט ווי די פּאַרטיי פון די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן, זיך געפילט ווי אַ מיליטעריש־נאַציאָנאַלע געהיימע אָרגאַניזאַציע, וועלכע באַקעמפט נאָר די אַליינהערשאַפט; אָבער נישט דאָס בירגערלעכע רוסלאַנד.

באַלד ביים אויסברוך פון דער רעוואָלוציע, ווען די פירער פון דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי זענען געוואָרן די אָנפירער פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג, האָט זיך די פּאַרטיי פאַרוואַנדלט, קאָן מען זאָגן, אין אַ פּאַטריאָטישער אָרגאַניזאַציע. די גוטע ווונטשן פון די סאָציאַליסטישע לאָזונגען האָט מען אָפּגערוקט אויף דער צייט נאָכן ענד־גילטיקן זיג. און די פירער פון דער פּאַרטיי זענען ארומגעפאָרן אויף די פראָנטן צו באַגייסטערן די סאָלדאַטן מיט פּאַטריאָטיש־סאָציאַליסטישע רעדעס צו גיין אין ברודער־שלאַכט אין נאָמען פון דער רעוואָלוציע.

איר ראָמאַנטיש־רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענהייט, איר מאַכט־באַזיצנדיקע קעגנוואַרט, האָט געמאַכט די פּאַרטיי פון די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן פאַר אַ גינסטיקן באָדן, וווּ עס האָבן געקאָנט געפינען זייער מקום־מנוחה פאַרשידענע עלעמענטן.

אין יעדן רוסישן מענטש, האָט ער אַפילו געמעגט באַלאַנגען צו די רעאַקציאָנערסטע קלאַסן, איז געלעגן טיף אין הארצן אַ דרך־ארץ פאַרן ליבעראַליזם, אַ קנאה צו דעם הייליקן לעבן, וואָס עס פירן די רעוואָלוציאָנערן. דאָס האָט אָן ספק גֿעשטאַמט פון דעם דואַליזם, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער רוסישער נשמה.

אַז די פעברואַר־רעוואָלוציע איז אויסגעבראָכן, האָבן אַפילו די, וואָס זענען ביז איצט אינגאַנצן געשטאַנען אויפן צד פונעם שטאַרקן, זיך אַוואַקל־געטון צו דער זייט פון די זיגער. דאָס איז זיי אויך נישט אָנגעקומען שווער: דער רוסישער מענטש האָט נאָר באַדאַרפט זיין נשמה איבער־דרייען אויף דער לינקער זייט, כדי באַלד אויסצוגעפינען, אַז ער איז אייגנטלעך שטענדיק געווען קעגן דעספּאָטיזם, און ער האָט פון תמיד אָן

סימפּאַטיזירט מיט דער רעוואָלוציע, און איז נאָר, צוליב דער אָדער אַנ־דערער סיבה, ביז איצט געשטאַנען פון איר פונדערווייטנס.

נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע איז מיט איינמאָל גאַנץ רוסלאַנד אַוועק צו די עסערן. גוט־אייגנזעסענע בירגער האָבן זיך אָנגעטון רויטע בענדער אויף די אָרעמס, זיי אויסגעשפּרייט איבער די בריסטן, און גע־גאַנגען שטראַלנדיקע איבער די פּעטערבורגער גאַסן, געפּלאַפּלט וועגן סאָ־ציאַליזם, ערד פאַרן פּויער, פאַבריקן פאַרן אַרבעטער, נישט קוקנדיק, צי דאָס איז פאַר אָדער קעגן זייערע אינטערעסן. אַ פּאַטריאָטישע שטימונג האָט געהערשט צווישן די בירגערלעכע סאָציאַליסטישע עלעמענטן. אַזוי האָט געווירקט פון איין זייט דער זיג פון דער רעוואָלוציע און פון דער אַנדערער זייט די פּוסטע אַמביציע צו באַווייזן דער וועלט, אַז ווען דער צאַרישער רעזשים האָט געהאַט נידערלאַגעס אויפן פראָנט, האָט די רע־וואָלוציע געהאַט אַ זיג. האָט זיך אָנגעהויבן אַ חברן זיך און אַ גרויסן זיך מיטן מיליטער אין רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד. אַלע האָבן זיך געוואָרפן צו זיין אָפיצירן. און מער פון אַלעמען האָט זיין הונגער אויף גלאַנצנדיקע שליפעס געזוכט צו שטילן דער יידישער בירגערלעכער עלעמענט פאַר וועמען עס איז אין די צאַרישע צייטן געווען פאַרשלאָסן אָט די גן־עדן־פרוכט.

די מיליטערישע שולן זענען געוואָרן איבערגעפּולט מיט דער יידי־שער בירגערלעכער יוגנט. יעדער מיליטערישער קנעפּל איז איינגעלאַדן געוואָרן אין בירגערלעכע הייזער. און אַזוי ווי פון דער צווייטער זייט האָט מען נישט געוואָלט זינדיקן קעגן דער רעוואָלוציע, וועלכער מען האָט די אַלע פרייהייטן צו פאַרדאַנקען, און זי איז די איינציקע באַשי־צערין, האָט מען, פאַרשטייט זיך, אַריינגענומען אין זיך די אַלע דאָ־מעס, די אַלע פּאָסטולאַטן פון דער פרייהייט.

אַזוי־אַרום איז אַרויסגעקומען עפּעס אַ מישמאַש פון מיליטערישע, פּאַטריאָטישע און סאָציאַליסטישע רעוואָלוציאָנערן, וואָס פון איין זייט האָט מען געוואָלט פירן ווייטער די מלחמה ביז צום לעצטן סאָלדאַט, צו פירן די סאָלדאַטן, — צי יאָ נוצלעך, צי נישט נוצלעך, — אויף אַטאַקעס נאָר פאַר דער „גלאָריע פון דער רעוואָלוציע”, און פון דער אַנדערער זייט האָט מען דורך די פרייהייטן פון דער רעוואָלוציע צעפירט יעדע מי־ליטערישע אָרגאַניזאַציע, צעבראָכן די זעלנערישע דיסציפּלין, און גע־

וואָלט מיט פּאַטריאָטישע פּאַפּירענע רעדעס צושמידן די סאָלדאַטן אין די נאַסע מלחמה־גריבער.

אָט פון אַזעלכע עלעמענטן זענען באַשטאַנען די מערסטע באַטייליקטע מיליטערלייט אין דער פאַרזאַמלונג, וואָס דער מאָסקווער שטאָט־גאָלאָווא האָט צונויפגערופן אין דער שטאָט־דומע צו באַשאַפן דעם „קאָמיטעט פון אַלגעמיינער זיכערהייט“, אַפּצוראַטעווען מאָסקווע פון דער באָלשעוויסטישער געפאַר.

נאָר אַזוי פּשוט איז עס נישט צוגעגאַנגען. קודם־כל האָט מען זיך אַרומגעאַמפּערט וועגן דעם, פון וועמען ער זאָל באַשטיין, דער קאָמיטעט — פון פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, אָדער פון מיליטערישע אינסטיטוציעס?

אַזוי ווי מען האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעבריט ביי קאָרנילאָוון, האָט מען מורא געהאַט צופיל זיך איבערצוגעבן אין די הענט פון די אָפיצירן און יונקערס. פון איין זייט האָט מען געוואָלט זיך באַשיצן קעגן די רויטע, דערביי אָבער האָט מען נישט געוואָלט זינדיקן קעגן דער רעוואָלוציע (אַריינפאַלן אין אַזעלכע הענט ווידער, וואָס ווען זיי וועלן זיגן, וועלן זיי פאַרכאַפּן די מאַכט).

האָט מען צוליב דעם אומצוטרוי, וואָס האָט געהערשט פון איין עלעמענט צום אַנדערן, זיך געאַמפּערט, געקריגט און געדונגען — ביז מען האָט ענדלעך איבערגעגעבן די אָנפירונג פון אַלע פּאַרטייידיקונגס־כוחות דעם עסערישן פּולקאָווניק קאַראַמצאָוו.

די כוחות פון דער פּאַרטייידיקונג זענען געווען אָן אַן ערך פּילצאַליקער, ווי די באָלשעוויסטישע. דאָ זענען געווען אַלע אָפיצירן פון גאַנצן מאָסקווער גאַרניזאָן, די שילער פון די אַלעקסאַנדרישע קריגבשולן, סטודענטן און אינטעליגענטן, אויך זעלנער פון אָרטיקן גאַרניזאָן, וועלכע זענען געשטאַנען אונטער דער עסערישער השפּעה.

נאָר פּולקאָווניק קאַראַמצאָוו איז געווען אַ טיפּישער ניי־געבאַקענער רעוואָלוציאָנער. ער האָט מורא געהאַט צו טון עפּעס אַ זאַך וואָס זאָל אים שלעכט פאַרשרייבן אין דער געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציע. ער האָט מורא געהאַט אַרויסצורופן אַ בירגער־קריג. האָט ער צוערשט געפּרוווט זיך דורכצורעדן דורכן טעלעפאָן מיטן צווייטן צד:

— חבר רישקאָוו, איך בין אייך מודיע, אַז איך האָב געלאָזט אַרומ־

רינגלען דעם קרעמל מיט מיליטערישע אפטיילונגען פונעם קאמיטעט פון „אלגעמיינער זיכערהייט”. מ'האט ביינאכט ארויסגעפירט פון קרעמלער ארסענאל געווער, איך קאן דאס נישט דערלויבן. יעדער פרווו דורכצו־שמוגלען געווער וועט ווערן אונטערדריקט. איך פאדער אייך אויף אין נאמען פון דער רעוואלוציע, אז איר זאלט אפרופן דעם 56סטן פולק און באפרייען דעם קרעמל וואס אייערע האבן היינט פרימארגן פארכאפט.

— חבר קאראמצאוו, איך פאדער אייך אויף אין נאמען פון דער רעוואלוציע, אז איר זאלט צונעמען די וואך פון די צארישע אפיצירן, וואס איר האט אויפגעשטעלט ביי די טויערן פון קרעמל. איר וועט זיין פאראנטווארטלעך פאר דער רעוואלוציע דערפאר, וואס איר האט אין דעם דאזיקן אחריותדיקן מאמענט נישט צוגעלאזט צו באוואפנען דעם פראלעטאריאט.

— חבר רישקאוו, איך מאך אייך אויפמערקזאם דערויף, אז דער פארטיידיקער פון דער רעוואלוציע בין איך. און איך וועל זיך אליין באגעבן אין קרעמל, כדי אויפצוקלערן די חברים־זעלנער די ריכטיקע סי־טואציע און ווער עס איז פאראנטווארטלעך פאר דער לאגע.

— ביטע זייער. איך ווארט אויף אייער טעלעפאן פון קרעמל, חבר קאראמצאוו.

און דער אנפירער פון אלע כוחות, וועמען מען האט איבערגעגעבן צו פארטיידיקן דאס מוטערל מאסקווע, האט זיך מוטיק אליין באגעבן אין רעוואלוציאנערן קרעמל, ווו ער איז באלד געגומען געווארן געפאנגען פון דעם באלשעוויסטיש־געשטימטן 56טן פאלק און מען האט אים אפילו געסטראשעט צו דערשיסן.

באפרייט האט אים חבר רישקאוו.

דער בירגער־קריג האט זיך נאך נישט געהאט אנגעהויבן און בייד־דע, אי די „ווייסע” און אי די „רויטע”, האבן אים אויסגעמיטן, — די „ווייסע” צוליב זייער שוואכקייט, די „רויטע” — ווייל זיי האבן נישט געהאט גענוג כוחות.

אין שטאט האט שוין געהערשט די פאניק פון ערב־קריג.

דעם געפאנגענעם קאמאנדירס אדיוטאנט, אן ענערגישער מלחמה־מאן, האט דערווייל צעשטעלט אפטיילונגען פון מיליטער מיט מאשין־געווער אויף די דעכער פון די גרויסע האטעלן, פארכאפט ראיאנען, ארומ־

געריינגלט דעם קרעמל, נישט ארויסגעלאָזט מער קיין געווער. ער האָט אָנגעהויבן ארומצוציִמען דאָס גובערנאַטאָרישע הויז און נישט צוגעלאָזט קיין באָלשעוויסטישע ארבעטער, וואָס האָבן זיך אריינגעגנבעט פון דער פאָרשטאָט, קיין רויטע סאָלדאַטן, וואָס האָבן געפּרוּווט מיט געווער צו־צוקומען צום קריגס־קאָמיטעט. ביידע כוחות פלעגן זיך אָנטרעפן, און עס פלעגן ארויסקומען איינצלנע צוזאַמענשטויסן. ביידע צדדים האָבן אָנ־געהויבן צו שיסן איינער אויפן אַנדערן, נישט אָפיציעל, אויף אייגענע אחריות.

דער בירגער־קריג האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבן. די „ווייסע" זע־נען נאָך נישט געווען אָנטשלאָסן, און די „רויטע" זענען נאָך נישט גע־ווען גרייט.

קאַפּיטל 8

אין גובערנאַטאָרס קאַבינעט

דער קאָמאַנדיר פון דעם „קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער זיכער־הייט" האָט זיך ענדלעך באַפרייט פון קרעמל און זיך געפונען אין דער שטאָט־דומע. פון דאָרטן האָט ער, אונטערן דרוק פון די רעכטע עלע־מענטן, געשטעלט דורכן טעלעפאָן אן אולטימאַטום די פירער פון גובער־נאַטאָרישן הויז:

א) דער קרעמל מוז ווערן אָפּגערייניקט פון באָלשעוויסטישע עלע־מענטן.

ב) דער „רעוואָלוציאָנערער קריגס־קאָמיטעט" מוז פונאַנדערגע־לאָזט ווערן.

צייט האָט ער געגעבן צען מינוט, אז נישט — הייבן זיך תיכף אָן די קריגס־אָפּעראַציעס.

אין גובערנאַטאָרישן הויז האָט זיך געפילט די ערנסטקייט פון דעם מאָמענט.

פאַר דער טיר פונעם גענעראַל־גובערנאַטאָרס קאַבינעט זענען גע־שטאַנען באַוואָפנטע סאָלדאַטן און קיינעם אַהין נישט אריינגעלאָזט.

דאָרטן איז איצטער פאַרגעקומען די באַראַטונג פונעם „אויספירקאָם" וועגן אולטימאַטום.

עס איז געווען א גרויםיקער, הויכער זאַל, דעם גובערנאַטאָרס סאבינעט, מיט פיר גרויסע פענצטער, וועלכע זענען ארויסגעגאַנגען אין א גאָרטן־הויף, אָדער זיי האָבן אריבערגעקוקט אויפן מאָנומענט פונעם העלד פון צארישן רוסלאַנד, אויף סקאָבעלעוון, וואָס איז געשטאַנען אויפן פלאַץ.

אזוי ווי די פריערדיקע באַלעבאַטים פון הויז וואָלטן געוועןן געוווסט, ווער עס וועט אמאָל באַוווינען דעם קאבינעט, און צו וואָס פאַרא צוועק ער וועט דינען, — האָבן זיי געזאָרגט דערפאַר, אז דער גאַנצער מערקווירדיק גרויםיקער צימער זאָל זיין איינגאַנצן אויסגעשלאָגן מיט רויטן דאַמאַסק, פון וועלכן עס האָבן שוין אויך דאָ געפעלט גאַנצע שטיקער, וואָס מען האָט ארויסגעשניטן אויף נוצלעכערע פאַרווענדונגען. איבער די ווענט זענען געהאַנגען דיקע גאָלדענע ראַמען, פון וועלכע מען האָט ארויסגעריסן די קייזערלעכע פאָרטרעטן. זיי האָבן אָבער אויף זיך נאָך געהאַט די גאָלדענע קרוינען. און ווי עפּעס אויף צו־להכעיס, איז אויף א וואַנט איבערגעבליבן א פאַרגעסענע פאָטאָגראַפיע, — אין וועלכער מען האָט דערקענט דעם אמאָליקן באַוווינער פונעם קאַבינעט, דעם גרויספירשט סערגעי, אין קרייז פון זיין משפחה, — וואָס איז שוין, פאַר שאַנד, וואָס דאָ טיט זיך טאַקע, געווען אָפּגעבלאַקירט, און צוליב דעם אפשר טאַקע האָט מען די פאָטאָגראַפיע נישט באַמערקט...

ווו מען איז געגאַנגען און געשטאַנען, זענען געלעגן מונדשטוקן פון פאַפּיראָסן, שטיקלעך פאַפּירלעך פון געדרייטע ציגאַרן. וואָס צו רויכערן איז שוין לאַנג נישט געווען. האָט מען געריסן בלעטער פון ביכער, שטיקער פון אקטן און אַנדערע שטיקער פאַפּיר און איינגעוויקלט אין זיי דאָס, וואָס מען האָט גערופן „היימישע מאַכאָרקע".

די „היימישע מאַכאָרקע" איז באַשטאַנען פון אויסגעטריקנטע טאַבאַק־בלעטער, וואָס פויערים האָבן פאַרזייט, געמישט מיט אָפּפאַלעכץ פון געוויקסן. אזוי ווי מען האָט די „היימישע מאַכאָרקע" נישט געקאָנט לאַנג פאַרציען, האָט מען עס באַלד אוועקגעוואָרפן, און די אָפּגעסמאַליעטע אָפּפאַלעכץ האָט מען געזען אומעטום: אויף אלע טישן, אויף אלע פענצטער־ברעטלעך, און צוממיינסטן האָבן זיי געדינט צו באַצירן מיט

זיי די מאַרמאָרנע פּלאַטן פון די גרויסע שפּיגלען און דעם מאַרמאָרנעם אויוון.

איבערן זאַל זענען געווען אויסגעשטעלט אַ סך זיידענע קאַנאַפּעס, צוגעשטעלט צו זעלנערישע, אייזערנע בעטן. אַלע קאַנאַפּעס מיט די בעטן זענען געווען באַזעצט פון ערנסטע, באַזאָרגטע מענטשן — סאָלדאַטן און ארבעטער. טייל פון זיי האָבן געהאַלטן זייערע קעפּ אָנגעלענט אָן די הענט, וואָס האָבן זיך געשטיצט אויף די ביקסן, וועלכע זיי האָבן גע־האַלטן צווישן זייערע קני. פאַרשטייט זיך, אַז די ערשטע און מער פון אַלעמען האָבן זיך פאַרלוירן די אינטעליגענטן. דער קורצזיכטיקער מענטש מיטן איינגעקנייטשטן פּנים און דיקע ברילן איז געלעגן אויסגעצויגן אויף איינער פון די פילע קאַנאַפּעס און האָט געקרעכצט פון בויך-ווייטיק, וואָס האָט אים אינמיטן דערינען אָנגעכאַפּט. די פיזישע ליידן האָבן זיך אָפּ־געשפּיגלט אויף זיין געל פּנים. אַן אַלטיטשקער, מיט אַ זיידע־פּנים, איז געזעסן אויפן ראַנד פון דער קאַנאַפּע נעבן אים און האָט זיך נישט גע־שטערט צו קייען שטיקלעך שוואַרץ ברויט, וואָס ער האָט אין קליינע קרישקעלעך אָפּגעברעקלט פונעם לעבל ברויט, וועלכן ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט.

ביי דעם גרויסן, אומגעלומפּערטן, מיט בראָנז־באַשלאָגענעם גובער־נאַטאָרישן שרייב-טיש זיצט דער מענטש מיטן אָפּגעגאָלטן שיינענדיקן קאָפּ — חבר רישקאָוו. היינט איז ביי אים דאָס גרויסע פּנים ארומגע־וויקלט מיט אַ טוך: אַ צאָן האָט אים וויי־געטון. כדי נישט צו ווערן גע־שטערט אין דעם אַנטשיידנדיקן מאָמענט פון אַ פיזישן ווייטיק, האָט ער זיך געלאָזט דעם צאָן ארויסציען פון אַ זעלנער, אַ פעלדשער, וואָס האָט זיך געפונען אין הויז.

דער זעלנער האָט דעם צאָן ארויסגענומען, נאָר די יאַסלע האָט ער גוט צעקאַליעטשעט. נייט איצט דער חבר רישקאָוו דאָס פּנים ארומגע-וויקלט. ער רעדט נישט גאַנץ קלאָר, און שפּייט יעדן אויגנבליק מיט קלעקן בלוט. פאַר אים, אויפן טיש, ליגט אויסגעשפּרייט די מאַפּע פון מאָסקווע. נאָר זי איז באַשטעלט מיט גלעזער פון טיי, וועלכע זענען ביז אין דער העלפט אָנגעפילט מיט מונדשטוקן פון פּאַפּיראָסן, אַש, אויס־געריבענע צינד־העלצלעך, שטיקלעך פּאַפּיר און נאָך אַנדערע אָפּפאַלעכצן. עס געפינען זיך דאָ אַפילו שווערע, מעטאַלענע אַש־בעכערס, אָבער קיי־

נער באַמערקט זיי נישט. רישקאָווס האַרטע, גוט אויסגעקנאָטענע גאַמבע, באַוועגט זיך ענערגיש אין ראַם פון דעם אַרומגעבונדענעם טוך. נישט קוקנדיק אויף זיין פאַרבונדן מויל, הערט ער נישט אויף צו בייסן די נעגל פון זיינע קורצע, דיקע פינגער, וואָס ער האָט שוין ביז בלוט טיף אין דער הויט אַריין אַראָפּגעגריזשעט. די אַריינגעשניטענע נעגל אין זיינע קורצע פינגער גיבן זיין האַנט אַן אָנזען פון עפּעס אומנאַטירלעכס און שרעקנדיקס; אַזוי ווי די האַמערדיקע הענט וואָלטן באַשאַפן געוואָרן נישט פאַרן מענטשלעכן געברויך, נאָר פאַר עפּעס אַנדערש.

ער האָט אַרויסגעוואָרפן אויף דער פּאַדלאָגע אַ קלעקע בלוט און געזאָגט שאַרף און קורץ:

— איינס איז זיכער, אונדזער לאַגע איז נישט קיין פריילעכע.

אים האָט צוגעטאַקעוועט, אָן ווערטער, נאָר מיט אַ שטומען צושאָקל מיטן קאָפּ, דער מרה־שחורהדיקער לעטישער סאָלדאַט. דאָ, אויף דער באַראַטונג, איז ער אויך אָנגעטון אין זיין לאַנגן, איבער די טריט צוגעדעקטן מונדיר, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען זיין צווייטע הויט. ער איז נישט געזעסן. ער איז געשטאַנען נעבן שרייבטיש און געקוקט אויף זיינע צוגעדעקטע טריט מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם, מרה־שחורהדיקן בליק.

— איך וויל, אַז די חברים זאָלן וויסן די סיטואַציע, איידער מיר נעמען זיך צום אָפּשטימען, — האָט דער מאַן מיטן אַרומגעבונדענעם פּנים געזאָגט מיט אַ שווערער, מעטאַלענער שטימע, ווי ער וואָלט געוויגן יעדעס וואָרט. — מיר האָבן נישט קיין אַמוניציע. די חברים, וואָס מיר האָבן צעשיקט אין די קאַזאַרמעס צו ברענגען אונדזער אַרטילעריע, זענען נישט צוריקגעקומען. און ווער ווייסט, צי זיי וועלן זיך איצטער קאָנען דורכרייסן דורך די „ווייסע" קייטן. די „דווינסקער" זעט מען אויך נישט. מיר האָבן אַביסל ביקסן און מאַשין־געווער, אָבער קיין האַרמאַט נישט. אויך זענען אונדזערע צעשפּרייט אויף אַלע פיר זייטן: אין קרעמל, אין די קאַזאַרמעס, אין די אַרומיקע ראַיאָנען. פאַרקערט, דער „קאָמיטעט" האָט אַלע אָפיצירן פון מאָסקווער ראַיאָן: די יונקערס פון דער קריגס־שול, די סטודענטן, די אינטעליגענטן און, דער עיקר, די „עסערן". אפשר זענען אויך די סאָלדאַטן אונטער זייער השפּעה? זייערע האַרמאַטן דערגרייכן צו אונדזער הויף. וואָס מיינט איר, חברים?

— וואָס הערט מען פון צענטער? — האָט געפרעגט די חברטע איז־מאַילאָווא.

— פון צענטער הערן זיך אויך נישט קיין פרייליכע ידיעות. יעדנ־פאַלס איז די לאַגע נאָך נישט קלאָר. קערענסקי געפינט זיך ביים גענעראַל קראַסנאָוו. זיי זענען מיט די קאָזאַקן אַריבער גאַטשינע קיין צאַרס־קאָיע־סעלאָ און גייען אויף פעטראָגראַד. אונדזערע — פרוּוון אָנצוּ־קניפּן פאַרבינדונגען מיט די קאָזאַקן, כדי אויסצומיידן בלוט־פאַרגיסונג, דאַרפן יענע אַרויסגעבן קערענסקין, און ווי אַזוי דער פראָנט וועט זיך פאַרהאַלטן, ווייסן מיר אויך נישט. צי קאָן מען זיך פאַרלאָזן אויף די אייזנבאַנער אַז זיי וועלן נישט דורכלאָזן די עשאַלאָנען מיט די קאָזאַקן, וואָס קערענסקי האָט אַרויסגערופן צו העלפן די הויפּטשטעט? ווער קומט צוריק פון פראָנט?

— מיטן פראָנט זענען מיר זיכער — האָט זיך פון אַ ווינקל־אַרוים אָנגערופן אַ יונגערמאַן, וואָס האָט זיך אויפגעשטעלט און איז אַרויסגע־טראָטן פאָרן עולם. — אונדזערע האָבן גוט אָרגאַניזירט די פראָנט־שטעט. איך קום איצט צוריק פון מאָהילעוו, פון אָרשע. אין אָרשע שטייען קאָזאַקן, וועלכע זענען געטריי דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג. מיר האָבן אָבער דאָרט אַן ענערגישן קאָמיטעט. זיי זענען יונגעלייט, אַרבעטן אויס־געצייכנט. זיי זענען אַריין אין קאָנטאַקט מיט די חברים סאָלדאַטן, וואָס היטן די פּראָוויאַנט־מאַגאַזינען. די אייזנבאַנער זענען אויך אונדזערע. ווען די עשאַלאָנען מיט קאָזאַקן קומען־אָן, שטעלן זיי די אייזנבאַנער אָפּ אויף וויאָרסטן הינטער דער שטאָט. עס קומען צו זיי אַרום סאָלדאַטישע קאָמיטעטן, און מען פירט זיי אין שטאָט אַריין. מען באַקומט פאַר זיי פון די מאַגאַזינען עסן און אָנטועכץ. אַזוי־אַרום געווינען מיר זיי אויף אונ־דזער זייט. זיי בלייבן שוין שטעקן אין אָרשע. איצט פּרוּוון מיר דורך די געווזנענע סאָלדאַטן אָנצוקניפּן אַ פאַרבינדונג מיטן אָרטיקן קאָזאַקישן גאַרניזאָן. דער גאַרניזאָן גייט אייגנציקווייז אַריבער אויף אונדזער זייט.

— מיינט איר, חבר, אַז מיר קאָנען זיך אויף זיי פאַרלאָזן?

— איך גאַראַנטיר. דורך אָרשע וועט קיין איין סאָלדאַט פון פראָנט נישט דורכגיין. דאָרטן איז דאָ אַ יידישער חבר מיט אַ לאָם הענטל, וויינ־בערג איז זיין נאָמען, פון וואַרשע קומט ער. ער טוט אויף וווּנדער.

— יאָ, מיר האָבן געהערט, — זאָגט דער פּאָרזיצער אין נאָבדענקען. — די איינציקע זאַך: מיר ווילן דאַרפן צייט געווינען.

די פאַרזאַמלטע האָבן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

א מינוט איז די גאַנצע פאַרזאַמלונג געזעסן אין א טויט שטילשווייגן. אינעם שיין פון די אראָפּהענגענדיקע וואַנט־לאָמפּן האָט מען געזען פּנימער, ווי באַקוויכטענע פאַרמעטן, ערגעץ פאַרקוקט אין א נאָכדענקנדיקן ערנסט. צוין האָבן זיך פאַרביסן אויף ליפּן, און ליפּן האָבן זיך געקרימט אין ווייטיקלעכע, האַלב־פאַרהלשטע גרימאַסן. בלישטשענדיקע אויגן האָבן זיך באַהאַלטן טיפער, טיפער אין די קברים־לעבער פון די פּנימער און פון דאָרטן ארויסגעקוקט מיט בלישטשענדיקע פייער. נעזער האָבן שווער אָטעם געשעפּט.

אזוי האָט געדויערט א מינוט שווייגן ווי יאָרן, ביז דער חבר מיטן גלאַנציקן קאָפּ האָט ענדלעך מיט זיין קורץ אויסגעהאַמערטער האַנט געגעבן א קלאַפּ אויפן טיש, און זיך אָנגערופן:

— חברים, מיר ווייסן נישט, וועד עס שטייט הינטער אונדז. מיר האָבן אונדזערע כוחות נישט געציילט. נאָר מיר גלויבן, אז דורות און דורות פון פאַרשקלאַפונג און דערנידערונג האָבן געמאַכט רייף די מאַכן פאַר אונדזער און אייער זאַך. הינטער אונדז שטייט רוסלאַנד, די וועלט. מיר שטימען אָפּ, חברים. דער, וואָס איז דערפאַר, אז מיר נעמען אָן דעם אולטימאַטום, וואָס די בורזשואזיע וואַרפט אָן אויפן פּראָלעטאַריאַט, דערזאָל אויפהייבן זיין האַנט.

אן אַנגסטיק שווייגן האָט געהערשט. קיין איין האַנט האָט זיך נישט אויפגעהויבן.

— ווער עס איז דערפאַר, אז מיר וואַרפן אָפּ מיט עקל דעם דאָזיקן שענדלעכן אולטימאַטום, דער זאָל צוקלאַפּן מיט דער קאָלבע פון זיין ביקס.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן הערן קלאַפּן פון קאָלבעס אין דער הילצערנער דיל. לאַנגזאַם, איינער נאָכן אַנדערן, איז דער קלאַפּ געקומען און האָט, ווי אן עכאָ, אָפּגעשלאָגן אין די ווייטע ווינקלען פונעם גרויסן צימער. פון קלאַפּ האָבן צוגעקלימפּערט די קרישטאָלענע הענגערס פון די בראָנזענע וואַנט־לאָמפּן. דער פּאָרזיצער האָט זיי געציילט איינעם נאָך איינעם.

— דער גורל איז געפאַלן! — האָט ער אויסגערופן.

א ווייבערשטע שטימע האָט זיך צעוויינט.

עמיצער האָט זיך דאַרכן געקושט.

— מיר זענען נישט אויף קיין „עסערישער", ראָמאַנטישער טעראָר־פאַרזאַמלונג. מיר זענען אינעם „רעוואָלוציאָנערן קריגס־קאָמיטעט", — האָט געזאָגט דער פאָרזיצער מיט זיין הוילער, פון שפייעכץ פאַרנאַסטער שטימע. — און איצט — צו דער אַרבעט!

חבר רישקאָוו האָט אָפּגעריסן דאָס טוך פון זיין פּנים און גענומען דאָס רערל פונעם טעלעפאָן אין האַנט:

— שטאָט־דומע, דער חבר קאָמאַנדיר! — האָט ער אַריינגעשריגן אין רערל.

דער לעטישער סאָלדאַט מיטן לאַנגן פּנים האָט צוגענומען דאָס צווייטע הער־רערל און זיך עס צוגעלייגט צו זיין אויער.

— חבר קאַראַמצאָוו, כדי אויסצומיידן אַ בירגער־קריג, האָט דער „רעוואָלוציאָנערער קריגס־קאָמיטעט" באַשלאָסן: מיר וועלן צוריקנעמען פון קרעמל דעם 193סטן פּולק. דעם 56סטן מוזן מיר איבערלאָזן, כדי צו היטן דעם אַרסענאַל. די סאָלדאַטן פילן זיך באַליידיקט, וואָס מען האָט מיטאַמאָל אויפגעהערט צו האָבן צוטרוי צו זיי, און איך קאָן נישט גוט־זאָגן פאַר די רעזולטאַטן, וואָס וועלן אַנטשטיין, ווען אייערע יונקערס וועלן זיך באַווייזן אין קרעמל. דעם „רעוואָלוציאָנערן קריגס־קאָמיטעט" וועלן מיר נישט אויפגעבן. דאָס איז די איינציקע גאַראַנטיע קעגן אייערע באַוואָפנטע גענעראַלן און אָפיצירן. איך דערלויב מיר, חבר, אייך צו מאַכן אויפמערקזאַם אויף דער סיטואַציע, וואָס וועט זיך שאַפן, ווען דער פּראָלעטאַריאַט וועט ווערן אַנטוואָפנט. איר וועט חרטה האָבן, נאָר עס וועט שוין זיין צו־שפּעט. די איניציאַטיוו פון אָנהייבן דעם בירגער־קריג לאָזן מיר איבער פאַר אייך. מיר וועלן דעם ברודער־מאָרד נישט אַרויסרופן.

פון דעם צווייטן צד האָט מען געבעטן וואַרטן אויף אַן ענטפער.

דורך דער צייט, וואָס דער פאָרזיצער האָט גערעדט ביים טעלעפאָן, האָט געהערשט אַזאַ אַנגסטיקע שטילקייט אינעם גרויסן זאַל, אַז עס האָט זיך געדאַכט, זי פליט אַרום אין חלל פון זאַל מיט ווינטיקע פליגל. אַלע זענען בלייך געווען, מיט שרייענדיקע, אַרויסגעזעצטע אויגן און פאַרחלשטע נעזער. דורך די אָפענע מיילער האָבן זיי געשעפּט די שווערע, מעטאַל־צעגאָסענע לופט.

פונעם צווייטן צד האָט מען געבעטן צושיקן שליחים צו פירן אונ־טערהאנדלונגען, זיך וועגן דעם דורכצושמועסן.

— אויסגעצייכנט! — האָט זיך באוויזן אויפן אָנגעשפּאַנטן פּנים פון פּאַרזיצער אַן אויסגעלייטערטקייט. — מיר וועלן דעם ברודער־קריג נישט אָנהייבן, ווען איר וועט אייערע „ווייסע" אָפיצירן האַלטן אין שפּאַן.

— נאָגין, סטיקאָוו פאָרן אין דער דומע פירן אונטערהאנדלונגען מיט קאַראַמצאָוון וועגן אַרויסנעמען דעם 193סטן פולק און זיי דורכלאָזן מיטן געווער צום גובערנאַטאָרישן הויז. דעם 56סטן לאָזן. זעט צו פאַרציען די פאַרהאַנדלונגען וואָס לענגער איר קאָנט! — האָט רישקאָוו אויסגערופן.

די חברים, וואָס האָבן זיך געפונען אין זאַל, זענען פון דער פלינקער האַנדלונג פון פּאַרזיצער אַזוי איבערראַשט געוואָרן, אַז זיי האָבן אַליין נישט געוווסט, ווי אַזוי דערויף צו רעאַגירן. איינער האָט דעם אַנדערן אָנגע־קוקט. אין לעטישן סאָלדאַטס אויגן איז געשטאַנען אַ גלאַנצנדיקע ווייס־קייט, וואָס צינדט זיך ביי אים אָן יעדעס מאָל, ווען ער דערפילט אַ סכנה. ביים מאַטראָז האָבן זיך אויפגעהויבן די שוואַרצע האָר פון זיין טשופּרינע. ער האָט אויפגעעפנט אַ גרויס מויל עפּעס צו זאָגן. ער האָט עס — צי פאַר איבערראַשונג, צי טאָקע דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געהאַט וואָס צו זאָגן — צוריק צוגעמאַכט, נישט אַרויסגעבראַכט קיין וואָרט. נאָר ווער־עס איז מער פון אַלעמען אויפגערודערט געוואָרן, איז געווען די חברטע איזמאַילאָווא. איר פריש מאָנאַשקע־פּנים איז רויט געוואָרן. עס האָט גע־ברענט פאַר כעס. און כאָטש זי האָט זיך געמיט צו באַהאַלטן איר אויפרע־גונג, דורך דעם וואָס זי האָט איר גלאַט פאַרקעמטן קאָפּ אַראָפּגעבויגן צו אירע קני, האָט מען דאָך אָנגעזען, ווי איר ברוסט הייבט זיך און פאַלט. זי קאָן זיך נישט פאַסן. דער עולם האָט אַ לאַנגע ווײַלע געשוויגן. ענדלעך האָט זיך חברטע איזמאַילאָווא אָנגערופן מיט אַנטריסטונג:

— ווי אַזוי וועט דאָס איצט זיין?

— גאָרנישט וועט זיין. עס איז איצט נישטאָ קיין צייט צו רעדן. רופט אַריין די חברים. איצט דאַרף מען אָנהייבן צו טון! — זאָגט פונעם טיש חבר רישקאָוו.

מען האָט זיי אָבער נישט באַדאַרפט רופן. די טירן האָבן זיך אויפ־געריסן און עס האָבן אָנגעהויבן אַריינצושטראָמען סאָלדאַטן, געדיכט גע־מישט מיט ציוויל־געקליידטע אַרבעטער, האַלטנדיק ביקסן אין די הענט.

זיי האָבן אוועקגעשטופּט די באַוואָפנטע היטערס פון די טירן און זיך אַריינגעריסן אין גובערנאַטאָרס קאַבינעט.

ווי אַ ווינט האָט זיך צעטראָגן די ידיעה, אַז דער „אויספיר־קאָמי־טעט" האָט באַשלאָסן איבערצוגעבן דעם קרעמל צו די „ווייסע", און וויל אָנהייבן אונטערהאַנדלונגען מיט זיי. די סאָלדאַטן, די אַרבעטער, וואָס זע־נען געקומען אַ נאַכט פריער, האָבן זיך געפילט ווי פאַרקויפטע. די ביטער־קייט פון זייער מזל צו זיין שטענדיק די אָפּגענאַרטע האָט זיך געזעצט אויף זייערע אויגן און אויף די ראַנדן פון זייערע מיילער און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טיף־גראָבנדיקן כעס. אָן דער שפּיץ פון די חברים איז גע־שטאַנען אַ זעלנער, וואָס איז צוליב דעם, וואָס מען האָט אים אַרויסגע־שיקט אַלס אויסקוקער, געוועזן אָנגעטאָן ציוויל: אין אַ קורצער, צעריסע־נער אַרבעטער־מאַרינאַרקע, פאַרקנעפּלט ביז צום האַלדז, און אין אַ פּאָר לאַנגע שטיוול. זיינע אויגן זענען געווען צוגעקלעפּטע מיט שווערע הייט־לעך, די ליפּן פאַרקרימט אין אַ ביטערער גרימאַסע. ער איז געווינט גע־ווען אַזוי צו קנייטשן זיין פּנים נאָך פון קינדהייט, ווען מען האָט אים געשלאָגן. זיין אַרבעטער־היטל מיטן גלאַנציקן דאַשעק, וואָס איז זייער שלעכט געזעסן אויף זיין קאָפּ און וואָס מען האָט אָנגעזען, אַז עס איז נישט זיינס, האָט נאָך מער פאַרגרעסערט די אומהיימלעכקייט פון זיין פּנים.

— איך, אינטעליגענטן, וועלן זיי שוין דאָרטן מוחל זיין. איר וועט זיך שוין קאָנען מיט זיי אויסגלייכן. מיר, סאָלדאַטן, האָבן קיין אַנדערע עצה נישט. דער טויט וועט סיי־ווי־סיי אונדז נישט אויסמיידן, דאָ אָדער דאָרט. אָנגעהויבן — מוזן מיר פאַרענדיקן! — האָט ער געקלאַפּט אין טיש פאַרן פאָרזיצער.

— וועגן וואָס גייט עס, חברים? — האָט זיך דער פאָרזיצער נישט אויפגערעגט און איז אַלץ געבליבן זיצן ביים טיש מיט זיינע לאַנגע, באַ־שטוּוּלטע פיס. זיין אָפּגעגאָלטער קאָפּ האָט זיך געגלאַנצט אין די ליכט און אויפן ברייטן פּנים איז געלעגן אַ געצווונגענער שמייכל.

וועגן קרעמל גייט עס! דעם קרעמל ווילט איר איבערגעבן די „ווייסע". און מיר זאָגן אייך, אַז די סאָלדאַטן וועלן אייך נישט האָרכן. זיי וועלן דעם קרעמל נישט אָפּגעבן. אונדז איז אַלצאיינס, ווו מיר וועלן

געפינען דעם טויט. איינגעפעדעמט — דארף מען נייען. קיין צוריק איז נישטאָ. פון הינטן שטייט דאָס קריגס־געריכט.

— וועגן קרעמל גייט עס? — הערט אַלץ דער פּאָרזיצער נישט אויף צו ווינצלען זיך מיט אַ געצוווּנגענעם געלעכטער צוליב וועלכן עס זעט זיך ארויס זיין יאַסלע מיטן פעלנדיקן צאָן. — נו וואָס חברים? מען דאַרף דאָך אָנגרייטן אַ פּולאָפקע פאַר מיין, — האָט ער געזאָגט און זיינע הענט זיך דערביי אין די הויזן־טאַשן פאַרשטעקט.

דער ענטפער האָט אביסל צעמישט דעם רעדנער און דעם איבעריקן עולם. זיי האָבן אים נישט געקאָנט צעקייען, געקלערט וואָס ער מיינט אין נישט געקאַנט פאַרנעמען. יעדנפאַלס האָט דער ענטפער געווירקט, ווי דער ערשטער עמער וואסער אויפן אויסגעבראָכענעם פייער

— מיר זענען איצט נישט אויפגעלייגט צו שפּאַסן און מיט קיין ווערטלעך וועט איר זיך נישט ארויסדרייען. זאָגט אונדז, וועגן וואָס עס גייט. פאַרוואָס גיט איר אָפּ דעם קרעמל דעם פיינט?

— נאָך וואָס דארפן מיר דעם קרעמל? רוסלאַנד דארפן מיר האָבן! וועלן מיר האָבן מאָסקווע, וועלן מיר האָבן דעם קרעמל סיי־ווי־סיי. אויב נישט, וועט אונדז דער קרעמל גאָרנישט העלפן. איינצושליסן זיך אין אים, דאָס איז גוט פאַר די „ווייסע", נישט פאַר אונדז. און דעם 193סטן פולק דאַרפן מיר אויך דאָ האָבן אויף די דעכער, אויף די גאַסן, אויף די פּלעצער, — נישט אין קרעמל. די יונקערס האָבן אים סיי־ווי־סיי אַרומגעצירינגלט. קיין געווער קאָנען מיר פון אים נישט ארויסקריגן. מיר האָבן נישט מיט וואָס די מלחמה אָנצוהייבן. חבר סמירנאָוו איז נישט צוריקגעקומען מיט אונדזער אַרטילעריע. מיט ליידיקע הענט וועסטו מאָסקווע נישט נעמען. מוזן מיר זיך ביטרעווען. מיר מוזן דעם שונא אָפּנאַרן. מיר מוזן צייט געווינען. זיי ווילן ארויסרופן דעם בירגער־קריג, ווען פאַר זיי איז ניהאַ, און מיר וועלן אים אָפּרוקן — ביז ער וועט פאַר אונדז זיין פּאַסיק. פאַרשטאַנען? זיי ווילן אונטערהאַנדלונגען? — גוט. זאָלן זיך דאָרטן אונדזערע מיט זייערע ביי די קעפּ ארומשלאָגן, זיך קריגן וועגן „פּונקטן", וועגן „תנאים", און מיר וועלן דערווייל אונדזערס טון: פאַרנעמען ראַיאָנען, אויף די דעכער מאַשין־געוועהר אויסשטעלן, פאַרכאַפּן פּאָזיציעס אין דער שטיל. דורך דער צייט וועט זיך די לאַגע אין פּעטראָגראַד אויפקלערן. זיי וועלן פון צענטער הילף צושיקן. אַ, דענסטמאָל וועלן מיר זיי שוין דיק־

טירן א שלום! האָט נישט קיין מורא. א שלום אויסגעמישט מיט רויך. פאַרשטאַנען חברים?

— פאַרשטאַנען! — רופט זיך אָן אַן עכאָ פון די קולות.

— נו, איצט, חברים, לאָזט ארבעטן. עס איז שוין אזוי אויך גענוג גערעדט געוואָרן.

דער עולם האָט זיך איינגעשטילט.

— די וויכטיקסטע און נויטיקסטע זאַך איז — צו פאַרנעמען פּאָזיציעס. מיר מוזן זיך אין די „ווייסע" ראַיאָנען אריינגנבענען. אויף די דעכער מאַשין־געווער אויסשטעלן. מיר מוזן אין זייערע רייען ארויסרופן א פּאַניק. מיר האָבן באַקומען ידיעות, אַז מיר קאָנען אין ראַיאָן פון טעאַטער־פּלאַץ באַזעצן דעם גרויסן שטאָטישן טעאַטער. די שומרים זענען אונדזערע. זיי וועלן די טירן אָן רעש עפענען. די אַנדערע וועט מען דאַרפן נעמען אין געפאַנגענשאַפט, אַז זיי זאָלן קיין צייכנס צום שונא נישט געבן. עס איז אָבער א דעליקאַט שטיקל ארבעט. דער טעאַטער־פּלאַץ איז געדיכט באַזעצט פון די „ווייסע". זיי קאָנען אונדז ביי דער קלענסטער געלעגנהייט אַנטדעקן. מיר דאַרפן דערצו האָבן א רואיקן, אינטעליגענטן אָנפירער. מיר פאַרמאָגן ווייניק אינטעליגענטע כוחות, — האָט זיך דער פאָרזיצער פאַרקלאָגט פאַר זיך אליין, פאַרטיפנדיק זיך אין א מאַפּע פון דער שטאָט מאָסקווע.

עס האָבן זיך אויפגעהויבן סאָלדאַטן, ארבעטער. זיי זענען צו צום טיש.

— איך האָב אייך געזאָגט, אַז צו דעם דאַרף מען האָבן אַן אינטעליגענטן פירער, וואָס קאָן זיך באַהערשן, איינהאַלטן די חברים־זעלנער, נישט ארויסצושפּרינגען פאַר דער צייט. עס האַנדלט זיך וועגן פאָרזיכטיקייט. עס איז דאָס געפערלעכסטע אָרט, וואָס מיר גייען פאַרנעמען.

פון דער גרויער, טיפער מאַסע מענטשן האָט זיך ארויסגערוקט מירקין און זיך געשאַרט פאַרשעמט, רויטלענדיק זיך איבערן פּנים, צום חבר רישקאָווס טיש:

— איך מיין, אַז צו דעם וועל איך זיך פּאַסן, — האָט זיך מירקין אָנגערופן.

דער פאָרזיצער האָט אים לאַנג, פאַרשנדיק אָנגעקוקט.

— ווי איז אייער נאָמען? ווער קען אייך, חבר?

— חבר מירקין האָט געאַרבעט אין וואַרשע מיט אונדז, — רופט זיך אָן חברטע סאָפיע.

דער פאָרזיצער האָט אָנגעקוקט מירקינען מיט איין אויג, פאַרשנדיק:

— מירקין? מירקין? איך האָב געהערט דעם נאָמען. איר האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט חבר אַנאַטאָל פון „בונד“? ווי קומט איר צו אונדז? — וווּנדערט זיך דער פאָרזיצער.

— צייט קערענסקיס אומגליקלעכער אַטאַקע אויפן גאַליציאַנער פראָנט.

— א מיטגליד פון אונדזער פאַרטיי?

— ניין, א סימפּאַטיזירער. ווייל איך גלויב, אַז איר זענט די איינציקע, וואָס ווען דעם געפּייניקטן לאַנד ברענגען דעם שלום.

— גאַנץ גלייך. איר זענט היינט מיט אונדז, — דאָס איז אייער בעסטע לעגיטימאַציע. ווילט איר זיך אונטערנעמען אָנצופירן די חברים־סאָלדאַטן אויפן טעאַטער־דאַך?

— איך האָב זיך, באמת, קיינמאָל נישט אָפּגעגעבן מיט מיליטערישע אָפּעראַציעס. אָבער איך גלויב, אַז כ׳וועל זיין אימשטאַנד דאָס אויסצופירן.

— נישקשה. די רעוואָלוציע וועט אייך שוין אויסלערנען, און איר זענט אינטעליגענט גענוג, אַז איר זאָלט פאַרשטיין וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

— כ׳מיין, אַז כ׳האָב פאַרשטאַנען.

— עס האַנדלט זיך וועגן דורכגנבענען זיך דורך די „ווייסע“ פּאַטרולן, צוצוקריגן זיך צום טעאַטער, דאָרט צו געבן דעם אָפּגערעדטן צייכן אונדזערע שומרים, וואָס מיר האָבן דאָרטן. אונדזערע שומרים וועלן אייך עפענען די טירן אָן רעש. די אַנדערע ווערכטער וועט מען דאַרפן איינשפּאַרן אין א צימער. דאָס מאַשין־געווער דאַרף מען אַזוי אויפשטעלן, אַז זיי זאָלן נישט באַמערקט ווערן פון די יונקערשע אויסקוקערס, וואָס געפינען זיך אויפן דאַך פון האָטעל „מעטראָפּאָל“. די חברים־סאָלדאַטן וועט מען דאַרפן האַלטן אין א שטרענגער דיסציפּלין, נישט אַרויפצוקריכן אויפן דאַך, נישט צו־פרי אָנצוהייבן די אָפּעראַציעס. מיר וועלן שוין אייך געבן צוּוויסן, ווען אָנצוהייבן. דער ציל איז: צו באַזעצן דעם טעאַטער־פּלאַץ, צו פאַריאָגן די „ווייסע“ פונעם האָטעל „מעטראָפּאָל“, דעם האָטעל צו באַזעצן. דאָרטן האַלטן זיך אויף רייכע בורזשויען, וועט מען זיי דאַרפן צע־

יאָגן, צו קיין בלום־פאַרגיסונג נישט צולאָזן, און נישט צו קיין נקמה־אַקט מצד די סאָלדאַטן! זייער וויכטיק: מיר מוזן געווינען די סימפּאַטיע פון די נאָכלויפערס. חבר בורשאַנאָוו וועט אייך געבן אַן אַפּטיילונג פון מאַשין־געווער. די חברים־סאָלדאַטן מוזן זיך איבערטון ציוויל, מען זאָל זיי נישט באַמערקן. קיין מאַנדאַט דאַרפט איר נישט, ווייל טאָמער כאַפּט מען אייך, זאָל מען נישט וויסן, ווער און וואָס. איך זאָג אייך אָבער, אַז דאָס איז אַ שווער שטיקל אַרבעט. ס'איז אין סאַמע האַרץ פונעם שטאַרקסטן „ווייסן" ראַיאָן.

— צו דעם בין איך דאָ, — ענטפערט אָפּ מירקין.

— דאָס איז ריכטיק. דאָס איבעריקע וועט אייך שוין זאָגן חבר בורשאַנאָוו. נעמט דעם דאָזיקן חבר און גיט אים איבער אַן אָפּטיילונג פון מאַשין־געווער. האָט מיר, חבר, אַ גוטן שליטוועגס, — זאָגט רישקאָוו און שטעקט אריין זיין פנים אין דער מאַפּע פון מאָסקווע.

ווען מירקין האָט זיך דערווייטערט פון טיש מיטן לעטישן סאָלדאַט, איז צו אים אונטערגעשפּרונגען זאָשקע, נאָך בלייכער ווי זי איז געווען:

— זאַכאַרי! — און כאַפּט אים אָן ביי דער האַנט.

— וואָס איז? — פרעגט מירקין.

— גאָרנישט, — רופט זי זיך אָן, און ווי זי וואָלט זיך געוועזן אָן עפּעס דערמאָנט, גיט זי אַ נעם אַראָפּ פון זיך איר פעלצל און גיט עס אַ וואָרף אַרויף אויף מירקינס פּלייצעס. — אויפן דאַך וועט דיר נישט זיין צו־וואַרים.

— חבר בורשאַנאָוו, באַלאָדנט זיי אָרנטלעך אָן מיט ברויט! — רופט פּלוצים דער פּאָרזיצער הינטער די אָפּגייענדיקע, נישט אַרויסנעמענדיק די אויגן פון דער מאַפּע. — „בוטערשניטן" אויף שנירלעך וועלן זיי די מאָסקווער דאַמעטשקעס אויפן טעאַטער־דאַך נישט אַרויפשיקן!

דער עולם סאָלדאַטן האָט זיך צעלאַכט פונעם פּאָרזיצערס באַמערקונג.

***

דערנאָך, ווען די חברים האָבן אויף אַ מינוט פאַרלאָזן דעם גובערנאַטאָרס קאַבינעט, כדי אויפן הויף זיך צו געזעגענען מיט די אַרויסגייענדיקע פּאַטרולן, וואָס קיינער האָט נישט געוווּסט, אויב זיי וועלן צוריק־

קומען, האָט זיך אין קאַבינעט אַריינגעכאַפּט דער אַלטער דינער וואַסיל וואַסילעוויטש, וועלכער האָט דורך זיינע יאָרן געהאַט דעם כּבוד צו באַדינען אַ סך גובערנאַטאָרן אינגאַנצן געטריי דעם רוסישן כאַראַקטער, האָבן די חברים נישט פאַרטריבן די דינערשאַפט, ווען זיי האָבן פאַרנומען דעם גענעראַל־גובערנאַטאָרס הויז, זי אָנערקענט פאַר אַ טייל פונעם פּראָלעטאַריאַט און געהאַלטן בכּבוד, טיילנדיק מיט איר ברויט און זאַלץ.

דער אַלטער דינער וואַסיל האָט, ווי אין די אַלטע גוטע גובערנאַטאָרישע צייטן, נאָך געטראָגן די צוויי גרויע שפּיצן פון זיין באָרד אויסגעקעמט, כאָטש שוין נישט מער קיין רויטע, גובערנאַטאָרסקע ליווריי, וועלכע די חברים האָבן באַין־אופן נישט דערלויבט. דאָס איז, לויט זייער מיינונג, נישט געווען אין איינקלאַנג מיט מענטשלעכער ווירדע. נאָר אַזוי אָבער ווי זיין געטרייע, דינערשע נאַטור האָט אים נישט דערלויבט צו ענדערן די אָנגענומענע מנהגים פון זיינע געוועזענע באַלעבאַטים, איז ער איינגעגאַנגען אויף אַ קאָמפּראָמיס און אויסגעפּוצט זיך אין עפּעס אַן אַלטן טשינאָווניקשן פראַק מיט גאָלדענע קנעפּ.

דער אַלטער וואַסיל איז אין די לעצטע צייטן געגאַנגען אַביסל איינגעהויקערט. נאָר אָנקומענדיק צו דער טיר פון גובערנאַטאָרס קאַבינעט, האָט ער, אויס געוווינהייט, אויסגעשטייפט זיין איינגעהויקערטן רוקן, מיט די פינגער דורכגעפירט די שפּיצן פון זיין גרויער באָרד, ווי ער פלעגט עס אַלעמאָל טון, איידער ער איז אַריין אין גובערנאַטאָרס קאַבינעט, צי דאָרט האָט זיך יאָ געהאַט געפונען דער גובערנאַטאָר, צי נישט. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ שטויב־באַרשט און אַ שמאַטע. ער האָט זיך גוט אויסגעהוסט און איז אַריין אין קאַבינעט. ער האָט אָנגעהויבן צו קלייבן די פּאַפּירן און די ציגאַרעטן־מונדשטוקן פון דער פּאָדלאָגע און די מאַרמאָר־שפּיגלען. זיי זענען געווען אָבער אַזוי פיל, אַז ער האָט באַלד מיט אַ קרעכץ געמוזט רעזיגנירן פון זיין ריייניקונגס־אַרבעט. ער האָט זיך געלאָזט מיטן טוך אויבנאויפיק איבערצווווישן די קייזערלעכע פּאָרטרעטן. דאָס פלעגט ער טון, אַרויפשטעלנדיק זיך אויף אַ לייטערל, וואָס איז פאַר דעם צוועק געשטאַנען שטענדיק גרייט אין קאַבינעט. נאָר אַזוי ווי דעם קייזערס פּאָרטרעטן זענען שוין נישט געווען צו ווישן, האָט ער זיך געלאָזט באַגנוגענען מיט די גאָלדענע ראַמען

אַזוי פלעגט ער טון יעדעס מאָל, ווען די חברים האָבן זיך נאָר אַרויס־

געכאַפּט פון קאַבינעט, עס איז אים אָבער קיינמאָל נישט געווען פאַרגונען דאָס דאָזיקע פאַרגעניגן לאַנג אָנצוהאַלטן, אויסצופירן זיין געווינטע פּראָ־פּעסיע. באַלד פלעגט אַריינקומען דער אָדער יענער פון די חברים, אים מוסר זאָגן פאַר זיין צאַרישער פאַרקנעכטונג און אַרויסיאָגן.

דאָסמאָל איז אים דאָס דאָזיקע פאַרגעניגן לענגער פאַרגונען געוואָרן. אַזוי, אַז ער האָט געהאַט צייט אָפּצוגעבן זיך מיט די ראַמען, ביז ער האָט צופעליק אַנטדעקט די פירשטלעכע פאָטאָגראַפיע, וואָס די חברים האָבן פאַרגעסן און זי איבערגעלאָזט אויף איינער פון די ווענט. ער האָט זיך לענגער אָפּגעשטעלט ביי איר, און מיט זיינע גרויע, אַלטע אויגן אין איר אַריינגעקוקט, וועלנדיק אַנטדעקן די פּערזענלעכקייט, וואָס זי ווייזט. ער האָט אים דערקענט, זיין אַלטן האַר, זיין קעניגלעכקייט, דעם גרויספירשט סערגעי. און דער אַלטער האָט זיך מיט פאַרגעניגן אָפּגעשטעלט און גע־קלאַפּט מיט די אַלטע, אָנ־ציינענדיקע יאַסלעס:

— אַך, באַטיושקאַ, באַטיושקאַ! צוערשט האָבן זיי דיר דעם מאַרך צעשפּריצט, איצט טוען זיי דאָס מיט דער מאַמעלע רוסלאַנד.

קאַפּיטל 9

שאָטנס ביינאַכט

שלייכן זיך ביינאַכט איבער די מאָסקווער גאַסן שאָטנס. רוקן זיך צו די ווענט, באַהאַלטן זיך אויס אונטער דעכלעך פון הייזער, שטרענגען־אָן זייער געהער, שיקן אַרוים זייערע בליקן אין דער טונקלקייט, כאַפּן־אויף פוסטריט, רעדנדיקע שטימען. זיי קריכן אויף אַלע פיר, ווי חיות. שלייכן זיך, שלייכן זיך שאָטנס מיט רימענס פול קוילן, קוילן אויפגעוויקלט אויף די לייבער, הינטער די פּלעצן און שינעלן. שאָטנס מיט שטיקער טיילן מאַשין־געווער, שאָטנס מיט האַנט־גראַנאַטן, שאָטנס מיט אָנגעלאָדענע רעוואָלווערן, גרייט אויף יעדן פאַל.

דער וועג איז נישט קיין ווייטער, — אַ סקווער, אַ גאַס, ביז צום טעאַטער־פּלאַץ, — נאָר אַ געפערלעכער. די גאַסן זענען ברייטע, שטאַרק באַוואַכטע פון די יונקערס. דאָס זענען די גרענעץ־ראַיאָנען צווישן די „ווייַ־

סע“ און די „רויטע“. העלפן אָבער די צערקוועס. די צערקוועס האָבן דעכלעך און באַהאַלטענע ווינקעלעך. אונטער די דעכלעך ליגן שטענדיק הייםלאָזע און אָפּגעריסענע. וואַרפט מען זיך צווישן זיי אין דער קופּע אַריין און מען ווערט פאַרווישט פון דער נאַכט. אָנגעזאָגט אויסצומיידן גערויש און אויפמערקזאַמקייט, לויפט מען אַריבער פון איין זייט גאַס אויף דער אַנדערער מיט טאָרבעס ברויט. אַזוי רוקן זיך די שאָטנס פון הויז צו הויז, פון איין צערקווע־דעכל צום אַנדערן און וואַרפן אַריין אין דער הוילער נאַכט זייער געוויכט.

די דאָזיקע שאָטנס האָבן זיך צונויפגענומען פון אַלע טיילן פון דער גרויסער מדינה, פון אַלע פעלקער פונעם נייעם בבל און זיי ציען זיך און ציען זיך.

באַלד איז מען שוין ביים טעאַטער. א הינטער־טיר שטייט צווישן די פילע קאָלומנעס אָפן. דערפאַר האָט שוין געזאָרגט א יונגער מענטש פון די באַדינער, אָן רעש און אָן געוואַלד דורכצופירן די באַזעצונג.

די אַנדערע באַדינער זענען אָפּגעשלאָסן אין א באַזונדערן צימער. עס זענען אויסגעשטעלט געוואָרן וואַכן. די אייגענע מענטשן ווייזן דעם וועג צו די בוידעם־שטיבער, שטיבער פון פענצטער־לעכער. אויף באַלקאָנען, אויף לייטערס, איבער אַקסלען דערלאַנגט מען די שטיקער מאַשין־געווער־טיילן. און איידער עס גרויט נאָך איבער די מאָסקווער גאַסן, — שטייט שוין אויסגעשטעלט אין די נישן, אין די בוידעם־פענצטער דאָס מאַשין־געווער, פאַרשטעלט אין די בוידעם־לעכער, מיט די רערן אַרויס אויפן טעאַטער־פּלאַץ.

אַז עס גרויט דער מאָרגן, פאַלט א געדיכטער נעפּל אויף דער ערד און נעמט אַריין אין זיך גאַנץ מאָסקווע.

דער אַלטער פּלאַץ, דער קרעמל, אַלע צערקוועס און צלמים ווערן אָפּגעווישט פון דער ערד, דער נעפּל ליגט אין דער נידער. די לופט איז פריי, און פון די רויטערדיקע גרויע וואָלקנס שטאַרצן אַרויס גאָלדענע צווייקעפּיקע אָדלערס, אויפגעשטאָכענע אויף גאָלדענע שפּיצן. ווייסט מען, אַז דאָרט איז דער קרעמל.

ליגט ער, מירקין, איינגעוויקלט אין פּעלצל, וואָס זאָשקע האָט אים געגעבן, ביים מאַשין־געווער, דעם קאָפּ פאַרשטעקט, ווי זיינע חברים די סאָלדאַטן, און קוקט אויף די גאָלדענע צאַרישע אָדלערס, וואָס הייבן זיך

אין דער לופטן, און עס דוכט זיך אים, אז די צארישע אָדלערס פליען ארויס פון קרעמל...

עס קומט אים פֿאָר, ווי א חלום, ווי א מיראזש: ער — ביי מאשין־געווער אין א בוידעם־פענצטערל, וואָס קוקט ארויס אויפן מאָסקווער טעא־טער־פּלאַץ?! ווי קומט ער דאָ אהער? וואָס האָט ער מיט מאשין־געווער צו טון? ער האָט זיך דאָך פאר דעם אויסגעהיט, ער האָט דאָך קעגן דעם געקעמפט! מאכטלאָז פיזיש, אָבער ווי מעכטיק, ברעניק אין זיין גאנצער אינער־לעכסייט! אָט דער כעס, דאָס ווייטיקדיקע געשריי זיינ:ס קעגן דער פארגוואלדיקונג פון אן אומשולדיקער וועלט, וואָס מען שלעפט ווי בהמות צום שעכט־הויז, האָט דאָך אים געבראַכט ביז צו די טירן פונעם מאָסקווער גענעראל־גובערנאטאָרס הויז. די פארגוואלדיקונג פונעם מענטשלעכן ווילן האָט דאָך אים געבראַכט צו דעם דאָזיקן שריט. דאָס, וואָס אלע נעמען זיך דאָס רעכט פון געטער, צו באפעלן איבער מע־טשנס לעבן — צי דאָס איז א צאַר, צי א פארוואָרפענער ווינקל-אדוואָקאַט, וואָס האָט זיך ערשט נעכטן אויפגעהויבן אויף די פלייצעס פונעם פארפייניקטן פאָלק, צי דאָס איז אין נאָמען פון דעם אָדער אנדערן אָפּגאָט.

און אָט געפינט ער זיך שוין אליין ביי מאשין־געווער, אזוי ווי די וועלט וואָלט א פארכישופטער קללה־רינג געווען. ער איז אנטלאָפן פון איין אָפּגרונט און געפינט זיך ביים ראנד פונעם צווייטן אָפּגרונט. און ארויס־קריגן זיך קאָן מען נישט. ער איז אנטלאָפן פון דער ביקס, אנטלאָפן, און מיטאמאָל געפינט ער זיך ווידער אין א מלחמה־זייט, מיט די ביקסן־רערן געווענדעט קעגן א שונא, קעגן א מענטש.

ער וויל זיך אליין קלאָר מאכן זיין שריט. ער וויל זיך דאָס פאר ווע־מען פארענטפערן. זוכט ער אויפצופרישן אין זיין זכרון דעם גאנצן בלו־טיקן וועג, וואָס ער האָט דורכגעמאכט זינט דעם מלחמה־אויסברוך, ווי ער וואָלט געוואָלט פאר זיך אליין באקרעפטיקן די בארעכטיקונג פון זיין שריט, און וואָס ער געפינט זיך דאָ איצט אין מאָרגן־גרוי אויף א מאָסק־ווער דאך ביי מאשין־געווער.

די מלחמה האָט אים אויסגעמיטן. אלס בן־יחיד איז ער געווען פריי פון מיליטער־דינסט אין רוסלאנד. אָבער ער האָט זיך באלד אליין אָנגע־שלאָסן אין איר אויפן „יידישן פראָנט“.

די מלחמה האָט געהאַט א יידישן פראָנט, א פראָנט אָן האָפענונג אויף

א זיג, א פּראַנט, וואָס אַלע האָבן גענומען פֿאַר זייער ש׳ס־ציל: סיי דער פֿרעמדער, סיי דער אייגענער, — דער אייגענער נאָך מער.

איידער ער האָט נאָך געהאַט צייט זיך אַרומצוקוקן און זיך צו געפֿינען אינעם וועלט־פֿייער, וואָס האָט זיך מיט איינמאָל אָנגעצונדן פֿון אַלע זייטן, האָט אים דער „יידישער פּראַנט” געכאַפּט און ער האָט באַלד דערפֿילט, וווהין ער באַלאַנגט.

איבער די וואַרשעווער גאַסן האָבן זיך אָנגעהויבן צו ציען פּוילישע פֿורמאַנקעס, אָנגעפּאַקט מיט קינדער און ספֿר־תּורות. נאָך זיי זענען נאָכגעגאַנגען שורות יידן מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס, און קלאָגנדיקע מאַמעס מיט קינדער ביי די זייטן, מיט קינדער ביי די בריסטן. אין די אויערן הערט ער נאָך די גוואַלדן פֿון די ווילד־געוואָרענע ווייבער, וואָס האָבן אויפֿן וועג פֿאַרלוירן זייערע קינדער אינעם אַנגסטיקן געיעג. און די אויגן בלוטיקן אים נאָך פֿונעם אָנבליק פֿון די פֿון צער צעשריגענע, אויסגעדריטע מיילער, פֿון די פֿון שרעק אַרויסגעזעצטע צינגער, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פֿון די פּנימער. ער קאָן נישט פֿאַרגעסן די יללות, וואָס האָבן אָנגעפֿילט דעם הויף פֿון דער יידישער „גמינע” אין וואַרשע. דאָס זענען געווען די יללות פֿון די פֿון שטעטלעך פֿאַרטריבענע יידישע משפּחות, וואָס די רוסישע מאַכט האָט, ווי אָקסן, ווי סטאַדעס אַרויסגעוואָרפֿן, און נאַקעט אין באָרוועס, הינטיש פֿאַרטריבן פֿון זייערע שטיבלעך, פֿון זייערע געוועלבלעך און שולעכלעך איבערן גאַנצן פּראָנט.

איבער נאַכט האָט מען זיי פֿאַרטריבן. שעהען און מינוטן נאָר האָט מען זיי געגעבן צייט — די בעבעבעס צונויפֿצונעמען, די קראַנקע פֿון די בעטן אַרויסצונעמען, און די קינדער פֿון די וויגן. עס זענען נישט געווען קיין וועגענער אויפֿצונעמען די קראַנקע. פּויערים האָבן געריסן די לעצטע פֿאַסן. האָט אַ שטאָט און אַ קהילה אַ וואָגן אָדער צוויי געדונגען, — פֿאַר די ספֿרי־תּורהס און די קימפּעטאָרינס, — און מ׳איז נאָך די פֿורן נאָכגעגאַנגען. אַזוי ווי איבער די וועגן, דורך וועלדער מ׳איז געלאָפֿן, זענען אָנגעגאַנגען שלאַכטן, האָט מען זיך געלאָזט איבער פּוסטע וועלדער און וויסטע פֿעלדער, אונטער האָגלען פֿון קוילן, וואָס האָבן געבלאָנדזשעט אין דער לופֿטן אַרום. פֿאַר פּחד און אַנגסטן האָט מען זיך געוואָרפֿן אין געלויף, און אין דער פּאַניק קינדער פֿאַרלוירן.

ער זעט זיי נאָך, יענע פּנימער מיט דעם משוגענעם בליק אין די

אויגן. די פנימער פון די מוטערס האָבן זיך אויף שטענדיק אים איינגע־קריצט אין זיין זכרון: ווען ער זעט זיי איצט, אָט יענע, די פון פאַר־צווייפלונג אַרויסגעריסענע האָר פון אונטער די שייטלען, ווען ער זעט זיי איצט, יענע שטומע, ווילד־געוואָרענע בליקן, און קוקט איצט אויף די צאַרישע אָדלערס, וואָס שטייען איבער דעם מאָסקווער נעפל, צעקייט ער א קללה צווישן זיינע אייזיק־קאַלטע ליפן. ער דראָט ציטערנדיק, שרעקנ־דיק וועמען זיין פויסט.

— ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש! די דאָזיקע רערן פון אונדזערע ביקסן זענען געווענדעט קעגן דיינע גאָלדענע אָדלערס, ווי קעגן דעם יעגערס געפאַנג!

בלוט האָט זיך געגאָסן אין די גאַסן צעבערסווייז און ער איז געלאָפן עם אויסצושעפן מיט זיינע הענט. ער זעט יענעם יידישן שרייבער מיט דער טשופרינע גרויע האָר, וואָס שטייט אין מיטן הויף פון דער יידישער גמינע צווישן אַנגעלאָפענע, שרייענדיקע מוטערס, און ער קאָן זיך מיטן אומגליק קיין עצה נישט געבן. איין פּאַרטיע האָט ער שוין צעשיקט, צע־טיילט, אַנגעוויזן אין היימען, וואָס מען האָט קוים מיט צרות אויף גע־שווינד אָפּגעזוכט צווישן די ליידיקע וווינונגען. און שוין קומט אָן אַן אַנ־דערע פּאַרטיע פון בלאָניע! צי קומט זיך גאַנץ פּוילן צונויף אויפן דאָזיקן איינציקן פלעק פונעם וואַרשעווער יידישן גמינע־הויף?

פיל האָט דענסטמאָל געהאַט צו טון רחל־לאה. זי איז שוין נישט געווען אין שטוב. זי איז קוים געקומען אַהיים נעכטיקן, און דאָס אויך נישט שטענדיק. זי איז ערגעץ געשטאַנען מיט ווייבער אין א היים. זי איז שוין געגאַנגען מיט א חברה יונגעלייט און מיט געוואַלד זיך אַריינ־געריסן אין א ליידיק־שטייענדיקער וווינונג, געשלאָגן זיך מיט די סטרוז־זשעס, געקריגט זיך מיט די זשאַנדרעס, געסטראַשעט מיט די פויסטן די באַלעבאַטים פון די הייזער. דאָ האָט מען באַדאַרפט שאַפן שטרוי אויף נאַכט־לעגערס. און דאָרטן האָט מען באַדאַרפט פאַרזאָרגן קאַרטאָפל פאַר דער זופּן־קיך.

ווער האָט געהאַט צייט צו קלערן וועגן דער היים? ווער האָט געקאָנט קלערן וועגן אייגענע זאַכן, וועגן ליבע, וועגן חתונה־האָבן?

העלענקען האָט ער כמעט נישט געזען. זי איז געווען אין דער שול פאַרנומען מיט איר אַרבעט. „וואָס עס זאָל נישט געשען, די שול מוז מען

אויפהאַלטן", — האָט געזאָגט דער לערער. און איצט דווקא מער ווי אַן אַנדערש מאָל. ער, מירקין, איז איינגעשפּאַנט אין דער הילף־אַרבעט. דעם דאָזיקן עול האָט ער אויף זיך גענומען פונעם ערשטן טאָג אָן. ער האָט זיך געשטעלט ביי דער האַנט פונעם שרייבער צו שאַפן אַ קאָמיטעט, צו באַזאָרגן געלט, צו אָרגאַניזירן די יוגנט, די קינדער־היימען און קינדער־שולן צו פאַרוואַנדלען, פאַר די אָנגעלאָפענע מענער אַרבעט צו באַשאַפן, און קריגן לייוונט און לעדער פאַר העמדער און שיך. מיט אָרטיקע מיט־לען האָט מען עס נישט געקאָנט פאַרשאַפן: דער מבול פון די אַרויסגעיאָגטע האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט, און די סכנה איז ווייטער געגאַנגען, ווי אַ צעשפּרייט פייער.

עס האָט געמוזט קומען הילף פונעם צענטער. מירקין איז געפאָרן קיין פּעטערבורג, האָט אויפגעזוכט אַלטע באַקאַנטע, אויפגעוועקט דאָס געוויסן פון די כלל־טוער. אויף איינער פון די פאַרזאַמלונגען האָט ער אַפילו זיך באַגעגנט מיטן אַדוואָקאַט האַלפּערין, זיין אַמאָליקן מחותן. אַפילו מיטן פאָטער, — נישט דירעקט, נאָר דורכן קאָמיטעט, איז ער געקומען אין באַרירונג. קיין פּערזענלעך לעבן איז אים נישט אָנגעגאַנגען. אַלצדינג איז געוואָרן פאַרטרונקען אין די אַלגעמיינע צרות, יעדעס פּערזענלעכע געפיל. די געשעענישן אין וואַרשע האָבן זיין האַרץ שוין געהאַט אויף אַזוי פיל דורכגעברענט, אַז עס איז שוין געווען געגנוג האַרט, עס זאָל רעאַגירן אויף עפּעס, וואָס אַמאָל איז געווען.

אין דעם צענטער איז געשאַפן געוואָרן אַ גרויסער קאָמיטעט. די סכנה האָט זיך וואָס אַמאָל אַלץ מער פאַרשפּרייט: ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש האָט אָנגעצונדן זיינע פייערן אין די יידישע היימען איבערן גאַנצן פראָנט. וואָס טיפער ער האָט זיך גערוקט, דער פראָנט, אַלץ מער זענען פאַרטריבן און אונטערגעגאַנגען יידישע ישובים און קהילות. מען האָט געדאַרפט פאַר די פאַרטריבענע אָנגרייטן היימען. האָט מירקין שוין געהאַלטן אין איין אַרומפאָרן פון איין פּונקט צום אַנדערן טיפער אין לאַנד און שאַפן אָרטיקע קאָמיטעטן, וואָס זאָלן אויפנעמען די היימלאָזע.

די געשעענישן זענען געגאַנגען מיט אַן אוממענטשלעכן אימפּעט, — און מיט זיי אויך דער מענטש מיט זיינע געפילן, געדאַנקען און גלויבנס. מען האָט זיך נישט גערוקט פון מעטע צו מעטע, נאָר מען איז געפאַלן אונטער די שמיץ פון אייגענעם אוממענטשלעכן כעס און צער. האָט מען

הינטער זיך אַלע בריקן געברענט, אַלע סקרופּולן און ספקות אַריבערגע־שפּרונגען און זיך געשטעלט דאָרטן, וווהין עס האָט געשיקט גיכער די פאַרצווייפלונג, איידער דער שכל.

צו זיין געפינען זיך דאָ אויפן טעאַטער־פּלאַץ האָבן, א חוץ דער פאַר־צווייפלונג נאָך צוגעהאָלפן ריין־פּערזענלעכע סיבות.

צו זיין כלה העלענקען האָט ער זיך געפילט צוזאַמענגעהאַפטן מיט אייביקע משפחהדיקע באַנדן, אָבער אַזעלכע, וואָס מען דאַרף זיי ווייניק אויפמערקזאַמקייט שענקען, ווייל זיי זענען שוין פון זיך אַליין פאַר־שטענדלעכע, איינגעבוירענע און מאָג־טעגלעכע. דערפאַר אָבער האָט די יינגערע שוועסטער, זאָשקע, אָנגעהויבן אויף אים צו ווירקן מיט אַן אומ־פאַרשטענדלעכן שטאַרקן, אומדערקלערלעכן כוח. זי, די שוועסטער, איז געווען זייער ענלעך צו דער מוטער מיט איר העל־לייכטנדיקן מיידלשן לייב וואָס האָט זיך אַרויסגעגאָסן פון אַלע שפּאַלטן און עפענונגען פון אירע לויזע בלוזעס, מיט אירע ענערגישע מונטערדיקע באַוועגונגען. זי האָט איר העגעמאָניע אַרויפגעצוווּנגען אויף אַלעמען: מיט איר שטענדי־קער גרייטער אַנטשלאָסנקייט האָט זי געמאַכט אונטערטעניק די פלעגמאַ־טישע, האַלב־פאַרחלומטע עלטערע שוועסטער העלענקע. זי האָט אויך אָנ־געהויבן צו האָבן אַן איינפלוס אויף מירקינען. זי האָט אים באַטראַכט ווי איינעם, וואָס באַלאַנגט צו איר. זי האָט אַרויפגעצוווּנגען אויף אים, ווי אויף אַלע אַנדערע, איר מיינונג, און האָט אָנגעהויבן אים אַריינצוציען אין איר אַרבעט.

נאָך פאַר דער מלחמה האָט זי באַלאַנגט צו דער פּאַרטיי. נאָך צייט איר ברודערס טויט, האָט זי אַנטוויקלט אַן אומדערמידלעכע ענערגישע פּאַרטיי־טעטיקייט. זי האָט כמעט קיינמאָל נישט געזעכטיקט אינדער־היים. זי פלעגט פאַרפאַלן ווערן אויף גאַנצע טעג און וואָכן, איבערפירן אומלעגאַלע ליטעראַטור פון איין אָרט צום אַנדערן. דאָ איז זי אין לאָדזש ביי פאַבריקס־אַרבעטער, און באַלד ווידער אין ביאַליסטאָק אָדער אין אַן אַנדערער שטאָט. זי איז אומעטום געגאַנגען. זי האָט זיך אַפילו נישט אָפּ־געשטעלט צו קומען צו די פראָנט־סאָלדאַטן מיט פעקלעך אומלעגאַלער ליטעראַטור, וואָס זי האָט געטראָגן אַרומגעוויקלט אַרום איר לייב. און באַלד האָט זי אויך אַריינגעצויגן אין דער אַרבעט מירקינען. זי האָט אויס־גענוצט זיין שטענדיק אַרומפאָרן איבער די פראָנט־געגנטן און פּעטערבורג,

אָנגעשליכן פאַרבינדונגען, איבערצופירן אינסטרוקציעס און אָפטמאָל אויך פעקלעך, — וואָס האָט געשמעקט מיט קריגס־געריכט...

דורך דער צוזאַמענאַרבעט, דורך דער בשותפותדיקער געפאַר, אין וועלכער זיי האָבן ביידע געלעבט, זענען זיי געוואָרן נענטער איינער צום אַנדערן. ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט, האָבן זיי שטענדיק געהאַט צווישן זיך סודות. העלענקע האָט עס יאָ באַמערקט און נישט באַמערקט. זי האָט פאַרשטאַנען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. און כאָטש דאָרט ביי זיך אינעווייניק איז זי אפשר געווען אייפערזיכטיק אויף דער שוועסטער, אָבער זי האָט נישט נאָר עס נישט אַרויסגעוויזן, נאָר נאָך געטון אַלץ מעגלעכע צו פאַרלייכטערן זייער צוזאַמענקונפט. ווען זיי זענען, בעת די מיטאָג־שעהען, ביידע געזעסן אין א צימער פון דער ליידיק־געוואָרענער שול און וועגן עפּעס גערעדט, איז זי געשטאַנען אויף דער וואַך, אַז זיי זאָלן נישט איבעראַשט ווערן פון פּאַטערס א פּלוצלינגן באַזוך

אין די בריוו, וואָס מירקין האָט פון וועג געשריבן צו זיין כלה, האָט ער קיינמאָל נישט פאַרגעסן צוצוגעבן, אַז זי זאָל קאָנען וויסן זאָשקען, אַז אין דעם און דעם טאָג וועט ער זיין צוריק אין וואַרשע. און העלענקען איז עס געגאַנגען אין לעבן, אַז זאָשקע זאָל אַראָפּקומען פון ראָדזש אָדער פון אַן אַנדערער פאַבריק־שטאָט, ווו זי האָט זיך געפונען „אויף אַרבעט“, אין דעם זעלבן טאָג. און זאָשקע האָט עס, אגב, קיינמאָל נישט פאַרפעלט צו טון. די פרייע צייט, וואָס מירקין האָט געהאַט, ווען ער האָט זיך געפונען אין וואַרשע, האָט ער מער פאַרבראַכט מיט זאָשקען, ווי מיט זיין כלה. דאָס איז פאַר העלענקען אויך געווען פאַרשטענדלעך. און ווי עס האָט איר אפשר נישט וויי־געטון, האָט זי אָבער נישט געהאַט קיין טענות: זיי דאַרפן ביידע אַרומרעדן אַזעלכע וויכטיקע און ערנסטע זאַכן וועגן דער אַרבעט, — האָט זי זיך געקלערט. און אַז עס איז איר יאָ עפּעס געקומען אויפן געדאַנק, האָט זי זיך פאַר זיך אַליין פאַרשעמט פאַר איר קליינקייט.

און טאָמער איז אַמאָל העלענקע שוואַך און זאָגט האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ערנסט:

— איר האָט אַזוי פיל געשעפטן צוזאַמען, אַז כ'הייב אָזש אָן צו ווערן אייפערזיכטיק, — קוקט זי די שוועסטער אָן און זאָגט מיט קאָפּ־שאָקלען און באַדויערן:

— ס'איז שוין טאקע גאר נישטאָ מער וואָס צו טון אין אזא צייט, נאָר זיך צו שפּילן אין חתן־כלה־סענטימענטן!

האָט זיך העלענקע פאַרשעמט און איינגעזען איר נישטיקייט.

דורך זאשקעס איינפלוס האָט מירקין אָנגעקניפּט א קאָנטאַקט מיטן חבר מאַרעק. חבר מאַרעק האָט געשטאַמט פון פּוילישע שלאַכטשיצן, דאָך האָט ער נישט פאַרמאָגט קיין סענטימענטן פאַר אַן אומאָפּהענגיק פּוילן, וואָס איז בעת דעם מלחמה־אויסברוך געוואָרן דער לייט־מאָטיוו און די אָנטרייבנדיקע קראַפט פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, און אויף וואָס זיי האָבן אַלע זייערע כוחות אוועקגעשאָנקען. מיט פאַראַכטונג האָט ער זיך באַצויגן צו יענע סאָציאַליסטישע עלעמענטן, וועלכע האָבן געהאָלפן שאַפן פּילסודסקים לעגיאָנען. ער האָט באַטראַכט יעדע אַרבעט אין דער ריכטונג פון באַפרייען דאָס פאָטערלאַנד — פאַר רעאַקציאָנער. ער איז געווען אין א שטענדיקן קאַמף מיט די פּאַטריאָטישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. זיין „פאָטערלאַנד“ איז געווען די וועלט־רעוואָלוציע, די וועלט נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, — משיחס צייטן. ווי אַזוי עס וועט דערביי אָפּשניידן זיין אייגן פאָטערלאַנד, איז אים נישט געווען קיין חילוק. אַבי עס זאָל אויפשטיין דאָס „מלכות פון די אַרבעטער“. א פאָטערלאַנד אָן א דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט איז ביי אים געווען א בורזשואַזע עקספּלואַטאַטאָרישע מלוכה, וועלכע מען דאַרף באַלד פון אַ־הויב באַקעמפן. ביים אויסברוך פונעם קריג, האָט ער זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דער רוסישער פּאַרטיי אינעם צענטער. פון דאָרטן האָט ער גענומען אינסטרוקציעס און געפירט א בשותפותדיקע אַרבעט סיי אין די פאַבריקן, סיי צווישן די סאָלדאַטן אויפן פראָנט.

דאָס איז געווען א מאַן, וואָס מען קאָן פאַרגלייכן צו א כוהן־גדול פון אַן אָפּגאָט אין די צייטן פון בבל.

אָפטמאָל קומט אונדז פאַר אין אונדזער לעבן, וגי געשטאַלטן פון לאַנג־פאַרלאָשענע עפּאָכעס שטייען אויף לעבעדיקע און ווירקן אין אונדזער היינטיקן לעבן. חבר מאַרעקס פּנים איז אויך געווען פון אַזעלכע: אַן אַסקעטיש בלייך פּנים. ס'האָט אים נאָר געפעלט א גלעז, קופּערנע הויט אויף זיין שמאָלן, אומנאַטירלעכן צילינדער־אַרטיקן ביין־קאָפּ.

ס'איז שווער געווען אויסצוגעפינען די עלטער פון זיין פּנים. ער האָט געקאָנט זיין אין די פערציקער. ער האָט אָבער אויך געקאָנט זיין פיל

עלטער אָדער יינגער. דורך דער בלייכער הויט, וואָס האָט איבערגעצויגן זיינע באַקן־ביינער, האָט מען בולט אַרויסגעזען זיין שאַרבן, וואָס האָט געהאַלטן אין איין רייבן זיך אין דער טרוקענער הויט. דער דאָזיקער סקעלעט־שאַרבן, באַצויגן מיט הויט, איז געווען באַוואַקסן מיט אַ געל, רויט בערדל. אַז ער האָט גערעדט, האָבן זיך די גערדיכט־צעצווייגטע בלויע אָדערן אַרויסגעזעצט פון זיין הויכן שטערן, און מען האָט געזען, ווי עס אַרבעט אינעווייניק דער מאַרך אין זיין שאַרבן־לאָך.

זיינע אויגן זענען געווען דאָס איינציקע, וואָס האָט באַלעבט זיין בלייך, טויט פּנים. נאָר געלעבט און געווירקט האָבן זיי מיט זייער אויפפאַלנדיקער ענלעכקייט צו די אויגן פון אַ טויטן מענטש. אַ פאַרשטאַלטער, קאַלטער גרינער גלאַנץ פון אַ דערטרונקענעם מענטש האָט געפינקלט פון זיינע אויגן־אַפּלען, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן טיף אין די שאַרבן־לעבער אַזוי, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז די שאַרף פונעם שאַרבן־ביין, וואָס רייסט זיך פון דער דין־באַצויגענער הויט, צערייצט די גלאַנציקייט פון אויג. אַז ער האָט וועמען אָנגעקוקט, האָבן זיך די אויגן נאָך טיפער אַריינגערוקט אין די שאַרבן־לעכער, און פון דאָרטן אַרויס האָבן זיי געלויערט, געלויערט מיט אומצוטרוי אויף דעם, אויף וועלכן ער האָט געקוקט. מען האָט געהאַט דאָס געפיל, אַזוי ווי אַ מענטש, וואָס וויל געבן אַ שפּרונג, טרעט אָפּ אַ טריט צוריק, און אָט באַלד וועלן די דאָזיקע אויגן מיט זייער פאַרשטאַלטן גרינעם, קאַצישן גלאַנץ געבן אַ שפּרונג און אָנכאַפּן דיך ביים האַלדז...

נאַטירלעך רעדן האָט מען אים קיינמאָל נישט געהערט: אָדער ער פלעגט גרעל שרייען, קאָכן זיך (אַזוי איז געווען אויף פאַרזאַמלונגען, אויף מיטינגען), אַזוי אַז מען האָט געמיינט, אַז יעדן אויגנבליק וועלן די אָדערן דורכפּלאַצן דורך דער הויט פון זיין שטערן, אָדער ער האָט גערעדט שטיל, ערנסט, אַריינדרינגענדיק, — דאָס איז געווען, ווען ער האָט גערעדט צו אַן איינצלנעם מענטש. שטענדיק פלעגט ער דעם מענטש, צו וועלכן ער האָט גערעדט, צוהאַלטן פעסט מיט דער פויסט ביי זיין קראַוואַט, ביי אַ קלאַפּע פון זיין ראָק, אָדער ביי דער בלוזע אַ פרוי, און אַריינרעדן מיט אַ נידעריקער, הוילער, ערנסטער שטימע, מיט הפסקות, ציילנדיק די ווערטער, אַזוי ווי יעדעס וואָרט וואָלט געווען אַ פייערדיקער שפּיז, וואָס ער וויל אַריינשטעקן אינעם מענטשן.

צו דעם דאָזיקן מענטש האָט געצויגן דאָס ווייבלעכע מין, ווי פליגן אין פייער: יונגע און שיינע, עלטערע און מיאוסע, פון באַלעבאַטישע הייזער, פון פאַבריקן, פון קיכן, מיט געפלאָכטענע שוואַרצע צעפּ-האָר איבער די אויערן, מיט שטאַרקע סעמיטישע פּנימער עס איז געווען אַזוי, ווי ער וואָלט פון זיך געווען אַרויסגעשטראַלט אַ געהיימען כוח, וואָס האָט צו אים געכישופט דאָס ווייב.

אַז ער האָט גערעדט אינעם שטילן, ערנסטן פרומען טאָן אין זייערע פּנימער אַריין און געקוקט דערביי מיט זיינע טויטע אויגן פון זיין סקעלעט-פּנים אַרויס, איז זיי באַפאַלן אַ רעליגיעזער עקסטאַז. זיי האָבן זיך געפילט אַריינגענומען אין אַ געהיימען, געטלעכן בונד. זיי זענען געווען גרייט, — נאָך מער: זיי האָבן זיך ביי אים געבעטן צו ווערן געשיקט אין לעבעדיקן פייער, און ער האָט זיי טאַקע געשיקט אויך. ניט צו געבן אַ פינטל מיט זיין אויג, נישט צו זאָגן קיין איבעריק וואָרעם וואָרט, נישט קיין איינציקן דאַנק-שמייכל זיי צו שענקען, האָט ער זיי אָפּגעפּאַרטיקט אין זייער טויט-שליחות אַריין. קיינעם האָט ער נישט געשאָנעוועט, אַפילו דאָס אייגענע ווייב נישט, וואָס ער האָט זי, מיט זיין קינד אונטער איר האַרץ, אין די הויכע חדשים, געשיקט אין אַ קוילן-מינע צו אַרבעטן צווישן די קוילן-גראָבער, און זי איז טאַקע מער נישט צוריקגעקומען.

דער דאָזיקער פאַקט איז אַלעמען געווען באַוווּסט. נאָר דאָס האָט די מיידלעך נישט אָפּגעשראָקן. פאַרקערט, דאָס האָט זיי נאָך מער געררייצט, נאָך מער געצויגן צו אים. די מיידלעך און די ווייבלעך, וואָס האָבן זיך אַרום אים געקליבן, האָט ער ווי אַ כהן-גדול פון אַ מולך צעשיקט, — די מיטן לייב אַרומגעוויקלט מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור אין אַ שטעטל אין פראָנט-ראַיאָן צו די פראָנט-סאָלדאַטן, — וואָס האָט ביי דער שט ענגער קאָנטראָל פון די פעלד-זשאַנדאַרן געהייסן אין אַ זיכערן טויט אַריין; און אַן אַנדערע ווידער אין אַ פאַבריק-שטאָט מיט געווער

און טאָמער האָט זיך אַזאַ מיידל אַ פּאָר מאָל צוריקגעקערט בשלום פון איר געפערלעכער שליחות, איז זי דעם חבר מאַרעק פאַרגעקומען פאַרדעכטיק, און ער האָט זי גענומען אויף אַ שטרענגן אינקוויזיטאָרישן פאַרהער. איר ענד איז געווען: אָדער ער האָט זי איבערגעלאָזט מיט אַ רעוואָלווער אויפן טיש, אין אַן אָפּגעשלאָסענעם האָטעל-צימער, מיטן אָנזאָג: „אַז כדי אויסצומיידן ספקות, זאָל זי זיך אַליין נעמען דאָס לעבן". אָדער ער

האָט זי אוועקגעשיקט אין אַזאַ שליחות, פון וועלכן זי איז שוין טאַקע מער נישט צוריקגעקומען.

און צו דעם דאַזיקן מאַן האָט עס געצויגן זשאַקען פּונקט אַזוי ווי די אַנדערע. זשאַקע, ווי זי איז נישט געווען באַפעלעריש און הערשעריש, איז ווי אַ שוואַכער הונט, געווען אונטערטעניק דעם חבר מאַרעק. זי האָט געציטערט פאַר זיין שאָטן. מירקין האָט זיך נישט געקאָנט דערקלערן דעם כוח פונעם דאַזיקן חבר אויף זשאַקען. און מען מוז צוגעבן, אַז ער האָט געפילט אַ קנאה־שנאה צום חבר מאַרעק איבער זיין ממשלה אויף זשאַקען.

אפשר האָט צו דער דאַזיקער שנאה צוגעהאָלפן די אייגענע שוואַכקייט זיינע, וואָס ער האָט געפילט צום חבר מאַרעק. אין וואָס באַשטייט זיין כוח? ער האָט זיך געשעמט פאַרן דאַזיקן געפיל און עס געפּרוווט אויסטערדריקן. און ער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז דאָס איז „דער רעוואָלוציאָנערער ווילן, וואָס שטראַלט אַרויס פונעם חבר" און וואָס באַהערשט אַלעמען, און אויך זשאַקען.

און דורך זשאַקען איז ער, ווי די אַנדערע, אויך אַרונטערגעפאַלן אונטער דעם חבר מאַרעקס השפּעה, כאָטש ער האָט באַין־אופן נישט געקאָנט אונטערדריקן זיין אַנטיפּאַטיע, זיין שנאהדיק געפיל צו אים, און אויך — אַן אומצוטרוי...

דאָך האָט ער אָנגעהויבן אויסצופירן זיינע באַפעלן, אָפטמאָל אייגנשטענדיק נישט נאָר בלויז זיין לעבן, נאָר די עקזיסטענץ פונעם הילף־קאָמיטעט, פאַר וועלכן ער האָט געאַרבעט. ער האָט געוווּסט, אַז ער באַגייט אַ פאַרברעכן קעגן די ליידנדיקע, אַז ער טאָר עס נישט טון, און דאָך האָט ער עס געטון. ער איז געוואָרן, קאָן מען זאָגן, דער פאַרבינדונגס־שליח צווישן דעם חבר מאַרעק און זיינע חברים אין די פראָנט־שטעט, וועלכע ער האָט, צוליב זיין הילף־אַרבעט, אַזוי אָפט באַזוכט.

די פאַרבינדונגען מיטן חבר מאַרעק האָט מירקין, צוליב קאָנספּיראַציע, ווי אויך צוליב פּערזענלעכע טעמים, נישט געפירט דירעקט, נאָר זיי זענען געגאַנגען דורך זשאַקען, מיט וועלכער ער איז וואָס אַמאָל אַלץ נענטער און נענטער געוואָרן...

ביי איינער פון זיינע רייזעס אויפן פראָנט האָבן די דייטשן געהאַט ביי גאָרליץ דורכגעבראָכן דעם פראָנט, זיך אַ רוק געטון אין צענטער און

באזעצט ווארשע, און מירקין איז אָפּגעשניטן געוואָרן פון זיין כלה און איר משפּחה.

קאַפּיטל 10

משיחס צייטן אָן אַ משיח

דער פּראָנט האָט זיך צעבלוטיקט אין זיין גאַנצער גרויזאַמקייט. ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש האָט געוואָלט נעמען נקמה אָן די דייטשן מיט דעם, וואָס ער האָט זיין אוממעכטיקן כעס אויסגעלאָזט אויף דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט זיך געפונען אונטער זיין רשות. נאָכן דורכברוך ביי גאָרליץ און נאָכן פאַרנעמען דעם צענטער — איז דער רוסישער רעכטער פליגל ביי קאָוונע געוואָרן אומזיכער.

ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש האָט אָפּגערוימט די יידן פון די שטעטלעך מיט פייער און שווערד. דאָס, וואָס ער האָט אָפּגעטון אין די פּוילישע קהילות סאָכאַטשעוו, סקערניעוויטש, גראָדזיסק, איז געווען אַ קינדערשפּיל אין פאַרגלייך מיט זיינע אוממענטשלעכקייטן אויף דער שוצלאָזער יידישער באַפעלקערונג אין ליטע. שטעט ווי קאָוונע זענען דורך באַפעלן אין פאַרלויף פון שעהען אויסגערוימט געוואָרן. אַ דרייסיק טויזנט פון דער יידישער באַפעלקערונג מיט אַלעם, וואָס האָט צו זיי געהערט, זענען ווי בהמות ארויסגעיאָגט געוואָרן פון זייערע היימען און הייזער, מיט באַגנעטן און ביקסן אַריינגעשמיסן געוואָרן אין סחורה־וואַגאָנעס. אַלטע, קראַנקע לייט, קימפּעטאָרינס, וואָס זענען געווען געבונדן צו זייערע געלעגערס, זענען דורך די אָפיצירן גאַנץ איינפאַך צעשאָסן געוואָרן אין זייערע בעטן, כדי צו באַפרייען זייערע צוגעהעריקע, אַז זיי זאָלן קאָנען מיטגיין מיט די אַנדערע ארויסגעיאָגטע. ווי הערינג אין די טונען אַזוי האָט מען אָנגעפּראָפּט די וואַגאָנען מיט לייבער, דערוואַקסענע און קינדער, געזונטע און קראַנקע, צום דערשטיקט ווערן, אָן שפּייז, אָן אַ טרונק.

מענטשן־שמאַטעס האָבן זיך געקנאָטן לייב אין לייב, אָנגעטועכצן האָבן זיך אויסגעמישט, מענטשלעכע אברים — פאַרפּלאָכטן. די עשאַלאָנען זענען געלאָפן צוגעבונדענע צו אונטערגעהייצטע מאַשינען איבער

פעלדער און וועלדער. קיינער האָט נישט געוווּסט ווו דער ציל איז. נישט די מענטשן זענען געווען משוגע, נאָר די וועלט. די בליענדע פעלדער אין דרויסן, די גרינע וועלדער זענען אַוועק אַ ווילדן קאַראַהאָד דרייען זיך און דרייען זיך אַרום די אָנגעפּאַקטע וואַגאָנען.

דער הילפס־קאָמיטעט האָט געטון אַלצדינג, וואָס איז נאָר געלעגן אין זיינע שוואַכע הענט, צו לינדערן מיט וואָס עס איז די נויט.

מירקין האָט געהאַלטן אין איין אַרומפאָרן איבער די שטעט און שטעטלעך און האָט אָרגאַניזירט הילפס־קאָמיטעטן.

די אָרימע יידישע באַפעלקערונג פון די שטעטלעך, דורך וועלכע עס זענען דורכגעפאָרן די מיט מענטשן אָנגעפּראַפּטע עשאַלאָנען, האָט אַראָפּ־געבראַכט צו די סטאַציעס די לעצטע ביסנס: שערצן מיט ברויט, קאַנען געקאָכטע וואַסער, קרוגן מילך — און זיי אַריינדערלאַנגט צו די מענטשן־שמאַטעס. און עס איז געווען אַ וווּנדער, אַז די, ווי סחורות אָנגעפּראַפּטע, נייטיקן זיך נאָך אין עסן...

די יללות, וואָס האָבן זיך געריסן פון די פאַרמאַכטע טירן איבער דער לענג פון די באַנען, האָבן אָנגעשטעקט מיט פּאַניק און שרעק די אָרטיקע יידישע באַפעלקערונג. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אינעווייניק אין די וואַגאָנען ווערן די מענטשן צעריבן, צעקוועטשט ווי געפּרעסטע וויינטרויבן — פון זייער אייגענער מאַסע, און עס רינען פון די וואַגאָן־טירן, פון זייערע שפּאַלטן בלוט און מענטשלעך אינעווייניקס איבער די גרינע ליטווישע פעלדער אין דעם געלויף פון די באַנען.

קיינמאָל וועט ער, מירקין, נישט פאַרגעסן די פּנימער פון די ווילד־געוואָרענע מוטערס, וואָס האָבן דורך די שטאַכעטן פון די פענצטערלעך, דורך די שפּאַרע־געעפנטע טירן אַרויסדערלאַנגט צו דער וואָרטנדיקער אָרטיקער יידישער באַפעלקערונג זייערע נאָך זשיפּענדיקע, פאַרגוססטע קינדער.

דאָס משפחה־געפיל, דערצויגן אין יידיש בלוט דורך דורות פון בשותפותדיקע ליידן, איז צוריק תחית־המתים אויפגעשטאַנען. דאָס גאַנ־צע יידישע בלוט איז געוואָרן איין מוטערלעך בלוט, — און עס גיסט זיך אין אַלע יידישע לייבער. אַלע יידישע לעבנס זענען צוזאַמענגעגליט גע־וואָרן אין איין בשותפותדיק פייער.

וואַנדלענדיק און וואָגלענדיק פון איין שטאָט אין דער אַנדערער אי־

בערן פראַנמ, איז אים נישט איינמאָל אויסגעקומען צו קוקן דעם מיימ אין פנים אריין. ער איז פאַרהאַלטן געוואָרן פון דער פעלד־פאָליציי, האָט געצווינגן אויף זיך חשדים אין שפּיאָנאַזש און רעוואָלוציאָנערער טעטי־קייט. געראַטעוועט האָט אים שטענדיק זיין קאַלטבלוטיקייט און זיין סיי־ווי־סיי אַלצאייגנסדיקע גרייטקייט צו שטאַרבן. דאָס האָט אים געגעבן די זיכערע האַלטונג, וואָס איז נויטיק אין אַזעלכע מאָמענטן. ער האָט נישט נאָר קעגן מלאך־המות, נאָר אַפילו קעגן דעם טיפוס אַרויסגעוויזן די זעלבע גלייכגילטיקייט. די עשאַלאָנען מיט די לייבער-שמאַטעס פלעגן זיך אָפּשטעלן אויף טעג גאַנצע אויף באַן־סטאַציעס, אין קליינע ערטער. פון דער ענגשאַפט און שמוץ פונעם פיל־וואָכיקן אויפהאַלט אין די וואַ־גאָנען האָבן זיך באַוויזן פאַרשידענע אָנשטעקיקע קראַנקהייטן צווישן די אַרויסגעטריבענע. אַז מען האָט צוגעבראַכט צו זיי פּראָוויאַנט, האָט מען געדאַרפט איינצייטיק דערוויטערן פון די וואַגאָנען די פאַרעיפּושטע פּגרים, — וואָס עס פלעגט געלינגען דורך אונטערקויפן די באַן־באַאַמטע און די אָרטיקע פאָליציי מיט פעטע כאַבאַרן.

מירקין איז געקראָכן אין די טיפוס־וואַגאָנען, מתעסק געווען זיך מיט די קראַנקע, געוואַרט אויף פאַלגן, און דער טייוול האָט אים נישט גענומען. ער איז יעדע מינוט געווען גרייט אויפן טויט. וואָס פאַרא ראָל האָט געשפּילט דאָס נישטיקע ביסל אייגענע לעבן אין דער וועלט פון פאַרניכטונג, וואָס אַרום. נאָר דערפאַר, וואָס ער איז געקראָכן אין טויט, האָט אים דער מלאך־המות אויסגעמיטן.

אָפּטמאָל, ווען ער האָט זיך צוגעקוקט צום בשותפותדיקן לעבן פון די יידישע מאַסן, וואָס האָט זיך אַזוי קלאָר מאַניפעסטירט אין דער שעה פון נויט, האָט ער זיך געפרעגט די אַלטע קשיא: פאַרוואָס קאָן די אידייע פון אַ בשותפותדיק לעבן זיך נישט אויסברייטערן איבער אַלע מענטשן? דאָס מענטשלעכע בלוט איז ביים גאַנצן מין — פון איין כעמישן באַ־שטאַנד, און וואַרשיינלעך איז דאָס בשותפותדיקייט געווען אַן עלעמענ־טאַרע קראַפט אין מענטשלעכן כאַראַקטער אַמאָל, נאָר ער איז שטאַפּל־ווייז געוואָרן אָפּגעוועגדעט און אָפּגענויגט. די אָפּנייגונג האָט זיך שוין אָנגעהויבן ביים פּרימיטיוון מענטש דורך דער שבטים-פּאָליטיק עס איז אָפּגעטויט געוואָרן דורך די פייערן, וואָס עס האָבן אַריינגעוואָרפן אין די מענטשן־ראַסן די רעליגיעס און פאָטערלאַנד. ווען אַ גרויסער משיח

זועט אויפשטיין, וועט ער זיין ביכולת צוריק אויפצובלאָזן צו תחית־המתים דאָס געפיל פון בשותפותדיקן מוטער־בלוט. דענסטמאָל וועט קור־מען די דערלייזונג פון דער וועלט, דאָס אויפלייזן זיך פונעם יחיד און דאָס צוריקגעפינען זיך אין רבים. דענסטמאָל וועט אויפהערן די הער־שאַפט פון שלעכטס און ס׳וועט זיך אָנהייבן די מלוכה פון גוטן. און צו דעם דאַרף מען שטערבן און זוכן עס שוין איצט, אין מיטן פייער פון ברודער־מאָרד — אין וועלט־קריג.

***

איינמאָל האָט ער זיך געפונען אויף א קליינער באַן־סטאַציע. ער האָט דערהערט א גערודער און א מענטשן־אַנגעלויף. ער איז צוגעקומען נענטער געוויר צו ווערן, וואָס עס האָט געטראָפן. אויף דער באַן־סטאַ־ציע זענען געבליבן שטיין א פּאָר וואַגאָנען מיט עסטרייכישע געפאַנגענע סאָלדאַטן, וועלכע מען האָט געפירט פון פראָנט אין די אינערלעכע רו־סישע גובערניעס. די אָרטיקע פויערשע און יידישע באַפעלקערונג האָט אַרומגערינגלט די וואַגאָנען, געקוקט אויף די פרעמדע דערשראָקענע גע־פאַנגענע אין זייערע פרעמדלענדישע אָפּגעריסענע מונדירן, געזוכט אין זיי צו געפינען די ווילדע און שרעקלעכע חיות, וואָס זאָלן זיי באַרעכ־טיקן אויפן מינדסטן אופן די אכזריותדיקע געפילן, וואָס די מלחמה האָט ביי זיי אַרויסגערופן.

די אָרטיקע באַפעלקערונג האָט אָבער אינעם שונא גאָר קיין אויס־טערלישעס נישט געקאָנט אויפדעקן. מענטשן זענען עס געווען די זעל־בע: טרויעריקע, נידערגעשלאָגענע פּנימער, וואָס האָבן אויסגעדריקט אי דערלייזונג דורך דער געפאַנגענשאַפט, אי שרעק פאַרן אומבאַקאַנטן, וואָס וואַרט אויף זיי אין דער געפאַנגענשאַפט.

— מענטשן ווי אונדזערע, — האָט ווער געזאָגט, — שווער עפּעס צו דערקענען.

א פויערטע האָט געהאַלטן אין דער האַנט א קערבל מיט אייער, פּוטער, וואָס זי האָט געבראַכט אין שטאָט אריין צו פאַרקויפן. זי האָט זיך צוגעריסן צו די וואַגאָנען און אַריינדערלאַנגט איר קערבל צו די פאַר־וווּנדעטע, מיט שרעק פאַרכאַפּטע געפאַנגענע.

— דאָס איז דאָך דער שונא! — האָט ווער געפּרווּווט מוסרן די פּויערטע.

— מיר וועלן זיי אָנקאָרמענען. דערפאַר וועלן זייערע מוטערס געבן צו עסן אונדזערע ייִנגלעך, ווען מען וועט זיי ברענגען אין געפאַנגענשאַפט, — האָט די פּויערטע אין איר נאַאיווקייט אָפּגעענטפערט.

מענטשן האָבן פאַרשטאַנען און מסכים געווען.

די דאָזיקע טאָג־טעגלעכע סצענע האָט געמאַכט אויף מירקינען אַן איינדרוק. ער איז געוואָרן גערירט פון יעדער מענטשלעכער טאַט, וואָס האָט זיך, ווי אַ שטראַל, אַרויסגעריסן אין די בלוטיקע טעג פון ברודערמאָרד. יעדע מענטשלעכע טאַט, פון וועלכער ער האָט געהערט, אַז עס שפּילט זיך אָפּ אויפן פראָנט צווישן די סאָלדאַטן פון ביידע זייטן, האָט אין אים אויפגעלעבט די האָפענונג און באַנייט דעם גלויבן. דאָס איז געווען אַ דערמאָנונג, אַז דער מענטש לעבט נאָך, ער זשיפּעט נאָך אונטער דער קופּע מתים, וואָס ליגט אויף אים.

ער האָט געוואָלט צוגיין צו דער דאָזיקער פּויערטע, טיף זיך פאַרבייגן פאַר איר און איר זאָגן: „אַ דאַנק דיר מוטערל, פאַר דער שמחה, וואָס דו האָסט אָנגעצונדן אין מיין הארצן אין די דאָזיקע פינצטערע טעג"...

ער האָט עס נישט געטון, נישט געוואָלט אַרויסרופן קיין באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. ער האָט אָבער די דאָזיקע פּויערטע אָפּגעוואַרט אין דרויסן הינטער דער סטאַציע, ווען זי האָט זיך אָפּגעשיידט פון די מענטשן און איז זיך אַ צופרידענע געגאַנגען אַליין איר וועג. דערנסטמאָל איז מירקין צוגעלאָפן צו איר, זי פאַרהאַלטן, געכאַפּט איר גראָבע, אָדערדיקע, אויסגעאַרבעטע האַנט, געגעבן אַ קוש און איז אָן אַ וואָרט אוועקגעגאַנגען.

עס איז געשען אַזוי פּלוצים, אַז די פּויערטע האָט זיך דערשראָקן, אויסגעשפּיגן און איבערגעצלמט זיך...

***

דערנאָך זענען געקומען „משיחס צייטן".

דאָס, וואָס עס איז געווען אוממעגלעך, איז געשען; דאָס, וואָס עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז אַ הימלישע באַשטימטקייט, אַז קעמפן

קעגן דעם, הייסט אָנקלאַפּן מיט די קעפּ אָן אַ הימלישער וואַנט, איז געלעגן צעטראָטן, באַצווונגען אונטער די פּאָלקס־פיס. דער אַלמעכטיקער צאַר איז געוואָרן אַן אָרימער מענטש, אַ צאַפּלדיקער און פלאַטערדיקער פאַר זיין לעבן. גאָט איז אין הימל געפאַלן, דער צאַר פון זיין טראָן.

משיחס צייטן! עס איז געשען. דער משיחישער נס!

יענע פעברואַר־טעג אין פעטערבורג! יעדן טאָג האָט אין די פעברואַר־טעג אין פעטערבורג געשיינט די זון. האָט נאָך געמעגט שנייען, זאַווערוכעס האָבן געמעגט די וועלט פאַרשיטן, — די זון האָט פאָרט געשיינט, ווען מענטשן, אויסגעלייזטע, באַפרייטע האָבן געשוועבט איבער די גאַסן. אומעטום האָט געפלאַקערט רויט: רויט איבערן ווייסן שניי, רויט איבער שוואַרצע מענטשלעכע קעפּ, רויטע פלאַכטעס אין שפּיץ פון באַשנייטע מאַניפעסטאַציעס. רויט אין די קלאַפּעס, רויט אויף די אָרעמס, שניי פליטערט איבער רויטע פלאַכטעס. ווייס די ערד, רויט די מענטשן.

וווהין איז דער ציל פון גאַנג? ווו איז דער אָפּשטעל? — וואָס איז דער חילוק! — צו יעדער מאַניפעסטאַציע זיך צוגעטשעפּעט. מענטשן־לייב געגליט צו מענטשן־לייב. מענטש דער פאָטער, זעלנער דער זון, און דער הייליקער גייסט אינעם רויטן פלאַם שוועבט איבער זיי.

פון דער דומע אין טאַווּרישן פּאַלאַץ — צו אַ סאָלדאַטן־פאַרזאַמלונג אין יעקאַטערינע־זאַל, פון פאָלקס־הויז צו קזשעשינסקאַס ווילע. וואָס איז דער חילוק, וווהין די מאַניפעסטאַציע פירט? אַלע ווילנס האָבן זיך צונויפגעגאָסן, און דער כוח איז דאָ, דער כוח פון די משיחישע צייטן, אַלע ווילנס אויסצופירן.

איינמאָל איז מירקין שיער נישט צעריבן געוואָרן פון די מאַסן: אַן עולם האָט אַרומגערינגלט אַ מאַן אין אַ פוטערנעם היטל, מיט אַ שוואַרצער, געשווירענער באָרד. טייל פונעם עולם טענהען, אַז דאָס איז דער פאַרהאַסטער פּריסטאַוו פונעם צירקל, קאַרפּילאָוו.

דער מאַן מיט אַ טויט־קינדישן בליק אין די אַרויסגעזעצטע אויגן ליגט אויף דער ערד אינמיטן פון דער צעווילדעטער מאַסע און שטרעקט אויס די הענט נאָך הילף, שטאַמלט קינדיש־אומבאַהאָלפן. די שוואַרצע דראָטן האָר פון דער באָרד פלאַטערן קינדיש, ווי זיי וואָלטן זיך געבעטן:

האָט רחמנות! אין דער משיחישער שעה פון אויסלייזונג איז דאָס האַרץ רייך פאַר סליחה און מחילה.

בעט זיך שוין מירקין צוזאַמען מיטן שטאַרקן קינדישן מאַן, וואָס ליגט אינעם בלאָטיקן שניי:

— מען דאַרף נישט, חברים! ער קאָן שוין סיי־ווי־סיי קיין שלעכטס נישט טון.

דער עולם טענהט אָבער:

— ס'איז דער פאַרהאַסטער קאַרפּילאָוו... מענטשן געפּייניקט!

בעט זיך ווידער מירקין צוזאַמען מיטן שטאַרקן מאַן:

— מען דאַרף נישט.

קומט־אָן אַ מאַטראָז, רוקט זיך דורך דעם אָנגעפּראַפּטן עולם נאָענט צום מאַן אויפן שמוציקן שניי און נעמט זיך זאַבלעך, אָן כעס, אָן צאָרן, רויכערט דערביי זיין פּאַפּיר־מאַכאָרקע, נעמט־אַרויס פון טאַש אַ רעוואָלווער און שטעלט אים צו דעם מאַנס שלייפן. און איידער דער מאַן האָט נאָך געהאַט צייט דאָס וואָרט „נישט" אַרויסצושרייען, ליגט ער שוין אָן זיין קאָפּ אויפן ווייסן שניי, קוקט אָן שטום, פאַרוואונדערט מיט די קאַלטע, פאַרשטאַרטע אויגן די מענטשן.

— און ווער איז דער? — פרעגט מען אויף מירקינען. טרעט דער מאַטראָז צו צו מירקינען, דעם רעוואָלווער אין דער האַנט, און קוקט אים אָן רויכערט דערביי זיין מאַכאָרקע־ציגאַרעטל. שמייכלט אים מירקין אין פּנים אַריין:

— אז דו ווילסט, שיס. אַלץ־איינס, די רעוואָלוציע איז דאָ.

שטעקט דער מאַטראָז דעם רעוואָלווער אין זיין לעדערנעם פּאַסיק אַריין און טרעט־אַרויס פון דעם עולם, פון דעם רעדל מענטשן. געווינט דאָס פאַר מירקינען זיין לעבן, און מען לאָזט אים אַרויסטרעטן.

ליגט אויף די ליפּן די ביטערקייט פון טויט, אַזוי ווי מ'וואָלט אַ פאַרסמטע רויז געשמעקט. אָבער די זון שיינט, און דער שניי פאַלט אויף רויטע פענער, אויף רויטע פלאַכטעס.

מאַניפעסטאַציעס גייען, מענטשן זינגען — לייזט מען זיך אויף אין דער מענגע, ווערט מען שיכור פון ווייסן שניי, פון דער רויטער פאָן, ווי מען וואָלט שטאַרקן ווייַן געטרונקען. נאָר דער טעם פון סם וויל פון די ליפּן נישט פאַרשווינדן. ווי איז ייייייר פרייד, דערפילט באַלד מירקין

נאָך פון זיין קינדהייט אָן טרויעריקייט, אין יעדן יום־טוב — דעם דער־וואַכנס. אזוי דערפילט ער אינעם געזאַנג און רעוואָלוציאָנערע מאַרשן — א פוסטקייט. ער קאָן זיך נישט דערקלערן פאַרוואָס. אזוי ווי א וואָרעם וואָלט דאָרט גענאָגט. נאָך די ערשטע האָניג-טעג ווערט עס קלאָרער. די פוסטקייט גראָבט אַלץ טיפער און ברייטער, דער יום־טוב אויסגעוועפּט, און אַלצדינג, דאַכט זיך, איז ווי פריער.

די שליטנס לויפן מיט א פריילעכן געקלימפּער איבער די פּעטער־בורגער גאַסן. די רעסטאָראַנען זענען באַלויכטן, די קינאָס שפּילן, און די הינטער־געסלעך שלעפּן זיך היימלאָזע, אָפּגעריסענע סאָלדאַטן צום רייכן, באַזינגטן, מיט ליכט באַגאָסענעם יעקאַטערינע-זאַל אויף א פאַרזאַמלונג פון אָפיצירן און סאָלדאַטן.

אויף דער פּלאַטפאָרמע זיצן די געטער. דער אַלטער גוטשקאָוו פּריי־דיקט:

— און איצט, קינדער סאָלדאַטן, אָרגאַניזירן דעם זיג; דער ערשטער חוב פון דער רעוואָלוציע — די אייזערנע דיסציפּלין. די דייטשע פּראָ-וואָקאַציע וועט נישט צעברעכן אונדזער איניקייט. די פּרוכטן פון דער רעוואָלוציע דאַרף מען אָפּליינן אויף נאָכן זיג.

עס שטייט מיליוקאָוו און רעדט מיט א פאַרגעניגנדיקן שמייכל:

— דער ציל איז נאָך נישט דערגרייכט. די רעוואָלוציע איז דער ערשטער עטאַפּ. איר ענד איז — קאָנסטאַנטינאָפּאָל. די רעוואָלוציע איז דעם ווילן פון דורות רעאַליזירן.

עס שטייט אויף דער כוהן־גדול אַליין. א נידעריקער איז ער, און דערצו האָט ער זיך צו קורץ געשוירן די האָר. זיינע האָר זענען שטייפע, ווי דער צאָר געשוירן טראָגט ער זיי. ער רופט אויס מיט שוין א הייזעריק געוואָרענער שטים, שטעלט זיך אויף די שפּיץ פינגער, אַז ער זאָל אויס־זען העכער: פאַר דער גלאָריע פון דער רעוואָלוציע! מיר מוזן איבער־ציינן אונדזערע פאַרבינדעטע, אַז דער פאַרפוילטער צאַריזם האָט נישט געקאָנט דערגרייכן קיין זיג, דעם זיג וועט אָבער ברענגען די רעוואָלוציע!

און די רויטע פענער פּלאַקערן אינעם מיט ליכט-באַגאָסענעם מאַר־מאָרענעם זאַל. עס דונערן די הורא־געשרייען און דערגרייכן דעם הויכן וויים-באַמאָלטן באַלקן. דער כוהן-גדול פון דער רעוואָלוציע ווערט גע־כאַפּט פון אָפיצירישע הענט אויף אָפיצירישע אַקסלען. מען דערלאַנגט

אים אַנזיכטס־קאַרטלעך מיט זיין אייגענער פאָטאָגראַפיע, און מיט אַ פרימאַדאָנישן זשעסט חתמעט ער זיי אונטער און צעטיילט זיי די צע־היצטע „באַרישנעס”, וואָס רייסן זיך אַרום אים.

און די רויטע פענער פלאַקערן און ווערן נישט בלייך. די רויטע פלאַכטעס מיט די „כל־טוב”־אויפשריפטן צינדן זיך נישט אָן און פאַר־לענדן זיך נישט פאַר שאַנד און שפּאָט.

גייט מירקין איבער די גאַסן אַ פאַרלאָזטער און אַן אונטערגעדריק־טער פון זיינע אייגענע שטימונגען אין דער יום־טובדיקייט פון רויטע פענער און ווייסן שניי, און ער מורמלט פאַר זיך פּסוקים:

—משיחס צייטן — און קיין משיח נישטאָ; משיחס צייטן — און קיינער קלערט נישט, ווי אַזוי די וועלט אויסצולייזן פון דער מלחמה־קללה, וואָס ליגט ווי אַ וואָלף אויפן האַלדז, בייסט־אַריין מיט די ציין, צע־רייסט דאָס לייב מיט די לאַפּעס, קיינער קלערט נישט, ווי אַזוי דעם דאָ־זיקן וואָלף אַראָפּצונעמען פונעם האַלדז! די כוהנים פון דער רעוואָלוציע זענען פאַרנומען מיט דעם, וואָס זיי שלייפן נאָך שאַרפער דעם וואָלפס נעגל.

און אַמאָל דאַכט זיך אים, אַז די רעוואָלוציע אַליין איז דער אָפּ־גאָט מילך. מולך האָט זיך פאַרשטעלט, אָנגעטון זיך אַ רויטע רעוואָלוציאָ־נערע קעפּקע אויפן קאָפּ, כדי זיינע קרבנות צו פאַרשיטן די אויגן מיט רויטע קאָליר. די אַלטע מיטלען ווירקן שוין נישט, ווי אַזוי אַריינצונאַרן מענטשן־לייבער אין זיין אָפן מויל: „צאַר”, „פאָטערלאַנד” — אויסגע־דראָשענע ווערטער. האָט ער זיך געוואָרפן אויף אַ ניי פאַרטל: „רעוואָ־לוציע”. און אים דאַכט זיך, אַז מ׳האָט מולכס פּיסק באַקראַצט מיט פלאַמענדיקע רויטע פענער און זיך אוועקגעשטעלט נעבן אים, און מען נאַרט־אַריין מענטשן צווישן זיינע ציין אין נאָמען פון דער רעוואָלוציע...

אין יענער פאַרצווייפלטער צייט האָט ער זיך דורך אַ צופאַל צו־נויפגעטראָפן מיטן אַדוואָקאַט האַלפּערין. דער אַדוואָקאַט, וועלכער איז עולה־לגדולה געוואָרן, שיעור נישט אַ שני־למלך, איז דענסטמאָל, זייער אָפּט אַרייסגעטראָטן אויף פאַרזאַמלונגען פאַר סאָלדאַטן און אָפּיצירן מיט פאַטריאָטישע מאָנונגען אָנצוהאַלטן דעם „קריג ביז צום זיג” ווי עס איז געווען די מאָדע. איבערהויפּט האָט זיך דער אַדוואָקאַט געהאַט געווענ־דעט צו דער יידישער יוגנט, וועלכע ער האָט גערופן איצט צו באַווייזן

זייער פּאַטריאָטישע דאַנקבאַרקייט צו דער רעוואָלוציע פאַר דער געוווּר־נענער פרייהייט.

אויף איינער אַזאַ פאַרזאַמלונג האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיט מיר־קינען.

מירקין, וועלכער האָט אויסגעמיטן אין פּעטערבורג אַ צוזאַמענ־טרעפן זיך מיט זיין משפחה, האָט דעם אַדוואָקאַט געוואָלט גיין אויס דעם וועג. האַלפּערין האָט אים אָבער דערקענט (וואָס איז אים, אגב, אויך שווער אָנגעקומען, ווייל מירקין האָט זיך דורך די פּאָר יאָרן פון קריג געעלטערט און געענדערט). ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי ער זאָל באַנייען זיין באַקאַנטשאַפט מיט מירקינען, אָדער נישט.

צום סוף איז דער אַדוואָקאַט צוגעקומען צו אים, אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף זיינע פּלייצעס, און ווי ער וואָלט אים ערשט נעכטן געזען געזען, האָט ער צו אים געזאָגט אין אַן אויפּפאָדערנדיקן טאָן:

— יונגערמאַן, אויפן פראָנט! מיר דאַרפן מיט אונדזער דינסט־גרייטקייט פאַרן פאָטערלאַנד ווייזן אַ ביישפּיל די אַנדערע.

און אַז מירקין האָט אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט, נישט פאַרשטאַ־נען וואָס ער מיינט, האָט דער אַדוואָקאַט צוגעלייגט:

— מיין זון איז אין דער פּלי־שול, נינע סאָלאָמאָנאָווּנע זיצט גאַנצע טעג מיט איר מוטער, און זיי וויקלען באַנדאַזשן. מיר, יידן, מוזן גיין פאָראויס!

דערויף האָט ער אים געלאָזט שטיין. דער אַדוואָקאַט איז מיט אַ געהויבענעם קאָפּ ווייטער געגאַנגען.

דאָס וואָרט „באַנדאַזשן" האָט ווי מיט אַן אייזן געשלאָגן מירקי־נען איבערן קאָפּ. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט דאָס בילד, ווי נינאָטשקע, זיין איצטיקע שטיף-מאַמע און די שטילע איידעלע, אָלגע מיכאַילאָוונע, ווי זיי זיצן ביידע אין איר בודואַר און וויקלען באַנדאַזשן. און אפשר העלפט דערביי צו דער „ענגלענדער", לאָזט גלעטן זיין סאַמעטענעם בליק איבער אָלגע מיכאַילאָווּנעס ברוסט.

אַז מירקין איז אַרויסגעקומען אויף דער גאַס האָט ער געזען, פאַר־וועמען די פאַרנעמע דאַמען גרייטן־אָן באַנדאַזשן: איבער דער נעווסקע האָבן זיך געצויגן לאַנגע שערענגעס מיט באַוואָפנטע סאָלדאַטן אין דער ריכטונג צום מאָסקווער וואָקזאַל.

קיין געזאַנגען האָבן זיי שוין מער נישט באַגלייט. זיי זענען געגאַנגען ערנסטע און שווייגנדיקע. און פערדיש האָבן אָפּגעהילכט אויפן שנייאיקן ברוק די טריט פון רייטנדיקע אָפיצירן.

אויפן ראַט פון די פאַרבינדעטע אַמבאַסאַדאָרן און ראַטגעבער האָט קערענסקי צוגעגרייט די אומזיניקע גאַליצישע אַטאַקע „פאַר דער גלאָריע פון דער רעוואָלוציע".

— די גוטע ווערטער האָבן זיך געענדיקט, און איצט קומען די באַגנעטן, — האָט זיך מירקין געטראַכט, און ער האָט הויך פאַר זיך צו־געגעבן:

— משיחס צייטן — און קיין משיח איז נישטאָ!

קאַפּיטל 11

פאַרן לעצטן זיג

דער שנײ איז אַוועק, גרינס איז געקומען, דערלייכטערונג און ווינ־דיקע האָפענונגען, אָבער דאָס רויטע איז איבערגעבליבן. דאָס רויטע האָט זיך נאָך מער געמערט. די מאַניפעסטאַציעס האָבן נישט אויפגע־הערט צו ציען איבער די גאַסן: סאָלדאַטן מיט ביקסן און רויטע בענדער, סאָלדאַטן מיט רויטע פענער. ווער האָט עס געזען? סיידן אין אַ חלום אָדער אין אַ סיבירישן שניי־מיראַזש. און דאָך איז עס אַזוי, — סאָלדאַטן מיט ביקסן און רויטע פענער. נישט איין טאָג, נישט צוויי — וואָכן, חדשים. דאָס ברויט ווערט ווינציקער, ווערט ערגער פון טאָג־צו־טאָג, מען קאָן שוין נישט באַקומען אין פרייען פאַרקער גענוג זאַלץ און צוקער. נאָר ווער קוקט אויף אַזעלכע קלייניקייטן, ווען סאָלדאַטן מיט רויטע בענ־דער איבער די אָרעמס, מיט רויטע פענער אין די ביקסן מאַרשירן איבער די גאַסן? וווינט ער, מירקין, אין אַן אָפּגעלעגענעם האָטעל, אין אַ מער־לירט צימער. פון די מלחמה־טעג איז ער שוין געוווינט צו טראָגן וועש ביז צום פאַרפוילט ווערן, קליידער און קאַמאַשן ביז צום צעפאַלן. און עס אַרט אים שוין נישט, ווען ער נעמט אַ באָד.

איינמאָל האָט אים דער פאָטער אָנגעטראָפן אין אַזאַ הולך. מיר־

קין האט זיך נישט זשעגירט. דער פאטער האט געמאכט א זשעסט ווי אפ־צושטעלן זיך. ער האט געפילט, אז זאכארי וועט זיך נישט אפשטעלן (דערקענט אין זיין גאנג). און איידער יענער האט נאך געהאט צייט דורכ־צוגיין, איז דער פאטער פארביינגעגאנגען און זיך געמאכט נישט זעענ־דיק.

כאטש געלט נעמט ער נאך יעדעס מאל, ווען ער באדארף, פון קאנ־טאר. מען צאלט נישט מער אויס וויפל עס שטייט דארט אין בוך פאר־שריבן. דאס געלט קומט צונויץ פאר חברים, פאר פארטיי־צוועקן. פאר זיך אליין באדארף ער ווייניק־וואס, — אז עסן עסט מען אין בשותפות־דיקע קיכן, אפטמאל אין קאזארמעס פון בשותפותדיקע קעסלען, אז עס איז נאר דא וואס. און זיין פארציע ברויט קאן ער יעדעס מאל באקומען און ווער באדארף עפעס, אז אין דרויסן גייען מאניפעסטאציעס מיט רויטע פענער, סאלדאטן מיט רויטע בענדלעך.

יעדן טאג איז א יום־טוב. יעדן טאג קומען מיט די באנען אנדערע גדולים צופארן. מיט אלע באנען, פון אלע פיר עקן וועלט קומען זיי אן. פון סיביר פארשיקטע, פון אויסלאנד, דורך דער פינלענדישער באן, אפילו פון ווארשעווער באנהויף אין פלאמבירטע דייטשע וואגאנען. בא־רימטע רעוואלוציאנערע העלדן, וואס זענען יארן לאנג געזעסן אין אויס־לאנד, אין שווייצארישע שטעטלעך, געפאנגען ערגעץ־ווו ביים שונא, אדער אין נייטראלע לענדער אינטערנירט און דורך דער אינטערווענץ פון דער רעוואלוציאנערער פראוויזארישער רעגירונג געווארן באפרייט. עס קומען אויך אן אויסלענדער, די „צימערוואלדער״ מיט זייער סעקרעטאר. יעדן טאג ציען מאניפעסטאציעס צו די באנען. זעלנער טראגן רעוואלוציאנערע העלדן אויף די אקסלען. פון זעלנערישע אקסלען פלאטערן פענער, און מען הערט הייסע רעדעס אין אלע שפראכן. מען ציט איבער די גאסן צום ווינטער־פאלאץ, ווו מען זיצט אויפן צארס טראן. מען פירט אין דער דומע אריין, צום טאורישן פאלאץ, ווו עס זיצט דער ראט פון אר־בעטער און סאלדאטן. יעדן טאג פלאטערן פאנען, יעדן טאג טראגט מען אויף די אקסלען. יעדער טאג איז א יום־טוב, אבער יעדן טאג ווערט די לאגע פארוויקלטער און שווערער. מיט יעדן יום־טוב ווערט ברויט ווי־ניקער און קליידער טייערער און זעלטענער.

דאס פאלק גארט נאך פרידן און נאך די פרוכט פון דער רעווא־

לוציע, און קיינער קאָן אים דעם פרידן נישט געבן. ווי אַ האָניק־לעקעכל פאַר אַ הונגעריק קינד ליגט פאַר אים די רעוואָלוציע: ערד, פאַבריקן, פרייהייט, אַלע אַנדערע גוטע זאַכן, וועגן וועלכע מען רעדט אויף מיטינגען. ער שטרעקט־אויס די האַנט נאָך דעם — און קאָן עס נישט נעמען. דאָס לעקעכל איז מיט אַ שלאַנג אַרומגערינגלט, מיט דער מלחמה, און מען קאָן זיך נישט פּהיער דערצו צורירן, ביז מען וועט די שלאַנג נישט אַראָפּנעמען און טויטן. אָבער ווי אַזוי טויט מען די שלאַנג?

אין דער ערשטער צייט, אינעם האָניק־חודש פון דער רעוואָלוציע ווען אוממעגלעכעס איז געוואָרן מעגלעך, האָט מען נאָך דערוואַרט אַ נס אויף דער צווייטער זייט, אויף דער זייט פון שונא: זיי וועלן זיך פאַרקוקן אויף רוסלאַנד. די פעלקער וועלן זיך געבן די הענט איבער די גופים פון זייערע הערשער.

דער נס איז נישט געשען.

מיט פייער און אייזן זענען איבערגעשניטן געוואָרן די הענט, וואָס האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע געגרייכט איבער די מלחמה־גריבער. יעדער אַריבערלויף אויף דער צווייטער זייט, יעדער פריינטלעכער באַווייז איז פון די דייטשן באַצאָלט געוואָרן מיט קוילן אין קאָפּ. קערענסקיס אומגעלומפּערטע אַטאַקע אויפן גאַליצישן פראָנט האָט אַרויסגעריסן מיטן וואָרצל די ברידערלעכע געפילן, וואָס זענען אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע איינגעפלאַנצט געוואָרן אין מענטשלעכע הערצער פון ביידע זייטן גרוב. דער דייטשער מיליטאַריזם האָט אויסגענוצט קערענסקיס אַטאַקע אויפצופלאַקערן דעם פּאַטריאָטישן פייער און מערדערלעכן האַס ביים דייטשן מענטש צום רוסישן ברודער.

וואָס זאָל מען טון? ווי אַזוי ברענגט מען דעם שלום? אַריינשטעכן דאָס אייגענע געווער אין דער ערד און פאַרלאָזן דעם פראָנט? — הייסט דאָך דאָס עפענען די טירן פון דער רעוואָלוציע פאַרן שונא. איז מירקין, ווי יעדער־איינער דענסטמאָל אַרומגעגאַנגען איבער די פּעטערבורגער זאַלן און צירקן און צוגעהערט זיך צו רעדנער. אַלע האָבן גערעדט אין נאָמען פון דער רעוואָלוציע. אַלע זענען געווען הייזעריק, אַלע האָבן געוואָלט דאָס זעלבע — דעם שלום. נאָר קיינער האָט נישט געוווסט, ווי אַזוי צו ברענגען די ישועה. האָט מירקין אַמאָל אויפן הויף פון די סאָוויעטן, אין טאַווערישן פּאַלאַץ אָנגעטראָפן דעם מאַן מיט דעם גרויסן פּלי־

בענעם קאפּ און קאַלמיקישע אויגן, וועמענס נאָמען איז דענסטמאָל גע־וועזן אויף אַלעמענס ליפּן.

ער איז געווען דער פאַרהאַסטעטסטער און געאַכטעטסטער מענטש אין דער גאַנצער אימפּעריע. טייל האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ פאַררעטער, וואָס איז דורך דעם שונאס פאַרמיטלונג געקומען מיט זיינע דרייסיק זילבער־שטיקער צו פאַרניכטן די שווער געוווּנענע פרייהייט, אַריינצופירן דעם דייטשן מונדיר אין רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד. אַנדערע, ווידער, האָבן אים באַטראַכט פאַר דעם איינציקן משיח, וואָס קאָן ברענגען די הילף, פאַר דעם משיח, וואָס איז געקומען דורך אַ נס אַרויסצוציען דאָס פאַר־לוירענע פאָלק פון די טיפענישן פון זיין אָפּגרונט, וואָס די אַלע שונאים פון פאָלק האָבן אים אַהין אַריינגעשטופּט. ער איז דער איינציקער רעטער, וואָס קאָן אָנכאַפּן די שלאַנג, וועלכע ליגט אַלעמען אויפן האַלדז — די מלחמה — און זי דערווערגן.

דער מאַן איז געשטאַנען אין מיטן פון אַ קרענצל איינגעמונדירטע סאָלדאַטן, ציווילע און איניקע פרויען נעבן אים. ער האָט הייס און ענ־טוזיאַסטיש עפּעס פאַרטיידיקט. מירקין איז צוגעקומען צום דאָזיקן רעדל מענטשן. ער האָט אים געזען אָנגעטון אין אַ פרעמדלענדישן רעגן־מאַנטל, וואָס איז נישט געווען צוגעשניטן אויף זיין מאָס, דעם צעקנייטשטן דאַ־שעק פון היטל אין דער האַנט. מיטן היטל האָט דער מאַן צוגעטאַקעוועט און צוגעקלאַפּט, אַזוי ווי ער וואָלט וועמען געוואָלט איבערן קאָפּ געבן. זיין גאַנצער נידעריקער קערפּער, לויט זיין וואָג און לויט דער פּראָפּאָר־ציע פון זיין גרויסן קאָפּ, האָט זיך מיט־באַוועגן אינעם זשעסט, וואָס ער האָט געמאַכט מיטן היטל אין דער האַנט. ער האָט עפּעס־וואָס פאַרטיי־דיקט, דערביי האָבן זיך זיינע אומנאַטירלעך ברייטע נאָזלעכער, צוליב דער פאַרקרימטער גרימאַסע, וואָס ער האָט געמאַכט מיט זיינע ליפּן, נאָך מער פאַרשפּרייט, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיי שלינגען־אַריין שטיקער פון זיינע געדיכטע וואָנסעס. די לאַנג־אויסגעשניטענע מאָנגאָלישע אויגן האָט ער געהאַלטן האַלב־פאַרזשמורעט, ווי די זון וואָלט געשטאָכן אין זיי, און ער קאָן זי נישט פאַרטראָגן.

ס'איז געווען דער אויסערגעוויינלעך גרויסער קאָפּ פון דעם דאָזיקן מענטש, וואָס האָט מירקינען אַרומגענומען מיט יראת־הכבוד פאַר אים. די ליפּנס זיינע איז געווען אַ פאַרזעצונג פון זיין שטערן־שאַרבן. איבער

דער בלוי-אַדערדיקער באַוועבטער גלאַנציקער שטערן־הויט האָבן זיך געטראָגן ווי וואָלקנס פאַרביי, אַזוי ווי עס וואָלטן זיך אין דעם גרויסן חלל פון זיין קאָפּ געדרייט די רעדער פון דער וועלט, און מען זעט-אָן זייערע באַוועגונגען אויפן גלאַנציקן שטערן.

מירקין האָט אים, ווי דער איבריקער עולם, ערנסט און הסכמהדיק מיט יראת־הכבוד אויסגעהערט. ער האָט גערעדט וועגן קריג.

— איינס פון די ביידע, — האָט ער געזאָגט, — וועט געשען: אָדער דער קריג וועט די רעוואָלוציע אונטערברעכן, אַז נישט מוז די רעוואָלוציע דעם קריג טויטן. שוין, גלייך אויפן אָרט, נישט וואַרטן. דאָס קאָן נאָר טון איין כוח — דער פּראָלעטאַריאַט! די גאַנצע מאַכט מוז איבערגיין צו די סאָוויעטן. נאָר די סאָוויעטן זענען אימשטאַנד דאָס ווונדער צו באַווייזן און דעם שלום צו ברענגען.

פון דער עקזעקוטיוו־געביידע פונעם מיליטערישן ראַט זענען איצט אַרויסגעקומען אויפן הויף אַ פּאָר חשובע מיטגלידער. זייער חשובקייט האָט מען אָנגעזען פון דער באַגלייטונג פון אָפיצירן, וואָס זענען נאָכגעגאַנגען נאָך זיי: אַ הויך־געשטיוולטער מאַן אין אַ ציוויל־מיליטעריש געשניטענעם ספּאָרט־אַנצוג, אַ קליין־געוויקסיקער מיט זייער באַלעבטע באַוועגונגען און זשעסטן.

דערזען דעם מאַן מיט די מאָנגאָלישע אויגן אין מיטן אַ קרענצל סאָלדאַטן אויפן הויף פון ראַט, האָבן זיי זיך אָפּגעשאָקלט, געוואָרפן דאָרט אַהין פאַרדריסלעכע בליקן, און ס'איז אָנגעגאַנגען אַ געמורמל. דאָס קרענצל סאָלדאַטן ביים מאַן מיט דעם גלאַנציקן שטערן האָט אָנגעהויבן שיטערער צו ווערן. מען האָט זיך אָנגעהויבן בגנבה אַוועקצורוקן פון אים, זיך צוגעשאַרט אומבאַמערקט און זיך אָנגעשלאָסן אָן דער צווייטער גרופּע.

דער מאַן מיט די מאָנגאָלישע אויגן האָט איצט נאָך מער פאַרשפּרייט זיינע נאָזלעכער, און אַן אומאָנגענעמער קאַלטער שמייכל האָט פאַרקרימט זיין אונטערשטע ליפּ.

דעם מאָמענט האָט מירקין אויסגענוצט. ער איז נענטער צוגעטראָטן צו דעם מאַן מיט די מאָנגאָלישע אויגן און זיך געווענדעט צו אים מיט אַ באַשיידענער צוריקגעהאַלטענער, האַלב־פאַרשעמטער שטימע:

— דערלויבט מיר. חבר, אייך צו פרעגן, ווי אַזוי שטעלט איר זיך

דאָס פּאָר? ווי אַזוי קאָנען די סאָוויעטן ברענגען דעם שלום? אַז דער שונא...

מירקין האָט נאָך נישט געהאַט פאַרענדיקט דעם זאַץ, ווען עס האָט אים אינמיטן רעדן אָפּגעשטעלט דעם מאַנס אומצוטרוי־לעכער בליק. ער האָט פאַרקנייטשט איין אויג, אויפגעצויגן די נאָזלעכער, און נישט מיט דעם אָפענעם נאָר פאַרקערט מיט דעם פאַרמאַכטן אויג האָט ער אָנגעהויבן מיט אומצוטרוי צו פאָרשן טיף מירקינען, אַריינגעקוקט אים אין פּנים אַריין. נאָר עס זעט־אויס, אַז עס איז געווען אין מירקינס פּנים, צי אין זיין שטימע, עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט געוווּנען דעם מאַנס צוטרוי צו אים.

דער מאַן האָט צוערשט אַ קאַלטן שמייכל געגעבן, ביי וועלכן עס האָבן זיך אַרויסגעוויזן די ברייטע באַקן־ביינער פון זיין טונקל־געלבלעכער פּנים־הויט, און ער האָט אים אָפּגעענטפערט נישט מיט קיין ענטפער, נאָר מיט אַ פראַגע:

— צו וועמען זאָלן אונדזערע חברים, דער דייטשער פּראָלעטאַריאַט, צוטרוי האָבן? צו די גוטשקאָווס, צו די קערענסקיס, צו די טשעכטאַי־דזעס, צו די טשערנאָווס, וואָס באַנייען די אַטאַקעס אויף אים? — ווען די מאַכט וועט אַריבערגיין צו די סאָוויעטן, קאָן דאָס זיין די איינציקע גאַראַנטיע פאַרן דייטשן פּראָלעטאַריאַט, אַז רוסלאַנד וויל באמת שלום, אָן אַנעקסיעס, אָן אַ פּוסטן זיג, — און דענסטמאָל וועלן זיי נויטן זייערע גענעראַלער צו אַ גערעכטן שלום.

— יאָ, אָבער חבר, מיר אַלע האָבן געוואַרט אויפן נס פון דער צווייטער זייט, ליידער האָט ער זיך נישט באַוויזן, — זאָגט מירקין.

ער האָט ווידער נישט געלאָזט מירקינען פאַרענדיקן דעם זאַץ.

— חבר, די מלחמה וועט טון דאָס איריקע, אַזוי ווי זי האָט עס געטון ביי אונדז. דער פונדאַמענט פון דער בורזשואַזער וועלט איז שוין גוט דורכגעגריזשעט און איז רייף צו צעפאַלן. ער האַלט זיך נאָר אויף די באַגנעטן און האַרמאַטן. איך גלויב אין דייטשן פּראָלעטאַריאַט, פּונקט אַזוי ווי איך האָב געגלויבט אין רוסישן, אין גאַנצן וועלט־פּראָלעטאַריאַט.

— גלויבן? — וווּנדערט זיך מירקין.

— יאָ. גלויבן. גלויבן, אַרבעטן און טון אַלצדינג, כדי דעם דאָזיקן גלויבן צו מאַכן וואָר. אַזוי ווי ביי אונדז, אַזוי אויך ביי זיי.

— אָבער, חבר, ווי אַזוי קאָנסטו אַרבעטן ביי די דייטשן, אַז זיי דערשיסן יעדן אַריבערלויפער?

— זיי האָבן באַפוילן קיין געפאַנגענע נישט צו נעמען, — רופט זיך אָן אַ סאָלדאַט, וואָס האָט זיך צוגעהערט צום געשפּרעך.

נאָך דעם מאַן מיט דער גלאַנציקער ליסינע און מאָנגאָלישע אויגן האָט מען געפּרווּווט איצט צונעמען. די שלעכט־אָנזאָגנדיקע בליקן פון דער צווייטער גרופּע, וואָס איז געבליבן שטיין אין מיטן הויף, האָבן זיך ווי שלעכטע פייערן אָנגעצונדן. און אַ פּאָר מענער, אַ פּאָר פרויען, וואָס זע־נען געווען מיט דעם מאַן, האָבן אים אַריינגעסודעט אין אויער, אים אָנ־גענומען ביי דער האַנט און מיטגעשלעפּט אים מיט זיך.

דער מאַן מיט די מאָנגאָלישע אויגן האָט נאָך געהאַט צייט זיין קאָפּ אויף הינטן אַרונטערצוואַרפן צום פרעגנדיקן זעלנער, געענטפערט אויף זיין פראַגע אויך מיט אַ פראַגע:

— דעם דייטשן אַרבעטער צו הרגענען, אייגענע פּראָלעטאַרישע ברידער צו טייטן מעגסטו יאָ איינשטעלן דאָס לעבן, און מענטשן אויפ־צוקלערן, אַ ברידערלעכע האַנט אויסצושטרעקן — נישט? אָפּפערט זיך פאַרן שלום, פּונקט אַזוי ווי זיי הייסן אייך זיך אָפּפערן פאַר דער מלחמה!

די באַגלייטער האָבן אים איצט מיט געוואַלד מיטגעשלעפּט מיט זיך.

אין דער צווייטער גרופּע איז אָנגעגאַנגען אַ געמורמל. די גרופּע איז וואָס אַמאָל מער געוואַקסן, אַן אָפּיצירן־שטימע האָט זיך שוין פון דאָרט הויך אָנגערופן:

— איז אַ וואונדער, וואָס אונדזערע מיליטערישע אָפּעראַציעס פאַלן דורך, אַז דייטשע שפּיאָנען אַגיטירן אין דער הויפּטשטאָט אומבאַ־שטראָפט צווישן אונדזערע סאָלדאַטן?

און אַן אַנדערער האָט פאַרשטאַרקט:

— אָך, ווען די פּראָוויזאָרישע רעגירונג וואָלט נאָר אַביסל ענער־גישער אַרויסגעטראָטן קעגן פאַררעטער!

האָט מירקין אָנגעהויבן צו גיין אין דער טענצערין קזשעשינסקאַס ווילע, וווּ ס'האָבן זיך אויפגעהאַלטן די באָלשעוויקעס. דאָס וואָרט „גלויבן", וואָס עס האָט אַריינגעוואָרפן דער מאַן מיט די קאַלמיקישע אויגן, האָט דאָס מאָל אויך געזיגט: דער גלויבן אין פּראָלעטאַרישן גע־

זויסן, אַז ער וועט אומעטום ווערן רייף און זיך דערוועקן ווי ביי אונדז, אַז אויף אים באַדאַרף מען בויען, און קיין אַנדערער כוח איז נישטאָ.

ער האָט אינעם דאָזיקן וואָרט געפונען דעם אינהאַלט פון מענטש־לעכן ווערט. די בויענדיקע מאָראַלישע קראַפט, אַזוי ווי דער אַלטער ייד האָט אַמאָל געלערנט, אַזוי ווי דער חבר אַנאַטאָל האָט אים אַמאָל גע־זאָגט: דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אין וועבן פון אונדזער מענטשלעכן לעבן איז דער גלויבן אין די מאָראַלישע כוחות. זיי זענען דאָ, אפילו ווען דו זעסט זיי נישט. ווען די אומשטענדן ווערן רייף, מוז זיך דער דאָ־זיקער כוח אַנטפּלעקן.

ווען האָט ער נישט אין דער ווילע פון דער אַמאָליקער פּוילישער טענצערין, וואָס דער לעצטער צאַר האָט אַזוי ברייטהענטיק אויסגעבויט, — ווען האָט ער דאָרט נישט אָנגעטראָפן... עס האָט זיך מירקינען געדאַכט, אַז פּונקט אַזוי ווי אין דרויסן, אַזוי אויך דאָ לעבט די וועלט אין חלום. פון אַלע תּפיסות, פון אַלע פאַרשיקונגען זענען זיך צונויפ־געקומען מענטשן. געזיכטער באַקאַנטע, פרעמדע, וואָס מען האָט ערגעץ־ווו געזען, און מען קאָן זיך נישט דערמאָנען ווו. אין אייניקע פון די צי־מערן, אויף אַ ראָזעווע־זיידענער ווייכער, אין סטיל פון לואי דעם זעכצנ־טן געשניצטער קאַנאַפּע, ווען האָט ער אָנגעטראָפן? — זאַשקען, אָדער ווי מען האָט זי דאָ גערופן חברטע סאָפיע. זאַשקע, זיין כלהס שוועסטער, מיט איר מילכיקן לייב, וואָס גיסט זיך שטענדיק אַרויס פון אירע צו־לויזע בלוזקעס. אַ לעדערנע שוואַרצע קורטקע אויפן אַרבל פאַרוואָרפן, מיט אַ שנור פון אַ רעוואָלווער איבער דער פולער ברוסט. זאַשקע מיט די שאַטענע ווייכע האָר, כאָטש שוין איצט אָפּגעשניטענע, אָבער נאָך גע־דיכטע טראָלדן דרענגען זיך אַרויס פון אונטער דעם מענערישן שניץ־הוט און פאַלן איבער די מילכיק־ראָזעווע אויערן אינעם העל־בלאָנדן מיידלשן קאַרק. זאַשקע מיט אַ רעוואָלווער אין איר לעדערנער קורטקע־טאַש. זאַש־קע מיט דעם פולן רחל־לאַהשן האַלדז. די ברוינע לעדערנע הענטשקעס, ווי שטענדיק, איבער די הענט. זי זיצט אויף אַ זיידענער קאַנאַפּע אין ביז צו די קני־פאַרקנעפּלטע ספּאָרט־שיך, איין פוס פאַרלייגט אויפן אַנ־דערן, רויכערט אַ היימישע אין אַ פּאַפּיר־געדרייטע מאַכאָרקע. אַרום איר — אַ קרענצל סאָלדאַטן מיט לאַכיקע, זיך פרייענדיקע פּנימער, און זאַש־

קע, ווי תמיד, א פייערדיקע, א פלאמענדיקע, האלט עפעס אין אגיטירן צווישן זיי.

— זאשקע!

ס'האט זיך ארויסגעשטעלט, אז רחל-לאה האט זיך געשטעלט אין פולן קאמפלעט אין קזשעשינסקאס ווילע. נישט נאר זאשקע אליין איז דא, איר ברודער יאש דארף זיך באלד פון סיביר אומקערן.

זאשקע אליין איז געקומען אהער איבער א נייטראלן לאנד. די דייטשע אקופאציע־מאכט האט נאכן איסברעכן פון דער רוסישער רעוואלוציע ארויסגעלאזט פילע רעוואלוציאנערן פון פוילן אין נייטראלע לענדער. דעם חבר מארעק האבן זיי אפילו באפרייט פון תפיסה, וו זיי האבן אים געהאלטן געפאנגען זינט דער אקופאציע, און אים געגעבן א פאס צו פארן אין נייטראלן אויסלאנד. אין שטאקהאלם האבן זיי געווארט אויף דער רוסישער איינרייזע-דערלויבעניש, וואס דער סאוויעטישער ראט פון סאלדאטן און ארבעטער האט פאר זיי ארויסגעשיקט. איצט געפינען זיי זיך אלע אין קזשעשינסקאס ווילע. זיי בילדן א באזונדערע פוילישע סעקציע, פון וועלכער דער חבר מארעק איז דער אנפירער.

ס'האט געבלאזן א ווינטל פון רחל-לאהס שטוב. העלענקע?

— יא, געווים העלענקע.

— וואס מאכט טאקע העלענקע?

— די שול האט זיך פארגרעסערט, איבערגעגאנגען אינגאנצן אויף דער מוטער־שפראך. זי איז פול מיט היימלאזע קינדער. מען שטארבט אין ווארשע פאר א שטיקל ברויט. ווארשע הונגערט, די דייטשן פירן אלצדינג ארויס. די באפעלקערונג שמאכט. ביי זיי איז נאך נישט אזוי שלעכט. די שול האט אן אייגענע קיך, וואס דער הילפס־קאמיטעט האט איינגעארדנט. לויפט די מאמע ארום גאנצע טעג צו שאפן פראדוקטן פאר דער קיך, זי רייסט וועלטן איין. העלענקע איז איינגעטונקט אין דער ארבעט אין שול, האט נישט קיין צייט וועגן זיך צו קלערן: טאפלטע קלאסן. דער טאטע און העלענקע אין דער שול, און די מאמע גאנצע טעג אויף די פיס, פארנומען מיט לויפן אין די קאמיטעטן איינצושאפן פראוויאנט פאר די ביליקע קיכן פאר דער הונגעריקער באפעלקערונג. זי פאלט טאקע אונטער דער לאסט פון דער ארבעט. לעצטנס קלאגט זי זיך אויף די פיס, וואס זי האט עס קיינמאל נישט געטון. שלאפט נישט גאנצע

נעכט. איידער עס ווערט נאָך טאָג, איז זי שוין וואָך. אָבער ווער האָט צייט צו קלערן וועגן זיך?

העלענקע, יאָ, העלענקע. געוויס האָט ער געקלערט די גאַנצע צייט, ווי אַזוי מיט איר צוריק אָנצוקניפּן פאַרבינדונגען דורך נייטראַלע לענדער. איינמאָל, צי צוויי טאָקע געשריבן, נאָר קיין ענטפער נישט באַקומען. האָט ער אויפגעהערט. ווער האָט צייט אויף פּערזענלעכע זאַכן?...

געוויס, ווער האָט צייט אויף אַ פּערזענלעך לעבן?

זיי האָבן זיך ביידע ביי די הענט אָנגענומען און געפלויגן איבער די פּעטערבורגער גאַסן.

די זון האָט געשיינט. דער שענסטער פרילינג, דער שענסטער זומער. זומער אין רעוואָלוציע. די ביימער בליען, די קאַשטאַנעס וואַרפן שוין פון זיך דאָס רויטע בליעכץ אַראָפּ. די שטאָט איז פול מיט רעוואָלוציאָנערע סאָלדאַטן און רויטע פענער. פון איין פאַרזאַמלונג אויף די אַנדערע. פלאַ-מיקע רעוואָלוציאָנערע דרשות געהערט. אַמאָל האָט זיך זאַשקע אַליין אַרויפגעכאַפּט אויף אַ פּלאַטפאָרמע אויף אַ פאַרזאַמלונג פון סאָלדאַטן, און איר מילכיק לייב פון דער לעדערנער קורטקע, אירע שאַטענענע האָר, וואָס זענען געפאַלן איבער די אויערן, איר שטאַרקע מיידלשע ברוכט האָבן זיך געהויבן, און די סאָלדאַטן האָבן „הורא" געשריגן און אויף די הענט זי געהויבן...

זומער אין רעוואָלוציע. אַלץ אוממעגלעכס ווערט מעגלעך. אַלע גרע-נעצן ווערן צעפירט. מען שפּרייזט און מען שפּרינגט איבער בערגער און מכשולים דורך שטעכיקע דראָטן, אין מלחמהשע גריבער, אין אימפּעט פון דער צייט, אין ווינט פון טראָגן זיך...

איינמאָל האָט ער איר ווייסן פולן האַלדז געקושט, נישט געקאָנט זיך באַהערשן. פון אַ פאַרזאַמלונג אַרויסגעקומען. זאַשקע האָט פאַר סאָל-דאַטן גערעדט. מען האָט זי געטראָגן אויף די הענט. זי האָט ווי אַ פלאַ-קערדיקע לעבעדיקע ווייבלעכע פאָן איבער די אַקסלען געפלאַטערט. אַ צעוואָרימטע פון ווערטער, אין מענלעכע אָרעמס, איז זי אויף דער גאַס אַרויסגעקומען.

די נאַכט איז געווען אַ ווייסע. אַ מילכיקער שטערן-שיין האָט אי-בער דער וועלט גערעגנט. מען איז געגאַנגען אין חלומותדיקע וואָלקנס. אירע בריסטן האָבן זיך אונטער איר אויפגעפּראַלטער לעדערנער קורט-

קע געהויבן, ווי אַ שטורמיש ים-ווייב האָט זי זיך געטראָגן מיט אים איבער די פּעטערבורגער גאַסן. אין דער ווייסער נאַכט איז ער אין מיטן גאַס, ווי אַ שיכורער, אויף איר האַלדז געפאַלן. און זיין פּנים ווי אַ פאַרלאָזן קאַלב אין דעם וואַרימען מענטשלעכן הויט-פוך אריינגעגראָבן.

זי האָט אים מיט איר שטאַרקן אָרעם געגעבן אַ פעסטן ענערגישן דריק צו איר פולער ברוסט, און מיט אַמאָל אַן ענערגישן אָפּשטופ פון זיך.

— העלענקע! — האָט זי געזאָגט אין אַ פאַרצוקטן, זיפצנדיקן אויסרוף.

— יאָ, העלענקע, — האָט ער איר אונטערגעברומט.

זענען זיי ביידע אין שווייגן געגאַנגען. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי איר קילע האַנט אין זיינע אריינגעשטעקט און געזאָגט:

— קום אהיים צו דיר אין שטוב.

זענען זיי ביידע אַ האַלבע נאַכט אויסגעזעסן. ער האָט אויף דער מאַשינקע טיי געקאָכט. שוואַרץ ברויט איז געווען, און זאַשקע האָט פון דער לעדערנער קורטקע צוקער אַרויסגענומען.

— פון וואַנען האָט זי צוקער?

— די סאָלדאַטן ברענגען איר.

דערנאָך האָבן זיי זיך ביידע אין די אָנגעטועכצער אויף איין געלעגער געלייגט, ביי די הענט זיך געהאַלטן און פון רעוואָלוציע גערעדט.

איינמאָל איז אַריינגעפאַלן אַ וואָרט וועגן העלענקען אויך.

ער האָט זיין קאָפּ צו זאַשקעס ברוסט צוגעלייגט. זי האָט מיט איר האַנט זיין קאָפּ ביי איר ברוסט פעסט געהאַלטן, ווי מען האַלט אַ קינד אַ פאַרלוירנס. און נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן העלענקען; איר שיינקייט געריימט, איר גוטסקייט און איר איבערגעבנקייט צו דער אַרבעט. דערביי האָט זי אָבער נאָך שטאַרקער מירקינס קאָפּ צו איר ברוסט געטוליעט. אַזוי זענען זיי אָפּגעלעגן אין די אָנגעטועכצן אַ גאַנצע נאַכט.

דערנאָך איז דער ברודער געקומען פון סיביר, ווי די שוועסטער האָט אים גערופן — יאַש. דער יאַש איז געווען אַ פאַרשלאָפענער יונגערמאַן, אַ פלעגמאַטיש׳ער, אַ טיפ פון אַ געלערנטן. געטראָגן ברילן. אָנגעשריבן אין סיביר אַ ווערק איבער דער אַנטשטייאונג פון די סיבירישע פעלקער. געטראָגן ברילן, געגאַנגען איינגעהויקערט און גערעדט שטיל; די שטיל-

קייט איז אָבער געווען א וואָל איבער א פייער. מיטגעמאַכט אַלץ וואָס עס טוט זיך אין פעטערבורג און זאָגט, אז אייגנטלעך האָט עס מיט אים גאָרנישט וואָס צו טון; אז ער איז נישט קיין רוס, נאָר א פּאָליאַק. גע־מאַכט אַן איינדרוק האָט ער ווי ער וואָלט געווען א פרעמדלענדישער בירגער, און דאָס, וואָס גייט־אָן אין רוסלאַנד האָט נאָר אַזוי פיל מיט אים צו טון, וויפיל עס איז שייך זיין לאַנד. ער האָט נאָך געשטאַמט פון יענער צייט, ווען סאָציאַליזם אין פוילן איז געווען פאַרבונדן מיט פּויליי־שער אויפלעבונג און באַפרייאונג, און אויף אַזוי פיל האָט אים די רע־וואָלוציע אינטערעסירט. גערעדט וועגן דער באַנייאונג פון לעגיאָנען, אז פּילסודסקי וועט נאָך צוריק זיין אויפן פערד; אז מען באַדאַרף קאָנ־צענטרירן און אָרגאַניזירן די פּוילישע געפאַנגענע, זיי זאָלן זיין גרייט יע־דע מינוט, ווען דער צוזאַמענברוך וועט פאָרקומען אין דער דייטשער אַרמיי. ער האָט געזידלט זיך און געקריגט זיך מיט דער שוועסטער אַזוי ווי זי וואָלט געווען באַלאַנגט צום שונאדיקן לאַגער. שפּעטער איז ער גאָר פאַרשוואונדן געוואָרן. ער האָט געהאַט זיין אייגענעם קרייז פּאָליאַקן. ווי חבר מאַרעק האָט געזאָגט, באַדאַרף מען זיי אייגנטלעך אַלעמען אַרעסטירן — און זאַשקעס ברודער, דעם ערשטן, ווייל ער קאָנספּירירט מיט די פּוילישע סאָלדאַטן. מיט אַמאָל איז ער אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון פעטראָגראַד, אוועק ערגעץ־ווו נאָענט צום פראָנט און קאָנספּירירט מיט די פּוילישע סאָלדאַטן אין דער רוסישער אַרמיי, געשיקט געוואָרן אין גע־היימע שליחות אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון קריגס־געפאַנגענע. אַמאָל פּלוצים אויפגעשווומען אין פעטראָגראַד און מיט אַמאָל אינגאַנצן פאַר־שוואונדן.

די געשעענישן האָבן זיך געיאָגט ווי אויף די פליגלען פון א ווינט־מיל אויפגעהאָנגען.

די באָלשעוויקעס זענען נאָך דעם יולישן פרווו פאַרפאָלגט געוואָרן אויף די גאַסן. אין קזשעשינסקאַס ווילע איז היים געוואָרן. מען האָט גע־פּרווט זי אַמאָל באַפאַלן. די פירער האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, אַנדערע האָט מען אין „קרעסטי" אַרעסטירט. די אַגיטאַטאָרן האָבן זיך נישט גע־קאָנט אויף קיין פאַרזאַמלונג באַווייזן. מען האָט זיך באַדאַרפט אויף אַלע פיר זייטן פאַרשפּרייטן, אונטערגראָבן זיך אין די קעלערס אריין, ביי די

אַרבעטער זיך אויסבאַהאַלטן, און די אַרבעט האָט מען אין די אונטער־גריבער געפירט.

חבר מאַרעק איז אין באַהאַלטענעם אַרבעטער־שטיבל אויף איינעם פון די אינדזלען געזעסן. זיינע באַפעלן האָט ער פון דאָרטן אַרויסגעשיקט צו זיין גרופּע, צו די פּוילישע באָלשעוויקעס.

ביים קאָרנילאָווישן אומגעלונגענעם פּרוּוו, אין אויגוסט, צו פאַר־כאַפּן די מאַכט, האָט דער ראַט פון די סאָלדאַטן און אַרבעטער אָנגענו־מען די באָלשעוויסטישע הילף, די פירער פון ט רכע באַפרייט. די וואַקל־דיקע דעלעגאַטן האָבן זיך אונטער דער מורא פאַר די גענעראַלן אויף דער באָלשעוויסטישער זייט אַריבערגעוואָרפן. די באָלשעוויקעס האָבן אין ראַט פון די סאָלדאַטן און אַרבעטער אַ מערהייט באַקומען. די אימה פאַרן פראָנט, דער ווונטש פון אַ באַלדיקן שלום, האָבן צעשמאָלצן די רייען פון די מלחמה־גלוסטיקע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן. די אַרבעטער, די סאָלדאַטן, זענען וואָס אַ טאָג אַלץ מער צוגעשטאַנען צו די באָלשעווי־קעס. ס'איז ביי די מאַסן געוואָרן זיכער, אַז נאָר די באָלשעוויקעס אַליין זענען אימשטאַנד די „שלאַנג", די מלחמה, וואָס ליגט איבערן האַלדז צו דערשטיקן, און מיט איר צוזאַמען אַלע מלחמה־גלוסטיקע פּאַטריאָטן און די גענעראַלישע מאַכט, וואָס וויל די צאַרישע קייטן אויף די הענט צו־ריק אַרויפוואַרפן.

קערענסקים אויטאָריטעט איז געפאַלן ביי די מאַסן. ער איז פאַר־שריגן געוואָרן פאַר אַ פאַררעטערישן העלד. און קערענסקים אומגעלונ־גענע אַטאַקע אויפן גאַליציאַנער פראָנט איז געווען דער אָנהייב פון קאָר־נילאָווס אומגעלונגענעם גאַנג אויף פּעטערבורג. די ענד האָט געמאַכט רייף פּעטערבורג פאַרן באָלשעוויסטישן איבערקער.

דענסטמאָל זענען די באָלשעוויסטישע פירער אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן און אויפגעעפנט די מיילער פאַר די רייפע פרוכט, וואָס איז זיי געפאַלן פונעם רעוואָלוציאָנערן בוים.

פּעטערבורג איז געווען פאַרטיק. פון קראָנשטאַט איז אָפּגעגאַנגען אַ קרייצער און זיך געשטעלט מיט די האַרמאַטן אויפן ווינטער־פּאַלאַץ.

געשראָקן האָט מען זיך פאַר מאָסקווע.

האָט מען אַריבערגעשיקט קיין מאָסקווע אַגיטאַטאָרישע קרעפטן. חברטע זאָשקע, אָדער ווי מען האָט זי איצט גערופן, חברטע סאָפיע

(ווייל מען האָט דאָס וואָרט „זאָשקע" נישט געקאָנט אַרויסרעדן), איז געווען זייער פּאָפּולער אויף סאָלדאַטישע מיטינגען.

— אַ גוטע אַגיטאַטאָרישע רעדנערין, האָט זי שטענדיק אויף סאָל־דאַטישע מיטינגען אַן איינדרוק געמאַכט. האָט זי חבר מאַרעק פון זיין באַהעלטעניש קיין מאָסקווע רעקאָמענדירט. מיט איר איז מיטגעפאָרן חבר מירקין.

ער האָט זיך גערדרייט אַזוי לאַנג אין „גובערנאַטאָרישן הויז", ביז ער איז ענדלעך אויפן טעאַטער־דאַך אַרויפגעקראָכן, ווו ער ליגט איצט אינעם גרויען מאָרגן, אין זאָשקעס לעדערנער קורטקע איינגעוויקלט, אין אַ פענצטער־לאָך פון אַ בוידעם ביי אַ מאַשין־געווער, פאַרשטעלט הינ־טער די מאַסיווע בראָנדזענע פערד.

און ווען ער קוקט פון זיין באַהאַלטענעם לאָך אויף די אויפגעשטאַ־כענע צאַרישע צוויי־קעפּיקע גאָלדענע אָדלערס, וואָס פליען פון קרעמל אַרויס אויף די טורעם-שפּיצן, דאַכט זיך אים, אַז ער גייט עס אויף יאַגד. די רערן פון זיינע ביקסן זענען אָנגעצילט אויף די צאַרישע אָדלערס, און עס ווערט אים זיין גאַנצע פאַרוואונדערונג מיטאַמאָל אומפאַר־שטענדלעך.

ער, מירקין, וואָס האָט די גאַנצע צייט פון דער מלחמה געקעמפט קעגן די בלוטיקע חורבות, וואָס די ביקס האָט אָנגעטון, געפינט זיך סוף־כל־סוף אַליין נעבן איר. ער, וואָס איז זיין גאַנץ לעבן אַנטלאָפן פון איר, טוליעט זי איצטער צו זיין ברוסט. קימט אים פאַר, ווי ער וואָלט גע־פאַנגען געוואָרן אין אַ כישוף־קרייז, פון וועלכן ער האָט זיך געהאַלטן אין איין אַרויסרייסן — און ער זוכט אַ תירוץ פאַר זיין איצטיק לעבן, אַ טעם פאַר זיין איצטיק טוען, אַ פאַרשטענדעניש פאַר זיין געפינען זיך אויפן טעאַטער־דאַך פון דער צאַרישער הויפּטשטאָט.

און ער פאַרענטפערט עס מיט דעם, וואָס ער זאָגט זיך:

— עס איז די לעצטע מלחמה פאַר דעם לעצטן זיג. און מיר, יידן, קאָנען נאָר אויסגעלייזט ווערן דורך דעם לעצטן זיג, ווייל מיר זענען די לעצטע.

קאַפּיטל 12

די נייע דיסציפּלין

די מעכטיקע בראַנדזענע פיגור פון דעם העלד פון רוסיש־טערקישן קריג, סקאָבעלעוו, איז פאַרטרונקען געוואָרן אינעם געדיכטן פייכטן נעפּל, וואָס איז געלעגן אין דרויסן אונטער די גרויסע פענצטער פון מאָסקווער גענעראַל־גובערנאַטאָרס קאַבינעט. דאָך האָט מען זי געפילט. זי איז פון צייט צו צייט באַלויכטן געוואָרן דורך פייערן, וואָס האָבן זיך אָנגעצונדן ביי די שאָסן פון קליינע פּולעמיאָטן, וואָס די „ווייסע" האָבן אויפגעשטעלט נישט ווייט פון סקאָבעלעוו־פּלאַץ.

די פייערן האָבן באַלויכטן די קרומע אויסגעצויגענע שווערד, וואָס דער גענעראַל האַלט אין זיין האַנט. די שווערד האָט געוואָרפן אַן אומהיימלעכן בליאַסק אין די פענצטער פונעם קאַבינעט. טעמפּע עכאָס, ווי גראַנערן, באַגלייטן די שאָסן. חבר רישקאָוו זיצט אַן אומגעדולדיקער ביי זיין טיש מיטן טעלעפאָן־רערל ביים מויל און אויער, פּרוווט מיט אַלע מיטלען און מעגלעכקייטן זיך צו פאַרבינדן מיטן „צענטר", מיט פּעטראָגראַד. ער קאָן אָבער קיין פאַרבינדונג נישט באַקומען. דאָס טעלעפאָן־רערל איז אַ טויטע כּלי. עס האָט נישט געהאָלפן, וואָס ער האָט זיך געשאָלטן פון צייט צו צייט מיט די ביטערסטע קללות. — דער טעלעפאָן איז שטום און טויב.

— עס זעט־אויס, אַז די יונקערס האָבן פאַרטריבן אונדזערע און באַזעצט די טעלעגראַפישע סטאַציע, — האָט זיך אָנגערופן דער חבר מיטן צעקנייטשטן פּנים, וועלכער איז, נישט קוקנדיק אויף דער סומאַטאָכע, געווען פאַרנומען מיט שרייבן אַ טעאָרעטישן אַרטיקל פאַר דער פּאַרטיי־צייטונג.

— איך האָב זיי געזאָגט, אַז וואָס עס זאָל נישט קאָסטן, מיט אַלע מיטלען זאָל מען אָנהאַלטן די טעלעגראַפישע סטאַציע, כאָטש פּראָוויזאָריש. מיר מוזן דאָך וויסן, וווּ מיר האַלטן אין דער וועלט, — האָט חבר רישקאָוו געשפּיגן ווערטער.

— איז נישט געגאַנגען — ווער עס גיין, — האָט זיך אָנגערופן

דער זעלנערשער פּאָרזיצער, וואָס רעדט זייער זעלטן. ער איז צוגעגאַנגען צום געהיימען פעלד־טעלעפאָן, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט און איז געווען פאַרבונדן מיט אַ פּאָסטן, וואָס מען האָט אַריינגעשטעלט אין אַ פּריוואַטער שטוב, נישט ווייט פון דער טעלעפאָן־סטאַציע. ער האָט געפרעגט...

— ניין, אונדזערע האָבן זיך נישט באַוויזן, — האָט מען פון דער צווייטער זייט אָפּגעענטפערט.

— הייסט עס, אַז אונדזערע זענען פאַרהאַלטן געוואָרן פון די „ווייסע"? — האָט מען געפרוווט טרעפן.

— אין דעם איצטיקן מאָמענט האָט דאָך שוין געמוזט קומען צו אַן אַנטשיידנדן שריט, — האָט גערעדט דער חבר רישקאָוו ווי פאַר זיך. — די לעצטע נייעס, וואָס מיר האָבן פון דאָרטן, איז, וואָס דער חבר האָט געבראַכט פון פּעטראָגראַד, אַז קערענסקי מיט קראַסנאָווס קאָזאַקן האָבן פאַרלאָזט גאַטשינע. אין דעם איצטיקן מאָמענט האָבן זיי דאָך זיך שוין געמוזט אָנשטויסן אָן די „רויטע גוואַרדיסטן". מיר מוזן דאָך וויסן, צי עס איז געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס, אויב עס איז געלונגען חבר טראָצקין צו געווינען קראַסנאָווס קאָזאַקן אויף אונדזער זייט.

— וואָס וועט אייך העלפן דאָרטן, מיר מוזן דאָ עפּעס אַנטשיידן, — האָט זיך אָנגערופן דער מאַן, וואָס האָט געהאַלטן אין שרייבן דעם אַרטיקל, נישט אָוועקנעמענדיק זיין פּנים פון די קני, אויף וועלכע ער האָט געשריבן מיט אַ בלייַשטיפט. — עס זעט־אויס, אַז די „ווייסע" מיינען ערנסט אונדז טאַקע איינצונעמען. זעט די פייערן.

און ווירקלעך האָט זיך איצטער אָנגעצונדן אין דער פינצטער אַ גרויס שטיק פייער. פון דעם דאָזיקן פייער איז באַלויכטן געוואָרן נישט נאָר בלויז די שווערד, נאָר אויך דאָס גרויסע בראָנדזענע פערד, — אויף וועלכן עס זיצט דער גענעראַל סקאָבעלעוו.

— עס זעט אויס, אַז זיי דערנענטערן זיך צו אונדז, — האָט ווער געזאָגט.

— מיט פאַרלייגטע הענט צו זיצן! — האָט אויסגעשריגן אַ יונגערמאַן. — מיר דאַרפן זיי גיין אַנטקעגן!

— איך וואָלט געוואָלט וויסן מיט וואָס? אפשר מיט די פויסטן?

— האָט אים רישקאָוו אָפּגעענטפערט. — מיר האָבן נישט קיין איין האַר־

מאט. חבר כמירנאָוו איז מיט אונדזער ארטילעריע נישט צוריקגעקו־מען. מיר האָבן נישט צומאָל געגוג ביקסן פאר אַלע סאָלדאטן. מיר זע־נען אָפּגעשניטן פון אונדזערע ראַיאָנען. א גאנצן טאָג האט קיין איין נאָכ־שפּירער נישט געקאָנט זיך דורכרייסן דורך די „ווייסע פאטרולן". מיר האָבן געטון א גרויסע נארישקייט, וואָס מיר האָבן באלד נישט ארויסגע־רופן א גענעראַל־שטרייק. די ארבעטער ארבעטן אין די פאבריקן, די סאָל־דאטן זענען נייטראַל, באהאלטן זיך אין די קאזארמעס. אפילו די „דווינס־קער" זעט מען אויך נישט, קיין איין באוואָפנטן אויטאָמאָביל. מיט וואָס וועט איר גיין אָנטקעגן? פאר אייערע נעזער וועלן זיי זיך דערשרעקן?

— נאָר וואָס דען זאָלן מיר טון? אפשר זיי אָפּגעבן דעם גובערנאַ־טאָרס הויז מיט די אייגענע הענט? אפשר מיטן גוטן ווילן זיך לאָזן אויס־שעכטן פון די „ווייסע"־ — האט עמיצער געשטורעמט אין די האלב־באַ־לויכטענע פארשאָטנטע ווינקלען פון גרויסן קאבינעט.

— ביקסן דארף מען נעמען און אין די ראַיאָנען גיין. דאָרטן דארף מען דאס געפעכט מיט די יונקערס פירן.

— ווו וועסטו גיין, אז מיר זענען ארומגערינגלט מיט צען ווייסע פאטרולן?! — האט געשריגן א סאָלדאט.

— צייט מוזן מיר געווינען, — האט אַלעמען שטיל געמאכט מיט זיין וואָרט חבר רישקאָוו. — זיי וועלן נישט וואגן ארויסצורופן א ביר־גער־קריג. זיי ווילן אונדז פּראָוואָצירן, אז מיר זאָלן ארויסקומען, כדי צו האָבן א תירוץ זיך אריינצורייסן אין גובערנאַטאָרס הויז. מיר טאָרן זיי נישט געבן די געלעגנהייט. מיר מוזן מיט זיי אָנהייבן צו אונטערהאנדלען וועגן וואָס איר ווילט: וועגן שלום, אפילו וועגן אן אלגעמיינעם קאָמי־טעט. מיר מוזן זען זייער אייניקייט צו שפּאַלטן, ארויסרופן א קריגעריי אין זייערע אייגענע רייען. אויף די רעוואָלוציאָנערע אמביציעס דארפן מיר שלאָגן. אויף די מענשעוויקעס, אויף די „עסערן" דארפן מיר ווירקן. און זאָלן זיי זיך דאָרטן ביי די קעפּ רייסן. די איינציקע זאך — מיר טאָרן זיך נישט לאָזן פּראָוואָצירן. מיר מוזן אויסהאַלטן און אָננעמען דעם קאמף, ווען מיר וועלן וועלן, נישט ווען זיי ווילן. ווען מיר וועלן זיין צו דעם גרייט.

נאָר מיטאמאָל האט א פלאם־אויף געגעבן, מיט א שאָרף איינציי־טיק, ווי אן ארויסגעלאָזטע שרויף וואַלט זיך מיט אן אומדערהערטער גע־

שווינדקייט אין דער לופטן געדרייט. פון אן אויבערשטן עטאזש האט זיך דערהערט א קלימפערן פון פאלנדע שויבן.

— אט האט איר געזען, ווי זיי וועלן נישט וואגן דעם בירגער־קריג ארויסצורופן! — האט עמיצער געלאכט.

— און איך זאג אייך, אז זיי וועלן נישט וואגן. זיי וועלן שיסן און שיסן, נאר קומען נעמען דעם גובערנאטארס הויז וועלן זיי נישט, — איז חבר רישקאוו באשטאנען אויף דאס זייניקע.

— חברים, — דער זאל ווערט אומזיכער. קומט־אראפ אין דער ני־דער, — האט עמיצער דערמאנט.

***

אז רישקאוו מיטן „אויספיר־קאמיטעט" זענען אראפגעקומען אין גרויסן באל־זאל, האבן זיי אים אנגעטראפן כמעט א ליידיקן. איינצלנע סאלדאטן זענען געזעסן גלייכגילטיקע, ווי עס וואלט זיך נישט וועגן זיי געהאנדלט, און געטרונקען „קיפיאטאק" פון א בשותפותדיקן קעסלע, וואס זיי האבן זיך געבראכט פון קיך. עטלעכע ארבעטער פון דער „רויטער גווארדיע", מיט די ביקסן אין די הענט, האבן ארויסגעוויזן א נער־וועזיטעט. מיט די אויגן האבן זיי זיך אומגעקוקט אויף די אראפקומענ־דיקע גדולים און עפעס דערוואַרט פון זיי. נאך אנדערע זענען ארויסגע־קראכן פון די לעכער, וווּ זיי זענען געלעגן מידע פון א פאר נעכט נישט שלאפן, און אנגעהויבן ארומצורינגלען רישקאוון מיט די אנדערע חברים.

אויך פון הויף און פון די אויבערשטע שטאקן זענען אנדערע גע־קומען צו לויפן. זיי האבן געמיינט, אז מען רופט אויף „טרעוואגע". און אלע האבן זיך מיט די בליקן געווענדעט צו רישקאוון, אז ער זאל עפעס הייסן טון.

רישקאוו האט זיך אומגעקוקט אויף די איינצלנע שאטנס, וואס האבן זיך געדרייט ארום אים, און הייזעריק געפרעגט:

— נו, וואס?

— אזוי קאן דאך נישט זיין, חבר! מיר מוזן דאך עפעס טון!

— פארלויפיק דארף מען גארנישט טון, — האט רישקאוו קורץ אפגעענטפערט.

— און ווען זיי וועלן קומען?

— זיי וועלן נישט קומען, — האָט רישקאָוו אָפּגעענטפערט מיט זיכערקייט.

ביי אַ טיש זענען געזעסן אַ גרופּע ווייבער. דאָ איז געווען די חברטע איזמאַילאָווע מיט איר אינטעליגענטיש אַריסטאָקראַטיש פּנים, וואָס נישט איר שטורמיש רעוואָלוציאָנער לעבן און נישט איר שוין צוויי נעכט אויף־זיין זענען געווען אימשטאַנד אויסצולעשן פון איר די היימישע פאַמיליענדיקע רואיקייט. נעבן איר זענען געזעסן די חברטע סאָפיע און אַ דאָרפישע שיקסע מיט אַ רויט־פּויעריש טיכל אויפן קאָפּ. זי האָט זיך אויפגעהאַלטן אין גובערנאַטאָרס הויז. זי האָט זיך נוצלעך געמאַכט ביי דער קיך. די פרויען האָבן עפּעס געאַרבעט ביים שיין פון דעם אַראָפּפאַלנדיקן עלעקטרישן ליכט פון אַ וואַנט־לאָמפּ. חברטע איזמאַילאָוועס גלאַט פאַרקעמטער שוואַרץ־שייטלדיקער קאָפּ אין דער גרופּע פרויען האָט געמאַכט אַן איינדרוק, ווי אַ פאַמיליע וואָלט געזעסן אין אונטער פאַרטון אין הויזלעכער אַרבעט.

חבר רישקאָוו איז צוגעקומען און געזען, אַז סאָלדאַטן רייסן רויטע זייד פון די ווענט. חברטע איזמאַילאָווע מיט „סאָפיען” שרייבן עפּעס אָן אויף די שטיקער זייד מיט שוואַרצן טינט.

— וואָס איז דאָס? — פרעגט פאַרוואונדערט חבר רישקאָוו.

— דאָס איז, אַז זיי זאָלן זיך נישט טועה זיין אין אייך, ווען זיי וועלן קומען, — האָט אָפּגעענטפערט די חברטע איזמאַילאָווע. זי האָט גענומען אַ רויטן באַנד, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען אָנגעשריבן „רעוואָלוציאָנערער קריגס־קאָמיטעט”, און אַרומגעבונדן דערמיט דעם חבר רישקאָווס אַרבל.

— איצט וועלן זיי אייך דערקענען, חבר אָנפירער, — האָט געזאָגט די חברטע, נישט אָן אַ שטעכנדיקער אָנצוהערעניש.

— ריכטיק, — האָט חבר רישקאָוו געשמייכלט.

ביים עק טיש האָט ער באַמערקט, ווי אַ יונגער סאָלדאַט, וואָס איז געווען באַוווסט אין גובערנאַטאָרס הויז פאַר אַ טראַנספּעראַנטןשרייבער, ווייל ער האָט געקאָנט מאָלן, זיצט אָפּגערוקט פון די ווייבער און איז זייער פאַרטון מיט דעם, וואָס ער מאָלט־אויס מיט געטאָקטע ווערטער אַ לאַזונג אויף אַ גרויסער רויטער פלאַכטע.

— און וואָס פאַרא לאָזונג שרייבט איר איצט אויס, חבר איוואַ־נאָוו? — האָט רישקאָוו געפרעגט דעם יונגיטשקן סאָלדאַט.

— אַט לעזט, חבר, — האָט דער סאָלדאַט געוויזן דעם טראַנספּע־ראַנט, וואָס ער האָט ערשט נאָר־וואָס פאַרטיק געמאַכט.

אויף אַ שטיק רויטן זיידנס איז געשטאַנען אָנגעשריבן: „שלום — די שטיבלעך, מלחמה — די פּאַלאַצן”. דערבײַ איז דער לאָזונג געווען אילוסטרירט מיט בילדער פונעם זעלנערס פאַנטאַזיע. פון איין זייט — אַ פויערשע הייזקע, וווּ אויפן שוועל זיצט רואיק אַ פויער, פון דער צווייטער זייט — אַ ברענענדיקער פריצישער הויף.

— פון וואַנען האָט איר דאָס גענומען?

— געהערט פון חברים. נישט גוט?

— ניין, ניין. פאַרקערט, זייער גוט. באַהאַלט אייער טראַנספּע־ראַנט, חבר, איר טוט די איינציקע נוצלעכע ארבעט, וואָס מען קאָן איצט טון, — האָט רישקאָוו געריימט דעם זעלנער.

דערווייל זענען אין דרויסן, אויפן רויטן פּלאַץ, געפאַלן די ערשטע קרבנות פון בירגער־קריג.

די „דווינסקער” זענען געווען אַ גרופּע באָלשעוויסטישע סאָלדאַטן, וואָס מען האָט אין קערענסקיס צייטן אַרעסטירט אויפן פראָנט און גע־בראַכט קיין מאָסקווע. דאָ האָבן זיי דורך אַ הונגער־שטרייק און דורך דער אינטערווענץ פון סאָלדאַטן־ראַט זיך באַפרייט פון דער בוטירקער טורמע. איצט האָבן זיי זיך געלאָזט, אַ מאַן דרייַ הונדערט שטאַרק, פון זייער קאַזאַרמע, מיטן געווער אין האַנט, צו הילף דעם רעוואָלוציאָנערן קריגס־קאָמיטעט אין גובערנאַטאָרס הויז. אויפן רויטן פּלאַץ זענען זיי אַרומגערינגלט געוואָרן פון יונקערשע אָפּטיילונגען, וואָס זענען געווען באַהאַלטן אין די צען טורעמלעך פון דער קרעמלער וואַנט. די „ווייסע” אָפיצירן האָבן אָנגעהויבן אויף זיי צו שיסן פון אַלע זייטן. די סאָלדאַטן האָבן נישט געהאַט וווּ זיך אויסצובאַהאַלטן פון די קוילן. צענדליקער זענען איבערגעבליבן אויפן אָרט אונטערן מויער פון דער קרעמלער וואַנט. די איבעריקע האָבן געכאַפּט זייערע פאַרווונדעטע חברים אויף די פּליי־צעס, און אויך זייער קאָמאַנדיר סאַפּראָנאָוו, וועלכער איז צעשטאָכן גע־וואָרן פון די „ווייסע” שטיקן און מיט די ביקסן אין די הענט זיך דורכ־

געשלאָגן אַ בלוטיקן וועג דורך די „ווייסע” פּאַטרולן צום סקאָבעלעוו־פּלאַץ, אין גובערנאַטאָרס הויז.

פּאַרצווייפלטע האָבן די אַנטרונענע סאָלדאַטן אָנגעהויבן צו קלאַפּן מיט זייערע ביקסן אין טויער פון גובערנאַטאָרס הויז. דערינען האָט מען געמיינט, אַז דאָס זענען קאָזאַקן, ווייסע גוואַרדיסטן, און נישט געוואָלט זיי אַריינלאָזן.

אַז מען האָט אָנגעזאָגט דעם חבר רישקאָוו, אַז „ווייסע קאָזאַקן” קלאַפּן אין טויער, אַז דאָס קומט מען שוין נעמען דעם „רעוואָלוציאָנערן קריגס־קאָמיטעט” — האָט ער אָנגעהויבן זיי אויסצולאַכן.

— וואָס פאַרא קאָזאַקן, זשאַנדאַרמען? ווי וועלן זיי דאָס וואַגן? דאָס זענען אונדזערע. הוראַ! מען הייבט אָן צו קומען! — האָט ער אויסגעשריגן מיט פרייד און איז אַראָפּ אַליין עפענען דעם טויער פאַר די „דווינסקער”.

די „דווינסקער” האָבן אַריינגעשלעפּט זייערע פאַרוואונדעטע חברים אויף די פּלייצעס, פון וועלכע פילע זענען אויפן וועג אויסגעגאַנגען, אין גרויסן זאַל אַריין און זיי אויסגעלייגט אויף די טישן.

מען קאָן זיך נישט פאָרשטעלן דעם שטורעם פון אויפרעגונג און פאַרצווייפלטער קאַמפּס־לוסט, וואָס עס האָט אַרויסגערופן ביים עולם אין גובערנאַטאָרס הויז דער אָנבליק פון ערשטן פאַרגאָסענעם זעלנערשן בלוט. די ווייבער, חברטע איזמאַילאָווע, זאָשקע און די אַנדערע, האָבן זיך באַלד פאַרוואַנדלט אין „שוועסטער”. מען האָט פון ערגעץ־ווו געקראָגן באַנדאַזשן, געשלעפּט פון דער קיך געקאָכט וואַסער. עס האָט זיך געפונען אַ זעלנערשער פעלדשער, וואָס האָט פאַרבונדן די פאַרוואונדעטע. מען האָט זיי אויך באַלד אַוועקגעטראָגן אין אַ באַזונדער צימער, וואָס מען האָט אויף גיך פאַרוואַנדלט אין אַ מין האָספּיטאַל. איבערגעבליבן ליגן אויף די טישן זענען די אויסגעגאַנגענע און דער קאָמאַנדיר פון די „דווינסקער”, חבר סאַפּראָנאָוו, אַ צעשטאָכענער, ווי אַ דורכגעלעכער־טער אָנגעפּוילטער זאַק. ער איז געלעגן מיט זיינע פאַרבלוטיקטע שטיוול אויסגעצויגן איבער אַ טיש.

פונעם גאַנצן גרויסן הויז האָבן זיך אָנגעהויבן צו זאַמלען אין זאַל סאָלדאַטן, אַרבעטער, רויטע גוואַרדיסטן, אינטעליגענטן, חברים, וואָס באַלאַנגען צו פאַרשידענע קאָמיטעטן און זענען געוועזן פאַרנומען אויף

פאַרזאַמלונגען אין די אויבערשטע שטאָקן. אויף אַלע פנימער האָט זיך געזאַמלט אַ שטורעם, אַ שטילער שרייענדיקער שטורעם. דער אָנבליק פון פאַרגאָסענעם זעלנערשן בלוט האָט געפאָדערט נקמה באַלד אויפן אָרט, כאָטש מיט די בלויזע בריסטן זיך צו וואַרפן אין שלאַכט.

די סאָלדאַטן זענען געשטאַנען אין די ווינקלען מיט די ביקסן אין די הענט. זייערע פנימער זענען געווען שוואַרץ, די מיילער פאַרקרימט. אַלע האָבן געשוויגן, געקוקט אויף רישקאָוון — און געוואַרט.

רישקאָוו איז אָבער געשטאַנען אַ בלייכער אונטער אַ וואַנט-לאָמפּ, געביסן זיך די נעגל פון די קורצע הענט — און געשוויגן.

חברטע איזמאַילאָווע, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן צו דער ערד, האָט זיך מיט אירע העלפעריננס ביי עפּעס געפּאָרעט. אַז עס איז איר אויסגעקומען צו גיין פאַרביי רישקאָוון, האָט זי אויף אים געוואָרפן אַ בליק פון אירע אַראָפּגעלאָזטע אויגן:

— נו, וואָס וועט איר איצט זאָגן, חבר? — האָט זיך געדאַכט, אַז זי זאָגט מער מיט איר בליק ווי מיט איר שטילן מויל.

— וואָס זאָל איך זאָגן? — האָט רישקאָוו גערעדט הויך, אַזוי אַז אַלע זאָלן הערן. — זיי ווילן אונדז פּראָוואָצירן, כדי זיי זאָלן קאָנען צעיאָגן דעם „רעוואָלוציאָנערן קריגס-קאָמיטעט". און מיר וועלן זיך נישט לאָזן פּראָוואָצירן. מיר וועלן אָננעמען דעם קריג, ווען ער וועט זיין אונדז באַקוועם, נישט אונדזערע שונאים.

פון די ווינקלען האָט מען אויף רישקאָוון געוואָרפן בייזע, אומפאַרשטענדלעכע בליקן. ער האָט זיי געזען, די דאָזיקע בליקן, געזען ווי עס האָבן זיך אָנגעצונדן פייערלעך אין די זעלנערישע אויגן פון די שוואַרצע פנימער אַרויס.

חברים, מיר מוזן זיך באַרואיקן, — האָט רישקאָוו געשריגן, — מיר האָבן נישט מיט וואָס אָנצופירן דעם קאַמף, מיר האָבן נישט קיין איין האַרמאַט.

אָבער ווי אַזוי זאָל מען זיך באַרואיקן, אַז דאָ ליגן די געמאָרדעטע זעלנער, אויסגעווינדיקטע, מיט פאַרוואַקסענע גאָמבעס, און שטאַרצן-אַרויס, רחמנות-בעטנדיק, זייערע ציינער פון די אויפגעפּראַלטע ליפּן? דאָ ליגן זיי, שטייפע, ווי סטרונעס אויסגעצויגענע, די הענט פאַרשפּרייט, ווי פאָדערנדיק, בעטנדיק נקמה. אין זייערע טויט-פאַרכאַפּטע פנימער

איז נאָך פאַרשטיינערט געוואָרן דער רעוואָלוציאָנערער ענטוזיאַזם, מיט וועלכן זיי האָבן זיך געגנבעט ביי דער קרעמלער וואַנט דורך דעם רויטן פּלאַץ. עס איז נאָך געוועזן דער פאַרביסענער, עקשנותדיקער ווילן, וואָס איז געווען אויף זייערע פּנימער, ווען עס האָט זיי די קויל געטראָפן. זייערע שטייפע, פאַרהאַרטעוועטע לייבער זענען ווי פּענער, וואָס פלאַקערן און מאָנען דעם קאַמף.

דאָ־און־דאָרט אַנטבלויזט זיך פון אַן אויפגעריסענעם מונדיר אַ האַריקע, מענלעכע ברוסט אַרויס, יונג נאָך און פליישיק, לעבעדיק, ווייסע לעבעדיקע הויט און בלוט פאַרטריקנט צוזאַמען מיטן אַנטועכץ, מיטן זעלנערשן העמד. ווי קאָן מען זיין רואיק, אַז זיי ליגן אַזוי אָפן, ווי שרייענדיק און פאָדערנדיק נקמה?!

— צונעמען! צונעמען! — האָט רישקאָוו עפּעס געברומט צווישן די ציין.

אין אַ גרופּקע האָבן זיך געזאַמלט זעלנער און ציווילע, מענער און ווייבער. ווייבערשע קעפּ. רישקאָוו זעט, ווי חברטע סאָפיע קריכט אויף אַ שטול, וויל עפּעס זאָגן. חבר רישקאָוו גיט זיך אַ ריס־אַרויס פון זיין ווינקל און שניידט־אָפּ שאַרף:

— קיין רעדעס! חברים, טראָגט־אַרויס די קרבנות פון דער רעוואָלוציע אין די מאַגאַזינען, דעקט זיי צו, די רעוואָלוציע וועט וויסן, ווי אַזוי צו ערן זייער אָנדענק.

אין אויפגערעגטן עולם האָט געהערשט אַ שטילקייט, אַזוי ווי עס וואָלט זיי אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון. קיין האַנט האָט זיך נישט גערירט אויסצופירן דעם פירערס באַפעל.

— חברים, פאַרשטייט איר דען נישט? דאָס איז אַ פּראָוואָקאַציע פון די „ווייסע". זיי ווילן אַרויסרופן דעם קאַמף איצט, מיר וועלן אויפנעמען דעם קאַמף, ווען פאַר אונדז וועט ער זיין באַקוועם, נישט פאַר די שונאים פון דער רעוואָלוציע. די רעוואָלוציע מוז געווינען צייט, צייט, און נאָך אַמאָל צייט.

פּלוצים האָט זיך פונעם מאַרמאָרענעם באַלקאָן, וואָס איז געווען אין זאַל, פון וועלכן עס פלעגט זיך אין די גובערנאַטאָר־צייטן הערן פריילעכע מוזיק אויף די בעלער, דערהערט אַ שרעקלעך יאָמערן, אַזאַ מין

קלאַנגען, אזוי ווי עס וואָלט אויבן א פולק קלאָג־ווייבער געזעסן, און אַלע וואָלטן מיט יללות צום הימל געשריגן:

— זעלנערס בלוט האָט זיך געגאָסן, זיי האָבן אונדזערע געטייט.

אַלע האָבן געהויבן די קעפּ צום געזימס פון באַלקאָן:

— ווער קלאָגט דאָס?

ס'איז געווען די חברטע מאסלאָווע, וואָס האָט זיך, די גוטע יאָרן זוייסן ווי אזוי, ארויסבאַקומען אויפן באַלקאָן און שלאָגט איר פּויערשן קאָפּ, באַשאָטן מיט האָר, וואָס האָבן זיך באַפרייט פונעם רויטן טיכל, אין דער מאַרמאָרענער וואַנט, און שרייט מיט אַן אוממענטשלעכער שטי־מע, ווי מען וואָלט זי ביים האַלדז געשטיקט:

— זעלנערשע בלוט האָט זיך געגאָסן, זיי האָבן אונדזערע געטויט!

חברטע מאסלאָווע איז געווען א פּראָסטע דאָרפישע שיקסע, וועל־כע האָט אָבער שוין געמוזט זיין א היבש ביסל צייט מיט סאָלדאַטן, וואָ־דים פון איר דאָרפישקייט איז איבערגעבליבן נאָר דאָס רויטע טיכל, וואָס זי האָט איצט געריסן פון קאָפּ. אַלע אירע איבריקע קליידער זענען גע־ווען זעלנערשע. זי האָט געטראָגן א זעלנערשן לאַנגן אראָפּפאַלנדיקן שי־נעל, א פּאָר שטיוול אויף די פיס און א רעוואָלווער־שנור איבערן האַלדז.

קיינער האָט נישט געוווסט, פון וואַנען חברטע מאסלאָווע האָט זיך גענומען. זי איז אָנגעקומען אין גובערנאַטאָרישן הויז באַלד אין די ערש־טע צייטן, מיט ווילדע סאָלדאַטן, און אזוי איז זי שוין דאָרט פאַרבליבן. זי האָט געקראָגן איר „פּאַיאָק", איר טייל ברויט, און א ביקס, וועלכע די סאָלדאַטן האָבן זי געלערנט רייניקן. זיי האָבן זי געהאַלטן פאַר א חבר גלייך מיט אַלעמען. פאַרשטייט זיך, אַז חברטע מאסלאָווע איז פון ערשטן אויגנבליק געווען א באַלשעוויטשקע.

איר געיאָמער האָט אָנגעשטעקט די אַנדערע ווייבער און דענער־ווירט די סאָלדאַטן. מען האָט אָנגעהויבן צו איר רופן פון אַלע זייטן:

— נו, גענוג, חברטע מאסלאָווע.

אָבער חברטע מאסלאָוועס געוויין איז נישט געווען קיין געוויין. ס'איז געווען א יאָמערן פון א געפּייניקטער, אומבאַהאָלפענער חיה. איר מרוטשנדיקע שרעקלעכע שטימע, איר קלאַפּן זיך דעם קאָפּ אָן דער וואַנט האָט ווי פּייערדיקער עטער אריינגעדרונגען אין מענטשלעכן בלוט און דאָרט אויפגעוועקט די מענטשלעכע אוממיטלבאַרע אינסטינקטן. דאָס

נקמה־געפיל פון די סאָלדאַטן האָט זיך געקאָרטשעט אונטער חברטע מאָס־לאָוועס געשרייען.

איר שטימע איז געוואָרן מיט אַמאָל טעמפּ־הייזעריק, אַזוי ווי מען וואָלט געוועז געזעגנט אַ דיקן בוים אין אַ פייכטן באַשאָטנטן וואַלד, און האָט זיך געריסן, ווי אַ קלאָגנדיקער הונט:

— זעלנערס בלוט האָט זיך געגאָסן, זיי האָבן אונדזערע געטויט!

די זעלנער זענען געשטאַנען מיט אַנגעלאָדענע שווער־פאַרוויכער־טע פּנימער, געבויגן די קעפּ צו דער ערד מיט די אויגן האַלב־פאַרקלעפּט אונטער זייערע שווערע הייטלעך, די גאָזלעכער געריסן אין דער הייך און שווער געאָטעמט. די אָדערן האָבן זיך איבערן גאַנצן לייב אָנגעצויגן, און די גלידער זענען געוואָרן פאַרשטיינערט אין אָנגעשטרענגטע, אָנגע־לאָפענע מוסקלען.

חבר רישקאָוו איז געשטאַנען אַ בלייכער און נישט געוווסט וואָס צו טון. די אַטמאָספערע איז געוואָרן אַזוי אָנגעצויגן, אַז עס האָט זיך גע־דאַכט, אַז מען האָט פון דעם דאָזיקן גרויסן זאַל אַרויסגעפּאָמפּעט די לופט און אים אָנגעפילט מיט גליענדיקן עטער.

— שטיל, גענוג! נעמט זי צו פון דאַנען! — האָט חבר רישקאָוו געשריגן.

קיינער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, מען איז געשטאַנען אָנגע־כמורעט, פאַרשאָטנט.

און דאָ וועקט דער יאָמער און דאָס געשריי און לאָזט זיך נישט איינשטילן:

— סאָלדאַטיש בלוט האָט זיך געגאָסן! אונדזערע!

— נעמט זי צו, וואָרים איך דערשיס זי אויפן אָרט! — האָט חבר רישקאָוו אַרויסגענומען זיין רעוואָלווער. — מיר מאַכן רעוואָלוציע — נישט קיין ווייבעריש ספּעקטאַקל. חבר קורטשאָוו, אַרעסטירט די חברטע מאַסלאָווע! אז נישט, דערשיס איך זי! — און ער האָט אָנגעשטעלט זיין רעוואָלווער אויף איר.

דער לעטישער סאָלדאַט האָט מיט אַ ווונק באַפוילן. די באַפעלן פאָר־נעם פירער האָבן אָנגעהויבן אויסגעפירט צו ווערן:

— נעמט־צו די קרבנות פון דער רעוואָלוציע, איצט איז נישט קיין צייט אויף צו קלאָגן. מיר זענען אין קריג.

די סאָלדאַטן האָבן אָנגעהויבן אויסצופירן דעם פירערס באַפעל. אַ גייע דיסציפלין האָט זיך אָנגעהויבן.

קאַפּיטל 13

חבר רישקאָוו

חבר רישקאָוו איז אַרויסגעקומען פון אָרימע עלטערן. זיין מוטער איז אים אָפּגעשטאָרבן, ווען ער איז געווען אַ קליין קינד. דער פאָטער, אַן „איזוואָשטשיק" אין מאָסקווע, האָט נישט געהאַט ביי וועמען איבערצו־לאָזן דעם יתום, פלעגט ער אים אַ גאַנצן טאָג מיטפירן אויפן וואָגן. ביי־נאַכט איז ער געלעגן מיט אים צוזאַמען אין שטאַל אויפן שטרוי. און די צערטלעכע ווארימקייט, וואָס רישקאָוו פלעגט געניסן אין די קינדישע יאָרן ביי דער האַריקער פאָטערישער ברוסט, אויפן שטרוי־זאַק, האָט אים באַגלייט דורך זיין שטורמיש לעבן. דורך זיינע יינגלישע יאָרן האָט ער זיך דורכגעביסן, ווי אַ קליין חיהלע, אין שטענדיקן קאַמף מיט די גאַסן־יונגען, און אין זיינע דערוואַקסענע יאָרן — ווי אַ שטאַרקע חיה אין וואַלד, אין געראַנגל מיט די גרויסע.

דורך די אַלע יאָרן פון נויט און קאַמף האָט אים באַגלייט דאָס גע־זיכט פון זיין פאָטער.

ער זעט עס יעדעס מאָל, ווען ער פאַרמאַכט די אויגן, דאָס פּויערשע, נאַאיווע פּנים מיט די גוטע מענטשלעכע אויגן צווישן די טיפע קנייטשן אין דער אַלטער לעדערנער פּנים־הויט, — די קנייטשן, וועלכע די מאָסק־ווער שניי־זאַווערוכעס, די מאָסקווער פרעסט האָבן ווי מיט אַ דלאָטע אויסגעהאַמערט אין אַ קיזלשטיין. ער זעט דאָס שפּיציקע קאָזע־בערדל אויף דעם עק גאָמבע, וואָס באַוועגט זיך צוזאַמען מיט דער שטייפער, פאַרהאַרטעוועטער ברוסט, ווען דער פאָטער רעדט. ער זעט דעם אָדערן־ציענדיקן האַלדז פונעם „איזוואָשטשיקס" העמד אַרויס, און די בלויע, אָדערן־געשוואָלענע הענט, ווען ער הילט אים מיט דער „וואָליאַק"־שמאַ־טע צו ביי זיך אויפן „איזוואָשטשיקס" געזעס. ער זעט די האַריק־קנאָכי־קע ברוסט, וואָס טוליעט אים צו צו זיך ביינאַכט אויפן שטאַל־געלעגער.

א ווארימקייט גייט ביזן היינטיקן טאָג דורך רישקאָוס שטאַרקע ביינער, ווען ער מאַכט די אויגן צו...

די גאַס איז געווען זיין היים. זיין פאָטערס פּנים — זיין וואַכנדיק מוטער־אויג.

עס איז געווען דאָס דאָזיקע פּנים, וואָס האָט אים אַרויסגעשלעפּט און אויפגעהויבן פון דער גאַס — ווי ער וואָלט אוודאי שוין פארפאַלן געוואָרן — און אים געגעבן אַ ווילן, אַ שטרעבן צו עפּעס בעסערס.

די אַמביציע האָט אים געבראַכט אין אַ גוס־פאַבריק, ווו די רייכע קלעפּ און דאָס אָרימע ברויט האָבן אים אויסגעלערנט נישט צו האָבן קיין מורא פאַר ברענענדיק פייער. ער האָט געלערנט, ווי אַזוי מען קאָן אָננעמען מיט נאַקעטע הענט גליענדיק אייזן און אויסהאַלטן אַ שפּריץ פון אייזן־פונקען אין נאַקעטן פּנים אַריין. שפּעטער איז עס געווען דער אָנדענק פון פאָטער, וואָס האָט אים געבראַכט אין אַ רעוואָלוציאָנערן קרייז. ער האָט פלייסיק געלערנט לעזן און שרייבן. זיין איינגעבוירענע אינטעליגענץ, זיין שטרעבן עפּעס צו ווערן, זיין אויסגעהאַמערטער ווילן, זיינע מיט פייער געפּרוווטע הענט, זיין אומבאַגרענעצטע ליבע צום קלאַס, פון וועלכן זיין פאָטער און ער קומען, האָבן אים געמאַכט פאַר אַ פירנדיקן גייסט אין דער פּאַרטיי און אַוועקגעשטעלט דאָרטן, ווו ער שטייט.

פון די ביידע קוואַלן, פון דער גאַס און פון זיין פאָטערס פּנים, האָט ער געשעפּט די כוחות.

פון דער גאַס האָט ער מיטגעבראַכט אַ חיהשע זעלבשטענדיקייט און אומאָפּהענגיקייט אין זיין טון און טראַכטן; פון זיין אומרחמנותדיקער קינדהייט — אַ הפקרותדיקע גרייטקייט אויף אַלץ, צו קיינעם און פאַר גאָרנישט צו זיין דאַנקבאַר. עס איז אָבער געווען דעם פאָטערס געזיכט, דער רירנדיקער אָנדענק אין אים, וואָס האָט אים געבונדן מיט מוטערלעכע געפילן און געגעבן אַ ריכטונג צו זיין שטרעבן, אויסצונוצן זיינע כוחות און איינגעשפּאַנט פאַר איין זאַך, פאַר דער זאַך פון זיין פאָטערס קלאַס.

פון דער גאַס האָט ער מיטגעבראַכט אַ האַס צו אַלע, וואָס האָבן געהאַט אַ היימישע ווארימקייט אין זייער קינדהייט. אינטעליגענטן האָט ער פיינט געהאַט, און נאָך מער די, וואָס האָבן זיך מיטגעשלעפּט נאָך דער רעוואָלוציע נישט אויס נויט, נאָר אויס וויל־מענטשלעכקייט. יעדעס

מאָל, ווען ער האָט זיך אין זיין פּאַרטיי־טעטיקייט אָנגעשטויסן אויף אינ־טעליגענטן, וואָס זענען געקומען מיט ווארימע הענטשקעלעך צו דער רע־וואָלוציע, האָט אים אַרומגענומען אַן אומקאָנטראָלירבארער כעס. אַמ־בעסטן וואָלט ער זיי די קעפּ אָפּגעדרייט און אַרויסגעוואָרפן.

ער האָט באַטראַכט דאָס לעבן ווי אַ נאַקעטע נויטווענדיקייט: עס איז נישטאָ קיין העלדישקייט, עס איז נישטאָ קיין מוט, עס איז נישטאָ קיין אידעאַליזם, קיין רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנטיק; עס איז דאָ נויטווענ־דיקייט, און דאָס נויטווענדיקע דאַרף מען טון. ער האָט נישט געהאַט קיין אַנדער ווייב און קינד, נאָר דעם אָרימען פּראָלעטאַריאַט, פון וועלכן ער איז געקומען. ער האָט נישט געהאַט קיין אַנדער מוטער, נאָר די נויט און די אָרימקייט. מיט דער זעלבער ליבע, מיט וועלכער ער האָט גע־ליבט זיין פאָטערס פּנים, מיט דער זעלבער רירעוודיקייט, וואָס ער וואָלט איצט אָנגענומען זיין פאָטערס אָרימען פעלצענעם אַרבל, וועל־כער האָט אים געהאַלדזט און געוואָרימט אַלס קינד אין די פראָסטיקע זאַ־ווערוכעס פון די מאָסקווער גאַסן, — מיט דער זעלבער צערטלעכער רי־רעוודיקייט האָט ער ליב־געהאַט די אָרימקייט, די נאָס, דעם פּראָלע־טאַריאַט. ער האָט זיך פאַר גאָרנישט אָפּגעשטעלט זיין ציל פאַר אים צו דערגרייכן.

אַ קעגנזאַץ צו אים איז געווען חברטע איזמאַילאָווע.

זי איז געקומען צו דער רעוואָלוציע נישט צוליב נויטווענדיקייט, נאָר אויס אידעאַליזם און ראָמאַנטיק. אַליין אַ וווילגעבוירענע, פון פּרי־ציִשע עלטערן, האָט זי זיך נאָך פון אירע פּאַנסיאָן־יאָרן אוועקגעשענקט דער רעוואָלוציע, ווי אַ מאָנאַשקע אין אַ קלויסטער אַריין. און זי האָט באַהאַלטן ביזן היינטיקן טאָג איר הייליק־רעוואָלוציאָנער שוועסטער־פּנים. צוערשט איז זי געגאַנגען צו די ראָמאַנטישע „עסערן", זיך אָנ־געשלאָסן צו די טעראָריסטן, איבערגעפירט דינאַמיט פון איין אָרט צום אַנדערן, געשטאַנען אויף די געפערלעכסטע פּאָסטנס.

פאַר איר איז די רעוואָלוציע געווען אַ געטלעכקייט, איר טעטי־קייט — אַ רעליגיעזע דינסט. רעוואָלוציע האָט איר מאָראַל, איר עטיק, איר ראָמאַנטישע אויסגעהאַלטענע ליניע, — אַ משל פאַר דורות, אַ דער־ציאונגס־צוועק פאַר זיך אַליין.

די חברים רעוואָלוציאָנערן־טעראָריסטן האָבן זי געהאַלטן פאַר אַ

הייליקע, געקומען זיך צו איר מתוודה זיין, שעפּן וואַרימקייט און באַגייסטערונג. נאָך דעם פינפטן יאָר, ווען די פּאַרטיי האָט נאָך דער קאָנסטיטוציע אָפּגעשטעלט דעם טעראָר, האָט זי זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד: „פּאַרוואָס מען טויט־אָפּ די נשמה פון דער רעוואָלוציע". זי האָט שטענדיק זיך געפונען דאָרט, וווּ עס איז צום געפערלעכסטן. האָט זי אינגאַנצן פאַרלאָזט די „עסערן", — זיי זענען געוואָרן איר צו כשר, — און זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם לינקסטן פליגל פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, אָן די באָלשעוויקעס.

צווישן די ביידע, צווישן רישקאָוון און דער חברטע איזמאַילאָווע, זענען שוין לאַנג אָנגעגאַנגען רייבונגען, וואָס זענען געווען פאַרדעקט מיטן גלאַנץ פונעם גרויסן מאָמענט. מען האָט עס געשטיקט און געהאַלטן אין זיך.

יעדעס מאָל, ווען זיי האָבן זיך געטראָפן, האָט מען געפילט, ווי צוויי קעגנזייטיקע שטראָמען שלאָגן זיך אָן. מען האָט עס געפּרוווט אויסמיידן. נאָר דאָ, אינעם „רעוואָלוציאָנערן קריגס־קאָמיטעט", זענען די דיפערענצירונגען צווישן די ביידע געקומען אין אָן אָפענעם קאָנפליקט.

עס איז איר נישט געפעלן געווען חבר רישקאָווס האַנדלען, זיין כיטרעווען, זיין אונטערהאַנדלען מיטן צווייטן צד, כדי צו געווינען צייט. זי האָט צו אים געהאַט צוטרוי, ווי יעדער איינער, וואָס די שטאַרקע פּערזענלעכקייט זיינע האָט גערופן צו זיך. אָבער זי האָט אים געהאַלטן פאַר נישט־דערוואַקסן צום גרויסן מאָמענט.

דער קאָנפליקט איז אַרויסגעשפּרונגען אין זיין גאַנצער שאַרפקייט אויף דער זיצונג פון „אויספיר־קאָמיטעט", וואָס מען האָט פאַררופן נאָכן אינצידענט מיט די „דווינסקער".

צוליב דער געפערלעכקייט פון די פאָלגדיקע קוילן איז די זיצונג אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אַ הינטער־שטיבל, אין דער נידער. נאָר דער „אויספיר־קאָמיטעט" זיצט שוין אַ היפּשע ווייל, און קיינער נעמט נישט קיין וואָרט. דער אינטעליגענט מיטן פּראָפעסאָרישן פּנים ליגט איינגעקאָרטשעט אין דרייען אויף אַ קאַנאַפּע. די קרעמפּן אין מאָגן האָבן זיך ווידער ביי אים געשטאַרקט. ער זוכט זיך צו שטילן די ליידן דורך דעם, וואָס ער האַלט זיך פאַרן בויך מיט אַ גרויס שמוציק זיידן קישן, וועלכעס מען האָט געפינען אויף אַ קאַנאַפּע. דער גוטער אַלטיטשקער, מיטן זיידע־

פנים, זיצט אויפן ראנד פון דער קאנאפע, אזוי ווי ער וואלט זיך נישט פארגינען טיפער און באקוועמער צו זיצן אין דער שלעכטער צייט. חברטע איזמאילאווע, א פלאמענדיקע, האט כשר־פרום אראפגעלאזט איר שיינעם קאפ צו אירע קני. זי לענט־אן איר אינטעליגענטיש פנים אויף אירע הענט און שווייגט פארטראכט. דער לעטישער סאלדאט שטייט ווי א סטרונע אנגעצויגן. זיין פנים איז נאך מער פארמרהשחורהט, דאסמאל איינגאנצן באדעקט פון זיינע אראפפאלנדיקע וואנסעס, און די גרויע אויגן קוקן גראדליניק אויף איין פונקט, ווי ער וואלט פון דעם ווינקל געוואלט באשייד שעפן. דאס זעלבע טוט דער אנפירער פונעם „רעוואלוציאנערן קריגס־קאמיטעט", חבר רישקאוו.

ער האלט זיין שטארקע פעסטע האנט פאר זיך, קוקט אויף זיינע קורצע פינגער, נאך מער — אויף זיינע טיף־אפגעשניטענע נעגל. און מען זעט, ווי עס ארבעט זיין געהירן אין דעם גרויסן קופערנעם קאפ. ווי די בלויע אדערן אין זיין ברייט־ראנדיקן שטערן און זיינע שלייפן קרייזן און שלענגלען זיך.

אנגעלענט אויף א מארמאר פון א שפיגל שטייט א יונגער מענטש מיט א טראציק עגצדיס פנים און האלט אין איין רעדן, אז בחינם האט מען די כוחות צעשיקט אויף אלע פיר ווינטן. ווען מען האט איצט די פאר שיס־מאשינען און די סאלדאטן, וואלטן זיי אונדז מיט ליידיקע הענט נישט גענומען.

קיינער הערט זיך נישט איין צו זיינע ווערטער, חבר רישקאוו קוקט אויף זיינע קורצע פינגער, און זיי דערמאנען אים עפעס.

יעדעס מאל, ווען ער איז אין סכנה, קוקט ער אויף זיינע פינגער, און זיי דערמאנען אים אין דעם, וואס ער האט אמאל געטון, ווען ער איז געווען אין א סכנה, און וואס מען דארף טון.

דאסמאל דערוועקן די פינגער אין אים אויך יענע צייט, ווען ער איז אין די צארישע צייטן, מיט א פאס אויף א פאלשן נאמען, פארהאלטן געווארן ביי דער גרענעץ. דער זשאנדארמסקי־אפיציר האט אים איבער־געגעבן צו א וואך פון צוויי סאלדאטן, ביז עס וועט אנקומען אן ענט־פער פון דער הויפטשטאט, אויב דער פאס אויפן נאמען אנטאנאוו איז א ריכטיקער. ער האט געוווסט, אז דער ענטפער איז א זיכערער טויט, אדער אייביקע קאטארגע. ווי ער איז אזוי געזעסן אין וואך־שטיבל מיט

די סאָלדאַטן, איז אים איינגעפאַלן די סאָלדאַטן אין א באָרדעל צו פאַרפירן.

— חברים, איז גאָר נישטאָ אין דעם פאַרשאָלטענעם אָרט עפּעס אַ פריילעך הייזל, ווו מען קאָן פאַרברענגען אנגענעם אַ שעה? — האָט ער געפרעגט די סאָלדאַטן. די סאָלדאַטן האָבן, אָנגעשטעקט פון חשק, אים געפירט אהין. און ווען איינער איז פאַרשווונדן מיט אַ נקבה, האָט רישקאָוו דעם צווייטן דעם פּיסק פאַרבונדן. ווען ער האָט זיך מיט אים אָנגעהויבן צו ראַנגלען, האָט ער אים מיט די פינגער דערשטיקט און איז פאַרשוווּנדן. געוויס איז אים געווען אַ רחמנות אויף דעם זעלנער. וואָס איז דער אָרימער זעלנער שולדיק? נאָר וואָס קאָן ער זיך העלפן? מען טוט ניטט דאָס, וואָס מען וויל, נאָר דאָס, וואָס מען מוז.

פון דענסטמאָל אָן האָט ער די טבע זיך צו בייסן די נעגל. ער בייסט זיי, ווען ער קלערט, ביז צו בלוט. און ער דערמאָנט זיך די סצענע מיט דעם דערוואָרגענעם זעלנער.

דאָסמאָל דערמאָנען אים די נעגל אָן דער דעמאָלדיקער סיטואַציע. ער געפינט זיך אין אַ גויט, ווי דענסטמאָל, און מען וועט דאַרפן אַזוי האַנדלען, ווי דענסטמאָל.

— געוויס איז אַ רחמנות אויפן זעלנער, — לייגט ער צו אין זיין געדאַנק, — אָבער וואָס קאָן מען טון?

און ער טראַכט, זאָגנדיק, ווי צו זיך אַליין, הויך צו דער פאַרזאַמלונג:

— מען וועט זיי דאַרפן פאַרנאַרן אין באָרדעל.

און ווען דער עולם קוקט אים אָן פאַרוווּנדערט און דערשטוינט, און חברטע איזמאַילאָווע לאָזט אַראָפּ נאָך טיפער צו אירע קני איר שיינעם כשר־פרומען קאָפּ, ווערט חבר רישקאָוו רויט פאַרן ארויסגעזאָגטן גראָבן וואָרט און דערקלערט:

— מען וועט דאַרפן ארויסרופן די מענשעוויקעס, אַז זיי זאָלן זיך אין אַ שלום אריינלייגן.

און אַז די חברים פאַרשטייען אים נישט, קוקן אים אָן פאַרוווּנדערט און פאַרפרעמדט, דערקלערט ער ווייטער:

— פשוט, מיר האָבן נישט מיט וואָס זיך צו שלאָגן. זיי קאָנען יעדן אויגנבליק נעמען דעם גובערנאַטאָרס הויז. זיי טוען עס נישט דערפאַר,

ווייל די לינקע ביי זיי לאָזן זיי נישט אָנגרייפן. דאַרפן מיר דאָס אויס־נוצן. מען דאַרף מיט זיי קאָקעטירן. מיר מוזן אַלצדינג טון אָפּצוטויטן די איניציאַטיוו ביי זיי, פּאַראַליזירן זייער טעטיקייט, אַרויסרופן אַ שפּאַלטונג אין זייער לאַגער. צו דעם צוועק וועלן מיר דאַרפן אַרויסרופן דורכן טעלעפאָן די מענשעוויקעס. זאָלן זיי זיך אַריינלייגן אין שלום, אָפּצושטעלן דעם בירגער־קריג און אָנצוהייבן אונטערהאַנדלונגען וועגן שאַפן אַ בשותפותדיקן „אויספיר־קאָמיטעט", אונטער וועמענס קאָנ־טראָל עס זאָל שטיין די שטאָט. פאַרשטייט זיך, אַז מיר וועלן דאַרפן אַלצדינג טון, כדי צו פאַרציען די אונטערהאַנדלונגען, ביז עס וועט זיך אויפקלערן די סיטואַציע אין דער הויפּטשטאָט, ווי מיר האַלטן דאָרטן. און דערווייל נישט אָפּשטעלן די אַרבעט, פאַרקערט, זען צו זאַמלען די פּראָלעטאַרישע כוחות, אַרויסרופן אַן אַלגעמיינעם שטרייק, אָפּשטעלן די פאַבריקן, זען די אַרבעטער אַרויסצובאַקומען, אַרויסשיקן אַגיטאַטאָרן. אפשר וועט דורך דער צייט חבר סמירנאָוו קומען מיט אונדזערע אַרטי־לעריסטן. די אַרבעטער וועלן זיך זאַמלען אין די ראַיאָנען. אַז עס וועט קלאָר ווערן, וואָס עס טוט זיך אונטער פּעטראָגראַד, וועט די שטאָט אַליין אַריינפאַלן אין אונדזערע הענט. די פּעטערבורגער חברים וועלן אונדז צושיקן הילף. מיט איין וואָרט — מיר מוזן אַרבעטן אויף ביידע פראָנטן: רעדן וועגן שלום און זאַמלען אונדזערע כוחות, ביז מיר וועלן זיין גרייט. דאָס קענען די מענשעוויקעס גאַנץ גוט דורכפירן. מען דאַרף נאָר וויסן, ווי אַזוי צו ציען זיי ביים שנירל.

די דאָזיקע רייד האָבן אַרויסגערופן דעם צאָרן ביי חברטע איזמאַי־לאָווע, וואָס האָט געברענט אין איר נאָך פון דער פריערדיקער סצענע, וועלכע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין גרויסן זאַל. זי האָט געשטיקט אין זיך דעם כעס, ביז זי האָט זיך מער נישט געקאָנט קאָנטראָלירן:

— אַזוי האַנדלען איז נישט ווירדיק פאַר דער רעוואָלוציע! — האָט זי אויסגערופן. — די רעוואָלוציע האָט איר מאָראַל. אַלערערשט זענען מיר מחויב ריין צו האַלטן אונדזער פאָן. מיר קאָנען נישט און טאָרן נישט אַזוי האַנדלען. דאָס וואָלט נישט געווען ווירדיק פאַר אונדזער הייליקער זאַך, פאַר אונדזערע מאַרטירער. קאָנען מיר נישט לעבן ווי רעוואָלוציאָנערן, דאַרפן מיר שטאַרבן ווי רעוואָלוציאָנערן, — מיט די רעוואָלווערן אין די הענט, מוטיק קעגן פיינט. אויך אונדזער טויט וועט

ברענגען נוצן! עס וועט דינען פאַר אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע! — האָט זי געזאָגט אַ בלייכע, קאָכנדיק זיך פאַר כּעס.

נאָר חבר רישקאָוו האָט זיך שוין מער נישט געקאָנט פּאַסן. ער האָט געביסן זײַנע נעגל טיף ביז צום בלוט, אויסגעשפּיגן און אויסגע־שריגן:

— וואָס מיר מאָראַל?! צום טייוול מיט אייער מאָראַל! ווו זענען מיר, אין אַ מיידלשן פּענסיאָן? נאָר בורזשועז קאָנען זיך פאַרגינען אַזאַ לוקסוס. וואָס איז רעוואָלוציע? אַן אָפּגאָט? צום טייוול! איך דאַרף נישט קיין רעוואָלוציע פאַר אַ פּעטיש. דאָס וואָס איך דאַרף, איז די דיק־טאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, די מאַכט אין אונדזערע הענט, אַז מיר זאָלן קאָנטראָלירן דאָס לעבן. און עס איז מיר גאַנץ גלייכגילטיק, אויף וועל־כע וועגן מיר וועלן עס דערגרייכן. דאַרף מען הרגענען מענטשן, וועט מען הרגענען מענטשן, דאַרף מען ביטרעוון — וועט מען ביטרעוון. וואָס. צי זענען מיר אַ באַנדע אינטעליגענטע ראָמאַנטיקער, וואָס ווילן האָבן טעראָריסטישע אַקטן, כּדי צו באַווייזן, אַז זיי האָבן מוט? צום טייוול מיט אייער מוט! מיר זענען נישט קיין ווייסע אָפּיצירן, קיין „עסערן". מיר זענען געשמיסענע פּראָלעטאַריער. די גאַס איז אונדזער היים. אונ־דזער לייב איז נאַקעט און שמוציק. אונדזערע הענט זענען גראָב. מיר האָבן נישט פאַר וועמען זיך שיין צו מאַכן, אויסצופּיינען זיך. ווען מיר קאָנען קריגן די מאַכט דורך מוט, וועלן מיר באַווייזן מוט. ווען מיר קאָ־נען באַקומען די מאַכט דורך ביטרעוון, זענען מיר פּחדנים. זאָל עס וויל ראָמאַנטישע רעוואָלוציע— זאָל גיין אין שטאָט־דומע! זײַן אָרט איז נישט דאָ, צווישן אונדז. מיר ווילן די מאַכט, כּדי מיר זאָלן קאָנען זיי ביים גאָרגל אָנכאַפּן. און עס איז אונדז גאַנץ גלייך, דורך וועלכן וועג מיר וועלן דאָס דערגרייכן! פאַרשטאַנען?

חבר רישקאָוו האָט אויסגעשפּיגן און איז געבליבן זיצן. דער עולם איז געוואָרן בלייך און שטיל. די אינטעליגענטן האָבן געבויגן די קעפּ צו דער ערד, צוזאַמען מיט חברטע איזמאַילאָווע. די שוואַרצע טשופּרי־נעס האָר האָבן זיך באַוועגן, ווי ציטערדיקע קעפּ אויף הענער. די פּענסנע זענען זיי געפאַלן פון די נעזער. אין די אויגן פון די אַרבעטער און סאָל־דאַטן אויף דער פאַרזאַמלונג האָט געבליעט אַ פייערל...

דער חבר פאָרזיצער האָט מיט שטום־לשון צוגעטאַקעוועט.

— מיר נעמען זיך צום אָפּשטימען, חברים! — האָט אויסגערופן רישקאָוו, נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַרואיקט.

אַלע סאָלדאַטן און אַרבעטער, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער פאַרזאַמלונג, האָבן געשטימט פאַרן חבר רישקאָווס פאָרשלאָג: אָנצוהייבן אונטערהאַנדלונגען דורך די מעגשעוויקעס מיט דער שטאָט־דומע. א טייל פון די אינטעליגענטן האָבן מיטגעשטימט פאַרן פאָרשלאָג, פיל האָבן זיך אָפּגעהאַלטן. חברטע איזמאַילאָווע איז געבליבן איינע אַליין — קעגן.

חבר רישקאָוו האָט זיך געלאָזט פאַרבינדן מיט דער שטאָט־דומע און אַרויסגערופן דורך דעם טעלעפאָן דעם חבר אַנאַטאָל.

— חבר אַנאַטאָל, אויפן רויטן פּלאַץ האָבן אייערע איצטיקע הברים פאַרגאָסן פּראָלעטאַריש־זעלנעריש בלוט.

פון דער צווייטער זייט האָט מען זיך געוועדט, וואָרום רישקאָווס קול איז געוואָרן שטאַרקער און באַשטימטער.

— יאָ, אייערע חברים! מיט וועמען מען גייט — פאַר דעם איז מען פאַראַנטוואָרטלעך. זיי ווילן פּראָוואָצירן דעם בירגער־קריג. איך טו אַלץ מעגלעכעס צוריקצוהאַלטן די אויפגערעגטע „רויטע גווארדיסטן”, זיך נישט צו לאָזן פּראָוואָצירן. אין נאָמען פון רעוואָלוציאָנערן געוויסן רוף איך אייך אין דער דאָזיקער שווערער מינוט צו טון אַלץ, צו ראַטעווען די רעוואָלוציע. די ווייסע אָפיצירן זינגען שוין אויף די גאַסן דעם צארישן הימן. באַדענקט זיך, וואָס איר טוט. עס וועט זיין צו שפּעט. מיר לייגן־פאָר באַלד אָפּצושטעלן די מיליטערישע אָפּעראַציעס פון ביידע צדדים, צו שיקן גלייך באַגלויבטע באַפולמעכטיקטע אָנצוהייבן אונטערהאַנדלונגען וועגן שאַפן א געמישטן קאָמיטעט, וואָס זאָל שטיין אויסער דער קאָמפּעטענץ פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג. צו אים זאָלן איבערגיין אַלע מיליטערישע כוחות, די פאַרוואַלטונג פון דער שטאָט, — ביז צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. רעדט זיך דורך מיט אייערע נייע חברים.

פון דער צווייטער זייט האָט מען אים עפּעס אָפּגעענטפערט נישט אַנגענעמס, וואָרום חבר רישקאָוו האָט איינגעקנייטשט זיין הויכן גלאַנציקן שטערן און געשריגן:

— ניין, ניין, דאָס איז נישט גוט. איר טאָרט נישט פאַרלאָזן דעם

„קאָמיטעט פון אַלגעמיינער זיכערקייט". די רעוואָלוציע מוז דאָרט וואָס מער האָבן אירע אייגענע כוחות, כדי אין דעם דאָזיקן אחריותדיקן מאָמענט צו קאָנטראָלירן די ווייסע גוואַרדיסטן, אַז זיי זאָלן נישט פאַרפירן דער טייוול ווייסט וווהין.

ווידער האָט מען פון דער צווייטער זייט עפּעס אָפּגעענטפערט.

— געוויס, געוויס, — רעדט ווייטער חבר רישקאָוו, — איך האָב מיר, חבר, נאָר דערלויבט אייך אויפמערקזאַם צו מאַכן, אַז פאַרן גאַנג פון דער רעוואָלוציע וואָלט נישט געווען ראַטזאַם אייער שריט. איבעריקנס, איר וועט טון ווי איר וועט געפינען פאַר נייטיק.

און צו די חברים האָט ער זיך אָנגערופן נאָכן טעלעפאָן־געשפּרעך:

— יעדנפאַלס שפּאַלטן מיר דאָס שפּעגל. די מענשעוויקעס שטעלן דעם פאַרטיידיקונגס-קאָמיטעט אַן אולטימאַטום גלייך אָנצוהייבן אונטערהאַנדלונגען, אָפּצושטעלן די מיליטערישע אָפּעראַציעס און שאַפן אַן אויסגלייך־קאָמיטעט, אַז נישט, פאַרלאָזן זיי די שטאָט־דומע. מער דאַרף מען נישט פאַרלויפיק.

קאַפּיטל 14

מאָסקווער פייערן

ער האָט געהאַט רעכט, דער חבר רישקאָוו. אַלץ האָבן געטון די „ווייסע": אַלץ האָבן זיי געטון, נאָר דעם גובערנאַטאָרס הויז האָבן זיי נישט גענומען. דעם אַכט און צוואַנציקסטן אָקטאָבער האָט דער קאָמאַנדיר פון „קאָמיטעט פאַר געזעלשאַפטלעכער זיכערקייט" געקאָנט שטאָלץ אָנקלינגען אין גובערנאַטאָרס הויז: „די שטאָט געפינט זיך אונטער מיין רשות". און ווירקלעך איז עס אַזוי געווען: די יונקערס האָבן באַזעצט די גאַסן, אַרומגערינגלט דעם גובערנאַטאָרס הויז מיט אַ קייט פּאַטרולן באַוואָפנט מיט פּולעמיאָטן און אַנדערע געווער, און קיינעם נישט צוגעלאָזט דערצו. זיי האָבן באַזעצט די באַנהויפן, די פּאָסט און טעלעגראַף־סטאַציעס — און ענדלעך האָבן זיי איינגענומען דעם קרעמל. דער באָלשעוויסטישער קאָמאַנדיר פון קרעמל האָט זיך אונטערגעגעבן, כדי אויס־

צומיידן אַ בחינמדיקע בלוט־פאַרגיסונג. די יונקערס זענען אַריין, האָבן אַרעסטירט דעם חבר בערזין און דעם גאַנצן באָלשעוויסטישן קאָמיטעט. זיי האָבן אפילו צעשאָסן די „דווינסקער" אויפן רויטן פּלאַץ. נאָר דאָס הויז פון געוועזענעם מאָסקווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, דעם זיץ פון „רעוואָלוציאָנערן קריגס־קאָמיטעט" האָבן זיי זיך נישט דערוועגט צו באַזעצן: די רעוואָלוציע האָט אַ כישוף־ראָד געצויגן אַרום דעם הויז און נישט געלאָזט זיך דערנענטערן דערצו, וויפל די „ווייסע" יונקערס און די צאַריסטישע אָפיצירן האָבן נישט געברענט פאַר השק צו נעמען דעם גובערנאַטאָרס הויז און צו פאַרטרייבן דעם „רעוואָלוציאָנערן קריגס־קאָמיטעט".

דער קאָמאַנדיר פון „קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער זיכערקייט", מיט די לינקע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין קאָמיטעט, האָבן זיך געשראָקן פאַרן „משפט פון דער געשיכטע", און געהיט דאָס הויז, ווי גוטע מלאכים. אַלץ האָבן זיי געלאָזט די יונקערס אָפּטון, נאָר נישט נעמען דאָס הויז פון „רעוואָלוציאָנערן קריגס־קאָמיטעט".

אפשר האָבן זיי זיך געשראָקן פאַר דעם אַפּעטיט פון די „רעכטע" און געוואָלט איינהאַלטן אַ גלייכגעוויכט?

נאָר מער פון אַלץ האָט שוין דאָ געאַרבעט רישקאָווס קלעצל, דער פאַרשלאָג, וואָס ער האָט געמאַכט די מענשעוויקעס, אַז זיי זאָלן זיך אַריינלייגן אין שלום און ווערן אַ דריטער צד. דאָס דאָזיקע קלעצל האָט זיך גערוקט צווישן די רעדער און איינגעהאַלטן דעם גאַנג פון דעם וואָגן פון פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט.

די מענשעוויקעס האָבן געשטעלט אַן אולטימאַטום: אויב דער פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט נעמט נישט אָן דעם פאַרשלאָג אָנצוהייבן תיכף אונטערהאַנדלונגען וועגן אַ שלום, טרעטן זיי אַרויס פון דעם קאָמיטעט. איז אַזוי אַרום דאָס גובערנאַטאָרישע הויז נצול געוואָרן, — ביז עס האָט ענדלעך געקראָגן כוחות און אָנגעהויבן צו רעדן מיט זיין אייגענעם לשון.

דעם 28טן אָקטאָבער, נאָכמיטאָג, איז געקומען חבר סמירנאָוו, וואָס איז געשיקט געוואָרן נאָך פון ערשטן טאָג אָן קיין כאָדינקאַ צו ברענגען די באָלשעוויסטישע אַרטילעריע, און איז נישט צוריקגעקומען, און אַלע האָבן געמיינט, אַז ער איז שוין אין געפענגעניש, אין דער אַלעקסאַנדע-

רישער קרינס-שול. חבר סמירנאָוו האָט זיך דורכגעקראָגן צום גובערנאַ־טאָרס הויז דורך דער קייט פּאַטרולן מיט דריי האַרמאַטן און מיט אַ גע־פּאַנצערטן אויטאָמאָביל אין דער שפּיץ.

ווי אַזוי די יונקערשע פּאַטרולן האָבן אים דורכגעלאָזט, צי זיי האָבן נישט געזען, צי איבער אַנדערע סיבות, בלייבט אומדערקלערט.

מען קאָן זיך פאָרשטעלן דאָס הילכיקע, טריאומפירנדיקע, פריידיקע שאַלן, וואָס האָט זיך געהערט פון אַלגעמיינעם זאַל, פון הויף, פון דעם גאַנצן גובערנאַטאָרישן הויז. די קולות האָבן אָנגעפילט די לופט. עס האָבן זיך געהערט שטורמישע, ענטוזיאַסטישע אויסרופן, אַ פּאַטשן מיט די הענט, אַ לויפן איבער די שטיגן. דער קאָמיטעט האָט איבערגעריסן זיין זיצונג.

אַז ער איז אַריין אין זאַל, האָט ער געזען די פאָלגנדע סצענע:

חבר סמירנאָוו וויגט זיך אויף די הענט און אַקסלען פון די אין פריידיקער משוגעת פאַרכאַפּטע סאָלדאַטן און אַרבעטער. אַ בלייכער, אַן אויסגעשעפּטער פאַלט ער איבער די פּלייצעס, ווי אַ טייטער קערפּער. ער באַווייזט נאָר אויסצושטרעקן אַ האַנט צום הויף. ער וויל עפּעס זאָגן און איז פאַר מידקייט און איבעראַשונג נישט אימשטאַנד אַרויסצוברענגען קיין וואָרט.

דער עולם איז אַרויס אויפן הויף. דאָרטן זענען געשטאַנען דריי האַרמאַטן. אַ שטאָלצער, געפּאַנצערטער אויטאָמאָביל פאַראייכט פאַר זיי. גרייט צו שפּייען מיט פייער אויף די מאָסקווער גאַסן.

עס איז גאָרנישט צו באַשרייבן דעם ענטוזיאַזם, וואָס דער אָנבליק פון די האַרמאַטן האָט אַרויסגערופן ביי די פון אוממעכטיקן כּעס אויס־געמוטשעטע זעלנער. עס איז מיט איינמאָל אַ גרויסער כּוח געקומען און האָט אויפגעוועקט דאָס גאַנצע פאַרלאָשענע פייער, וואָס די אוממאַכט און די אוממעכטיקייט האָבן געהאַט אָפּגעטויט ביי די סאָלדאַטן און רויטע גוואַרדיסטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין גובערנאַטאָרס הויז.

די „דווינסקער", וואָס האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו שטילן זייער נקמה־דורשט, וואָס האָט צוליב דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון זייערע חברים געפלאַמט אין זייערע ביינער, די יונגטלעכע אַרבעטער. וועלכע זענען געקומען מיט אַזאַ ענטוזיאַזם אין גובערנאַטאָרס הויז און זענען דאָ געוועזן פאַרמשפּט אויף אוממעטיקייט; אַפילו די ווייבער, —

אלע האבן זיך געוואָרפן אויף די הארמאטן, די סאָלדאטן האבן געקוויטשט די שטאָלענע רערן, געגלעט די אייזנס. די ווייבער האבן געהאלדזט און צוגעדריקט צו זייערע ווייבלעכע בריסטן די קאַלטע שטאָלענע העלדזער, פון וועלכע דאס פייער וועט קומען. עס האבן זיך געהערט היסטערישע פרייד־געוויינען פון דער חברטע מאסלאָווע:

— קינדערלעך, קינדערלעך, איר וועט זיך אננעמען פארן פארגאָסענעם סאָלדאטישן בלוט! — האט די פויערשע שיקסע, וועלכע האט זיך ארויפגעכאפט אויף א הארמאט, אויסגעשריגן שוין איצט פריי, אָן מורא.

— אי, וועלן זיי זיך אננעמען! אונדזער עוולה ליגט אין זייערע רערן און פון דארטן וועלן מיר זי ארויסשפייען! — האט זיך צעשריגן א זעלנער.

— מען קומט צו אונדז! מען קומט! — האט איינער דעם אנדערן צוגעגעבן.

חברטע איזמאיל‌אָווע איז שוין ארומגעגאנגען מיט א געהויבענעם קאָפּ און געקוקט דעם חבר רישקאָוו ארויספאָדערנדיק אין די אויגן אריין, און חברטע סאַפיע איז געווען די ערשטע, וואס האט זיך ארויפגעכאפט מיטן אויסגעשטרעקטן רעוואָלווער אויפן געפאנצערטן אויטאָמאָביל.

נאָר חבר רישקאָוו האט שוין גענומען די סיטואציע אין דער האנט אריין:

— דאס האט געמאכט דאס שפּענדל, וואס איך האב עס זיי אריינגעשטעלט אין די רעדער אריין דורך מיין שלום־פאָרשלאג, — האט ער געזאָגט צו די חברים. — די „מענשעוויקעס" האבן מיר אָפּגעשלאָגן, די „עסערן" זענען געבליבן אליין. זיי האבן מורא צו נעמען אויף זיך דאס אחריות. מיר האבן אָפּגעטויט דעם גייסט ביי זיי. זיי האבן זיך פארלוירן און דורכגעלאָזט אונדזער ארטילעריע. נו, איצטער וועלן מיר זיי דיקטירן א שלום! ווו איז חבר איוואנאָוו מיט זיין פאָן?

— חבר איוואנאָוו, חבר איוואנאָוו! — האט מען אנגעהויבן צו שרייען פון אלע זייטן.

דער חבר איוואנאָוו האט זיך באוויזן און געהאלטן אין דער האנט די רויטע פאָן, אויף וועלכער ער האט געהאט אויסגעמאָלט זיין לאָזונג.

דער חבר רישקאָוו האט זי פונאנדערגעוויקלט, און ביים ליכט פון

אויפפלאַקערנדיקע, וויים־גוואַרדיסטישע פּולעמיאָטן, נאָכאַמאָל איבערגע־לייענט דעם לאָזונג אויפן קול:

„שלום — די שטיבלעך; מלחמה — די פּאַלאַצן!"

ער האָט גענומען די פאָן, זי אָנגעהאַנגען אויף א האַרמאַט און באַפוילן:

— נו, קינדערלעך, שטעלט זי אַרום אויפן סקאָבעלעוו־פּלאַץ, פאַרן „רעוואָלוציאָנערן קריגס־קאָמיטעט", און הייבט אָן. איך וועל דערוייל גיין ווייטער אונטערהאַנדלען וועגן שלום.

מאָסקווער גאַסן, מאָסקווער דעכער האָבן אָנגעהויבן צו שפּייען מיט פייער. פון סקאָבעלעוו־פּלאַץ האָבן זיך געטראָגן גליענדיקע דונערן. איי־נער פון די דאָזיקע דונערן איז אריין אין אַן אַפּטייק, וואָס האָט זיך געפונען אויף א אַן ערשטן שטאָק פון א הויף אויף סאַדאָווע גאַס, אויפ־געריסן א מאַגאַזין פון בענזין און אַלקאָהאָל. און עס האָט זיך געדאַכט. אַז מאָסקווע האָט ווידער אָנגעטון דאָס רויטע קאַפּל. די גאַסן זענען געוואָרן העל־באַלויכטן פון ברענענדיקע הייזער־שטורקאַצן.

דער געפּאַנצערטער אויטאָמאָביל, באַלאָדן מיט רעוואָלוציאָנערע רויטע גוואַרדיסטן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך אויך געפונען חברטע סאָפיע מיט דער חברטע מאַסלאָווע, האָט זיך אוועקגעטראָגן א שטאָלצער דורך די וויים־גוואַרדיסטישע פּאַטרולן אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן, געבראַכט הילף צו די אָפּגעשוואַכטע ראַיאָנען. די לאַנג־אויסדויערנדיקע יונגע רויטע גוואַרדיסטן האָבן געקראָגן אויפלעזונג פאַר זייער וואַרטנדיקן כעס. אויף סוכאַראָווסקע האָט מען אומגעוואָרפן א ציימונגס־בודקע, אָנגעוואָרפן א פּאָר טונען, אָפּגעבראָכן טויערן, אַרויסגעוואָרפן מעבל פון די הייזער, — און חברטע סאָפיע האָט געקאָנט דערפילן איר לאַנג־יעריקן חלום, געקאָנט מיט איר געהויבענער מיידלשער ברוסט, מיט אירע פּאַליענדיקע האָר, מיט אַן אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער, שטיין אין דער שפּיץ פון רויטע גוואַר־דיסטן אויף באַריקאַדן אין צאַרס הויפּטשטאָט.

עס האָט אָנגעהויבן צו רעגענען מיט פייער פון דעכער, פון בוידעם־שטיבער. די גאָלדענע קופּאָלן פון די מאָסקווער צערקוועס האָבן די נאַכט העל באַלויכטן, אויפגעפלאַמט און געלויכטן זיך ווי גרויסע שטערן מיט זייער גאָלדענעם שיין אין פייערדיקן רעגן.

דאָ און דאָרט האָט א רויטער פייער־קאַם אויפגעפלאַמט איבער א

דאך אין א וויטן אפטייל פון שטאט. דא און דארט האט זיך צעשפילט א גלאקן־קלימפערן פון א צערקווע, וואס האט גערופן צו תפילה גאנץ אפצור־ראטעווען די מוטער־רוסלאנד. די קלונגען פון די צערקווע־גלאקן האבן נאר מיט זייערע מעטאלענע שטימען אויפגעמונטערט די הארמאטן־העלדזער פון סקאבעלעוו־פלאץ צו שפייען וואס מער פייער פון זיך.

אינעווייניק אין גובערנאטארס הויז איז געזעסן חבר רישקאוו זייער רואיק ביים טעלעפאן און אונטערגעהאנדלט מיטן „קאמיטעט פאר געזעל־שאפטלעכער זיכערקייט“ וועגן שלום־באדינגונגען, אונטער די מעטאלענע שטימען, וואס עס האבן פון זיך ארויסגעבארכלט די לאנגע רערן פון די הארמאטן פאר זיין פענצטער.

חברטע איזמאילאווע, וואס האט דורך די גרויסע פענצטער פון גו־בערנאטארס הויז געזען די פייערן, וואס צינדן זיך אן איבער די מאסקווער הייזער, האט זיך דערשראקן פאר איר מאסקווע. אין איר האר־ן האט זיך אויפגעוועקט דאס פאטריאטישע בלוט פון אירע עלטערן, און זי איז גע־קומען צו לויפן אין קאבינעט פון פארזיצער פון „אויספּירקאם“ א דער־שראקענע און א בלייכע:

-- וואס טוען זיי? זיי ווען דאך פארניכטן מאסקווע! הייסט אפ־שטעלן די הארמאטן!

— בארואיקט אייך, חברטע! מאסקווע וועלן זיי נישט פארניכטן, -- האט איר דער חבר רישקאוו איינגעשטילט, און גערעדט דורך דעם טעלע־פאן־רערל צום חבר אנאטאל, וועלכער האט זיך נאך אלץ געפונען אין דער שטאט־דומע:

— חבר אנאטאל, דאס איז אן ענטפער אויפן פארגאסענעם פראלע־טארישן־זעלנערשן בלוט אויפן רויטן פלאץ. מיר זענען ווייטער גרייט אונ־טערצוהאנדלען וועגן א בשותפותדיקן קאמיטעט, אפצושטעלן תיכף די מיליטערישע אפעראציעס...

דערווייל איז די באפעלקערונג געווען די, וואס האט צומייסטנס גע־ליטן. זי האט מורא געהאט זיך צו באווייזן אויף דער גאס פאר די קוילן, וואס האבן פריי ארומגעבלאנדזשעט און נאך מער מורא געהאט נישט אריינצופאלן אין די הענט פון די קריגערישע צדדים.

סיי די רויטע ארבעטער און סאלדאטן, סיי די ווייסע יונקערס, — יידע האבן זיי אויסגעלאזט דאס פייער פון זייער קריגס־מוט אויף די

קעפ פון דער ציווילער באפעלקערונג. יעדער איינער האט פארלאנגט פא־
פירלעך און דאקומענטן. יעדער איינער האט באזוכט די טאשן און צוגע־
נומען די גאלדענע זייגערלעך און די פאר „קערענקעס״, און ביי יעדן איי־
נעם איז מען געווען א קאנדידאט צו ווערן אריבערגעשיקט אויף יענער
וועלט פאר א קרבן אויפן מזבח פון דער רעוואלוציע און צו ווערן דערנאך
פארשריבן פאר א העלד אויפן חשבון פון צד פון די געווינער.

האט זיך די ארימע באפעלקערונג איינגעשלאסן אין די הייזער און
נישט געוווסט צו וועמען זי באלאנגט — צו די „רויטע״, אדער צו די
„ווייסע״, און געווארט, אז עס זאל קומען הילף פון פראנט. איינער האט
דעם צווייטן געהאלטן אין איין פארזיכערן, אז עס גייען פון דארטן עשא־
לאנען מיט קאזאקן. די אייזנבאנער וועלן זיי דורכלאזן אפצוראטעווען די
הייליקע שטאט.

א מאנגל פון לעבנס־מיטלען האט שוין סיי־ווי־סיי נאך פון די פריער־
דיקע צייטן עקזיסטירט. האבן די רייכע געלעבט פון די אנגעפילטע זא־
פאסן מיט פראוויאנט, וואס זיי האבן זיך אנגעגרייט אין די בעסערע צייטן.
און די ארימע האבן סיי־ווי־סיי געהונגערט, אדער מיט גרויס סכנה זיך
אריינגעכאפט דורך דער הינטער־טיר אין א געוועלבל אריין און געבעטן
אביסל גרויפן, דאס חיות צו דערהאלטן.

די מאסקווער ארימע באפעלקערונג, ווי גאנץ רוסלאנד, איז געווען
אזוי אויסגעמוטשעט פון די געשעענישן, וואס זענען זינט דער פעברואר־
רעוואלוציע געגאנגען ראפטום איינע נאך די אנדערע, אז עס איז איר שוין
געווען אלצאיינס, ווער עס וועט נעמען די מאכט. אבי מען זאל זיך אויפ־
הערן צו קריגן, און עס זאל זיין א שטיקל אויטאריטעט אין לאנד, אונטער
וועמענס שוץ מען זאל קאנען צוריקקומען צום נארמאלן לעבן.

די רייכע, ווידער, האבן זיך געמיט צו מאכן די באלאגערונג וואס
אנגענעמער. רייכע קאנען האבן פארגעניגן אין יעדער לאגע, אין וועלכער
זיי זאלן זיך נישט געפינען.

די באלאגערונג איז פארוואנדלט געווארן אין א מין ספארט, מען
קאן זאגן, אין א מין פארוויילונג: אין די שטיבער איז געווען ווארים, דאס
וועטער שיין, די עלעקטרי האט געארבעט, און דער טעלעפאן? דער טע־
לעפאן, קאן מען זאגן, איז געווען בעת דעם בירגער־קריג, וואס איז אנ־
געגאנגען אין מאסקווע, נייטראל. ער האט באדינט אי די „ווייסע״, אי די

„רויטע" און נאָך געהאַט צייט צו צעטראָגן געשפּרעכן פון די מאָסקווער שיינע ווייבלעך פון איינער צו דער א:דערער. זיי האָבן זיך אויסגעפּרענט אויפן געזונט און איבערגעטראָגן רכילות און פּלאָטקעלעך וועגן די שיינע יונקערלעך, וואָס שטייען ביי זיי אין די הייזער. עס איז געווען אַ גוטער צייט־פאַרטרייב, ווייל עס איז נישט געווען וואָס בעסערס צו טון. און דער טעלעפאָן, מוז מען צו זיין לויב צוגעבן, האָט בעת די טרויעריקע טעג פונקציאָנירט בעסער און פּינקטלעכער, ווי אין די געוועלנלעכע, נאָרמאַלע צייטן.

מען איז אָפּגעזעסן גאַנצע נעכט און געשפּילט „פּרעפּעראַנס" און „פּאָקער". מיט איין וואָרט — מען האָט זיך געמיט צו פאַרברענגען די צייט, ווי עס האָט זיך נאָר געלאָזט, וואָס אַנגענעמער. און די מאָסקווער שיינע דאַמעטשקעס, מוז מען צוגעבן צו זייער לויב, האָבן בייגעשטייערט זייער טייל, כדי אויפצוהאַלטן די גוטע שטימונג ביי דער באַפעלקערונג אין די טרויעריקע טעג מיט דעם, וואָס זיי האָבן געלאָזט „אוכאַזשעווען" נאָך זיך, ווי פאַר מצווה וועגן, ביז קערענסקי און גענעראַל קראַסנאָוו וועלן צושיקן הילף פון פראָנט. אַ גרויסע געלעגנהייט פאַר פלירטעווען האָבן אויך געגעבן די שיינע, יונגעטשקע יונקערלעך און די בלוט און מילך־יונגע אָפיצירלעך — די בראַווע באַשיצער, וועמען מען האָט אריינגענומען אין די שטיבער, כדי זיי אָפּצוואַרימען פון דער קעלט פון גאַס.

אַנדערע דאַמען זענען געגאַנגען נאָך ווייטער. זיי האָבן זיך אַזוי מור־טיק באַנומען ביים דערפילן זייער פּאַטריאָטישן חוב, אַז זיי האָבן כמעט איינגעשטעלט זייערע לעבנס. זיי זענען געווען פאַרנומען אַ גאַנצן טאָג מיט צוגרייטן „בוטערשניטן", איינגעוויקלט זיי אין פּאַפּירן, זענען אַרויס אויף דער גאַס און אויף שטריקעלעך, וואָס די יונקערלעך האָבן זיי אַראָפּ־געשיקט פון אויבן, אַרויפדערלאַנגט אויף די דעכער...

נאָר קיינער האָט נישט געגלויבט, אַז די באָלשעוויקעס מיינען טאַקע ערנסט צו פאַרכאַפּן די מאַכט, וועלכע זיי קאָ:ען דאָך סיי־ווי־סיי נישט אָנהאַלטן. מען האָט געהאַלטן, אַז עס איז נאָר אַ דורכגייענדיק געשעעניש, אַן „עפּיזאָד" אַזעלכער פון דער רוסישער רעוואָלוציע. די ברייטע רוסישע נשמה האָט זיך אַ שפּיל־געטון, און זי וועט זיך באַלד באַרואיקן.

⁂

אויף די גאסן האט מען זיך געשלאגן, און חבר רישקאָוו האט גע־האלטן אין איין פירן אונטערהאנדלונגען וועגן „שלום־קאָמיטעט" גע־האלטן אין איין טיפער שטופּן דאָס קלעצל אין די רעדער פון „קאָמיטעט פאר געזעלשאפטלעכער זיכערקייט", פאראליזירט זייער טעטיקייט, צע־שפּאלטן די כוחות.

פון דער צווייטער זייט איז געווען די חוצפּהדיקע האלטונג פון די ווייסע אָפיצירן און יונקערס, וועלכע האָבן שוין גאנץ אָפן גערעדט וועגן דעם, אז מען דארף ליקווידירן דעם אומזין (די רעוואָלוציע), און האָבן גע־זונגען צארישע לידער אויף די גאסן. דאָס האָט אָפּגעשראָקן די רעוואָ־לוציאָנערע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין „קאָמיטעט פאר געזעל־שאפטלעכער זיכערקייט", צוצואיילן דעם זיג איבער די באָלשעוויקעס.

דערצו האָבן נישט ווינציק צוגעהאָלפן טאקע דעם חבר סמירנאָווס הארמאטן, וואָס האָבן אָנגעוואָרפן א שרעק אויף דער באפעלקערונג און ארויסגערופן אין שטאָט־דומע א פחדנישע איבערשאצונג פון די באָלשע־וויסטישע כוחות. די אונטערהאנדלונגען וועגן שלום האָבן זיך אָנגעהויבן.

די מיליטערישע אָפּעראציעס האָבן זיך פוןביידע זייטן אָפּגעשטעלט אויף פיר און צוואנציק שעה. און אז די פיר און צוואנציק שעה האָבן זיך געענדיקט, און צו קיין רעזולטאטן האָט עס נישט געבראכט, האָבן זיך שוין געפונען נייע מלאכים פון שלום און געשטאלט פון די אייזנבאנער, פון די פּאָסט־באאמטע, וואָס האָבן ביידע צדדים געשטעלט אן אולטי־מאטום, אז זיי וועלן דורכלאָזן עשאלאָנען מיט קאָזאקן אין דער שטאָט אריין.

חבר רישקאָוו האָט נאָר דאָס געוואָלט. ער האָט שוין געזאָרגט דער־פאר, אז מען זאָל נישט קומען צו קיין פארשטענדיקונג. יעדעס מאָל האָט ער ארויסגערוקט אנדערע פאָדערונגען. וואָס מער עס האָבן זיך פארצויגן די אונטערהאנדלונגען, אלץ שטארקער איז געוואָרן דעם גובערנאַטאָרס הויז. ביי די „ווייסע" איז געפאלן דער גייסט. זייערע כוחות זענען זיך צערונען. די כוחות פון די באָלשעוויקעס דאקעגן האָבן זיך געשטארקט. די פאבריקן האָבן זיך אָפּגעשטעלט. איצט האָבן שוין אָנגעהויבן צו שטראָמען צום גובערנאַטאָרס הויז ארבעטער פון אלע ראיאָנען און זיי האָבן זיך גע־שטעלט אין רשות פון „רעוואָלוציאָנערן קריגס־קאָמיטעט".

חבר רישקאָוו איז געוואָרן וואָס אמאָל מער פאָדערנדיק. ער פאר־

לאנגט שוין, אז מען זאָל די ווייסע גוואַרדיסטן אַנטוואָפענען און איבער־לאָזן דאָס געווער בלויז ביים פּראָלעטאַריאַט.

די אייזנבאַנער לייגן זיך ווידער אַריין אין שלום, שאַפן נייטראַלע זאָנעס, די אונטערהאַנדלונגען פאַרשלעפּן זיך.

דערוויילי באַזעצט מען דעם טעלעגראַפן־אַמט, מען קריגט פאַרבינ־דונגען מיטן צענטער. פון דאָרטן הייבן שוין אָנצוקומען מער ידיעות. די לאַגע הינטער פּעטראָגראַד קלערט זיך אויף. קראַסנאָווס קאָזאַקן פאַר־שטענדיקן זיך מיט די רויטע גוואַרדיסטן, אויסצומיידן דעם בירגער־קריג. זיי פאָדערן אויף קערענסקין, ער זאָל גיין מיט א ווייסער פאָן אין דער הויפּטשטאָט. קערענסקי אַנטלויפט.

חבר רישקאָוו זאָרגט שוין דערפאַר, אז פון קערענסקים פּחדנישן פאַר־שווינדן זאָל זיך דערוויסן גאַנץ מאָסקווע.

דער „קאָמיטעט פאַר געזעלשאַפטלעכער זיכערקייט" שפּאַלט זיך. די לינקע עלעמענטן אין קאָמיטעט שרעקן זיך וואָס אַמאָל מער פאַר די „רעכטע" אָפיצירן, וואָס זענען אָפענע קאָרנילאָווצעס. עס הייבט זיך אָן א מריגעניש. דער גייסט ביי די יונקערס פאַלט אויך. די אָרימע און יידישע עלעמענטן צווישן די יונקערס דערמאָנען זיך אָן זייער אָפּשטאַם, באַ־האַלטן זיך אוים און לויפן אַריבער צו די „רויטע". וואָס אַמאָל מער ווערט די „מוטער־רוסלאַנד" רייף ווי א פלוים פאַרן באָלשעוויסטישן אַפּעטיט...

די מאָסקווער באַפעלקערונג, וואָס האָט ביז איצט באַטראַכט די „וויי־סע" אָפיצירן פאַר אירע רעטערס; די מאָסקווער ווייבלעך, וואָס האָבן גע־האַלטן אין איין קאָכן געקעכטס, אין איין צוגרייטן „בוטערשניטן" און זיי אַרויפצודערלאַנגען אויף שנירלעך צו די שיינע יונקערס אויף די דעכער, זענען געוואָרן אויסגעמוטשעט פון דער לאַנגער באַלאַגערונג, פון דעם זעקס־טאָגיקן פאַרשפּאַרט זיין אין די היימען, פון דער אומבאַוווּסטקייט פון דער לאַגע, אין וועלכער זיי געפינען זיך, פון דער טויט־שרעק, וואָס איז געפלויגן איבער זייערע קעפּ.

בחינם האָט מען געוואַרט אויף דעם אַנטשיידענעם שריט, וואָס מען האָט געהאַלטן אין איין איינרעדן, אז ער קומט יעדן מאָמענט, און וועט מאַכן אַן ענדע צו דער לאַגע. בחינם האָט מען געהאַלטן אין איין פאַר־זיכערן, אז די שטאָט געפינט זיך פעסט אין די הענט פון די „ווייסע", און זיי קאָנען יעדן אויגנבליק מאַכן א סוף מיט די באָלשעוויקעס. בחינם

האָט מען געהאַלטן אין איין טרייסטן, אַז אויפֿן וועג קיין מאָסקווע גע־פינען זיך העטמאַנען מיט קאָזאַקן און אַפֿילו קערענסקי אַליין, וואָס האָט שוין צוריקגענומען פּעטראָגראַד און גייט אין דער שפּיץ פֿון אַן אַרמיי, כדי צו באַפֿרייען דאָס מוטערל־רוסלאַנד.

קיין הילף איז נישט געקומען, קיין קלאָרקייט איז נישט אַריינגע־טראָטן אין דער סיטואַציע. און אַזוי ווי מ׳איז געווען פֿאַרשפּאַרט, באַלאַ־גערט פֿון דעם ערשטן טאָג פֿון אויסברוך פֿון דער באָלשעוויסטישער רע־וואָלוציע, אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן אויך איצט. קיין עסן איז נישט געווען. דער פּראָוויאַנט האָט זיך אויסגעשעפּט, און קיין איין האָפֿענונג איז נישט מקוים געוואָרן! האָט די מאָסקווער באַפֿעלקערונג, צום סוף, ווען זי האָט באַמערקט, אַז די מאַכט גייט אַריבער צו די באָלשעוויקעס, זיך געגעבן אַ וואַקל אויף דער לינקער זייט.

צוערשט האָבן זיך אויפֿגעהויבן די אָרימע ראַיאָנען אין די עקן פֿון דער שטאָט. זיי האָבן אַליין פֿאַרטריבן די יונקערס מיט די אָפֿיצירן און געהאָלפֿן די באָלשעוויקעס. אַפֿילו אין צענטער פֿון דער שטאָט, ווו עס האָבן געוווינט די רייכע, האָט מען אויף די נעבכטיקע רעטערס אָנגעהויבן צו קוקן מיט שלעכט־אָנזאָגנדיקע, פֿאַראַכטנדיקע בליקן. דאָס וואָרט „יונ־קער“, וואָס נעכטן האָט עס נאָך באַדײַט אַ שטאָלצע האָפֿענונג, איז פֿאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ זידל־וואָרט. די מאָסקווער ווײַבלעך, וואָס האָבן זיך ערשט נאָר־וואָס געהאַלטן אין איין פּיעשטשען מיט די יונגע, שיינע אָפֿיצירלעך, האָבן זיי אָנגעהויבן צו זידלען מיט די נעמען „ווײַסע גוואַר־דיסטן“, „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן“. ביי אַ סך פֿון די אָפֿיצירן האָט מען אַ געהויבן צו דערקענען זייער אָפּשטאַם, און גענומען זיי זידלען מיט „זשידאָווסקע מאָרדע“.

קאַפּיטל 15

קאַוויאַר און שאַמפּאַניער

אין האָטעל „מעטראָפּאָל“ איז נאָך דער צעמישונג, וואָס איז געוואָרן אין דעם ערשטן טאָג, געקומען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג. דאָס לעבן אין

האָטעל, קאָן מען זאָגן, איז נאָך דער סומאַטאָכע פון דעם ערשטן טאָג געוואָרן כמעט נאָרמאַל.

אינגאַנצן נאָרמאַל איז עס נישט געווען. דאָס הייסט, די געסט האָבן, אַ חוץ אין די זאַלן פון האָטעל, נישט געהאַט קיין פרייע באַוועגונג. דער האָטעל איז געווען אָפּגעשניטן פון דער דרויסנדיקער וועלט.

די „קאָמיסיעס", וואָס דער אַדוואָקאַט האָט באַשאַפן, האָבן נישט געהאַט וואָס צו טון, האָבן זיי זיך פאַרוואַנדלט אין אַ „וווילטעטיקן רויטן קרייץ". מען האָט באַשאַפן אַ לאָטעריע פאַרן נוצן פון די בראַווע פאַר־טיידיקער.

די דאַמען זענען איצט געווען פאַרנומען מיטן פאַרקויפן געווין־צעט־לען. אָבער אַזוי ווי דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן איז געווען אַ געצוווּנגע־נעס, איז עס באַלד פאַרמיאוסט געוואָרן. די געזיכטער, וואָס האָבן זיך גע־האַלטן אין וואַרפן אין די אויגן, זענען באַלד געוואָרן באַקאַנט, ווי אַלטע, אויסגעריבענע מטבעות. מען האָט זיך געפילט, ווי אויף אַן ענגער שיף, בעת אַ לאַנגווייליקער ים־רייזע, — אַ מיליאָן פאַר אַ ניי פנים.

מען מוז אָבער צוגעבן, אַז נישט אַלע האָבן זיך אַזוי געלאַנגווייליקט. אַנדערע ווייבלעך זענען אין זייער חוב אונטערצוהאַלטן די גוטע שטימונג אין דער געזעלשאַפט, גענאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן אַרויסגערופן איי־פערזוכט־סצענעס מצד זייערע מענער און אַנדערע מענלעכע צוגעהעריקע. צוממייסטנס האָט וועגן זיך געמאַכט רעדן דאָס פיקאַנטע ווייבל, וואָס איז ביים ערשטן אויסברוך פון די אומרוען אַריינגעקומען אין ביליאַרד־זאַל אַ לאַכנדיקע, באַגלייט פון אַ כאַליאַסטרע יונגעלייט, און וואָס האָט אַרויס־גערופן דעם אויפברויז פון די עלטערע דאַמען. אין אירע צימערן קומען פאַר ביינאַכט גאַנצע „אָרגיעס" — האָט מען זיך געסודעט אין די אויערן.

צוליב דעם האָבן געזאָלט פאַרקומען סקאַנדאַלן, און עס האָט אַפילו געזאָלט קומען צו פעטש. אויך האָט מען גערעדט וועגן אַ דועל צווישן צוויי זייער רעספּעקטפולע מענער וועגן באַליידיקטער דאַמען־ערע. מען האָט אָפּגעלייגט אויסצופירן די „ערן־פליכט", ווען די צייט וועט דערלויבן.

אָבער די אַלע גרעסערע און קלענערע סקאַנדאַלן, די דעליקאַטע פּי־קאַנטע „ערן־זאַכן" האָבן אויך געהאַט זייער גוטע זייט. זיי האָבן געהאָלפן אַריינברענגען אַביסל אָפּוועקסלונג אין דעם מאָנאָטאָנעם לעבן פון באַ־לאַגערטן האָטעל.

אויך מיטן באַשפּייזן די אײַנוווינער פון האָטעל זענען איצט געווען שווערלעקייטן. עס האָט זיך באַלד אויפן צווייטן טאָג פון דער באַלאַגערונג אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס הויז איז גוט פאַרזאָרגט מיט כּלערליי דעליקאַטעסן און טייערע געטראַנקען. דערפאַר האָט זיך אָבער באַלד געפילט אַ דוחק אין פּראָסטע נייטיקע שפּייז־אַרטיקלען, למשל, אין ברויט, אין פאַרשידענע גרויפּן, אין קאַרטאָפל און אין אַנדערע מענטשלעכע נאַרונג. ברויט איז, ווי באַוווּסט, דער באַליבטסטער ביסן ביים רוסישן מענטש, ביי רייך און ביי אָרים. דאָך האָבן זיך די מענטשן דאָ אין האָטעל געקאָנט באַגיין אָן ברויט. עס זענען געווען אַנדערע שפּייזן, ווי למשל, קאַוויאַר.

נאָר דערפאַר אָבער, ווייל ברויט איז נישט געווען בנמצא, איז עס געוואָרן אַזאַ רייז־ביסן, אָן וועלכן מען האָט נישט געקאָנט אויסקומען.

אַז איינער האָט דערזען ביים אַנדערן אַ שייבעלע שוואַרץ ברויט, איז ער געווען גרייט ביי אים עס אַרויסצוקריגן כּאָטש דורך אַ מאָרד...

מען האָט באַנוצט אַלערליי סוחרישע שטיק, וואָס מען פּלעגט קאָמבינירן ביי גרויסע געשעפטן, כּדי אויסצוקויפן ביי דער דינערשאַפט זייערע קאַרגע פּאָרציעס.

דערפאַר אָבער, וואָס איז שייך אַנדערע דעליקאַטעסן איז געווען איבערגענוג: פאַרשידענע גערויכערטע לאַקסן, אַסטראַכאַנער ווייס־פליישיקע, פעטע פיש, קרימער פעטע, גרויסע הערינג, נאָר דער עיקר — קאַוויאַר. גאַנצע טעפּ מיט קאַוויאַר אין פאַרשידענע קאָלירן; שוואַרץ, האַלב־שוואַרץ, גרוי, רויט, אי פרישער, אי געפּרעסטער. דער האָטעל האָט געמוזט האָבן אין קעלער רעזערוואַרן גאַנצע, אַזוי ווי ער וואָלט דאָרטן אַ געהיימען קאַוויאַר־קוואַל באַזעסן. וויפל מען האָט געוואָלט, נישט קוקנדיק אויף דער אומבאַשטימטקייט פון דער לאַגע, וואָס האָט געהערשט, האָט מען פאַרקויפט, — פאַרשטייט זיך, אויב מען האָט נאָר באַצאָלט דעם פּרייז. אַזוי ווי געלט האָט דענסטמאָל כּמעט געהאַט פאַרלוירן זיין ווערט אין דער אומבאַשטימטער צייט, און עס איז ביי די מענטשן, וואָס האָבן באַוווינט דעם האָטעל, אויך קיינמאָל קיין גרויסע מניעה נישט געווען, איז די געלט־פראַגע אינגאַנצן אַראָפּגעפאַלן, — אין גייסט פון דעם נביאישן פּסוק: „היינט וועלן מיר עסן, היינט וועלן מיר טרינקען, — מאָרגן וועלן מיר שטאַרבן".

אין דער ערשטער צייט האָט מען צום קאַוויאַר געקאָנט באַקומען אַ

פּלעצל אַמאָל, אין אַן אויסנאַם ביי אַ ספּעציעלער פּראָטעקציע — אַ שייבל שוואַרץ ברויט. ווער עס האָט געוואָלט, האָט געקאָנט האָבן אַביסל צעהאַקטע ציבעלע און, פאַרשטייט זיך, זיין קאַראַפינקע „וואָדקע", אַכט און פערציקער אָדער זעקס און ניינציקער.

אָבער באַלד האָבן זיך די פּלעצלעך אויסגעלאָזט, טיילמאָל האָט מען נאָך באַקומען אַ שטיקל זיסן ביסקוויט. אָבער דאָס ערגסטע, וואָס האָט געקאָנט פּאַסירן, איז געשען: אין רוסלאַנד געהערט „וואָדקע" צו די גייטיקסטע לעבנס־פּראָדוקטן, איז עס אויך באַלד פאַרשוווּנדן, און עס איז איבערגעבליבן אויף זיין אָרט — שאַמפּאַניער.

קאַוויאַר, נישט אַלס פאַרשפּייז, נאָר אַלס מאכל, אין גרויסע פּאָר־ציעס, אַן אַ מעליקן צוביים, אָן אַ טרונק „וואָדקע", — פאַרקלעבט דעם האַלדז מיט לייבעץ און באַשאַפט אין מאָרגן אַן איבערפלוס פון שליים־פּליסיקייט, מיט וועלכן עס גיסט זיך אָן דער מאַרך פון די ביינער און רופט אַרויס אַן איבערפלוס פון שטייגנדיקער לעבנס־ענערגיע...

אַזוי ווי עס איז אָבער נישט געווען דעם קלעבנדיקן קאַוויאַר מיט עפּעס אַנדערש צו פאַרגיסן, נאָר מיט שאַמפּאַניער, האָט דער דאָזיקער פייערדיקער שטן־געטראַנק נאָך געהאָלפן אויפוועקן דעם יצר־הרעשן אַפּע־טיט, וועלכן דער קאַוויאַר האָט אַרויסגערופן...

פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ איבערמוטיקע יוגנטקייט, וואָס האָט זיך אַזוי פּלוצים דערוועקט ביי די איינוווינער פון דעם אָפּגעשלאָסענעם האָ־טעל, וואָס האָבן, אגב, נישט געקאָנט איינער דעם אַנדערן אויסמיידן, האָט געמוזט ברענגען צו אַלערליי קאָמפּליצירטע און אומאַנגענעמע צו־זאַמענשטויסן און קאָנפליקטן, וואָס איז נאָר געדעמפּט געוואָרן דורך דער שלעכטער צייט, וואָס מען האָט דורכגעמאַכט.

דערפאַר אָבער זענען די אויסזיכטן פאַר אַ באַלדיקער ליקווידאַציע פון די אומאַנגענעמע געשעענישן געווען גלענצנדיקע: יעדן טאָג האָט מען פאַרזיכערט, אַז די לאַגע געפינט זיך זיכער אין די הענט פון די פּאַטריאָטישע פאַרטיידיקער, אַז די שטאָט איז אינגאַנצן באַזעצט דורך די געטריי־געבליבענע טרופּן, און זיי קאָנען יעדן טאָג מאַכן אַ תל פון גובערנאַטאָרס הויז. נאָר קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס מען האַלט די איינוווינער געפאַנגען אין די הייזער, און מען לאָזט זיי נישט אַרויס אויף דער גאַס. עס האָט געהייסן, אַז דאָס טוט מען צוליב דער זי־

בערקייט פון די בירגער. אויף דער גאַס גייען־אָן איינצלנע קאַמפן, און א קויל קאָן אַמאָל פאַרבלאָנדזשען. די בירגערלעכע צייטונגען זענען ארויסגעגאַנגען רעגלמעסיק דורך די פּאָר טעג און געהאַלטן אין איין שיטן פעך און שוועבל אויף די באָלשעוויקעס, און דערמונטערן די פּאַ־טריאָטישע פּאַרטיידיקער צו מעשים. דער טעלעפאָן האָט פונקציאָנירט גרויסאַרטיק, דינסטלוסטיק, ליבנסווירדיק, — בעסער ווי אין נאָרמאַלע צייטן.

דאָס עלעקטרישע ליכט איז נישט איבערגעשניטן געוואָרן, און מיש־קע „מאַלאָדעץ", וועלכער איז נאָך אַלץ געווען דער איינציקער צושטע־לער פון אינפאָרמאַציעס פאַרן באַלאַגערטן האָטעל, האָט געהאַלטן אין איין בארואיקן די געמיטער, ווי אַן אָפיציעלע טעלעגראַפן־אַגענטור אין צייט פון מלחמה.

די באָלשעוויקעס גיבן זיך אונטער אָן באַדינגונגען. עס זיצט שוין א געמישטער קאָמיטעט צו פאַרהאַנדלען וועגן די באַדינגונגען פון דער באָלשעוויסטישער קאַפּיטולאַציע. אין שטאָט איז געקומען צופאָרן דער קאָמיטעט פון די אייזנבאַנער און געשטעלט אַן אולטימאַטום די באָלשע־וויקעס באַלד זיך אונטערצוגעבן. קערענסקי מיטן גענעראַל קראַסנאָוו זע־נען שוין אין צאַרסקאָיע סעלאָ, פון פראָנט גייען עשאַלאָנען, און דאָס־גלייכן.

קיינער האָט נישט געקאָנט געוווּיר ווערן פון וואַנען מישקע שעפּט זיינע אינפאָרמאַציעס. מען האָט אים געהאַלטן אין איין נאָכשפּיאָנירן, ביז מען איז עס ענדלעך דערגאַנגען.

נאָר דאָס אויסגעפינען פון מישקעס אינפאָרמאַציע־קוועלן האָט נישט פאַרמינערט זיין אָנזען אין די אויגן פון די איינוווינער פון האָ־טעל, נאָר, אדרבא, נאָך פאַרגרעסערט:

אין האָטעל האָט זיך צוזאַמען מיט די געסט געפונען א דאַמע, מיט וועלכער מישקע איז געווען זייער נאָענט באַפריינדעט. שפּעטער איז מען געוווּיר געוואָרן, אַז די דאַמע איז א לעגיטים אָדער א נישט לעגיטים ווייב (דאָס האָט מען באַין אופן נישט געקאָנט פעסטשטעלן) פון איינעם פון די אָנפירער פון די פאַרטיידיקער, א זייער הויכע פיגור, א קאָמאַנדיר פון א ראַיאָן. דער דאָזיקער דאַמע איז טאַקע אַלס אויסנאַם געווען דער־לויבט צו באַהאַלטן ביי זיך איר קליין הינטעלע, — וואָס אַלע אַנדערע

דאַמען האָבן זי דעריבער מקנא געווען און דאָס געהאַלטן פאַר נישט געדעכט.

מישקע „מאַלאַדיעץ" איז געוואָרן מיט דער „קאָמאַנדירשע", ווי מען האָט זי גערופן, א גאַנץ נאָענטער מחותן.

די „קאָמאַנדירשע" איז געווען א ברונעטע, מיט חנעוודיקע וואַנ־סעלעך און יצר־הרע־פּעקלעך אויפן פּנים. כאָטש זי איז אין דער פיגור געווען אביסל קאָרפּולענט, מיט דיקע, פלייישיקע ראַנדן, אָבער אירע חנעוודיקע שוואַרצע וואַנסעלעך האָבן איבערגעוויגן די וואָגשאָל צום גונסטן פון איר זייט. די שוואַרצע, שיטערע וואַנסעלעך האָבן געבראַכט צו דער אַנטשיידונג, אַז זי איז אַ שיינע.

די דאָזיקע „קאָמאַנדירשע" האָט, פאַרשטייט זיך, געהאַט גרויס אַנזען אינעם הויז, און צוליב איר — אויך מישקע. מישקע איז נישט אָפּגעטראָטן פון איר, געהאַלטן אין איין נאָכגיין נאָך איר שווערפאַלדיקן הינטן, אַזוי ווי זי האָט זיך נאָר באַוויזן אין די אַלגעמיינע געזעלשאַפט־לעכע צימערן. ער האָט שטענדיק געהאַט פאַר איר אַ גוט וואָרט און אַ שמייכל, און איז עס נישט געווען פאַר איר (ווען זי האָט זיך געפונען אין נישט קיין גוטער שטימונג), איז עס געווען פאַר איר בוזים־הינטעלע מיטן נאַסן נעזל, וואָס האָט געהאַלטן אין איין ארויסקוקן פון אירע וואַ־רימע בריסטן. דער עפעקט איז געווען דער זעלבער. דאָס הינטעלע איז געווען אַ טייל פון איר. אַזוי ווי דער קאָמאַנדיר האָט אָפט באַזוכט די דאַמע אין איר צימער, איז זי, פאַרשטייט זיך, געווען גוט אינפאָרמירט פון די ערשטע קוועלן. פון איר און דורך איר טאַקע האָט זיך גענומען מישקעס אינפאָרמאַציעס.

— מישקע, געדענק אין גאָט, גיי ווער געוווירן ווי מיר האַלטן! — האָט מען זיך געבעטן ביי מישקען. נאָך יעדן באַזוך, וואָס דער קאָמאַנ־דיר האָט געמאַכט דער דאַמע, איז מישקע שוין געווען הינטער איר מיטן ברייטן, צו דינען גרייטן, שמייכעלע, מיט דער פראַגע אויף זיינע ליפּן: ווען דעם גענזנט, ווען דער שלאָף־פעאיקייט און מאָגן־באַפינדלעכקייט פון דער דאַמע און איר הינטל.

— נו, מישקע, ביסט שוין עפּעס געוווירן געוואָרן?

— עס איז גוט, אַז בעסער דאַרף גאָרנישט זיין. דער קאָמיטעט

זיצט און אַרבעט־אויס די באַדינגונגען פאַר דער באַלשעוויסטישער קאַ־
פּיטולאַציע.

— ווען וועט עס שוין נעמען אַ סוף, מישקע?

— אַביסעלע גערולד, אַביסעלע גערולד, — זאָגט מישקע כמעט אין
אַן אָפּיציעלן טאָן.

די לאַגע, האָט זיך געדאַכט, איז אַזאַ זיכערע און אַזאַ באַרואיקנ־
דיקע, אַז נישט קוקנדיק אויף דער באַלאַגערונג פונעם האָטעל, איז די
געזעלשאַפט „ניי־רוסלאַנד" דאָך געגרינדעט געוואָרן.

נאָך דעם ערשטן שרעק, ווען אַלץ איז דורכגעגאַנגען רואיק, האָבן
זיך אויפן צווייטן טאָג די גרינדער פון דער געזעלשאַפט ווידער פאַר־
זאַמלט אין דעם מאַרמאָרנעם זאַל פון האָטעל.

דער באַרימטער אַדוואָקאַט האָט געהאַלטן אַ פּלאַמיקע רעדע, וואָס
איז געווען ווירדיק פאַרן ערנסטן מאָמענט, אין וועלכן די געזעלשאַפט
האָט זיך פאַרזאַמלט. און נאָך צוויי טעג דינגען זיך וועגן דער באַטייליי־
קונג אין דעם געווין פון די אָנטיילנעמער אין דער דאָזיקער אונטערנע־
מונג, זענען פון דעם באַרימטן אַדוואָקאַט האַלפערין, מיט דער הילף פון
אַ נאָטאַר, וואָס האָט זיך געפונען אין האָטעל, אויסגעאַרבעט געוואָרן
די סטאַטוטן פון דער געזעלשאַפט, און די צדדים האָבן זיך קעגנזייטיק
מיט קאָנטראַקטן פאַרפליכטעט. די קאָנטראַקטן זענען אָפּגעשלאָסן גע־
וואָרן און האָבן באַקומען די געהעריקע אונטערשריפטן.

אַדאַנק מישקעס באַרואיקנדיקע אינפאָרמאַציעס האָבן די אַקציעס
פון דער געזעלשאַפט טאַקע באַלד אויפן אָרט, דאָ אין באַלאַגערטן האָ־
טעל, זיך געהויבן. זיי זענען געשטיגן צווישן די באַטייליקטע און גרינ־
דער, אינאיינעם מיט אַלע אַנדערע בערזע־פּאַפּירן, וואָס האָבן נישט אויפ־
געהערט צו קורסירן און צו ווערן נאָטירט צווישן די סוחרים און אַנדערע
בערזע־אונטערנעמער, וואָס האָבן זיך געפונען אין האָטעל. די אויסגע־
שפּרייטקייט זייערע האָט דערשטוינענדיק דערגרייכט אין די ווייטסטע
קרייזן פון די באַאַמטע און דאַמען צווישן די האָטעל־געסט. דאָס האַנד־
לען מיט פּאַפּירן, דאָס שטייגן און פאַלן פון די אַקציעס פון דער נייער
געזעלשאַפט און אַנדערע בערזע־פּאַפּירן, לויט די אינפאָרמאַציעס וועגן
דער לאַגע, וואָס עס האָט צונעשטעלט מישקע „מאַלאַדיעץ", איז איבע־

ריקנס געווען אי אינטערעסאַנט און אי נוצלעך. דאָס האָט געהאָלפֿן צו פֿאַרגעסן, אין דעם שווערן מאָמענט, די אומאַנגענעמע סיטואַציע.

עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז מישקע האָט געגרינדעט זיין אינפֿאָרמאַציע־ביוראָ (מיט דער הילף פֿון דער חנעוודיקער ברונעטער דאַ־מעטשקע) טאַקע צוליב די אינטערעסן פֿון דער בערזע בכלל און דער ניי־געגרינדעטער געזעלשאַפֿט „ניי־רוסלאַנד" בפֿרט.

מישקע האָט געגאַרט זיך אַריינצוקריגן אין דער דאָזיקער נייער גע-זעלשאַפֿט און זיך צו באַטייליקן ביי איר גרינדונג. דער אַלטער מירקין האָט אים אָבער, ווי אַ הונט, געהאַלטן הינטער דער טיר. צו דעם צוועק האָט מישקע געגרינדעט זיין אינפֿאָרמאַציע־ביוראָ, בעסער געזאָגט, צוויי ביוראָס: איינע אָן אַלגעמיינע, פֿאַר אַלעמען, וואָס האָט אַרויסגעגעבן נייעס אָן דעטאַלן, באַלויכטונגען און אויסזיכטן, און אָן אַנדערע, אַ געהיימע, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן צו אויסדערוויילטע פֿון מויל צום אויער.

די לעצטע איז ספּעציעל געווען אויסגערעכנט פֿאַר די מיטגלידער פֿון דער געזעלשאַפֿט „ניי־רוסלאַנד".

— גבריאל חיימאָוויטש, איך בין אין דער לאַגע און גרייט אייך צו דינען! — זאָגט מישקע מיט אַ גוט־דערצויגענעם דרך־ארץ צום פּרעזי־דענט פֿון דער געזעלשאַפֿט „ניי־רוסלאַנד", צום אַלטן מירקין.

אַ קלוגער, שפּאַטישער שמייכל שפּילט איבער די באַגראָטע געלע וואָנסעם פֿון אַלטן מירקין, ער ציט אויס מיט דער האַנט דערביי איינע פֿון זיינע באָרד־שפּיצן און ער פֿרעגט גאַנץ גלייכגילטיק:

— מיט וואָס אייגנטלעך?

— איך האָב גאָר־וואָס באַקומען וויכטיקע אינפֿאָרמאַציעס, — הייבט מישקע אָן אין אַן ערנסטן טאָן.

— אינפֿאָרמאַציעס? — שלאָגט אים איבער דער אַלטער מירקין.

— דאָס אינטערעסירט מיך נישט. איך האָב צייט צו וואַרטן אויף די געשעענישן, ווען זיי קומען, און כ'דאַרף נישט זיי אַנטקעגנלויפֿן, — שמייכלט דער אַלטער.

— אָבער, גבריאל חיימאָוויטש, איך וויל אייך דינען.

— מען דאַרף נישט, — זאָגט שוין דער אַלטער שטרענג, און דאָס

שמייכעלע פארשווינדט פון זיינע וואַנסעס, און לאָזט איבער א בכבודן פראַסט אויף די לאַנגע באָרד-שפּיצן.

— נאָך נישט? — זאָגט מישקע מיט א פּוליאַנגדיקן אַקצענט, און קוקט דעם אַלטן פאַרשנדיק אין די אויגן.

— נישט היינט און נישט קיינמאָל, — זאָגט דער אַלטער און לאָזט אים שטיין.

— נו, דאָס וועלן מיר נאָך זען, — רופט אים נאָך מישקע.

דער אַלטער האָט זיך שוין אויסגעדרייט און איז פאַרשווּנדן.

אַזוי ווי מען זעט פון באַשריבענעם, איז דאָס לעבן אין באַלאַגערטן האָטעל געווען כמעט א נאָרמאַלס, מיט אַלע זיינע פאַרגעניגנס, אינטעררעסן און קליינע קאָמפּליקאַציעס, וואָס דאָס לעבן רופט אַרויס.

די באַטייליקטע האָבן זיך געפונען אין דער בעסטער שטימונג, זיך אַמוזירט, זיך געליבט, געהאַנדלט, ווי עס האָט זיך נאָר געלאָזט פאַרטרייבן די צייט, און אַרויסגעקוקט מיט האָפענונג אויפן אויסגאַנג פון די געשעענישן. אַזוי האָבן זיך געפילט אַלע, א חוץ דעם, אויף וועמען עס איז זיך געווען צומיינסט צו ריכטן, לויט זיין טעמפּעראַמענט און שטעלונג, אַזוי צו זאָגן, — אַלע, א חוץ דער באַרימטער אַדוואָקאַט סאַלאָמאָן האַלפּערין.

נאָר די געפאַלענע שטימונג זיינע איז געקומען נישט צוליב דער אַלגעמיינער לאַגע, נאָר צוליב אַן אייגענער אומאַנגענעמער דערפאַרונג.

מיטן באַרימטן אַדוואָקאַט האָט פאָלגנדעס פּאַסירט:

נאָכדעם ווי דער גרויסער צוועק, וואָס האָט אים געבראַכט קיין מאָסקווע, איז דערגרייכט געוואָרן, נאָכדעם ווי די געזעלשאַפט „ניי-רוסלאַנד" איז געגרינדעט געוואָרן, האָט זיך דער באַרימטער אַדוואָקאַט דערמאָנט אין זיינע געזעלשאַפטלעכע פליכטן, וואָס עס ליגן אויף אים אַרויף זיין שטעלונג, זיין אַמט און זיין אָנזען, אַז ער מוז מיט זיין האַנדלונג געבן א ביישפּיל אַנדערע. ער טאָר נישט דאָ זיצן ווי א יידענע אינעם פאַרמאַכטן האָטעל און אָפּוואַרטן די געשעענישן. ער מוז העלפן שאַפן די לאַגע. ער מוז האָבן פאַרזענלעך א ווירקונג אינעם דאָזיקן ערנסטן מאָמענט. ער דאַרף זיך געפינען דאָרט, וווּ ער איז נויטיק, אין „קאָמיטעט פון אַלגעמיינער זיכערהייט", אין האַרץ פון דער פאַרטיידיקונג, כדי ער

זאָל מיט „ראט און טאט", ווען עס וועט זיין נויטיק, — האָט ער נישט פאַרגעסן צוצוגעבן אין גערדאַנק, — קומען צו הילף דעם פּאַטערלאַנד.

האָט ער קיינעם נישט־זאָגנדיק אַ וואָרט, אין די טעג, ווען עס איז פאַרהעלטנישמעסיק געווען רואיק אויף די גאַסן, זיך אַרויסגעגנבעט פון האָטעל און אַדורך דעם פּאַטרול פון די אָפיצירן, וואָס האָבן געהיט דעם האָטעל.

צי זיי האָבן אים דערקענט, צי זיי האָבן אים נישט באַמערקט? (דער אַדוואָקאַט האָט, פאַרשטייט זיך, אָנגענומען די ערשטע סברה). געגוג, אַז זיי האָבן אים דורכגעלאָזט, און דער אַדוואָקאַט האָט מיט פעסטע טריט, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און מיט אַ מוטיק אויסגעשטעלטער ברוסט, זיך געלאָזט איבער דעם פּוסטן, אויסגעשטאָרבענעם, טויטן טעאַ־טער־פּלאַץ גיין צו דער אַלעקסאַנדערשער מיליטער־שול, ווו עס האָט זיך געפונען דער שטאַב פון די „ווייסע". דאָ האָט ער געהאָפט צו גע־פינען אַ סך פריינט און באַקאַנטע.

צווישן „געאָרגיעווסקע" און „טווערסקע" איז ער באַלד פאַרהאַלטן געוואָרן פון אַ יונקערשן פּאַטרול.

דער פּונקט, ווו ער האָט זיך געפונען, איז געווען זייער אַ געפער־לעכער, נישט ווייט פון גובערנאַטאָרס הויז. דער גאַנצער ראַיאָן איז גע־ווען באַזעצט פון די באָלשעוויקעס. די יונקערס האָבן מיט פּולעמיאָטן געהיט דעם צוגאַנג צום באָלשעוויסטישן ראַיאָן. דאָס זענען געווען יונ־געלייט, אָפיצירן, סטודענטלעך מיט קוים אַרויסגעשפּראָצטע וואָנסעלעך, מיט זייער חשובע מינעס, באַוואָפנט מיט בלעקליי ביקסן און רעוואָל־ווערן. אַ חוץ דעם, זענען צו זייערע פיס געלעגן האַנט־גראַנאַטן, און זיי האָבן אַזעלכע טאַקע אויך אין די הענט געהאַלטן.

— שטיין! וווהין? — האָט דעם אַדוואָקאַט פאַרהאַלטן אַ יונג אָפיצירל.

— צו דער אַלעקסאַנדערשער מיליטער־שול, פאַרטיידיקן דאָס פּאַ־טערלאַנד, — רופט אויס דער אַדוואָקאַט מיט דער גאַנצער וואַזשנעקייט פון זיין פּערזאָן און פון גרויסן מאָמענט, אין וועלכן מען געפינט זיך, און וויל זיך ווייטער לאָזן איגנאָרירן די יונגע שנעקעס.

— און אַ פּאַראָל איז דאָ?

— אַ פּאַראָל? — איך באַדאַרף נישט. איך בין...

— גיב דעם פּאראָל! — לאָזן אים די אָפיצירן נישט קומען צום וואָרט.

— איך, איך, — דאָס איז מיין פּאראָל, — ווייזט ער אויף זיין קלאַפּע, און וועלכער עס שטעקט די אָפּצייכענונג פון זיין רעגירונגס־שטעלע.

די יונגע אָפיצירלעך האָבן געקוקט. זיי האָבן זיך נישט געקענט אויף קיין צייכנס. איבריקנס האָט דענסטמאָל יעדער איינער געטראָגן אַ בענדל, אָדער אַן אָפּצייכענונג, פון דער אָדער אַן אַנדערער פאָרם, און מען האָט זיך נישט געקאָנט פונאַנדערקלייבן, וואָס זיי באַדייטן, צו וועמען זיי באַלאַנגען.

— עס איז זייער צום באַדויערן, וואָס אונדזער יוגנט ווערט אַזוי דערצויגן, אַז זי דערקענט שוין נישט פון פּנים אַליין, ווער עס זענען אירע פירער. אייגנטלעך דאַרפן די שולן דערפאַר זאָרגן, — זאָגט דער אַדוואָקאַט אַ באַליידיקטער פאַר זיך.

— וואָס, אַ באָלשעוויק? — פרעגט איינער דעם אַנדערן, נישט הערנדיק דעם אַדוואָקאַטס ווערטער.

— קאָן זיין, אַז ער האָט געוואָלט זיך אַריינקריגן אין גובערנאַטאָרס הויז.

— יעדנפאַלס זעט ער אויס, ווי איינער פון זיי, אַ יידישע מאָרדע.

— מען דאַרף זיך מיט אים אַ שפּיל־טון, — לאַכט איינער צום צווייטן.

— הער נאַר, פעטערל! — רופט זיך אָן צו אים איינער, רויכערנדיק אַ ציגאַרעטל, און לאָזט־אַריין עזותדיק דעם רויך אין אַדוואָקאַטס פּנים, — דריי זיך אויס, ווערסט אָפּציילן פיר — וועלן מיר שיסן. מיר הייבן אָן.

זיי דרייען אים אויס און שטעלן הינטער אים אויס די רעוואָלווערן: איינס... צוויי...

קאָן מען זיך פאָרשטעלן די פּיס, וואָס דער אַדוואָקאַט האָט געשטעלט. זיינע פון טויט זיך ראַטעווענדיקע טריט, וואָס האָבן דורך אַנגסט און פּאַניק נאָך מער פאַרקרימט זיין האַלטונג, האָבן געררייצט דאָס לאַכן פון די איבערמוטיקע יונקערלעך. אָפּציילנדיק פיר, האָבן זיי אַלע דריי אין דער לופטן אויסגעשאָסן. דער אַדוואָקאַט האָט ביי די קנאַלן

פון די רעוואָלווערן מיט זיין גאַנצן שטייף־געוואָרענעם קערפּער זיך אַ טרייסל געטון. דאָס האָט נאָך שטאַרקער געמאַכט די ספּאַזמען פון לאַכן ביי די יונקערס. און דער באַרימטער אַדוואָקאַט האָט אין זיין שווייס און אַנגסטן, מיט אונטערגעשניטענע קני, מיט אַ שפּרינגנדיק האַרץ, אין משוגעדיקן געלויף, נישט טויט, נישט לעבעדיק, געראַטעוועט זיך צוריק דורכן טעאַטער־פּלאַץ אין האָטעל אַריין.

ער איז געפאַלן מיטן פּנים אויף דער שוועל פון האָטעל.

אַז מען האָט אים קוים אָפּגעמינטערט, געפירט אין זיין צימער, געלייגט אין בעט אַריין, האָט ער געשטאַמלט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער:

— זיי זענען משוגע געוואָרן, גאַנץ רוסלאַנד איז משוגע געוואָרן.

פון דענסטמאָל אָן איז זיין מוט געבראָכן געוואָרן. ער זיצט אין זיין צימער, גייט נישט אַראָפּ, נעמט נישט מער קיין אָנטייל אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון האָטעל. זיין איידעם, מירקין, זיצט נעבן אים און רעדט אים איין:

— ווי אַזוי האָט איר זיך דערוועגט אַרויסצוגיין אויף דער גאַס אין אַזאַ צייט?

דער טיי־סוחר, וואָס האָט שוין דורך דער באַלאַגערונג פאַרלוירן די פרישע רויטקייט פון זיינע באַקן־פעלדער און איז אונטער די אויגן געל געוואָרן, טרייסט אים מיט זיין שטימע, ווי געווענלעך:

— ס'וועט באַלד אַלץ איבערגיין. מען זאָגט, אַז זיי גייען שוין איין אויף אַן אַלגעמיינעם קאָמיטעט.

אַזוי האָט מען זיך געטרייסט, ביז עס איז געקומען די נאַכט פון איין־און־דרייסיקסטן אָקטאָבער.

קאַפּיטל 16

די שעה דערנענטערט זיך

דער קאַמף האָט זיך אַריבערגעטראָגן פון די ווייטע ראַיאָנען אין צענטער אַריין, אַרום דער „שטאָט־דומע", וווּ עס איז געווען דער זיץ פון „קאָמיטעט פון אַלגעמיינער זיכערהייט".

די אָפּיצירן און יונקערס האָבן באַפעסטיקט אַלע צוטריטן צו דער דומע און צום קרעמל, צווישן זיי אויך דעם טעאַטער־פּלאַץ. אָבער פון די בוידעם-פענצטערלעך פון טעאַטער־דאַך האָבן שוין אַרויסגעקוקט דרייסט און אָפן די רערן פון מירקינס מאַשין־געווער-אָפּטיילונג, וואָס זענען געווען געווענדעט צום האָטעל „מעטראָפּאָל".

אין אָוונט, דעם איין און דרייסיקסטן אָקטאָבער, האָט מירקינס אָפּ־טיילונג אויפן טעאַטער פּלאַץ באַקומען, דורכן אָפּגעמאַכטן צייכן, אַ באַ־פעל אויפצועפענען פייער פון די מאַשין־ביקסן. האָט פון דאַך פון גרויסן טעאַטער געהאָגלט מיט קוילן, וואָס האָבן באַשאָטן דעם גאַנצן פּלאַץ. די איינוווינער פון גרויסן האָטעל „מעטראָפּאָל" זענען אַלאַרמירט גע־וואָרן דורכן קנאַלן פון מאַשין־געווער, פון די אויפרייסן פון האַנט־גראַ־נאַטן. דער אויפזעער מיט זיינע באַגלייטער זענען ווידער אַרומגעלאָפן איבער אַלע נומערן פון דעם גרויסן הויז און אויפגעפאָדערט זייערע באַ־וווינער, טייל שוין פון די בעטן אַרויס, אַנדערע פון דעם קאָרטן-טיש, גאָר אַנדערע פון נאָך מער אָנגענעמע צייט־פאַרטרייבן צו גיין אין דעם שוין באַקאַנטן ביליאַרד־זאַל, וואָס איז ווידער מיט זיינע אויסגעשטעלטע שטולן, פאָטעלן, קאַנאַפּעס, געשטאַנען גרייט אויפצונעמען די געסט. דאָס מאָל אָבער האָט מען נישט געלאָזט זיך אויפהאַלטן אין די ברייטע האַ־לעס, אין בופעט. אפילו נישט אין די „בלינדע צימערן", וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף. דאָס גאַנצע הויז איז געווען אויסגעשטאָרבן, דער בופעט פאַרמאַכט. אַלע איינוווינער מיט די באַדינער, די אויפזעערס — אַלץ האָט זיך געפונען אין דעם פאַרהאַקטן ביליאַרד־זאַל.

דורך די פּאָר טעג פון דער שווערער באַלאַגערונג האָבן אפילו די גוט־דערצויגענע פאַרגעסן זייערע גוטע מאַנירן. איינער איז דעם אַנ־דערן, פון דעם פיל־טעגיקן צוזאַמענזיין, שוין געווען אַזוי דערעסן, יע־דער איז געווען אַזוי דענערווירט, אַז מ'איז געווען גרייט, פאַר דער קלענס־טער זאַך, צו רייסן איינער דעם אַנדערן ביי די קעפּ.

עס האָט דעם פאַרוואַלטער און די מער-קאַלטבלוטיקע לייט אַ סך מי געקאָסט צו באַרויקן די געמיטער. ענדלעך האָט זיך איינגעגעבן אַריינצוברענגען אַ שטיקל אָרדענונג אין דער אויפגערעגטער געזעלשאַפט.

אַזוי ווי מישקע האָט זיך נאָר באַוויזן, איז ער תיכף אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַלע זייטן. די מענטשן האָבן, ווי פאַרחלשטע נאָך אַ טרונק,

געגאַרט נאָך אַ וואָרט פון טרייסט אין זייער אומגליק, נאָך אַ שטראַל ליכט אין זייער פינצטערניש. אַ גאַנצן טאָג האָט מישקע געהאַלטן אין איין פאַרשפּרייטן פריילעכע ידיעות, אַז אָט־אָט רייניקט מען אָפּ דעם גובערנאַטאָרס הויז; אַז אָט־אָט באַפרייט זיך די שטאָט. און דאָ מיט אַמאָל — אַזאַ אומדערוואַרטעט אומגליק!

— מישקע, געדענק אין גאָט, ווער געוווּר וואָס עס איז געשען!

— מישקע, וואָס וועט זיין דער סוף? — האָבן אַנדערע אויסגע־שטרעקט צו אים די הענט מיט טענות, ווי מישקע וואָלט אין אַלעם גע־ווען שולדיק.

— מישקע, גיי צו צום ווייבל, ווער געוווּר ווי מיר האַלטן? — האָבן זיך אַנדערע געבעטן ביי אים.

און מישקע האָט נאָך געהאַלטן אין איין פאַרזיכערן, אַז עס איז גאָרנישט, אַז אָט האָט ער באַקומען אין סעקרעט אַ ידיעהלע, אַז דאָס איז אַ קאָנטער־אַטאַקע פון די באָלשעוויקעס, ווי זיי האָבן עס געמאַכט דעם אַכט און צוואַנציקסטן. נאָר דאָס מאָל האָבן די „ווייסע" אָפּיצירן זיי דערצו עקסטרע פּראָוואָצירט, כדי איבער די קעפּ פון דער „עסערי־שער" דומע איינמאָל פאַר אַלעמאָל צו ליקווידירן די אוואַנטורע.

נאָר עפּעס מיטאָמאָל האָט מען מישקען אויפגעהערט גלויבן. אַלע האָבן מיטאַמאָל דערפילט די גאַנצע נאַרישע סיטואַציע, אין וועלכער זיי פלעגן זיך אַליין אוועקשטעלן, שענקענדיק גלויבן אַ צווייפלהאַפטן אָפּנאַרער. עס האָט אויסגעוויזן, ווי מישקע וואָלט געשטאַנען אין ענגן קאָנטאַקט מיט די אויטאָריטעטן, און צוליב אים — האָט די גאַנצע אַלטע וועלט פאַרלוירן דעם צוטרוי. מען האָט אָנגעהויבן צו שאָקלען מיטן קאָפּ אויף מישקען, צוזאַמען מיט דער רעגירונג, מיט דער דומע, אַזוי ווי ער וואָלט געווען דער גאַנצער „קאָמיטעט פון אַלגעמיינער זי־כערהייט".

— אונדזערע פאַרזאָרגערס! — האָט מען מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו שפּאָטן. — זעט ווער עס פירט אָן מיט רוסלאַנד! — האָט מען גע־וויזן מיט חוזק אויף מישקען און געמיינט האָט מען אַלעמען.

מיטאַמאָל איז מישקע געוואָרן ווי אַ געפּאַלן בערזע־פּאַפּיר. מיש־קע איז געוואָרן אַן אויסגעשפּילטע מטבע, אין וועלכער קיינער נויטיקט זיך נישט.

ער האָט אָנגעהויבן צו פילן זיין שפלות און איז בייז געוואָרן:

— גיב נאָר א קוק, ווי זיי זעצן זיך אָן אויף מיר! אזוי ווי איך וואָלט געווען די רעגירונג!

דער „אָנגענעמער מישקע", דער „סימפּאַטישער מישקע", איז מיט איין מאָל געוואָרן דאָס כפרה-הינדל פאַר אַלע חטאים פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג. א זינד־באָק פאַר אַלע חרפּות און בושות פון אייגענער ווירדע, אויף וועמענס קאָפּ מען האָט דאָס גאַנצע ביטערע הארץ אויסגעשאָטן:

— אוי, האָט ער דאָס אביסל מיט דער צונג געמאָלן! אוי, האָט ער דאָס אביסל ליגנס אָנגעזאָגט!

— ווער האָט געזאָגט ליגנס? — צעקאָכט זיך מישקע און איז גרייט כאַטש זיך צו וואַרפן אויף יענעם. — ווער האָט דערוועגט זיך דאָס דאָזיקע וואָרט צו וואַרפן? — פאָדערט מישקע א בלייבער.

— איך! — רופט זיך אָן א ברייט־פּלייציקער, באַשטיוולטער רוס און דרייט זיך די וואָנסעלעך.

מישקע קוקט אויפן ברייטן קאַצאַפּישן מענטש מיט ציטערנדיקע, טויט־אויסגענאָגטע ליפּעלעך. ער קוקט אויף זיינע מעכטיקע הענט, אויף זיין ברייט־בייניקן רוקן. ער באַדענקט זיך — און וואַרפט אים צו א וואָרט:

— אייער גליק, בירגער, איז, וואָס מיר געפינען זיך אין אזא סיטואַציע, און איך בין גענויטיקט אָפּצולייגן צו פאָדערן פון אייך סאַטיספאַקציע פאַר די דאָזיקע ווערטער אויף אַן אנדער אָרט, אין אַן אנדערער צייט.

און ווי זיך צו פאַרענטפערן, שרייט מישקע אין אַן אויפגערעגטן טאָן:

— וואָס, צי בין איך דער קאָמאַנדיר פונעם קאָמיטעט, דער שטאָטגאָלאָווא, וואָס זיי וואַרפן זיך אויף מיר?

פּלוצים איז אָבער עפּעס געשען, און מען האָט ווייטער געדאַרפט אַנקומען צו מישקען. די עלעקטריע איז מיטאמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן און אַלע זענען פאַרפאַלן געוואָרן אין א פינצטערניש.

נאָר דאָס מאָל איז עס נישט געווען ווי דאָס פריערדיקע מאָל. עס

איז נישט באַלד ליכטיק געוואָרן, ווי אַלע האָבן דערוואַרטעט. גיין, די פינצטערניש האָט געדויערט.

— ליכט! ליכט! ליכט! — האָט זיך מיט איין מאָל דערהערט פון אַלע זייטן.

— באַרואיקט אייך! עס ווערט דאָך א גיהנום! — שרייט ווער.

— רואיק! רואיק! — האָט מען אָנגעהויבן צו רופן פון אַלע זייטן. מענער האָבן אָנגעצונדן שטרייך־העלצעלעך. עס האָבן זיך אפילו געפונען אייניקע עלעקטרישע לעמפּלעך, — וואָס איז צו יענער צייט געווען ביי יעדן אין קעשענע נישט קיין זעלטנהייט. דער פאַרוואַלטער פון האָטעל האָט עפּעס געשריגן. באַלד האָט א ליכט געברענט. אַן אַנדער ליכט האָט זיך אָנגעצונדן. דינער האָבן אָנגעהויבן אַריינצוברענגען קאַנדעליאַבר עס מיט אָנגעצונדענע ליכט. עס האָבן זיך אפילו אָנגעצונדן א פּאָר נאַפט־לאָמפּן, וואָס געפינען זיך אין יעדן האָטעל פאַר אַזעלכע פאַלן.

— מען קאָן גאָרנישט מאַכן. אויף וויפל עס וועט זיך לאָזן, וועלן מיר דינען, — זאָגט דער פאַרוואַלטער אויך שוין אין א נערוועזן טאָן.

— איך ראַט, אַז מען זאָל זיין שפּאָרזאַם מיט ליכט, — רופט זיך אָן א שטימע פון א ווינקל.

— ער האָט רעכט, קיינער ווייסט נישט ווי לאַנג עס וועט אויס־קומען...

— נו, מישקע, וואָס איז דאָס? — פרעגט ווער מיט א חוזק־שטימע.

— פרעגט מיך נישט, איך ווייס נישט מער, — זאָגט מישקע א ברוגזער.

— איך וועל אייך זאָגן, — רופט זיך אָן אַן אַנדערער, — דאָס מיינט, אַז די באָלשעוויקעס האָבן באַזעצט די שטאָט, און באַלד וועלן זיי אויך דאָ זיין.

— עס איז בעסער אַזוי. זאָלן זיי קומען און וואָס גיכער מאַכן אַן ענד פון דער משונעת.

דער עולם האָט געשוויגן. אַלע האָבן געפילט דאָס זעלבע.

דער מרה־שחורהדיקער שיין פון דעם ליכט, אין וועלכן מען האָט זיך געפונען נאָך דער העלער עלעקטרישער באַלייכטונג, האָט ווי צוריק־געטריבן אין ווייסטע צייטן. דאָס האָט נאָך מער צוגעהאָלפן צו פאַר־שטאַרקן די שרעק פאַרן אומבאַוווסטן, וואָס דאַרף קומען.

קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס די באָלשעוויקעס זענען און וואָס זיי ווילן. מען האָט זיי זיך פאָרגעשטעלט ווי גזלנים. מען האָט מורא געהאַט פאַר זיי, ווי פאַר אַן איבערפאַל פון רויבער, וואָס קומען ראַבע־ווען. יעדער באַזונדער אין זיין ווינקל האָט אָנגעהויבן צו קלערן, ווי אַזוי צו ראַטעווען זיין הויט. נאָך גרעסער אָבער ווי פאַר דער אייגענער הויט איז געווען די אימה פאַר די פּאָר גראָשן, וואָס מען האָט געהאַט מיט זיך, פאַר די פּאַפּירן, פאַר די דימענטן און טייערע שטיינער, וואָס מען האָט געטראָגן אין זעקעלעך, אַרויפגעבונדן אויפן האַרץ.

מען איז שוין געווען זיכער, אַז קיין הילף וועט נישט קומען. יעדנ־פאַלס האָבן שוין די קלוגערע און מער באַרעכנטע דאָס געוווּסט, אַז זייער גורל איז: אַריינצופאַלן אין די הענט פון די „רויטע מערדער", וועל־כע האָבן שוין מיט די קאַלבעס פון זייערע ביקסן אין דער טיר.

מען איז געווען זיכער, אַז דער, ביי וועמען מען וועט געפינען געלט, ווערט־פּאַפּירן, צירונג, שטייט אין געפאַר אויך דאָס לעבן צו פאַרלירן. מען האָט געוווּסט, לויט דעם, וואָס מען האָט געהערט וועגן די באָלשע־וויקעס און געקאָנט וועגן זייער משפטן, אַז אויב זיי וועלן האָבן אייניזען, וועט עס נאָר זיין פאַר אַזעלכע, וואָס האָבן ביי זיך גאָרנישט. דעמאָלט וועט מען זיך קאָנען אָנגעבן פאַר אָרימע קרובים, פאַר קליינע געשעפט־אָנגעשטעלטע, פאַר פּריקאַזטשיקעס, מעקלערס, אָדער גאָר פאַר אָרימע דינערשאַפט. אָבער וואָס טוט מען מיטן געלט און צירונג? אַוועקוואַרפן אַזוי מיר־נישט, דיר־נישט? טאָמער געלינגט עס דאָך די „ווייסע" זיי אָפּצושלאָגן? ווי אַזוי וואַרפט מען אַוועק אייגענע פאַרמעגנס? אָנפאַר־טרויען עס דעם פאַרוואַלטער אין דער האָטעל־קאַסע? פאַרשטייט זיך, אַז די ערשטע זאַך וועט זיין זיך לאָזן צו דער קאַסע און אַלצדינג קאָנ־פיסקירן. העכסטנס וועלן זיי געבן אַ שמוציק שטיקל פּאַפּיר, אָנגעשריבן אויף אַ צייטונגס־ראַנד: „אַזוי פיל און אַזוי פיל צוגענומען פאַר דער רעוואָלוציע". געבן עס דער דינערשאַפט צו האַלטן? אָבער ווער קאָן פאַרזיכערן, אַז זיי וועלן עס צוריקגעבן? אַריינשטעקן עס אין די ראַנדן פון די אויסגעבעטע שטולן און קאַנאַפּעס? אויפרייסן די פּאָדשיווקע פון די מאַנטלען, פון די קליידער? עס איז נישט קיין זיכערע זאַך און ביים געפינען שמעקט עס מיטן טויט אויף געוויס. אָבער וואָס איז דאָ פאַר אַן אַנדערע עצה?

זיצט יעדער פארטראכט און קלערט־אויס צו געפינען מיטלען, ווי אזוי די פאר דימענטן צו באהאלטן. נאר צומייסטן פיקט די דאזיקע פראַגע אין די קעפ פון אונדזער גרופע: די רייכע סוחרים, די מיטגלידער פון דער נאר־וואס געגרינדעטער געזעלשאפט „ניי־רוסלאנד".

זיי זיצן אלע אינאיינעם, פארקליבן זיך, ווי יידן אין צייט פון סכנה, אין אן איינעם ווינקל. דער שווייגנדיקסטער פון אלעמען איז גבריאל מירקין.

שווער לאזן זיך אראפ די הייטלעך איבער זיינע אויגן. נעבן אים איז דער נאפט־סוחר גאלדשטיין. דאס רואיקע שמייכעלע פארשווינדט נישט פון זיינע ליפן אפילו אין דעם איצטיקן סכנהדיקן מאמענט. זיינע אקציעס ליגן ערגעץ זיכער אין אן אויסלענדישער באנק. ער איז געווען גענוג קלוג, אפילו אין דער נייער אונטערנעמונג זיך נישט צו פיל צו אנגאזשירן, נאר אויף אזוי פיל, אויף וויפיל עס האט נישט געפאסט פאר דער קאמפאניע זיך צוריקצוהאלטן. וואס קאנען זיי ביי אים צונעמען? זיין שווערינק ליבי? זיין געלט איז זיכער.

אט זיצט דער איידעלער טיי־סוחר ראזמארין. זיין פנים איז שוין נישט זארגפעלטיק געגאלט און אנגעפודערט, ווי שטענדיק. פארקערט, אן אכט־טאגיקע בארד שטייט א שטעכיקע איבער זיינע ברייטע באקן און מאכט אן איינדרוק, אזוי ווי זיין גאנץ פנים וואלט געווען אויסגעשמירט. די פלעקן ארום די אויגן זענען פון געלקייט אריבערגעגאנגען אויף אש גראקייט. זיין צופרידן שמייכעלע איז שוין פארשוונדן. ער האט ביי זיך א האלב פארמעגנס אין פאפירן. אונטער דעם איינפלוס פון „מישקע מאלאדיעצס" גוטע ידיעות האט ער זיך אנגאזשירט אין דער נייער אונטערנעמונג מיט א גרעסערער סומע און אפגעטראטן דערפאר זיין טראנספארט מיט טיי, וואס וועט אוודאי פארהאלטן ווערן אין סיביר און אזוי ארום גערעטעוועט ווערן.

דער קריסטלעכער באנקיר קאראפאטקין איז גאר פינצטער. פאר עגמת־נפש איז זיין דיקער בויך אינגאנצן איינגעפאלן. ער, דער בויך, מאכט אן איינדרוק, ווי אן אראפגעפאלענער באלאן. די קליידער, און איבערהויפט די הויזן, זענען אים מיטאמאל צו גרויס געווארן, און זיי ליגן זיך אין גרויסע פאלדן אויף זיין קערפער. זיין פנים איז אינגאנצן שווארץ. זיין גאנץ פארמעגן האט ער ביי זיך אין ווערט־פאפירן, אין

אקציעס פון מינען, אקציעס פון טראנספּאָרט־געזעלשאַפטן, נאַפט־פּאַפּירן, אייזן־פּאַפּירן — און איצט די נייע געזעלשאַפט, אויף וועלכער ער האָט אַזוי פיל געבויט.

דער אדוואָקאַט סאַלאָמאָן האַלפּערין איז דורך די פּאָר טעג געוואָרן קלענער און אינגאַנצן גרוי. זיינע האָר זענען איצט שטייף, ווי דראָטן. זינט יענעם אומגליקלעכן געשעעניש אויף דער גאַס, קאָן ער נאָך נישט קומען צו זיך. ער זיצט ווי איינגעקאָרטשעט אין זיך. זיין פּנים איז איינגעפאַלן און דאַר. נאָר זיינע אויגן לעבן נאָך. זיי האָבן נאָך מער לעבן און גלאַנץ געקראָגן, ווי פריער, און לייכטן־אַרויס, ווי צוויי נערוועזע ליכטער, פון אַ חורבה־פּנים.

ער האָט געשוויגן, נאָר זיינע אויגן האָבן גערעדט. נישט גערעדט, נאָר געשריגן. אַפּטמאָל הערט זיך אַרויס אַזאַ געשריי פון אַ שטומער הויז־חיה. ער האָט אַלעמען אָנגעקוקט, אין זיינע אויגן איז געלעגן דער גאַנצער אָפּגרונט, דער גאַנצער חורבן פון אַ חרוב־געוואָרענער וועלט.

דער טיי־סוחר האָט איבערגעבראָכן די שטילקייט, און מער פאַר זיך געפרעגט די געזעלשאַפט:

— וואָס טוט מען מיט די פּאָר רובל?

קיינער האָט אים נישט אָפּגעענטפערט אויף דער דאָזיקער פראַגע. נאָר דער אדוואָקאַט האָט אים אָנגעקוקט, נערוועז געשאָקלט מיטן קאָפּ און נאָכגעברומט:

— די פּאָר רובל? רוסלאַנד!

— יאָ, די פּאָר רובל, — האָט מיט איינמאָל דער טיי־סוחר געקראָגן מוט קעגן דעם באַרימטן אדוואָקאַט. — די טיי־פירמע ראָזמאַרין איז ביי מיר — רוסלאַנד. עס איז מיין רוסלאַנד!

— מען גיט זי אָפּ די נייע באַלעבאַטים, — האָט אים מירקין אָפּגעענטפערט אויף זיין פראַגע.

האָבן זיך אַלע אַרומגעקוקט.

— יאָ. צו זיי באַלאַנגען זיי. וואָס שייך מיר, וועט מיין ערשטע זאַך זיין, ווען זיי וועלן קומען, — זיי איבערצוגעבן מיין פאַרמעגן און זיי זיך שטעלן גרייט צו דינען.

— די פאַררעטער, די גזלנים? די...

— קיין אַנדערע באַלעבאַטים זענען נישטאָ. מיר האָבן, ווייזט אויס,

שלעכט געבאַלעבאַטעוועט.אין רוסלאַנד, אַז עס איז געקומען דערצו. זאָלן זיי פירן, אפשר וועט טאַקע זיין בעסער. מיר דאַרפן זיי צוהעלפן.

די לעצטע ווערטער האָבן אַרויסגערופן אַ שטורעם. פון אַלע זייטן האָט מען זיך געוואָרפן אויף מירקינען.

— זיי העלפן רוסלאַנד אונטערצוברענגען! זיי, די גזלנים?

— און אַזוי ווייט זענען מיר שוין געפאַלן! — האָט זיך מיט ביטערקייט אַרויסגעריסן פון אַדוואָקאַט.

— מיר האָבן געזינדיקט, ווייזט אויס, שווער געזינדיקט, אַז מיר האָבן עס אַזוי ווייט געבראַכט! מיר האָבן נישט ערלעך געבאַלעבאַטעוועט אין רוסלאַנד. אפשר איז דאָס דער וועג? אפשר וועלן זיי אַנדערש און גערעכטער באַלעבאַטעווען אין רוסלאַנד? שטערן טאָר מען זיי יעדנפאַלס נישט.

— וואָס איז מיט אייך? איר מאַכט חוזק? — פרעגט מירקינען דער טיי־סוחר.

— נישטאָ קיין צייט צו שפּאַסן. איך מיין עס מיטן גאַנצן ערנסט. יעדנפאַלס זאָג איך דאָס פאַר מיר אַליין. איך שטעל מיך אינגאַנצן צו זייער דיספּאָזיציע. דאָס בלייבט איבער יעדן איינעם פון אונדז צו טון.

— יעדער איינער האָט זיך זיין אייגענע מיינונג, — האָט דער טיי־סוחר געזאָגט.

— און מירקין וועט זיך עס אויך איבערלייגן, — האָט דער נאַפט־סוחר צוגעלייגט מיט אַ קלוגן שמייכל.

— עס איז אַ סימן פון דער צייט, — האָט דער אַדוואָקאַט געלאָזט פאַלן אַ וואָרט, וואָס קיינער האָט נישט געוווסט וואָס ער מיינט דערמיט.

מירקין האָט געשוויגן.

אין צווייטן ווינקל, אָפּגערוקט פון זיי, איז געזעסן אויף אַ פּוסן־בענקעלע, וואָס איז געווען צו קליין פאַר זיין גרויסן גוף, וואַסילי אַנדרייעוויטש, דעם קאָפּ אין זיינע ברייטע, דיקע הענט. ער האָט געמאַכט די לעצטע החלטה. ער איז אינגאַנצן שוין איבערגעגאַנגען צו זיין געליבטער, צו נאַטאַשע סטעפּאַנאָוונע. אָפּגעהאַקט איינמאָל פאַר אַלעמאָל מיט זיין געזעצלעך ווייב מאַריע אַרקאַדיעוונע. ער האָט געזען זיין קינפטיק לעבן אין גאָר אַ גינסטיק ליכט... וואָס קאָן דאָ זיין? — האָט ער זיך

געטראַכט. — די באָלשעוויקעס, באָלשעוויקעס — אויפעסן וועלן זיי נישט. איך וועל גיין דינען ביי זיי. זיי וועלן מיר געבן עפּעס א שטעל אָלס עקאָנאָם אין א דאָרף. אָן עקאָנאָמען וועלן זיי זיך דאָך נישט קאָנען באַגיין. וועל איך וווינען מיט נאַטאַשע סטעפּאַנאָוונע אין אַן אָרימער, באַשיידענער היים: א הייזל א קליינס, א קו אָדער צוויי, אביסל הינער, א פערד אָדער צוויי. נו, וואָס, נאַטאַשע איז א גוטע באַלעבאָסטע, וועט זיך איינאָרדענען. א לעבן וועט זיין א רואיקס. נישט דאַרפן זיך פאַר קיינעם באַהאַלטן. דאָס ווייב וועט זיין א ווייב. אייגענע קינדער וועט מען קאָנען דערציען, זיך נישט דאַרפן שעמען. נישטאָ קיין סך צו פאַרלירן. זיי וועלן נישט אויפעסן. אפשר גאָר גלייכער אַזוי? אויב קומען — איז זאָלן זיי וואָס געשווינדער, אַז עס זאָל שוין איינמאָל פאַר אַלעמאָל נעמען א סוף, אַז מען זאָל וויסן אויף וואָס פאַרא וועלט מען איז — און וווהין מען באַלאַנגט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן אויף די באָלשעוויקעס. און אַזוי האָבן אויך די אַנדערע געטון.

קאַפּיטל 17

הויז דינער

וואָס קלאָרער עס איז געוואָרן די לאַגע, אַלץ ווידערשפּעניקער איז געוואָרן די דינערשאַפט.

זייער האַלטן זיך איז געווען א באַראָמעטער פאַר דער לאַגע. האָט זיך אָין אָנהויב אויסגעוויזן, אַז די באָלשעוויקעס וועלן פאַרטריבן ווערן, זענען זיי געווען קנעכטיש אונטערטעניק, און מיט דער כאַראַקטעריסטישער רוסישער דערשלאָגנקייט אויסגעפירט די קאַפּריזנע פאַרלאַנגען פון די האָטעל־געסט.

אין די לעצטע טעג זענען זיי געוואָרן אומהעפלעך. פון דעם לעצטן אָוונט, זינט די עלעקטרישע ליכט איז אויסגעלאָשן געוואָרן, זענען זיי געוואָרן די הארן. די גרויזאַמקייט פון דעם, וואָס שטייט פאַר, האָט שוין אַראָפּגעקוקט פון זייערע מאַסקעס, אַזוי ווי אויף זייערע פּנימער וואָלט געווען אָנגעשריבן דער פּסק דין פאַר זייערע באַלעבאַטים. דאָס איז די

אפרעכענונג פאר זייער הינטיש לעבן, פאר די דערנידערונגען, צוגע־דריקטקייט און פאר די אלע יארן פון פארשקלאפונג.

די באלעבאטים האבן אנגעהויבן מיט זיי אומצוגיין אזוי זאכט און דעליקאט ווי מיט א געשפאלטענער וואזע, אז מען זאל זיי, חלילה, נישט מיט א קרום ווארט דערצארענען. און אזוי ווי אמאל די דינער, אזוי האבן זיך איצט די הארן אנגעהויבן אונטערצולעקן, צו שמייכלען צו זייערע דינער. דער דאזיקער שמייכל איז געשטאנען אן אויפגעצוווּנגענער און געפרווט צעווארימען דעם אייזיקן פראסט, צו פאריאגן די וואלקנס. וואס האבן זיך געקליבן ווי כמארעס אויף די פנימער פון די אונטער־טעניקע...

נאר דאס איז געווען — די פרעמדע דינערשאפט.

גאנץ אנדערש האט זיך פארהאלטן די אייגענע, די „פערזענלעכע" דינערשאפט. טייל פון די האטעל־געסט האבן געהאט זייערע אייגענע לייב־קנעכט, דרעסירט און אויסגעלערנט אין הלכות דינסט, ווי הויז־חיות, פארן אייגענעם באדארף.

די אייגענע, פערזענלעכע דינסטן זענען שוין געווען אזוי איינדרע־סירט אין זייער פארקנעכטונג, אז זיי האבן זיך מער גענומען צום הארצן די באלעבאטימס אומבאקוועמלעכקייט אין דער דאזיקער געצוווּנגענער געפאנגענשאפט, ווי די באלעבאטים אליין! אויף דער דאזיקער דינער־שאפט האט מען זיך געקאנט פארלאזן. זיי האבן מיט גארנישט געענ־דערט זייערע באציאונגען צו זייערע הארן. פארקערט, זיי האבן זיך גע־מיט מיט אלץ, וואס איז נאר געווען מעגלעך, נאך מער דינסט־גרייט צו זיין. אזוי ווי זיי וואלטן מיט זייער פערזענלעכער פארשקלאפונג געוואלט די באלעבאטים פארגיטיקן פאר אלע צרות, וואס זיי האבן אויסצושטיין. און די באלעבאטים האבן טאקע געפונען א דערלייזונג פון דעם אנגע־זאמלטן, אוממעכטיקן כעס, דורך דעם, וואס זיי האבן אויסגעלאזט זייער גאנץ ביטער הארץ אויף די קעפ פון זייערע אונטערטעניקע. צום מיינסטנז האבן דאס געטון די אדעליקע ווייבער.

צווישן די געסט האט זיך געפונען עפעס א פירשטין צי א גרעפין, וואס האט געהאט פאר א מין „באגלייטערין" אן ארימע קרובה, א באַ־ראנעסע. פלעגט זי, די פירשטין, איר מאכן דעם טויט, זי מבזה זיין מיט

די שענדלעכסטע ווערטער אין דערביי לייגמאל נישט פארפעלן זי אנצו־רופן ביים נאמען „באראנין".

— בעראנין, איר באנעמט זיך, ווי א נידעריקע דינסט. א קעכין האט אן איידעלערע האנט און א ווייכערע בארירונג, ווי איר, באראנין!

— פלעגט זי איר שרייען אין פנים אריין, פאר אלע מענטשן.

די „באראנישע" דינערין האט הכנעהדיק, צום פארדרוס פון אלע אנוועזנדע, אראפגעשלונגען די באליידיקונג און געטון אין דער שטיל איר דינסט, פארענטפערנדיק איר הארינטע פאר די אנדערע:

— זי איז, נעבעך, געוווינט יעדן טאג איר פרימארגן־מיגרענע אויסצורייטן. היינט קאן זי נישט רייטן, — איז זי נערוועז א גאנצן טאג.

די אייגענע, פערזענלעכע דינערשאפט האט געזען, ווי ווייט מענ־לעך, צו מאכן אנגענעם די באלאגערונג פאר זייערע באלעבאטים. זיי האבן זיך געשלאגן מיט די אנדערע דינער פאר א באקוועמערן זיץ, גע־ריסן פון די הענט די פוסן־בענקעלעך, זיך געקריגט אין די קיכן מיט די קעלנערס און שטוב־מיידלעך פאר א בעסערן ביסן, פאר א גלאז טיי, פאר א ווארימער בויך־פלאש. טאמער איז נישט געווען מעגלעך דאס פארלאנגטע צו באקומען, האבן זיי זיך באטראכט פאר שולדיקע און דער גאנצער לאגע, אזוי ווי זיי וואלטן געווען פאראנטווארטלעך פאר דער דא־זיקער שלעכטער צייט. ווי מוטערס האבן זיי געטרייסט זייערע קינדי־שע, קאפריזנע באלעבאטים, פארבונדן זיי די קעפ, געהאלטן שמעק־פלעש־לעך פאר זייערע נעזלעך, אדער געלאזט גאר אנלענען א שווער־פאלנדיקן דאמען־קאפ אויף זייערע פלייצעס. זייערע רוקנס, זייערע בריסטן זענען געווארן פאר זייערע הארן ווייכע קישנס... מיט איין ווארט, — זיי האבן זיך געמיט, כאטש מיט זייערע אייגענע לייבער, צו באצאלן די באלע־באטים פאר די אלע צרות, וואס די פארשאלטענע באלשעוויקעס האבן געבראכט מיט זייער רעוואלוציע.

מיט דער דינערשאפט פון האטעל, מיט די, וועלכע גייען־אום מיט די געסט: די קעלנערס, די שטוב־מיידלעך, די לאקייען — מיט זיי איז נאך אויך געווען צו דערליידן, כאטש נישט אזוי, ווי מיט דער אייגענער דינערשאפט. זיי האבן נאך, אוים געוווינהייט, אויסגעפירט די באפעלן, און דער עיקר — די פנימער זענען געווען באקאנטע. עס איז אבער דורך דער צייט פון דער באלאגערונג געווארן אביסל אפגעריבן דער שארפער

שטויך, וואָס שיידט־אָפּ דעם האר פונעם קנעבט. די דינערשאַפט פון האָ־טעל האָט זיך דורך די פּאָר טעג דערלויבט לייכטקייטן מיט די געסט, וועלכע זיי וואָלטן, פאַרשטייט זיך, זיך נישט דערוועגט אַן אַנדערש מאָל: איגנאָרירט פאַרלאַנגען, זיך נישט געמאַכט הערן, ווען מען האָט זיי גע־רופן, און אָפּטמאָל געגעבן ענטפערס, פון וועלכע דאָס בלוט איז אָנגע־לאָפן אין פּנים. נאָר מיט זיי האָט מען זיך, ווי געזאָגט, נאָך געקאָנט אַן עצה געבן. עס איז געווען אַ מעגלעכקייט זיי צו קויפן. און די האָטעל־דינערשאַפט האָט טאַקע ביטרע אויסגענוצט די סיטואַציע און זיך גע־לאָזט באַצאָלן פאַר יעדן פריינטלעכן שמייכל, פאַר יעדן אויספירן אַ באַ־פעל. און אַזוי ווי די צייט איז געווען אַזאַ, אַז יעדער איינער האָט זיך געמיט אַרויסצווייזן, אַז ער איז אַ „פריינט פון פאָלק", האָט מען גע־וואָלט באַטש מיט פעטע טרינק־געלטער אָפּצאָלן פאַר די זינד, וואָס מען איז באַגאַנגען קענגן „פאָלק" ביז איצט. מען קאָן זאָגן, אַז עס איז צוויש; די געסט אָנגעגאַנגען אַ וועט־געלויף: ווער וועט דעם אַנדערן איבעריאָגן אין זיין „פריינטשאַפט צום פאָלק". איינער האָט דעם צווייטן געוואָלט אַריבערשטייגן מיט פעטע טרינק־געלטער. אַנדערע זענען געגאַנגען נאָך ווייטער: זיי האָבן דאָס „פאָלק" נישט בלויז געוואָלט קויפן דורך געלט, נאָר, אַזוי צו זאָגן, געוואָלט אָנקניפּן מיט אים פאַמיליערע באַציאונגען. נישט די דינער די הארן, נאָר די הארן האָבן די דינער אָנגעהויבן נאָכ־צופרעגן אויפן געזונט, זיך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט זייערע פאַ־מיליען־אָנגעלעגנהייטן:

— אַ חתונה־געהאַט? קינדערלעך אַוודאי? נו, און וואָס איז די באַלוינונג? אַוודאי נישט גענוג דעם מאָגטיק מיטן דאַנערשטיק צוזאַ־מענצונעמען? מען דאַרף קלערן וועגן אַ תכלית, פריינט, דאָס ווייב און די קינדערלעך צו פאַרזאָרגן. קום צו מיר אין קאַנטאָר, לאָז דיך מעלדן, ווען די צייט וועט ווערן רואיקער. מיר וועלן זען, וואָס מיר קאָנען טון...

אָבער וואָס וואַרימער, וואָס היימישער, וואָס צוגעלאָזענער די הארן זענען געוואָרן, אַלץ קאַלטער, אַלץ שטייפער, אַלץ שווייגנדיקער איז גע־וואָרן די דינערשאַפט. דאָך איז זיי נאָך געווען צו דערליידן.

מיטאַמאָל האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אינעם ביליאַרד־זאַל נייע געשטאַלטן, אַזעלכע, וועלכע מען האָט ביז איצט גאָרנישט געזען, נאָר־נישט באַמערקט: פון די טיפעניש פון האָטעל, פון זיינע קעלערס און

קאַמערן האָבן אָנגעהויבן אַרויספּצוקריכן אין דעם דאָזיקן געפּערלעכן מאָ־מענט קוכערס, טעלער־וואַשערס, מאַטראַצן־קלאַפּערס, קלאָזעט־רייני־קערס, אויוון־הייצערס, אַש־טרעגערס, „האָטעל־מייז", וואָס האַלטן זיך אויף טיף, טיף אין די פּאַרבאַרגענע לעכער פון האָטעל, אויפן סאַמע גרונט, וועלכע מען זעט קיינמאָל נישט אויף דער ליכטיקער שיין. גע־שטאַלטן זענען דאָס געווען אַזעלכע, וואָס פון בלויזן קוק אויף זיי איז דורכגעגאַנגען אַ פראָסט דורך דיביינער און דאָס בלוט איז אין די אָדערן געוואָרן פאַרהאַרטעוועט. אַ טייל זענען געווען וויים־פאַרמעלטע, אַ טייל — שוואַרץ־פאַרסאַזשעטע, אַנדערע — מיט פאַרטוכער, — גאָר אַנדערע — מיט זעק און שמאַטעס צו באַדעקן זייער נאַקעטקייט. פון זייערע פאַרשוויצטע לייבער האָט זיך געטראָגן אַ זיס־זויערלעכער גע־שטאַנק פון איבערגעשטאַנען עסן, וועלכן זיי האָבן מיטגעבראַכט פון די פאַרשטעקטע לעכער, פון וואַנען זיי זענען אַרויסגעקראָכן.

אין דער שאָטנדיקער באַלייכטונג פון ליכט און נאַפט־לאָמפּן האָט דאָס פּלוצימדיקע דערשיינען פון די דאָזיקע זעלטן־געזעענע געשטאַלטן — ביי די מידע, טויט־אַנגסטיקע, שלאָף־דורשטיקע האָטעל־געסט אַרויס־גערופן זעאונגען פון שלעכטע חלומות, ווי טייוואָלים אָדער שדים אַזעל־כע וואָלטן זיך מיטאַמאָל באַוויזן צווישן זיי.

מיט זייערע שמאַטעס און לאַכעס, מיט זייערע קרומע באַוועגונגען, מיט די אידיאָטישע שמייכלען פון די רויע, איינגעריסטע, אויפגעריסענע פּנימער און מיילער, האָבן זיי טאַקע אַזוי אויסגעזען. אַ פרוי מיט אַ פאַר־קלעבט אויג האָט געהאַלטן אין איין אַרויסשטאַרצן אירע פאַרפוילטע ציין פונעם אויפגעריסענעם מויל אויף די דערשראָקענע דאַמען. מיט אַ חוצ־פּהדיקן, אידיאָטישן שמייכל האָט זי געקוקט אויף די גרופּן האַלב־שלאָפנ־דיקע, האַלב־וואַכנדיקע געסט און זיך אַזוי ווייט דערלויבט, אַז זי איז נאָענט צוגעגאַנגען צו אַ ווייבל און מיט אירע פינגער באַטאַפּט דעם שטאָף פון איר קלייד: זייד!

דאָס ווייבל האָט פון דעם באַקומען אַזאַ שרעק, אַז זי איז אַריינ־געפאַלן אין אַ היסטערישער אָנמאַכט. אַ הויכער, אומגעלומפּערטער קאַ־לאָס איז געשטאַנען אויף זיינע שטאַרקע פיס, זיין האַלב־נאַקעט לייב אַרומגעהילט מיט אַ זאַק. (אַ קוילן־שלעפער האָט עס געמוזט זיין.) ער איז געשטאַנען אויף זיין אָרט, זיך נישט גערירט, און מיט זיינע שיי־

נענדיקע אויגן, וואָס האָבן ארויסגעקוקט פון א צעריסן און צוזאַמענגע-קלעבט פּנים, געהאַלטן אין איין ארויספּאָדערן, אין איין קוקן מיט א קאַלטן, גזלנישן שמייכל, אויף אַלעמען, מיטן בליק, מיט וועלכן מען קוקט שוין אויף א קרבן...

זיי האָבן זיך אַפילו דערלויבט אויף אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן אָנגע-הויבן צו שפּאַסן און חוזק צו מאַכן פון דער האָטעל־דינערשאַפט, וואָס האָט זיך, פאַרהעלטנישמעסיק, געהאַלטן אָנשטענדיק. זיי האָבן אויסגע-לאַכט זייערע לאַקייאישע שטיק, און אַפילו צוגערופן צו זיי מיט אומאָנ-שטענדיקע, באַליידיקנדיקע ווערטער:

— האַרן־הינט! זע, ווי דאָס קריכט אויף אַלע פיר פאַרן פּריצישן הינטן!

דאָס פּלוצימדיקע דערשיינען פון די דאָזיקע אומגעווענלעכע גע-שטאַלטן, האָט צווישן די דערשראָקענע און אַזוי אייך היסטעריש־פאַר-כאַפּטע געסט, ארויסגערופן א פאַרשטעינדלעכע פּאַניק. מען האָט אָנגע-הויבן מיט שרעק איינער דעם אַנדערן צו קוקן אין די אויגן און איינגע-רוימט זיך אין די אויערן:

— וואָס זענען דאָס פאַרא מענטשן? וואָס מיינט דאָס אַלץ?

עס איז געווען א גרויען פאַר דעם אָנקומענדיקן מאָרגן, דאָס וואָס די פנימער פון די אויסטערלישע געשטאַלטן האָבן פאַרראַטן. ווי עס וואָלט זיך געווען פאַר די האָטעל־געסט אויפגעעפנט דער פינצטערער תהום פון זייער קומענדיק לעבן.

— נעמט זיי צו פון דאַנען. וואָס האָט מען זיי ארויפגעבראַכט צו אונדז?!

— רעדט נישט, ווי גאָט איז אייך ליב! שווייגט! איר ווייסט נישט, אין וואָס פאַרא צייט מיר לעבן.

דאָס האַלטן זיך פון די אויסטערלישע געסט איז געוואָרן וואָס אַמאָל אַלץ חוצפּהדיקער און ארויסרופנדיקער. זיי זענען שוין אוועקגעקראָכן פון דעם ווינקל פון טיר, וו זיי האָבן זיך אין אָנהייב אויפגעהאַלטן מיט א געוויסער שעמעוודיקייט און נישט־געוואַגטקייט. איצט האָבן זיי זיך שוין דערלויבט ווייטער צו טרעטן. זי האָבן זיך אויסגעמישט מיט די געסט, זיך געפּרווט אַפילו אוועקצוזעצן אויף די ווייכע שטולן אויף די אויסגעבעטע קאַנאַפּעס, וואָס זענען נאָר געווען באַשטימט פאַר די האָ-

טעל־איינוווינער. זיי האָבן זיך אפילו דערלויבט חוצפּהדיק צו דריקן מיט זייערע לייבער די דאַמען און הערן. די וואַש־ווייבער זענען געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן, אָן יעדער פאַרשעמטקייט, זיך אַוועקגעזעצט צווישן די האָטעל־דאַמען. פאַר דעם געשטאַנק פון שווייס און שמוציקער וועש, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די ווייבערס לייבער, איז נישט איינע אויפגעשפּרונגען מיט שרעק פון איר פּלאַץ.

— וואָס ווילן זיי?! וואָס האָט מען זיי אַרויפגעבראַכט צו אונדז?

זייער שפּאָטיש לאַכן, זייער ציניש באַנעמען זיך האָבן אפילו אָנגעשטעקט די געוועהנלעכע דינער. די האָטעל־דינער זענען געוואָרן נערוועז. אייניקע האָבן זיך אפילו צוגעקליבן צו זיי. אַנדערע האָבן זיך גאָר אָפּגעטראָגן. די אייגענע, די פּערזענלעכע דינער, זענען אָבער געבליבן געטריי זייערע באַלעבאַטים. זיי האָבן זיך אָנגענומען פאַר זייערע הארן און זיך געקריגט מיט די אַנדערע.

איינע פון די געשטאַלטן איז צוגעגאַנגען צו דער קאַנאַפּע, אויף וועלכער עס איז געזעסן אונדזער גרופּע פון דער געזעלשאַפט „ניי־רום־לאַנד".

— נו, פּריצימלעך, רוקט אייך. גענוג געזעסן אויף ווייכע מעבל. איצט איז געקומען די רייע פאַר אַנדערע.

אין דער נאָז און האַלדז האָט אָנגעהויבן צו שטיקן אַ חלשותדיקער געשטאַנק פון מייז־נבילות, וואָס די געשטאַלט האָט מיטגעפירט מיט זיך. טייל האָבן זיך געפּרוווט אויפכאַפּן און אַוועקלויפן. נאָר אַזוי ווי דער אַלטער מירקין איז געבליבן עקשנותדיק זיצן אויף זיין אָרט, אַזוי האָבן זיך אויך די אַנדערע געמיט און זענען געבליבן זיצן צוזאַמען מיט „דעם" צווישן זיי.

— וווּ רוקסטו זיך? זעסט נישט, וואָס דאָ איז? דאָ איז נאָר פאַר די האָטעל־געסט. נו, נו, גיי דיר צו דיינע, — איז דער הויפּט־לאַקיי איוואַן, צוגעקומען פלינק מיט זיינע פינקלדיקע שטיוועלעך, און געזאָגט ווי מעגלעך ווייך. מען האָט געזען, אַז עס האָט אים געקאָסט פיל אָנשטרענגונג, וואָס ער מוז צו אַזאַ „איינעם", מיט אַזאַ ווייכן טאָן רעדן. ער האָט אָנגענומען דעם „אים" און געפּרוווט אים אַוועקפירן פון האַרישן זיץ.

— היינט איז נישטאָ מער קיין האַר און קיין קנעכט! היינט זענען

אלע גלייך! נישט וואָר, פּריצימלעך? — זאָגט מיט א וווילויננגערישן זשעסט דער צוגעקומענער פרעמדער צו די דערשראָקענע יידן.

— ער האָט רעכט! היינט איז נישטאָ מער קיין האר און קיין קנעכט.

— זיץ, זיץ! רופט זיך אָן דער אַלטער מירקין.

— יאָ, יאָ, ער האָט טאקע רעכט, — טאקעוועט אים אונטער מיט פּחד דער טיי־סוחר ראָזמארין. — ביי מיר זענען שטענדיק געווען אלע גלייך, נישט קיין האר און נישט קיין קנעכט, — שמייכלט זיך אונטער דער טיי־סוחר.

דער אַלטער מירקין קוקט אים אָן מיט א ביטולדיקן שמייכל. דער טיי־סוחר פארשווייגט. נאָר דער לאָקיי איוואן, האָט יענעם שוין אָנגענומען גוטמוטיק ביי דער פּלייצע און געזאָגט צו דעם אָפּגעריסענעם:

— אגו, קום נאָר מיט מיר. איך וועל דיר ווייזן א באקוועם אָרט, וו זיך אוועקצוזעצן. זעסט דאָך, אז דאָ איז ענג.

— אָך, דו פּריציישער הונט! וואַרט נאָר, אונדזערע וועלן קומען, וועלן זיי דיר שוין ווייזן.

— שוויג, שוויג, רעד נישט! — און איוואן נעמט אים מיט מיט זיך.

איוואן איז דער איינציקער טרייסט פון די האָטעל־געסט.

איוואן איז דער הויפּט־לאָקיי פון האָטעל. ער שטייט מיט זיין זילבערנעם שטעקן און אין פאָרטיערישן אוניפאָרם פארן ארייננגאנג פון האָטעל, און שמייכלט צו אלעמען ליבלעך און איינלאַדנדיק, ווי צו א חתונה.

ער איז א ווייס־הויטיקער, גוט־געפּאָרמטער מאן פון א יאָר עטלעכע און דרייסיק. שטענדיק טראָגט ער ווייס־געוואשענע, אויסגעצייטע לויזע רוסישע העמדער, פון הינטער וועלכע עס פּילט זיך ארויס זיין אויסערגעוויינלעך אנטוויקלטע ברוסט. זיין ווייס־הויטיק לייב מאכט גיכער דעם איינדרוק פון א לייב פון א גוט־אנטוויקלטער שטארקער פרוי, איידער פון א מאן. מיט א פּאָר בלאנקירטע, פינקלדיקע לאַק־שטיוול אויף די שיין־געפּאָרמטע פיס, איז ער מיט לייכטע, איינלאַדנדיקע באוועגונגען גרייט צו יעדער צייט צו יעדן דינסט... ער גלעט מיטן פיעשטשענדיקן בליק פון זיינע בלויע אויגן סיי די מענער און סיי דעם ווייבערשן מין... הענט האָט ער שיינע, דער איוואן. נישט געקוקט אויף דער שווע־

רער ארבעט, וואס ער טוט ביים העלפן אריינטראגן דאס געפעק אין האטעל, זענען זיי שטענדיק געפלעגטע, ווייכע, גראד־ליניענדיקע, מיט גוט אנטוויקלטע פינגער, מיט ריינע, געשניטענע נעגל, מיט וועלכע ער האט ליב צו קאקעטירן, זיי צו האלטן אזוי, אז מען זאל זיי זען.

נאר ביי א רוסישן מענטש, דרעסירט פון דורות און דורות אין קנעכטשאפט, קאן זיך אנטוויקלען אזא דינסט-אינסטינקט, אזא ארויספילן דעם פארלאנג און ווונטש פון זיינע הארן. ווי א גוטער ראסע-הונט האט ער תמיד דערפילט, דערשמעקט מיט דער נאז און מיט אלע אפענע צעלן פון זיין הויט, די געהיימסטע פארלאנגען און ווונטשן פון זיינע הארן, איידער זיי זענען נאך פאר זיי אליין געווארן רעכט באוווסט. שטענדיק פלעגט ער מיט זיינע באשטימטע לייכטע פיס גרייט זיין אויפן ווונק פון זיינע הארן — צו לויפן כאטש אין פייער אריין. אז ער האט גערעדט מיט וועמען, האט ער אויסגעמיטן צו קוקן דירעקט, אזוי ווי ער וואלט געראט עפעס צו באהאלטן, און געקוקט פון א זייט מיט פיעשטשענדיקער בעטנדיקער נגאדקייט. ער האט מיט זיין שמייכלדיקן בליק געגלעט סיי מענעריש, סיי ווייבעריש לייב...

נאר דער רוסישער מענטש קאן דערציען אין זיך אזא שקלאפישן אינסטינקט, וואס לייזט־אויף יעדן סימן פון אייגענער פערזענלעכקייט און גיסט זיך אריין אינעם ווילן פון אנדערן צו טון יענעמס רצון...

און נאר די רוסישע פארשקלאפונג איז געווען פעאיק צו אנטוויקלען אין א מענטש די כיטרעקייט, וואס דער דינסט־אינסטינקט האט דערצויגן ביי דעם אונטערדריקטן קלאס אין רוסלאנד. איוואן אבער האט אויף קיין אויגנבליק נישט ארויסגעלאזט פון אויג דעם אייגענעם נוצן, וואס ער קאן האבן פון זיין דינסט. מיט די מיטלען פון זיין נאטור פלעגט ער אויסבייטן די באלוינונג פון מענער — דורך זיין ווייבערישקייט, און פון פרויען — דורך זיין מענערישקייט. ער האט גוט בארעכנט יעדן שריט, וואס ער טוט. כאטש זיין דינער־נאטור איז געווען געהארכיק פאר יעדן רוף, דאך איז ער נישט געווען פארשווענדעריש מיט זיינע זינדיקע בליקן, באהאלטן זיי נאר פאר די, פון וועלכע ער האט דערווארט א גוטן לוין...

אזוי אונטערטעניק, ווי ער איז געווען פאר די שטארקערע פון אים, אזוי טיראניש איז ער אומגעגאנגען מיט די, וואס זענען געקומען אונ־

מער זיין מאכט. ער האט פארלאנגט פון זיינע אונטערטעניקע, אז זיי זאלן אים צוריק באצאלן דעם מס, וואס ער צאלט אליין די שטארקערע פון אים. ער האט זיי פארפאלגט מיט א קרענקלעכער אכזריותדיקייט, וואס איז כאראקטעריסטיש פאר דעם טיפ מענטש. נישט געלאזט זיי אויפן אויג, אנגעיאגט צו דער ארבעט. אבער דאס זעלבע פנים, וואס האט ערשט נאר־וואס באוויזן א גרימאסע פון כעס און ביטערקייט, האט ביים אנבליק פון אנקומענדיקן האר זיך זאפארט פארוואנדלט אין א שמייכל־דיקער, זינדיק-איינלאדנדיקער גרימאסע.

פארשטייט זיך, אז איוואן האט נישט געגלויבט אין דער רעוואלו־ציע, פונקט אזוי ווי זיינע הארן. ער איז געווען איבערצייגט, אז עס איז נאר א דורכגייענדיקע סומאטאכע, וואס די פארשאלטענע מלחמה האט ארויסגערופן. (אויך איוואן און זיינס גלייכן האבן פיינט־געהאט די מלחמה.) די וועלט גייט נישט אונטער. עס מאכט זיך אמאל א שלעכטע צייט. שוין געווען אמאל אזא צייט אויך. עס וועט זיך בארואיקן, דער צאר באטיושקא וועט צוריקקומען, און מיט אים די אלטע באאמטע און דאס אלטע צארישע געלט. (צו „קערענסקיס" געלט האט איוואן נישט געהאט קיין גרויסן צוטרוי, און עס געהאלטן אין איין אויסטוישן אויף צארישע און האט מיט דעם אנגעפילט א גאנצן קישן, אויף וועלכן ער שלאפט.)

און אזוי ווי א האר פארגעסט קיינמאל נישט דעם דינסט, וואס מען ווייזט אים ארויס, ווען ער איז געפאלן, און אזוי ווי די הארן זענען איצט געווען געפאלן, האט ער זיך געמיט וואס בעסער נאך, וואס גע־טרייער, מער אונטערטעניקער זיי צו דינען, אז זיי זאלן אים געדענקען, ווען עס וועט ווערן בעסער.

די הארן האבן אויך, אינסטינקטיוו, דערפילט אין אים זייער פריינט. זיי האבן זיך מיט אים בעראטן וואס צו טון, ווען די באלשעוויקעס וועלן קומען, ווי אזוי זיך צו האלטן. און אנדערע זענען געגאנגען אזוי ווייט, אז זיי האבן אפגעמאכט מיט איוואנען אים אנצושטעקן זייערע ברילִיאנטן און ווערט־פאפירן, ווען די באלשעוויקעס וועלן זיך באווייזן. גאר אנדע־רע האבן שוין אפילו דאס געטון. און איוואן טראגט ארום אויף זיין פלייִ־שיקער ברוסט און אין די גלאנציקע כאלוועס פון זיינע שטיוול און אין נאך אינטימע ערטער די פארמעגנס פון נישט איין גאסט.

אז דאָס וואָסער איז געקומען וואָס נענטער צום האַלדז, און די סכנה האָט אָנגעהויבן אַלץ חוצפּהדיקער צו קוקן אין די אויגן אַריין, אין דער געשטאַלט פון די נייע פאַרשוינען, וואָס האָבן זיך באַוויזן צווישן די האָטעל־געסט, האָט מען זיך אָנגעהויבן צו באַראַטן מיט איוואַנען, וואָס צו טון. איוואַן האָט איצט פאַרנומען מישקעס „מאַלאַדיעצס" אָרט. אַלע האָבן זיך איבער אים געריסן. מען האָט אים געשלעפּט פון איין קאַנאַפּע צו דער אַנדערער:

— איוואַן, דערלויבט אויף אַ מינוט. איוואַן, איר ווילט גאָרנישט צו אונדז אַהערקומען?

און איוואַן איז אויף זיינע לייכטע פיסלעך געלאָפן פון איין גרופּע צו דער אַנדערער און גערופן מיט זיין פרייליכן, געזונטן קול:

— באַלד, באַרין, באַלד, גרייט צום דינסט.

אין זיין אייפער צו דינען די האַרן, איז איוואַן געקומען אויף אַ גליקלעכער אידייע. ער גיט זי איבער איצט בסוד־סודות נאָר צו איינצלנע און אויסדערוויילטע, פון וועלכע עס איז פאַראַן אַן אויסזיכט צו באַקומען אַ גוטע באַלוינונג.

מ'האָט דערנאָך געזאָגט, אַז דאָס האָט אים מישקע די דאָזיקע אידייע אין קאָפּ אַריינגעשטעקט. וואָרים פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ איינפאַל צו איוואַנען? דאָס האָט אין דערווירקלעכקייט נאָר געקאָנט שטאַמען פון מישקען, און מישקע האָט זיך טאַקע אויך דערביי געפּאָרעט.

ווען אונדזער גרופּע, די גרינדער פון דער גייער געזעלשאַפט, זענען אַזוי געזעסן אין געהאַקטע ווינקלען, פאַרזאָרגטע וועגן דער צוקונפט, איז מישקע אַרויפגעשוואומען צווישן זיי.

מישקע איז נישט געווען פון די מענטשן, וואָס לאָזן זיך פאַריאָגן פון אַ באַליידיקנדיק וואָרט. ער האָט זיך ווידער אָנגערופן צום אַלטן מירקין:

— דער מאָמענט איז צו ערנסט זיך צו באַליידיקן, גבריאל חיימאָוויטש, כאָטש איר האָט צוויי מאָל מיך שוין אָפּגעשלאָגן, וויל איך אייך אָבער באַווייזן, אַז איך בין גרייט, אין דעם דאָזיקן אַנטשיידנדיקן מאָמענט, אייך צו דינען.

— איך האָב אייך שוין איינמאָל געזאָגט, אַז איך וויל פון אייך קיין דינסט נישט אָננעמען.

— אָבער גבריאל חיימאָוויטש, עס האַנדלט זיך אין אייער לעבן!
— זאָגט מישקע ערנסט.

— איך וויל נישט אייער דינסט, אפילו ווען עס זאָל זיך האַנדלען וועגן מיין לעבן. ווי קומט דאָ אהער מיין לעבן? — וואונדערט זיך דער אַלטער מירקין.

— איר ווייסט אויף וואָס די באָלשעוויקעס זענען פעאיק, ווען זיי וועלן אייך דאָ געפינען? און נאָך דערצו מיט א פולן טייסטער?! אין פעטראָגראַד האָבן זיי עס געטון.

— כ'האָב אייך געזאָגט, אז כ'וויל פון אייך נישט קיין דינסט.

— אָבער יאָמיר הערן וואָס האָט ער צו זאָגן, — פאָדערן שוין די אַנדערע. — זאָגט, מישקע, וועגן וואָס האַנדלט זיך.

עס איז שוין אַן אָפגעמאַכטע זאַך. איך פאַרטרוי עס פאַר אייך, — מאַכט מישקע נידעריק זיין שטימע. — די „ווייכע" ציען־אָפּ פינעם מעטאַטער־פּלאַץ מיטן מאָרגן. כ'האָב עס נאָר־וואָס געהערט פון דער קאָ־מאַנדירשע. ס'איז נישטאָ מער קיין האָפענונג.

— דאָס ווייכן מיר, — זאָגן די אַנדערע.

— ווען זיי, די רויטע גוואַרדיסטן און די שיכורע אַרבעטער, וועלן זיך אריינרייסן אין האָטעל, איז זיך אויף אַלצדינג צו ריכטן. אין זייער כעס פון דעם לאַנגן וואַרטן אויפן איינגעמען פון האָטעל, זענען זיי אפילו גרייט א מאָרד צו באַגיין. פאַרגעסט אונדז נישט, אז דער קעלער איז אויך נאָך פול. דער פּאַרוואַלטער וויל נישט אויסגיסן דעם ווין. דאָ האַנדלט זיך נאָר וועגן דעם ערשטן אויגנבליק זיי צו גיין אויס דעם וועג, אז זיי זאָלן דעם כעס נישט אויסלאָזן. דערנאָך, אז עס וועט ווערן רו־איקער, וועט זיך שוין לאָזן עפּעס טון.

— זייער גוט. אָבער ווי אַזוי וועט איר זיי גיין אויס דעם וועג?

— דאָ קומט די קאָמבינאַציע. איך האָב זיך דורכגערעדט מיט אי־וואַנען. איוואַן, — מאַכט מישקע נאָך נידעריקער זיין שטימע און זאָגט עס בסוד־סודות, — ער וועט אריינגעמען אונדזערע צו זיך אין קאַמער אריין, איבערטון זיי אין דינערשע קליידער, בלויז אין א בלוזע, א פאַר־טוך, א קעלנער־ראָק, און אוועקשטעלן וואַשן, קערן, — ווייס איך וואָס נאָך, די באָלשעוויקעס אָפּצונאַרן, זיי זאָלן מיינען, אז מען איז הויז־אַרבעטער. אַזוי אַרום וועט מען די פּאָר רובל אויך קאָנען ביי זיך באַ־

האלטן. עס האנדלט זיך נאָר בלויז אין ערשטן אויגנבליק, ביי זייער ערשטן כעס זיי צו גיין אויס דעם וועג. פאַרשטאַנען?!

— וואָן, פּאַדליעץ! — האָט זיך דער אַלטער מירקין צעשריגן, און זיין ברייט פּנים, וואָס איז לעצטנס אַזוי בלייך געווען, האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט — וואָן! אַז נישט...

נאָר די אַנדערע האָבן געשוויגן. מישקע האָט זיך אָפּגעטראָגן. אָבער נישט אַלע זענען געווען אַזוי פיין־פילנדיק ווי דער אַלטער מירקין.

מען האָט זיך אין געהיים אָנגעהויבן אוועקצוגנבענען און זיך גענור־מען סודען מיט מישקען, צוגעצויגן איוואַנען, זיך געסודעט, און ערגעץ־ווו פאַרשוואונדן.

אָבער אַזוי ווי איוואַן האָט נישט געהאַט געגנוג דינערשע קליידער פאַר אַלע, נישט גענוג פאַרטוכער, בלוזעס, קעלנער־רעק פאַר די פילע בעלנים, וואָס האָבן געוואַרט אויף זיי, און צו פיל מענטשן איבערצוטון אין דינערשע קליידער האָט מען אויך נישט געקאָנט, כדי עס זאָל זיך נישט וואַרפן אין די אויגן, איז דער פּרייז אויף דינערשע קליידער אין יענער שרעקלעכער נאַכט צווישן די געסט פון רייכן מאָסקווער האָטעל הויך געשטיגן. פאַר אַ דינערס אַ בלוזע האָט מען אוועקגעגעבן אַ שניר פּערל און פאַר אַ פאַרטוך — אַ פאַרמעגנס...

צומאָרגנס אינדערפרי, ווען עס האָט אָנגעהויבן צו גראָען, האָט זיך דאָס שיסן אויפן טעאַטער־פּלאַץ געשטאַרקט.

מען האָט געוווסט, אַז די „ווייסע" פאַרטיידיקן זייערע לעצטע פּאָזיציעס, און באַלד וועלן זיי אָפּטרעטן.

האָט דער אַלטער מירקין באַמערקט, ווי דער טיי־סוחר ראָזמאַרין דרייט זיך אַרום אין אַ קאָמישער פאַרקליידונג, עפּעס אין אַ רוסיש העמד, אַ פאַרטוך איבערן דיקן בויך, און ווי זיין אַש־קאָלירדיק פּנים איז געווען איינגעריכט אין סאַזשע.

מיט פאַראַכטונג האָט דער אַלטער מירקין אוועקגענומען זיין בליק פון אים און הויך, היסטעריש זיך צעלאַכט.

דער טיי־סוחר האָט זיך פאַרשעמט, אַראָפּגעריסן די בלוזע פון זיין גראָבן בויך און אַ פאַרשעמטער זיך פאַרענטפערט פאַרן אַלטן מירקין:

— וואָס פאַרא נאַרישקייט מען קאָן דאָס אָפּטון אין אַזאַ צייט!

קאַפּיטל 18

דער רוף פון קרעמל

דער מענטש באַהאַלט אין זיך געהיימע רעזערוואַרן פון כוחות און אייגנשאַפטן, וועלכע אַנטפּלעקן זיך ביי אים אין אַ שעה פון נויט. איינע פון די דאָזיקע כוחות איז די פאַראַנטוואָרטלעכקייט. יעדער מענטש פילט דאָס, ווען ער ווערט פּלוצלינג אָוועקגעשטעלט אויף אַן אחריותדיקן פּאָסטן. דאָס זעלבע איז אויך געשען מיט זאַבאַרי מירקין.

דאָס געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז שטענדיק געווען ביי מירקינען אַנטוויקלט אין אַ הויכער מאָס. נאָך מער האָט זיך ביי אים אָבער די דאָזיקע אייגנשאַפט אויפגעהויבן צו אַ הייליקן געבאָט אין דער צייט פון זיין הילף־טעטיקייט, ווען ער האָט זיך אַרומגעוואַלגערט צווישן די טיפוס־אָנגעשטעקטע עשאַלאָנען אויסוואַנדערער. איצט, אָבער, האָט די אויפגאַבע, וואָס דער „רעוואָלוציאָנערער קריגס־קאָמיטעט" האָט אויף אים אַרויפגעלייגט, ממש איבערגעאַנדערשט זיין גאַנצן כאַראַקטער. עס איז געווען אַזוי ווי דאָס דאָזיקע געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָלט גערופן צו הילף אַלע בעסערע כוחות, וואָס ליגן ערגעץ־ווו באַהאַלטן אין די פאַרבאָרגעניישן פון דעם מענטש.

פון דעם ערשטן אויגנבליק אָן, וואָס מען האָט מירקינען איבערגעגעבן אָנצופירן מיט אַן אָפּטיילונג, צו נעמען דעם טעאַטער־פּלאַץ און באַזעצן דעם האָטעל „מעטראָפּאָל", זענען ביי אים פאַרשוווּנדן אַלע ספקות. ער האָט נאָר געזען איין ציל פאַר זיך: אויסצופירן זיין אויפגאַבע שטרענג, לויט די אינסטרוקציעס, וואָס זענען אים געגעבן געוואָרן, נישט צו קוקן אויף קיין געפאַרן. די סכנות, אפילו דער טויט אַליין, איז געוואָרן אַ טייל פון דער דאָזיקער אויפגאַבע.

אַזוי איז ער דאָ געשטאַנען מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט אין מיט אַ באַפעלנדיקער שטימע, אַזוי ווי ער וואָלט זיין גאַנץ לעבן לאַנג נאָר עפּעס אַנדערש נישט געטון, נאָר אָנגעפירט מענטשן אין קאַמף. אַזוי האָט דאָ מירקין אַרויסגעגעבן זיינע באַפעלן צו דער אָפּטיילונג; זיך אַליין אוועקגעלייגט ביי דער עפענונג אויפן דאַך, ווו עס איז געשטאַנען דאָס מאַשין־געווער, צוריקגעהאַלטן יעדן פרווו פון די אויפגערעגטע סאָל־

דאַמן פריצייטיק אויסצושיסן זייער כעס. ער האָט אויסגעשטעלט וואַכן, אַרויסגעשיקט קוריערן דורך די „ווייסע" ראַיאָנען צום גובערנאַטאָרס הויז, אָפּצוגעבן ראַפּאָרטן, צו ברענגען אינסטרוקציעס, אַריינצוגנבענען פּראָוויאַנט און אַמוניציע אין גרויסן טעאַטער.

זיין באַפעלנד, וואָגיק וואָרט, זיין פעסטע שטים, די ערנסטקייט, מיט וועלכער ער האָט געטראָגן זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט, האָבן פאַר אים באַלד געוווּנען אויטאָריטעט און מאַכט.

דאָס לאַנגע וואַרטן אויף טעטיקייט האָט אָבער אויסגעמוטשעט די אָפּטיילונג. די אומגעדולדיקייט האָט ווי צייַן־ווייטיק געפּייניקט. און מירקין האָט דורך גאַנצע מעת־לעתן געדאַרפט האַלטן וואַך זיין אויפמערקזאַמקייט, אַז עס זאָל עפּעס נישט אַרויסשפּרינגען. עס איז יעדן אויגנבליק געווען אַ געפאַר אַנטדעקט צו ווערן דורך די יונקערס, וואָס האָבן שטאַרק באַזעצט דעם טעאַטער-פּלאַץ. עס איז יעדע רגע געווען די געפאַר צו ווערן צעשאָסן פון די פּולעמיאָטן, וואָס זיי, די יונקערס, האָבן געהאַט אויסגעשטעלט אויפן טעאַטער-פּלאַץ. זיי וועלן, אין בעסטן פאַל, אַרויסזעצן די טירן פון טעאַטער און צונעמען ביי זיי דאָס מאַשין־געווער. „מיט ליידיקע הענט וועלן מיר זיך נישט איבערגעבן" — דאָס איז געווען ביי אַלעמען אָפּגעמאַכט, און מירקין האָט געוווּסט, אַז דאָס שפּיל וועט זיך דעמאָלט ענדיקן מיט טויט.

נישט דאָס לעבן איז איצט געשטאַנען אין קאָן, נאָר דער זיג פון דער רעוואָלוציע, די ענדע פון דער מלחמה, און דאָס נייע, וואָס דאַרף קומען אויף מאָרגן נאָכן זיג. און דאָס איז טויזנט מאָל וויכטיקער און נויטיקער, ווי דאָס לעבן. דאָס איז הייליק. פאַר דעם דאַרף מען זיין אין אַ שטענדיקער, אָנגעשטרענגטער אחריות... דאָס האָט געגעבן די מאַכט צו באַפעלן, צו הייסן, און ווען מען דאַרף — די רעד פון אַ רעוואָלוער צום מענטשנס האַרץ צוצולייגן.

און מיט דער זעלבער אָנגעשטרענגטער אחריות, וואָס ער אַליין האָט געפילט, האָט ער אָנגעשטעקט זיין אָפּטיילונג.

איינמאָל, דורכגייענדיק דורך אַ קרייז רוענדיקע סאָלדאַטן, וואָס זענען געווען אויסגעלייגט אויף די רייך־אויסגעבעטע שטולן פון גרויסן טעאַטער, האָט ער געהערט ווי די סאָלדאַטן שמועסן צווישן זיך וועגן די אוצרות, וואָס האַלטן זיך אויף ביי די „בורזשויען", וועלכע געפינען זיך

אין האָטעל „מעטראָפּאָל”. די זעלנער האָבן אפילו אין שמועס דערמאָנט ווענן ברילִיאַנטן פון צארס קרוין, וואָס די פּראָוויזאָרישע רעגירונג האָט איבערגעגעבן די רייכע „בורזשועז” פון האָטעל, כדי עס אין אויסלאַנד אַרויסצופירן.

מירקין האָט געוווּסט, אַז די אומגעדולדיקע סאָלדאַטן טרייסטן זיך פאַר זייער פּיינִיקנדיקער אומטעטיקייט מיט פאַנטאַזיעס וועגן די רייכ־טימער, וואָס עס שטייט זיי פאַר צוצונעמען ביי די „בורזשועז”, וועלכע געפינען זיך אין דעם רייכן האָטעל. ער האָט געוווּסט, אַז אָט וועגן דעם רייכטום גייען אַרום לעגענדעס ביי די זעלנער. זיי רייבן זיך שוין שמחה־דיק די הענט פאַר די פאַרמעגנס, וואָס וואַרטן אויף זיי. ער האָט גע־וווּסט, אַז אַ סך שווערער און געפערלעכער פון דעם קריג, וואָס ער וועט דאַרפן פירן מיט די „ווייסע”, ווען דער דרינגנדער מאָמענט וועט קומען, אַ סך שווערער וועט זיין צו האַלטן זיין אָפּטיילונג אין צוים ביים נעמען דעם האָטעל, אַז זיי זאָלן נישט פאַרפלעקן די רעוואָלוציע מיט אומשול־דיק־פאַרגאָסן בלוט, און נישט פאַרוואַנדלען דעם הייליקן אַקט, ווי ער האָט גערופן דעם דאָזיקן לעצטן קריג, אין אַ רויבעריי.

ער האָט נעקלערט וועגן פלענער, ווי אַזוי דאָס אויסצומיידן. ער פלעגט צפּט וועגן דעם רעדן מיט די סאָלדאַטן און אַרבעטער. זייער אָפּע־נער, ציניש״ער געשפּרעך וועגן רויבן און מאָרדן האָט אים דערצאָרנט.

מירקין האָט זיך אַוועקגעשטעלט נעבן זיי:

— שעמט איר זיך נישט, חברים, צו רעדן וועגן דעם? וואָס זענען מיר? צי זענען מיר פאַראַנטוואָרטלעכע רויטע גוואַרדיסטן, וואָס מאַכן רעוואָלוציע, אָדער אַ רויבער־באַנדע? איך מאַך אייך אויפמערקזאַם, חברים, אַז יעדער פּרווו צו קאָמפּראָמיטירן אונדזער הייליקע זאַך וועט ווערן באַטראַכט פאַר אַן אַקט פון קאָנטר־רעוואָלוציע, און איר ווייסט וואָס מען טוט דערפאַר מיט אַזעלכע!

די סאָלדאַטן זענען געוואָרן פאַרשעמט און האָבן געשוויגן.

מירקין האָט געוווּסט, אַז די אויפגאַבע וועט זיין אַ שווערע. און שוין דאָ, זייענדיק איינגעשלאָסן אין גרויסן טעאַטער, האָט ער געזוכט עצות, ווי אַזוי דאָס אויסצומיידן. דער איינציקער וועג איז נאָר געווען אויפצוקלערן די זעלנער און צו געפינען פאַרשטענדלעכע חברים, וואָס זאָלן איבּ העלפן אין דער דאָזיקער אויפגאַבע.

צווישן די סאָלדאַטן אין גרויסן טעאַטער האָט זיך געפונען דער „רויטער" סימאַשקאַ. „רויטער" האָט מען אים גערופן צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, איז ער טאַקע געווען רויט, מיט ווייס־רויטלעכע פלאַקסענע האָר, וואָס האָבן תמיד אויסגעזען ווי געצוואָגענע פון רעגן. זיי זענען אַראָפּגעפאַלן פון זיין ברייטן קאָפּ אויף זיין ווייס־הויטיקן, מיט זומער־שפּרענקעלעך באַשפּריצטן שטערן און קאַרק. ווייס־רויטלעכע ברעמען האָבן באַשירעמט זיינע גרויסע, בלויע, קינדיש־נאַאיווע אויגן. אַ שיטערע, ציטריקע ווייס־רויטלעכע האָר־שפּראָצונג איז אויפגעגאַנגען איבער זיינע געזונטע רויט־הויטיקע באַקן און קין, ווי יונג־גראָז נאָך אַ רעגן. עס איז געווען אַזוי ווי סימאַשקאַס ווייסער קערפּער וואָלט נישט אויפגענומען אין זיך קיין שמוץ און קיין שטויב. נישט געקוקט אויפן אַכטטאָגיקן אַרומוואַלגערן זיך איבער די קופּעס טעאַטער־שמאַטעס פון אויסגעדינטע „קעניג ליר"־קליידער, אויף וועלכע די סאָלדאַטן זענען געשלאָפן, האָט געיאָגט אַ פרישקייט פון סימאַשקאַס געזונטן קערפּער, ווי די פרישקייט פון אַ געזונט פעלד.

סימאַשקאַ האָט שטענדיק געמאַכט אַן איינדרוק, ווי אַ געבאָדענער אין דער מאָרגן־דיקער טוי־גרויקייט. ער האָט מיט זיין געזונט לייב דערמאָנט די לאַנדשאַפט, פון וועלכער ער קומט. ער איז געווען ווי אַ יונגער, ווייס־געפּלעקלטער בזשאָזע־בוים, וואָס שטייט אין יונגן וואַלד פון זיין פעטער וואָלינער ערד, און עס הויכט איבער זיינע גרינע, אַראָפּפאַלנדיקע מיידל־צווייגן דער טויאיקער מאָרגן־פּראָסט.

סימאַשקאַ האָט שטענדיק געלאַכט און איז שטענדיק געווען אין אַ פרייליכער שטימונג. האָט ער אַפילו געמעגט אָפּטון אַ בלוטיק שטיקל אַרבעט, האָט ער אַלץ דערביי געלאַכט. און ער האָט טאַקע אָפּגעטון שרעקלעכע זאַכן. דערפאַר האָט מען טאַקע געביטן זיין נאָמען פון סימאַשקאַ דעם „ווייסן", ווי מען האָט אים צוערשט גערופן, אויף סימאַשקאַ דעם „רויטן".

דורך די פּאָר יאָר וואָס סימאַשקאַ האָט זיך געפונען אין די מלחמה־גריבער, דורך דער געוווינהייט צו קריכן איבער מענטשן־פּגרים, אַריבערלויפנדיק פון איין גרוב צום אַנדערן אויפן מלחמה־פעלד, איז ביי אים ביליק געוואָרן אַ מענטשנס לעבן, פּונקט ווי די באַניע־קערלעך, מיט וועלכע זיינע קעשענעס זענען תמיד געווען אָנגעפּילט. צו הרגענען אַ מענטש,

א רעוואָלווער־רער צו א ברוסט צוצושטעלן, אָדער ווען מען דאַרף אפילו מיט די אייגענע הענט דערשטיקן, איז אים אזוי לייכט אָנגעקומען, ווי א באַניע־קערל אויפצוקנאַקן. דערביי פלעגט סימאַשקא קיינמאָל נישט בייזן זיין. דער נאַאיווער, קינדישער בליק איז פון זיינע אויגן נישט אויסגע־לאָשן געוואָרן, און דער ברייטער שמייכל פון זיין סימפּאַטיש רויט מויל איז נישט פאַרשוואונדן.

דעם דאָזיקן סימאַשקא האָט זיך מירקין פאַר א חבר אויסגעקליבן. ער האָט דערפילט, אז אין סימאַשקאַן לעבט, נישט קוקנדיק אויף זיין וויל־יונגערישקייט, א שטאַרקער אחריותדיקער א נכטינקט. סימאַשקא האָט עס אַרויסגעוויזן ביי יעדער געלעגנהייט, ווען מען האָט אים עפּעס אָ.פּאַר־טרויט: ביי דער וואַך, צי אויף אַן אויסשפּיר־פּאָסטן.

צוערשט איז סימאַשקא געקומען צו די באָלשעוויקעס אויס וויל־יונגערישקייט. די באָלשעוויקעס הייסן נישט פאָלגן די עלטסטע, די באָלשע־וויקעס הייסן פון פראָנט אנטלויפן, די באָלשעוויקעס ווילן אָפּנעמען דאָס גאַנצע רייכטום ביי די רייכע און עס צעטיילן צווישן די אָרימע. און אָרימקייט האָט זיך סימאַשקא אָנגעזען אין זיין לעבן ביי זיך אין דאָרף געננוג: ביי זיין פאָטער, ביי זיינע אייגענע. א גוטע זאַך אָפּצונעמען די רייכע ערד פון די פריצים און זי צווישן די אָרימע פויערים צעטיילן. שפּע־טער אָבער, ווען סימאַשקא האָט זיך צוגעהערט צו די פּראָקלאַמאַציעס, וועלכע מען האָט פאַר אים פאַרגעלייענט (אליין האָט ער, נעבעך, נישט געקאָנט), צוגעהערט זיך צו די רעדעס, צו דעם אמפּערן זיך פון די פּאַר־טייען אין גובערנאַטאָרס הויז — האָט סימאַשקא אַרויסגעפילט, אז דער עסק פון די באָלשעוויקעס איז א פיל טיפערער און א פיל וויכטיקערער, ווי ער האָט געמיינט. ער פאַרשטייט עס טאַקע נאָך נישט אזוי אינגאַנצן, אָבער זיי דאָרטן אויבן אויף דער פּלאַטפאָרמע — זיי ווייסן דאָס. און ווי אמאָל פאַרן הייליקן שוואַרצן מיכאַאיל אויפן בילד, אזוי האָט סימאַשקא אָנגעהויבן צו גלויבן און צו האָבן דרך־ארץ פאַר יעדן איינעם דאָרט פון דער פּלאַטפאָרמע מיט די צעשויבערטע האָר און אָנגעוואַקסענע בערד. זיי ווייסן, וואָס דאָס איז. א זאַך איז עס א גרויסע און א וויכטיקע. דו פאַרשטייסט עס נאָך נישט אינגאַנצן, אָבער דאָס מאַכט נישט אויס.

— חבר סימאַשקא, ווייסט איר וואָס מיר טוען אזעלכעס? — פרעגט אים מירקין.

— פאַרוואָס זאָל איך נישט וויסן? מיר מאַכן רעוואָלוציע, באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע.

— און וואָס איז עס אַזוינס באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע?

— דאָס ווייס איך שוין נישט, דו ווייסט עס. נאָר אַ זאַך איז דאָס אַ וויכטיקע און אַן ערנסטע, — לייגט צו סימאַשקאַ מיט יראת־הכבוד.

— חבר סימאַשקאַ, — איר ווייסט דאָך, אַז מיר מאַכן די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע פאַר אַלעמען, פאַר גאַנץ רוסלאַנד — אפשר פאַר דער גאַנצער וועלט. פאַר אַלע אָרימע און אונטערדריקטע. פאַר אַלע, וואָס זענען ביז איצט געווען געיאָגט און געפּלאָגט. מיר מאַכן די רעוואָלוציע, — זאָגט אים מירקין, — כדי זיי צו באַפרייען פונעם האַרישן יאָך.

— געוויס ווייס איך דאָס! — ענטפערט סימאַשקאַ.

— נישט פאַר מיר און נישט פאַר דיר. נישט דערפאַר, כדי מיר זאָלן עפּעס האָבן דערפון אין אונדזערע טאַשן אַריינצושטעקן, נאָר פאַר אַלעמען. נישט וואָר?

— געוויס אַזוי, ווי דען אַנדערש? — זאָגט סימאַשקאַ אין טיפן ערנסט.

— און היינט האָב איך געהערט סאָלדאַטן רעדן, אונדזערע סאָלדאַטן, רויטע גוואַרדיסטן, אַז ווען מען וועט נעמען דעם „מעטראָפּאָל״, וועלן זיי באַראַבעווען די „בורזשועז״ און צונעמען דאָס געלט מיט די בריליאַנטן פאַר זיך.

— אָ, דאָס איז נישט גוט. דאָס דאַרף מען נישט צולאָזן! — זאָגט סימאַשקאַ, און שמייכלט דערביי מיט אַ קאַלטן שמייכל.

— אָן אַ באַפעל דאַרפן מיר גאָרנישט רירן ביי די „בורזשועז״! מיר דאַרפן זיי אָפּלאָזן און אַוועקשיקן, כדי נישט מאַכן צו שאַנד די רעוואָלוציע! פאַרשטייט איר, חבר סימאַשקאַ! כדי צו באַווייזן, אַז מיר זענען נישט קיין באַנדע רויבערס, וואָס גייען ראַבעווען, נאָר רעוואָלוציאָנערן, רויטע גוואַרדיסטן. מיר טוען דאָס פאַר אַ הייליקער זאַך, נישט פאַר אייגענע נוצן. אַז עס וועט קומען דערצו, וועלן מיר עס שוין ביי זיי צונעמען דורך אַ פּריקאַז. אָרדענונג מוז זיין, נישט וואָר, סימאַשקאַ?

— ווי דען אַנדערש? אויף דעם ביסטו דאָך אַ קאָמיסאַר. דו האָסט דעם באַפעל, און מיר דאַרפן דיך פאָלגן. אַזוי האָט מען אונדז געזאָגט. מען דאַרף טון, ווי דער באַפעל איז. אָרדענונג איז אָרדענונג.

— און איר וועט מיר דערין צוהעלפן?

— ווי דען אנדערש? דו דארפסט נאָר באפעלן. מיר זענען מחויב דאָס צו טון.

— חבר סימאשקאָ, איר זענט אַ גוטער רויטער גוואַרדיסט. נישט אַלע זענען אַזעלכע פאַרנעמענדיקע, ווי איר. מען דאַרף מיט די חברים רעדן, אויפקלערן זיי, אַז מען טאָר נישט מאַכן די רעוואָלוציע צו שאַנד. פאַרשטאַנען?

— ריכטיק! — זאָגט סימאשקאָ און שטעלט זיך פאַר מירקינען מיט גרייטקייט צום באַפעל.

און סימאשקאָ האָט די חברים־זעלנער איבערגעגעבן מירקינס רייד אויף זיין שטייגער, אויף זיין לשון, אין זיין אויסטייטש, מיטן קאַלטן שמייכל אויף די שיינע ליפּן, און די חברים־סאָלדאַטן האָבן פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט...

***

אויפן טעאַטער־דאַך, צווישן די בוידעם־פענצטערלעך, איז געווען אויסגעשטעלט דאָס מאַשין־געווער. בחינם האָט מירקין געוואַרט די פּאָר טעג אויף אַ באַפעל אָנצוהייבן די אָפּעראַציעס. דער באַפעל איז נישט געקומען. אין דער ערשטער צייט האָט ער געהאַט פאַרבינדונג מיטן גובערנאַטאָרס הויז. עס איז אים געלונגען שליחים דורכצושלייכן דורך די „ווייסע" פּאַטרולן אין גובערנאַטאָרס הויז אַריין מיט ראַפּאָרטן. צייט דעם 28סטן איז ער אַ גאַנצן טאָג געווען אָפּגעשניטן. די אַרויסגעשיקטע קוריערן זענען נישט צוריקגעקומען. דער טעלעפאָן, וואָס האָט געזאָלט אויף אַ געהיימען אופן צו וויסן געבן, ווען אָנצוהייבן די אָפּעראַציעס, האָט געשוויגן. ער האָט מורא געהאַט זיך צו פאַרבינדן מיטן גובערנאַטאָרס הויז דורכן טעלעפאָן, כדי די ווייסע גוואַרדיסטן זאָלן נישט אויסגעפינען וועגן זיין באַהעלטעניש.

ער האָט פון זיין באַהעלטעניש געזען, ווי עס פלאַמען־אויף די „ווייסע" פּולעמיאָטן צום גובערנאַטאָרס הויז. ער האָט געוווּסט, אַז די לאַגע איז ערנסט, און אַז דאָס נעמט מען זיך צום „רעוואָלוציאָנערן קריגס־קאָמיטעט". אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין דירעקטיוון. נאָר די קאַלטבלוטיקייט זיינע האָט אים אָפּגעהאַלטן נישט אָנצונעמען קיין פּריציייטיקע

שריט. ער האָט באַשלאָסן, וואָס עס זאָל נישט זיין, אויסצוהאַלטן זיין פּאָזיציע.

אַזוי זענען דורכגעגאַנגען טעג אין וואַרטן, געבט אין אויסהאַרן. די נערוון זענען געוואָרן אָנגעשטרענגט ביז צום פּלאַצן. עס האָבן שוין אויסגעפּעלט כוחות. די סאָלדאַטן זענען פאַר אומגעדולדיקייט און וואַרטן אין אומטעטיקייט געווען אַזוי דעמערווירט, אַז נאָר חבר סימאַשקאָס קאַלטבלוטיקייט ... שמייכל און דער רעוואָלווער אין דער האַנט האָט זיי געקאָנט האַלטן אין שפּאַן.

אַ, יענע נאַכט פון אַכט און צוואַנציקסטן אָקטאָבער, ווען עס האָבן זיך פון סקאָבעלעוו-פּלאַץ דערהערט די באָמבען-אויסשיסן! מען האָט דערקענט, אַז דאָס זענען „די רויטע“. מען האָט געזען פון די בוידעם-פענצטערלעך, ווי עס ציטערן זיך אָן הייזער פון די באָמבעס. דאָס ענטפערט־אָפּ דאָס גובערנאַטאָר־הויז אויף די פּולעמיאָטן.

אויסלייזנדיקע אויסגעשרייען האָבן זיך געהערט פון די סאָלדאַטישע בריסטן. מען האָט זיך געוואָרפן צו דעם מאַשין־געווער. מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט האָבן מירקין און סימאַשקאָ די סאָלדאַטן צוריקגעהאַלטן. קיין באַפעל איז נישט געווען, און אָן אַ באַפעל הייסט פּריצייטיק צו ווערן אַנטדעקט דורך דעם פיינט, פרייווויליק זיך איבערגעבן דעם טויט, אָדער אין געפאַנגענשאַפט.

ציט דאָס וואַרטן דאָס חיות פון די ביינער אַרויס, טויט־אָפּ יעדע באַגייסטערונג, ווישט־אָפּ יעדן שפּור פון רעוואָלוציאָנערן ענטוזיאַזם, און מען פאַרפּלאָנטערט זיך אין אייגענע ספקות. מען פאַרגעסט דעם טעם און מען פאַרשטייט נישט מער די כוונה. דאָס לעבן און דאָס טון ווערן איבערדריסיק און אומפאַרשטענדלעך.

און מיטאַמאָל — געהיימע שליחים פון גובערנאַטאָרס הויז:

— ברידערלעך, מאַכט זיך גרייט! מען האָט אָן אייך נישט פאַרגעסן. מען ווייזט אַ סימן פון לעבן, דער טעלעפאָן קלינגט.

— יאָ, יאָ, אַלע גרייט.

— קינדערלעך, הייבט אָן!

גאָט פאָטער! ווי מען האָט זיך דאָס געגעבן אַ וואָרף צו דעם אויסגעהונגערטן מאַשין־געווער, אַזוי ווי מען וואָלט כאָטש געוואָלט דורך דער מאַשין אויסשיסן דאָס אייגענע ביסל לעבן!

עס האָט זיך פֿון אַלע בוידעם־פֿענצטערלעך אַרויס פֿון גרויסן טעאַטער אָנגעהויבן א גראַגערן און א רעגן־פּונקען. ער, מירקין, וואָס האָט זיך אָנגעזען דאָס שלעכטס פֿון מלחמה, ער, וואָס האָט פֿאַראַכט און באַרשאָלטן דעם מלחמה־געראַנגל, ווי דאָס ערגסטע און בייזסטע, ער, וואָס האָט געזען אין א מלחמה דעם אויסברוך פֿון דער מענטשלעכער חיה — ער האָט געפֿונען איצט זיין פֿריידיקע אויסלייזונג אין פֿאַרשאָלטענעם טעם און גערויש פֿון דעם מאַשין־געווער. יאָ, עס איז געווען אָנגענעם, ווי טרי־אומפֿירנדיקע מוזיק, דער פֿלינקער אָפּפּאַלנדיקער גערויש. זיין מלחמה־געשריי האָט זיך אויסגעמישט אינאיינעם מיט די געשרייען פֿון די זעלנער. זיין פֿרימיטיווער נקמה־אינסטינקט איז געוואָרן געזעטיקט. און ווי א שפּילער צום האַזאַרד־שפּיל, האָט ער זיך איבערגעגעבן צו דער זינד פֿון דער דער מלחמה. ער האָט זיך געפֿילט אויפֿגעלייזט פֿון אַלע באַנדן און איז געוואָרן א פֿונק אינעם פֿייערדיקן רעגן, וואָס האָט געשפּריצן פֿון טעאַטער־דאַך אויף די ווייסע פּאַטרולן.

דער געראַנגל אויפֿן טעאַטער־פּלאַץ האָט אָנגעהאַלטן א גאַנצע נאַכט, א גאַנצן טאָג, און ווידער א נאַכט. ביז מען האָט ענדלעך אָפּגעשטופּט די „ווייסע“, מיט דער הילף פֿון די צוגעשטראָמטע כוחות פֿון רויטע גוואַרדיסטן, וואָס מען האָט שוין צוגעשיקט פֿון פּעטערבורג צו העלפֿן די מאָסקווער חברים. זיי האָבן זיך באַפֿעסטיקט אין דער שטאָט־דומע און אין קרעמל.

דער האָטעל „מעטראָפּאָל“ איז געבליבן אָן באַשיצער.

מירקין האָט גענומען א שטאַרקע וואַך, זי אוועקגעשטעלט ביי דער טיר פֿון האָטעל־אַריינגאַנג. אַליין האָט ער זיך אוועקגעשטעלט ביי דער טיר מיטן רעוואָלווער אין האַנט און האָט אויסגערופֿן צו די צעהיצטע, אויסגעהונגערטע, פֿון מלחמה און וואַרטן צעיושעטע זעלנער און רויטע גוואַרדיסטן, וואָס האָבן זיך געריסן צום אַריינגאַנג:

— חברים! יעדער איינער, וואָס וועט זיך דערוועגן אָן א באַפֿעל אַריבערצוטרעטן די שוועל פֿון האָטעל, וועט באַטראַכט ווערן פֿאַר א קאָנטער־רעוואָלוציאָנער און אויפֿן אָרט אַנידערגעשאָסן ווערן פֿון דער וואַך!

אַז זיינע ווערטער האָבן אויף א טייל פֿון די מער צעהיצטע נישט געמאַכט דעם געהעריקן איינדרוק, האָט ער געגעבן א רוף אויס:

— חבר סימאַשקאָ, הייסט די וואַך אָנשטעלן די ביקסן!

— געהערט!

און א שטעכעדיקע וואנט פון אויסגעשטרעקטע ביקסן־שפּיזן האָט זיך אויסגעשטעלט קעגן די זעלנערשע בריסטן.

— פינף טריט צוריק! — האָט מירקין באַפוילן.

— חבר סימאַשקאָ! נעמט א פּאָר חברים און גייט אריין, לאָזט אייך פון פאַרוואַלטער פירן אין וויין־קעלער. צעהאַקט אַלע פלעשער, דרייט ארויס אַלע קראַנען פון די טונען. זעט, אַז קיין איין טראָפּן אַלקאָהאָל זאָל זיך נישט געפינען אין הויז.

— געהערט! — רופט חבר סימאַשקאָ.

ער נעמט די חברים, און זיי האַקן אויף די טיר פון האָטעל מיט די קאָלבעס — און פאַרשווינדן אינעווייניק.

די גאַנצע צייט שטייט א וואַך ביי דער טיר מיט אָנגעלאָדענע ביקסן, — מירקין, מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט אין דער שפּיץ.

באַלד הייבן זיך אָן צו גיסן דורך די אייזערנע קראַטעס פון די קליינע פענצטערלעך, וואָס זענען נידעריק, ביים פונדאַמענט, רויט־טונקעלע, ווייס־שוימענדיקע שטראָמלעך, וואָס לאָזן איבער רויטע, פעטע פלעקן אויפן טראָטואַר.

א טייל פון די סאָלדאַטן לויפן צו, ווילן מיט די היטלעך אונטערכאַפּן. מירקין רופט:

— א שאַנד פאַר רויטע גוואַרדיסטן פון רינשטאָק אויפצושעפּן!

א פּאָר חברים מיט די ביקסן שטעלן זיך שוין ביים פענצטערל. די אַנדערע פאַרשעמען זיך אַליין און טרעטן אָפּ.

עטלעכע ווייבער, אַלטע שיכורים, וואַרפן זיך מיט זייערע מיילער צום פעטן, רויט־באַגאָסענעם טראָטואַר. קיינער קוקט זיך נישט אום אויף זיי.

— געטון! — קומט ארויס סימאַשקאָ מיט רויט באַגאָסענע הענט: מען ווייסט נישט, צי פון וויין, צי פון עפּעס אַנדערש.

— חבר סימאַשקאָ, נעמט איבער די קאָמאַנדע! איר, חבר, זענט פאַראַנטוואָרטלעך, אַז קיינער זאָל אָן א באַפעל די שוועל פון האָטעל נישט אריבערטרעטן.

— איך הער! — זאָגט סימאַשקאָ און שטעלט זיך אויף מירקינס אָרט.

מירקין נעמט א וואך פון א פּאָר צענדליק באוואפנטע גוואַרדיסטן און גייט אריין אין האָטעל. דער פּאַרוואַלטער קומט אים שוין צו לויפן אנטקעגן מיט אן אונטערטעניק שמייכעלע.

— ווער איז דאָ דער פּאַרוואַלטער? — פרעגט מירקין.

— איך, חבר.

— מען וועט זיי דאַרפן אַרויסלאָזן דורך די הינטער־טירן. פאַראַן ביי אייך אַזעלכע?

— יאָ, חבר.

— עפנט זיי אויף. וווּ זענען זיי ביי אייך פאַרזאַמלט, די געסט?

— אין ביליאַרד־זאַל, חבר.

— אַרויסלאָזן וועט איר זיי איינציקווייז, פאַרשטאַנען? — זאָגט מירקין גייענדיק אין באַגלייט פון זיין וואַך אַראָפּ די טרעפּ צום ביליאַרד־זאַל.

אַז ער האָט אויפגעעפנט די טיר, האָט ער גאָר געזען איין צוזאַמענגעגאָסענע מאַסע אין שוואַרץ, צוגעקלעבט צו דער וואַנט.

— בירגער, איר זענט פריי! כדי אויסצומיידן צוזאַמענשטויסן, וועט אייך דער פּאַרוואַלטער אַרויסלאָזן איינציקווייז דורך די הינטער־טירן.

דערהערט די דאָזיקע ווערטער האָט זיך די פּאַרגליווערטע מאַסע צעשאָטן, ווי מען וואַרפט אַרויס אַרבעס פון א זאַק. אַלע זענען זיך צעלאָפן אין די ווינקעלעך. עמיצער האָט דאָרט עפּעס געכאַפּט, אַנגעהויבן זיך צו דריקן צום אַרויסגאַנג.

די זעלנער, וואָס זענען געשטאַנען אַרום מירקינען, האָבן זיי אונטערגעיאָגט מיט די קאָלבעס פון זייערע ביקסן.

אין דעם איז אים אויפגעפאַלן א באַקאַנט געזיכט. א פּאָר אויגן האָבן שוין געקוקט אויף אים מיט אן אָפּגעשטאָרבענער, דערשראָקענער פאַרשטאַרטקייט. מירקין האָט פון זיי נישט אויסגעמיטן דעם בליק. די סצענע האָט געדויערט א פלינקע ווײַלע. באַלד האָט דער אַלטער מירקין געגעבן אן ענערגישן אָפּנייג פון זיין פּנים און איז פלינק געגאַנגען נאָך די אַנדערע צום אַרויסגאַנג.

— דער אַלטער איז גאָר אַלט געוואָרן, — האָט אין זיך געטראַכט מירקין.

— ארעסטירט מיך, איך בין קעגן אייך! — האָט אַ שטעכעדיקער, ווילדער, גראָער צעפּלאָשעטער קאָפּ אים געשטאַרצט אין פּנים אַריין.

— וואָס איז דאָס? — האָט מירקין געפרעגט, נישט פאַרשטייענדיק.

— ווער זענט איר?

— איך, איך —

נאָר מירקין האָט דערקענט דעם באַרימטן אַדוואָקאַט. ער האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ שמייכל:

— פאַרוואָס אַרעסטירן? איר זענט פאַר אונדז נישט געפערלעך.

דער אַדוואָקאַט האָט אים דערקענט. פאַר איבעראַשונג איז ער נישט געווען אימשטאַנד אַ וואָרט אַרויסצוברענגען פון זיין אָפן געבליבן מויל.

שוין האָט אַ סאָלדאַט דעם אַדוואָקאַט אונטערגעשטופּט.

— חבר, עס איז ביי מיר אַן אָפּגעמאַכטע זאַך. איך בלייב ביי נאַטאַשע אַנדרייעוונע. איך וויל, אַז איר זאָלט עס נעמען אין אַכט. — פאַרבייגט זיך אַ שווערפאַלטיק לייב פאַר מירקינען.

— וואָס, זיי זענען פון זינען אַראָפּ? איילט זיי צו, חברים! — זאָגט מירקין.

די סאָלדאַטן האָבן זיי אָנגעהויבן מיט די ביקסן אונטערצוטרייבן.

נאָכדעם ווי די לעצטע געסט האָבן די הינטער־טירן פון האָטעל פאַרלאָזט, ווי זיי האָבן זיך אויף אַלע פיר זייטן פון שטאָט אין דער וועלט פאַרשפּרייט, האָט מירקין באַפוילן:

— איצט לאָזט די חברים אַריין. און זאָלן זיי דעם האָטעל אביסל אונטערזוכן!

ווי אַ האָרדע פון ווילד־געוואָרענע העלפאַנטן האָבן זיך די פון אומגעדולדיקייט, פון צער און צאָרן געפּייניקטע סאָלדאַטן און אַרבעטער געגעבן אַ לאָז אויף די לעצטע רעשטן פון בופעט, אין די צימערן פון די געסט.

***

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דורך די רויטע כוחות די לעצטע „ווייסע" פעסטונג גענומען געוואָרן: דער קרעמל.

צווישן די, וואָס האָבן באַלאַגערט דעם קרעמל, האָבן זיך אויך געפונען חברטע סאָפיע און חברטע מאַסלאָווע.

נאָכדעם ווי דער קרעמל איז אויסגערייניקט געוואָרן פון די יונקערס, האָבן די חברים געפונען אַ צווייפלהאַפטיקע ראַדיאָ־סטאַציע, וועלכע די פּראָוויזאָרישע רעגירונג האָט געהאַלטן אין איינריכטן. פאַרשטייט זיך, אַז עס האָבן זיך אויף דער דאָזיקער ראַדיאָ־סטאַציע געוואָרפן די אַגיטאַטאָרן.

חברטע סאָפּיע האָט דורך איר געגעבן צו וויסן די פּראָלעטאַריער פון דער גאַנצער וועלט, אַז די רויטע פאָן פלאַקערט איבערן קרעמל, און אין אַ פייער־פלאַמיקער רעדע אויפגעפאָדערט דעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט דאָס זעלבע אין זייערע לענדער נאָכצוטון.

נאָכדעם ווי די אַגיטאַטאָרן האָבן גערעדט דורכן ראַדיאָ צו די פּראָלעטאַריער פון דער גאַנצער וועלט, אין פאַרשידענע שפּראַכן, האָט חברטע מאַסלאָווע, די פויערשע שיקסע, זיך געריסן, אַז זי וויל אויך רעדן צו דער וועלט. אַז מען האָט זי ענדלעך צוגעלאָזט צום שפּרעך־רערל, נאָכדעם ווי מ'האָט זי פאָרגעשטעלט דורך דעם ראַדיאָ „פאַר דער וועלט“, אַז איצט וועט רעדן אַ פאָרשטייערין פון רוסישן דאָרף, — איז זי געבליבן שטיין אָן לשון און נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן. ענדלעך האָט זי אָנגעהויבן אַריינצושרייען אין מיקראָפאָן מיט אַ ווייבערישער, שרייענדיקער שטימע — „וועלט, וועלט! כאַפּט דיך דער טייוול, וועלט!“

די ראַדיאָ־סטאַציע האָט נישט פונקציאָנירט, און דער מאַסלאָוועס שטימע איז געבליבן שטעקן אין קרעמל.

צווייטער טייל

קאַפּיטל 1

דער קאָמיסאַר איז דאָ!

אין פּעטראָגראַד האָבן זיך שוין געשטעלט די פייכטע נעפּלען, וואָס גייען־אויף פון די קאַנאַלן און נעמען אריין אין זיך די שטאָט, ווי אין א פייכטן שוואָם, איידער די ערשטע שניי־זאַווערוכעס קומען אָן. אין די שטובן האָט מען קאַרג געהייצט. די שכנים האָבן צעשלעפּט דאָס אָנגעגרייטע האָלץ, וואָס איז געלעגן אין די הייף, און די דרויסנדיקע פייכטקייט האָט זיך אריינגעקראָגן דורך די דיקע ווענט און פענצטער אוז עס האָט זיך געדאַכט, אז פּעטראָגראַדער נעפּלען ליגן אין די וווין־שטובן.

פּאַרלויפּיק האָט זיך זייער ווייניק־וואָס געענדערט. די געשעפטן זענען געווען אָפן. דער, וואָס האָט געהאַט געלט, האָט געקאָנט באַקומען לעבנסמיטלען פאַר גוטע פרייזן. קאַוויאַר און ווייסע פיש נאָך ווי אין די גוטע צייטן. מעל און קאַרטאָפל איז שוין געווען ווינציקער. אויפן מאַרק האָט מען נאָך באַקומען (טאַקע געהיימערהייט, ווייל מען האָט צעיאָגט די סוחרים). אָבער פאַר גוט געלט האָט מען עסנווארג געקאָנט קויפן.

ס'האָבן זיך געפונען „זעק־מענטשן", וואָס האָבן זיך נעפעדערט אין די דערפער און אָפּגעקויפט פראָוויאַנטן ביי די פויערים. איז געווען ווי פריער, ערב אָקטאָבער: דער, וואָס האָט געהאַט געלט, האָט געגעסן; דער וואָס האָט נישט געהאַט, האָט געהונגערט.

אין שטאָט האָבן זיך אָנגעהויבן זאַמלען פאַרשידענע פאַרדעכטיקע עלעמענטן. מען איז געקומען צולויפן פון פראָנט, פון די דערפער ארום, אנגעלאָדענע מיט בייזער ענערגיע, גרייט אויף אַלצדינג. די נייע לאַגע,

וואָס האָט זיך געשאַפן, האָט זיי צוגעגעבן מוט, און זיי האָבן געמיינט, אַז מען מעג אַלצדינג טון. עס האָט נאָך געהערשט אַ בין־השמשות־שטימונג. די אַלטע אויטאָריטעט איז געשטאָרבן, די נייע האָט נאָך נישט אַריינגענומען די לייצעס אין די הענט. צוויי כוחות זענען פאַרהילט געווען אין די נעפּלען, וואָס זענען שווער געלעגן איבער דער הויפּטשטאָט. איינער איז דאָרט געשטאָרבן, דער אַנדערער איז דאָרט געבוירן געוואָרן. דערווייל איז די מדינה און די שטאָט געבליבן אָן השגחה.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ באָיקאָט קעגן נייעם רעזשים. אַלע האָבן זיך אויסגעשטרעקט די הענט אין געמיינשאַפטלעכן קאַמף קעגן די חוצפּהדיקע פאַרכאַפּער; אַלע, פון די מענשעוויקעס ביז צו די רעכטע. די באַאַמטע, וואָס זענען געבליבן שטעקן אין זייערע ביוראָס פון די אַלטע צאַרישע צייטן, האָבן סאַבאָטירט די נייע מאַכט. געוואָרפן זייערע טישן און איבערגעלאָזט די געריכטן, די מאַגיסטראַטן, די תפיסות אפילו, אָן אויפזעערס, און די, וואָס זענען איבערגעבליבן, זענען נאָר דערפאַר געבליבן שטעקן אין זייערע לעכער, כדי פון דאָרטן צו קאָנען אונטערגראָבן די באָלשעוויסטישע אויטאָריטעט. די ראַדיקאַלע פּאַרטייען האָבן זייערע מענטשן צוריקגעצויגן פון זייערע אמטן. די גרויסע סוחרים האָבן אָנגעהויבן צוריקהאַלטן זייערע סחורות אין פרעמדע האַפנס, ביי די גרענעצן פון פרעמדע מדינות. אַלץ איז געווען פאַרנומען אין די ערשטע טעג נאָך דער אָקטאָבער־איבערקערעניש מיט דעם, ווי אַזוי אַריבערצופּעקלען דאָס ביסעלע האָב־און־גוטס אין אויסלענדישע בענק. בחינם האָבן די נייע באַלעבאַטים אויסגעשטרעקט די הענט, געבעטן זיך, אַז מען זאָל זיי העלפן אָרגאַניזירן די נייע רעגירונג. אַלע האָבן זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו די נייע הערשער און איבערגעלאָזט זיי די מאַכט, וואָס זיי האָבן פאַרכאַפּט. די לאַגע האָבן אויסגענוצט די צווייפלהאַפטע עלעמענטן. זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם נעכטיקן „בורזשואַזנעם” אַנצוג, אָנגעטון אַ שוואַרץ העמד, זיך געלאָזט אָנוואַקסן אַ פּאָר־טעגיקע באָרד, גענומען אַן „אָרים”־יחוס־בריוו אין טאַש. אַוועק ווו מ׳דאַרף און זיך געמאָלדן: איך שטאַם פון אָרימקייט. בין שטענדיק געווען פאַר דער רעוואָלוציע. בין גרייט אָנצובאָטן מיינע דינסטן דעם פּראָלעטאַריאַט.

אַזאַ האָט פאַרנומען אַ טיש אין אַ ביוראָ און איז געוואָרן אַ הערשער איבער מענטשן.

די לאגע איז געוואָרן וואָס א טאָג ערגער. אוקראַינע און אדעס האָבן אויפגעהערט צו שיקן ברויט, קיעוו — צוקער, מאָסקווע — לייוונט, באַקו נאַפט. און אפילו די וואָלגע האָט אויפגעהערט צו פיטערן די הויפט־שטאָט מיט פיש און קאַוויאַר. די געוועלבער זענען אויסגעליידיקט גע־וואָרן. אַ״ן, וואָס איז געווען צו קריגן, פון א העמד ביז א נאָגל, האָט מען ארויסגעבאַפט פון די הענט. די נגידים האָבן אין די שטיבער אָנ־געגרייט פּראָוויאַנטן. שפּעקולאַנטן פעדערן זיך גאַנץ פרי אין די דער־פער. מען ברענגט צופירן אויף די גאַסן אויף קליינע שליטנס אביסל מעל, א פּאָר שטיק׳עך האָ״ץ. אויף די אַלטוואַרג־מאַרקן באַווייזן זיך די ער־שטע מענטשן אויסצוטוישן זיידענע שפּיצן־העמדער אויף א טאָפּ קאַר־טאָפל. איבער די פעטערבורגער גאַסן שלעפּט זיך א פויערשער שליטן מיט א זאַק ראַזשעווע מעל צום ווינטער־פּאַלאַץ. דער פויער פרעגט זיך נאָך אויפן „נייעם צאַר". ער האָט געהערט, אז דער נייער צאַר פון רוס־לאַנד הונגערט, האָט ער אים א זאַק ראַזשעווע מעל געבראַכט. מען שיקט אים פון ווינטער־פּאַלאַץ צום „סמאָלנע". אויף מאָרגנס צעפּויקן עס די רעגירונגס־צייטונגען און ברענגען א ראיה דערפון, אז „דער נייער רע־זשים באַפעסטיקט זיך ביים פאָלק".

די אַנגעלאָפענע שוואַרצע עלעמענטן נוצן אויס די סיטואַציע פון אַנפאַלנדיקן הונגער. עס זאַמלען זיך די כוחות אויף די עקן שטאָט. מען האָט מורא פאַר אומרוען. די נייע מאַכט שיקט ארויס פּאַטרולן מיט קאָ־מיסאַרן איבער די האָטעלן, איבער די רעסטאָראַנען. די ערשטע זאַך מוז מען פאַרניכטן די אַלקאָהאָלישע געטראַנקען. עס איז נאָך קיין שיעור נישטאָ צו די וויינען און שנאַפּסן, וואָס געפינען זיך אין דער שטאָט פון „באַאמטע און צאַרן". פון דורות און דורות האָבן זיך אָנגעזאַמלט שיכרות און זנות אין עפנטלעכע און פאַרבאָרגענע לעכער. פון קעלער־פענצטער גיסן זיך איבער די טראָטואַרן אין די רינשטאָקן אריין רויטע, פעטע שטראָמען פון שנאַפּסן און וויינען. וויים־שוימענדיקער שאַמפּאַניער בלעזלט זיך איבער די שטיינער. שיכורים און בעטלער וואַרפן זיך מיט די מיילער צו די רינשטאָקן. ווייבער לעקן אויס מיט די צינגער די רוי־טע, פעטע שטראָמען. פון די בתי־זונות האָט דער הונגער די נקבות ארויס־געטריבן. דער פראַכט און גלאַנץ פון די צאַרן וואַלגערט זיך איבער די גאַסן...

די נויט, ווי א פארפלייצונג, דרינגט אריין צוערשט אין די נידע־ריקע קעלערס. מען שווין אפילו זיין נאך „אקטאבער״, אבער די ארימע זענען די, וואס הונגערן צוערשט. דער הונגער נאך ברויט און לייוונט שטארקט זיך פון טאג צו טאג. עס קלייבן זיך דעפוטאציעס צום „סמאל־נעם״.

— ווו איז די ישועה, ווו איז דאס לעקעכל, וואס „אקטאבער״ האט צוגעזאגט?

דער מאן מיט די מאנגאלישע אויגן לאזט זיי זאגן:

— ביי וועמען בעט איר? אלץ איז אייערס: די געוועלבער, די מא־גאזינען, די הייזער און די פאלאצן. גייט נעמט אייך דאס, וואס איז אייערס.

דער מאדאמס בודואר איז, ווי תמיד, היימיש און אנגענעם. עס שטייען נאך די לואי זעכצנטער ווייבעריש־חנעוודיקע קאנאפּלעך און פאטעלן, אין שויבן־שענקלעך מיט דעם „ענגלענדערס״ (דורך יארן צו־זאמענגעשלעפּט געהיימע ליבעס־געשאנקען פאר אלגע מיכאילאוונע) פער־טערבורגער און אויסלענדישע פארצעלאיען. דאס צימער איז אויך דאס איינציקע, וואס ווערט געווארימט אין דער גאנצער גרויסער האלפערינ־שער ווינונג. אן אלטע, מישענקעס אם, איז געווען די איינציקע, וואס איז איבערגעבליבן פון דער צעלאפענער דינערשאפט, זי לעבט גוט מיטן אויפזעער פון הויז (ווי עס הייסן איצט די אמאליקע „דווארניקעס״), און פאר א גוטן מתנת־יד נעלינגט איר פון צייט צו צייט צו באקומען פון אויפזעער האלץ צו באהייצן די שטוב. אין דעם קליינעם ווינקל האבן זיך באזעצט שווער און איידעם, באלד ווי זיי זענען צוריקגעקומען קיין פעטערבורג נאך די מאסקווער געשעענישן.

דער אלטער מירקין, ווי א געניטער סוחר, האט געוווסט, אז ער וועט זיך נישט לאנג פרייען מיט זיין „אסאבניאק״, וואס ער האט גע־האט ביים פינלענדישן באנהויף. האט ער אליין איבערגעגעבן זיין בא־קוועם איינגעארדנט הויז, מיט אלע אנטיקע מעבל, פאר א קינדער־היים. ער האט ארויסגענומען פון דארטן זיינע און זיין ווייבס פערזענלעכע זאכן און אריבערגעצויגן זיך צום שווער. די פרויען זענען געבליבן אפּ־געשניטן אין סאוואז. קיין קאמוניקאציע מיט זיי איז נישט געווען מעג־לעך, סיי בריוולעך, סיי טעלעגראפיש, כדי נישט ארויפציען א חשד, אז

מען זוכט זיך צו פֿאַרבינדן מיט די פֿיינטלעכע כוחות, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן צו קאָנצענטרירן קעגן דער נייער מאַכט אין דרום. האָט דער אַלטער מירקין איבערגעלאָזט זיין יונגע פֿרוי און זיין ניי־געבוירענעם זון צו זייער אייגענעם גורל, אַזוי ווי עס האָט געטון זיין שוועה, דער אַד־וואָקאַט האַלפּערין, אַזוי ווי עס האָבן געטון אַלע אַנדערע מענער, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין דער זעלבער סיטואַציע, — ביז עס וועלן אָנקומען בעסערע צייטן, אויף וועלכע אַלע האָבן נישט אויפֿגעהערט צו האָפֿן, צו גלויבן, צו דערוואַרטן.

מישענקע, דעם אַדוואָקאַטס זון, געפֿינט זיך נאָך אויפֿן פֿראָנט ביי זיין פּלי־אָפּטיילונג, ווו ער האָט לעצטנס, צייט קערענסקיס אָפֿענסיווע אויפֿן גאַליציִשן פֿראָנט, זיך באַטייליקט אין שלאַכטן. די מיליטערישע אָפּעראַציעס זענען שוין אָפּגעשטעלט, די שלום־פֿאַרהאַנדלונגען פֿאַרציִען זיך אין בריסק. זענען שוועה און איידעם געבליבן אַליין אין דער גרויסער וווינונג. דער אַלטער מירקין פֿאַרנעמט זיך מיט זיין געשעפֿט, ווי גע־וועגלעך. נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן, גייט ער יעדן טאָג אין זיין קאַנטאָר און דערוואַרט יעדן טאָג צו ווערן אַרויסגעוואָרפֿן. נאָר כּל־זמן מען לאָזט אים, שטייט ער אויף זיין פּאָסטן. פֿאַרלויפֿיק איז אַלצדינג געגאַנגען לויט דער רוטין. דער אַלטער מירקין, צעבראָכן פֿון די געשעענישן, באַלאָדן איינגאַנצן מיט די זאָרגן וועגן מאָרגנדיקן טאָג, האַלט זיך דאָך מונטער און מיט זיך צוצופּאַסן זיך צו דער נייער לאַגע.

אַנדערש פֿון אים איז דער באַרימטער אַדוואָקאַט האַלפּערין. זינט ער האָט איבערגעלעבט די טויט־שרעק אויף די מאָסקווער גאַסן, קאָן ער נישט קומען צו זיך. ער איז אַריינגעפֿאַלן אין אַפּאַטיע און יאוש. עס העלפֿט נישט דעם איידעמס אָפּטימיסטישע האַלטונג. דער אַדוואָקאַט, אין זיין שלאָף־ראָק, די צעפּלאָשעטע גראָע האָר און באָרד נישט צוגע־קעמט, זיצט אין זיין ווייבס צימער און קולט ערגעץ־ווו מיט זיינע גרויסע אויגן, ווי ער וואָלט געווען דערזען דעם אָפּגרונט, וואָס האָט זיך אויפֿ־געעפֿנט פֿאַר רוסלאַנד.

ער האָט פֿון ערשטן טאָג אָן (ווי איבעריקנס דער גאַנצער קרייז, צו וועלכן ער האָט באַלאַנגט) אָפּגעזאָגט זיך פֿון יעדער צוזאַמענאַרבעט מיט דעם נייעם רעזשים, כאָטש פֿון דער זייט פֿון די נייע מלוכה־מענער האָט מען געזוכט זיין מיטאַרבעטערשאַפֿט. צווישן זיי געפֿינט זיך נישט

איינער, וואָס האָט צו פאַרדאַנקען זיין קאָפּ דעם באַרימטן אַדוואָקאַט, וועלכער האָט אים אָפּגעראַטעוועט מיט זיין חכמה און צונג פון די צאַ־רישע הענקערס ביי פאַרשידענע פּראָצעסן באַלד אין דער ערשטער צייט פון דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש האָט מען נאָך געשאַ־נעוועט די מענער, וואָס האָבן געהאַט פאַרדינסטן פאַר דער רעוואָלוציע, — ווער רעדט נאָך וועגן די, וואָס האָבן זיך פאַרדינט געמאַכט ביי די מענטשן, וואָס שטייען איצט אין דער שפּיץ פון דער רעגירונג. אָבער דער אַדוואָקאַט ווענדעט זיך אָפּ פון זיי מיט פאַראַכטונג. ער האַלט פאַר אַ פאַררעטער יעדן איינעם, וואָס שטייט אין פאַרבינדונג אָדער העלפט־צו די „דייטשע אַגענטן" (ווי ער הערט נישט אויף ווייטער, אפילו עפנט־לעך, האַרטנעקיק זיי צו רופן). ער האָט נישט פאַר קיינעם קיין מורא זיינע מיינונגען אויסצודריקן גאַנץ אָפן, פאַר אַלעמען, אַזוי ווי ער וואָלט געוועז נעזוכט אַ געלעגנהייט, אַז מען זאָל אים דערפאַר אַרעסטירן. מען האָט אים איגנאָרירט. דאָס האָט אים נאָך מער פאַרדראָסן און נאָך מער פאַרביטערט. זיין גאַנצע האָפענונג האָט ער געלייגט אויף דער פאַר־שטייענדיקער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. דאָס, וואָס זיין איידעם, ווי אויך דער נאַפט־סוחר גאָלדשטיין (וועלכער האָט אויך איצט געענדערט זיין מיינונג), העלפן־צו און אַרבעטן אונטער דעם נייעם רעזשים, רופט אַרויס קאָנפליקטן צווישן זיי און דעם באַרימטן אַדוואָקאַט.

די וועלט האָט, להכעיס דער צייט, ווייטער עקזיסטירט, — איבער־הויפּט די סוחרישע וועלט: די נאַפט־, צוקער־ און טיי־סוחרים. נישט נאָר איז אַלץ געבליבן ביים אַלטן, פאַרקערט, זיי זענען נאָך איצט מער האָפערדיק־געוואָרן... „ווי לאַנג וועלן זיי גאָר אויסהאַלטן?" — האָט מען זיך געזאָגט.

די אַקציעס פון דער געזעלשאַפט „ניי־רוסלאַנד" זענען הויך גע־שטאַנען, — כּמעט אין געהיים, — גראַד ווי אין די נאָרמאַלע צייטן. פאַרקערט, פאַר דער לעצטער צייט, זינט מען איז געוואָויר געוואָרן, אַז וואָלקנס קלייבן זיך איבער רוסלאַנד, זענען די אַקציעס וואָס אַמאָל נאָך מער געשטיגן. די פּנימער זענען געוואָרן רואיקער, אויסגעשלאָפענער. אפילו די גרויסע בייכער, וואָס זענען דורך דער צייט פון דער באַלאַגע־רונג פון האָטעל „מעטראָפּאָל" געהאַט איינגעפאַלן, זענען איצט פולער געוואָרן, — אויב נישט פון גוט עסן, איז כּמעט פון גוטע בשורות און

גוטע האפענונגען. דער טיי־סוחר ראזמארין האט צוריקבאקומען זיינע אויסגעשלאפענע, אויסגעפיעשטשעטע באקן און האט זיך שוין ווידער פארגונען זיין נגידיש הוסטל, געצערטלט זיך, געשאנעוועט זיך און אנגעהויבן אויסצופירן פינקטלעך דעם דאקטארס באפעלן.

מען פלעגט, נישט קוקנדיק אויף דער צייט, ווי אמאל אין די גוטע יארן, זיך צונויפקומען אין די אוונטן ביים בארימטן אדוואקאט אין דער מאדאמס איינגעהייצטן בודואר.

אמאל, ביי א גלעזל „טיי", אן טיי און אן צוקער (כאטש עס זענען דערביי געווען אנוועזנד די גרעסטע טיי־פירמע און רוסלאנדס „צוקער־קעניג"), האט זיך ראזמארין דערלויבט צו מאכן א שפאטישע באמערקונג דעם אלטן מירקין. פארשטייט זיך, אין א לייכטער פארם, אז עס זאל נישט וויי־טון, ווי עס איז געווען זיין געוווינהייט:

— בחינם זיך צוגעאיילט, גבריאל חיימאוויטש, — האט ער אים געזאגט האלב אין שפאס, האלב אין ערנסט, — מיט זיי צו ארבעטן. ווי לאנג וועלן זיי זיך נאך האלטן? ביז צו דער גרינדונגס־פארזאמלונג!

— און וואס וועט איר טון, ווען זיי וועלן צעטרייבן די גרינדונגס־פארזאמלונג? — פרעגט דער אלטער מירקין.

— ווי אזוי וועלן זיי זיך דאס דערוועגן? — שרייט־אויף דער אדוואקאט.

— פונקט אזוי ווי זיי האבן זיך „דערוועגט" די פראוויזארישע רעגירונג צו פארטרייבן און צו פארכאפן רוסלאנד! פונקט אזוי ווי זיי האבן זיך „דערוועגט" דעם „גענעראליסימוס" איבערצוטוישן און איבערצורגעבן די גאנצע ארמיי־קאמאנדע אין די הענט פון א מאטראז, און צו פירן אונטערהאנדלונגען מיטן שונא אויף אייגענער האנט. ווער וועט זיי פארווערן זיך צו דערוועגן? איר?

— וועלן מיר אונדזערע געשעפטן שליסן, די באנקן פארמאכן, דעם קרעדיט אפשטעלן, די סחורות פארהאלטן אויף די גרענעצן, און די פארטן, דאס גאנצע ראד אפשטעלן. זאל דאס הונגעריקע פאלק אונטער זייער פענצטער קומען, און א פויסט ארויסשטעלן. די איינציקע רוט קענגן זיי איז סאבאטאזש.

דער אלטער מירקין האט זיך פארטראכט, ער איז טרויעריק געווארן.

— סאבאטאזש? איך וויל וויסן, קעגן וועמען? סאבאטירן די באל-

שעוויקעס, צי רוסלאַנד? די באָלשעוויקעס וועט איר מיט דעם וויניק־וואָס אָפּשרעקן. איר וועט זיי סאַבאָטירן, וועלן זיי אַנדערע מענטשן אָנ־שטעלן, נישט דערוואַקסענע, אומפּעאיקע. עס וועלן זיך געפינען געגנוג אַזעלכע, און דאָס לאַנד וועט נאָך דערפון נאָך מער בלוטיקן. איר האַלט אָפּ אייער טיי, אייער צוקער, איר ווילט דאָס אויסגעמוטשעטע פאָלק אויסהונגערן. און קענען וועמען, מיינט איר, וועט עס זיין פּויסט ווענדן? נישט קענען זייער פּענצטער, נאָר קענען אייערע. אויף רוסלאַנדס קאָפּ וועט עס אויסגיין, און מיר וועלן באַצאָלן דערפאַר.

— הייסט עס, אַז איר זענט וויליק צו גיין מיט זיי האַנט ביי האַנט, צו אַרבעטן פאַר זיי?

— נישט מיט זיי, נאָר מיט רוסלאַנד. נישט פאַר זיי, נאָר פאַר רוס־לאַנד. מיר טאָרן נישט פאַרגעסן, אַז דאָ שטייען נישט אין שפּיל די באָל־שעוויקעס, נאָר דאָס רוסישע פאָלק. אַז מיר וועלן אָפּהאַלטן דאָס מעל, דעם צוקער, טיי, וועלן הונגערן נישט די פאַר באָלשעוויקעס, נאָר דאָס רוסישע פאָלק. און דערנסטמאָל — ווער ווייסט, וואָס עס וועט געשען.

— נו, איז וואָס דען? זיצן און שווייגן, און זיי איבערלאָזן צו מאַכן פון אַלעמען אַ תל? — קאַכט זיך דער אַדוואָקאַט. — עס איז אַ סימן פון אונדזער געפאַלנקייט צו הערן אַזעלכע רייד.

— איר זעט דאָך, צו וואָס מיר האָבן געבראַכט רוסלאַנד! אפשר איז טאַקע איצט די צייט פאַר זיי? אפשר וועלן זיי טאַקע דאָס פאָטער־לאַנד אויף אַ ברייטן וועג אַרויספירן און מיט אים די גאַנצע געפּייניקטע וועלט, וועלכע נאַרעט זיך איצט אין קאַלוזשעס פון איר אייגן בלוט, וואָס אירע פירער און הערשער האָבן זי אַהין אַריינגעוואָרפן? אפשר שטייט טאַקע פאַר דעם רוסישן מענטש אַ נייע פאָרם פון גערעכטער אָרדענונג צו געבן און דורך דעם די וועלט צו באַפרייען? ווער ווייסט? יעדנפאַלס טאָרן מיר זיי נישט שטערן דעריין צוליב אונדזערע פאַר קאַפּיקעס. פאַר־קערט, מיר מוזן זיי ווייזן, אַז מיר האָבן זיי צוגעהאָלפן. אדרבא, פּרוווט איר. וואָלט שוין די וועלט געווען איינגעאָרדנט אויפן בעסטן אופן. ווען עס וואָלט נישט געווען מער קיין גערעכט און אומגערעכט, קיין שטאַרקע און שוואַכע, קיין צרות, קיין פּיין, וואָלט געווען אַ פאַרברעך צו מאַכן נייע עקספּערימענטן. די וועלט ליגט דאָך אָבער סיי־ווי־סיי אין דר'ערד! זאָלן זיי פּרווון זי אויפהייבן. און איך האָב נישט קיין מורא, אַז רוסלאַנד

וועט דערביי אונטערגיין. רוסלאַנד איז נישט אונטערגעגאַנגען ביי די כאַנען, ביי די ראָמאַנאָווס, וועט עס ביי די באָלשעוויקעס אויך נישט אונטערגיין. רוסלאַנד איז נישט קיין עופּהלע. רוסלאַנד איז אַ שטאַרקע, געזונטע מויד מיט אַן אייזערנעם מאָגן. זי קאָן אַלצדינג איבערקייען און אַרויסגיין דערנאָך געשטאַרקט. נישט אין די באָלשעוויקעס, נאָר אין רוסלאַנד גלויב איך. דעריבער וויל איך זיי צוהעלפן.

נאָר איידער דער אַלטער מירקין האָט פאַרענדיקט זיינע ווערטער, האָט זיך פון די ווייטערדיקע שטיבער דערהערט אַ באַוועגונג. שטאַרקע באַשטיוולטע טריט האָבן געשלאָגן אָן דער פּאָדלאָגע. די אַם איז אַריינגעקומען אַ בלייכע און געמאָלדן, אַז דער הויז־אויפזעער איז דאָ מיט אַ קאָמיסאַר און סאָלדאַטן, און זיי פרעגן זיך אויפן הער.

איידער דער עולם האָט נאָך באַוויזן צו ווערן בלייך און דערשראָקן, האָט זיך אויף דער שוועל פון דער מאַדאַמס בודואַר באַוויזן מישענקעס (דעם אַדוואָקאַטס זונס) חבר פון די אַמאָליקע גימנאַזיע־יאָרן — אָסיפּ מאַרקאָוויטש.

דער אַדוואָקאַט האָט זיך פאַרוואונדערט אומגעקוקט, וואָס מישענקעס חבר, אָסיפּ מאַרקאָוויטש, האָט זיך אַזוי געענדערט. אַנשטאָט דעם אויסגעפּרעסטן, פיין־געשניטענעם אַנצוג, מיט דער בעזש־וועסט, מיט די זאַקן, וואָס פלעגן תמיד פּאַסן צו דעם קאָליר פון זיין קראַוואַט, איז ער, מישענקעס חבר, איצט געגאַנגען אָנגעטון אין אַ ציוויל־מיליטעריש צוגעשניטענער קורטקע, אין אַ ביז צום האַלדז פאַרקנעפּלט שוואַרץ העמד, און אַ רויטע שנור פון אַ רעוואָלווער איז פאַרקניפּט ביים האַלדז, אויפן אָרט פון זיין שיינעם, געפּאַסטן קראַוואַט.

דער אַדוואָקאַט האָט געמיינט, אַז דאָ קומט פאַר עפּעס אַ טעות, אַז אָסיפּ מאַרקאָוויטש איז געקומען זיך נאָכפרעגן אויף מישענקען, און ער האָט אים שוין געוואָלט אָפּשעצן פאַר זיין חוצפּהדיקן עפענען די טיר פון אַ פרעמדן צימער. נאָר דער אַרויספאָדערנדיקער, דורכדרינגלעכער, שנצישער בליק פון דעם יונגנמאַן האָט דעם בלייך־געוואָרענעם אַדוואָקאַט אָפּגענומען דאָס לשון, אַזוי ווי דער גאַנצער געזעלשאַפט.

— וואָס איז דאָס ביי אייך? אַ פאַרזאַמלונג? קעגן וועמען קאָנספּירירט איר דאָ? קעגן דער רעוואָלוציע? — זאָגט דער יונגערמאַן, נישט

געבנדיק קיין טרייסל מיטן פנים, נאר די בלייבע גאָזלעכער שניפּן און באַוועגן זיך הויך.

— אָסיפּ מאַרקאָוויטש, וואָס איז מיט אייך? — פרעגט דער אַד־וואָקאַט אַ דערשטוינטער, און וויל געבן אַ טריט נענטער צו אים.

— איך בין פאַר אייך נישט קיין אָסיפּ מאַרקאָוויטש! האַלט אים אָפּ דער יונגערמאַן מיט אַ חוצפּהדיקער באַוועגונג מיט זיין האַנט. — איך וויל וויסן, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

דער עולם איז געבליבן אַ פאַרשטאַרטער. ראָזמאַרינס, דעם טיי־זיחרס, גרויסע באַקן, זענען ווידער שלאַבריק געוואָרן, און דאָס לעבן איז גאַר פון זיי אַנטלאָפן. נאָר דער גאַפּט־סוחר גאָלדשטיין האָט, ווי תמיד, גלייכגילטיק געשמייכלט. דער איינציקער, וואָס האָט זיך נישט פאַר־לוירן, איז געווען דער אַלטער מירקין. ער האָט באַלד דערכאַפּט וועגן וואָס עס גייט. ער האָט זיך פאַראויס געשטעלט פאַרן אַדוואָקאַט און גע־ענטפערט דעם אַריינגעדרונגענעם יונגנמאַן:

— דאָ קומט נישט פאָר קיין קאָנספּיראַטיווע פאַרזאַמלונג. איר קאָנט באַלד זען, אַז דאָ זיצן באַקאַנטע ביי אַ גלעזל טיי.

— ביי אַ גלעזל טיי? — ציט דער יונגערמאַן דאָס וואָרט מיט אי־ראָניע. — מיר וויסן וואָס אייערע גלעזלעך טיי מיינען.

— יונגערמאַן, זידלט זיך נישט. אויב איר האָט אַ מאַנדאַט, פירט אויס אייער פליכט! נאָר אָן זידלערייען, — זאָגט דער אַלטער מירקין.

— אַ שאָד, וואָס איך האָב נישט קיין מאַנדאַט אייך צו אַרעסטירן. איך האָב נאָר אַ באַפולמעכטיקונג צוצונעמען די וווינונג פאַרן פּראָלע־טאַריאַט. וויפל צימערן האָט איר?

— דאַכט זיך, צוועלף, נישט וואָר, סאָלאָמאָן? — ווענדעט זיך צום שוועה דער אַלטער מירקין.

— און וויפל איינוווינער?

— פאַרלויפיק זענען מיר צוויי, מיר דערוואַרטן אָבער אונדזערע משפחות.

— זעט איר, חברים, ווי די בורזשועס לעבן: צוויי נפשות — אין צוועלף צימערן! אַזוי האָט מען זיך געלאָזט וווילגיין אויפן פּראָלעטאַרישן סאַרק, — ווענדעט זיך אָסיפּ מאַרקאָוויטש צו די זעלנערישע חברים, וואָס האָבן אים באַגלייט. — איר, מיינע הערן, וועט זיך פון איצט אָן מוזן

באגגוגענען מיט צוויי צימערן. די איבעריקע צען פארנעמען מיר פארן פראלעטאריאט. הויז־פארוואלטער, שרייבט אויף די דירה. און איר, מיינע הערן, — ווענדעט ער זיך צו דער געזעלשאפט, — איך באדויער זייער אייער פארזאמלונג צוצעשטערן. איר וועט זיך דארפן צעגיין.

— לאזט מיך זען אייער מאנדאט, חבר, — ווענדעט זיך צו זיי דער אלטער מירקין.

דער יונגערמאן איז איצט בלייך געווארן. ער האט ארויסגענומען פון זיין אויבערשטער טאש א פאפיר און עס דערלאנגט דעם אלטן מירקין. דער אלטער ווידער האט זיך די ברילן אנגעטון, נישט געאיילט, סוחריש־מעסיק איבערגעלייענט.

— איך זע נישט פון אייער מאנדאט, אז איר זענט בארעכטיקט צו צעטרייבן א פרידלעכן באזוך ביי א פריינט. איך וועל אנגעבן אויף אייך, חבר, אז איר טרעט אריבער אייערע באפולמעכטיקונגען, — זאגט דער אלטער מירקין, און גיט אים צוריק דאס פאפיר.

— טוט וואס איר ווילט. ביי אייך איז דא געווען א קאנספיראטיווע פארזאמלונג. איך קען אייך אלע און וויים, וועגן וואס איר האט דא אונ־טערגעהאנדלט: וועגן סאבאטירן די סאוויעטישע מאכט! איך פאדער אייך אויף די מינוט זיך פונאנדערצוגיין, אז נישט — לאז איך אייך זאפארט ארעסטירן!

דער אלטער מירקין איז רויט געווארן. שווערע, גרויסע אנגסטן האבן אנגעהויבן אים ארויסצוזעצן אויפן שטערן. ער האט אנגעהויבן שווער צו העשען, געמיינט, אז ער וועט זיך שוין נישט קאנען קאנטראלירן. נאר דערלייזט פון זיין ענגשאפט האט אים דער פלוצימדיקער אויסברוך פון אדוואקאט האלפערין. האלפערין, וועלכער האט מיט חלף־גלאנציקע אויגן געקוקט אויף דעם יונגנמאן, האט זיך איצט געגעבן אווארף אויף אים אין א ברוגזנדיקן אויסברוך:

— לומפ! ארויס! צעשיסט — נאר ארויס!

מירקין איז געקומען צו זיך. ער האט זיך אין איין אויגנבליק צוריק־געפונען. דעם שווער האט ער אפגערוקט, געשטעלט זיך פאר אים און זיך אנגערופן צו דעם פאר פחדנות דערשראקן געבליבענעם בלייכן בחור:

— מיר נעמען צו קענטעניש אייער מאנדאט. דאס צימער באהאלטן מיר פאר אונדז. גייט, פירט־אויס אייער פליכט, חבר. נאר ווען איר האט

נישט קיין מאַנדאַט אונדז צו אַרעסטירן, פֿאַרדער איך אייך אויף די מינוט צו פֿאַרלאָזן דאָס צימער. איר שטערט די רו פֿון פֿרידלעכע, געטרייע סאָוועטישע בירגער. מיר אַרבעטן האַנט אין האַנט מיט דער סאָוועטישער מאַכט.

דער אויבערפֿלעכלעכער מוט איז ווי ביי יעדן פּחדן צערונען. ד'ער יונגערמאַן האָט זיך אַרויסגערוקט פֿון צימער.

— דאָס איז דער רעזולטאַט פֿון אייער סאַבאָטאַזש, — האָט דער אַלטער מירקין איינגערוימט אין אויער דעם בלייכן אָפּגייענדיקן טײ־סוחר.

— ווען אַנשטענדיקע מענטשן דערוועטערן זיך, קומט יעדער לומפּ אויף זייער אָרט.

דער יונגערמאַן איז מיטן אויפֿזעער אַרומגעגאַנגען איבערנעמען די גרויסע האַלפּערינשע וווינונג. אַז ער איז אַריינגעקומען אין גרויסן, ליכ־טיקן סאַלאָן, וואָס ער האָט אַזוי גוט געקענט פֿון זיינע אָפּטע באַזוכן ביי זיין חבר מישע, און אין וועלכן ער האָט אַזוי גערן געהאַט זיך אויפֿצוהאַל־טן, האָט ער אויך איצט נישט געקאָנט צוריקהאַלטן זיין יצר־הרע. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף איינער פֿון די טיפֿע פֿאָטער־שטולן. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער קנאה, וואָס ער האָט שטענדיק געפֿילט צו מישענקען, ווען ער האָט אים אַריינגעפֿירט אין זיין מוטערס ליכטיקן סאַלאָן. און, ווי אַמאָל, האָט ער אויך איצט אָנגעהויבן אויפֿצושניפּן יעדעס בילד, יעדן שטול, יעדן דיוואַן, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט איינאָטעמען אין זיך די לופֿט פֿון רייכקייט. אַ שמייכל האָט זיך צעגאָסן איבער זיינע ליפּן, און ער האָט זיך אָנגערופֿן צום הויז־פֿאַרוואַלטער:

— חבר, דאָס צימער נעם איך אָפּ פֿאַר מיר. מען דאַרף אָן אויג האַלטן, וואָס פֿאַרא קאָנספּיראַציעס עס קומען דאָ פֿאָר אויף דער דאָזיקער קוואַרטיר קעגן דער סאָוועטישער מאַכט.

קאַפּיטל 2

פֿאַרצעלייענע ליאַלקעס

עס איז נאָר נישטאָ קיין שיעור צו דעם מענטשנס פֿעאיקייטן צוצו־פּאַסן זיך צו סביבות. עס איז פֿאַרשוווּנדן יעדע שפּור פֿון אינדיווידועלן

לעבן אין דער גרויסער וווינונג פון אדוואקאט האלפערין. און דאך האט מען געלעבט. די שטובן זענען באלד פול געווארן מיט פרעמדע מענטשן. אין יעדן צימער איז געזעסן אן אנדער פאר. דער אדוואקאט האט אין זיין קארידאר באגעגנט פנימער, פאר וועלכע ער האט זיך מיט שרעק צו דער וואנט צוגעדריקט. עס איז אפגעווישט געווארן יעדער סימן פון פערזענלעכקייט, פון אייגנארטיקייט, מיט וועלכער די הענט פון דער איידעלער אלגע מיכאילאָוונע און פון דער קונסט־ליבנדער גינאטשקע האבן פול געמאכט יעדעס ווינקעלע פון זייער היים. די שטובן זענען פארוואנדלט געווארן אין קאזארמעס. די רויע פרעמדקייט איז געקראכן אומעטום, אין אלע ווינקעלעך, און אריינגעריסן זיך אין די אינטימסטע באהאלטענע ערטער. די קלאזעטן זענען פאראומרייניקט געווארן פון פרעמדער צואה. די וואנעס האט מען באלייגט מיט פרעמדע פעק, מיט שמוציק, פרעמד־לייביק געוואנט. אין דער קיך האט געהערשט א שטענדיקער הו־הא. עס זענען פון דארטן דערגאנגען די קריגערייען און געראנגל־געוואלדן פון די שכנטעס, וואס האבן זיך געריסן איבער אן ארט פאר זייערע נאפט־מאשינקעס אויף דער פלאטע פון דער קיך. אין די שטובן איז אויפגעגאנגען א געשטאנק פון פרעמדע עסנס. דורך די שפארעס, דורך די ווענט און טירן האבן זיך אינאיינעם מיט פרעמד־לייביקן געשווייץ, אריינגעריסן אינטימע געשפרעכן, וועלכע ווערן געפירט ביי דעליקאטע סיטואציעס. מען איז נישט ווילנדיק אריינגעצויגן געווארן צו זיין עדות ביי פארבארגענע דערלעבענישן, וואס קומען פאר אויף יענער זייט טיר... מען איז געווארן בארויבט פון יעדן פערזענלעכן לעבן. און דאך האט מען געלעבט...

אלגע מיכאילאָוונעס בודואר און זייער בשותפותדיק שלאפצימער, וואס איז געלעגן דערנעבן, זענען געווען די איינציקע היימישע ווינקלען, און פאר זיי האט דער אדוואקאט געקעמפט מיט זיין גאנצער קראפט, אזוי ווי עס וואלט זיך געהאנדלט וועגן דער ערע פון זיין הויז. אהין האט ער געשלעפט, ווי א קאץ אירע קעצלעך, יעדע קלייניקייט, וואס האט געהאט א שייכות מיט זיין איינן לעבן, מיט זיין קאריערע, מיט זיין פאמיליע. עס איז געווען אוממעגלעך אריינצוברענגען אהין זיין גרויסע ביבליאטעק. האט ער זי מפקיר געווען. ער האט נאר אריבערגעטראגן די פילע „אדרעסן“, וואס ער האט באקומען דורך זיין לאנגער אדוואקאטן־טעטיקייט פון קהילות, פון פארשיידענע געמיינדעס, פון סעקטעס, וועלכע ער האט געראטעוועט

פון דעם צאַרס נעגל. ער האָט געשלעפּט אַהין דעם ווייבס און דער טאָכ־טערס פּערזענלעכע זאַכן, — קליידער, העמדער, טואַלעטן־שטיקער, שיך, יעדע מינדסטע קלייניקייט, וואָס באַלאַנגט צו זיי, — אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז מיט דעם, וואָס ער וועט איבערלאָזן די חפצים פאַר דער פרעמדער גאַס, וואָס איז איצט פון זיין ווינונג געוואָרן, וועט פאַרשוועכט ווערן די הייליקייט פון זיין פאַמיליע.

וואָס איז וווּנדערלעך, איז דאָס, וואָס דער אַדוואָקאַט האָט מיטאַמאָל באַקומען אַ פּאַטעטישע צוגעבונדנקייט צו יעדן נישטיקן געשענק, וואָס זיין ווייבס לאַנגיאָריקער פאַרערער, נאַאום גריגאָריעוויטש ראָזאַמין האָט געטראָגן צו אָלגע מיכאַילאָוונען דורך די יאָרן פון זיין שטומער פאַרערונג צו איר. שטענדיק פלעגט דאָך דאָס דער אַדוואָקאַט פאַראַכטן, חוזק מאַכן, און ביי יעדער געלעגנהייט אויסשפּעטן די געשענקען (ער האָט געוווּסט, וואָס פאַרא פאַרבאָרגענעם סענטימענט זיי טראָגן מיט זיך). איצט, ביי דער איינזאַמקייט, האָט ער גאָר דערפילט צו זיי אַ באַזונדערע צוגעבונדנ־קייט, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען באַלאַנגט צו די אומבאַרירטע סודות פון זיין פּריוואַטן לעבן, וואָס בלויז מיטן אָנריר פון אַ פרעמדער האַנט, מיטן בליק פון אַ פרעמד אויג ווערן זיי פאַרשוועכט. ער איז אַרומגעגאַנגען אַי־בער די שטובן אַ ווילדער, מיט צעפלאָשעטע גראָע האָר און אַ פאַרוויר־טער באָרד (מען האָט זיך געשראָקן פאַרן קראַנקן בליק, וואָס האָט גע־בלישטשעט פון זיינע אויגן) און האָט געזאַמלט יעדן קאָפּע־טאַץ, יעדע זאַקסישע פיגור, יעדן סעווערער טעלער, יעדעם שטיקעלע „ווין", „דרעזדן" אָדער רוסישע פאָרצעלאַן־פיגורן, וואָס דער פאַרערער פון זיין ווייב האָט אָנגעטראָגן אין הויז. געצערטלט האָט ער זיי ברוסט־נאָענט, באַהאַלטן מיט זיך אין זיין ווינקעלע אַריין.

די אַלטע קאַטאַיעווע, וואָס מען האָט געהאַלטן די לעצטע יאָרן אין הויז אויף גנאָד־ברויט, זי איז געבליבן געטריי דעם אַדוואָקאַט. זי האָט זיך געקריגט מיט די נייע שכנים, אויסגעקעמפט איר ווינקל פאַר איר קאָך־מאַשינדל אויף דער קיך־פּלאַטע, צוגעגרייט דאָס ביסעלע עסן, אַ פּאָר קאַרטאָפל אַמאָל, מיט קראָכמאַל און פּלעווועס דורכגעזייטן רייז, וואָס מען האָט נאָך געקענט פאַר גוט געלט קריגן אין געוועלבלעך, — און זי פלעגט עס טראָגן דעם אַדוואָקאַט אין דער מאַדאַמס בודואַר אַריין.

מען האָט שוין געהייצט דעם אויוון מיט די דיקע סענאַט־אַקטן פונעם אַדוואָקאַטס ביבליאָטעק. דער אַדוואָקאַט האָט זיך לכתחילה קעגן דעם גע־ווערט, געקעמפט פאַר זיינע יורידישע אויטאָריטעטן, פאַר די ענציקלאָפּע־דיעס, פאַר די רוימישע און נאַפּאָלעאָנישע קאָדעקסן, נאָר סיי־ווי־סיי האָבן שוין די שכנים, וואָס די ביכער האָבן פאַרנומען זייער בחינמדיקן פּלאַץ, פראַנק און פריי זיי געברענט. איז עס דעם אַדוואָקאַט שוין געוועו אַלצ־איינס, וואָס פאַרא „אויף געזעץ און רעכט רוענדיקע אויטאָריטעטן" קריכן אין דעם חנעוודיקן, ברייט־בייכיקן, גלאַנציקן ווייסן קאַלך־אויוון, וואָס שטייט אין זיין ווייבס בודואַר. אַבי עס זאָל זיין וואַרים.

ער איז כמעט נישט ארויסגעגאַנגען פון זיין שטוב. ער האָט פאַר־שטעלט די טירן און די ווענט מיט ברייטע שאַפעס, פאַרהאַנגען די שפּאַ־רעס מיט טיכער, אַז עס זאָל זיך נישט פאַרנעמען דאָס, וואָס עס העדט זיך פון די אַנדערע צימערן. ער איז געזעסן ביים איינגעהייצטן אויוון, זיך געוואַרימט. אַמאָל אין אַקט, וואָס איז צופעליק ארויסגעפאַלן פון אויוון, אָפּגעראַטעוועט פון פייער, גענומען אים אין דער האַנט אַריין, זיך פאַר־טראַכט, זיך דערמאָנט אין אַלטער גלאָריע. אָדער גאָר פאַרנומען די צייט מיט פונאַנדערשטעלן דעם „ענגלענדערס" פאַרצעלייענע צאַצקעס און ליאַלקעס: די זאַקסישע פיגורלעך, די ווינער „ראָקאָקאָ"־באַמאָלטע טעפּ־לעך. ער האָט זיי באַטראַכט, געשפּילט זיך מיט זיי, ווי אַ קינד מיט אַ קינדער־שפּילצייג. ער האָט זיך ביי יעדן שטיק דערמאָנט די געלעגנהייט, ביי וועלכער דער „ענגלענדער" האָט עס געבראַכט, די געזעלשאַפטן אין זיין ווייבס בודואַר, די מיטאָג־עסנס ביי זיין טיש, די געשפּרעכן, וואָס מען האָט געפירט דערביי, די פּנימער פון די באַקאַנטע און פריינט. ער איז געוואָרן סענטימענטאַל און האָט געטראַכט וועגן דעם, אַז ער איז נישט געווען גערעכט קעגן דעם „ענגלענדער", זיין ווייבס פאַרערער...

יאָ, דער „ענגלענדער" איז אים איצט, אין זיין איינזאַמקייט, קעגן זיין ווילן, געוואָרן סימפּאַטיש, פאַרשטענדלעך און אַפילו אויך אינטערע־סאַנט... און צו אָלגע מיכאַילאָוונען האָט ער איצט דערפילט אַן אומבאַ־גרענעצטע ליבע און בעקשאַפט. ער האָט געקלערט וועגן איר גאַנצע טעג און געזאָגט: גאָט צו דאַנקען, וואָס זי איז געוואָרן פאַרשווינט פון דעם אַלעם. גוט וואָס נאַאום גרינגאַריעוויטש איז מיט איר, זי צו באַשיצן. אפשר וועט גאָט העלפן און זיי וועלן זיך ראַטעווען. די מלחמה וועט דאָך

נישט אייביק געדויערן. זי מוז דאָך אמאָל אויפהערן. אפשר וועלן די „פאַרבינדעטע״ א קריגס־שיף צו קרימער האַפן שיקן. זיי וועלן זיך ראַטעווען, ערגעץ־ווו אין אויסלאַנד לעבן. און מיט אים וואָס וועט זיין? — אים איז שוין אַלצאיינס, וואָס עס וועט זיין, אבי זיי זאָלן זיך נאָר ראַטעווען...

א שיינע זאַך, אָט די פאָרצעלייענע פיגורלעך, — טראַכט ער זיך, ווען ער קוקט אויף זיי. — א שאָד, וואָס נישט באַמערקט זיי ביז איצט. זיך נישט פאַרשטאַנען דערויף. אפשר בלייבט טאַקע גאָרנישט מער איבער אין לעבן, נאָר דאָס ביסעלע פאַרגעניגן, די קליינע, דורכגייענדע הנאות, וואָס יאָגן איבער דיר ווי א פרילינגס־ווינט, און לאָזן דיר איבער עפּעס, אין וואָס זיך צו דערמאָנען אין טרויעריקע טעג. א וואונדער, נישט באַמערקט ביז איצט, וויפל חן און גראַציע עס פאַרמאָגט אזא פאָרצעלייען וואַזעלע, — טראַכט ער און קוקט מיט בענקשאַפט אויף די פאָרצעלייענע פיגורלעך. — פיל פרויען־חן ליגט אויסגעגאָסן אין דער ליניע פון אזא פיגורל...

מיטאַמאָל איז אים באַוווסט געוואָרן, אז אייגנטלעך האָט ער דאָך גאָרנישט געלעבט. ער איז געווען אזוי פאַרנומען מיט זיין באַרימטקייט, מיט זיין קאַריערע, אז ער האָט נישט געהאַט קיין צייט פאַר זיך, זיין ווייב ליב צו האָבן, מיט זיינע קינדער זיך צו פרייען. עס האָט זיך אים איצט אויסגעוויזן, אז זיין אייגן לעבן איז אויסגערונען טראָפּנסווייז, ווי פון אַן אומגעקערט פלעשל... בשעת ער איז געווען פאַרנומען מיט זיין קאַריערע, מיט זיין גרויסקייט, מיט זיין באַרימטקייט. איצט ליגט דאָס אַלץ, ווי פאַרלאָזענע שמאַטעס, אין שטויב, און איבערגעבליבן איז גאָרנישט. נאָר אָט די שאַרבנס, וואָס יעדער פון זיי טראָגט מיט זיך א סענטימענט, א ווונטש, א פאַרבאָרגעניש. און איצט שטייען זיי דאָ, ווי שטומע עדות און שטראַלן אַרויס פון זייערע איידעלע ליניעס, — אין דער טיפעניש פון זייערע קאָלירן, אין די קנייטשן און די שמייכלען, אין דער בויגנדיקער העל־זעליקייט — די וואַרימקייט פון פאַרגאַנגענע בענקשאַפטן. און אָט דאָס איז אַלץ, וואָס איז איבערגעבליבן ווי פאַרטריקנטע בלעטער פון א זומערדיקן בוים...

ער האָט נישט באַמערקט, ווי ער האַלדזט אין זיין האַנט א דרעזדענער ווייבעריש ווייס פאָרצעלייען פיגורל, קילט זיך מיט דער גלאַטיקייט

פון פאַרצערטלייענעם לייב זיין צעהיצטן שטערן. און ער טראַכט זיך דערביי:
„אַ שאָד, וואָס נישט געוווסט דערפון ביז איצט“.

ער פאַרשעמט זיך פאַר זיינע געדאַנקען, שטעלט צוריק דאָס פאַר-צעלייענע פיגורל אויף זיין אָרט, הייבט זיך אָן צו דרייען איבער דער שטוב אַרויף און אַראָפּ. זיין אויג פאַלט אויף אַ פּאָר בלעטער פּאַפּיר פון אַקטן. אָפּגעזונקטע פון פייער, זענען זיי אַרויסגעפאַלן פון אויוון. ער הייבט זיי אויף און פאַרטיפט זיך אין זיי. דאָס זענען אַקטן פון באַרימטן רעוואָלוציאָנער־פּראָצעס, מיט וועלכן גאַנץ רוסלאַנד האָט געקאָכט. די פאַרטיידיקונגס־רעדע, וועלכע ער האָט געהאַלטן, איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ נייער טעסטאַמענט חדשים און חדשים, פון האַנט צו האַנט. די צענ־זור האָט זי פאַרווערט אָפּצודרוקן אין די צייטונגען, האָט מען זי אויף אַ העקטאָגראַף אָפּגעצויגן. פריינט האָבן זי איינער דעם אַנדערן איבער־געשיקט. ער דערמאָנט זיך זיין באַרימטן אויסדרוק, וואָס איז דענסטמאָל גע ווען אויף אַלעמענס ליפּן: „גיט אונדזער יוגנט אַן אידעאַל פאַרוואָס צו לעבן און קעמפן, און זיי וועלן זייער יוגנט און זייער ענטוזיאַזם, אָנ־שטאָט אויף דעם מזבח פון דער רעוואָלוציע, ברענגען אויף דעם מזבח פון פאָטערלאַנד“; אָדער דעם אויסדרוק, צוליב וועלכן דער פאָרזיצער האָט אים אָפּגעשטעלט (און וואָס מען האָט דערנאָך פון אויער צו אויער איבערגעגעבן): „זיי כישופט די פרייהייט, וואָס שטייט אויף יענער זייט טיר פון דער רעוואָלוציע. עפנט אויף די טיר, לאָזט אַריין די פרייהייט, און עס וועלן נישט זיין קיין רעוואָלוציאָנערן, נאָר פּאַטריאָטן“. און, ווי אַמאָל, הייבט ער אויף זיינע צוויי פינגער אין דער הויך, די טשופּרינע צעפלאָשעט זיך און צעפאַלט ווי שטראָמלעך וואַסער. שטראַלן זעצן פון זיין שטערן און אויגן. ווידער באַקומט זיין פּנים צוריק זיין קריסטוס־אויסזען, דער רוקן ווערט אויסגעגלייכט, די הענט אָנגעצויגן, דערהויבן אין דער הויך. ווידער ווערט ער צוריק סאָלאָמאָן האַלפּערין, דער „טשעמ־פּיאָן פון דער פרייהייט“, דער קעמפער פון דער מאָרגנדיקער אויפגייענ־דער זון. ווידער איז שוין גרייט אַ פראַזע זיך אַראָפּצוגליטשן פון זיינע געעפנטע ליפּן, אַ דערלייזנדיק וואָרט, וואָס זאָל אויסדריקן דאָס, וואָס טוט זיך איצט אָפּ... נאָר באַלד פאַרציט זיך צוריק אַ וואָלקן אויף זיין פּנים, די באַקן ווערן איינגעפאַלן, די אויגן גייען צוריק אין די לעבער אַריין, אַ ביטערער שמייכל וויזט זיך איבער די אויסגעבלייכטע פאַר־

שמאַכטע ליפּן. אַנשטאָט דער האָפענונגס-באַפליגלטער פראַזע, רייסט זיך אַרויס אַ פאַרשמאַכטער קרעכץ:

— פרייהייט, פרייהייט, ווער האָט געוווסט, וואָס פאַרא פּנים דו האָסט?!

מיט אַ חרטה-געפיל אויף דעם אַלעם, גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט:

— ווי לאַנגווייליק איז דאָס אַלץ!

און ער זעצט זיך צוריק צום אויוון און קוקט אין פייער אַריין. ער זעט, ווי די אַקטן, קאָדעקסן, סענאַט-באַשטימונגען זענקען, ווערן פאַר־וואַנדלט אין בלאָזלעכע שוואַרצע בלעטער. ער קאָן נאָך גאַנץ קלאָר לייע־נען די בוכשטאַבן, וואָס זענען איצט, אַנשטאָט שוואַרץ אויף ווייס, ווייס אויף שוואַרץ געוואָרן:

„דאָס הויכע געריכט באַשטימט, אין נאָמען פון זיין מאַיעסטעט, דעם אימפּעראַטאָר אַליינהערשער"...

איין בלאָז, און עס צעפאַלט זיך, און עס ווערט דערפון שטויביק אַש.

קאָדעקסן ברענען, געזעצן פאַרשווינדן, דאָס רעכט, דאָס רעכט גייט אונטער!

און עס דוכט זיך אים, אַז ער זעט די פונדאַמענטן פון דער וועלט צוזאַמענפאַלן זיך.

— די וועלט גייט אונטער! — זאָגט ער צו זיך. — מען דאַרף זוכן צו לעבן אין דער נייער, וואָס שאַפט זיך... ווען נישט — קומט אויס צו שטאַרבן.

די צווייטע מעגלעכקייט איז זיך אים פיל לייכטער פאָרצושטעלן, און ער שרעקט זיך נישט פאַר איר...

***

זיין איידעם, מירקין, באַמערקט, ווי דער אַדוואָקאַט האַלפּערין פאַלט וואָס אַ טאָג מער אַריין אין דעם קינדישן צושטאַנד. ער פּרובירט אים אַרויסצוּוועקן פון זיין אַפּאַטיע, ער מוטיקט אים מיט גוטע האָפענונגען. דער אַדוואָקאַט וויל מער נישט אַרויסקומען פון די קינדערשע יאָרן, אין וועלכע ער פילט זיך וואַרים און היימיש, דאָרט איז אים גוט. און צו

וואָס ווידער אַרויסגיין אין דער נאַקעטער, קאַלטער אַכזריותדיקייט. ווי עס איז אײַנדעראָמתן די ווירקלעכקייט?

אין דער גרויסער האַלפּערינשער ווינונג הערשט שוין איצט אומגעשטערט מײַשענקעס חבר, אָסיפּ מאַרקאָוויטש. ער אַליין האָט זיך באַזעצט אין גרויסן סאַלאָן, וווּ עס זענען געשטאַנען די בעסטע מעבל, און עס זענען געהאָנגען די „לעוויטאַנס", די „אײַוואַזאָווסקיס", די „רעפּינס". ער האָט קיין זאַך נישט געלאָזט אַרויסנעמען פון סאַלאָן.

— דאָס איז נישט אײַערס! — האָט ער אָנגעשריגן אויף דעם אַדוואָקאַט, ווען דער לעצטער האָט אין זײַן קינדערשער קליינלעכקייט, אין וועלכער ער איז אַרײַנגעפאַלן, געפּרובירט אַרויסשלעפּן דעם אָדער יענעם חפץ. — דאָס אַלץ באַלאַנגט צום פּראָלעטאַריאַט!

אין די אַנדערע שטובן האָט אָסיפּ מאַרקאָוויטש אַרײַנגעזעצט זײַן משפּחה. דער פֿאָטער, אַן אַלטער בערזע־מעקלער, אַ ייִדל מיט אַ טרוקן, אויסגעזויערט ביינערדיק גופֿל, און די מוטער, אַ גוטמוטיקע אַלטיטשקע, האָבן געוווינט נעבן אים. זיי האָבן פֿאַרנומען דאָס גרויסע עס־צימער, נאָענט צו דער קיך. די ייִדענע האָט ליב געהאַט צו באַקן און צו קאָכן. איז זי טאַקע גאַנצע טעג געווען פֿאַרנומען מיט אָנגרייטן פֿאַר איר זונדל (וואָס איז בײַ זיי מיטאַמאָל אַזוי עולה־לגדולה געווען) גוטע מאכלים פון די פּאַרשידענע פּראָוויאַנטן, וואָס ער האָט אַהיימגעבראַכט. זיי, די אַלטיטשקע, האָבן נאָך געהאַט גרויס דרך־ארץ פֿאַרן באַרימטן אַדוואָקאַט, און נאָך מער פֿאַרן אַמאָליקן גביר מירקין. ווען דער אַדוואָקאַט אָדער מירקין פֿלעגן זיך באַווײַזן, פֿלעגן די אַלטיטשקע זיך אויפהייבן פון די טיפֿע באַקוועמע פֿאָטער־שטולן, אויף וועלכע זיי זענען געזעסן. דער אַלטער מאַרקאָוויטש, וואָס איז שטענדיק געשטאַנען בײַ דער טיר פון מירקינס קאַנטאָר, אויסוואַרטנדיק אויף אַ פֿאַרדינסטל, — דער דאָזיקער אַלטער מאַרקאָוויטש, וואָס אין זײַנע ביינער איז געלעגן דער קנאַהדיקער, הכנעהדיקער דרך-ארץ פֿאַר נגידים, איז געוואָרן אַ בלייכער, אַ דערשראָקענער, ווען ער האָט דערזען דעם אַדוואָקאַט, אָדער דעם אַלטן מירקין. ער האָט זיך אײַנגעקאָרטשעט און געשמייכלט נעבעכדיק, מיט אַ רחמנות־פּנימל, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן: „איך בין נישט שולדיק". די אַלטע ייִדענע האָט, בײַם אָנבליק פון די באַלעבאַטים, מיטן פֿאַרטוך אָפּגעווישט דעם שטויב פון שטול, פון וועלכן זי איז פֿאַרן נגידישן אָנ־

בליק אראפּגעטריבן געוואָרן, און געזאָגט מיט א מחילה־בעטנדיק שמייבעלע, מיט אירע אָן־צייניקע זיאָסלעס:

— גאָספּאָדין האַלפּערין, מיר שאַנעווען אייער גוטס.

דער זון שמייסט צוריק מיט א שטרענגן בליק זיינע עלטערן אויף זייער זיץ:

— וואָס הייבט איר זיך אויף? וואָס פארע:טפּערט איר זיך? זיי זענען געזעסן אויף ווייכע שטולן. איצט זיצט איר.

— אָסיפּ־לעבן, ס'איז דאָך „פּאַסאַזשנע פּאָוויערנע" האַלפּעריון!

— מאַמע, זיץ! — באַפעלט דער זון שטרענג.

זעצט זי זיך צוריק אַנידער אויף איר זיץ, ווי אויף שפּילקעס. דער אַלטער מעקלער, איר מאַן, קאָן עס בשום אופן נישט ברענגען איבער זיך, צו זיצן אין קעגנוואַרט פון אַזעלכע חשובע לייט. דריקט ער זיך א בלייכער צו דער וואַנט.

די אַלטע מאַרקאָוויטש האָט אַפילו, אין געהיים פון איר זון, נעטראָגן צום אדוואָקאַט, אין זיין אָפּגעזונדערטן חדר, טעלער מיט נעקעכטס, וואָס זי האָט געקאָכט פאַר איר זונס וועגן. מיט א ציטערדיק האַרץ אַנגעקלאַפּט אין דער טיר צום אדוואָקאַט, מיט א גנבהשן איינלאַדונגס־שמייכעלע דערלאַנגט אים דעם טעלער מיט שפּייז:

— גאָספּאָדין האַלפּערין, עסט עס אויף, איידער מיין זון קומט.

דער בארימטער אדוואָקאַט האָט זיך באַליידיקט, זי געוואָלט אַרויסווארפן פון שטוב מיט א „פּאָשאָל וואָן". דאָך האָט ער צוגענומען דעם טעלער מיט געקעכטס. א פיל־זאָגנדיקן בליק האָט ער געוואָרפן אויף דער יידענע: אי דאַנקען, אי פאַראַכטן זי געוואָלט. דאָך האָט ער געגעסן, ווייל ער איז געווען הונגעריק.

און בשעת דער אדוואָקאַט האָט מיט דער זופּ באַגאָסן זיין באָרד, האָט זיך די יידענע אָנגערופן:

— גלויבט מיר, גאָספּאָדין האַלפּערין, אז ס'איז גלייכער, וואָס מיר זיצן דאָ ביי אייך אויף קוואַרטיר. מיר ווייסן דאָך, צום ווייניקסטנס, וועט עס זענען אמאָל געווען די האַלפּערינס.

נאָר נישט שטענדיק האָט דער אדוואָקאַט אַריבערגעטראָגן די באַליידיקונג אַזוי גוטמוטיק. עס האָט פון צייט צו צייט אויפגעקאָכט אין אים א פּוריע. האָט ער איינמאָל זיך אויפגעכאַפּט, ווי א ווילדער, אַריין

אין עס־צימער, ווו דער זון, אַסיפּ מאַרקאָוויטש, איז געווען צוגאַסט ביי זיינע עלטערן און געגעסן ברחבות די גוטע מאכלים ביים גרויסן טיש, זיצנדיק אין אַ טיפן לעדערנעם ענגלישן שטול. דאָרט האָט ער אויפגע־הויבן זיינע צוויי הענט אין פויסטן און אָנגעהויבן צו שרייען מיט אַן אוממענטשלעכער שטימע:

— פּאַדליעצעס, וואָס האָט איר געמאַכט פון רוסלאַנד! אין אַ הייזל עס פאַרוואַנדלט. פּאַדליעצעס, איר אַלע!

דער אַלטער מאַרקאָוויטש האָט אָנגעהויבן צו ציטערן. זיין אויס־געדאַרט קליין מעקלער־קערפּערל האָט זיך געטרייסלט, ווי דער לעצטער בלאַט אין הארבסט. די אַלטע יידענע האָט זיך איינגעקאָרטשעט, זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל, איבערגעלאָזט דעם אָנגעהויבענעם טעלער אויפן טיש. זיי האָבן זיך דערשראָקן פאַרן בלויזן אָנבליק פון אדוואָקאַט, פאַר די שטייענדיקע גראָע האָר, פאַר די ווילדע אויגן, וואָס האָבן געזעצט פון אים.

— זיצט! זיצט! וואָס האָט איר זיך אויפגעהויבן? — האָט דער זון געדונערט מיט זיין שטימע אויף זיינע עלטערן. און ווי דערשלאָגענע חיות האָבן זיי געפּרווט זיך צוריקשאַרן צום טיש.

— בירגער האַלפּערין, איך פאָדער אייך אויף צו פאַרלאָזן דאָס צי־מער די מינוט. איר באַליידיקט די סאָוועטישע מאַכט.

— אַ מאַכט זענט איר! גזלנים זענט איר! אַ רויבער־באַנדע. שיסט, הרגעט, דערמאָרדעט, נאַ, נאַ! — ווייזט ער אויף זיין ברוסט.

— בירגער האַלפּערין, איך וועל אייך ציען צו פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט פאַר די ווערטער, וואָס איר האָט איצט געזאָגט. איך וועל אייך שטעלן פאַרן רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל.

— שטעלט! שטעלט צום ווענטל! שטעלט, באַנדיטן, גנבים. אוועק פון מיין טיש! דאָס איז מיינס, מיינס! מיינע שטולן, מיינע טעלער, מיינע לעפל! — און דער אדוואָקאַט וואַרפט זיך אויפן טיש צונעמען די טעלער.

— דאָס איז נישט אייערס, דאָס באַלאַנגט צום פּראָלעטאַריאַט. איך וואָרן אייך איר זאָלט נישט אָנרירן קיין איין זאַך, בירגער האַלפּע־רין. איר וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר.

— מיינס, מיינס! — שרייט אויס דער אדוואָקאַט און גיסט אויס

דאָס געקעכטס, רייסט דאָס טישטוך פון טיש, כאַפּט אַ טעלער, גאָפּל, מעסער, דריקט זיי צו זיין ברוסט און לויפט צוריק אין זיין שטוב אַריין.

דעם זעלבן אָוונט האָט דער חבר אָסיפּ מאַרקאָוויטש, אין באַגלייטונג פון רויטע גוואַרדיסטן, אַנגעקלאַפּט אין דער טיר פון מאַדאַמס בורדואַר. איידער מען האָט אים נאָך געענטפערט, האָט ער זיך מיטן שטיוול אַ פרייען וועג געמאַכט.

— וואָס איז? וואָס באַאומרואיקט איר, חברים? — האָט זיי געפרעגט דער שטענדיק רואיק־בלייבנדער אַלטער מירקין, וואָס האָט זיך געפונען אינדערהיים.

— מיר פאָדערן אייך אויף אַרויסצוגעבן דאָס געווער, וואָס איר האָט פאַרשטעקט ביי זיך פאַר די שונאים פון דער רעוואָלוציע! דערנאָך וועט זיין צו שפּעט! — האָט דער יונגער מאַרקאָוויטש געזאָגט אַ בלייכער און אַ דערצאָרנטער.

— געווער? וואונדערט זיך גוטמוטיק דער אַלטער מירקין. — ווי קומט צו אונדז געווער, צו אַזעלכע צוויי אַלטע לייט, ווי מיר זענען?

— נישט אַלט גענוג די סאָוויעטישע מאַכט צו באַליידיקן.

— באַליידיקן? אַ, חבר, איר האָט צו טון מיט אַ פאַרביטערטן מענטש. איר פאַרשטייט דען נישט? — וויל דער אַלטער מירקין מאַכן דאָס צו קליינגעלט.

— מיר פאַרשטייען, מיר פאַרשטייען. דאָס, וואָס אויף דער לונג, איז אויף דער צונג. יעדנפאַלס, חברים, באַדאַרפן מיר די שטוב גוט דורכזוכן. מיר האָבן געוווג גרונט חושד צו זיין, אַז מיר געפינען זיך אין אַ נעסט פון קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן, — ווענדעט זיך מאַרקאָוויטש צו די חברים־סאָלדאַטן. — מיר הייבן־אָן. דאָ האָט איר אונדזער מאַנדאַט דערויף.

עס הייבט זיך אָן אַ דורכזוכעניש, אַ מושטערן און אַ נישטערן אין די פאַרבאָרגנסטע ווינקלען. מען האָט געעפנט די טירן פון די שענק, אַרויסגערוקט די פאַכן פון די קאָמאָדן, אַרויסגעוואָרפן פאַר דער אָפענער שיין דעם ווייבס און דער טאָכטערס אינטימסטע שטיקער וועש... טיילן אָנטועכץ, אַלגע מיכאַילאָווגעס נאָכט־העמדער באַקוקט ביים שיין פון ליכט, און מיט די הענט דורכגעמושטערט. מען האָט זיך דורכגעוווּנטשען מיט די אויגן... שוועער און איידעם זענען געשטאַנען דערביי, געזוכט אויס־

צומיידן די בליקן. מען האָט אַרויסגעוואָרפן דאָס בעטגעוואַנט פון די בעטן, אויפגעהויבן די מאַטראַצן, דערבײַ נישט געזשאַלעוועט קיין באַמערקונגען וועגן זייער ווייכקייט און באַקוועמלעכקייט...

קיין געווער האָט מען נישט געפונען. דערבײַ האָבן זיך די חברים אַנגעשטויסן אויף אַ שיעור פּאָרצעלייענע פיגורלעך און וואַזעס, אויף ווייסע דרעזדענע קאַפע-טעצלעך, און רוסישע באַמאָלטע מענטשעלעך. אַזוי פיל זענען זיי געווען. עס האָט אויסגעזען, ווי אַ קינדער־שטוב, אָנגעשטעלט מיט ליאַלקעלעך. דער חבר מאַרקאָוויטש האָט גענומען דאָס ווייסע פּרויען־פיגורל, אין וועלכן דער אַדוואָקאַט האָט זיך פריער אַזוי פאַרקוקט, און געוויזן די סאָלדאַטן:

— זעט, חברים, מיט וואָס די בורזשואַזיע האָט זיך פאַרשפּילט, בשעת מיר האָבן געהונגערט און געפרוירן.

די סאָלדאַטן האָבן באַקוקט דאָס נאַקעטע פרויען-פיגורל, געלאָזט פאַלן איינס און אַ צווייט שטאַרק וואָרט. דער חבר מאַרקאָוויטש האָט גענומען דאָס פיגורל און אַ זעץ אין דער ערד געגעבן.

דאָס איז געווען אַ סיגנאַל: איינס נאָכן אַנדערן זענען די פּאָרצעלייענע ליאַלקעלעך געפלויגן, געצילט אין אײַזערנעם טירל פון קאַלך־אויוון. איין דרעזדענעם קאַפע-סערוויז נאָכן אַנדערן, איין אַלטן ווינער טעלער נאָכן צווייטן. עס האָבן געקנאַקט אָן דער וואַנט די סעווורישע וואַזעס, דער רוסישער פאַיאַנס. אָט די אַלע מענטשעלעך, ווייבלעך, וואָס האָבן ערשט פאַר אַ מינוט אַזוי חנעוודיק קאָקעטירט מיט זייער פּאָרצעלייען לײַב, זענען איצט געלעגן אָן הענט, אָן קעפּ, און באַשפּריצט מיט זייער שאַרבן־„בלוט” דעם גאַנצן דיל.

— וואָס טוען זיי? וואָס טוען זיי? — האָט דער בלײַכער, פאַרווילדעטער אַדוואָקאַט געקרעכצט מיט קראַנקע קרעכצן און געקוקט מיט משוגע־געוואָרענע בליקן.

דער אַלטער מירקין האָט זיך אויסגעלאַכט און געזאָגט מיט אַ גוט־מוטיקן, רואיקן שמייכל צו זײַן שוועער:

— ווען עס זאָל צו פּאָרצעלייענע ליאַלקעס אויסגיין! דאָ האַנדלט זיך וועגן רוסלאַנד, סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש.

— וואָס גייט מיך רוסלאַנד אָן? — דאָס איז מײַן לעבן, וואָס זיי

צעברעכן, — האָט דער אדוואָקאט געקרעכצט פאַר זיך, פאַרשטעלט די אויגן מיט די הענט.

— זעט איר, חברים, דאָס זענען בורזשועון! די ליבּעראַלען גייען אים מער אָן, ווי רוסלאַנד. ברעכט, חברים! ברעכט! — האָט דער יונגער־מאַן צוגעגעבן מוט.

— ברעכט, חברים! ברעכט! — האָט דער אַלטער מירקין מוטיק צוגעשמייכלט, געגומען אַליין אַ ליאַלקעלע און אויך צוגעוואָרפן...

דער חבר אָסיפ מאַרקאָוויטש, די רויטע גוואַרדיסטן, האָבן אָנגעקוקט דערשטוינט אין פאַרוואונדערט דעם אַלטן מירקין און אים נישט געלאָזט איינבייסן... יעדנפאַלס האָט זיין האַלטן זיך אָפּגענומען ביי זיי דעם חשק ווייטער צו צעברעכן די פּאָרצעלייענע פיגורלעך, און זיי האָבן אָפּגעשטעלט די פאַרניכטונג.

קאַפּיטל 3

מישקע מאַלאַריעין איז ווידער אויפן פערדל

דער אַלטער מירקין האָט זיך געהאַלטן ווי אַן אַלטער דעמב, האָט זיך קעגנגעשטעלט אַלע זאַווערוכעס, וואָס האָבן געבלאָזן אויף אים, און נישט קיין וואַקל־געגעבן זיך. פאַרקערט, אין דער צייט פון געפאַר און פאַרניכטונג, האָבן זיך אויפגעעפנט ביי אים באַהאַלטענע רעזערוואַרן פון ענערגיע און לעבנס־קראַפט, וואָס זיין אָרגאַניזם האָט ערגעץ־ווו אָנגעקליבן אויף אַ שלעכטער צייט. יעדער אָרגאַניזם קלייבט־אָן אין פאַרבאָרגענע קאַמערן לעבנס־פעאיקייט און לעבנס־ענערגיע אויף אַ צייט פון באַדערפעניש. ביים אַלטן מירקין, אָבער, איז עס געווען טיפּיש פאַר זיין גאַנצן לעבנס־שטייגער. עס זענען אים געקומען צוהילף דערפאַרונג, חכמה און מענטשן־קענטעניש. זיי האָבן ביי אים געשאַפן דעם טאַקט, מיט וועלכן ער האָט זיך אויפגעפירט אין יעדער סיטואַציע. ער האָט זיך באַלד געפונען אין יעדער לאַגע און זיך געמיט צוצופּאַסן זיך צו איר.

די קראַפט האָט אים געגעבן זיין ליבע צו זיין געשעפט.

דער אַלטער מירקין האָט באַטראַכט די אָרגאַניזאַציע, וואָס ער האָט

געשאַפן צו באַזאָרגן די פּראָוואָרפּענע רוסישע באַנען מיט שוועלן, נישט בלויז פאַר אַ געשעפט, נאָר פאַרן העכסטן אידעאַל און ציל פון זיין לעבן. ער האָט געהאַלטן פון זיך, דער אַלטער מירקין. ער האָט געוווסט זיינע לעבנס־כוחות, זיינע אָרגאַניזיר־פעאיקייטן, זיין שטאַרקע האַנט, און ער איז שטאָלץ געווען מיט דעם, נישט נאָר דערפאַר, ווייל דאָס האָט אים געגעבן געלט און מאַכט. די פּרוכט פון זיינע פעאיקייטן האָט ער באַטראַכט פאַר צופעליקע און צווייט־ראַנגיקע. דער עיקר איז ביי אים געווען די אָרגאַניזאַציע אַליין אַלס אַזעלכע. אַזוי ווי ביי דעם מייסטער — דאָס חיות פון זיין קונסט, מיט וועלכער ער באַלעבט דאָס מאַטעריאַל, וואָס ער קנעט אין זיין האַנט, אַזוי זענען ביים אַלטן מירקין געווען זיינע געשעפטן.

די פירמע, וואָס זיין פאָטער האָט געגרינדעט, און ער האָט זי איבערגענומען, איר אויסגעשאָנקען זיינע פעאיקייטן, זיין ליבע, זיין גאַנץ לעבן, ביז ער האָט זי געבראַכט אויף דער מדרגה, אויף וועלכער זי שטייט איצט, אַלס דער חוט־השדרה פון די רוסלענדישע אייזנבאַנען, — זי מוז בלייבן. די אָרגאַניזאַציע, וואָס ער האָט אַרויסגערופן אין לעבן דורך אַלערליי מיטלען, דורך אונטערקויפן מיט כאַבאַר די העכסטע אָרגאַנען, דורך שיכורן מיט די מעכטיקסטע פּערזענלעכקייטן פון לאַנד, און דערהאַלטן זי, און אַנטוויקלט זי, איבערטרעטנדיק אַלע שטרויכלונגען, וואָס די רוסישע נאַכלעסיקייט, נישט־דערוואַקסנקייט, אָפּגעלאָזנקייט און שיכּורותדיקע רשעות האָבן אים געלייגט אין וועג. די אָרגאַניזאַציע, וואָס ער האָט אָפּגעהיט פון צעפאַלן דורך די טרויעריקע יאָרן פון דער רוסישער רעאַקציע, דורך כלערליי ערלעכע און נישט־ערלעכע מיטלען, — די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע מוז ווייטער דערהאַלטן ווערן, מוז אָפּגעהיט ווערן, און ווען נויטיק — איבערגעגעבן ווערן אַלס לעבנס־פעאיקער אָרגאַן אין די הענט פון דער נייער מאַכט. זיין לעבנס־ווערק, זיין געשעפט איז אים טייערער און טיפער אַנגעגאַנגען, נישט נאָר פון זיין אייגענעם, פּערזענלעכן גורל, נאָר פון דעם גורל פון זיין נייער פאַמיליע, וואָס ער האָט באַשאַפן אַזוי שפּעט אין זיינע עלטערע יאָרן. פאַר איר, פאַר דער פירמע, איז ער געווען פעאיק אַלצדינג צו אָפּפערן, אַזוי ווי אַ גרויסער מייסטער פאַר זיין קונסט־ווערק.

באַלד ביים צוריקקומען קיין פּעטראָגראַד, נאָך די מאָסקווער גע־

שעעניש, האָט ער צונויפגענומען אַלע זיינע מיטהעלפער: צונויפגערופן די אינזשיניערן, וואָס זענען אַלט געוואָרן אין דינסט פון דער פירמע, די דירעקטאָרן, די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָבן גע־האַלטן אין די הענט אירע אָפּטיילונגען און פאַרבונדן די באַן־ליניעס דורך זייערע דעפּאַרטאַמענטן. צונויפגערופן אויך אַלע אָנגעשטעלטע, אַפילו די יינגסטע, און האָט צו זיי פאָלגנדעס געזאָגט:

— מיינע הערן, איך ווייס נישט דעם גורל, וואָס די נייע מאַכט וועט באַשטימען פאַר אונדזער פירמע און פאַר אונדז. איך ווייס נאָר איינס: אַז רוסלאַנד מוז לעבן, אונטער אַלע אומשטענדן. אונדזער אָרגאַניזאַציע איז אַן אָדער פון רוסלענדישן קערפּער. אָן איר מוזן די אייזנבאַנען צו־זאַמענברעכן אין די נעכסטע פּאָר וואָכן. דערפאַר מוזן מיר זי דערהאַלטן, אונדזער אָרגאַניזאַציע, אונטער אַלע אומשטענדן, און זי איבערגעבן אַלס לעבעדיקן, אַרבעטס־פעאיקן אָרגאַן אין די הענט פון די נייע מאַכט־האָבער. דעריבער, מיינע הערן, ליג איך פאָר, אַז יעדער־איינער זאָל שטיין אויף זיין פּאָסטן, ביז די נייע מאַכט וועט באַשטימען, וואָס עס זאָל מיט אונדז געשען. און איך בין איבערצייגט, אַז גאַנץ רוסלאַנד. און אויך די נייע הערשער, וועלן אונדז זיין דאַנקבאַר דערפאַר, וואָס מיר האָבן אָפּגעהיט דעם וויכטיקן אָרגאַן פון די רוסישע אייזנבאַנען, ווי עס איז אונדזער פירמע, פון צעפאַלן זיך אין דער טרויעריקער צייט.

די מערסטע מיטהעלפער, דירעקטאָרן און אָנגעשטעלטע פון דער פירמע זענען געווען לאַנג־יעריקע פריינט פון זייער שעף, מיט וועלכן זיי האָבן צוזאַמען דורכגעמאַכט „קאַלט און וואַרים“ דורך די אַלע יאָרן. ווי האָבן אים שטום די הענט געדריקט. עס זענען אָבער שוין געווען אַזעל־כע, וואָס האָבן פאַרלאַנגט, כדי צו האַלטן אַן אויג אויפן שעף, ער זאָל נישט סאַבאָטירן די נייע מאַכט, אַז עס זאָל באַלד אריינגעזעצט ווערן אַן אויפזעער־ראַט, וואָס די אָנגעשטעלטע וועלן אויסקלייבן צווישן זיך, ביז עס וועט ווערן גענויער באַוווסט די לאַגע.

די אינזשיניערן האָבן געפּרובירט דאָס אָפּווענדן. דער אַלטער מיר־קין האָט אַליין געמאַכט אַן ענד צו דער דיסקוסיע:

— איך בין גרייט צו דינען אונטער אַלע פאָרמען, ביי אַלע אופנים, מיט אונדז, אָדער אָן אונדז, — די אָרגאַניזאַציע מוז דערהאַלטן ווערן. טוט אַזוי ווי איר זאָגט. איך בין גרייט אויף אַלצדינג.

דאָס האָט געוווּנען פאַר אים די סימפּאַטיע אַפילו פון די נייע, פון די ייִנגערע, און עס איז געבליבן, איבערצולאָזן די באַאַמטע אויף זייערע פּלעצער, ווי ביז איצט, ביז עס וועט נישט ווערן באַקאַנט דער באַשלוס פון דער נייער מאַכט בנוגע צו זייער ווייטערדיקן גורל.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרן אַלטן מירקין ביטערע און שווערע טעג. אין דער נייער באַן-פאַרוואַלטונג, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין אָר־גאַניזירן, האָט געהערשט אַ כאַאָס. די אַלטע, דערפאַרענע באַאַמטע זע־נען זיך פונאַנדערגעלאָפן, האָבן באַיקאָטירט די נייע מאַכט. אויף די וויכ־טיקסטע פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלן זענען דאַן אַוועקגעזעצט געוואָרן אומוויסנדיקע בחורים, אָן יעדער פאַך־קענטעניש, וואָס גאָר זייער גרייט־קייט מיטצואַרבעטן מיט דער נייער מאַכט האָט פאַר זיי אויפגעעפנט אַלע מעגלעכקייטן. די גאַנצע באַן-פאַרוואַלטונג האָט געהאַלטן ביים פו־נאַנדערפאַלן. קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך. צו די אַלטע באַאַמטע, וואָס זענען יאָ איבערגעבליבן, האָט מען קיין צוטרוי נישט געהאַט, געמיינט, אַז זיי ווילן עפּעס הינטערן רוקן אָפּטון, און זיי נישט געהאָרכט. די נייע האָבן נישט געוווּסט, וואָס צו טון.

אַז דער אַלטער מירקין האָט זיך באַוויזן אין באַן־קאָמיסאַריאַט און אויסגעדריקט זיין גרייטקייט מיטצואַרבעטן מיט דער נייער מאַכט, האָט מען באַלד אויף אים געקוקט מיט פאַרדאַכט. מען האָט געוואָלט דערשמעקן, וואָס עס שטעקט הינטער דעם. ער, מירקין, דער מיטהעלפער פון אַלטן צאַרישן רעזשים, וואָס האָט זיך געקאָנט דערהאַלטן אויף זיין פּלאַץ אין די רעאַקציאָנערסטע צייטן, מיט ״האַרץ־מאַהניקעס, אַפילו זיין ייִדישקייט נישט געדאַרפט ענדערן; ער, וואָס איז געווען אַן אויסגעקאָכ־טער מיט גרויספירשטן, און די פּינצטערסטע רעאַקציאָנערסטע ביוראָ־קראַטן זענען געווען זיינע פריינט, — ער דריקט אויס זיין גרייטקייט מיטצואַרבעטן מיט דער סאָוועטישער מאַכט! אַלע זיינע באַקאַנטע, פריינט, באַנקירן און גרויסע סוחרים, זיי אַלע באָיקאָטירן און סאַבאָ־טירן, און דער ״אַלטער, קלוגער פוקס״ ״וויל דערהאַלטן״ די אָרגאַניזאַציע, וואָס ער האָט געשאַפן, און איבערגעבן זי אַ גאַנצע דער נייער סאָוועט־טישער מאַכט. צי שמעקט דאָס עפּעס נישט מיט אַ געהיימער פאַרשטענ־דעניש מיט די ״ווייסע״ כוחות, מיט די צאַרישע גענעראַלן, וואָס אָרגאַ־ניזירן די קאָזאַקן? פאַר זיי וויל ער דאָס אפשר האַלטן די גאַנצקייט פון

די באַנען, כדי לייכטער צו קאָנען אַריבערוואַרפן די קאָזאַקן אין דער הויפּטשטאָט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שפּיאָנירן נאָך דעם אַלטן מירקינען. פּלוצלינגדיקע רעוויזיעס אין זיין קאָנטאָר, אַ דורכנישטערן פון אַלע זיינע פּאַפּירן. דערווייל קאָן מען גאָרנישט מאַכן מיט אים. מען מוז אים האַלטן ביז מען וועט עפּעס באַשטימען. און דער „ביטערער פוקס" גייט אויף אַלצדינג איין, האָט נישט קעגן דעם אפילו, צו אַרבעטן אונטער אַ קאָמיסאַר, צוליב וועלכן די באַנקן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פירן ווייטער זייער טעטיקייט.

דערווייל האָט מען אים געשאָנעוועט און געלאָזט צורו. מען האָט געדאַרפט דעם „גנב". נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעדריקט זיין גרייטקייט צו אַרבעטן אונטער אַ קאָמיסאַר, האָט מען אים אפילו קיין קאָמיסאַר נישט אַריינגעזעצט. מען האָט פּשוט נישט געהאַט קיין צייט פאַר אים און איבערגעלאָזט, פאַרלויפיק, דעם גאַנצן עסק צו די פאָר יונגעליייט, וואָס האָבן זיך געפונען אין זיין ביורא און וועלכע זענען, זעט-אויס, גע־שטאַנען זייער נאָענט צו די „ספערן". די עלטסטע, דערפאַרענע אינ־זשיניערן האָט מען ביי אים צוגענומען. מ'האָט אים געגעבן פאַר נאָענטע מיטהעלפער יונגע מענטשן, צו וועלכע מען האָט געהאַט צוטרוי.

די לאַגע אין געשעפט איז געוואָרן וואָס אַמאָל טרויעריקער. מיט יע־דער שעה זענען געוואַקסן די שוועריקייטן. דער הויפּט-קוואַל פון גע־הילץ איז באַלד אָפּגעשניטן געוואָרן. נישט געקאָנט מער האָבן אַ פאַרקער מיט די ווייטע דעפּאָס, מיט די סקלאַדן און קאָנטאָרן. גאַנצע מדינות זע־נען אָפּגעשניטן געוואָרן. עס האָט אויסגעפעלט דאָס נויטיקסטע. עס זע־נען אַנטשטאַנען שוועריקייטן מיט געלט-אויסצאָלונגען. די באַנקן, אויס פּראָטעסט, וואָס מען זעצט ביי זיי אַריין קאָמיסאַרן, האָבן געשלאָסן זייע־רע טירן. ווי ווייט עס האָט זיך געלאָזט, האָט דער אַלטער מירקין אַלצ־דינג געטון איבערצוהאַלטן די כאַאָטישע, ווילדע צייט, ביז עס וועט גע־שאַפן ווערן אַביסל אָרדנונג. ער האָט אַנטוויקלט זיין גאַנצע אַרבעטס־קראַפט, געלאָזט אין גאַנג זיינע געניאַלע, אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן. ער האָט אַריבערגעוואָרפן פון איין פונקט אויפן אַנדערן די איבערפלוסן פון מאַטעריאַלן. מעז האָט אים, אָבער, שוין, ווי אַ ווילדן אָקס, געבונדן די הענט ביי יעדער קליינער באַוועגונג. די נייע מיטהעלפער, וואָס מען האָט

אים אַריינגעזעצט, האָבן אים פאַרמאַכט, ווי אַ פויגל אין אַ שטייג. ער האָט געדאַרפט מער ענערגיע און כּוחות איבערצוצייגן זיינע מיטהעלפער וועגן דער נוצלעכקייט פון זיינע פּלענער, ווי אויף דער טעטיקייט אַליין. זיי האָבן זיך ענערגיש געשטעלט קעגן אַלצדינג, וואָס ער האָט געפּלאַנט (געזען אין דעם אַ באַהאַלטענעם מיין), נאָר דערפאַר, ווייל דער „אַלטער פוקס" האָט דאָס פאָרגעלייגט.

אָבער ער האָט אַלץ איבערגעטראָגן. ער האָט איבערגעטראָגן די אומצוטרויאיקע שמייכלען, די שפּאָטישע באַמערקונגען; אפילו די לייכטזיניקע, יינגליש־שגצדיקע באַליידיקונגען, וואָס זענען געפאַלן אויף זיין אַדרעס. אַלצדינג האָט ער איבערגעטראָגן, אבי נאָר אַריבערצופירן די אָרגאַניזאַציע דורך דעם שטורמישן, ווילדן טייך. ער איז געפאַלן אונטער דער לאַסט פון דער אַרבעט. די טרערן־טאָרבעלעך אַרום די אויגן זענען געוואָרן וואָס אַמאָל לויזער, די אויגן זענען אַריינגעפאַלן אין זיי. די טאָרבע פון האַלדז, אונטער זיינע ווייסע באָרד־שפּיצן, איז געוואָרן וואָס אַמאָל שלאַבעריקער, די באַקן־פעלדער — איינגעפאַלענער. ער האָט פאַרגעסן אָן זיין משפּחה, אָן זיך אַליין, אָן זיין אייגענעם גורל. עס איז אים נישט אָנגעגאַנגען קיין עסן, קיין טרינקען. האָט דער אָדער יענער פון די אַלטע מיטאַרבעטער אַריינגעטראָגן דעם שעף אין זיין קאַבינעט אַ טעלער געקעכטס פון דער אַלגעמיינער „סטאָלאָווקע" (וואָס איז באַלד איינגעפירט געוואָרן, ווי אין יעדערן אַנדערן ביוראָ), האָט ער געגעסן; אַז נישט — האָט ער געגריזשעט שטיקלעך שוואַרץ ברויט, וואָס עס האָט אים ווער פון די געטרייע מענטשן אַוועקגעלייגט אויפן טיש. ער האָט עס צעריבן מיט זיינע אַלטע ציינער און — געאַרבעט.

אין אָוונט האָט ער זיך אין אָן אָנגעפּאַקטן טראַמוויי, אָדער גאָר צופוס, אַהיימגעשלעפּט צו די האַלפּערינס אויפן קוואַרטיר. ער איז געפאַלן אַ מידער אויף זיין געלעגער. עס האָט אַ לאַנגע צייט גענומען, ביז ער האָט אויסגעפּאַמפּעט פון זיין קערפּער דעם איבערגעשפּאַנטן, אָנגעהייצטן לופט־עטער, וואָס ער האָט אין זיך אַריינגעאָטעמט אינעם אומגעהייערן געיעג אין דער אַרבעט אין משך פון אַ גאַנצן טאָג און איז געפאַלן אַ פאַרהלשטער אין הינערפּלעט אַ גאַנצע נאַכט.

איינער פון די ערשטע שריט, וואָס די נייע רעגירונג האָט געטון, איז געווען, צו קאָנפיסקירן דאָס פּריוואַט־אייגנטום פון דער בורזשואַזיע.

צו דעם צוועק האט זי באוואכט מיט מיליטער אלע פריוואטע „קאסעט־קעס" אין די שטאלענע קאמערן פון די גרויסע בענק. נאך א געוויסער צייט האט זי געלאזט רופן די אייגנטימער פון די דעפאזיטן און געלאזט אויפעפענען די קאסעס. דאס גאלד, יוועלן, ווירטשאפטלעכע פאפירן, האט זי קאנפיסקירט. אומווערטיקע, פריוואטע בריוו און פאפירן האט זי צוריקגעגעבן צו די באזיצער.

אויף דעם דאזיקן געביט זענען אנגעגאנגען גרויסע שווינדלערייען. מען האט פשוט, פאר געוויסע סומען געלט, געלאזט די אייגנטימער ארויס־נעמען אלצדינג פון די קאסעס. דער, וואס האט נישט געהאט קיין געלט צו צאלן, האט זיך פשוט געטיילט מיט די סאלדאטן, וואס האבן באוואכט די עפענונג פון די בענק. דער אייגנטימער האט גענומען א האנט פול מיט גאלד און בריליאנטן און געשטעקט אין טאש. די צווייטע האנט האט באלאנגט צום סאלדאט. געוויינלעך פלעגט מען דאס אראנזשירן דורכן לאקיי פון דער באנק, וועלכער האט שוין פון זיין זייט אפגעמאכט מיט די סאלדאטן, וואס האבן באוואכט די עפענונג פון די קאסעטקעס. אזוי־ארום האבן די מייסטע באלעבאטים אפגעראטעוועט א טייל פון זייער פארמעגנס.

איינמאל, ווען דער אלטער מירקין איז געזעסן א פארזארגטער אין זיין קאבינעט, פארטיפט אין זיינע צרות, האט זיך געיאוועט צו אים א באקאנטער און א פרעמדער גאסט. עס האט גענומען א לאנגע צייט, ביז דער אלטער מירקין האט דערקענט, ווער עס איז דער יונגערמאן מיט דער אנגעוואקסענער, שטעכנדיקער בארד, צו וועלכן עס געהערט דאס קאמי־סארסקע היטל מיטן דאשעק אויף די צעשויבערטע האר, און מיט א קא־מיסארסקן פארטפעל אונטערן ארעם: דאס איז געווען מישקע „מאלא־דיעץ".

דער אלטער מירקין האט נישט געקאנט אונטערדריקן די לאך־ספאז־מען, וואס האבן זיך ארויסגעריסן ביי אים, ביים אנבליק פונעם פלוצלינג־פארענדערטן „מאלאדיעץ".

מישקע האט זיך נישט באליידיקט. פארקערט, מישקע האט גוטמו־טיק צוגעשמייכלט.

— וואס זאל מען מאכן, גבריאל חיימאוויטש? מען מוז מיטלויפן מיט דער צייט, — האט ער געזאגט.

— מיט וואָס קאָן איך אייך דינען? — האָט שוין דער אַלטער מיר־קין אָנגעצויגן אויף זיין פּנים אַן ערנסטע מינע.

— גבריאל חיימאָוויטש, איך האָב אייך אָנגעבאָטן מיינע דינסטן אין גוטע און אין שלעכטע צייטן. איר האָט מיך שטענדיק אָפּגעשטופּט פון זיך. איך ווייס נישט, וואָס איר האָט קעגן מיר. איך האָב אָבער אָפּגעוואַרט א צייט, ווען איר וועט זיין געצוווּנגען אָנצונעמען מיין גרייט־קייט, כדי איר זאָלט זיך איבערצייגן איינמאָל פאַר אַלעמאָל, ווער עס איז אייער פריינט. און איך גלויב, אַז איצט איז געקומען די צייט, איך האָף, אַז דאָס מאָל וועט איר נישט אָפּשטופּן מיין הילף.

— אייער הילף? אין וואָס? מיט וואָס?

— אין ראַטעווען אייער פאַרמעגן, ווי ראָזמאַרין האָט עס געטון און ווי אַנדערע. גבריאל חיימאָוויטש, איר קאָנט דורך מיר ארויסבאַקומען אייערע ווערט-פּאַפּירן, אייער פּרוים יוועלן, וואָס איר האָט ליגן אין אייער קאַסעטקע אין „קאָמערטשעסקע באַנק", אַן יעדער געפאַר. די רי־זיקע נעם איך אויף מיר.

דער אַלטער מירקין איז געבליבן זיצן, ווי עס איז געווען זיין גע־וווינהייט אין אַזעלכע אַנטשיידנדע מאָמענטן. ער האָט אָנגעהויבן זיך צו שפּילן מיט דעם מאַסיוון פּאַפּיר-מעסער, וואָס איז געלעגן אויף זיין ביוראָ.

— ווי אַזוי וועט איר דאָס באַווייזן?

— אָ, דאָס איז שוין מיין זאַך. איך נעם עס אויף מיר. איך וועל אַלצדינג אַראַנזשירן.

דער אַלטער מירקין האָט אים אָנגעקוקט מיט זיינע קלוגע אויגן און געזאָגט, אָן א פּינטל צו געבן, קוקנדיק אים גלייך אין פּנים אריין:

— און וואָס וואָלט איר געטון, „מאַלאַדיעץ", ווען איך וואָלט אייער איצטיקע פּראָפּאָזיציע איבערגעגעבן צו די נייע באַלעבאַטים, וועמען איר דינט?

— וואָלט מען אייך נישט געגלויבט, — ענטפערט־אָפּ מישקע קאַלט־בלוטיק און באַקוקט, אוים אַלטער געוווינהייט זיינע נעגל וועלכע זענען, אגב, איצט פיל גרעבער און שמוציקער געוואָרן. — פאַר דעם האָבן מיר שוין געזאָרגט.

— איז גאָר נישטאָ קיין עצה קעגן אייך? — פרעגט דער אַלטער מירקין ערנסט.

— איך האָב מורא, אַז נישט, — ענטפערט אויך אָפּ ערנסט מישקע.

— אויב אַזוי, וועט מען זיך מוזן באַגיין אָן דעם, — קרעכצט אָפּ דער אַלטער מירקין און שטעלט זיך אויף פון זיין טיפן שטול, וואָס דאָס איז געווען אַ צייכן, אַז דאָס געשפּרעך האָט זיך געענדיקט. ער האָט גערטיטלט אויף מישקען מיטן שווערן פּאַפּיר־מעסער:

— איך האָב אייך איינמאָל געזאָגט, אַז איך וועל קיינמאָל נישט, אונטער קיין שום אומשטענדן, נישט אָננעמען אייער דינסט, און ביי דעם האַלט איך זיך נאָך.

— קיינמאָל נישט, אונטער קיין שום אומשטענדן, — דאָס קאָן מען נישט זאָגן. עס קאָן קומען אַ מאָמענט, ווען איר וועט זיין גענויטיקט אָנצונעמען מיין הילף. מיר לעבן אין אַ מאָדנער צייט, גבריאל חיימאָוויטש. נאָר איך האָב מורא, עס זאָל דענסטמאָל נישט זיין צו שפּעט.

— ווען מיר דאַן זען. פּאַרלויפיק איז, גאָט צו דאַנקען, דער דאָזיקער מאָמענט נאָך נישטאָ. אייער געשפּרעך מיט מיר קאָן זיין פאַרדעכטיק פאַר אונדז ביידע. ביטע, פאַרלאָזט מיין קאַבינעט, איידער איך רוף וועמען.

— נאָר נאָך איין מינוט, גבריאל חיימאָוויטש. איך פאַרשטיי אייך נישט! איר מיינט טאַקע זיי איבערצוגעבן אַלצדינג און גאָרנישט לאָזן פאַר זיך, אין דער אומבאַוווסטער צייט?

— נישט זיי, נאָר רוסלאַנד! פאַרשטאַנען? טראָגט זיך אָפּ די מינוט, פאַרליעץ! — האָבן זיך דעם אַלטנס באַקן אָנגעהויבן אָנצובלאָזן מיט רויטקייט.

איך גיי, איך גיי, — האָט מישקע געשווינד פאַרלאָזט דעם קאַבינעט.

דער אַלטער מירקין איז אַוועקגעגאַנגען אין באַנק, אויפגעעפנט זיין קאַסטעקע און אַפילו נישט אַריינגעקוקט אין איר.

— איך האָב גאָרנישט וואָס אַרויסצונעמען, — האָט ער געזאָגט צו די סאָלדאַטן.

די סאָלדאַטן האָבן אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט, געהאַלטן אים פאַר אַ משוגענעם אויסנאַם. און איידער ער האָט נאָך פאַרלאָזט די שוועל פון

דעם געפאנצערטן קעלער, האָבן זיי שוין אָנגעהויבן אריינצושטעקן ווערט זאכן אין די הויזן-טאשן.

נאָר באַלד זענען געקומען די דעקרעטן, איינער נאָכן אַנדערן. צו־ערשט דער דעקרעט וועגן שאפן א קאָמיסאַריאַט פאר פאָלקס-ווירטשאפט, דערנאָך וועגן נאציאָנאַליזירן די בענק.

אין א שיינעם קאלטן מאָרגן, ווען דער אַלטער מירקין איז געקומען אין זיין ביוראָ, האָט ער געפונען די טיר פון זיין קאַבינעט אויפגעריסן. אַז ער האָט איבערגעטראָטן די שוועל, האָט ער אויף זיין שטול ביי זיין טיש, אויף זיין אָרט, אָנגעטראָפן זיצן א פרעמדן יונגנמאַן, וועלכער האָט צוזאַמען מיט מישקען געמושטערט אין זיינע פאפירן. פאר זיי, אויפן טיש, איז געלעגן א שווערער רעוואָלווער. מישקען האָט דער אַלטער מיר־קין קוים איצט דערקענט. ער איז דאָס מאָל געווען אָנגעטון אין א שוואַרץ רוסיש העמד מיט קנעפּלעך. און ווונדער איבער ווונדער: מישקע „מאַלאָ־דיעץ" האָט מיטאַמאָל גאָר ברילן אָנגעטון.

זיי האָבן זיך נישט געלאָזט שטערן ביי מירקינס דערשיינען, נישט באַמערקט אפילו דעם פאַרוואונדערטן אויסדרוק פון זיין פנים. ענדלעך האָט דער אַלטער געלאָזט וויסן וועגן זיין עקזיסטענץ:

— וואָס האָב איך צו פאַרדאַנקען אייער אָנגענעמען באַזוך, מיינע הערן? — האָט דער אַלטער געפרעגט מיט א שמייכל.

דער פרעמדער יונגערמאַן האָט זיך פאַרוואונדערט אומגעקוקט, ווער עס דערוועגט זיך אים צו שטערן, און געפרעגט קאַלטבלוטיק:

— אָ, דאָס זענט איר געווים, בירגער מירקין, דער געוועזענער שעף פון דער פירמע?

— אין מיין אייגענער פערזאָן, — האָט מירקין אָפּגעענטפערט.

— אויפן באַפעל פונעם „העכסטן ראַט פון פאָלקס-ווירטשאַפט" האָבן מיר איבערגענומען פאַרן פראָלעטאַריאַט די אָרגאַניזאַציע פון די באַן-שוועלן, וואָס איר האָט מיט אייער סאַבאָטירן געהאַלטן אין פאַר־ניכטן. איך בין אריינגעזעצט געוואָרן אלס קאָמיסאַר אין דער פירמע. חבר בינשטאָק-פאַפּאַלאַוו, — ווייזט ער אויפן „מאַלאָדיעץ", — וועט פאַרוואַלטן מיט דער אָרגאַניזאַציע. מיר וועלן זיך ווייטער באַנוצן מיט אייערע דערפאַרונגען, בירגער מירקין, אַזוי לאַנג ווי מיר וועלן געפינען פאַר נויטיק, — האָט געזאָגט דער פרעמדער יונגערמאַן, נישט אַמאָל דער־

ביי אַרויסצונעמען זיינע אויגן פון די פּאַפּירן, וועלכע ער האָט געמוש־טערט, און אָנצושטעלן זיי אויפן אַלטן, כיטרע־שמייכלענדיקן מירקין.

— מיר דערוואַרטן אָבער פון אייך, אַז איר וועט שלום־מאַכן מיט דער סאָוויעטישער מאַכט, אָנערקענען די לאַגע, אָפּשטעלן דעם סאַבאָ־טאַזש און צוהעלפן צו רעאָרגאַניזירן די באַן־ליניעס פאַרן פּראָלעטאַריאַט,

— זאָגט מישקע, און דערביי באַנוצט ער זיך מיט אַן אָפּגעקוקטן מיר־קינישן זשעסט: מיטן שווערן פּאַפּיר־מעסער אין האַנט, מיט וועלכן ער טייטלט אויפן אַלטן.

— אַז נישט, וועלן מיר זיך מוזן באַנוצן מיט אַנדערע מיטלען, — האָט דער פּרעמדער יונגערמאַן אויפגעהויבן זיין בליק.

— און דער מאַנדאַט דערויף? — פרעגט דער אַלטער רואיק.

— דאָ האָט איר דעם מאַנדאַט, ווען איר ווילט זיך דורכאויס איי־בערצייגן, — האָט אים דער פּרעמדער יונגערמאַן צוגעשאַרט אַ פּאַפּיר, נישט אומקוקנדיק זיך אַפילו אויף אים.

מירקין האָט גענומען דאָס פּאַפּיר, אַרויפגעזעצט זיינע ברילן אויף דער נאָז און זאָרגפעלטיק דורכגעלייענט.

— אַלצדינג שטימט, — האָט ער געזאָגט ווי פאַר זיך. — וואָס פאַרלאַנגט איר פון מיר, מיינע הערן?

— פאַרלויפיק דעם סעקרעט־שליסל פון אייער קאַסע־שלאָס, — רופט זיך אָן מישקע.

— ביטע זייער, וויל זיך דער חבר נישט באַמיען?

מישקע האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק נאָך דעם אַלטן מירקין צו דער קאַסע.

— ציפער 22, ליטערא „ב". צוריק אויף ציפער 7, ליטערא „א". צי־פער 33 — און דאָס שלאָס איז אָפן, — פּראַלט דער אַלטער אויף די שווערע קאַסע־טיר.

— דאַנק, — ענטפערט־אָפּ מישקע, און חזרט־איין פאַר זיך דעם שליסל־סעקרעט.

— נאָר איין מינוט, — זאָגט דער אַלטער און נעמט אַרויס פון דער קאַסע אַ פּאַפּיר.

— נישט דערלויבן! נישט אָנרירן קיין איין זאַך! — שרייט דער

פרעמדער יונגערמאַן אַן אויפגערעגטער און לאָזט זיך שוין מיטן רעוואָל־וועד פונעם טיש צו דער קאַסע.

— רעגט אייך נישט אויף, חבר. עס איז נאָר מיין צוואה. זי האָט שוין סיי ווי סיי קיין קראַפט און קיין ווערט נישט... — זאָגט דער אַלטער און צערייסט דאָס פּאַפּיר, וואָס ער האַלט אין דער האַנט. — אַלץ איבע־ריקע שטייט פאַר אייך פריי. ביטע!

קאַפּיטל 4

די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג

די גאַנצע האָפענונג האָט מען געלייגט אויף דער פאַרשטייענדיקער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג.

דער חלום פון דורות, דער שטאַרבן־רוף פון מאַרטירער פאַר חדשים און חדשים, צייט דעם פאַלן פון צאַר האָט זיך רוס־לאַנד געגרייט צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, געוואָלט דורכאויס, אַז זי זאָל דורכגיין לויט די פרומסטע געזעצן פון דעמאָקראַטיע. האָט מען זי אָפּגעלייגט פון חודש צו חודש, ביז די לעצטע פויערטע פון פאַרוואָרפנסטן דאָרף אין דער גרויסער רוסישער אימפּעריע וועט האָבן די מעגלעכקייט אויסצודריקן איר ווילן דורך איר שטים־רעכט. וועלן זיי זיך דערוועגן אַנט־קעגנצושטעלן זיך קעגן דעם ווילן פון פאָלק? וועלן זיי זיך דערוועגן צו צעטרעטן די האָפענונגען, וואָס עס האָבן געטראָגן דורות אויף דעם דאָזיקן גרויסן טאָג?

דערווייל האָבן זיך אָנגעהויבן זאַמלען אין דער הויפּטשטאָט די דע־לעגאַטן צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון גאַנץ רוסלאַנד: אין שטיוול, אין קורצע פעלצלעך, אין פוטערנע היטלעך, טייל אין די נאַציאָנאַלע קליי־דער פון די געגנטן, פון וואַנען זיי שטאַמען, די פעלקער פון בבל אין פאַרבנ־רייכער באַקליידונג. די באָלשעוויסטישע חברים האָבן זיך געזאַמלט אַרום „סמאָלנע". די אַנדערע האָבן זיך אָפּגעשליסענע, הונגעריקע, אויסגעלאַכ־טע, אַרומגעשליידערט איבער דער גרויסער שטאָט. ענדלעך האָט מען אויס־געפועלט פאַר די פאָרשטייער פון פאָלק אַן אַלטן אויסגעליידיקטן האָספּי־

טאָל, אויף באַלאַטנאַיאַ גאַס, פון וועלכן עס האָט נאָך געשטונקען דער קאַרבאָל און די מעדיקאַמענטן פון די באַפרייטע קראַנקע. מיט דעם קאָמיסאַר אוריצקים חסד האָבן זיי זיך דאָרט אויפגעהאַלטן, אַפילו באַקומען וואָס צו עסן. נאָר דערפאַר זענען זיי געווען געדיכט אַרומגערינגלט מיט שפּיאָנען, וואָס האָבן באַוואַכט יעדן טריט זייערן און יעדע באַוועגונג זייערע.

מיטן קאָמיסאַר אוריצקים חסד זענען זיי אין דעם געדענקלעכן טאָג דורכגעלאָזט געוואָרן דורך די פילע זעלנערישע און רויט־גוואַרדיסטישע קאָרדאָנען, וואָס זענען אויסגעשטעלט געוואָרן אַרום דעם טאַווערישן פּאַלאַץ, וווּ עס האָט געזאָלט פאַרקומען די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. די צעפּן רויטע סאָלדאַטן זענען געווען אַזוי געדיכט אַרום דעם „בית־המקדש” פון נייעם רוסלאַנד, אַז עס האָט זיך די אויסדערוויילטע פון פאָלק געדאַכט, אַז מען פירט זיי נישט צו דער אַלמעכטיקער, אַליינבאַשטימענדיקער, ענדלעך דערקעמפטער רוסישער נאַציאָנאַלער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, נאָר אין אַ געפענגעניש, פון וועלכער זיי וועלן זיך שוין קיינמאָל נישט צוריקקערן. דערביי זענען זיי פון יעדער וואַך באַגריסט געוואָרן מיט די אויסרופן: „פאַרביטערטע פון דער אַנטאַנטע!” „בורזשואַזע משרתים!” „אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג האָט זיך זיי פאַרגלוסט!” „לענין וועט זיי שוין ווייזן!” „צו די ווענטלעך זיי שטעלן!” און נאָך אַזעלכע אויסרופן.

מען האָט זיך געריכט אויף אַלץ און מען האָט זיך דערצו צוגעגרייט. מען האָט געזאָגט, אַז די עלעקטרי וועט אינמיטן דער פייערלעכער זיצונג אויסגעלאָשן ווערן. האָט יעדער מיטגענומען אין די טאַשן אַ סטעאַרין־ליכט. מען האָט געזאָגט, אַז מען וועט זיי דאָרט לאָזן פאַרהונגערן, האָבן זיי יעדערער זיך אָנגעגרייט צענדליקער „בוטערשניטן”. אָפּגעמאַכט ביי זיך פאַר הונגער אויסצוגיין און נישט צו פאַרלאָזן די ערשטע רוסישע פרייע געזעצגעבנדיקע קערפּערשאַפט. נאָר איין זאַך האָבן זיי נישט צוגעגרייט: באַגנעטן!

— אַ, זיי וועלן זיך נישט דערוועגן אַרויסצורופן דעם צאָרן פון פאָלק און צו צעטרייבן זייערע אויסדערוויילטע. דאָס פאָלק האָט אונדז אויסגעקליבן, — זאָל דאָס פאָלק קומען און אָננעמען זיך פאַר אונדז.

מען האָט זיי אָבער באַלד געלאָזט הערן די „שטימע פון פאָלק”. די פרייענטלעכע דעמאָנסטראַציעס פאַר דער „גרינדונגס־פאַרזאַמלונג”, וואָס

זענען צומיינסטן באַשטאַנען פון סטודענטן, באַאַמטע, באַלעבאַטים און אינטעליגענטן, באַשפּרענקלט דאָ און דאָרט מיט סאָלדאַטן און אַרבעטער, האָט מען געהאַלטן אין די ווייטע גאַסן פון שטאָט, זיי נישט דורכגעלאָזט מיט די רויטע פּענער (כאָטש עס איז אויף זיי געווען אָנגעשריבן מכל-טוב פאַר דער רעוואָלוציע) דורך די סאָלדאַטישע פּאַטרולן צום טאַווערישן פּאַלאַץ.

דערפאַר אָבער האָבן זיך געצויגן אַנדערע מאַניפעסטאַציעס פון אַרבעטער, מאַטראָזן און סאָלדאַטן פאַרביי דעם טאַווערישן פּאַלאַץ, מיט רויטע פענער און אויפשריפטן. עס האָבן געציטערט די שויבן פון די געשרייען. וואָס האָבן פון זיי געדונערט: „צעטרייבט די פּאַרטעטער!" „נידער מיט דער דעמאָקראַטישער בורזשואַזיע!" „אַ טויט די מלחמה־פּאַטריאָטן!", „די גאַנצע מאַכט די סאָוויעטן!"

פון אינעווייניק האָט מען זיי אָפּגעענטפערט מיט רופן: „עס לעבט די פאָלקס-פאַרטרעטערשאַפט!", „די גאַנצע מאַכט דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג!" באַלד האָט זיך דערהערט פון דרויסן דאָס געזאַנג פון „אינטערנאַציאָנאַל". פון אינעווייניק האָט מען עס געוואָלט אויסכאַפּן. פריינט און פיינט האָבן זיך פאַראייניקט אין איין געזאַנג.

הין און צוריק האָבן געהאַלטן אין איין דורכגיין פאַרביי דעם „טאַווערישן פּאַלאַץ" די פיינטלעכע דעמאָנסטראַציעס, מיט די דראָענדיקע אויסרופן. עס האָט גאָר קיין סוף נישט גענומען צו די געזאַנגען. אַזוי האָט עס זיך געשלעפּט אַ גאַנצן טאָג.

דער „ווייסער זאַל", ווו עס האָט געזאָלט פאָרקומען די פייערלעכע דערעפענונג, האָט זיך אָנגעהויבן אָנצופילן מיט די אויסדערוויילטע פאָלקס-פאַרטרעטער. דאָ זענען געווען די בעסטע קינדער פון דער רוסישער אימפּעריע: יונגע קעפּ, וואָס זענען פריצייטיק גראָ געוואָרן, פאַרשיקטע אין סיבירישע טייגעס; אויסגעבלייכטע געזיכטער, וואָס די צאַרישע תפיסה־מויערן האָבן אויסגעזויגט דאָס בלוט פון זיי; פאַרטריקנטע בחוריש־ביינערדיקע לייבער, וואָס די רעוואָלוציע האָט אויפגעפרעסן דאָס פעטס פון זיי; איינגעהויקערטע רוקנס פון אונטער דער לאַסט פון פאָלקס-זאָרג. עס האָבן זיך דערקענט חברים, חברים אין קאַמף. צוזאַמען איז מען געשטאַנען אין לאַנגן, פייניקדיקן פייער פון קאַמף פאַר פאָלקס-פרייהייט, אין די זעלביקע פּראָצעסן געווען פאַרוויקלט, איין תפיסה־קאַמער געטיילט, אין איין

טייגע־הייזל געווינט, אינאיינעם די סיבירישע וועלדער דורכגעוואנדלט, גרענעצן געגנבעט, אטענטאטן אויסגעפירט.

פילע פון זיי, וועלכע האָבן זיך דורך דער גאנצער צייט פון דער אָק־טאָבער־איבערקערעניש אויסבאהאלטן פאַר די באָלשעוויקעס, האָבן ערשט איצט אַראָפּגענומען זייערע פאַרמאַסקירנדע בערד און קליידער, און זיך געגעבן צו דערקענען פאַר זייערע פריינט און חברים. די שמחה פון ווידער־זען זיך האָט זיך צעפלאַקערט אויפן עכטן רוסישן שטייגער. מען האָט זיך געהאַלזט און געקושט, אין איין האַלדזן און אַרומנעמען. א פייכטקייט האָט אין די אויגן פון אַלטע מענער געפינקלט. מען האָט דערמאָנט געפאַ־לענע חברים, דאָס הייליקע לעבן פון רעוואָלוציאָנערן, דעם מאַרטירער־טויט פון קדושים, סאַזאָנאָווס לעצט וואָרט פון דער תפיסה: „א גרוס דער אויפגייענדיקער זון”, גערשונים בריוו, קאַלאַיעווס רעדע פאַרן מאָסקווער טריבונאַל. די לופט איז פול געוואָרן מיט ענטוזיאַזם. עס האָט זיך גערעדט, אַז עס שימערירט מיט רעוואָלוציאָנערע פייערלעך. טשופּרינעס האָבן זיך געהויבן, אויגן האָבן געלויכטן. אויף אַלעמענס ליפּן איז געלעגן א וואָרט, א וואָרט, וואָס זאָל ווערט זיין דעם מאָמענט, נאָר קיינער האָט עס נישט געקאָנט אַרויסרעדן...

מען האָט פאַרגעסן אָן דעם קאַמף, אין וועלכן מען שטייט, מען האָט פאַרגעסן אָן „אָקטאָבער”. נאָך אַלעמען זענען זיי דאָך אויך פאַר דער גרינ־דונגס־פאַרזאַמלונג. זיי האָבן דאָך אַליין אַרויסגעשטעלט דעם לאָזונג, זיי אַליין האָבן דאָך געקעמפט פאַר אים. זיי אַליין האָבן צוגעהאָלפן צו דער־גרייכן דעם דאָזיקן טאָג. ווען זיי טאַקע נישט דערפילן דעם הייליקן מאָ־מענט? וועלן זיי נישט דערזען די שאָטנס פון די מאַרטירער, וואָס פילן איצט אָן דעם זאַל, צוזאַמען מיט די אויסדערוויילטע פון פאָלק? וועלן זיי נישט דערהערן דאָס געשריי פון די פאַרגאַנגענע דורות? דעם האָפע־נונגס־ציטער פון די אויסגייענדיקע קערפּערס אויף די צאַרישע תליות? וועלן זיי נישט דערפילן, נישט דערזען, נישט דערהערן? זיי זענען דאָך רעוואָלוציאָנערן! זיי זענען דאָך א טייל פון דער רעוואָלוציע! מיר, מיר אַלע צוזאַמען האָבן דאָך אונטערגעגראָבן די צאַרישע פונדאַמענטן, ביז דער בנין איז געפאַלן. מיר האָבן דאָך אַלע געוועבט אָט דאָס־דאָזיקע קלייד! מיט פאַרבלוטיקטע הענט דורכגעאַקערט דאָס פאַרעקשנטע, ע״טעבנדיקע

פעלד. דורך תפיסות, סיבירישע שנייען, תליות, — ביז מען האָט דערלעבט צו זען די פרוכט!

עס האָט זיך גערעכט, אַז אָט דער דאָזיקער טאָג איז פּונקט, ווי אַ פילטער, אויסצורייניקן די אָנגעקליבענע ביטערנישן פון פּאַרטיי־קאַמף, אַלע אין איין כוח צוזאַמענצושמעלצן. מען האָט געגלויבט, אַז די גרינ־דונגס־פאַרזאַמלונג איז די איינציקע, וואָס איז אימשטאַנד ארויסצורופן די הייליקע טראַדיציע פון דער רוסישער רעוואָלוציע. זי וועט אַראָפּנעמען דעם פינצטערן שלייער, וואָס איז געפאַלן אויף רעוואָלוציאָנערע אויגן, און זיי וועלן מיטאַמאָל דערזען דעם הערלעכן וועג, אויף וועלכן מען איז אַלע צוזאַמען געגאַנגען. ברודער וועט ברודער דערקענען, און מען וועט זיך פאַלן אין די אָרעמס.

מען האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך אויסצומיידן יעדע שפּאַלטונג, וואָס קאָן אַרויסגערופן ווערן דורך די פּאַרטייאישע ליידנשאַפטן אין דעם גרויסן מאָ־מענט פון דער דערעפענונג פון דער אויסגעוויטיקטער, אויסגעבענקטער פאַרזאַמלונג. און דורך דעם אָנדענק פון די העלדיש־געפאַלענע מאַרטירער פאַר רוסלאַנדס פרייהייט אַרויסצורופן אַן ענטוזיאַזם, וואָס זאָל זיין בכוח אַלעמען צוזאַמענברענגען. ווארים מען האָט געגלויבט, אַז אָט דער מאָמענט איז מסוגל דאָס דאָזיקע גם צו באַשאַפן. האָט מען זיך געשליפן די צינגער. מען האָט זיך געהאַלטן אין איין אַריינאַרבעטן אין ענטוזיאַסטישן צו־שטאַנד דורך דעם, וואָס איינער האָט דעם אַנדערן געהאָלפן אַרויסצורופן דעם גאַנצן באַוווסטזיין פון דעם דאָזיקן מאָמענט...

דערווייל אָבער האָבן די באָלשעוויקעס, צוזאַמען מיט זייערע נייע שותפים, די לינקע „עסערן", געזוכט ווי אַזוי אויסצוווערפן דעם ענטוזיאַזם ביים צווייטן צד, צו פאַרוואַנדלען אין עפּעס אַ קלייניקייט די גאַנצע גרינ־דונגס־פאַרזאַמלונג, זי אַוועקצושטעלן אין אַזאַ סיטואַציע, אַז עס זאָל ווערן אָפּגענומען דער חשק פאַר יעדער פייערלעכקייט, וואָס די אַנדערע פּאַר־טייען האָבן זיך געקליבן צו געבן דעם גרויסן מאָמענט. צו דעם צוועק האָבן זיי געהאַלטן אין איין פאַרציען די דערעפענונג. זיי האָבן זיך פאַרקליבן אין באַזונדערע זאַלן, און זייער פּראַקטיק האָט געהאַלטן אין איין באַראַטן זיך. עס האָבן זיך געצויגן שעהען און שעהען, און די באָלשעוויסטישע מינדערהייט האָט זיך נישט באַוויזן אין „ווייסן זאַל". מען איז געוואָרן אומגעדולדיק, פאַרלאַנגווייליקט. מען האָט געפּרוּווט אַריינשיקן די באָלשע־

וויקעס זאָגן, אַז מען וועט ענדלעך אויפעפענען די פאַרזאַמלונג אָן זיי. פון דאָרטן האָט מען באַפוילן:

— ווען לענין וועט הייסן!

און מען האָט געהאָרכט.

דערווייל האָבן זיך אָנגעהויבן אָנצופילן די גאַלעריעס און די לאָזשעס מיט אַ פּובליקום, וואָס דער קאָמיסאַר פון פּעטראָגראַד, אוריצקי, האָט גע־פונען פאַר נויטיק, אַז דווקא זיי, און נישט קיין אַנדערע זאָלן זיין עדות פון דעם גרויסן מאָמענט.

באַזאָרגט מיט בילעטן פון אוריצקין, האָט מען צונויפגעקליבן אין „ווייסן זאַל" די „פּראָסטע מאַסע" פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אין דער הויפּטשטאָט: רויטע גוואַרדיסטן, וועלכע האָבן זיך נישט געשעמט שוין פריער, איידער די פאַרזאַמלונג האָט זיך געעפנט, אַרויסצוווייזן, דורך די שטאַכעטן פון דער גאַליאָרקע, די שפּיצן פון זייערע ביקסן, די רערן פון זייערע רעוואָלווערן צו די אויסדערוויילטע פון פאָלק.

יעדער אויסדערוויילטער, וואָס האָט באַלאַנגט צום אַנדערן צד, איז פון דער גאַלעריע אויפגענומען געוואָרן מיט זידלערייען. עס האָבן זיך גע־נאָסן אויף די אַלטע קעפּ, וואָס זענען גראָ געוואָרן אין דעם קאַמף פאַר רוסישער פרייהייט, ווערטער, וואָס האָבן געקאָנט רויט מאַכן גאַסן־פרויען, געמיינע, אויסגעלאַסענע פּנימער. אַ יונג מיט אַן אויפגעריסענער נאָז און אַ פּאָר לאָבוזעוואַטע שנצישע אויגן, וואָס האָבן געזאָגט עדות, אַז זיי שרעקן זיך נישט אָפּ פאַר קיין זאַך, האָט נישט אויפגעהערט אַראָפּצושרייען פון זיין אָרט צו דער פאַרזאַמלונג פון די פאָלקס־אויסדערוויילטע:

— אָ, איר בורזשואַזע הינט! וואָלט מיך לענין געהאָרכט, וואָלט איך אייך צום ווענטל געשטעלט!

ענדלעך האָט זיך געוויזן די באָלשעוויסטישע פראַקציע, צוזאַמען מיט די לינקע „עסערן", און זיי האָבן פאַרנומען די ערטער. זיי זענען ענטוזיאַסטיש, מיט הילכיקע אויסרופן, אויפגענומען געוואָרן פון דער גאַ־לעריע און די לאָזשעס. דער עולם האָט זיך אויסגעזעצט אויף די ערטער.

אין זאַל איז געווען פאַרזאַמלט רוסלאַנד, דאָס נייע בבל, מיט אַלע אירע נאַציעס. די פעלקער האָבן געטראָגן זייערע נאַציאָנאַלע קליידער. דאָ־און־דאָרט האָט זיך דורכגעוואָרפן אַן אָריענטאַלישע געשטאַלט: בוכאַרי־שע קאָלירטע זיידענע מאַנטלען, מיט בוכאַרישע פאַרשיידן־פאַרביקע, מיט

גאָלד אויסגעהאַפּטע קאָפּלעך אויף די אַזיאַטישע און טאַטערישע אָפּגע־גאָלטע קעפּ. ס׳רוב פון די אויסגעוויילטע האָבן דורך זייער קליידונג גע־וואָלט אונטערשטרייכן זייער שייכות מיטן רוסישן פּויער: געטראָגן רוסי־שע פּויערשע קאָלירטע העמדער, פּויערשע סערמיעגעס, שטיוול און וואַי־ליקעס, — כאָטש די פּנימער זענען געווען אינטעליגענטע, בלייך־שטאָ־טישע. עס האָט גיכער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ רעוואָלוציאָנערן מי־טינג, איידער פון אַ געזעץ־געבערישער נאַציאָנאַלער קערפּערשאַפט, הגם עס האָבן נישט געפעלט קיין רעשטלעך פון בורזשואַזער קליידונג, און פּרי־ציש־אינטעליגענטע פּנימער, וועלכע האָבן זיך אויסגענומען ווי זעלטנהיי־טן, אין דער פאַרזאַמלונג.

אין אַ לאָזשע האָט זיך באַוויזן דער מאַן מיטן מאָנגאָלישן פּנים און גלאַנצנדיקן ביינערדיקן שיידל. ער האָט זיין גרויסן קאָפּ פאַרלאַנגווייליקט אַוועקגעלייגט אויף איין האַנט, צוגעדריקט זיינע קליינע אויגן. מען האָט נישט געוווסט, צי ער דרימלט, צי ער איז וואַך. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געווען פאַרמאַטערט פון דעם אַלעם, וואָס קומט דאָ פאָר. ער האָט נאָר פון צייט־צו־צייט געוואָרפן אַ שפּאָטישן בליק פון אַ קוים־גע־עפנטן שפּאַלט פון אויג־הייטל אויף דעם, וואָס שטייט אויף דער פּלאַט־פאָרם. באַלד האָט ער זיין בליק צוגענומען, אַרומגעקוקט זיך אַ פאַרלאַנג־ווייליקטער איבערן זאַל, אויסגעגאַוועט זיך, ווידער אָנגעלענט דעם קאָפּ אויף דער האַנט, צוגעקנייטשט די אויגן, און מען האָט ווידער נישט גע־וווסט, צי ער דרימלט, צי ער איז וואַך. יעדנפאַלס איז ער געווען זייער ווייט פון דעם אַלעם, וואָס דאָ קומט פאָר. אַזוי האָט עס אויסגעוויזן.

לאַנג האָט זיך געצויגן די פּראָצעדור פון אויסקלייבן אַ פאָרזיצער, — ביי וואָס די גאַלעריע האָט אַ גרויסע ראָלע געשפּילט. ענדלעך האָט זיך באַוויזן אויף דער בימה אַ הויכער מאַן מיט אַ צעפּלויגענער, אַ שוואַרץ־באַגראָטער טשופּרינע און אַ קורץ־געשניטן בערדל.

ער האָט זיך מיט אַ טריאומפירנדיקן שמייכל אַרומגעקוקט אין ווייסן, ליכטיקן זאַל. ער האָט נישט אויפגעהערט צו שמייכלען, בשעת מען האָט אים פון איין זייט ענטוזיאַסטיש באַגריסט מיט אויפשטיין. נאָך מער אָבער האָט זיך זיין הנאהדיקער שמייכל פונאַנדערגעגאָסן איבער זיין פּנים, ווען דער צווייטער צד, און דער עיקר די גאַלעריע, האָבן אים מקבל־פּנים געווען מיט אַ הילכיקן ליאַרעם:

— פאררעטער! קארנילאָוום משרת! פאָלקס־פיינט! בלוטיקער הונט!
— ארונטער! ארונטער!
— מלחמה־העלד בלוטדורשטיקער!
— זיין פּרצוף דארף מען מיט בליי דורכזייען! — האָט דער שנצי־שער יונג אראָפּגעשריגן פון דער גאַלעריע.

און פון דאָ־און־דאָרט האָט זיך געוויזן די רער פון א ביקס, אנגע־צילט אויף אים.

— אָט האָט איר א „גרינדונגס־פאַרזאַמלונג". אויף אַלע פיר ווינטן זיי צו פאַריאָגן...

דער מאַן מיט דער צעשפּאָלטענער טשופּרינע האָט נישט אויפגע־הערט צו שמייכלען, האָט געלאָזט זיך אויסשרייען. ענדלעך האָט ער זיך אויסגעהוסט. ווי ער וואָלט אָנגעשטעלט דעם קאָמערטאָן, און אָנגעהויבן רעדן.

ער איז באַלד אריינגעפאַלן אין א היציקן באַגייסטערטן טאָן. ער האָט גערעדט וועגן די מאַרטירער פון דער רעוואָלוציע. ער האָט דערמאָנט די נעמען פון די געפאַלענע קדושים. נאָר ביי יעדן צווייטן וואָרט איז ער אי־בערגעריסן געוואָרן מיט אויסגעשרייען פון באָלשעוויסטישן עולם, סיי פון זאַל, סיי פון דער גאַלעריע:

— וואָס דרייט ער א ספּאָדעק?! ווער דארף וויסן פון דעם אַלעם?

— זאָגט אונדז ליבער, וואָס הערט מען עפּעס מיט קאָרנילאָוון און מיט זיין פריינט קערענסקין?

— זאָג נאָר, אין סאַראַטאָוו ביסטו שוין געוועזן? וואָס הערט זיך עפּעס דאָרט אין סאַראַטאָוו?

יעדעס ענטוזיאַסטיש וואָרט איז באַלד אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט גאַנ־צע צעבערס זידל־ווערטער און געמיינע אָנצוהערענישן, וואָס האָבן זיך געגאָסן אויפן רעדנערס קאָפּ, סיי פון זאַל, סיי פון דער גאַלעריע. באַלד איז ביים רעדנער אַליין אויסגעגאַנגען די באַגייסטערונג, און ער האָט אָנ־געהויבן צו רעדן וועגן מער פּראַקטישע ענינים — וועגן פּאַרטיי־חילוקים, — וואָס האָט נאָך מער צעגליט די געמיטער. די גאַלעריע האָט זיך איצט אראָפּגעכאַפּט אונטן און זיך אויסגעמישט מיט די אויסדערוויילטע. ענד־לעך האָט דער רעדנער אָפּגעהאַקט אינמיטן. מ'האָט גערופן א צווייטן. ביים צווייטן האָבן זיך די סצענעס ווידער איבערגעחזרט. אזוי האָט עס זיך גע־

צווּגן שעהען לאַנג. ביז ס'האָט זיך ענדלעך פון דער גאַלעריע אַראָפּ צעשריגן אַ זעלנער הויך אויפן גאַנצן קול:

— אָך, ווי לאַנגווייליק דאָס איז! אַז דער טייוול זאָל זיי כאַפּן!

דאָס איז געווען אַ סיגנאַל, און באַלד האָבן זיך דערהערט קולות:

— וואָס מיינען זיי, אונדז הייכט צו פּאַרמוטשען!? אַ גאַנצע נאַכט אונדז דאָ אָפּצוהאַלטן? שלאָפן ווילט זיך...

און ס'האָבן זיך פון פאַרשידענע ווינקלען געהערט שטימען רופן:

— גענוג שוין, גענוג שוין! צייט דאָס דאָזיקע משוגעים־הויז צו שליסן!

דורך דער גאַנצער צייט פון די רעדעס און די געשרייען, איז אַלץ געזעסן דער מאַן מיט די קאַלמיקישע אויגן, אָנגעלענט דעם קאָפּ אויף דער האַנט. זיין האַרטער גלאַנציקער ליסינע־קאָפּ האָט געגלאַנצט אין דער ליכטיקער שיין, וואָס די עלעקטרישע לאָמפּן האָבן געגאָסן, און מען האָט געפילט דעם האַרטן אָנזען זיינעם, דעם ממשותדיקן בייזיין פון אים. אַלע אויגן זענען געווען געווענדעט צו אים. מיט דורשטיקע בליקן האָט מען באַטראַכט יעדע באַוועגונג זיינע, יעדן מאַך מיטן קאָפּ, יעדן ריר מיט דער האַנט. אַזוי ווי ס'וואָלט זיך דאָרט אויפן קליינעם פלעק, אין דער לאָזשע, געווען קאָנצענטרירט די חכמה, דער ווילן און די מאַכט פון דעם אַלעם, וואָס קומט דאָ פאָר.

מען האָט אים געהאַלטן אין איין באַטראַכטן, ווי אַ טערמאָמעטער, וואָס מ'לייגט צו צו אַ געפעדלעכן חולה. וואָס טוט זיך דאָרט אין דער לאָזשע? ווי מען וואָלט בלויז פון דער וויברירונג פון דער לופט אַרום דעם דאָזיקן קאָפּ געוואָלט דערגיין, ווי עס האַלט.

נאָר דער ליסינע־קאָפּ האָט געשוויגן. די אויגן זענען געווען פאַרקנייטשט, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די השגחה שלאָפט. מען האָט אָבער געפילט איר זיין. די האַרטע, גלאַנצנדיקע ליסינע האָט ווי אַ נעטלעכע זון געלויכטן אין זאַל — אַלע האָבן זי אַדורכגענומען מיט די בליקן, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אַריינדרינגען אינעווייניק אין דער סוד־סודותדיקער וועלט, וואָס טוט זיך אָפּ אונטער דער ליסינעס ביין, — ווי די רעדער פון רוסלאַנד וואָלטן זיך דאָרט געדרייט, — כדי צו דערוויסן זיך איר גורל און איר באַשייד. די ליסינע האָט אָבער האַרטנעקיק געשוויגן. ענדלעך האָט

זי זיך א באוועג־געגעבן — א גרויסן גענעץ־געטון — און דער קאָפּ האָט זיך איבערן גוף אויפגעהויבן.

איבערן זאַל איז אדורכגעגאַנגען א ציטער.

— צייט צו פאַרענדיקן דאָס נאַרישקייט, — האָט ער זיך אָנגערופן צו זיינע באַגלייטער, וואָס זענען געזעסן מיט אים אין דער לאָזשע.

— זאָל איך אַרויפגיין זיי צעטרייבן? — האָט אים געפרעגט א שוואַרץ־באַהאָרטער שטאַטישער יונגערמאַן, — וואָס מ'האָט אין זיינע נעקרייזלטע האָר אָנגעזען זיין אומרואיקן אָפּשטאַם.

— נאָך וואָס איר? שיקט בעסער אויף דער פּלאַטפאָרמע חבר שלעזניאַק. זיי וועלן אים בעסער פאַרשטיין, — האָט געזאָגט דער מאַן מיט די קאַלמיקישע אויגן.

— באַלד? — פרעגט דער ברונעט.

— וואַרט בעסער, ביז איך וועל זיך דערווייטערן, — האָט ער פונאַנדערגעשפּרייט זייגע ברייטע מאָנגאָלישע באַקן־ביינער אין אַן אויסגייענדיקן גאַווער.

דער מאַן האָט פאַרלאָזט די לאָזשע מיט זיינע באַגלייטער. אין זאַל האָט זיך דערפילט א דערלייכטערונג. מיט א דערלייזטן, דערמוטיקטן טאָן האָט דער פּאָרזיצנדער איצט אָנגעהויבן זיך פונאַנדערצולייגן מיט זיין שטימע, א פרייערער, א דערמוטיקטערער — גלייך ווי קינדער, ווען דער רבי פאַרלאָזט זיי. נאָר אינמיטן דערינען האָט זיך באַוויזן אויף דער פּלאַטפאָרמע דער מאַטראָז חבר שלעזניאַק. ער איז צוגעקומען צום פּאָרזיצנדן, אָפּגעשטעלט אים מיט א מאַך מיט דער האַנט אין מיטן דער פראַזע און געזאָגט צו אים אויף א נידעריקן אָבער א פעסטן קול:

— חבר פּאָרזיצנדער, צייט אָפּצוריייניקן דעם זאַל.

דער פּאָרזיצנדער האָט א פאַרוואונדערטער און א באַליידיקטער געקוקט אויף דעם חוצפהדיקן מאַטראָז. ער האָט זיך גענומען מיט לעבעדיקע, רירעוודיקע באַוועגונגען און מיט א דערהויבענער שטים צו געבן דעם מאַטראָז א לעקציע וועגן דעם אָרט, אין וועלכן ער געפינט זיך. אַרום פּאָרזיצנדער האָבן זיך אָנגעהויבן צו קלייבן די אויסדערוויילטע, וועלכע זענען אויפגעשטאַנען פון זייערע ערטער. דער מאַטראָז האָט אָבער נישט געלאָזט מאַכן קיין לאַנגע שהיות.

— נו, צעגייט זיך, אלטיטשקע, צעגייט זיך, איידער־מיר טרייבן־אונטער!

די פארזאמלטע האבן נאך געפרואווט צו פראטעסטירן. איינער, אן ענטוזיאסט, האט אויסגעשריגן:

— מיט גוטן וועלן מיר נישט גיין; מיר זענען פון פאלק געשיקטע.

האבן זיך פון אלע אייננגענג באוואפנטע מאטראזן געוויזן אין זאל און אנגעהויבן מיט די קאלבעס אונטערצויאגן די גראע קעפ פון דער רוסישער רעוואלוציע, — פון דער לאנג־דערווארטעטער ערשטער „גרינדונגס־פארזאמלונג".

צומארגנס, ווען די אויסדערווײילטע פון פאלק זענען געקומען צום „טאווריטשן פאלאץ", האבן זיי געפונען זיינע שווערע טויערן פארשלאסן. און פון די שטאכעטן האבן ארויסגעקוקט צו זיי די באגנעטן פון די רויט־גווארדיסטישע ביקסן.

קאפיטל 5

א געשרעך מיטן חבר אנאטאל

אויף איינער פון די גאלעריעס פון דעם „ווייסן זאל", אין טאווריטשן פאלאץ, איז געזעסן זאכארי מירקין און האט זיך צוגעקוקט צו דער צע־טרייבונגס־סצענע. אלס איינער פון די הויפט־אנפירער פון א רעקאנסטרוק־טיווער קאמיסיע צו באפעסטיקן דעם סאוויעטישן רעזשים, וועלכע איז געשאפן געווארן תיכף נאך דער אקטאבער־איבערקערעניש, האט ער זיך געפונען אין א שטענדיקן פארקער צווישן מאסקווע און פעטראגראד. ער איז ארייננגעווארפן געווארן אין דעם „ווירטשאפטלעכן קאמיטעט", אלס איינער פון די הויפט־אנפירער, נישט דערפאר וואס זיינע נייגונגען אדער פעאיקייטן האבן אים אהין געפירט. דער מאנגל אין אינטעליגענטע מענטשן, וואס זאלן ווילן צוזאמענארבעטן מיטן נייעם רעזשים, און דער צופאל האט אים אהין געבראכט.

דער „ווירטשאפטלעכער קאמיטעט" האט זיך, ווי יעדע אינסטיטוצ־יע, אפגעגעבן מער מיט פאליטיק, ווי אזוי ארויפצוצווינגען דעם נייעם

קורס אויף די-ווידערשפּעניקע אינטעליגענטן, איידער מיט ווירטשאַפטלעכע פּראָבלעמען. מען האָט געהאַלטן אין איין צוהערן זיך צום צענטער, און מירקין איז געפאָרן נעמען אינסטרוקציעס פון דעם הויפּט-צענטער. אויף איינער פון זיינע רייזעס האָט ער פאַרבלאָנדזשעט אויף דער עפענונג פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג.

ער האָט זיך צוגעקוקט צו דער צעטרייבונגס־סצענע. ער האָט געזען ווי די אויסדערוויילטע פון פאָלק, די גראָע קעפּ, די אויסגעבליכטע פּנימער, צווישן וועלכע ער האָט נישט איין באַרימטן רעוואָלוציאָנער און פאָלקס-פירער דערקענט, ווערן אויסגעלאַכט, פאַרשריגן פון דער גאַס. ער האָט געפילט, ווי אַ האָפענונג פון דורות ווערט צעטראָטן פון צוזאַמענגעטריבענע עלעמענטן, וואָס טוען דאָס נישט אויף אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, נאָר ווייל זיי זענען אָנגעשטעלט געוואָרן דערצו פון פירער.

שוין אין מאָסקווע, באַלד נאָך דער איבערקערעניש, האָט ער זיך דערשראָקן פאַרן נייעם „בעל", וואָס שאַפט זיך אין דער געשטאַלט פון דער אַליין־הערשנדיקער רעוואָלוציאָנערער מאַסע. ער האָט געזען ווי זי שפּרייט אויס אירע מעכטיקע הענט און נעמט אַריין די פירער, די „זעערס". אַלץ ווערט פאַרשלונגען פון איר. ער האָט זיך אָנגעשטויסן אָן דער דאָזיקער קראַפט ביי זיין טעטיקייט, אויפצובויען דאָס נייע רוסלאַנד, אין וועלכער ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן פון דעם ערשטן טאָג אָן. ער האָט געזען, ווי די פירער ווערן יעדן טאָג געפאַנגען דורך דער קראַפט, וואָס זיי האָבן אַרויסגערופן. ער האָט זיך געשראָקן, אָבער דאָך איז ער געגאַנגען ווייטער, ווו די אינערציע פון זיין ערשטן שריט האָט אים געצויגן.

— אַזוי דאַרף עס זיין. — און ער האָט דערשטיקט אין זיך יעדן שאָטן פון ספק און חשד, וואָס האָט אָנגעהויבן צו פאַלן אויף זיין לעצטן גלויבן, — ווען נישט דאָס... גאָט, טאָ וואָס דען? עס איז דאָך די לעצטע טיר, דורך וועלכער מ'איז רייסן זיך אַריין.

פון זיין אָרט אויף דער גאַלעריע האָט ער נישט אוועקגענומען זיין אויג פון דער האַרטער ליסינע, וואָס האָט געשיינט אין דעם עלעקטרישן ליכט. דאָרט, הינטער דער ליסינע, — האָט ער זיך געטראַכט, — דרייען זיך די רעדער. דאָרט האָט זיך קאָנצענטרירט דאָס וויסן און דער שכל פון דעם אַלעם. און פון דאָרט, פון דער ליסינע, ציען זיך די שטראַלן ווי בענדער, און בינדן זיך אָן מיט דעם אַלעם, וואָס קומט פאָר. און ווען עס קומט

פון דאָרט, דאַרף עס אַזוי זיין, און עס איז צו דעם אַלעם דאָ אַ העכערע באַרעכטיקונג, וואָס איז פאַר אונדז איפן מאָמענט פאַרפינצטערט. אָבער ער טראָגט זיין שכל און יושר פאַר דער גרויסער זאַך, פאַר דעם ליכטיקן און אייביקן מאָרגן.

ער האָט געפּרווט זיך אַליין דאָס אַלץ צו פאַרענטפערן, צו פאַרשטיין פאַר זיך. פון די שטימונגען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן ווען דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג אין דעם קרייז, ווו ער האָט פאַרקערט, פון די געשפּרעכן, וואָס זענען דאָרט געפירט געוואָרן, האָט ער געפּרווט אַרויסנעמען דעם תמצית.

— געוויס וועלן זיי נאָר שטערן, ליגן שטיינער אויפן וועג פון די גרויסע אויפגאַבן. אין זייער פּסיכאָלאָגיע שטעקן זיי אין דער אַלטער וועלט. דאָס גאַנצע לעבן לאַנג האָבן זיי געשטרעבט, געקעמפט פאַר דעם. זיי זענען געגאַנגען אויף די תליות מיט דער האָפענונג אויף דעם דאָזיקן מאָמענט, אַ גרוס דער פרייהייט געשיקט ביים ראַנד פון זייערע קברים. און ווען דער מאָמענט איז געקומען צופליען מיט זיינע שטאַרקע פליגל און געוואָרפן זיך אין רעאַלן לעבן אַריין, האָבן זיי זיך דערשראָקן. ווי די פּחדנים האָבן זיי אָנגעהויבן צוריקלויפן פאַר דעם שאָטן פון זייערע אייגענע ספקות. זיי זענען נישט געווען דערוואַקסן דורכצוגיין דורך די טירן, וואָס זיי האָבן אַליין אויסגעהאַקט אין דער טויזנט-יאָריקער וואַנט פון פאַרשקלאַפונג. זיי האָבן זיך אַליין איינגעקאָרטשעט פאַר דער אייגענער גרויסקייט.

אויסראָטן דאַרף מען די, וואָס זענען נישט דערוואַקסן, כדי זיי, די געפּענטעטע מיט די אייגענע קייטן, די צוגעשמידטע צום פאַרשקלאַפטן נעכטן, זאָלן נישט פאַרשווערן דעם וועג. ווי קומען שקלאַפן צו פליען אין דער ליכטיקייט אַריין? ניין, די גאַנצע מאַכט דאַרף זיך קאָנצענטרירן דאָרט, ווו עס איז פאַרזאַמלט דער יושר, דאָס וויסן און דער ווילן, כדי ער זאָל אומגעשטערט קאָנען אַריבערפירן אויף זיינע פליגל די וועלט אין דעם ליכטיקן מאָרגן אַריין. צוליב דעם דאַרף מען די גאַנצע מאַכט לאָזן אין די הענט פון דעם מאַן מיטן האַרטן שיידל, כדי ער זאָל זיין בכוח אויסצופירן דאָס, וואָס וועבט זיך ביי אים אין מוח.

די גאַנצע מאַכט די סאָוויעטן, אַרונטער מיט דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג!

יאָ, די גאַנצע מאַכט די סאָוויעטן, אַרונטער מיט די נישט־דערוואַקסע־נע! — האָט מירקין נאָכגעזאָגט אין זיך דאָס דאָזיקע געשריי; פאַר דעם שלום, פאַר די אויסגעבענקטע פרייהייטן, פאַר די געפּייניקטע און געפּלאָג־טע, פאַר אונדז אַלעמען, די פאַרפּאַלענע, פאַר דער פאַרבלוטיקטער וועלט צו ברענגען אַ דערלייזונג!

דאָך, אַז ער האָט געזען, ווי מאַטראָזן און סאָלדאַטן טרייבן־אונטער מיט די קאָלבעס פון זייערע ביקסן די אידעאַליסטן מיט די אויסגעבלייכטע פּנימער און די גראָע קעפּ, אין די פריערשע קורטקעס, אין די פריערשע וואַ־טאָוקעס, איז דורכגעגאַנגען אַ שטעכנדיקער ציטער דורך זיין גאַנצן קער־פּער. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, האָט זיך זיי פאַרשטעלט מיט דער האַנט, אַזוי ווי מען וויל נישט קוקן אויף אַ מיאוסער, אומנאַטירלעכער זאַך. עס האָט אים אַרומגענומען אַ שרעקלעכער עקל פאַר די ווילדע געשרייען, וואָס ער האָט געהערט אַרום זיך פון זיינע חברים אויף דער גאַלעריע, וועלכע האָבן די מאַטראָזן אונטערגעגעבן מוט, אַז זיי זאָלן טון זייער אַרבעט מיט מער דרייסטקייט, כאָטש עס איז נישט נויטיק געווען זיי צוצוגעבן חשק.

— פאַריאָגט זיי, די פאַררעטער, מיט אַ גוטן זעץ אויפן שליטוועגס!

— האָט געשריגן אַ קורץ־געזיקער מיט אַ צוגעקלעפּטער טשופּרינע אויף זיין פאַרשוויצטן שטערן.

— הערט־אויף, הערט־אויף! נענוג, גענוג! — האָט מירקין פּלוצלינג אָנגעהויבן צו שרייען ווילד.

— וואָס איז מיט דיר, חבר? — האָט אים אַ באַקאַנטער פון מאָסקווע. וואָס איז געזעסן נעבן אים, געפרעגט פאַרוואונדערט. — אפשר זיך פאַר־בענקט נאָך זיי?

— זיי גייען דאָך סיי ווי סיי! נאָך וואָס דאָס אונטערייאָגן?

— כדי זיי זאָלן פליען, — האָט עמיצער געלאַכט.

* *

אַז מירקין איז אַרויס פון טאַורישן פּאַלאַץ, האָט דער שניי געקנאַקט אונטער זיינע פיס, געבליצט אין דער נאַכט אַריין. ער איז געגאַנגען איינ־געבויגן, אַזוי ווי ער וואָלט געוועזן געטראָגן אַ משא אויף זיינע פּלייצעס. ער האָט געהאַט דאָס געפיל פון אַ מענטש, וואָס איז נישט נאָר דערבייַ גע־

זוען, נאָר וואָס האָט אַליין אָפּגעטון אַ מיאוסע זאַך. ווי ער האָט נישט גע־וואָלט פאַרענטפערן פאַר זיך אַליין די נויטיקייט פון דעם דאָזיקן שריט מיט די פלאַמענדיקע געדאַנקען, וואָס האָבן נאָר וואָס געגליט אין זיין געהירן, איז ער נישט געווען ביכולת דאָס צו טון. דאָס פייער פון זיינע אַרגומענטן איז אויסגעלאָשן געוואָרן. ער האָט זיך אַפילו נישט געקאָנט דערמאָנען זייער לאָגיק. עס איז אים איבערגעבליבן אַ לאַך אין האַרץ.

ווי ער גייט אַזוי, פאַרטראַכט אין זיך, יאָגט אים עמיצער אָן און רופט אים נאָך:

— מירקין!

אין די גאַסן האָט געשנייט. פון דעם נעלן ליכט זעט דער מענטש ווי דורך אַ זיפּ.

— דאַכט זיך, חבר אַנאַטאָל?

— איר דערקענט מיך נישט מער?

— אָ, יאָ, כ׳האָב נאָר געמיינט...

— געווען דאָרטן אינעווייניק?

— ניין, מען האָט מיך נישט אַריינגעלאָזט. איך האָב אָפּגעוואַרט אין דרויסן מיט אַנדערע.

— אַלץ איז אויס! — זאָגט מירקין.

— נו, און וואָס זאָגט איר דערצו? אייך געפעלט עס? איר זענט דאָך אַ זייעריקער?

— וואָס זאָל איך זאָגן? געוויס איז עס טרויעריק, וואָס איר האָט גע־בראַכט דערצו.

— זייט מוחל, איך האָב פאַרגעסן. הייסט עס, אַז איר באַרעכטיקט דאָס?

אין מירקינען האָט זיך דערוועקט דער עקשן פאַר פרעמדע, דער ווילז נישט צו לאָזן גאַרנישט מערקן פון די ספקות, וואָס האָבן אין אים אָנגע־הויבן צו בויערן. פאַרקערט, ער האָט געוואָלט אַרויסווייזן זיין מיטפאַר־אַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער טאַט, און ער האָט זי באַרעכטיקט מיט דער דעמאָלט-באַקאַנטער באָלשעוויסטישער דערקלערונג:

— וואָס פאַרא דעמאָקראַטישע פאַרזאַמלונג איז דאָס געווען? דאָס איז דאָך געווען אַ מאַשין, וואָס די פּראָוויזאָרישע רעגירונג האָט צונויפגע־שטעלט. זי האָט אויסגענוצט דעם גאַנצן דרוק פון דער מאַכט אויף דער

באַפֿעלקערונג, כּדי אויסצוקלויבן אירע אייגענע מענטשן אין דער פֿאַרזאַמלונג. מיר ווייסן, ווי אַזוי אַזעלכע וואַלן ווערן פֿאַבריצירט.

— און איר וועט איצט צונויפֿרופֿן די גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג אויף מער דעמאָקראַטישע יסודות? וואָס? — שמייכלט אין זײַנע וואָנסעלעך אַרײַן דער חבר אַנאַטאָל. — איר גלויבט אין דעמאָקראַטיע?

— דעמאָקראַטיע? וואָס האָט די דעמאָקראַטיע אויפֿגעטון ביז איצט? אַ האַלבע וועלט איז, מער אָדער ווייניקער, געווען דעמאָקראַטיש: אַמעריקע, ענגלאַנד, פֿראַנקרײַך, דײַטשלאַנד, צי האָט נישט אונטער איר הערשאַפֿט אויפֿגעפֿלאַקערט די שרעקלעכסטע און גרויזאַמסטע מלחמה? ווערן נישט אַרבעטער אונטערדריקט? הונגערט מען נישט בײַ איר? דעמאָקראַטיע איז געוואָרן אַ געזעצלעכע, פּאָליציייִשע פּראָסטיטוציע. די צײַט פֿון דעמאָקראַטיע איז פֿאַרבײַ, מײַן פֿרײַנט! עס קומט אָן די דיקטאַטור. אָדער די דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט, אָדער די דיקטאַטור פֿון קאַפּיטאַל. מען דאַרף נאָר ווייסן, וווהין מען באַלאַנגט, און וואָס אויסצוקלויבן.

חבר אַנאַטאָל האָט אים אָנגעקוקט פֿאַרוווּנדערט און געזאָגט:

— עס קומט מיר פֿאָר, אַזוי ווי מיר וואָלטן זיך געטוישט מיט די ראָלן. נאָר מיך וווּנדערט, וואָס דווקא איר רעדט אַזוי. אויף אײַך, מוז איך זיך מודה זײַן, האָב איך זיך דאָס צום ווייניקסטן געריכט. איך געדענק אַ צײַט, ווען איר האָט מיט מיר גערעדט וועגן אַבסאָלוטער פֿרייהייט. איר האָט זיך געשראָקן פֿאַרן „אַנאָנימען צאַר“, וואָס מיר באַשאַפֿן אין די מאַסן.

— אָ, דאָס מיינט איר? איך וועל אײַך זאָגן: ווען כ'האָב זיך איבערצײַגט, אַז די פֿרייהייט איז אַ צו קורצע קאָלדרע, זי זאָל קאָנען אַלעמען צודעקן, האָב איך אויסגעקליבן די, וואָס נויטיקן זיך צומייניקסטן אין דער קאָלדרע, די, וואָס זענען ביז איצט קאַלט און נאַקעט געווען. עס קאָן מעגלעך זײַן, אַז מיר לאָזן איבער אין דרויסן אַנדערע עלעמענטן. נאָר אַנדערע האָבן עס אויך נישט אַנדערש געמאַכט, ווען זיי האָבן געהאַט וואָס צו זאָגן. אפֿשר וועט אַמאָל קומען אַ צײַט, ווען די קאָלדרע וועט זײַן אַזוי ברייט, אַז זי וועט קאָנען וואַרעמען אַלעמען. ביז דענסטמאָל אָבער דעקן מיר צו מיט איר די, וואָס זענען אונדז צום נאָענטסטן. אָבער פֿאַרוואָס שטייט איר פֿון דערווײַטנס? אדרבא, קומט, זעט די קאָלדרע אויסצוברייטן, לייגט־צו אַ האַנט. וואָס פֿאַראַ ברוגז האָט איר זיך געמאַכט? מיט

וועמען, מיט אייער אייגן לעבן? מיט אייערע אייגענע האפענונגען? איר זאלט מיר מוחל זיין, איר דערמאנט דאך יענעם חתן, וואס האט זיך יארן־לאנג געשדכנט צו א כלה, וועלטן דורכגעזעצט, אבי ער זאל זיינס דער־גרייכן: עס זאל חופה געשטעלט ווערן, און אז עס איז געקומען דערצו, האט ער זיך דערשראקן, און איז פון דער חופה אנטלאפן. וואס, די כלה איז אייך נישט געפעלן? עס איז נישטא קיין אנדערע, אנאטאל. דאס איז די סאציאלע רעוואלוציע. דאס איז די כלה, צו וועלכער איר זענט פארקנסט. און דער, וואס אנטלויפט פון אונטער דער חופה, דער איז א פחדן, זאלט איר מיר מוחל זיין פארן שארפן ווארט.

חבר אנאטאל האט אים געלאזט אויסרעדן, און האט ווי אמאל בא־טראכט, נישט אן וויל־וועלן, זיין גרויסע באגייסטערונג. דערביי האט מיר־קין זיך נישט געקאנט באפרייען פון דעם שפאטישן שמייכל, וואס ער האט אפילו אין דער פינצטערקייט פון דער נאכט געזען שפילן אויף חבר אנא־טאלס ליפן.

— יא, יען עס וואלט זיך נאר געווען געהאנדלט אין א חתונה־פאראד, — לאכט חבר אנאטאל. — אויף א חתונה לאזט זיך מיטשפילן, מיט־טאנצן, מיטפאטשן מיט די הענט. מיר אבער, יונגערמאן, זענען פאראנט־ווארטלעך פאר דעם ווייב, וואס מיר נעמען. מיר זענען די, וואס ווילן טראגן א טאג נאך דער חתונה די אחריות. דא האנדלט זיך וועגן פירן א לעבן, וועגן פרנסה געבן, וועגן קינדער־האבן. נאר גענוג רעדן מיט סימ־באלן. עס איז נישט קיין וואונדער, — זאגט פלוצלינג חבר אנאטאל ביטער, — וואס דווקא די זענען איצט געווארן אזוי פארקאכט, וועלכע האבן ביז צו דער באלשעוויסטישער איבערקערעניש נישט געהאט קיין פעסטן באשטאנד אין דער ארבעטער־זאך, — איך מיין אייך, חבר מירקין, און אזוינס גלייכן, — ביי וועלכע דער סאציאליזם, די רעוואלוציע איז נישט געווען פארבונדן מיט זייער לעבן, נאר געווען א לוקסוס־זאך, — זאל זיין א גייס־טיקער לוקסוס, אבער דאך נישט קיין טאג־טעגלעך ברויט. איך געדענק דאך אייער געשפרעך אמאל מיט מיר, חבר מירקין, דווקא די קאנען זיך אזוי לייכט ארויפכאפן אויפן וואגן, דווקא די זענען מיטאמאל געווארן היי־סע רעוואלוציאנערן, ווייל אייך קאסט עס גארנישט. עס איז א חתונה, זאגט איר. ביי אונדז איז די רעוואלוציע נישט קיין חתונה, נאר א פאראנטווארט־לעך לעבן, א טאג־טעגלעך לעבן, איר פארשטייט? מיר, וואס אקערן דאס

פעלד טריט־ביי־טריט, וואָס באַטרינקען עם טראָפּנווייז, — מיר קאָנען נישט שפּרינגען. מיר זענען פּאַרקנסט, חבר מירקין, אויף דאָס לעבן לאַנג. די רעוואָלוציע — דאָס איז אונדזער ווייב און קינדער. מיר האָבן געשלעפּט דעם וואָגן ביז איצט, שריט־ביי־שריט. מיר קאָנען נישט שפּרינגען, חבר מירקין, ווען מיר זעען אַ טיפן אָפּגרונט. מיר טראָגן אויפן קאַרק אַן אחריות. מיר זענען באַווייבטע מיט דער ארבעטער־זאַך, און קיין שום שטערונג, סיי פון רעכטס, סיי פון לינקס, קאָן נישט אָפּשטעלן אונדזער פּאַמעלעכן, אָבער זיכערן וועג צום ציל, ווייל מיר גייען נישט אויף חתונות.

מירקין האָט זיך דערשראָקן פאַרן פייער, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן אין חבר אַנאַטאָלס אויגן. ער האָט אים נישט דערקענט. דער בלייכער איינגעהויקערטער אַנאַטאָל איז מיטאַמאָל פאַר אים אויסגעוואַקסן און איז העכער געוואָרן.

— אפשר דערפאַר, וואָס מיר זענען נישט געווען קיין איינגעפלאַנצטע, איז אונדז לייכטער געווען צוצוקומען צום היינט, איידער די, וואָס זענען פאַרהאַרטעוועט געוואָרן אין זייער וועג? מען זאָגט, אַז יונגע פּויערים קאָנען זיך פיל פריער צופּאַסן צו מאָדערנע אַקער־מעטאָדן, איידער די איינגעזעסענע, וואָס מייען אַלץ, אַז אַ הילצערנער אַקער, צוגעשפּאַנט צו אַ קו, איז צוגעפּאַסט אויפצואַקערן די ערד. טראַדיציע, חבר אַנאַטאָל, איז טיילמאָל אַ שטערונג פאַר פּראָגרעס. אונדזער גאַנצע קולטור לינגט אונטערן יאָך פון דער טראַדיציע.

— דאָס זענען אַלץ ווערטער, — זאָגט פלוצלינג חבר אַנאַטאָל. — איך וויל אייך פרעגן אַ פשוטע פראַגע, נישט געקוקט אויף אייער איצטיקער שטעלונג, וואָס איך צווייפל נישט אין איר אויפריכטיקייט, — זאָגט ער שוין רואיק. — צי פּראָטעסטירט נישט אין אייך אייער פשוט פּרימיטיוו מענטשלעך געפיל פאַר גערעכטיקייט קעגן דעם אַלעם, וואָס טוט זיך דאָ אָפּ און וואָס קומט אייך, בלי־ספק, אוים צוצוזען טאָג־טעגלעך ביי אייער באַשעפטיקונג? האָט זיך אייער האַרץ נישט געקאַרטשעט פאַר צער, צוקוקנדיק כאָטש, ווי סאָלדאַטן און רויע יונגען (וואָס מען ווייסט נישט, וואָס עס וועט פון זיי מאָרגן ווערן), האָבן צעטריבן די אויסדערוויילטע פון פאָלק?

— געוויס, געוויס טוט עס וויי צוצוזען. נאָר דאָס זענען געבורטס-

ווייען פון אַ נײַ לעבן, וואָס קומט אָן. מיר דאַרפן דאָס איבערקומען, גובר זיין.

— גובר זיין, איבערקומען? איין זאַך וועל איך אײַך זאָגן, יונגער־מאַן, — האָט אים איבער חבר אַנאַטאָל. — איר זענט אַמאָל געקומען צו מיר, און איר האָט מיך געפרעגט וועגן העברען זין פון אונדזער טון. פאַרגעסט, וואָס איך האָב אײַך דענסטמאָל געזאָגט. פאַרגעסט די ביטערע פאַרווורפן, וואָס איך האָב אײַך היינט געמאַכט, נאָר איין זאַך געדענקט, היט עס ווי אַן אויג אין קאָפּ, ווי דעם גרעסטן אוצר, און דאָס איז — דאָס פּרימיטיווע געפיל פון יושר און אמת, וואָס לעבט אין אונדז. דאָס איז דער העכסטער זין פון סאָציאַליזם, אויף דעם שטייט אַלץ, אויף דעם שטייט אונדזער מענטשהייט. דאָס איז אונדזער געטלעכקייט. אַ סך פון אייערע חברים רייסן איצט אַרויס דאָס דאָזיקע פּרימיטיווע געפיל פון זייערע הערצער מיט אײַזערנע צוואַנגען. אויף דעם אָרט ווילן זיי איינפלאַנצן טויטע דאָגמען. די וועלט האָט שוין אַמאָל געזען, צו וואָס מענטשן דערגייען, ווען זיי פאַרבייטן דאָס פּרימיטיווע געפיל פון גערעכטיקייט אויף אַ דאָגמען־אינקוויזיציע!

— איר, חבר אַנאַטאָל, רעדט וועגן פּרימיטיוון געפיל פון גערעכטיקייט? ווי קומט עס צו אײַך?

— דאָס איז דאָס נײַע, וואָס כ'האָב געלערנט אין דער רעוואָלוציע. האָט מיר אַ גוטע נאַכט.

און מירקין האָט געזען, ווי זיין לאַנגער, שמאָלער, דורכזיכטיקער שאָטן ציט זיך אויס איבערן באַשנייטן ברוק.

קאַפּיטל 6

אַ באַגעגעניש מיטן פאָטער

אַז זאַכאַרי מירקין איז אַמאָל אַריינגעקומען אין קאָמיסאַריאַט פאַר פאָלקס־ווירטשאַפט, אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין נײַער באַשעפטיקונג, האָט זיך אים צווישן דער מענגע מענטשן, וואָס האָבן אָנגעפילט די קאָרידאָרן, די טרעפּ, די פאָדער־צימערן פון דער גרויסער געביידע, געוואָרפן

אין די אויגן אַ באַקאַנטע פיגור. די פיגור איז געזעסן פאַרזונקען אין זיך אַליין אויף איינער פון די בענק און האָט געוואַרט. ער האָט דער־קענט אין דער פיגור זיין פאָטער.

דער אופן זיצן פון זיין פאָטער האָט באַלד געגעבן אַ קלעם־צו זיין האַרץ. ער האָט נאָך זיין פאָטער קיינמאָל נישט געזען אין דער פּאָזע פון אַ צעבראָכענעם מענטש. ער האָט שטענדיק געטראָגן אין זיין דמיון דעם פאָטערס געשטאַלט: אַ הויכער, אַ שטאָלצער, אַ שטרענגער, אין גוטע און שלעכטע צייטן, האַלטנדיק אויף אַ געוויסער דיסטאַנץ אַפילו אייגענע.

דער מאַן, מיטן גראָען קאָפּ אַנגעלענט אויף די הענט, אַ פאַרזאָרג־טער, און איינגעהויקערטער, איז געווען פאַר מירקינען אַזוי אומבאַקאַנט, אַזוי פרעמד, אַז ער האָט באַלד פאַרגעסן אין דעם תהום, וואָס ליגט צווישן זיין פאָטער און אים, און ער האָט דערפילט אַן אומבאַגרענעצטן צער און רחמנות אויף אים.

ער איז פלינק אַדורך דאָס פאָדער-צימער, אַז ער זאָל נישט ווערן באַמערקט. מיט זיינע געשעפטן האָט ער זיך שוין נישט געקאָנט אָפּגעבן. ער האָט זיך אויסגעמישט מיטן עולם, זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל און האָט פון דאָרטן באַטראַכט זיין פאָטערס פּנים, וועלכן עס איז אים געווען שווער איינגאַנצן צו זען, מחמת דער אַלטער מירקין האָט געהאַט פאַר־שטעלט זיינע באַקן מיט די דלאָניעס פון זיינע הענט, אויף וועלכע עס האָט גערוט זיין קאָפּ. דאָך האָט ער געקאָנט גאַנץ גוט זען, אַז זיין פאָ־טער איז שוין געוואָרן אינגאַנצן אַן אַלטער, צעבראָכענער ייד. די באָרד, וואָס מירקין האָט נאָך גוט געדענקט אַלס אַ געלע, איז שוין געווען אינ־גאַנצן גרוי. די צוויי שפּיצן זענען זיך צוזאַמענגעוואַקסן, פאַרפּלאָנטערט, אויסגעמישט. די לויזע טאָרבעלעך פון זיינע אויגן זענען איצט נאָכמער שלאַבעריק געווען. זאָכארי האָט באַשלאָסן אים נישט אָפּצולאָזן פון אויג, נאָכצוגיין אים און געוווויר ווערן, וואָס עס טוט זיך מיט אים.

דער פאָטער איז אים נישט אַרויס פון זינען פון דער ערשטער מי־נוט, ווען ער האָט אים אָנגעטראָפן צווישן די באַלאַגערטע אין האָטעל „מעטראָפּאָל". אָבער די נייע סביבה, אין וועלכער מירקין האָט זיך גע־פונען אַלס טעטיקער קאָמוניסט, איז נישט געווען צוגעפּאַסט, אַז מען זאָל זיך אין איר קאָנען אָפּגעבן מיט געדאַנקען וועגן גורל פון אַ פאָטער אַ בורזשוי, אַ שונא פון דער רעוואָלוציע. איצט, ביים אָנטרעפן זיך אויג

אויף אויג, זענען מיטאמאל פארשוווּנדן אלע חילוקים, אלע טאלן, וואס ליגן צווישן זיי. עס איז אפגעווישט געווארן דער שוים פון דער ביטער־קייט, וואס די פארגאנגענהייט האט אנגעמידליעט. דאס דאזיקע פנים איז אים געווארן מיטאמאל דאס נאענטסטע, דאס אייגנסטע, וואס ער האט אין זיין לעבן. די שרעק פארן פאטער איז פארשוווּנדן. עס איז נישט געווען מער וואס מורא צו האבן פארן אלטן, פארלווירענעם, וואס זיצט דארטן. איצט האבן זיך אלע באנדן אויפגעלייזט, און עס איז איבערגע־בליבן בלויז קינדער־ליבע און נאענטסטע צוגעבונדנקייט.

מירקין האט געוואלט צוגיין צו אים, זיך געבן צו דערקענען. אבער דא איז נישט געווען דאס פאסיקע ארט דערפאר, און ער האט זיך אוועק־געשטעלט אפווארטן, ביז דער פאטער וועט דאס הויז פארלאזן.

לאנג האט געדויערט דאס ווארטן. מירקין האט געזען, ווי דער אל־טער, פארביטערט איבער עפעס, גיט זיך מי צו באקעמפן די דערנידע־רונג, צו ווארטן. אזוי לייכט איז עס אים אבער נישט אנגעקומען. דער אלטער מירקין האט זיך א פאר מאל אויפגעשטעלט, ווי צום אוועקגיין. דאך איז ער צוריקגעקומען און האט געפונען זיין ארט שוין פארנומען פון אן אנדערן ווארטנדיקן. די לופט איז דא געווען נישט צו דערטראגן פון די פילע מענטשן, א שטיקנדיקע און א לאנגווייליק־קאזארמישע, ווי אין אלע קארידארן פון קאנצעלאריעס. דא איז נאך צוגעקומען אן אנ־געצווייגענע געשפאנטקייט, וואס די אנגסט און אומזיכערקייט האבן צו־געגעבן דעם ווארטן. אן אומבאוווּסטע שרעק האט דא געווירקט אנשטע־קיק, האט זיך אריבערגעטראגן פון איינעם צום אנדערן. ביי אלעמען האט זיך דער קאפ געשפאלטן פון ווייטיק, וואס מען האט אנגעזען פון די אויפגעלעבטע, אנגעשטרענגטע פנימער, פון וועלכע ס׳האט געשלאגן מיט א קרענקלעכער נערוועזיטעט.

דא און דארט האט זיך ארויסגעריסן פון א פרוי א פארשטיקטער קרעכץ. האבן שוין אנדערע אנגעהויבן צו הוסטן. מירקין האט נישט פאר־שטאנען, פונוואנען עס נעמט זיך די דאזיקע שרעק און די אומרואיקייט ביי די מענטשן. דאס וואס איז געשען איז דאך די העכסטע דערגרייכונג! עס איז דאך די רעוואלוציע! וואס טוט זיך דא אזעלכעס? עפעס א מיס־פארשטענדעניש, צי וואס?

ענדלעך האט ער באמערקט, ווי עפעס א חוצפהדיק יינגל שרייט-אן

זייער גראָב אויף זיין פאָטער. עס האָט אויפגעפלאַקערט אין אים אַ כעס, ער האָט געוואָלט זיך וואַרפן אויפן יינגל מיט די קולאַקעס. און ער האָט זיך אַליין געוואונדערט איבער זיין פלוצלינגדיקער פאַרענדערטקייט. מיט אַלע כוחות האָט ער זיך צוריקגעהאַלטן. ער האָט געזען, ווי זיין פאָטער ווערט מיטן יינגל פאַרשווונדן אין אַ טיר. עס האָט געדויערט פינף מינוט, צען מינוט, מירקין באַאָמרואיקט זיך, וויל אַריינלויפן אַהין, וווּ עס איז פאַרשווונדן זיין פאָטער. ער טראַכט איבער: אפשר וועט עס מאַכן ערגער? מאַכט ער אָפּ ביי זיך: ער וועט אָפּציילן פינף הונדערט. ווען זיין פאָטער וועט דעמאָלט נישט אַרויסקומען פון יענער טיר, גייט ער אַריין.

ווי ער באַשליסט דאָס ביי זיך, זעט ער דעם פאָטער אַרויסקומען. זיין פנים איז אָן ערך באַלעבט, מיט אַרויסגעשלאָגענע, פלאַמיקע, רויטע פלעקן. די שפּיצן באָרד — שטייפער, און מיט אַ דערהויבענעם קאָפּ, מיט אַ פעסטן גאַנג גייט ער מיט איילנדיקע טריט צום אַרויסגאַנג, און מירקין הינטער אים.

אין דרויסן האָט געהערשט אַ בין־השמשות-שטימונג. נישט צוליב דעם, וואָס דער טאָג האָט געהאַלטן אין פאַרזינקען. עס איז נאָך געווען אין די פריע פאַרמיטאָג־שעהען. דער טאָג איז געבוירן געוואָרן אַ בין־השמשותדיקער. פון פרימאָרגן אָן איז געשטאַנען אין דער לופט אַ גע־דיכטע, וואָלקנדיקע שנייקייט. איצט האָט שוין דער שניי געשאָטן. גע־דיכטע שטיקער וואַטע זענען געפאַלן משופּעדיק, זיגזאַגיש, געשפּונען נעצן. מען האָט זיך געפילט אַריינגענומען אין אַן ענגן חלל, וועלכן די געדיכט-פאַלנדע שניי-פליטערלעך האָבן געהאַלטן אין איין פאַרוועבן.

מירקין האָט מורא געהאַט, אַז ער זאָל נישט פאַרלירן דעם פאָטער פון בליק. ער האָט איצט גאַנץ נאָענט נאָכגעאיילט הינטער אים. די טראַמוויי-סטאַציע איז געווען באַלאַגערט פון מענטשן, האָט זיך דער פאָטער פון איר אָפּגעקערט. דער פאָטער האָט, צוליב עפּעס אַ סיבה, נישט גענומען קיין שליטן, וועלכן עס איז אגב אויך נישט געווען צו זען. ער איז געגאַנגען צו־פוס, אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון זיין פעלץ. די ווייסע שניי-פליטערלעך זענען אים געפאַלן איבערן רוקן און פּלייצע. דער פאָטער איז באַלד אינגאַנצן באַדעקט געוואָרן. דאָך איז ער ווייטער געגאַנגען. נאָר איצט איז שוין דער רוקן נישט בלויז געפאַלן אונטערן

יאַך פון אַלטקייט, נאָר עס האָט זיך מירקינען אויסגעדאַכט, אַז דער פּאַ־טער טראָגט אויף זיך אַ זאַק מיט שניי, און ער ווערט וואָס אַמאָל קלע־נער, קאָרטשעט זיך איין און באַלד וועט אים דער שניי איינגאַנצן צו־דעקן. דאָך האָט מירקין נישט געפונען אין זיך גענוג מוט צוצוטרעטן צו אים. כאָטש ער איז אים שוין נאָכגעגאַנגען אַ היפּשע ווײַלע און גע־האַלטן אין איין שעפּטשען הינטער אים „פּאַפּאָטשקע, פּאַפּאָטשקע, פּאַ־פּאָטשקע", אָבער אַזוי שטיל, אַז ער האָט קוים דערפילט דאָס וואָרט אויף די ליפּן. ער אַליין האָט עס קוים דערהערט. ענדלעך האָט דאָס רחמנות־ און ליבע־געפיל אים געגעבן מוט, און ער איז האַרט צוגעטראָטן:

— פּאַפּאָטשקע! — האָט ער אויסגערופן, און אַ נאַרישער שמייכל איז געשטאַנען אויף זיינע ליפּן.

— וואָס איז דאָס? — האָט זיך אומגעקוקט דער אַלטער מירקין, און מיטאַמאָל האָט זיך זיין געשטאַלט, האַלטונג און פּנים געענדערט, ווי עס וואָלט דורך אַ צוויבער־וואָרט אַרויסגערופן געוואָרן אַ פאַרוואַנדלונג.

דער פּאָטער איז העכער געוואָרן. עס איז פאַרשוווּנדן דער הויקער און דער זאַק פון די פּלייצעס. דאָס פּנים איז פון ווינט און אויפרעגונג רויט־באַלעבט געוואָרן, אַזוי אויך זיינע צוויי פאַרשנייטע שפּיצן־באָרד. עס האָט מירקינען מיטאַמאָל אויסגעוויזן, אַז זיי האָבן באַקומען צוריק זייער יוגנטלעכן געלן קאָליר.

די אויגן האָבן נאָר אַביסל מטושטש אַרויסגעקוקט פון די פאַר־שנייטע הייטלעך. מיט אַ באַוועגונג פון דער האַנט האָט ער אָפּגעמאַכט די שניי־פּליטערלעך פון זיין פּנים. דערקענט זיין זון, האָט דער אַלטער געגעבן אַ כעסדיקן שאָקל מיט די אַקסלען, נישט אַרויסצורעדן אַ וואָרט. אָן אים צו שענקען אַ בליק, האָט דער פּאָטער ווייטער געשפּרייזט מיט פעסטע טריט.

נאָר מירקין איז אים שוין פאַראויסגעלאָפן און געהאַלטן אין איין קוקן אין פּנים אַריין, געהאַלטן אין איין שעפּטשען דאָס וואָרט „פּאַ־פּאָטשקע".

— וואָס ווילסטו? גיי צו דיינע! דאָס טרעפן זיך מיט מיר קאָן דיר נאָר שאַדן, — האָט געזאָגט דער אַלטער מירקין און ער איז ווײַ־טער געגאַנגען.

זאַכאַרי האָט זיך געמיט אָנצוהאַלטן מיט אים דעם טריט.

— איך האָב נישט קיין מורא. איך וויל וויסן, ווי עס גייט דיר.

דער אַלטער האָט אים נישט אָפּגעענטפערט און איז ווייטער גע־גאַנגען מיט שטאַרקע טריט.

— פּאַפּאַטשקע! — האָט מירקין נישט אויפגעהערט אים נאָכצו־רופן אין איילנדיקן גאַנג.

און אַז דער פּאָטער האָט אים ווידער נישט אָפּגעענטפערט, האָט אים מירקין געפּרוווט אָננעמען ביי דער האַנט.

— אַנטלויף נישט, איך בעט דיך.

דער אַלטער, אַזוי ווי ער וואָלט גערירט געוואָרן פון זיין קינדס אומבאהאָלפנקייט, האָט זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט צום זון, כאָטש שוין נישט מיט כעס, ווי פריער:

— איך פאַרשטיי דיך נישט... אַז מען באַלאַנגט צו עפּעס, מוז מען זיך אָן דעם האַלטן. איך בין אַ בורזשוי. דו דאַרפסט זיך נישט נאָכפרעגן וועגן מיר. עס קאָן דיר ברענגען שאָדן.

— פּאַפּאַטשקע! — האָט מירקין געקוקט דעם פאָטער אין פּנים אַריין.

דער אַלטער האָט זיך איצט אָפּגעשטעלט, געקלערט עפּעס, געשלאָגן זיך אין דער מחשבה, און ענדלעך געפרעגט מיט אַ בייזערדיקער גרימאַסע:

— וואָס ווילסטו וויסן?

— ווי גייט עס דיר? ווי פילסטו זיך?

— מיר איז גאַרנישט. אַלץ איז אַזוי ווי עס דאַרף זיין, לויט דעם פּראָגראַם. נאָר סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש האָבן זיי אַרעסטירט.

— סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש? דעם באַרימטן אַדוואָקאַט האַלפּערין? פאַרוואָס?

— ער האָט צו־אָפן אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג.

— פאַר אַ מיינונג? — וווּנדערט זיך מירקין. — ביי אונדז שטראָפט מען נישט פאַר מיינונגען, נאָר פאַר מעשים. ווער האָט אים אַרעסטירט?

— דאָס ווייס איך נישט. דאָס איז שוין אייער זאַך. אַרעסטירט האָט אים אָסיפּ מאַרקאָוויטש.

— ווער איז דאָס אַזעלכער?

— דאָס איז מישענקעס אַמאָליקער חבר. איצט איז ער קאָמיסאַר און רעקוויזיטאָר. ער האָט צוגענומען ביי די האַלפּערינס די וווינונג.

— ער האָט דאָס נישט געטון אויף זיין אייגענער פאַראַנטוואָרט־לעכקייט. דאָס האָט אים עמיצער געהייסן.

— דאָס ווייס איך נישט. וואָס קאָנסטו טון וועגן דעם? איך באַ־אומרואיק זיך זייער וועגן זיין גורל, — האָט דער אַלטער געענדערט זיין טאָן.

— איך פאָר באַלד צום יוסטיץ־קאָמיסאַר. איך וויל דיך נאָר אַהיים־ברענגען.

— מיך אַהיימברענגען? צו וואָס?

— דו זעסט אוים נישט געזונט, עס שניייט.

— מיט מיר האָסטו זיך נישט צו באַשעפטיקן. איך קאָן אַליין מיין שטעטל באַשטיין. זע וואָס דו קאָנסט טון וועגן סאַלאָמאָן אָסיפּאָוויטשן

— איך גיי באַלד. איך וועל נאָר רופן א שליטן, אַז דו זאָלסט אַהיימפאָרן.

— איך זאָג דיר נאָכאַמאָל, וועגן מיר האָסטו נישט וואָס צו זאָרגן איך קאָן אַליין אַכטונג געבן אויף זיך. ווען דו קאָנסט עפּעס טון פאַר סאַלאָמאָן אָסיפּאָוויטשן, האָט דיך גאָט אַליין צוגעשיקט.

— איך גיי זאָפאָרט, ווו קאָן איך דיך טרעפן?

— ביי סאַלאָמאָן אָסיפּאָוויטשן אין דער וווינונג. ניין, ביי אָסיפּ מאַרקאָוויטשן אין דער וווינונג. זי באַלאַנגט שוין נישט צו אונדז.

— נעם א שליטן, פּאַפּאַטשקע, און פאָר אַהיים.

— נעננג! — איז דער אַלטער געוואָרן בייז, און זיינע באַקן האָבן זיך אָנגעבלאָזן. — גיי! — און פאַר זיך האָט ער צוגעלייגט: געמאַכט דעוואָלוציעס און געבליבן א יינגל.

ביים יוסטיץ־קאָמיסאַר, אין דעם פּאַלאַץ פון דעם געוועזענעם רו־סישן יוסטיץ־מיניסטער, פון וואַנען עס איז אַרויסגעגאַנגען די אומגע־רעכטיקייט פאַר רוסלאַנד, האָט מירקין אָנגעטראָפן די קאָרידאָרן, אַזוי ווי אין די אַמאָליקע אַלטע צייטן, אָנגעפּאַקט מיט וואַרטנדע „בעטער". נאָר דאָסמאָל זענען זיי געווען פון דער העכערער רוסישער געזעלשאַפט. פרויען פון הויכע באַאַמטע, פון גרויסע קאַפּיטאַליסטן, פון מיליטערלייט און אַנדערע שטיצער פון דעם אַלטן רעזשים, וואָס די נייע אָרדענונג האָט פאַרפאַלגט.

קרובים זענען געקומען בעטן פאַרלייכטערונגען פאַר זייערע נאָענ־

טע אין די תפיסות. די פרויען, נאָך אַנגעטון אין פּאַרנעמען שוואַרץ, האָבן זיך אויפגעפירט פּונקט אַזוי ווי די אַמאָליקע אומדערצויגענע „אינטערע־סאַנטן". די צרות האָבן ארויסגעקוקט פון די רויטע אויגן, און דאָס געמיט — פון די צעהיצטע פנימער. זיי האָבן זיך פּונקט אַזוי ווי די פּראָסטע מוטערס פון די אַמאָליקע פּאַרפאָלגטע, נישט געשעמט ארויסצוווייזן פאַר אַלעמען זייערע אומגליקלעכע, פאַרוויינטע פנימער. דאָ און דאָרט האָט זיך געהערט אַ ביטערער קרעכץ, וועלכער האָט געווירקט, פּונקט ווי צווישן די פּראָסטע מענטשן, אַנשטעקיק. און עס האָט זיך באַלד דערהערט אַ פאַרשטיקט הוסטן און אַן אונטערגעדריקט שלוכצן.

דער יוסטיץ־קאָמיסאַר, אַ מטושטשער יונגערמאַן, וואָס האָט באַזעצט די דאָזיקע הויכע שטעל נאָר דערפאַר, ווייל זיין פּאַרטיי איז געווען די איינציקע, וואָס האָט זיך אַנגעשלאָסן צו די באָלשעוויקעס, און ער איז פון איר געוואָרן דעלעגירט, האָט נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך. פאַר־שטייט זיך, אַז מען האָט אים גאָרנישט אָנגעפרעגט, אָפּגעטון די שרעק־לעכסטע פאַרברעכן הינטער זיין רוקן. זיין אידעאַליסטיש געוויסן האָט אים געפּלאָגט, און ער איז דורך דעם געווען שטענדיק נערוועז.

אַז ער האָט דערהערט וועגן דעם אדוואָקאַטס ארעסט, איז ער פּשוט אויפגעשפרונגען פון זיין שטול:

— ווער האָט זיך עס דערוועגט? איך האָב נישט ארויסגעגעבן קיין באַפעל. דאָס האָט צו טון מיט גאָראָכאָוואַיאַ. זיי האָבן שוין נישט איינ־מאָל מיר אַזעלכעס אָפּגעטון. — און מיט אַ זשעסט פון אויטאָריטעט האָט ער געכאַפּט דאָס טעלעפאָן־רערל און זיך געהייסן פאַרבינדן מיטן קאָמי־סאַר גראַוויצקי:

— ווער איז דאָ יוסטיץ־קאָמיסאַר, איך צי איר? איך וועל נישט לאָזן אָפּטון אַזעלכע זאַכן הינטער מיין רוקן!

עס זעט אויס, אַז פון דער צווייטער זייט האָט מען זיך וויניק וואָס דערשראָקן פאַר דעם אויטאָריטעט פון יוסטיץ־קאָמיסאַר. מען האָט אים געזאָגט עפּעס אַזעלכעס, פון וואָס דער יונגערמאַן איז געבליבן אָפּהענטיק. אַ פאַרלוירענער האָט ער געזאָגט צו מירקינען:

— זאָגט אַליין, וואָס זאָל איך טון? איך בין טאַקע יוסטיץ־קאָמי־סאַר, נאָר די רעוואָלוציע איז שטאַרקער פון מיר. איך קאָן מיר גאָרנישט

העלפן. נאר אזוי ווייטער וועט עס נישט גיין. איך וועל עס באריכטן צו מיין פארטיי. מיר וועלן ארויסטרעטן, איך וועל רעזיגנירן, — האט ער געהאלטן אין איין אפשרעקן.

מירקין האט נישט געהערט זיינע סטראשונקעס. ער איז שוין געווען אויפן וועג צו דער גראכאוואיא.

אין הויז פון דעם פעטראגראדער גראדאנאטשאלניק האט ער נאכמער אנגעטראפן ווארט:דיקע מענטשן, ווי אין די פריערדיקע געביידעס. דאס דאזיקע הויז איז שוין געווען באשאפן פאר צרות. אזוי ווי אמאל, אין די אלטע, גראדאנאטשאלניקעס צייטן, זענען די טרעפ, די קארידארן די ווארט-זאלן געווען איבערגעשוועמט מיט אומגליקלעכע מענטשן. פארשידן זענען זיי דא געווען. רייכע, פארנעמער מיטלשטאנד, און אויך ארימע. וויביים יוסטיץ-קאמיסאר זענען אויך דא געווען מייסטנס פרויען. טייל זענען געווען אין שווארצן, אנדערע אין געווענלעכער בירגערלעכער קליידונג, און אויך אין ארימע פאלקס-טיכער. און ווי אומעטום, האט אויך מירקין דא באמערקט די אנגסטיקע שרעק, וואס קוקט ארויס פון די רויטע אויגן, די נערוועזע צעהיצטע פנימער, און ער האט פארנומען די פארשטיקטע קרעכצן.

ער האט נישט געקאנט פארשטיין, וואס דא טוט זיך, פונוואנען עס נעמען זיך די שרעק און אנגסט פאר די ארגאנען פון דער רעוואלוציע. עס איז דאך זייער מאכט? עס איז דאך דאס, וואס זיי האבן געוואלט? ווער יאגט דאס ארייז דעם פחד ביי בירגער פאר דער רעוואלוציע? און אפשר שטייען זיי פאר מיין טיר אויך אזוי אין מאסקווע, מיט צעשראקענע אויגן און מורמלענדיקע ליפן? דאס ווארפט אן א שרעק אויף מענטשן די מאכט. אויב אזוי, טא צו וואס מאכט? פארטיליקט זאל ווערן יעדע מאכט! — האט ער אויסגעשריגן.

דער קאמיסאר פון דער הויפטשטאט איז געווען א יידישער יונגערמאן, וועלכער איז ערשט נאך „אקטאבער” צוגעשטאנען צו די באלשעוויקעס, ווי פילע פון זיינס גלייכן. אלס אזעלכער, האט ער זיך געוואלט אויספיינען. דאס היטל האט שטענדיק געברענט אויף אים, ווי אויף יעדן גנב: אפשר איז ער נישט כשר גענוג? אמאל, פאר די באלשעוויקעס, האט ער ארויסגעוויזן א שוואכקייט צו אידעאליזם, — און כדי זיך און אנדערע

צו איבערצייגן, אז ער האָט מיט זיין גאַנצער פאַרגאַנגענהייט איבערגע־האַקט, האָט ער, ווי אַ שיכור אין שיכרות, זיך אַריינגעוואָרפן אין דער פּאַרטיי. ער האָט געגומען אויף זיך די שווערסטע און שמוציקסטע שטיק־לעך אַרבעט און עס אויסגעפירט מיט אַן אכזריותדיקער קאַלטקייט, ווי ער וואָלט געוואָלט איבערצייגן אַלעמען אין זיין כאַראַקטער־שטאַרקייט.

פאַר די גרעסערע איז ער געלאָפן אויף אַלע פיר. פאַר קלענערע האָט ער, ווי יעדער פּחדן, ליב געהאַט אויסצושפּילן זיין קאַלטבלוטיקייט.

— אָ, חבר מירקין! זייער אָנגענעם זיך צו באַקענען. זעצט זיך, — האָט אים אויפגענומען אַ יונגערמאַן הינטער דעם ברייטן טאָפּלטן מאַהאָ־ני־שרייבטיש, און אָנגעוויזן פאַר אים אַ טיפן פאָטעל־שטול. — מיט וואָס קאָן איך אייך דינען, חבר מירקין? — האָט געזאָגט דער יונגערמאַן מיט יענער זיכערקייט און זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט, ווי ער וואָלט זיין גאַנץ לעבן גאַרנישט אַנדערש געווען געטון, נאָר געוויינט געווען צו זיצן הינטער דעם טאָפּלטן מאַהאָני־שרייבטיש, אין דעם אומהיימלעכן גרויסן קאַבינעט, — דעם קאַבינעט, וואָס האָט אָנגעיאָגט אַ שרעק אויף גאַנץ פּעטראָגראַד. קיין איין מוסקול האָט זיך נישט באַוויגן אין זיין פּנים, אַזוי ווי עס וואָלט געווען פאַרהאַרטעוועט הינטער אַ פּאַפּירענער מאַסקע. די ליפּן זענען געווען גוט פאַרבונדן איבער זיינע ציין, און ער איז געווען גרייט צו הערן.

— פון ווען אָן אַרעסטירט מען דאָס ביי אונדז פאַר מיינונגען? ווע־מען קאָן דאָס שאַדן, וואָס אַן אַלטער, היסטערישער מאַן, וועמען די רע־וואָלוציע האָט אַראָפּגעוואָרפן פון בענקל, האָט זיך זיין מיינונג וועגן אונדז, אַז מען דאַרף אַזש אָננעמען אַזעלכע מיטלען? פאַרקערט, איך מיין, אַז אַזעלכע שריט — דאָס אַרעסטירן אַ פאַרביטערטן מענטש צוליב אַן אַרויס־געזאָגטער נאַרישקייט, קאָמפּראָמיטירט אונדז און ווייזט אַרויס אונדזער שוואַכקייט, אַזוי ווי מיר וואָלטן פאַר עפּעס מורא געהאַט.

דער יונגערמאַן האָט מיט אַ גוטמוטיקער צוגעשטימטקייט אויסגע־הערט רואיק מירקינס רייד. אויף זיינע טיף־פאַרשלאָסענע ליפּן האָט גע־שפּילט אַ קאַלט שמייכעלע, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן:

דאָס אַלץ האָבן מיר שוין געהערט און מיר ווייסן. מיר הערן עס נאָר אויס צוליב העפלעכקייט.

— דער חבר מיינט אוודאי דעם ענין פון אדוואקאט האלפערין? דאכט זיך, אויב איך בין זיך נישט טועה, אייערער א קרוב צי א מחותן? — זאגט ער אין א רואיקן טאן, אזוי ווי ער וואלט דערביי גארנישט געמיינט, נאר גלאט אזוי.

— וואס פארא חילוק, א קרוב אדער נישט? איך ווייס, אז דער אדוואקאט האלפערין האט שטענדיק פארטיידיקט רעוואלוציאנערן. איך אליין בין געווען ביי אים א העלפער, און איך ווייס גוט וועגן זיין טעטיקייט אין די צארישע צייטן.

— געוויס, געוויס. מיר ווייסן עס אלע. דווקא צוליב דעם איז ער מער געפערלעך פאר דער רעוואלוציע, ווי יעדער אנדערער. ווען א מענטש אן א רעוואלוציאנערער רעפוטאציע דריקט אויס אין דער עפנטלעכקייט עפעס אומפאסיקס קעגן דער ראטן־מאכט, האט עס קיין איינפלוס נישט. מיר קאנען זיך פארגינען עס צו איגנארירן. אבער ווען א מענטש ווי אדוואקאט האלפערין, וועלכן מען קען אלס א פארטיידיקער פון רעוואלוציאנערע אידייען, אין די צארישע צייטן, ווי איר דריקט זיך אויס, חבר, ווען אזא מענטש מיט אזא רעפוטאציע זידלט פאר אלעמען, עפנטלעך, די רעוואלוציע און אירע ארגאנען, איז אזא מענטש פאר אונדז געפערלעך. אזא מענטש מאכט אן איינדרוק אויף די מאסן, באקומט איינפלוס, צו זיינע מיינונגען הערט מען זיך צו. דאס קאנען מיר נישט פארשווייגן. מיר מוזן איינפלאנצן ביי דער באפעלקערונג אכטונג און רעספעקט צו דער ראטן־מאכט און אירע ארגאנען. צי מיינט דער חבר נישט אזוי? — ווענדעט ער זיך אין זיין רואיקער האלטונג, מיט אן איינלאדנדיקן שמייכל, צו מירקינען.

פון וואנען האט ער גענומען די דאזיקע האלטונג? — טראכט ביי זיך מירקין מיט באוואונדערונג, און זאגט הויך:

— אויף וויפל מיר איז באקאנט, האט דער אדוואקאט נישט באליידיקט די ראטן־מאכט עפנטלעך. ער האט נאר אין אן אויפגערעגטן צושטאנד אויסגעדריקט זיין מיינונג פאר אסיפ מארקאוויטשן, וואס איז געקומען רעקווירירן זיין וווינונג, און וועמען דער אדוואקאט האט געקענט פון די פריערדיקע צייטן אין א גאנץ אנדערער ראלע. מען דארף דאך נעמען אין באטראכט א צושטאנד.

— אָ, — האָט דער חבר קאָמיסאַר נישט געקאָנט אויסהאַלטן זיין דראַיקע טאַקטיק און איבערגעהאַקט מירקינען, — אָסיפּ מאַרקאָוויטש איז אונדזער אַ זייער באַגלויבטער מיטהעלפער. ער האָט שוין נישט איין דינסט באַוויזן פאַר דער רעוואָלוציע. און וואָס עס איז געווען פריער זיין טעטיקייט, אַרט אונדז נישט. מיר ווייסן, מיר ווייסן אַלץ, און מיר פרעגן אויך נישט ביי אַנדערע, וואָס זיי האָבן געטון פאַר „אָקטאָבער". די רעוואָלוציע באַדאַרף מענטשן, און דער, וואָס וויל אונדז דינען, איז אונדז ווילקאָמען.

— אַלזאָ, מיט וואָס קאָן מיר דער חבר העלפן אין אַדוואָקאַט האַלפּערינס ענין? איך זע, אַז אַ פּיל־קעפּיקער עולם וואַרט אין דרויסן אויפן חבר און איך וויל אים נישט באַרויבן זיין צייט.

— ליידער, מיט גאָרנישט. דער ענין געפינט זיך נישט מער ביי אונדז אין די הענט. ער געפינט זיך אין די הענט פון דעם קאָמיטעט פון פאַרטיידיקער פון דער רעוואָלוציע. חבר מאַרעק האָט דערמיט צו טון.

מירקין איז בלייך געוואָרן ביים דערמאָנען דעם נאָמען. ער האָט פאַרביסן די ליפּן און געוואָרפן די דאָזיקע ווערטער ווי ער וואָלט געוואָלט סטראַשען:

— אויב אַזוי, בלייבט מער גאָרנישט איבער, נאָר זיך צו ווענדן צו „סמאָלנע". אין „סמאָלנע", ווייס איך, האָט נישט איינער צו פאַרדאַנקען זיין קאָפּ דעם אַדוואָקאַט האַלפּערין, וואָס ער האָט מיט זיין פעאיקייט און צונג זיי אַרויסגעראַטעוועט פון דער צאַרישער תליה. כאָטש חבר ט... אַזעלכע זאַכן געדענקט מען.

ביי די ווערטער „סמאָלנע", „חבר ט.", איז דער חבר קאָמיסאַר געוואָרן ערנסט. אַ קאַלטע בלייכקייט האָט זיך אויסגעצויגן איבער זיין פּנים. ער האָט נאָך שאַרפער און שטאַרקער פאַרשלאָסן זיינע ליפּן, און זיין שטערן האָט זיך אָנגעהויבן צו רונצלען:

— נאָך וואָס באַאומרואיקן „סמאָלנע", — האָט זיך אָנגערופן דער קאָמיסאַר, — ווענן אַז איינצלנעם מע־טש? דער חבר ווייסט אַז „סמאָלנע" איז איצט שרעקלעך פאַרנומען מיט די פרידנס־פאַרהאַנדלונגען אין בריסק. נאָך וואָס זיי פאַרדרייען די קעפּ מיט אַן איינצלנעם מע־טש? לאָז מיר דער חבר לאָזן זיך איבערלייגן.

דער קאָמיסאַר האָט געקנייטשט דעם שטערן און עפּעס געקלערט. מירקין האָט אים, צוליב דעם שטראָל האָפענונג, נישט געוואָלט אָפּענט־פערן.

— איך קום באַלד. זאָל זיך דער חבר אויפהאַלטן אַ מינוט.

ער איז אַריין אין אַן אַנדער צימער און געזוימט זיך אַ מינוט פינף. פלוצלינג האָט מירקין, ווען ער איז געבליבן אַליין, באַמערקט אַ פּאָר אויגן אַרויסגלאָנצן פון אַ ווינקל און באַטראַכטן, אָפּוואַרטנדיק, יעדע באַוועגונג זיינע. ער האָט זיך אומגעקוקט און באַמערקט ערשט איצט, אַז זיי זענען נישט געווען אַליין: צו זייער געשפּרעך האָט זיך צוגעהערט אַ דריטער, וואָס מירקין האָט נישט געקאָנט זען ווי ער זעט אויס, ווייל ער איז געזעסן פאַרשטעקט אין טונקלסטן ווינקל.

אין אַ ווייל אַרום איז דער חבר קאָמיסאַר אַריינגעקומען מיט אַ פריידיק־שמייכלדיק פּנים און געזאָגט מירקינען:

— איר האָט גליק. איך האָב זיך נאָר־וואָס דורכגערעדט מיט די חברים. פאַר אונדז איז עס אויך זייער אומאַנגענעם. דער חבר פאַרשטייט. אַ מעטש מיט אַ רעפּוטאַציע. פאַרטיידיקט רעוואָלוציאָנערן. עס איז זייער, זייער נישט אַנגענעם. ווען דער חבר וועט נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אים, וועלן מיר מיט פאַרגעניגן אַרויסגעבן דעם אַדוואָקאַט.

— דער בעסטער אויסוועג וואָלט געווען — אים צו געבן אַ פּאַס און אַרויסצולאָזן אין אויסלאַנד, — זאָגט מירקין.

— דאָס וועלן מיר נאָך זען. דער בעסטער אויסוועג וואָלט געווען, ווען דער חבר קאָן אים אַגיטירן, אַז ער זאָל אַריבער אויף אונדזער זייט.

— דאָס וועלן מיר אויך זען, — זאָגט מירקין אַ פריילעכער. — איך וועל עס יעדנפאַלס פּרובירן.

— טוט דאָס, חבר, — פאַלט אַריין אין דער זעלבער פריילעכער שטימונג דער חבר קאָמיסאַר.

— ווו איז ער? — פרעגט ענדלעך מירקין.

— איר קאָנט אים גלייך מיטנעמען. איך האָב שוין געגעבן דעם באַפעל אים אַרויסצוגעבן.

דער טעראָר האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבן.

עס איז אָבער נישט געווען אַזוי לייכט אַרויסצוקריגן דעם אַדוואָקאַט האַלפּערין פון גראַדאָנאַטשאַלניקס תפיסה, ווו ער איז געזעסן, צייט חבר אַסיפּ מאַרקאָוויטש האָט אים, אין נאָמען פון פּעטראָגראַדער קאָמסאָר, אַרעסטירט. דער אַדוואָקאַט האָט פּשוט נישט געוואָלט פאַרלאָזן זיין קעַ־לער־צעלע, און סאָלדאַטן האָבן געמוזט דערצו באַנוצן כוח. ער האָט גע־האַלטן אין איין זידלען, אין איין שיטן קללות אויף דער סאָוויעטישער מאַכט, און ער האָט זיי גערופן מיט די שרעקלעכסטע נעמען:

— נאַ, שיסט מיך! שיסט, שטעלט־צו צום ווענטל! — האָט ער אָנ־געוויזן אויף זיין ברוסט.

מירקין האָט זיך זייער ערנסט דערשראָקן איבער זיין צושטאַנד, וואָס האָט געזאָגט עדות אויף אַ צעמישונג, און נאָך איבער די זידל־ווערטער פון אַדוואָקאַט, וואָס האָבן געקאָנט אַרויסברענגען די סאָלדאַטן פון זייער געדולד. ער האָט געפּרוּווט די אויפרעגונג פון אַדוואָקאַט באַגאַטעליזירן און אויסלאַכן. ער האָט אָנגעוויזן די סאָלדאַטן מיט אַ ווונק און אַ יוויז אויפן שטערן, אַז דער אַדוואָקאַט איז נישט ביים ריכטיקן שכל. מירקינען האָט דער אַדוואָקאַט נישט געוואָלט געבן די האַנט און האָט אים אָנגערופן פאַר אַלע „פּאַדליעץ", אויף וואָס מירקין האָט גוטמוטיק צוגעשמייכלט, און מיט זיינע שטאַרקע הענט געגווּיט דעם אַדוואָקאַט אַריינצוגיין אין שליטן, מיט וועלכן ער האָט אים אָפּגעפירט אהיים צו זיך אין דער וווינונג.

עס איז שוין געווען נאַכט. זיי האָבן געפונען דעם פאָטער זיצן אין זייער שטיבל איינזאַם, אַליין און ווענן עפּעס נאָכקלערן. פאַרשטייט זיך, אַז דער אַלטער מירקין האָט זיך זייער דערפרייט מיטן אַדוואָקאַטס צו־ריקקומען, און פאַר גדולה האָט ער אַפילו אָנגעהויבן רעדן צום זון:

— איצט וואָלט געווען דאָס גלייכסטע, ווען דו קאָנסט פאַר אים אַרויסקריגן אַ פּאַס צו פאָרן קיין אויסלאַנד.

— און מיט דיר וואָס וועט זיין? וואָס פאַרא פּלענער האָסטו, פאָ־פּאָטשקע? — האָט מירקין געפרעגט דעם פאָטער.

אין פאָטער האָט זיך צוריק דערוועקט זיין שטאָלץ. ער האָט אָפּגע־מאָסטן דעם זון מיט אַ בליק פון אויבן ביז אַראָפּ, און אים אָפּגעענטפערט:

— איך בין נישט געוווינט, אַז יינגלעך זאָלן זיך פאַר מיר זאָרגן, און

נאָך דערצו אַזעלכע, וואָס האָבן זיך וויניק־וואָס אינטערעסירט מיט מיר ביז איצט. דו גיי צו דיינע, מיט וועלכע דו האָסט זיך פאַרבונדן! איך קאָן זיך אַליין אַן עצה געבן, אפילו קעגן דיינע.

— איך וועל דיך נישט אָפּלאָזן, — זאָגט מירקין, און קוקט פאַר־עקשנט דעם פאָטער אין פנים אריין.

— דו ביסט א רעוואָלוציאָנער, איך בין א בורזשוי. ווי אזוי קאָנסטו זיך אינטערעסירן מיט מיר? — זאָגט דער פאָטער אין א שפּאָטישן שמייכל.

— דאָס מאַכט נישט אויס. איך בין אָבער דיין זון.

— עקזיסטירן דען ביי אייך פאַמיליע־באַציאונגען? — איך האָב געמיינט, אז נישט.

— ווי ביי וועמען, — ענטפערט אָפּ מירקין און קוקט דעם אלטן רו־איק אין פנים אריין.

דער אלטער האָט זיך עפּעס איבערלייגט:

— נו, דאָס וועלן מיר נאָך זען. דערווייל גיי צו דיינע. אז מען טוט א זאַך, דאַרף מען זי טון בשלימות. — און מירקין האָט דערפילט צום ערשטן מאָל, זינט א לאַנגער צייט, זיין פאָטערס פליישיקע האַנט אין זיינער, וועל־כע איז איצט געווען שלאַבעריק און קאַלט.

הינטער דער טיר, אינעם קאָרידאָר, האָט מירקין אָנגעטראָפן דעם יונגנמאַן אָסיפּ מאַרקאָוויטש, וועלכער האָט דורך דעם שליסל־לאָך נאָכ־שפּיאָנירט און זיך צוגעהערט צום געשפּרעך, וואָס פאָטער און זון האָבן געפירט. מירקין האָט אים קוים געדענקט פונעם פליכטיקן זען אמאָליקע יאָרן. דער יונגערמאַן איז איבעריקנס געווען אזוי פאַרענדערט, אז מירקין וואָלט אים סיי־ווי־סיי נישט דערקענט.

— וואָס האָט איר צו זוכן דאָ? — פרעגט אים מירקין אַן אויפגע־רעגטער.

— וואָס מיך אינטערעסירט! — האָט אים אָפּגעענטפערט דער יונ־גערמאַן רואיק, און געקוקט חוצפּהדיק מירקינען אין פנים אריין.

— צו פּלייסיק, חבר.

— נאָך נישט גענוג פלייסיק פאַר דער רעוואָלוציע! — האָט אים דער יונגערמאַן אָפּגעענטפערט דרייסט.

— וואָס זענט איר געווען פאַר „אָקטאָבער"? — פרעגט אים מיר־קין.

— וואָס איז דער חילוק וואָס איך בין געווען? איצט בין איך דאָס! — ווייזט דער יונגערמאַן די רויטע פּאַרטיי־לעגיטימאַציע פון זיין בוזים־טאַש. — און איר, חבר? — פרעגט מירקינען דער יונגערמאַן.

מירקין האָט אים נישט געקאָנט ענטפערן. ער האָט נישט געהאַט די רויטע פּאַרטיי־לעגיטימאַציע. ער האָט אים געלאָזט שטיין אָן ענטפער און איז אַרויס פון דער וווינונג.

אויף מאָרגנס האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין מאָסקווע. אין האַרץ האָט ער דערפילט אַ פּוסטקייט, אין קאָפּ — אַ כאַאָס.

קאַפּיטל 7

די גרויסע אילוזיע

אין סמאָלנע, אין זיין גרויסן צימער, וואָס איז געווען באַוואַכט פון רויטע גוואַרדיסטן און סאָלדאַטן, איז געזעסן ביי זיין אַרבעטס־טיש דער מאַן מיט דער גלאַנציקער ליסינע. ער האָט געהאַלטן זיין מידן, שווערן קאָפּ אָנגעלענט אויף זיין האַנט; און מיט דער צווייטער, נישט דענקענדיק און נישט ווייסנדיק, וואָס ער טוט, האָט ער אָפּגעקרישלט שטיקלעך ברויט פון אַ לעבל, וואָס עמיצער האָט אַוועקגעלייגט אויף זיין טיש, — נעקייעט און געקלערט.

דאָס צימער איז נאָך פול געווען מיט עלעקטרישע שטראָמען, וואָס דער חבר ט., וועלכער איז ערשט אַרויס, האָט עס אָנגעצונדן מיט זיין ברענענדיקער ענערגיע. מיט זיין טויזנט גראַדיק אָנגעהיצטן טעמפּעראַ־מענט האָט ער איינגעטענהט מיטן „פירער" און אויפגעוויזן: אַז מען מוז דווקא און דורכאויס אָפּוואַרטן, נישט אָננעמען די שווערע באַדינ־גונגען פון בריסקער פרידן, ביז די דייטשן וועלן די רוסישע אַרמיי אָנ־גרייפן, כדי עס זאָל פאַר דער גאַנצער וועלט קלאָר ווערן, אַז די סאָוויע־טישע מאַכט „איז דורך גענעראַל האָפמאַנס שווערד געצוואונגען געוואָרן אָנצונעמען די דיקטירטע תנאים". און דאָ האָבן די דייטשן נאָך פאַרן

טערמין איבערגעריסן דעם וואפנשטילשטאנד. זיי האָבן געלאָזט וויסן, אַז זיי געפינען זיך אין קריג מיט רוסלאַנד.

זיי האָבן אויסגעלאָדן מחנות זעלנער אין פינלאַנד. זיי הרגענען אויס און פּילן אָן די טורמעס מיט פינלענדישע אַרבעטער. פון מינוט צו מינוט וואַקסט זייער אַפּעטיט. וואָס אַמאָל מאַכן זיי שווערער די פרידנס־באַדינגונגען. מען הייבט אָן צו גלויבן, אַז זיי מיינען נאָר מלחמה, ווילן אפשר זיך גאָר פאַרשטענדיקן מיט די „פאַרבינדעטע" און שליסן דעם וועלט־שלום אויפן חשבון פון רוסישן פּראָלעטאַריאַט, ברענגען אַ קרבן אויפן מזבח פון וועלט־אימפּעריאַליזם די רוסישע רעוואָלוציע. דאָ האָט זיך צעפלאַקערט דער מלחמה־גייסט ביי די חברים פון צענטראַל־קאָמיטעט". מיט ליידיקע הענט כאָטש, אָבי ווייטער פירן דעם קריג. אָננעמען כאָטש די הילף פון דער אימפּעריאַליסטישער „אַנטאַנטע". פון פראָנט קומען אָבער אָן יעדן טאָג דעפּוטאַציעס פון סאָלדאַטן, אַז ווען מען וועט נישט שליסן דעם פרידן, וועלן זיי גיין אויף מאָסקווע און מיט באַגנעטן צווינגען אונטערצושרייבן די דייטשע באַדינגונגען.

נאָר מיטאַמאָל רייסט דער מאַן מיט דער ליסינע איבער די טרויעריקע מחשבות. ער וואַרפט אַרויס פון זיין קאָפּ די אַלע אומאַנגענעמע זאָרגן, וואָס ליגן ווי שווערע זעק אויף אים. עס איז אָבער ווי זיין אויסגעהאַמערטער מוח, וועלכער איז תמיד געוווינט צו גיין אין שפּאַן פון לאָגישער רעאַלקייט, האָט זיך אויסגעשפּאַנט און איז אַנטרונען אין קילנדיקן אָפּרו־שאָטן פון אַבסטראַקציע. אפשר איז עס אויך געווען דער איינדרוק פון ווינטערדיקן שנייאיקן פאַרנאַכט, וואָס האָט אַריינגעקוקט דורכן פענצטער, מיט זיין טרויעריק־אומפאַרשטענדלעכער שיינקייט, און וועלכע האָט אים געבראַכט אויף די אויסטערלישע נישט־געוווינטע געדאַנקען.

אָנגעהויבן האָט עס זיך דערפון, וואָס ער האָט געקלערט וועגן דעם, פאַרוואָס די חברים פון „צענטראַל־קאָמיטעט" זעען די סיטואַציע נישט אַזוי קלאָר ווי ער? פאַרוואָס פאַרשטייען זיי נישט די לאַגע, אַז דאָס זעלבע, וואָס האָט ביי אונדז געטראָפן, מוז היינט אָדער מאָרגן זיך איבערחזרן ביי זיי, ביי די דייטשן. פאַר דעם גאַנג פון דער רעוואָלוציע — וואָס פאַראַ חילוק קאָן עס זיין, אויב מיר וועלן די דייטשן איבערלאָזן אַ שטיקל אוקראַינע מער אָדער ווייניקער, פינלאַנד אָדער עסטלאַנד. אוי

ווי לאנג? דאס, וואס איז געשען ביי אונדז, איז נישט קיין דורכגייענדי־קער צופאל. די מלחמה האט געבראכט די רעוואלוציע.

אבער דער גאנג פון די געשעענישן, די אומשטענדן, די קאפיטא־ליסטישע ארדענונג האט דאך געמוזט ברענגען צו דער וועלט-קאטאס־טראפע. א געבונדענע פון איר גורל איז זי, די קאפיטאליסטישע וועלט, געלאפן קעגן איר אייגענעם ווילן אין דעם אפגרונט, וואס זי האט גע־גראבן פאר זיך, כדי זיך אליין צו טויטן און אפצורייניקן דאס פעלד פאר דער קומענדיקער וועלט־רעוואלוציע. דאס, וואס איז געשען, איז דאך נישט קיין קאפריז פון צופאל — נאר פון פריער באשטימטע טריט פון דעם שטענדיקן גאנג פון וועלט־פראצעס. אויב אזוי, צו וואס ווייטער בלוט פארגיסן? צו־וואס אפנייגן אט דעם „וועלט־פראצעס" אויף זייטי־קע נאציאנאליסטישע וועגן, צוליב א שטיקל אוקראינע אדער פינלאנד? סיי־ווי־סיי איז עס נאר אויף א קליינער ווייל. ווער וועט זיך דערנאך רעכענען, אויב מיר האבן געהאנדלט פאטריאטיש צי ניין? דאס זענען דאך אלץ באגריפן פון פארגאנגענע וועלטן. אין פנים פון דער וועלט־רעוואלוציע — וואס פארא באדייט האט עס? דער פראלעטאריאט פון מארגן וועט שוין דורכקומען צווישן זיך, ער וועט שוין נישט מער צע־טיילן די וועלט אין טעריטאריעס. איין טאג פון ארבעטנדן סאציאליזם העלפט מער אונטערגראבן דעם פונדאמענט פון דער בורזשואזיע, איידער א יאר זיגרייכע מלחמה. דאס איז דאך אזוי קלאר, ווי צוויי מאל צוויי. פארוואס זעען זיי דאס נישט איין?

די געדאנקען האבן אים געבראכט צו פארקלערן זיך (אין דער ווינ־טער־פארנאכטלעכער שטימונג, וואס האט געהערשט אין זיין צימער) וועגן דעם, וואס איז אייגנטלעך לאגיק? די „פיר" פון „צוויי מאל צוויי" איז א רעזולטאט פון לאגישער באנעמונג. גוט. אבער פארוואס איז צוויי מאל צוויי — פיר? ווער האט עס איינגעפאסט אזוי אין דעם רעמל אריין?

זיין מוח, ווי א מיל, האט אלע אריינפליסנדע געדאנקען איבערגע־מאלט אויף מעל פאר דער „סאציאלער רעוואלוציע". האט ער אויך באלד דעם אבסטראקטן געדאנק, ווי א פארבלאנדזשעט קערנדל, אריינגעכאפט צווישן זיינע געהירן-רעדער און געמאלן אים: פונוואנען נעמט זיך די גייסטיקע אומגלייכהייט ביי מענטשן? זענען די אורזאכן צו זוכן אין

די זעלבע סיבות ווי די פּיזישע חילוקים? ווערן זיי אַרויסגערופֿן פֿון אומשטענדן (ווי די פּיזישע — דורך דערנערונג), דורך דערציאונג? אָדער איז עס אַ טיפערע, עפּעס אַן אומאָפּהענגיקע סיבה, וואָס באַשענקט און טיילט איין דעם אינדיווידואום מער, און יענעם ווייניקער פעאיקייטן?

פּונקט אַזוי ווי אַ פרומער ייד, וואָס אַנטלויפט ווי פֿון אַן אומגליק פֿון אַן אַנטקעגנגעקומענער שיינער פרוי, אויס מורא, אַז זי זאָל אים, חלילה, נישט ברענגען צו אַ נסיון, אַזוי האָט ער, דער „פירער", באַלד אויסגעמיטן דעם געפערלעכן געדאַנק. „דער גייסטיקער צושטאַנד איז פּונקט אַזוי ווי דער פּיזישער, — האָט ער זיך באַלד געזאָגט, — אַ רעזולטאַט פֿון אומשטענדן. די אָרימע זענען נישט צוגעלאָזט געוואָרן צום פעטן טאָפּ, — צו די וויסנשאַפטן. מען האָט זיי געהאַלטן אין דער פינצטער, כדי צו קאָנען איבער זיי הערשן. פֿון דאַנען נעמען זיך די גייסטיקע אונטערשידן. מען וועט עס דאַרפֿן אויסגלייכן — אַ דור אוניווערסיטעט פאַר אַרבעטער־ און פּויערים־קינדער, אַ דור פינצטערניש פאַרן נאָכקום פֿון דער וויים־הויטיקער בורזשואַזיע, און דער חשבון וועט זיך אויסגלייכן.

איז עס געווען די שולד פֿון דער פאַרנאַכטלעכער שטימונג, וואָס האָט געהערשט אין צימער, פֿון וועלכער דער פירער האָט זיך מיטאַמאָל געלאָזט פאַרכאַפּן? צום ערשטן מאָל האָט דער חשבון נישט געשטימט. ווי אַ מכשפה פֿון די מיסטישע שלייערס האָט זי אַרויסגעבראַכט אומגעוועגלעכע געדאַנקען, אַן אומקלאָרע אידייע האָט אָנגעהויבן צו בלאָנדזשען אין דעם פרעמדן שטח פֿון מאַטעריאַליסטישן געדאַנקען־גאַנג אין „פירערס" קאָפּ: עפּעס וועט זיך דאָך נישט לאָזן די מענטשן אַרויסוואַרפֿן ווי קנעפּלעך פֿון אַ מאַשין. ערגעץ־וווּ מוז דאָך ווירקן אַן אומפאַרשטענדלעכער כוח אין די טיפע פאַרבאָרגענישן פֿון מענטשלעכן גייסט, וואָס לאָזט זיך נישט קאָנטראָלירן. און צום ערשטן מאָל האָט ער אָנגעהויבן צו צווייפלען, אויב עס וועלן זיך לאָזן אויסגלייכן די מענטשלעכע מוחות דורך אומשטענדן און דערציאונג. צי וועלן נישט תמיד זיין קליגערע און נאַרישערע, שטאַרקערע און שוואַכערע, לייכט־באַנעמענדיקע און שווער־באַנעמענדיקע? און ווער קאָן גאַראַנטירן, אַז די אינדיווידואומס וועלן נישט אויסנוצן זייערע נאַטירלעכע באַגאַבונגען פאַר זייערע אייגענע צוועקן? די סאָציאַלע אָרדענונג וועט זיין די וואָג און די מאָס, וואָס וועט

אפהיטן דאס גלייכגעוויכט, רעגעלן, אז איינער זאל נישט אויסנוצן זיינע פעאיקייטן אויפן חשבון פון צווייטן. נאר פארן נוץ פון אלעמען. מיט די פיזישע קרעפטן וועלן מיר האבן א מעגלעכקייט צו קאנטראלירן, מיר וועלן פארטיילן די ארבעט לויט די כוחות. אויך די גייסטיקע אונטער־שיידן, אויף וויפל זיי וועלן זיך אנטפלעקן, וועלן מיר אויך דורך אונ־דזערע געזעצן און אויספיר־ארגאנען קאנען האלטן אין שפאן. אבער וואס וועט זיין די טרייב־קראפט, דער אינערלעכער דראנג, ארויסצוברענ־גען די לעצטע ארבעטס־מעגלעכקייטן, די פעאיקייטן און באגאבונג פון די יחידים, אזוי ווי עס איז געווען דער אייגן־נוץ און דער עגאאיסטי־שער דראנג אין דער קאפיטאליסטישער ארדענונג? און מיט וואס פארא כוחות וועלן מיר זיין ביכולת צו קאנטראלירן די פעאיקייטן פון די יחי־דים, אז זיי זאלן זיך נישט אנזאמלען אין זייערע געהיימע צעלן פאר אייגענע פערזענלעכע אמביציעס? וואס פארא „שכר ועונש" האבן מיר צו פארטיילן, ווי די אמונה האט עס געטון מיט אויסטראכטן די צווייטע וועלט? דער העכערער גענוס פון בשותפותדיקער פרייד, וואס ליגט אין קאמוניזם? איז עס דען א קוואל, וואס קאן אנטרינקען מיט פרוכטבאר־קייט דעם רבים? אונדזער אידייע אויף איר אמתן וועג פון רעאלע זארגן האט פארטריבן מיט רעכט יעדן וואקלענדיקן מיסטיציזם, נישט צוגע־לאזט קיין צווייפלהאפטן אידעאליזם פון די אויסדערוויילטע. ער האט נאר געלאזט ארט פאר דעם אמתן גלויבן אין מענטשלעכן מאראלישן כוח, וואס יאגט אים אויפן וועג פון זעלבסטבאפרייאונג, פון אויסלייז פון אלע פארשקלאפונגען, וואס זענען אויסגעוואקסן אויף זיין וועג אי־בער אלע דורות, — אויפצולייזן זיך אין קאמוניזם.

אבער וואס זענען די מאראלישע כוחות? פונוואנען נעמען זיי זיך? צי זענען זיי איינגעבוירענע קארדינאלע אינסטינקטן אין יעדן יחיד, נאר אפגעלענקט געווארן דורך פאלשע נביאים, אויף אנדערע צוועקן, — אויף עבודה־זרות, פארן צאר, פארן פאטערלאנד, פאר פאלשער אמונה? און ווען די באצוועקונג ווערט באשיינט מיטן אמתן ליכט, ברעכן אויס די מאראלישע כוחות? אדער איז עס נאר א צוגעוווינטקייט — דורך דער־ציאונג? אינדעראמתן זענען נאר נישטא קיין מאראלישע כוחות. מיר בלאנדזשען אין א פינצטערניש מיט ליידיקע הערצער. טויטע מאשינען,

וועלכע דערהאַלטן אין זיך אביסל פיזיש חיות, אזוי לאַנג ווי עס וואַ־
רימט די הייצונג, די נאַרונג?

דער אייגציקער עכטער אינסטינקט איז דער עגאָאיזם. דאָס איז די
טרייב קראַפט פון אונדזער וועלט. אַלעס איבעריקע איז איינרעדעניש.
עס איז נישטאָ קיין שיעור צו מענטשלעכער ביטרעקייט, צו די קאָמבי־
נאַציעס, וואָס ער טראַכט אויס, ווי אזוי זיך אַנצוזאַמלען שפייז. איינע
פון זיינע ביטרעקייטן האָט ער פאַרקליידט אין אַ „מאָראַלישן כוח", כדי
אזוי אַרום צו געווינען פאַר זיך מאַכט — שפייז. אינדעראמתן איז אונ־
טער דעם גאָר נישטאָ. ביי דער ערשטער געלעגנהייט, ווען די רוט פון
„שכר ועונש", וואָס דער גלח האָט געהאַלטן איבער אים, אָדער אונדזער
אייגענער קאַנטשיק — די „רעוואָלוציע" וועט אביסל אָפּגעלאָזט ווערן,
— וועט דער מענטש צוריקפאַלן צו זיין בהמהשן אינסטינקט, און אַלץ
וועט בלייבן ביים אַלטן. „אייגנטלעך, זעגען מיר פונקט אזוי, ווי די
אַלטע גלחים, — זאָגט זיך דער „פירער" אין זיין פאַרלווירנקייט. — זיי
האָבן דערהאַלטן דאָס פאַלן פון מענטשלעכן חומר מיט „שכר ועונש"
אויף יענער וועלט, ביז זיי זענען אַליין געפאַלן מיט אים. מיר פרוון אים
אויפהאַלטן מיטן מאָראַלישן כוח פון קאָמוניזם, וואָס מיר האָבן צעטיילט
אויף דער וועלט, — ביז עס וועט קומען אַן אַנדערע אידייע און וועט
איבערנעמען די מאַסע פון אונדזערע הענט, זי אויפצוהאַלטן מיט דעם
כוח פון אַן אַנדערן מאָראַלישן ווערט. אויב אזוי, צו וואָס ווידער דאָס
אויפהאַלטן? פאַרוואָס נישט לאָזן אינגאַנצן פאַלן אין תהום־אריין, ווען
עס איז נישטאָ קיין אינערלעכער, דויערנדער כוח, וואָס טראָגט זיין ווערט
אין זיך אַליין, צו וואָס ווידער דאָס גאַנצע? לאָזן זיי זיך צעפלייצן אין
זייער עגאָאיסטישער יאָגעניש, ווי די חיות. צו וואָס אונטערשטעלן די
פּלייצע, אַז סיי־ווי־סיי ציט עס אַראָפּ צום אייביקן נידער...

די הויט איבער זיינע ברייטע, אַרויסשטאַרצנדיקע באַקן־ביינער
האָט אָנגענומען אַ ליים־טונקעלן קאָליר. די אויגן האָבן אים אָנגעהויבן
פאַרוואָלקנט ווערן, ווי עס וואָלט געפאַלן איבער זיי אַ טוי. ער איז מיד
געוואָרן און שלעפעריק.

אין דעם האָט ער דערפילט, ווי אַ ווינט יאָגט אים אונטער. די טיר
האָט זיך אויפגעעפנט אין דער שטיל, און לייכט ווי אַ קאַץ, האָט זיך

אריינגעשארט, מיט שטילע טריט, א מאטראָז. דער בלאָנדער יונג האָט אין דער שטיל אוועקגעשטעלט א גלאָז טיי פארן „פירער".

— איר זיצט אין דער פינצטער, חבר? אפשר מאכן ליכט? — זאָגט ער מיט א פארזאָרגטער שטימע, פון וועלכער מ'פילט ארויס די געטריי־שאפט צום פירער.

— מ'דארף נישט, איך רו אביסל.

— זיי וואַרטן שוין הינטער דער טיר מיט פאַפּירן.

— זאָגט די חברים, ביז נאָך דער זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט זאָלן זיי מיך לאָזן צורו.

— גוט, חבר, — זאָגט דער מאטראָז און פרווט גיין מיט צוריק־טריט אויף די שפּיץ־נעגל.

— וואַרט נאָר א מינוט, חבר, — זאָגט דער פירער פּלוצים.

דער מאטראָז האָט זיך אויסגעצויגן, ווי א סטרונע, און איז גע־בליבן שטיין, ווי פאר אן אדמיראַל. דער מענטש מיט דער גלאַנציקער ליסינע האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול, צוגעגאַנגען צום מאטראָז, ארויפגעלייגטביידע הענט אויף דעם מאטראָזס אַקסלען, פאַרקנייטשט די הייטלעך, טיף און לאַנג אריינגעקוקט אין דעם יונגס אויגן.

דער מאטראָז, וואָס האָט זיך פון ערשטן טאָג אָן, זייט ער האָט געטראָפן דעם „פירער" (אין די רעוואָלוציאָנערע טעג) זיך איינגאַנצן אים אוועקגעשאָנקען, געגלויבט אין אים ווי אין א גאָט, האָט דעם פירערס בליק חיהש געטריי, אוממענטשלעך בלאָנדזשענדיק אָפּגעענטפערט. דער „פירער" האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין די טיפענישן פון די ים־אויגן, ווי ער וואָלט וועלן דערגרייכן זייער באָדנלאָזן אָפּגרונט.

— נו, וואָס, חבר, איר גלויבט, אז מיר וועלן דאָס אַלץ טאָקע דורכ־בייסן? — פרעגט אים, פּלוצים, דער „פירער".

— אזוי ווי אין גאָט! — שרייט אויס דער מאטראָז. — ער פאַר־פאַרכאַפּט פריצייטיק דאָס שרעקלעכע וואָרט, וואָס האָט זיך אים ארויס־געגליטשט פון צונג, וויל עס צוריקנעמען, און ווערט דעריבער רויט. דער „פירער" באַמערקט עס נישט.

— זיי דריקן אונדז, די אימפּעריאַליסטישע, דייטשע גענעראַלן. מיר האָבן גרויסע שוועריקייטן, — זאָגט דער פירער.

— א רוח אין זייער באַבען, — ענטפערט־אָפּ דער מאטראָז מיט א

פאַרזאָרגטער מינע, — „ניטשעוואָ", אַלצדינג אַריבערקומען, און מיר וועלן דערגיין, חבר.

— ווען וועט עס אָבער זיין? — פרעגט דער פירער.

— דאָס ווייס איך שוין נישט. דאָס ווייסטו. נו, וואָס דו וועבט אונדז הייסן, וועלן מיר אַלצדינג טון, די וואַנט דורכזועצן — א רוח אין זייען באַבען!

— א דאַנק אייך, חבר! — און ער דריקט דעם מאַטראָז וואַרים די האַנט.

— יאָ, און זאָגט דער חברטע סעקרעטאַרין, אז זי זאָל מיר אַריינ־ברענגען די פאַפּירן אונטערצושרייבן.

די איינציקע שוואַכע מינוט, וואָס דער פירער האָט געהאַט פאַר דעם גרויסן נסיון פון בריסקער פרידן, איז פאַרשוואונדן. אויף דעם גרונט פון מאַטראָזס וואַסערדיקע אויגן האָט ער געפונען דעם גלויבן. זיין ברייט־קנאָביק פנים האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעלייטערט און באַשטראַלט געוואָרן פון אַן אינערלעך גליק. ער איז גייסטיק שיין געוואָרן, ווי דאָס געזיכט פון א גרויסן מוזיקער בשעת עקסטאַז. זיינע אויגן זענען אַרויס־געקראָכן פון די לעבער און שוואַרץ־פויגלדיק געלויכטן. איבערן אומ־ענדלעכן שטערן איז געשטאַנען א גלאַנץ. און פריילעך האָט זיך אָפּגע־שפּיגלט די שיינענדיקע ליסינע אין לאָמפּ. ער איז געזעסן א באַפליגלטער ביי זיין טיש, פאַרטראַכט זיך אין די פאַפּירן, וואָס זענען געלעגן פאַר אים. זיינע אויגן האָבן א חוץ די שוואַרצע אותיות געזען וועלטן...

עס האָט זיך פאַר אים אויפגעעפנט דער וועג קלאָר ווייט, פון די ערשטע אָנהייבן ביז אין די ליכטיקע ענדן אריין. אלץ, וואָס איז געשען ביז איצט, איז נישט געווען קיין בראַנדזשנדיקע זיגזאַגן, נאָר פעסטע אויסגעלייגטע, פון אן אייזערנער האַנט, פאַראויסבאַשטימטע „מעטעס",

— איינע נאָך דער אַנדערער. א שטאַלצער, א מעכטיקער טרעט דער מענטש פון איין „מעטע" אין דער אַנדערער אריין, געיאָגט דורך א הייליקן און אייביקן אמת, וואָס ברענט אין אים. טאָרע א ווילדער, א חיה־דיקער האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט פון מדבריות. ער ראַנגלט זיך מיט זיינע נעגל און הערנער דורך די וואַלדיקע וועגן דורך. א צעריסענער, א צעבליטיקטער, גייט ער פון געדיכטער פינצטערניש אין נעפּלקייט אריין, פון נעפּלקייט אין טייאיקע פאַרגאַסענע מאָרגנס, אָבער ער גייט, — גע־

צווגן, געשלעפט, (קענען זיין ווילן אפילו) דורך דער אייגענער מאראלי־שער מאכט, וואס ליכט אין אים. קיינע שטרויכלונגען, קיינע מענטש־לעכע אדער אנדערע מניעות זענען נישט אימשטאנד אויפצוהאלטן דעם ריזיקן גאנג פון מענטש.

און דער וועג איז באשטימט פון ערשטן אימפעט אן. דער וועג איז א ווייטער, דורך ימים, פינצטערנישן האט ער געפירט, זיגזאגנישע קריי־צונגען האט ער געמאכט, ביז דער מענטש איז אנגעקומען צו דער טיר פון מארגן. ביז ער האט דערגרייכט צו דער שוועל פון דער נייער וועלט, און אים, דעם פראסטן רוסישן מענטש מיט די בלויע נאאיווע אויגן און שטומען אומדערשיטערטן גלויבן, דווקא אים איז באשערט דעם ערשטן אנצוקלאפן אין דער טיר, אויפצורייסן זי, און איבערצוטרעטן די שוועל.

דער „פירער" האט אין זיך גערופן:

— רייס זי אויף, ברודער! לאזן זיי קלאגן, און וואיען, די, וואס פילן די ווייען פון דעם זיך־אפרייסנדן נאפל. דיר וועלן די ווייען פון אפרייס ווייניק וואס ווי־טון. ביסט נישט צוגעוואקסן. ביסט נאקעט און בלויז, רייס אויף די טיר, טרעט אריבער די שוועל און שלעפ נאך די וועלט נאך זיך!

— יא, געוויס, געוויס זענען די וועגן פון יענער זייט נישט קלאר, — האט ער זיך ווייטער געזאגט. — מיר טרעטן אריין אין א פארנעפל־טער ליכטיקייט. ווער ווייסט די זיגזאגן, וואס מיר וועלן זיין געצוווּנגען צו מאכן. נאר ווייניקסטנס וועלן מיר זיין די, וואס וועלן זיי קאנטרא־לירן. און ווען עס וועט נויטיק זיין צו מאכן אפנייגונגען, וועלן מיר זיי אליין מאכן. איין טריט צוריק, א מייל פאראויס. און ווען מ'וועט דארפן זיי אונטערשמייסן, וועלן מיר זיי אונטערשמייסן מיט די באטיקעס, וועלן מיר אריינזאגן אין זיי די בשותפותדיקע פרייד פון קאמוניזם, זיי וועלן אים דערנאך אליין דערפילן.

ביי דער זיצונג פון צענטראל־קאמיטעט, ביי וועלכער עס איז פאר־האנדלט געווארן די פראגע וועגן אננעמען אדער אפווארפן די ארויפגע־צוווּנגענע שווערע באדינגונגען פון בריסקער פרידן, האט אויף די אלע טענות און איינווענדונגען פון די חברים וועגן „פאראנטווארטלעכקייט פאר דער געשיכטע", וועגן „נאציאנאלער ערע", א. ד. גל., דער פירער אפגעענטפערט, כמעט מיט א בעטנדיקער שטימע:

— חברים, אויף וואס איז זיך דא אפצושטעלן? זעט דאס גאנצע און גרויסע. עס איז דער ערשטער שריט, וואס מיר מאכן. זיי קומען דאך נאך אונדז. זיי ועלן, זיי מוזן. — אייזערנע געזעצן... מיט אייזערנע באטיקעס ווערן זיי איבער די רוקנס געשמיסן אויף אונדזער וועג פון די אומשטענדן. און איר רעדט וועגן פינלאנד, וועגן אוקראינע, וועגן „נאציאנאלער ערע", „פאראנטווארטלעכקייט פאר דער געשיכטע". וואס פארא באטרעף האט עס אין ליכט פון דעם נייעם, וואס שאפט זיך! די דייטשע גענעראלן רויבן! אויף ווי לאנג? מיטן דייטשן פראלעטאריאט וועלן מיר זיך אויסגלייכן און צוזאמען וועלן מיר זיי דערלאנגען איבער די הענט!

דער „בריסקער שלום" איז אונטערגעשריבן געווארן.

קאפיטל 8

מען צעלויפט זיך

דער עולם האט זיך געקליבן צו פארלאזן רוסלאנד און צו אנטרינען דורך דער געעפנטער שפארע, וואס דער בריסקער פרידן האט געשאפן, קיין אוקראינע. אוקראינע האט אנגעהויבן צו טראגן די האפענונגען, וואס רוסלאנד האט אפגעגארט: א דעמאקראטישע רעגירונג, רעכט פאר די מינדערהייטן און אלע אנדערע גוטע זאכן. דורך פארשידענע תירוצים האט מען ארויסבאקומען פאספארטן אויף דער „אויסלענדישער" אוקראינע, אין וואס די סאוועטישע מאכט האט פארלויפיק קיין שוועריקייטן נישט געמאכט. די, וואס האבן קיין פאספארטן נישט באקומען, האבן געזוכט דורכצורייסן זיך דורך דער גרענעץ אויף אנדערע וועגן, כדי דארט אין דער „זאטער" אוקראינע איבערצוווארטן די משוגעת, וואס האט פארכאפט רוסלאנד, און וואס קאן דאך, לויט אלע ווארשיינלעכקייטן, נישט לאנג אנהאלטן.

צווישן די, וואס האבן זיך געקליבן צו פארלאזן רוסלאנד, זענען אויך געווען די גרויסע סוחרים, גאלדשטיין (פון נאפט) און ראזמארין (פון טיי).

דער צונויפקום צווישן די פריינט איז, איבער פארשטענדלעכע טעמים, וואס אמאל אלץ שווערער געווארן. דאס הויז ביים אדוואקאט איז געווארן טריפ. חבר מארקאוויטש, וואס האט וואס אמאל אלץ מער באהערשט די גאנצע ווינונג, האט איצט שוין אומפארשעמט אפן אונטערגעהערט, וואס עס טוט זיך אין דעם קליינעם בודואר, ווו עס האבן נאך אלץ געוווינט דער אדוואקאט מיט זיין איידעם, דעם אלטן מירקין. אין קאנטאר ביי דעם אלטן מירקין האבן געהערשט איצט „מישקע מאלאדיעץ" מיט דעם פרעמדן קאמיסאר. דער אלטער מירקין איז נאך אלץ צוגעצויגן געווארן צו באראטונגען. מען האט אויסגעהערט זיינע עצות, און מען האט זיי אויך אויסגעפירט, כדי, אז עס וועט זיך עפעס מאכן נישט ריכטיקס, זאל מען די שולד קאנעןווארפן אויפן אלטן מירקין.

מען האט מירקינען אויך אויפגעפאדערט אריבערצוקומען קיין מאסקווע מיט זיין נאציאנאליזירטער פירמע, וועלכע איז, אלס א טייל פון דער גאנצער באן־ארגאניזאציע, צוזאמען מיט דער רעגירונג, אריבערגעפארן קיין מאסקווע. דער אלטער מירקין האט אבער נישט געהאט אויף וועמען איבערצולאזן דעם אדוואקאט, זיין שווער, וועלכער איז וואס אמאל מער אריינגעפאלן אין זיין קינדישער מרה־שחורה. האט זיך מירקין אפגעבעטן אויף א געוויסער צייט און איז פארלויפיק איבערגעבליבן אין דער פוסט-געווארענער קראנקער הויפטשטאט.

א פאר טעג נאכדעם, ווי די רעגירונג האט פארלאזן פעטראגראד, האט זיך דער אלטער מירקין אנגעטראפן אויף דער גאס מיט דעם נאפט־סוחר, גאלדשטיין. ער האט אים שווערלעך דערקענט. דער נאפט־סוחר, איינער פון די גרעסטע גבירים אין לאנד, האט זיך קיינמאל נישט אויסגעצייכנט מיט קיין איבעריקער עלעגאנץ אין קליידונג. ער האט געהאלטן אין א באשטעטדיקן צוגעווינען זיין קערפער צו א צייט, ווען עס וועט אים אויסקומען צו לעבן ארים. ער האט צוליב דעם געלעבט באשיידן. ער איז זעלטן-ווען געפארן אויף א שליטן, האט תמיד באנוצט דעם טראמוויי און האט געהאט אויף זיך אפגעטראגענע קליידער. און דאסמאל איז דער נאפט־סוחר גאלדשטיין געגאנגען אנגעטון ווי אן ארימער ארבעטער. ער האט געטראגן עפעס א מאדנע „שובע" מיט א שווארץ טוך איבערן האלדז, און וואליקעס אנשטאט שטיוול, אויף וועלכע עס

האבן געקלעבט א פּאר אויסגעריבענע קאלאשן, אזוי ווי עס טראגן די טאטערן.

דער אלטער מירקין, וואס האט אין זיין אויסערלעבן אויסזען גאר־נישט נאכגעגעבן דער נייער אָרדענונג, האט, ווי תמיד, געטראגן זיין ברייטן, פינקלדיקן, מיט די גרויע האר באזיימטן קאמטשאטקער ביבער־פעלץ. ער האט אויסגעזען מיט זיינע צוויי גרויע שפּיצן־בערד, ווי אן אלט־צייטיקער פּריץ. דערזען דעם רייך־אנגעטועטנעם מירקין, האט זיך דער נאפט־סוחר ווי אויסבאהאלטן פון אים, עס זאל זיך נישט ווארפן אין די אויגן, אז ער קען זיך מיט אזעלכע. דער אלטער מירקין האט שוין פון דעם בלויזן אנבליק פון נאפט־סוחר פארשטאנען, אז יענער היט זיך אוים פאר זיין ביבערנעם פעלץ, און ער האט געוואלט אים אויסמיידן. דער נאפט־סוחר האט זיך אבער איבערגעלייגט און איז צוגעגאנגען צום אלטן מירקין און געשטעלט זיך פאר אים מיט א כיוון מיט אן אונטער־טעניק מינעלע, ווי א דינער קענן זיין באלעבאס.

— נאט איז מיט אייך, אין אזא צייט — אין א ביבערנעם פעלץ?

— זאגט דער נאפט־סוחר.

— אלצדינג, וואס איך האב געטון אין מיין לעבן, האב איך געטון אפן. אויף דער עלטער זיך צו פארשטעלן, איז צו שפעט.

דער נאפט־סוחר האט זיך געקנייטשט פון דעם קאפּויריקן אנצור־הערעניש.

— איך מיין נישט פארשטעלן, נאר עס ווארפט זיך דאך אין די אויגן.

— וואס טוט איר? — פרעגט אים דער אלטער מירקין, כדי אפּצור־לענקען דאס אומאנגענעמע געשפּרעך.

— איך מי זיך וועגן א פּאס פאר דער „אויסלענדישער" אוקראינע, און איך האף אויף דערפאלג. וואס זענען אייערע פּלענער?

— די זעלביקע וואס פריער. מען וועט דארפן אריבערפארן קיין מאסקווע. דאס געשעפט איז שוין אריבער. איך ווייס נאר נישט, וואס אנצוהייבן צו טון מיט סאלאמאן אסיפּאוויטשן.

— אונטער „מישקע מאלאדיעצעס" אנפירערשאפט?

— אפילו אונטער דעם טייוול.

— איך האב מיט אייך זייער ערנסטעס איבערצורעדן. אבער נישט

דאָ. געדענקט אין גאָט, אייער פּעלץ! מען קוקט שוין אויף אונדז. קומט אַריין אין אָוונט צו אונדז. ביי אייך איז דאָך טריפה. מיר וועלן האָבן די געלעגנהייט.

אין אָוונט, אַז דער אַלטער מירקין איז אַריינגעקומען אין אַ קליי־נעם האָטעל, ווו דער גאַפּט-סוחר האָט זיין גאַנץ לעבן געוווינט (צוליב דעם האָט מען אים נישט אַרויסגעוואָרפן פון דער וווינונג), האָט זיך נאָלדשטיין אָנגערופן צו אים:

— הערט אויס, גבריאל חיימאָוויטש, איר ווייסט, אַז איך האָב זיך פון תמיד אָן צוגעוווינט צו לעבן אונטער אַלע אומשטענדן: פאַרקערט, פאַר מיין כאַראַקטער איז דווקא דער אָרט לעבן מער צוגעפּאַסט, ווי דאָס פריערדיקע. איך האָב קיינמאָל נישט געקאָנט זען ווי מענטשן אַרבעטן מיט דער גאַל און לעבן אין ווילטאָג. מענטשן האַלטן מיין שטייגער לעבן פאַר נישט פאַרגינענדיקע קאַרגשאַפט. איר ווייסט אָבער ווייל, אַז עס איז נישט אַזוי. גערט האָט אַ ווערט דערפאַר, ווייל עס טראָגט מיט זיך די מעגלעכ־קייט צו שטילן מענטשלעכע באַדערפעניישן. און ווען מען וואַרפט געלט אין בלאָטע, וואַרפט מען נישט דאָס אייגענע, נאָר די שפּייז פון מענטש־לעכער נויט, וואָס מען האָט דיר אָנפאַרטרויט. איך האָב זיך קיינמאָל נישט דערלויבט בעסער צו לעבן, ווי מיינער אַן אַרבעטער, און איך האָב קיינמאָל נישט געפילט קיין באַדערפעניש אַנדערש צו זיין. יאָ גוט, אָדער נישט גוט, — איך האָב זיך אָנגעשלאָסן און בין געווען ווילִיק אַלץ אוועק־צוגעבן — מיינע פעאיקייטן, דאָס גוטס, וואָס איך האָב אָנגעזאַמלט, — און שטעלן זיך אין דינסט פאַר דער אַלגעמיינער זאַך. אפשר איז עס אַזוי ווי איר זאָגט: „מיר האָבן געזינדיקט, און דער בעסטער באַווייז, אַז מיר האָבן געזינדיקט, איז, אַז עס איז געקומען דערצו". איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין אַמביציעזער מענטש אויף פּוסטע קלייניקייטן. איך בין אויסגע־שטאַנען חרפות און בושות פון אומדערפאַרענע ייִנגלעך. אָבער איך קאָן נישט מער, גבריאל חיימאָוויטש. איך קאָן נישט מער. נישט דערפאַר, ווייל איך פיל מיך באַליידיקט אין מיין כבוד. איך קאָן נישט צוזען זייער באַ־לעבאַטעווען. ווער נאָך ווי זיי האָבן באַדאַרפט שעצן און אָפּהיטן דאָס פאָלקס-פאַרמעגן. גוט, מען האָט עס אָפּגענומען פון אונדז, אָבער עס טראָגט מיט זיך אַ ווערט, זיי פאַרניכטן עס פון גרונט־אויס נישט בלויז דורך נישט־פאַסיקע הענט און אומפעאיקייט, דאָס וואָלט זיך נאָך מיט

דער צייט געענדערט. אָבער די פאַרניכטונג קומט נישט פון אויסערלעכע סיבות, נאָר פון אינערלעכע. איך זע נישט קיין גלויבן אין דער עצם־זאַך אַליין. עס איז עפּעס אַ הולטאַיסקע פאַרשפּילן. קיינער קלערט נישט וועגן מאָרגן. יעדער איינער זעט נאָר אָפּצוואַרפן דאָס פּעקל אויפן אַנדערן, כדי ער זאָל זיין אין אָרדענונג. איך האָב מורא, אַז אויך ביי זיי איז פּוסט. סיידן אפשר דאָרטן ביי די גדולים. די אָבער, וואָס פירן אויס, זענען אַ באַנדע פון „מישקע מאַלאַדיעצעס" מין. עס איז נישטאָ מיט וועמען צום טיש צו גיין.

מירקין האָט אים געלאָזט אויסרעדן. ער האָט זיך איינגעהערט, גע־רונצלט דעם שטערן. ער האָט ביי פּילע ווערטער מיטגעשאָקלט מיט זיינע צוויי באָרד־שפּיצן. דאַן האָט ער זיך אָנגערופן:

— טאַקע צוליב דעם מוזן מיר שטיין אויף דער וואַך, מיר, אַלטע, וואָס מיר האָבן עס געבויט, כדי אָפּצוהיטן דאָס, וואָס לאָזט זיך נאָך. נישט, חלילה, פאַר אונדז, נאָר פאַר דער זאַך אַליין, פאַר רוסלאַנד. מיר קאָנען דאָך נישט איבערלאָזן אַ לעבן, וואָס מ'האָט געשאַפן, אויף הפקר. מיר מוזן עס דאָך אָפּהיטן, ביז אַנדערע צייטן וועלן קומען.

— וואָס מיינט איר „אַנדערע צייטן"? די אַנדערע צייטן זענען טויט אויף אייביק.

— צייטן זענען טויט, אָבער נישט דאָס לעבן. דאָס לעבן וועט דאַרפן די אָרגאַניזאַציעס. ווען זיי צעטראַסקען איצט אַלץ, איז עס דערפאַר, ווייל זיי האָבן נישט געבויט. אַז זיי וועלן אָנהייבן בויען, וועלן זיי פאַרשטיין דעם ווערט פון אַרבעט, נישט נאָר פון צעשטערן. דעמאָלט וועלן זיי אפשר געהעריק אָפּשאַצן אונדזערע פאַרדינסטן. ביז דאַן מוזן מיר שטיין אויף דער וואַך און אָפּהיטן און אָפּראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך.

— דורך דער צייט וועט אַלץ פאַרניכטעט ווערן, און אויף קיינעמס קעפּ וועט עס נישט אויסגיין, נאָר אויף אונדזערע.

— וואָס מיינט איר „אויף אונדזערע קעפּ"? — פרעגט מירקין ווי דערשראָקן. — איך האָב זיך שוין לאַנג מיאש געווען פון יעדן פּערזענ־לעכן נוצן.

— איך מיין נישט נוצן, איך מיין אין פּשוטן זיך פון וואָרט. דער עקספּערימענט וועט נישט נאָר רוסלאַנד אומברענגען, נאָר ער וועט קאָסטן אונדזערע קעפּ. פאַרוואָס, מיינט איר, האַלטן זיי אונדז פאַר ביי אונדז

עצות, פירן אוים אונדזערע עצות, שלעפּן אונדז נאָך מאָסקווע? איר ווייסט צוליב וואָס? דאָס האַלטן זיי גרייטע קרבנות פאַרן פאָלקס־כעס. ווען עס וועט אויספעלן נאַפט, שוועלן פאַר די באַנען, וועט מען נישט זאָגן, אַז דאָס סיסטעם איז גוט אָדער שלעכט, נאָר אַז מיר, בורזשויען, זענען שול־דיק. מיר האָבן סאַבאָטירט. זיי האַלטן אונדז, כדי אונדזערע קעפּ צו ברענ־גען אויפן מזבח פון פאָלקס־צאָרן. מיר זענען די אָנגעגרייטע „שעיר לע־זאזלס".

דער אַלטער מירקין האָט זיך פאַרטראַכט.

— איך בין חושד עפּעס אַזעלכעס. אויך געוויס ווייס איך עס נישט.

— אָבער איך ווייס עס. געהערט פון זיכערע קוועלן. מירקין, דער עסק איז פאַרפוילט. מיר האָבן דאָ נישט וואָס צו טון. יעדע מינוט קאָן עס ווערן געפערלעך. פאָלגט מיך. קיין גרויסע פעקלעך וועט איר נישט האָבן מיטצונעמען. די צייט איז אַ שעת־הכושר, מען קאָן נאָך אַ פּאַס אַרויס־קריגן. (דער נאַפט־סוחר נידערט זיין שטים און שעפּטשעט, אַרומקוקנדיק זיך מיט שרעק, צי קיינער הערט אים נישט.) די גרענעצן זענען אויך נישט גוט באַוואַכט. אַלץ איז נאָך אין אַ מיש־מאַש. מען קאָן זיך דורכרייסן דורך אַ שפּאַלט אין אוקראַינע. פאַר אַ פּאָר רובל קאָן מען אַ פּאַס אַרויסקריגן, — כשר וישר.

— פאַר אַ פּאָר רובל? — פרעגט איבער דער אַלטער מירקין, און זיינע אויגן ווערן אויסגעלאָשן, און די באַקן־הויט — שלאַבעריק, ווי צוויי אויסגעזויגענע בריסטן־טאָרבעס.

— יאָ, פאַרשטייט זיך, אייך מיט אייער ביבער־פעלץ וועט קאָסטן טייער, — שמייכלט ביטער דער נאַפט־סוחר.

— איר ווייסט, גאָלדשטיין, אַז איך האָב שטענדיק פיינט געהאַט אונ־טערצוקויפן קליינע באַאַמטע. אַז שוין יאָ כאַבאַר, האָב איך זיך שטענדיק געווענדעט צו די גרויסע קאַרפּן־קעפּ.

— נו, נו, איך גלויב נישט, אַז עס איז איצט אַ צייט צו שפּאַסן. איך האָב מורא, אַז באַלד וועט זיין שפּעט.

דער אַלטער מירקין האָט זיך ווידער פאַרטראַכט.

— און וואָס רעכנט איר צו טון אין אויסלאַנד? אין עמיגראַציע? איינצופּאַקן דאָס קרעמל? אביסל נאָך צו פרי, — זאָגט דער אַלטער ווידער אין שפּאָטישער לייכטקייט, גלייך ווי ער וואָלט מיט דעם טאָן געוואָלט

פארטרייבן דעם ערנסט פון מאָמענט. — עס גלויבט זיך נישט, אז איר וועט זיך קאָנען אוועקזעצן, ווי די אַלטע ווייבער, און ניצא פרעגלען זיך אויף דער זון.

— פארוואס נישט אָנהייבן פונדאסניי? — פרעגט דער נאפט־סוחר.

— אויפסניי? אין אונדזערע יאָרן?

— מען דארף נאָר האָבן צוליב וואָס, שפּילן יאָר קיין ראָלע נישט. וואָס אָנבאַלאַנגט מיך, האָב איך באַשטימט אָנצוהייבן גאָר עפּעס נייעס. ביז איצט האָב איך געאַרבעט פאַר פרעמדע: וועל איך פּרובירן עפּעס טון פאַר אייגענע.

— וואָס מיינט איר דערמיט? — פרעגט דער אַלטער מירקין.

— איר קאָנט דאָך מיין שוואַכקייט צו ארץ־ישראל. ביז איצט איז עס געוועזן גלאַט אזוי א פּלאַטאָנישע ליבע. איך וועל פּרובירן עפּעס ווירקלעך צו טון.

— אין ארץ־ישראל? — וווּנדערט זיך דער אַלטער מירקין.

— איר האָט דאָך אוודאי געהערט פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע? מען רעדט וועגן דעם אין די יידישע קרייזן זייער שטאַרק. דער ענגלישער אמבאסאדאָר האָט אפילו עקסטרא צוויסן געלאָזט די ציוניסטן, אז די באַלפור־דעקלאַראַציע מיינט מיט אן אמת א יידיש לאַנד מיט אן אייגענער אדמיניסטראַציע. מיט איין וואָרט: דער אַלטער יידישער חלום זאָל פאַרווירקלעכט ווערן, „ווען משיח וועט קומען" — דאָס הייסט, ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן. יאָ יידיש לאַנד, נישט יידיש לאַנד — א לאַנד איז עס דאָך, און א שיינס אויך. און יידן וועלן דאָך דאָרט וווינען. פאַרוואָס נישט פּרובירן די כוחות? אָרגאַניזירן עפּעס אזעלכעס, וואָס זאָל באַשעפטיקן יידישע הענט און מוחות? — וואָס עס זאָל נישט זיין, עפּעס א שטיקל שייכות האָבן מיר דאָך דערמיט. מיר דערמאָנען עס דאָך אין דאַוונען. אזוי פיל דורות אוועק אין דער אייביקייט מיט דער האָפענונג אויף די ליפּן. מילא, איר האָט פאַרוואָס צו לעבן. איר האָט א ווייב און קינד. גאָט האָט מיר נישט באַשערט אַזא גליק. אן אַלטער בחור בין איך פאַרזעסן געבליבן, וועל איך מיר ארץ־ישראל מאַכן פאַר מיין ווייב און קינד.

דער אַלטער מירקין האָט געקוקט אויף דעם נאפט־סוחר, און ער האָט פּלוצים אַנטדעקט, אז ביי אים שיינען די אויגן. דער טרוקענער מענטש,

וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום תאוות, וואָס האָט נישט חתונה־געהאַט נאָר צוליב דעם (זאָגן שונאים), ווייל ער האָט נישט געקאָנט קיינעם פאַר־גינען, אפילו דעם נאָענטסטן, צו געניסן פון זיין רייכטום, — ער רעדט וועגן אראָפּפאָרן אין אַ וויסט פרעמד לאַנד אריין און שענקען אים זיינע כוחות. און דערביי שיינען זיינע אויגן, ווי ער וואָלט גערעדט וועגן אַ געליבטער. דער נאַפט־סוחר האָט פאַרשטאַנען מירקינס בליק און האָט זיך אָנגערופן פאַרשעמט:

— עס איז, איבעריקנס, נישט צוליב אידעאַל אָדער סענטימענט, וואָס עס ציט מיך אַהין. עס איז פאַר מיין אייגענער באַקוועמלעכקייט. מיר דאַכט זיך, אַז איך פּאַס זיך זייער אין אָריענט. אייגנטלעך, בין איך דאָך פון דער נאַטור אויס אַן אַראַבער. איך קאָן זיך באַגנוגענען מיט אַ ווייס ליילעך אויפן לייב, זיצן אויף אַ דאַך ביינאַכט און זוגן אַ צוקער־שטאַנג, קוקן אין די שטערן אריין.

דער אַלטער מירקין האָט פאַרטראַכט און ערנסט געשוויגן. ווי זיין געוווינהייט איז געווען, האָט ער ביים קלערן געקעמט די שפּיצן באָרד מיט די פינגער. דערנאָך האָט ער גערעדט, ווי צו זיך אַליין:

— עס איז זייער גוט צו האָבן אַן אידעאַל. נישטאָ מיט וואָס זיך צו שעמען. עס האַלט יונג, און עס גיט נייע כוחות. נישטאָ זיך מיט וואָס צו שעמען. איך בין אייך מקנא.

— נישטאָ דאָ, וואָס מקנא צו זיין. איר קאָנט עס האָבן, פּונקט אַזוי ווי איך. איר האָט פּונקט אַזאַ חלק אין דעם ווי איך. איר זענט דאָך אויך אַ ייד, הע, וואָס, גבריאל חיימאָוויטש? וואָס מיינט איר טאַקע, אַז מיר לאָזן זיך צוזאַמען אראָפּ, און מיר הייבן אָן דאָרטן, אין ארץ־ישראל, צו בויען פאַר אונדזערע, ווי מיר האָבן אַמאָל אין די יונגע יאָרן געבויט דאָ, וואָס דער טייוול נעמט איצט צו און זאָגט אפילו קיין דאַנק נישט, הע? גבריאל חיימאָוויטש, וואָס מיינט איר.

— מיין טייערער, שוין נישט פאַר מיר. שפּרינגען האָב איך קיינמאָל נישט געקאָנט. און דאָ אייגנפעסטיקט זיך, פון דור־דורות, גוטע יאָרן געהאַט, און ביי די שלעכטע עס פאַרלאָזן? איז דאָס עפּעס נישט רעכט. ניין, גאָלדשטיין, פאַרט אייך מיט גאָטס הילף. איך בלייב שוין אַ היגער. צו שווער זיך צו באַוועגן.

— גבריאל חיימאָוויטש, דאָס, ווי איך האָב געזאָגט פריער, איז נישט קיין שפּאַס. דאָס איז זייער ערנסט.

— אָ, איר מיינט וועגן דעם „קאַפּ“? — לאַכט דער אַלטער מירקין.
— ער איז שוין אַזוי פיל מאָל אין קאָן געשטאַנען, און קיינער האָט אים נישט געוואָלט נעמען. ווער וועט אים אויף דער עלטער וועלן נעמען?

— גבריאל חיימאָוויטש, איך דערמאָן אייך נאָך אַמאָל, איר שטעלט אייַן. געדענקט, איר האָט דאָך פליכטן, אַ ווייב און אַ קינד.

דער אַלטער מירקין איז מיטאַמאָל רויט געוואָרן, אָנגעבלאָזן, די שפּיצן פון דער באָרד האָבן זיך אויפגעשטעלט, און ער האָט אָנגעקוקט דעם נאַפט־סוחר מיט געבייזער, ווי אַן אויפגעוועקטער האָן.

— נו, דאָס איז שוין מיין זאַך. אַ סאָלדאַט האָט אויך אַ ווייב און אַ קינד, און דאָך גייט ער אין מלחמה.
— עס רעדט זיך נאָר אַזוי.
— טייל רעדן און טייל טוען.
— טוט ווי איר פאַרשטייט.

— יאָ, פאַרט מיט גאָט. און איך ווינטש אייך, אַז איר זאָלט זיין אימשטאַנד אויסצופירן דאָס, וואָס איר נעמט זיך אונטער. איך אַליין קאָן עס נישט. אָן אָרגאַניזאַציע, איבער פּופציק טויזנט מענטשן גיט עס צו לעבן. אַ קאַפּיטאַן אַנטלויפט נישט. נאָר איך פאַרשטיי אייך. איך ווינטש אייך גוטס.

— אַ דאַנק, — זאָגט דער נאַפט־סוחר און נעמט־אָן די אויסגעשטרעקטע האַנט.

— און וואָס אָנבאַטרעפט דאָס ווייב מיטן קינד, וואָס איר האָט דערמאָנט, וועט אייך וואַרשיינלעך אויסקומען זיי צו זען פאַר מיר. זיי וועלן פאָרן נאָך אויסלאַנד פון קאַווקאַז. נו, אַז איר וועט זיי זען, גיט זיי איבער אַ גרוס, און זאָגט זיי, אַז זיי זאָלן זיך נישט באַאומרואיקן. איך בין געוווינט דעם טיוול אויס דעם וועג צו גיין. און דעם פאַטער שיק איך זיי אויך באַלד אַרויס. איך וואַרט נאָר אויף מישענקען, ער דאַרף די טעג פון פראָנט צוריקקומען. יאָ, נאָך איין זאַך קאָנט איר טון פאַר מיר, אַ לעצטע טראַנזאַקציע, — לאַכט מירקין, — אונדזערע חשבונות פון דער געזעלשאַפט „ניי רוסלאַנד“ קאָנט איר מיט זיי אָפּרעכע־

נען. די אקציעס טוישט אוים אויף עפעס בעסערס. זאָלן זיי כאָטש די ערשטע צייט נישט הונגערן.

— דאָס וועט געמאַכט ווערן. קיין פּאַפּירלעך דערויף דאַרפן מיר נישט.

— נו, אַ דאַנק, און פאָרט מיט גאָט. צייט אַהיימצוגיין. די גאַסן זענען ווידער געוואָרן אומרואיק, זינט די רעגירונג האָט זיך אין מאָסקווע אַריבערגעצויגן.

די סוחרים האָבן זיך אויפן רוסישן שטייגער צעקושט.

⁂

ווען דער אַלטער מירקין איז אַהיימגעקומען, האָט ער געטראָפן דעם אַדוואָקאַט ביי זיין באַליבטער באַשעפטיקונג: צייט מען האָט אים צעבראָכן דאָס פּאָרצעלאַן, נעמט ער אויף אַ רשימה פון זיינע הויז זאַכן, וואָס געפינען זיך אין וווינונג. ער האָט עס געהאַלטן אין איין אויספירן מיט אַ פּעדאַנטישער פּינקטלעכקייט, מיט אַלע פאָרמאַליטעטן, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט אום זייער אַ וויכטיקן אַקט.

— ווייסט, גאָלדשטיין פון נאַפט קלייבט זיך צו פאָרן אין פּאַלעסטינע. ער זאָגט, אַז די ענגלענדער האָבן צוגעזאָגט עס אָפּצוגעבן די יידן און מאַכן פון דעם אַ יידישע מדינה. זייער אינטערעסאַנט איז עס, נישט וואָר? דאָס איז עפּעס פאַר אייך, סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש.

דער באַרימטער אַדוואָקאַט האָט אויפגעהערט צו פאַרשרייבן אין זיינע רשימה־בויגנס, צוגעהערט זיך, ווי מען הערט זיך צו צו אַ לאַנגפאַרגעסענער, אָבער באַקאַנטער, מעלאָדיע.

— פּאַלעסטינע, פּאַלעסטינע, פּאַלעסטינע, — האָט ער איבערגעחזרט פאַר זיך, — אַ שאָד, נישט געטראַכט וועגן דעם ביז איצט.

שווער און איידעם זענען געבליבן זיצן און געשוויגן. דער אַלטער מירקין האָט זיך אויפגעהויבן, איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, זי אויפגעעפנט, איבערצייגט זיך, אַז קיינער שפּיאָנירט זיי נישט נאָך, און ער האָט זיך אָנגערופן צום שווער מיט אַ נידעריקער שטימע:

— צום אַלעם ערשטן דאַרף מען פאָרן אין קאַווקאַז. געהערט, אַז איבער באַרקאָוו איז דאָ אַ שפּאַלט. יעדנפאַלס, פאַר געלט קריגט מען זיך אַדורך. מישענקע וועט יעדן טאָג אוודאי באַלד אויפשווימען.

— און דו?

— נו, איך, וואס איך? עמיצער מוז דא בלייבן. אזוי גייט עס דאך נישט.

*****

אין א פאר טעג ארום איז אנגעקומען׳ מישענקע, דעם אדוואקאטס זון, וועלכער האט לעצטנס זיך געפונען אויפן פראנט אין דער פליער־אפטיילונג. פון בריוו האט ער שוין אלצדינג געוווסט, וואס עס טוט זיך אינדערהיים. און עס איז אפגעמאכט געווארן, כדי ער זאל נישט ציען קיין אויפמערקזאמקייט פון זיין אלטן חבר אסיפ מארקאוויטש, אז ער זאל זיך גארנישט ווייזן אין דער אלטער וווינונג. דער אלטער מירקין האט זיך געטראפן מיט אים אויף אן אפגערעדט ארט, אין א קאאפע־ראטיוון קאפע. מישענקע האט זיך פאר די פאר יאר געענדערט. די מל־חמה, און די לעצטע איבערקערעניש, זיין פאטערס איבערלעבעניש — דאס אלץ האט אים ערנסט געמאכט. ער איז אויך מענלעכער געווארן. און איצט, אין זיין זעלנערישן שינעל מיט די אפגעשניטענע שליפעס, מיט זיין יונג־באוואקסענער בארד, האט ער אויסגעזען, ווי איינער פון די הונדערטער טויזנטער היימלאזע סאלדאטן, וואס האבן זיך געוואל־גערט איבער גאנץ רוסלאנד, דורך דער קורצער הפסקה פון צעלאזן די ארמיי אויפן פראנט און באלד ווידער זיי זאמלען אין די „רויטע רא־טעס”. מישענקע האט נאך געהאט אן אנדערע אורזאך צו גיין קיין דרום־רוסלאנד. ער האט זיך געוואלט צושלאגן צום דאן, ווו גענעראל קראס־נאוו האט אנגעהויבן ווערבירן קאזאקן, — ווי ער האט אפגערעדט מיט זיינע חברים אויפן פראנט, וועלכע זענען מערסטנס באשטאנען פון וויים־גווארדיסטישע עלעמענטן. ער האט געוואלט צושלאגן זיך צו איינעם פון די גענעראלן, וואס האבן זיך געקליבן מלחמה צו האלטן מיט די באל־שעוויקעס. בלייבן אין פעטראגראד איז געווען געפערלעך פאר מישענ־קען, וועלכן מען האט געקענט אלס דעם זון פון א „קאנטר־רעוואלוציא־נער” און אליין מיט קאנטר־רעוואלוציאנערע טענדענצן. אזוי איז אויך געווען געפערלעך דא צו בלייבן פאר דעם פאטער זיינעם, דעם אדוואקאט. דער אלטער מירקין האט זיי ווי אמשנעלסטן איינגעפאקט אין וועג אריין. דער וועג נאך קאווקאז איבער מאסקווע און כארקאוו איז נישט געווען

קיין זיכערער. אָבער נאָך געפערלעכער איז געווען צו בלייבן אין פּעטראָ־גראַד.

אַזוי לייכט איז עס דעם אַלטן מירקין נישט אָנגעקומען ארויסצו־באַגלייטן דעם שווער זיינעם. דער באַרימטער אַדוואָקאַט האָט דווקא גע־וואָלט מיטנעמען מיט זיך די איבערגעבליבענע פּאַרצעלייענע טעפּלעך אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען בלעטער פון זיין לעבנס־בוך, אָן וועלכע ער קאָן נישט עקזיסטירן. די רייזע האָט אָבער געמוזט זיין אַ לייכטע, און דאָס געפּעק אין די געהיימע ערטער פון די קליידער און שטיוול האָבן געדאַרפט דינען פאַר מער ווערטפולע זאַכן, ווי פאַר פּאָרצעלאַן און שפּיצן. ענדלעך האָט זיך דער אַדוואָקאַט געלאָזט באַרואיקן דורך דעם, וואָס ער האָט אין אַ קאָלנער פון איינעם פון זיינע רעק איינגענייט די פול־לע רשימה פון די זאַכן, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין זיין וווינונג.

דער אַלטער מירקין האָט זיי מיטגעגעבן אַלץ, וואָס ער האָט גע־האַט איבעריק אין ווערט־פּאַפּירן און יוועלן. איינגענייט עס, פאַרשטייט זיך, אין די קליידער און אין אַנדערע פאַרבאָרגענישן, — און זיי האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

— מיר וועלן זיך אין קורצן זען, — האָט דער אַלטער מירקין גע־זאָגט דעם שווער אויף די גוטע לעצט, — און אַז נישט — זעט דאָרט, אַז זיי זאָלן דאָרט דערציען מיין זון אָן אַ ביטערקייט צו רוסלאַנד. און צונעלייגט האָט ער, ווי פאַר זיך:

— גענוג געהאַט איצט אין רוסלאַנד ביטערקייט. און פון ביטער־קייט קומט אָט דאָס אַרויס.

נאָכדעם ווי דער שווער און מישענקע האָבן פאַרלאָזט פּעטראָגראַד — האָט דער אַלטער מירקין צונויפגענומען דאָס פערזענלעכע און נוי־טיקסטע פון זיינע און זיין ווייבס זאַכן (אויך געהאַט דאָס זעלבע געפיל, וואָס דער אַדוואָקאַט; נישט געקאָנט איבערלאָזן דעם ווייבס פערזענלעכע זאַכן פאַר פרעמדע), און אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע, וווהין זיין קאָנ־טאָר, אין וועלכן ער האָט איצט געדינט אַלס „ספּעץ“, האָט זיך שוין לענגסט געהאַט איבערגעצויגן.

און דאָס הויז האַלפערין און דאָס הויז מירקין זענען געוואָרן אָפּ־געווישט צוזאַמען מיט אַזוי פיל אַנדערע הייזער פון דער אַמאָליקער צאַרן־שטאָט — אויף אַלע אייביקייטן.

קאַפּיטל 9

ווי אַ חיה אין וואַלד

וואסילי אנדרעיעוויטש, דער פריץ פון סאָפּיאַנקע, וועמען מיר זאָבן באַגלייט קיין מאָסקווע, איז, נאָכדעם ווי די געשעענישן פון די אָקטאָבער־טעג זענען אריבער, אוועק פון האָטעל „מעטראָפּאָל" און זיך באַזעצט ביי זיין קעפּס־ווייב נאַטאַשע סטעפּאַנאָוונע.

וואסילי האָט — ווי יעדער איינער אין מאָסקווע — געדאַכט, אַז די „באָלשעוויסטישע אַוואַנטורע" וועט באַלד אַדורכגיין. עס וועלן אָנקומען קאָזאַקן פונעם פראָנט און זיי צעיאָגן — ער האָט זיך אויסגערעכנט אַפּוואַרטן. קיין סאָפּיאַנקע, צו זיין ווייב מאַריע אַרקאַדיעוונע, האָט ער איניקע מאָל געשריבן, אַז זי זאָל אים שיקן פּראָוויאַנט. נאָר פון איר האָט ער קיין ענטפער נישט געקראָגן.

אין אָנהייב ווינטער איז אַ באַקאַנטער, גוט־פריינטלעכער פּויער געקומען מיט אַ פורל צו שלעפּן זיך פון דאָרף און געבראַכט אים אַ פּאָר זעקלעך קאַרטאָפל, אַ ביסל ווייצן־מעל, אַ פּאָר שטיקלעך פּוטער און עטלעכע צענדליק אייער. דערציילט, אַז דאָס ווייב מאַריע אַרקאַדיעוונע איז געוואָרן אַ גאַנצע „מאַכערקע" ביי די פּויערים. אַז זי האָט אַליין צונייפּגערופן אַ פאַרזאַמלונג פון די יונגע און געשאַפן אַ קאָמיטעט, וואָס פירט אָן מיטן דאָרף. לויט די נייע מאָדעס. די פּויערים האַלטן זיך פאָרלויפיק רואיק. מיטן ווייב, דער פריצהטע, לעבן זיי גוט. אויף אים זענען זיי בייז און רעדן וועגן אים שלעכטס. זי, דאָס ווייב, האָט געהייסן אין דער שטיל זאָגן, אַז דער פריץ זאָל זיך פאָרלויפיק אויפהאַלטן אין שטאָט און זיך נישט פריער באַווייזן, ביז זי וועט אים נישט לאָזן וויסן. נאָר מער איז שוין קיין פיר נישט געקומען פון סאָפּיאַנקע מיט פּראָוויאַנט, און ער האָט מער קיין שום ידיעות פון דאָרט נישט געהאַט.

דערווייל איז אינדערהיים ביי זיין קעפּס־ווייב, נאַטאַשע סטעפּאַנאָוונע, געוואָרן ענג. דאָס ביסעלע פּראָוויאַנט האָט געהאַלטן אין אויסגיין. פון דער שטוב אַרויס עפּעס צו פאַרקויפן איז אויך נישט געווען. קיין איבעריקע זאַכן זענען קיינמאָל אין דער דאָזיקער קליינער וווינונג נישט געווען. נאַטאַשע האָט אָנגעהויבן צו ווערן האַפּעדיק און עקשנותדיק

נאָרגישט געהאַט קיין דרך־ארץ פאַר איר אמאָליקן באַלעבאָס און איצטיקן מאַן. פאַרגעוואָרפן אים, אַז ער איז אַ לאַ־יצלח און טויג שוין צו גאָרנישט. און אַז וואַסילי האָט זיך גייט גענומען עפּעס צו טון, האָט זי זיך אַליין אונטערגעגאַרטלט. אָן ענערגישע באָבע איז זי שטענדיק געווען, די נאַטאַשע. איצט איז זי גאָר געוואָרן אַ מזיק: גענומען אַ העלפט פון אירע איבערגעבליבענע קאַרטאָפל, אַ האַלב זעקל מעל, געלייגט אויף אַ שליטנדל און געלאָזט עם שלעפּן פון וואַסילין אויפן סובאַרקעווער מאַרק. נאָכמיטאָג איז זי צוריקגעקומען מיט זיידענע טיכער, מיט אַ פּאָר שטיקער טיש- און בעט־וועש און אַ טאַש מיט צוואַנציק־רובלדיקע „קערענקעס".

— פאַרטאָג וועסטו נעמען אַ זאַק, אַרויספאָרן מיט דער באַן און ברענגען פון די דערפער אביסל פּראָוויאַנט. איך וועל עס פאַרקויפן אָדער איינטוישן אויף זאַכן אויפן סובאַרקעווער מאַרק, ווי אַלע אָנשטענדיקע מענטשן טוען, — האָט זי געזאָגט צו וואַסילין.

וואַסילי האָט שוין לאַנג איבערגעביטן זיין "ברייט־פריצישע „שוּבע" מיטן גרויען קאַראַקולענעם קאָלנער באַנייט, אויף אַ פויערישן שעפּסן־פעלן, אַרומגעוויקלט מיט אַ שנור, די שוואַרצע עלעגאַנטע אָפּגעפּוצטע שטיוול — אויף אַ פּאָר וואַלאָקעס, און דאָס גרויע קאַראַקולענע היטל — אויף אַ פויערישן דאַשעק מיט צוויי פוטערנע אויערן־קלאַפּעס.

יעדן אווגט פּאַקט איר נאַטאַשע אָן אַ זיק מיט שטאָטישע זאַכן: שטיקער וועש, זיידענע שאַלן, עלעגאַנטע שיך, פוטערנע קאָלנערס, שפּיצן, גיט אים אַ טאַש מיט „קערענקעס". וואַסילי פּעדערט זיך גאַנץ פרי. פאָרט אַרויס מיט דער ניזשנער, מיט דער ברינסקער אָדער קורסקער באַן. אין אָנהייב צו נאָנטע כטאַציעס, און דאַן, וואָס אַ טאָג ווייטער, צו די אָפּגעלעגענע. אַ פּאָר שטאַרקע הענט האָט ער. אַ ברייטביינקער איז ער. און אַ פּנים — אַן אָנבליק פון אַ גזלן — האָט מען מורא פאַר אים. שטופּט ער זיך אַריין מיט זיינע זעק און פּעק אין איבערגעפּלייצטן וואַגאָן. קעמפט זיך אויס מיט זיינע פּלייצעס און בויך אַן אָרט. דאָרט, וווּ עס איז געגנוג אַ קלָלה און אַ זידל וואָרט — באַנוצט ער זיך מיט דעם שטאַרקן אָנצוהערעניש. הענגט זיך אָן אויף פּרעמדע אַקסלען און וואַרפט אָן אויף מענטשלעכע פּיס און מענטשלעכע בייכער זיינע פּעק און זעק. אַזוי

שלעפט מען זיך מיט קללות און שלעגערייען, אפגעריבענע זייטן און צעטראטענע פיס אן אויסגעדרייטער, א צעשוויצטער קיין מאסקווע.

ביים באן-הויף ווארטן שוין אויף די „זעק-מענטשן", די סאוויע-טישע פערדלעך. „סאוויעטישע פערדלעך" רופט מען די פארווארלאזטע, אפגעריבענע יינגלעך, איינגעשפאנט צו שלעפ-שליטנס, וואס ווארטן אפ ביים באן-הויף די אנקומענדע „זעק-מענטשן" און פירן-אוועק די איינגעקויפטע פראוויאנטן אין די ווינקלען.

יעדן אינדערפרי ברענגט נאטאשע, מיט דער הילף פון אירע קינדער, די אנגעלאדענע שליטנס מיט קארטאפל, פויערישע תבואות, טעלער מיט פוטער, בונטן מיט ציבעלעס אויפן סוכארעווקער מארק, און מען טוישט איין דאס עסנווארג אויף פריציישע זאכן, וואס די אריסטאקראטן שלעפן פון זייערע שטובן ארויס. אז די מיליץ באווייזט זיך — כאפט מען די זעק אויף די פלייצעס און מען אנטלויפט. וואס קאנען זיי אויפטון? — דעם גאנצן סוכארעווקער מארק פארזאגן וועלן זיי נישט — אז גאנץ מאסקווע שאפט זיך אזוי ארום איין זייער ביסן ברויט? — קויפט מען אונטער, ווי אין די אלטע, גוטע צייטן: א שטיקל פוטער, א פאר ציבעלעס — א פארמעגן. האנדלט מען, ווי עס לאזט זיך. און נאטאשע שאפט זיך איין וועש און פוטערס, פערסישע דיוואנעס און זילבערן געשיר. נאר צום קוראנטסטן זענען אלטע צארישע טויזנט-רובל-שיינען. נייע קנאקעדיקע. אלע ארמענער און טאטערן גלויבן, אז דער צאר וועט נאך צוריקקומען. גאנץ מאסקווע — א חוץ קרעמל — נעמט נערן צאריש געלט. אלטע אויסגעריבענע פאפירן זענען ווינציקער ווערט. די נעזובטע און גאנגבארסטע — זענען די נייע, קנאקעדיקע „טויזנטער", וואס זעען-אויס, ווי נאר וואס ארויסגעקומענע פון דער פרעס-מאשין. מען לייגט זיי נישט צונויף, כדי זיי זאלן זיך נישט צעקנייטשן, נאר מען זוויקלט זיי אויף, אויף דעם אופן ווי עס טוען די ארמענישע און טאטערישע סוחרים. קויפט נאטאשע איין פאר „קערענקעס" סחורה — צארישע באהאלט זי פאר זיך, שטופט מיט זיי א ציכל אן. בייטאג טראגט זי דאס ציכל ארומגעוויקלט ארום אירע בריסטן, ביינאכט האלט זי עס אין בעט מיט זיך אונטער דער דעק און ווארט מיט אלע אנדערע, אז דער צאר זאל וואס גיכער צוריקקומען און צעטרייבן די באלשעוויקעס, וועלט

זאָל ווערן צוריק — וועלט, לעבן צוריק — לעבן, און געלט צוריק — געלט.

ליגט וואַסילי ביינאַכט מיט זיין קעפּס־ווייב אויפן געלעגער. די פענצטער פאַרהאַנגען, די טירן פאַרהאַקט און ביים שיין פון קאַרגן ליכט שיט מען אויס דאָס ציכל און מען ציילט די פּאַפּירלעך: איין הונדערט טויזנט, צוויי הונדערט טויזנט, דריי, פיר, באַלד אַ האַלבער מיליאָן. אַ מיליאָן רובל, אַ מיליאָנער! — וואָס האָסטו אין די גוטע צייטן דערמיט געקאָנט אויפטון. גאַנצע שטרעקעס לאַנד, וועלדער, הייזער, מענטשן — וואָס דו האָסט געוואָלט, האָסטו געקאָנט קויפן דערמיט. וואַסילי קוקט אויף זיין קעפּס־ווייב און דערקענט זי נישט. די פליישיקע מאָרדע איז דיק פאַרהאַרטעוועט געוואָרן ווי איין שטיק. די קאַרע אויגן זיצן טיף אין שלאַבריקע שמאַלץ־גריבער און פינקלען פון דאָרט אַרויס מיט שלעכטע פייערן. די האַלב־גרויע האָר — שטייף אין קאָפּ, ווי דראָטן. וואַסילי געפינט מיטאַמאָל, אַז זיין קעפּס־ווייב איז ענ־עך צו אַ מכשפה געוואָרן. זי קנאַקט צווישן אירע פעטע פינגער די טויזנט־שיינען — און לאָזט זיך צו זיי נישט צורירן. זי האַלט זיי נאָענט נעבן איר פליישיק לייב — יעדעס פּאַפּירל קנאַקט זי באַזונדער — ווי זי וואָלט אים טועם געווען — און שמאַטשקעט־צו מיט די ליפּן: — טויזנטער, טויזנטער! — אמתע טויזנטער!...

וואַסילי קוקט אויף די שיינענדיקע גלאַנציקע פּאַפּירלעך. זיי האָבן זיך נישט געענדערט. די זעלבע געלבקייט, — מיט זיידענע פעדעם דורכגעשפּינט, קערנדיקע. דעם צאַרס אָדלער שטייט דערויף. דעם צאַרס פּאָרטרעט אין וואַסער־ליכט. אמתע. זיי וועקן צו זיך דעם זעלבן צוטרוי, וואָס אַמאָל. דאָס האַרץ קלאַפּט געשווינדער ביי זייער אָנבליק. דו פילסט זיך זיכער, אָן זאָרגן — און דו ווערסט פריילעך. נאָר די גאַנצע וועלט אַרום האָט זיך געענדערט. און שוין מיט דעם, וואָס זיי זענען דאָ אַזוי פיל און זיי ליגן מיט נאַטאַשעס ברייט, פעט לייב אין בעט, פאַרלירן זיי ביי וואַסילין די גאַנצע חשיבות. ער דערפילט מיטאַמאָל זייער געפאַלנקייט.

— דאַכט זיך די זעלבע, וואָס מ'האָט געקראָגן אין „קאַזנאַטשייכטווע" און דאָך נישט די זעלבע, — זאָגט ער פאַר זיך.

נאַטאַשע וואַרפט אויף אים אַ שלעכטן בליק. וואַסילין דאַכט זיך, אַז

דער אַפּל האָט זיך אויסגעדרייט אין איר אויג און שטייט דאָרט קאַ-פּויר.

— נישט די זעלבע, — קרומט זי אים נאָך. — זאָל נאָר דער צאַר צוריקקומען און מענטשן וועלן זיך לייגן דערצו, ווי אין אמאָליקע צייטן. דאָס איז דאָך געלט! — שרייט זי אויס. — און באַהאַלט עס פאַר אַן עין-הרע געשווינד מיט זיך אונטער דער דעק.

— יאָ, געלט איז עס, און דאָך נישט קיין געלט, — קרעכצט ער.

— וואָס, דו קוילערסט דיך שוין איבער צו זיי? — פרעגט אים דאָס ווייב.

— ניין, קוילערן קוילער איך זיך נישט איבער.

און דאָס אַלץ זעט אויס ווי אַ קינדער־שפּיל. דאָס ווייב וואַרפט אויף אים אַ קרומען בליק און פאַרדרייט זיך מיט איר אוצר אויף דער צווייטער זייט. וואַסילין איז שוין לאַנג פּאַרמיאַוסט געוואָרן דער אַרט לעבן. אַ גאַנצן ווינטער האָט ער זיך געשלעפּט אין די דערפער אַרום געסוחרט און אָפּגענאַרט. אַז ס'איז געקומען דער פרילינג, דאָס אייז האָט איבער דער „מאָסקווע" געלאָזט, די שנייען צעגאַנגען, שטיקער ערד־פּנים האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן איבער דער אויבערפלאַך — האָט אים אַ בענקשאַפט אַרומגענומען נאָך דער ערד און גענאָגט אים. עס האָט זיך געגלוסט צוריקגיין אין דאָרף אַריין, צוריק צום פעלד.

ס'איז אים געוואָרן דערעסן און פּאַרמיאַוסט דאָס פּוסט־און־פּאַסע־זוען — ווי ער האָט אָנגערופן דעם שאַכער־מאַכער מיט די גויים אין דאָרף. ס'האָט זיך אים געגלוסט זיך צו עפּעס צו נעמען, ריכטיק צו טון

זיך צו עפּעס צו נעמען, ריכטיק צו טון — האָט ביי אים געהייסן — גיין צום אַקער. ס'איז שוין צייט געווען אויך. יעדעס יאָר, היינט־צו־טאָג, איז ער שוין לאַנג אינמיטן דער אַרבעט. שוין אַמאָל צען מיטן עקאָנאָם אין די גרויסע שטיוול אין די צעלאָזענע שנייען אַדורכגע-שפּרייזט. מיישב געווען זיך, וועלכע פעלדער היי־יאָר צו פאַרזייען מיט ווייץ, וועלכע מיט קאָרן. וועלכע פון זיי גאָר אַן אָפּרו צו געבן, צום גראָזן פאַר די שעפּסן צו לאָזן. בהמשע קאָניטשינע וועט מען באַדאַרפן אַ סך דאָס יאָר. ביים וואָרט „קאָניטשינע" דערפילט ער אַ געשמאַק פון קיאַיישער מילך, און עס נאָגט אים די בענקשאַפט נאָך מער.

אמאָליקע יאָרן — טראַכט ער זיך — האָט ביים קאָוואַל אין דער

קוזשניע שוין לאנג געבלאזן מיט פונקען. אקער־אייזנס פארראכטן. מ׳האט באדארפט פויערים צו הילף שיקן, אזוי פיל ארבעט איז געווען. יעדן טאג גייען פורן אין שטאט אפצוברענגען די גויטיקע מאטעריאלן: אייזן און רידלעס און שטעכער, שפאדלעס, קאסעס און שטריק. מ׳פירט אן פון וואלד האלץ, פארלייגט עס ביים סטאלאר. א געקלאפעריי פון האמערס, א הובלען פון האלץ, א קאווען פון פערד און רעדער. פון די קוימענס גייט רויך. די פויערטעס ברענגען דאס האלץ־אפפאל. א פרייליך בילן פון הינט. קינדער דרעפטשען אין בלאטע. די ערד ווערט אומגעדולדיק, אנט־פלעקט אירע ערד־בריסטן יעדן טאג מער פון שניי ארוים. די פערד קלאפן מיט די פאדקעוועס אן די שטאלן־ווענט. די קי מרוטשען. די שעפסן מעקען, ערד און בהמה בענקען נאכן דרויסן.

אזוי ווי ערד און בהמה, אזוי האט וואסילין אנגעהויבן צו ציען נאכן דרויסן. ער האט זיך קיין ארט אין דער שטאט נישט געקאנט געפינען. ווי א בהמה, וואס פילט אין פרילינג, אז זי ווארפט פון זיך די פעל און קריגט אן אנדערע — אזוי האט ער דערפילט מיט זיין גאנצער לעבנס־קראפט, אז ס׳איז אפגעפאלן פון אים די שטאטישע פעל, דער שאכער־מאכער און האנדל — און ער האט געקראגן אן ערד־ און פעלד־הויט. זיינע פיס האט זיך געגלוסט צו דרעפטשען אין טיפע שניי־בלאטעס, צו דערפילן די פרישע קלעביקע ערד איבער זיינע קני. זיינע לונגען האט זיך געגלוסט איינצואטעמען אין זיך דעם פרילינגס־אטעם, וואס עס הויבט ארוים יעדער שווארצער דארפס־פלויט, יעדער דורכגעווייקטער שטרויע־נער דאך.

אן אנדערש מאל האט ער שוין אלע זומפן איבער די לאנקעס מיט זיינע גרויסע שטיוואלעס אויסגעמאסטן. דער הונט „שפיץ“, מיטן אויפ־געהויבענעם ווידל און אויפגעעפנטן פיסק, קוקט אים יעדן פרימארגן אין די אויגן אריין: גייט ער מאקע דאס יאר קיין אין קוראפאטווע נישט שיכן? — וועט דאס יאר גאר שוין קיין פרילינג נישט זיין? — אדער אפשר גאר וועט מען אין סאפיאנקע באארבעטן די פעלדער אן אים, אן דעם באלעבאס?

ער האט געוווסט, אז דאס דארף איז מיט עפעס וואס טריפה גע־ווארן, אז ער קאן זיך מער אהין נישט באווייזן. אבער דאס זענען אלץ נארישקייטן. ביי זיך האט ער געפילט מיט דער גאנצער לעבנס־קראפט,

אַז ער באַלאַנגט דאָרט אַהין. און קוים וועט ער אַהינקומען — וועט שוין אַלץ ריכטיק ווערן.

און ווי יעדעס קינד, וואָס אים דאַכט זיך אויס, אַז מ'האָט שוין לאַנג פאַרגעסן זיינע זינד, ווייל ער אַליין האָט זיך פאַרגעבן, — אַזוי האָט דער פיזיש-שטאַרקער וואַסילי שוין לאַנג פאַרגעסן, וואָס ער איז אַמאָל געווען. ביי זיך איז ער שוין אויס פּריץ, אויס אייגנטימער פון סאַפּיאַנקע, וואָס האָט אַ ווידערשפּעניקסטע שיקסע גענומען אין סטאַדאָלע.

ער האָט פאַרגעסן אין זיין באַפעלערישן אַנגעשריי אויף די פּויערים, ווען ער פּלעגט אַ ליאַדע וואָס כאַפּן דעם פּויערס היטל — אַ זעץ־טון אין דער ערד, און אַז ס'האָט קיינער נישט געזען, פאַרפאָרן מיט דער פויסט אין פּיסק אַריין אויך. ער האָט פאַרגעסן, אַז ער איז וואַסילי אַנ־דרעיעוויטש, דער פּריץ פון סאַפּיאַנקע, און זיי, זיינע פּויערים, קינדער פון לייב־אייגענע, וואָס וווינען ביי אים אין זיינע כאַלופּעס און באַאַר־בעטן זיינע פעלדער פאַר שכר אין נאַטור. ביי זיך איז ער זיך שוין לאַנג פאַרגעקומען אַלס גלייכער מיט גלייכע, אַ מענטש פון סאַפּיאַנקע. קריגט אַ חלק מיט אַלעמען צוגלייך. נאָר ער, אַלס עקאָנאָם, אַלס אָנפירער וווינט אין אַ צימער און צוויי אין לויט דעם ווערט פון דער אַרבעט — באַקומט ער בעסער עסן, אָבער אַלעס איבריקע — צוזאַמען מיט דער „הראָמאַ־דע", ווי די צייט פאַרלאַנגט עס.

ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן — (דערפאַר, ווייל ער האָט עס שוין ביי זיך געפּועלט) — אַז די פּויערים האָבן אויך שוין לאַנג מסכים געווען דערויף.

איינעם פריען פרילינג האָט ער עס שוין לענגער נישט געקאָנט אויס־האַלטן, און איז אַרויס אין דאָרף.

ביינאַכט האָט ער אַנגעקלאַפּט איינעם לאָדן פונעם פריינטלעכן פּויער, וואָס האָט אים אַנהייב ווינטער געבראַכט אין שטאָט אַ פור מיט פּראָוויאַנט. דאָס הייזל איז געשטאַנען אין עק, ווייט אין פעלד אַרויס, שוין ביים ראַנד פון וואַלד.

— אַקים — אין קריסטוס נאָמען, לאָז איבער דער שוועל אַריין! איך בין עס, וואַסילי אַנדרעיעוויטש.

אינעווייניק אין דער כאַלופּע האָט מען זיך אַ לאַנגע צייט גע־קווענקלט, געאַמפּערט. ענדלעך האָט זיך אַ שפּאַלט פון דער טיר געעפנט.

א זעקל מיט ברויט איז דורך איר געפאלן וואסילין אויפן בויך. א שטימע פון אן אלטן פויער:

— געדענק אין גאט, פריץ, און אנטלויף! אז זיי וועלן געוווירווערן, דאס דו ביסט ביי מיר — וועלן זיי די כאלופע אונטערצינדן, אויף דיר און אויף מיין גאנץ הויז־געזינד.

— אין קריסטוס נאמען, אקים! איך וועל זיך נאר אביסל אנוואַרימען. מיטן ערשטן בליאסק גיי איך אוועק. צו דיר בין איך שטענדיק גוט געווען.

— וואס איז וואר — דאס איז וואר. נאר אנדערע צייטן געקומען, קענן דער „הראמאדע" איז נישט גוט צו גיין.

— נאר בלויז דעם אטעם צו דערכאפן. דו ביסט דאך א קריסט, אקים?!

דער פויער איז צוריקגעגאנגען אין דער כאלופע. דארט מיט וועמען זיך מיישב געווען. אויפגעעפנט ברייטער דעם שפאלט — אריינגעלאזט וואסילין אונטערן באלקן.

— קריסטוס זאל דיר דערפאר בא‍צאלן.

— ליג זיך ווי דו שטייסט. נישט גוט ליכט צו מאכן. קיינער פון דארף זאל נישט געוווירווערן.

— ווו איז מאריע ארקאדיעוונע, אקים? — דעם הויף־פאלאץ, זע איך, האבן זיי פארברענט. וווהין איז זי אוועק?

— איך קאן דיר נישט זאגן, פריץ. צוערשט האבן זיי זי געהאלטן. קיינער פון אונדז איז דאך נישט „גראמאטנע" — האט זי אונדז דערקלערט, וואס דאס אלץ מיינט. אליין אפילו די „הראמאדע" אנגעפירט. דערנאך זענען געקומען יונגע פון דערבייאיקן דארף, פון „סטאראיע גניעזדא". וואס? — זאגן זיי — א פריצטע וועט מיט אייך אנפירן? — האבן זיי דעם הויף אונטערגעצונדן. דאכט זיך, זי אויף א שליטן ארויפגעזעצט, ערגעץ־ווו אוועקגעפירט. נישט גוט מיט אייך, פריצים. שלעכטע צייטן פאר אייך אנגעקומען. אנטלויף, ווען דער לעצטער שטערן וועט זיך אויסלעשן.

וואסילי איז געלעגן אויף עפעס פייכטס און שטינקענדיקס. א שעפסן־פיסק האט אנגעהויבן צו שמעקן צו אים מיט זאלץ און גאוועמע, באלעקט אים.

וואסילי האָט דעם בהמהשן פּיסק צוגעפּירט צו זיין פּנים, געקושט אין דער מאָרדע און געזאָגט:

— רעד מיט זיי, אקים, ווי גאָט איז דיר ליב. איך וויל זיין א גלייבער מיט גלייבע, איינער פון דער „הראָמאַדע". א שטוב אין א כאַלופּע איבערצינעכטיקן און ברויט צו עסן. ארבעטן וועל איך פאַר צוויי. איר קענט דאָך מיך. איך האָב זיך קיינמאָל נישט געשווינט, און אַן עקאָנאָם באדאַרפט איר. — איז דאָך גלייכער צו נעמען אַן אייגענעם, א מענטש פון כאַפּיאַנקע. רעד מיט זיי, אין קריסטוס נאָמען, — אין שטאָט קאָן איך עס נישט מער אויסהאַלטן! —

— בעסער אַנטלויף, איידער די פּויערים דערטאַפּן דיך. נישט איינמאָל געהערט רעדן. ס'איז דאָ פון די סאָלדאַטן צוריקגעקומען וואָוויערערבעס מאַן, דער יונגער איוואַן. ער טראָגט אויף דיר א בייז האַרץ, ווייל די האָבט געלאָזט די כאָלדאַטיכע אין סטאָדאָלע צום שפּייזדרוט פירן. איוואַן איז איצט ביי „הראָמאַדע" א פירער.

— אין סאַפּיאַנקע איז שלעכט צו לעבן, אקים!

פּאַרטאָג, איידער דער לעצטער שטערן האָט זיך נאָך אויסגעלאָשן, האָט דער פּויער פּינעם מיסט־געלעגער, ווו וואסילי איז געלעגן מיט ערשט יונגע אָפּגעוואָרפענע שעפּסעלעך, אויפגעריסן אים. די פּויערטע האָט אים א קרוג מילך געגעבן, דער פּויער — דעם זאַק מיט ברויט. וואסילי האָט זיך אין שיינעם ווינקל פאַר די הייליקע בילדער טיף פאַרבויגן — געקרייצט זיך דריי מאָל און לאָסקע געבעטן:

— פאַר צוויי ארבעטן וועל איך, ביזן האַלבן פּאַס זיך פאַרבייגן פאַר „הראָמאַדע", אבי זיי זאָלן פאַרגעבן, אבי סאַפּיאַנקער לופט אָטעמען. וווּהין וועל איך גיין? אומעטום בין איך דאָך א פרעמדער. דאָ — די היים. רעד מיט זיי, אין קריסטוס נאָמען. כ'וועל זיך דורכן טאָג אין וואַלד איינהאַלטן. ביינאַכט וועל איך קומען א תשובה הערן, ווי דער ענטפער איז אויסגעפאַלן.

וואסילי האָט מיטן שטערן דעם פּויערס שוועל אָנגערירט און פאַרלאָזט די כאַלופּע.

די פּויערים פון סאַפּיאַנקע זענען געוואָרן געוווּיר, אַז אין וואַלד האַלט זיך אויף אַן אינטערעסאַנט שטיק ווילד, — דער פּריץ פון דאָרף. זיי האָבן עס צוויסן געטון דעם אהיימגעקומענעם סאָלדאַט איוואַן, וואָס

האָט, צוזאַמען מיט דעם געשטופּלטן לערער, אָנגעפירט די קאַמפּאַניע אין דער „הראַמאַדע". האָבן זיי געשוווּנגן, אין איילעניש, נישט זאָגנדיק די עלטערע פּויערים (כדי זיי זאָלן נישט צווויסן געבן דעם פּריז), צונויפגענומען די יונגען פון דאָרף. עס איז אַרויס אַ מאַן דרייסיק-פערציק, מענער און ווייבער, מיט ביקסן, ווידלעס און העק. טייל אויף פערד, טייל צופוס האָבן זיי אַרומגערינגלט דעם וואַלד פון אַלע דריי זייטן. זיי האָבן אויך מיטגענומען די פּריצישע הינט, וואָס זיי האָבן צווישן זיך צעטיילט און זענען, ווי אַמאָל דער פּריץ אויף געווילד, אויפן פּריץ אויף יאַגד געגאַנגען.

די פערטע זייט פון וואַלד, ביי דער כאַדזאַווקע, האָבן זיי פריי געלאָזט. איצט, אין פרילינג, איז סיי־ווי־סיי געווען אוממעגלעך דורכצושווימען אָדער דורכצודרעפּטשען די פייכטקייטן, נישט צו בלייבן שטעקן אינעם שליימיקן זומפּ, וואָס איז פון אויבן־אויף געווען פאַרגאָסן מיט די וואַסערן. די וואַסערן האָבן אויך פאַרפלייצט די נידריק־ליגנדיקע פּאַשעפּעלדער.

אָנגעקומען נענטער צום וואַלד, האָבן זיי איבערגעלאָזט די בעסטע שיסער פון דרויסן. די אַנדערע, מיט די הינט, — האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין וואַלד אַריין. געהאַקט אין דער ערד מיט די שפּאַדלעס און ווידלעס, ווי מען סטראַשעט אַ געווילד פון באַהעלטעניש, אָפּגעלאָזט די הינט, אַז זיי זאָלן אויסשפּירן דעם פּריץ און אים אַרויספּלאָשען פון וואַלד אַרויס.

וואַסילי האָט גוט געקענט זיין וואַלד, אַלע זיינע באַהעלטענישן און היילן — פון דער פּיליאַריקער יאַגד, וואָס ער איז געגאַנגען אין אים, סיי אין פרילינג, סיי אין האַרבסט. ביי טאָג האָט ער זיך אויפגעהאַלטן אין וואַלד אין אַ שאָפּע, צונויפגעשטעלט אויס צווייגן, אין וועלכער עס האָט זיך געטריקנט דעמבענע קאָרע, וואָס ער האָט פאַרקויפט די וואַלקאָזשעס אויסצוווייקן אין זיי יוכטאָווע לעדער. פון דער שאָפּע, דורך די פרייע שפּאַלטן, וואָס די אומבאַבלעטערטעביימער אינעם פריען פרילינג האָבן געלאָזט — האָט ער אַלץ געקאָנט זען, וואָס עס טוט זיך אין וואַלד און אין זיינע ראַנדן. דאָס האַרץ האָט אים עפּעס אויף אַזעלכעס פאַרגעבריים. ער האָט זיך געריכט אויף איינס פון דיביידע. אָדער די פּויערים וועלן אים אַריינעמען אין „הראַמאַדע". גלייכע מיט גלייכע, — אַז נישט וועלן זיי מאַכן אויף אים אַן „אָבלאַווע". ער האָט אויסגעקוקט

דערויף א גאנצן טאג. דערזען דורך די ביימער־שפארעס א קופקע גרויע מענטשן, וואס שווארצן זיך צווישן די ווי פליוש מיט מאך באוואקסענע דעמבעס, — האט ער געוווסט, אז דאס גייט מען אויף אים. ער האט געהאט ביי זיך אפגעמאכט: א לעבעדיקן זיך זיי אין די הענט נישט אי־בערצוגעבן. בייב ערשטן פויער, וואס וועט צוקומען צו אים, ארויסצו־רייסן די ביקס אדער די ווידלע, אים אליין צו טויטן און צו גיין מיט די פויערים אין געראנגל אויף טויט און לעבן. צו דעם צוועק האט ער די שאפע באפעסטיקט מיט שטיקער קלעצער, וואס זענען געלעגן אין וואלד אויסגעהאקטע פון פויערישער הפקרות. אז ער האט געהערט די מענטש־לעכע טריט, דאס קלאפן מיט די ווידלעס, — האט ער צוגעלייגט אן אויער צו דער ערד, כדי אויסצוגעפינען פון וועלכער זייט מען קומט און זיך צוגעגרייט צום קאמף.

דער ערשטער, וואס האט אים אויסגעפונען אין זיין באהעלטעניש, איז געווען דער יאגד־הונט „שפיץ", פאר וועלכן ער האט זיך אמאל מיט א פריין פאר א פערד געטוישט. דער הונט, פלינקער פון די אנדערע, איז איבער גריבער, ווינטער פארטריקנטע קופעס פייכטע בלעטער און שניי־לעבער געשפרונגען, גלייך אנגעקומען צו לויפן צו אים.

דערשמעקט זיין באלעבאס, האט ער זיך דערפרייט. „שפיץ" איז גע־שפרונגען אויף וואסילין, געלעקט די הענט, און געקוקט זיין האר מיט פרייד און שרעק אין פנים אריין. געווארט אויף א באפעל. וואסילי האט אים קודם־כל דעם פיסק מיט דער פויסט פארמאכט, אז ער זאל נישט בילן. ערנסט און טיף ארייגעקוקט אין דעם הונטס אויגן און גערעדט צו אים.

— „שפיץ", דו מוזט מיך ראטעווען, איך בין אין סכנה.

דער הונט האט אים אנגעקוקט שטום, מיט הינטישער רעדעוודי־קייט, וואס האט זיך אויסגעדריקט דורך זיינע טרויעריק־בלישטשענדיקע אויגן. געוואלט עפעס זיין באלעבאס זאגן און נישט געקאנט. וואסילי האט צוגעלייגט זיין פנים צום הונט, אויג צו אויג. מענטש און חיה האבן זיך אנגעקוקט און פארשטאנען.

— דו מוזסט מיך ראטעווען! — האט וואסילי נאכאמאל געזאגט.

דער הונט האט געשוויגן, נאר עקשנותדיק געקוקט אים אין די אויגן

אריין, מיט אָטעם־כאַפּנדיקע קרעכצן, פאַר אומגעדולד באַוועגן מיטן וויידל, געקוקט און געפּרעגט וואָס צו טון.

וואסילי האָט אָנגעוויזן דעם הונט די קעגנגעזעצטע ריכטונג צום ראַנד פון וואַלד, ביים פויערים הייזל, געהייסן אים לויפן און האַווקען.

דער הונט האָט געגעבן א בליק אויפן באַלעבאָס, א קרעכץ אָפּ. אַזוי ווי ער וואָלט פון אים אָפּשייד גענומען אויף ס'גאַנצע לעבן. געלאָזט זיך מיטן גאַנצן הינטישן אימפּעט צום אָנגעוויזענעם פּלאַץ און אָנגעהויבן בילן.

וואסילי איז געלעגן א מינוט, צוגעבויגן זיין אויער צו דער ערד, געהערט ווי די פויערים לויפן אָפּ אין דער צווייטער ריכטונג, — האָט ער זיך ארויסגעוואַגט פון זיין באַהעלטעניש — אויף אַלע פיר געקראָכן איבער דער ערד צווישן די ביימער צום ארויסגאַנג פון דער סאַדזאַווקע. ער האָט געוווּסט, אַז דאָרט איז דער איינציקער וועג פון רעטונג. איצט אָדער קיינמאָל נישט.

פונדערווייטנס האָט ער געהערט, ווי „שפּיין" האַווקעט, האַווקעט און אַנטלויפט. נאָך אים זענען נאָך איצט נאָכגעלאָפן די אַנדערע הינט, א קופּקע פויערים האָט געשריגן: „האַוו, האַוו, האַוו! —

וואסילי איז אריין אין א געדיכטעניש פון קזשאַקעס. זיין שווערער גוף האָט דורכגעבראָכן דאָס געוועב פון די פאַרטריקנטע צווייגן. זיינע הענט, זיין פּנים זענען געוואָרן צעריסן. זיין הויט האָט זיך פאַרטשעפּעט ערגעץ־ווו און שטעקן געבליבן. ביז וואסילי האָט זיך צוגעקראָגן צו דער סאַדזאַווקע.

נישט אומזיסט איז וואסילי אַזוי פיל יאָרן געגאַנגען אויף יאַגד אין זיין וואַלד. ער האָט אים געקענט ווי זיין אייגן לייב. גוט געוווּסט, אַז מען קאָן זיך נישט דורכרייסן דורך די אויסגעפּלייצטע וואַסערן. נישט איינמאָל געבליבן שטעקן אין די בלאָטיקע זומפּן איבער די שטיוול און געמוזט רופן די פויערים צו הילף, אַז זיי זאָלן אים ארויסשלעפּן. נאָר איינמאָל האָט ער געיאָגט אין וואַלד א סאַרנע. ער איז געווען זיכער, ווי די פויערים איצט, אַז איבער דער סאַדזאַווקע וועט זי זיך נישט קאָנען דורכרייסן. די חיה האָט אָבער געוווּסט פון א שטעג. אַמאָל, אין קדמונישע צייטן, האָט דאָרט וועד געמוזט לייגן אָפּגעהאַקטע דעמבעס דורך דעם זומפּיקן טייג,

אָדער זיי זענען צופעליק אַליין דאָרט אַריינגעפאַלן. די ביימער פאַרפוילט, פאַרגרינט, פאַרטרונקען, מ'זעט זיי מער נישט אַרויס. קיינער ווייסט טאַקע נישט פון דאָזיקן עקזיסטירנדיקן דורכגאַנג דורך די פייכטקייטן, — ביז די מאַרנע האָט עם אַנטדעקט פאַר וואַסילין. געשפרונגען מיט אירע הויכע פיס פון איין אָפּגעהאַקטן דעמב צום אַנדערן, האָט זי זיך דורכגעריסן דורך דער פאַרשפאַרונג. מיט גרויס אינטערעס האָט ער זיך דענסטמאָל צוגעקוקט, ווי דאָס געווילד ראַטעוועט זיך דאָס לעבן. ביי יעדן פאַלשן שפרונג שטעלט זי איין שטעקן צו בלייבן אין דער בלאָטע: פאַר טשעקאַוועס האָט ער זי אַפילו נישט געשאָסן, כאָטש זי איז געווען אינעם שטח פון זיין ביקס. „אויסגעפונען די אַן אַרויסגאַנג — האָב אַ גוטן שליטוועגס" — האָט ער איר צוגערופן און געהאַלטן דעם סוד פון פאַרבאָרגענעם דעמבענעם שטעג פאַר זיך.

איצט, בעת דער יאַגד אויף זיין אייגן לעבן, איז ער געקראָכן אין דעם זעלבן מאַרנע־וועג. דער הונט „שפּיץ" האָט מיט זיין לויפן און בילן אין דער אַנדערער ריכטונג פאַרפירט די פויערים צום ראַנד פון וואַלד. אַלע זענען געלאָפן נאָך „שפּיץ" צום דאָרף צו. דאָס האָט געגעבן וואַסילין צייט און געלעגנהייט אויסצוזוכן דעם וועג. און ווי די וואַלד־חיה אַמאָל, אין אַנגסט פאַר איר לעבן, — אַזוי איז ער אויך איצט געשפרונגען פון איין דעמב איבער דעם אַנדערן דורך דעם געפערלעכן זומפּ. אים איז עס שווער אָנגעקומען. ער איז פון דער נאַטור נישט באַשאַנקען געוואָרן מיט לייכטיקייט. די לעבנס־זיכערקייט פון דורות האָט פאַרטעמפּט אין אים דעם רעטונגס־אינסטינקט, וואָס יעדעס וואַלד־באַשעפעניש פאַרמאָגט. דאָ און דאָרט האָט ער זיך אויסגעגליטשט, געפאַלן אין וואַסער. איז געווען נאָענט צו בלייבן שטעקן אין די זומפּן. נאָר די געפאַר פון טויט, וואָס האָט געלויערט הינטער אים, האָט געשאַפן וווּנדער. אַלע מניעות בייגעקומען און מיט זיין שווער לייב אַפילו דאָס פריליינב־וואַסער פון דער סאַדזאַווקע אויסגעשטאַנען.

דריי טעג האָט ער זיך געשלעפּט מיט זיין הייכטן שעפּסן־פעלץ, מיט זיין צעריסן פּנים און צעקאַלעטשעטע הענט, איבער פעלדער און וועלדער. שטעט, דערפער האָט ער אויסגעמיטן, כאָטש איצט האָט אים קיינער שוין נישט געקענט אַלס דעם אַמאָליקן פּריץ פון כאַפּאַנקע. ער איז מער ענלעך

געווען צו א ווילדן וואלד־מענטש, — וואס ער איז טאקע געווען. ער האט געגעכטיקט אויף פייכטע בלעטער־קופעס, און גענערט זיך פון געגנבעטער מילך, וואס ער האט אויסגעמאלקן מיט זיין מויל פון די באגעגנטע קי אויפן פעלד.

אין די וועלדער ארום האט ער אנגעטראפן אויף מענטשן, וואס האבן אויסגעקוקט ענלעך צו אים. יענע אבער האבן געהאט ביקסן. צווישן די מענטשן האט ער דערקענט נישט איינעם פון זיינע אמאליקע פריצישע באַקאנטע. זייער גורל איז, מער אדער ווייניקער, געווען ענלעך צו זיינעם. עס זענען געווען א באנדע באנדיטן, באשטאנען אוים אמאליקע פריצים, וואס האבן זיך געזאמלט אין די וועלדער. ער האט באקומען א ביקס און זיך אן זיי אנגעשלאסן. אזוי ווי זייער צאל איז טעגלעך געוואקסן — האבן זיי באשלאסן צו פארלאזן דעם וואלד און אויף די שטעט צו גיין.

קאפיטל 10

נעכטלעבע געשפרעכן

נאך דער אקטאבער־רעוואלוציע האט הברטע כאפיע אפגענומען פאר זיך און זאכארי מירקין א וווינונג אין א פריוואט־הויז אויף טשיסטאַפרודנע בולוואר.

די דאזיקע וווינונג איז געווען א „סטארא־סוויעטסקע“, מיט גערוימיגע, ווייס־אפלאקירטע צימערן, מיט געוועלבטע סופיטן, אין ראמאנטישן סטיל איינגעארדנט, אין „בידער־מייער“־סטיל געהאלטענע מעבל, מיט העלע, ברייט־בייכיקע פון יעשן־האלץ אויסגעארבעטע קאמאדן, טישן און שענק. די שטולן מיט אויסגעהאפטן באדעקעכץ. אזוי אויך די ווענט באהאנגען מיט האנט־אויסגענייטע גאבעלינעס, מיט ראמאנטישע סצענעס.

נישט געקוקט אויף איר רעוואלוציאנערישקייט, האט זיך חברטע סאַפיע געהאלטן פאר א גייסטיקער אריסטאקראטקע, און אלס אזעלכע האט זי אויסגעזוכט פאר זיך א פאסיקע וווינונג. אין דעם איז זי געבליבן געטריי צו איר כאראקטער. נאך פון איר קינדהייט אן האט זי געהאט א בענקשאפט נאך א רייכער אומגעבונג. אין א שול־אויפגאבע צו באשרייבן

איר היים, האט זי אין איר פאנטאזיע רחל־לאהס באשיידענע דירה פאר־וואנדלט כמעט אין א פאלאץ. א פריוואט הויז אויף טשיסטא־פרודנע בול־וואר איז געווען איר גוסט. אהין האט זיך אויך ארייננעצויגן חבר ריש־קאוו, נאכדעם ווי די רעגירונג איז אריבערגעקומען קיין מאסקווע, — טאקע אויף איר רעקאמענדאציע. זי האט געוואלט אזוי ארום באווארענען, אז עס זאל נישט זיין צופיל איינוווינער.

א חוץ דער רעוואלוציע, אין וועלכער זי איז איצט געווען פארטון אי־בערן קאפ, האט חברטע סאפיע געהאט נאך איר אייגן פערזענלעך לעבן.

קודם־כל האט זי געמוזט איר רחל־לאהשע ענערגיע אויף עמיצן אויס־גיסן. איר הערשנדיקע נאטור האט געזוכט א קרבן, און דעם דאזיקן קרבן האט זי געפונען אין זאכארי מירקין, מיט וועמען זי האט געוווינט צוזאמען.

זי האט אים פשוט טעראריזירט. מיט זיין — אדער קעגן זיין ווילן, האט זי אויף אים אנגעווארפן איר מוטערלעכע נאטור. זי האט זיך גע־מאכט פאר אן אויפגאבע צו דערציען א „מאן" פאר איר שוועסטער. צו דעם צוועק האט זי אים פשוט געהאלטן ווי אין א קינדער־שטוב. אלס שווע־גערין, האט זי זיך גענומען דאס רעכט מיט אים צו קאמאנדעווען. ער האט געמוזט אין אלץ איר געהארכן, אפגעבן איר דין־וחשבון פון יעדן גאנג און יעדן טריט, און ווו ער איז אפגעזעסן ביז אזוי שפעט אין דער נאכט, און אז דאס מעג ער יא עסן און דאס טאר ער נישט עסן; און אז ביי דער קנאפקייט פון פעטס, גיט איי־וויים דאס נייטיקע קוואנטום פון פעטס, מוז מען אויסזוכן די שפייזן, וואס האבן אין זיך איי־וויים. זי האט אים אליין געוואשן יעדן טאג. דאס הויז איז געווען אלט־פרענקיש, מיט איין באד־צימער ביי דער קיך. פלעגט זי טראגן פון דער קיך ווארים וואסער. עס האט זיך שוין אין איר געהאט דערוועקט רחל־לאהס נאטור. זי פלעגט הייסן מירקינען זיך אפוואשן. זי האט אים פארשאפט וועש פון די שטיקער ציכן און לײלעכער, וואס זיי האבן געפונען אין דער וווינונג. זי פלעגט זיצן ביז שפעט אין דער נאכט און איבערנייען פון א לײלעך א העמד, א פאר גאט־קעס, און דערביי מירקינען גוט אויסזידלען, פארוואס ער גיט נישט אויף זיך אכטונג און לאזט זיך אפ, — אזוי ווי א ריכטיק ווייב באגייט זיך מיט איר אייגענעם מאן.

און מען האט אנגעזעץ, אז עס געפעלט איר די ראל פון א מוטער,

וואָס זי האָט גענומען אויף זיך, און וואָס איז נישט געווען אין רעוואָלוציאָנערן גייסט. זי האָט זיך אָבער לויט איר כאַראַקטער פּשוט גענויטיקט אין דעם. יעדע פּרוי, אַפילו די מאָדערנסטע, וואָס האָט שוין לאַנג גובר געווען איר ווייבערשן כאַראַקטער, וועט אָבער קיינמאָל איר מוטערלעך רעכט נישט פאַרבייגן. און האָט זי נישט קיין אייגענע קינדער, קיין אייגענעם מאַן, איבער וועמען צו געוועלטיקן, וועט זי זיך אויסזוכן דעם נאָענטסטן, וואָס וועט קומען אונטער איר האַנט. צו קאָמאַנדירן האָט זאַשקע געהאַט גערן פון קינדהייט אָן. זי האָט תמיד געמוזט האָבן עמיצן אונטער זיך, אויף וועמען אויסצוגיסן איר הערשערישע נאַטור: צוערשט אויף דער שוועסטער, און אַז עס איז נישט געווען די שוועסטער, איז כאָטש אויף איר חתן. זי האָט זיך פּשוט מחיה געווען מיטן שוואַכן מירקין. זי האָט געקאָנט אויף אים לאָזן פילן איר גאַנצע קראַפט. און, ווי עס זעט אויס, איז די דאָזיקע ראָל מירקינען גאָרנישט געווען דערווידער. ער האָט זיך דערמיט נישט בלויז צופרידנגעשטעלט, נאָר עס האָט אים אויך באַהערשט אַן אינערלעכע הנאה, ווען ער האָט זיך, ווי אַמאָל אין זיינע קינדער־יאָרן, געפילט אַרונטערגענומען אונטער אַ שטאַרקער ווייבערשער האַנט, וואָס האָט אים באַהאַנדלט ווי אַ קינד און הערשעריש.

עס זענען פאַראַן מאַנספאַרשוינען, אויף וועמען פרויען האָבן ליב אויסצואיבן זייער מוטערלעכקייט. מירקין האָט געהערט צו יענע נאַטורן, וואָס טראָגן מיט זיך, דעם געטראַנק פאַר ווייבערשער דורשטיקייט נישט נאָכן מאַן, נאָר נאָכן קינד...

אין זאַשקען זענען געווען פאַרקערפּערט די אַלע ווייבערשע געשטאַלטן, צו וועלכע מירקין האָט געטראָגן זיינע פאַרשטיקטע תאוותדיקע פאַרלאַנגען. קודם־כל איז אין איר געווען אַ שטיק רחל־לאה, די זעלבע ענערגיע און אַנטשיידנהייט. שוין מיט איר אויסערלעכקייט האָט זי דערמאָנט אָן דער מוטער. איר אַנטוויקלטער, פליישיקער מילך־קערפּער האָט פאַרבלענדט מיט דער בלאַנקייט פון זיין ווייכער, ווייסער הויט דורכגעוועבט מיט בלויע אָדערן, אומעטום, וווּ ער האָט זיך נאָר אַרויסגעוויזן.

און ווי אַ שוימענדיק געטראַנק האָט זיך איר קערפּער אַרויסגעגאָסן פונעם ברייטן האַלדז־דעקאָלט, פון די קורצע אַרבל, פון די תמיד צו־ענגע ווייסע בלוזעס, וואָס זי האָט געטראָגן. עס איז געווען אַזוי ווי אין איר

ראנדערדיקן מיידלשן קערפער וואלט זיך געוועןארייננעגאסן דער ווייבער־זאפט פון אנדערע, שוין לאנג פארשטיקטע תאוות, וואס האבן זיך איצט ווידער אנגעהויבן צו וועקן.

א גאנצן טאג איז געווען שטיל אין דעם איינזאמען גרויסן הויז אויף טשיסטא־פרודנע־בולוואר. די אלטע באלעבאטים, — א ייִנגערע און אן עלטערע דאמע, וואס מען האט נישט געקאנט דערגיין זייער משפחה־שייכות, — האבן זיך אויסבאהאלטן אין די פאר זיי איבערגעלאזטע ווינקלצימערן. זיי האט באדינט אן אלטע דינסט, וואס איז זיי, ווייזט אויס, געבליבן געטריי. זיי האבן געהאט מורא די נאז ארויסצוווייזן, כאטש א גאנצן טאג איז קיינער נישט געווען אין הויז, אלע האבן זיך געפונען ביי דער ארבעט אין זייערע ביוראס. א חוץ דעמאלט, ווען מען האט באדארפט עפעס צוטראגן אין מארק אריין צו פארקויפן און זיך דערפאר איינשאפן עסן, האט מען זיי נישט אנגעזען. פארנאכט, אז חברטע סאפיע איז צוריקגעקומען, איז דאס גאנצע הויז באלד געווארן פול מיט איר. זי האט קאמאנדעוועט אין דער קיך מיט די אנדערע שכנטעס, זיך געקריגט, אויסגעפירט שטענדיק דאס אירקע. זי האט צוגעגרייט דאס עסן, ענערגיש, מיט שטארקע טריט אריינגעבראכט עס אין איר שטיבל. אז זי איז געגאנגען, האט זיך די אלטע דעמבאווע פאדלאגע, וואס האט געהערט אויף פארפוילטע בעלקעס, געשאקלט און געוואקלט אונטער אירע טריט. מירקין האט ליב געהאט צו הערן דאס ציטערן פון דער פאדלאגע אונטער אירע טריט. אזוי ווי די גאנצע וועלט, וואס דאס דאזיקע אלטע הויז האט סימבאליזירט, וואלט געציטערט פאר די נייע, שטארקע טריט, צו וועלכע עס איז נישט געוווינט געווען. ..

חברטע סאפיע האט געגומען אן אקטיוון אנטייל אין „אקטאבער".
חברטע סאפיע איז מיט א ביקס אין דער האנט געפארן אויף א געפאנצערטן אויטאמאביל פון גובערנאטארס הויז אין די ראיאנען. חברטע סאפיע האט פארמאגט אין זיך אן איבערגעשוימטע ענערגיע, וואס האט זי געטראגן צו טויזנטער באשעפטיקונגען. אט איז זי געווען אין א קאמיסיע פאר נייע דערציאונגס־מעטאדן, ווו זי, חברטע סאפיע, האט געמאכט די ווילדסטע פארשלאגן, די פאנטאסטישסטע עקספערימענטן. אלטע, גענייטע פעדאגאגן האבן געציטערט פאר איר, מורא געהאט זיך איר אנטקעגנשטעלן. און אין א שעה ארום געפינט זי זיך שוין אין א נייער קא־

מיסיע וועגן רעגולירן די באַציאונגען צווישן מאַן און ווייב אין דער רעוואָלוציע. זי וואַרפט אָן איר דעה וועגן חתונה און צעשיידונג — אויף אַלע יוריסטן. צווישן די דאָזיקע ביידע קאָמיסיע־זיצונגען איז זי נאָך אויף אַן אַגיטאַציע־מיטינג אין אַ הויף פון אַ פאַבריק, אָדער גאָר אין אַ קאַזאַרמע, ווו מען פּלאַקערט־אויף די פון פראָנט אַהיימקומענדיקע סאָלדאַטן זיך אָנצושליסן אין דער רויטער אַרמיי.

חברטע סאָפיע, וועלכע האָט נישט קיין מורא פאַר די גרעסטע קאַרפּן־קעפּ און זאָגט זיי אַריין, ווען מען באַדאַרף, — אָט די דאָזיקע חברטע סאָפיע, פאַר וועלכער מען ציטערט, דערפאַר ווייל זי איז אַ נאָענטע מחותנתטע מיטן חבר מאַרעק, — האָט זיך ליב צו פּיעשטשען אַ שרעק... זי האָט ליב צו פּיעשטשען זיך פאַר יונגעלייט. זי איז שטרענג, ווי אַ קאַלטער אייז־באַרג. אָבער זי קאָן אינמיטן דערינען, אומגעריכט, גאָר קומען אַריינצושלייכן ביינאַכט און זיך לייגן צו מירקינען אויפן געלעגער. און אַזוי ווי זי וואָלט זיך אַליין נישט פאַרגינען, ליגט זי אין קליידל. זי נעמט מירקינס באַבאָרדיקטן קאָפּ אויף אירע נאַקעטע אָרעמס, טוליעט אים צו צו איר פלייישיקן ברוסט־קאַסטן און רעדט וועגן די גרויסע פּלענער, וועגן דער ליכטיקער וועלט, וואָס קומט:

— אין דער דייטשער אַרמיי פילט זיך שוין דער צוזאַמענברוך, די סימפּאַטיעס צו דער רעוואָלוציע. דער דייטשער אימפּעריאַליזם מאַכט דעם לעצטן אָנשטרענג. עס וועט אים אָבער גאָרנישט העלפן.

און אַז מירקין ווערט צעפּלאַמט פון איר וואַרימען אָטעם, נאָרעט זיך מיט זיין פּנים אין איר האַלדז, זוכט מיט די הענט איר פלייישיק לייב, גיט זי אים פון זיך אַן ענערגישן שטופּ־אָפּ, און אַ נעם אַרום מיט אירע שטאַרקע הענט און אַ שטאַרקן דריק זיין קאָפּ צו זיך (זי מעג — ער טאָר נישט).

— שאַ, שטיל. אין דער פראַנצויזישער אַרמיי איז אויך נישט בעסער. אַ גאַנצער פּולק האָט זיך געבונטעוועט, נישט געוואָלט שיסן. האָסט געלייענט? די וועלט־רעוואָלוציע קלאַפּט אין די טירן.

זי ווערט דערוואַרימט פון מירקינס ווייכע, פּיעשטשענדיקע הענט. די בלוט־טראָפּנס קומען אָן צולויפן און קלאַפּן אָן אויף איר שיינענדיקער, ווייסער הויט. איר האַלדז ווערט ווייך, לעבעדיק. ער ציט זיך אייס מיט זיין מילך־ליכט, ווי אַ פאַרבענקטער שוואַנען־האַלדז, און בעט זיך,

אַז מען זאָל אים גלעטן, האַלדזן, פּיעשטשען. די האָר — צעלאָזט, צע-ווינטיקט. אירע אויגן שיינען. איר גאַנצער קערפּער איז אויפגעפרישט מיט יוגנט. אין אַזעלכע אויפגעוועקטע מאָמענטן ווערט חברטע סאָפיע סענטימענטאַל. יאָ, זי קאָן ווערן סענטימענטאַל ביז צו טרערן, ווי ביים אַנבליק פון אַרבעטער-נויט. דעמאָלט האָט זי געקאָנט פאַנטאַזירן:

— דו פאַרשטייסט, זאַכאַרי, אין וואָס פאַרא צייט מיר לעבן? — זאָגט זי אַ באַגייסטערטע און פאַרגעסט נישט דערביי נאָך וואַרימער, נאָך טיפער אַריינצוקנעטן מירקינס פּנים, מויל און אויגן אין איר באַלעבט, אויפגעברויזט פלייִשיק-מילכיק בריסטן-לייב. — דורות און דורות זענען אַוועק פון דער וועלט אין צער, אין פּיין, האָבן קיין זונען-שטראַלן אין זייער לעבן נישט געזען, און קיין האָפענונג האָט ביי זייער טויט נישט געשיינט. אַך, ווען מען קאָן זיי איצטער אויפוועקן! פאַרוואָס גלויבן מיר נישט, ווי די פרומע, אין תחית-המתים? אַך, ווען מיר קאָנען זיי איצט אַרויסכישופן פון זייערע גריבער און זאָגן: הייבט אייך אויף, קינדער! נעמט-אָפּ, נעמט-אָפּ פאַר אייער געפּייניקט לעבן! דו פאַרשטייסט, זאַכאַרי, צו וואָס מיר האָבן דערגרייכט? מיר האָבן דאָך אויפגעעפנט די טיר, מיר זענען דאָך אָנגעקומען צום ציל! אַלצדינג איז דאָך אין אונדזערע הענט, אַלץ! און מיר קאָנען דאָך אַלץ טון, זאַכאַרי! הער, הער, זאַכאַרי! — וועקט זי אים אַרויס פון זיין ליידנשאַפטלעכער פאַרשמאַכטקייט. — מיר וועלן טון אַלצדינג, מיר וועלן אַוועקשטעלן אַן אָרדענונג, וווּ עס וועלן נישט זיין קיין שוואַכע און קיין שטאַרקע, קיין אונטערדריקונג. דו פאַרשטייסט דעם חלום, נאָך וועלכן עס האָבן געבענקט דורות? משיחס צייטן! געוויס, געוויס וועלן מיר איינשפּאַנען די וויסנשאַפט, ווי אַ פערד, אין אונדזער יאָך, אַז זי זאָל אונדז דינען. נישט צו פאַרשפּרייטן צער און פּיין, ווי זי טוט עס איצט ביי דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, ווו די ראַציאָנאַליזאַציע וואַרפט אַרויס טאָג-טעגלעך צענדליקער טויזנטער אַרבעטער אויף דער גאַס, צעפירט היימען, מאַכט אומגליקלעך פאַמיליעס, הונגערט אויס קליינע קינדער, און דער גאַנצער פּראָפיט גייט פאַר די באַלעבאַטים. ביי אונדז וועט די ראַציאָנאַליזאַציע, אַנשטאַט וואָס זי איז אַ קללה, ווי ביי זיי, ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ ברכה. דער מענטש וועט, ווי אַ העכער וועזן, נאָר אַרומגיין אַרום דער מאַשין און געבן אַכטונג אויף איר, כדי זי זאָל פאַר אים טון זיין ווילן. אַנשטאַט די מאַשין

זאָל פאַרקנעכטן דעם מענטש, ווען מיר פאַרשקלאַפן די מאַשין. צוויי שעה אין טאָג, פינף טעג אין דער וואָך. דער מענטשלעכער פליים וועט אונדז פאַרענטפערן אַלע נויטן. און דער מענטש וועט קאָנען זיין גאַנצע צייט זיך אָפּגעבן מיט זיין אינערלעכער באַפרייאונג. שטעלסט דיר פאָר, ווי די וועלט וועט דעמאָלט אויסזען? איך שטעל זי מיר פאָר אַ זינגענדיקע. אַז דעם מענטש איז גוט, זינגט ער, ווי דער פויגל. נעם אונדזערע יונגען: נעכטן בין איך געווען אין אַ גיסעריי. שטייען מענטשן מיט צעהיצטע לייבער ביי די ברענענדיקע אויוונס און זינגען. דו פאַרשטייסט, — זיי זינגען. וואָס, שלעכט צו זיין אַ רינגעלע אין דער קייט, אין וועלכער מיר זענען פאַרכישופט? ווי אַזוי האָבן מיר געקאָנט זיין גוט איינער צום אַנדערן, אַז אַלצדינג אַרום איז געווען שלעכט? דאָס גאַנצע סיסטעם איז דאָך געווען אַזעלכעס, צי ער האָט יאָ געוואָלט, צי ער האָט נישט געוואָלט, — האָט יעדער איינער געמוזט זיין דער האַמער פאַרן אַנדערן, דינען אַלצדינג. יעדער איינער איז געווען פאַרשקלאַפט צו אַ העכערן פון אים, און האָט אונטערדריקט אַ נידעריקערן. אָבער ווען דאָס סיסטעם וועט זיין אַן אַנדערס. עס וועט זיין אַן אַנדערער אופן פון לעבן, וועט שוין די איבערלעבקייט אַליין ווירקן אויפן מענטשנס כאַראַקטער, און ער וועט שוין נישט קאָנען גאָר אַנדערש טון. איך מיין, אַז מען וועט גאָרנישט דאַרפן איינגעמען די וועלט, זי אַגיטירן פאַר אונדזער אידעאַל. אונדזער לעבן וועט דינען פאַר אַ משל. אַזוי ווי די באַרבאַרישע פעלקער האָבן אַמאָל געטון: „שיקט אונדז אַפּאָסטאָלן", — אַזוי וועלן זיי קומען צו אונדז. מיר וועלן גאָרנישט דאַרפן אַריבערפירן די וועלט צום קאָמוניזם דורך שווערד און אייזן. די וועלט וועט אַליין קומען צו אונדז בעטן זיך, אַז מען זאָל איר שיקן אַפּאָסטאָלן איינצופירן דעם נייעם גלויבן, פונקט ווי אין אָנהייב פון קריסטנטום. זאַכאַרי, דו הערסט מיך?

— יאָ, יאָ, איך הער דיך, זאָשקע: איינצופירן דעם נייעם גלויבן.

און דו, זאָשקע, גלויבסט טאַקע, אַז עס וועט אַלצדינג אַזוי זיין?

— און דו נישט? — פרעגט זי אים אַ דערשראָקענע און זעצט זיך אויף אויפן בעט.

— איך בין זיך מודה, אַז טיילמאָל ווערט עס פאַרנעפלט פאַר מיר, איך פאַרליר דעם גלויבן, ווען איך קוק זיך צו צו די ליידן און פיין, וואָס מיר פאַרזייען אַרום אונדז, צי מיר ווילן יאָ, צי מיר ווילן נישט. —

שטעלט זיך מיר אָפּט די פראַגע: צי האָבן מיר אַ רעכט צו ברענגען אַזוי פיל קרבנות, צו פאַרגיסן אַזוי פיל בלוט פאַר דעם דאָזיקן גן־עדן? און פאַרגעס נישט, די ליידן הייבן זיך דאָך ערשט אָן. מיר האָבן דאָס אַלץ געטון, כדי צו מאַכן אַן ענד צו דער מלחמה, און אַליין רופן מיר איצט די אַרבעטער אין דער רויטער אַרמיי. אַנדערע האָבן דאָס געטון אין נאָמען פון „פאָטערלאַנד", „רעוואָלוציע"; מיר טוען דאָס איז נאָמען פון „אָקטאָבער". באַלד וועלן מיר זיי מיט באַגנעטן און פּיסטאָלעטן יאָגן צום פראָנט.

— וואָס זאָלן מיר טון, ווען דער בירגער־קריג קלאַפּט־אָן אין אונדזער טיר? קאָרנילאָוו זאַמלט קאָזאַקן אויפן פראָנט. זאָלן מיר זיך אפשר לאָזן אויסשעכטן?

— געוויס, געוויס איז דאָ אַ סיבה דערצו. ווער זאָגט דען אַנדערש? עס שאַפן זיך סיבות, וועלכע מען דאַרף באַזייטיקן, און זיי באַרעכטיקן אַלע גוואַלדטאַטן. עס ווייזט אויס, אַז יעדע אידייע ווערט געבוירן מיט שטעכנדיקע קאָם־זייטן אויסצוקעמפן זיך אַ וועג אין לעבן. נאָר די גוטע יאָרן ווייסן זיי, די אידייען: ווען זיי געפינען זיך נאָך אין סטאַדיע פון עמבריאָנען, איינגעוויקלט אין די הויט־פאַלדן, קוקן זיי פון דאָרט אַרויס, זוי כשרע קעלבלעך, וועלכע ווילן גאָרנישט, נאָר קומען אויף דער וועלט, כדי צו געבן מילך. קוים אָבער קומען זיי אַרויס, וואַקסן ביי זיי באַלד אַרויס שטעכנדיקע הערנער, און זיי הייבן־אָן צו באַדזשען, איידער זיי גיבן נאָך דעם ערשטן טראָפּן.

— וואָס מיינסטו דערמיט? — פרעגט אים זאַשקע.

— כּמעט אונדזער באַציאונג צו די בורזשויען! זייער לעבן, זייער טון — זענען געווען, ווי ביי יעדן איינעם פון אונדז, פאָלגן פון צייט און אומשטענדן, און מיר ווייסן נאָר פון נקמה. זיי זענען דאָך אויך אַ טייל פון דער מענטשהייט, פאַר וועלכער מיר האָבן באַפרייט די וועלט.

— נישט פאַר מיר. פאַר מיר זענען זיי שטשורעס אַזעלכע, כּמעט איינזאַמלען זיי אין אָפּגעשלאָסענע שטעט און אַנשטעקן זיי מיט טיפוס.

— זאַשקע! — שרייט אויס מירקין.

ער האָט זיך דערשראָקן פאַר די פלאַמען, וואָס האָבן געברענט אין אירע אויגן. אויף זיין בעט איז געזעסן אַ לייבן אינעם העל־שיינענדיקן, מיידלשן קערפּער.

— דו ווייסט, אז ווען איך הער דיך אזוי רעדן, ציטער איך פאר דיר. מיר דאכט זיך, אז דו וואלסט דאס געקאנט טון מיט דיינע אייגענע הענט, — זאגט מירקין.

— וואס? — לאכט זי אים מיט א קאלט געלעכטער אין פנים אריין.

— מענטשן הרגענען! — ענטפערט מירקין.

— אויב עס וואלט געווען נויטיק פאר דער רעוואלוציע, פארוואס נישט? מיט א געוויסן סארט מענטשן וואלט איך עס געטון מיט פארגעניגן.

— מיט פארגעניגן זאגסטו? — גייט אדורך א מאדנער טרייסל זיין קערפער.

— און זיי האבן אונדז געמענגט אויסראטן? מיר זענען געווען נוצלעך, זיי האבן באדארפט אונדזער הינטיש לעבן, האבן זיי אונדז געלאזט לעבן. אבער ווי אזוי? אנגעקייטלט צו זייערע קעלערס, אין די קיכן, אין זייערע פאבריקן, אין די קוילן-גריבער, אויף די דעקן פון די שיפן. ווען מיר וואלטן זיי געווען איבעריק, וואלטן זיי פארשפרייט די פעסט צווישן אונדז. דערמאן זיך, ווי זיי האבן געהאלטן די מענטשן, וואס זענען ארומגעגאנגען ארום זייער אייגן לייב, די, וואס האבן זיי געגעבן צו פרעסן, דאס מיסט אוועקגעקערט פון אונטער זיי, די שמוציקסטע זאכן געטון, וואס די אייגענע מוטער וואלט זיך דערפאר געעקלט. האבן זיי באטראכט זייערע דינער פאר זייערס גלייכן? די הינט, די קעץ זענען דאך זיי מער אנגעגאנגען, ווי דער מענטש. אזוי האט עס זיך געצויגן דורות און דורות. און אזוי ווי מיר ביי זיי, אזוי זענען זיי ביי אונדז. איך ווער א צעקראכענע באבע, אז איך זע פאלן אין גאס א פערד אונטער דער משא. איך קאן זיך דענסטמאל צעכליפען. דערפאר האט מען מיך טאקע אינדערהיים גערופן „כליפע באבע". יעדן פארווארלאזטן הונט האב איך געבראכט אהיימצושלעפן, יעדע פארלאזטע קאץ. אבער אויף זיי קאן איך נישט האבן קיין רחמנות. דו ווייסט, וואס איך וועל דיר זאגן? עס איז א ליגן, ווען מען רעדט וועגן פעלקער און בלוט־ראסן. די בורזשואזיע איז גוט קאסמאפאליטיש. עס עקזיסטירן אבער קלאסן-ראסן. אז איך דערזע אן ארבעטער, א פראלעטאריער, דערפיל איך באלד, אז איך באלאנג מיט אים צו איין ראסע. כאטש איך האב דאך

קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געאַרבעט פיזיש. עס מאַכט נישט אויס: דער הונגער, די נויט, די פּראָלעטאַרישע אַטמאָספערע, אין וועלכער מ'עז האָט זיך דערצויגן, באַשאַפט דאָס בשותפותדיקע ראַסן־געפיל. צו מענטשן פון אַן אַנדערן קלאַס האָב איך נישט קיין באַציאונגען. זיי עקזיסטירן נישט פאַר מיר אַלס אַזעלכע, וואָס זענען ענלעך צו אונדז, וואָס עס רינט בלוט אין זייערע אָדערן, און אַז מען שטעכט זיי, טוט זיי וויי. פאַר מיר זענען זיי אַ גאַנץ אַנדערער מין. איך וויל נישט, איך האָב גאָרנישט קיין צייט זיך מיט זיי מענטשלעך צו פאַראינטערעסירן. זיי עקזיסטירן נישט פאַר מיר. ווען מען דאַרף זיי אָפּרוימען, רוימט מען זיי אָפּ, ווי פאַלנדיקע בלעטער פון אַ בוים.

זי איז אויפגעשטאַנען פון בעט, ווען זי האָט דאָס געזאָגט. דאָס לייכטע קלייד, וואָס זי טראָגט תמיד אין הויז, און וואָס איז געווען ברייט אויסגעשניטן, האָט זיך אַראָפּגערוקט און אַנטפּלעקט אַ רונדיקן, שטאַרקן ווייבלעכן אָרעם, בליענדיק אין יוגנט־פרישקייט אין דעם רויט־פאַלנדיקן שיין פון לאָמפּ. אירע קורצע האָר זענען געווען צעפּלאָשעט און צעוואָרפן, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען פויגל און זיי צעפליען זיך אויף אַלע זייטן. איר פּנים, הגם אויסערלעך קאַלט און רואיק, איז געווען זייער שיין אין דעם דאָזיקן מאָמענט. אַ פאַרחלומטקייט האָט געשוועבט דערויף. פון אירע אויגן האָט געשלאָגן אַ קאַלט, גזלניש פייער, וואָס האָט נאָך מער געגרייצט דורך דעם, ווייל אירע אויגן האָבן געשמייכלט, בשעת זי האָט געזאָגט די דערמאָנטע ווערטער.

מירקין האָט אויף איר געקוקט מיט אַנטציקונג און גלוסטונג. ער האָט זיך אָבער, בשעת־מעשה, נישט געקאָנט באַפרייען פון אַ פּיינלעכן געפיל, וואָס האָט אים באַאומרואיקט. ער האָט זיך דערשראָקן פון אירע ווערטער, ווייל זיי זענען געווען אמת. ער אַליין האָט אָנגעהויבן לעצטנס צו פילן דעם כוח פון „ראַסע”, זינט ער האָט זיך באַגעגנט מיט זיין פאָטער אין פּעטראָגראַד, און נאָך מער — זינט זיין פאָטער וווינט דאָ אין מאָסקווע, און ער באַזוכט אים פון צייט צו צייט אין געהיים. ער פילט אַ רירנדיקע שוואַכקייט צו אים און צו זיין גאַנצן קלאַס, וואָס ליידט. די דאָזיקע שוואַכקייט, האָט ער מורא געהאַט, שטאַמט נישט בלויז פון פאַמיליע־געפיל, נאָר פון אַ פיל שטאַרקער, אפשר פון דעם געפיל, וועגן וועלכן עס רעדט דאָ זאָשקע.

— וועגן וואָס קלערסטו? — האָט אים געפרעגט זאָשקע.

— איך קלער וועגן דעם, אַז אויב אַזוי, געהער איך דאָך, לויט מיין אָפּשטאַם, צום אַנדערן צד, וואָס דו ווילסט אַזוי קאַטעגאָריש אויסראָטן, — זאָגט מירקין.

— דו האָסט אים פאַרראַטן, — לאַכט אים זאָשקע אין פּנים אַריין,

— און ביסט אַריבערגעלאָפן צו אונדז.

— דאָס איז טאַקע די פראַגע, אויב איך קאָן אים פאַרראַטן. קאָן מען זיך באַפרייען פון ראַסן־געפילן? צי הערשן זיי נישט איבער אונדז, קעגן אונדזער ווילן און איבערצייגונגען? דער מענטש לעבט־איבער זיינע שטאַרקסטע איבערלעבענישן אין זיינע קינדער־יאָרן. דאָס איז דאָס אמת־דיקע פאָטערלאַנד זיינס, אין וועלכן ער שטעקט אין משך פון זיין גאַנצן טעראָדיק לעבן. איך האָב דאָך קיינמאָל נישט געזען די מענטשלעכע ליידן פון דעם צווייטן צד, אַזוי ווי דו האָסט זיי ערשט געשילדערט. איך האָב נישט געהונגערט, בין קיינמאָל נישט געווען היימלאָז, און איך מוז זיך מודה זיין, זאָשקע, אַז איך וועל קיינמאָל נישט קאָנען קלערן וועגן צווייטן צד אַזוי ווי דו און די אַנדערע חברים. פאַרקערט, איך פיל מיטן גאַנצן האַרצן די עוולה, וואָס איר באַגייט איצט קעגן אים. מיין גאַנצע סימפּאַטיע וואַקלט זיך אויף דער זייט פון דעם, וואָס ליידט. און אַזוי ווי דער צווייטער צד איז איצט דער ליידנדיקער, גייט מיין סימפּאַטיע צו אים. זאָלן דאָס נישט זיין ראַסע־געפילן, וועגן וועלכע דו רעדסט?

— נו, דיר וועט שוין גאָרנישט העלפן, זאַכאַריושקע — דו האָסט זיך שוין אַזוי באַלאַמירט. צי דו ווילסט יאָ, צי דו ווילסט נישט, שטעקסטו שוין דאָ אויף אונדזער זייט. מעג דיך דיין ראַסן־געוויסן בייסן, פּלאָגן — דו וועסט שוין בלייבן שטיין אויף דער זייט פראָנט.

— איך ווייס נישט, — זאָגט מירקין, האַלב אין ערנסט, האַלב אין שפּאַס. — איך וועל קיינמאָל נישט טון עפּעס, וואָס זאָל זיין קעגן מיין געוויסן. איך מיין עס מיט אַן ערנסט.

— אפילו ווען דאָס זאָל זיין נויטיק צו טון פאַר אונדזער זאַך, פאַרן פּראָלעטאַריאַט?

מירקין קלערט אַ ווילע.

— נויטיק רוף איך נישט דאָס, וואָס איז נויטיק פאַר דער אָדער פאַר יענער „ראַסע", צי „קלאַס", נאָר פאַר דער אַלגעמיינהייט.

— „אלגעמיינהייט"! וועלכע? אונדזערע אדער זייערע? עס זענען דא א סך, — זאגט זאשקע.

— זאשקע, איך וועל דיר עפעס זאגן: די געשפּרעכן, וואס איך הער איצט אזוי אפט פון דיר און די חברים, פירן מיך צו זייער טרויעריקע געדאנקען. איך מיין, אז די שנאה, וואס רעדט ארויס פון אייך, איז נישט קיין שנאה צום „שלעכטן" אלס אזעלכן. דאס „שלעכטע" האט איר פארגעסן. איר זארגט נישט צו מאכן אן ענדע פון שלעכטן, נאר צו נעמען נקמה פון מענטשן. אזא שנאה איז נישט קיין פרוכטבארע, נאר א צעשטערנדיקע. איר אליין ווערט איצט די טרעגערס פון שלעכטס, פונקט ווי עס איז געווען דער צווייטער צד.

— זאכאריושקע, דו מיט דיין בערדל ביסט דאך נאך גאר א קינד! ווער רעדט פון מאראל? מאראל איז געשטארבן צוזאמען מיט דער אלטער וועלט. עס איז דא א נייע „מאראל", — די מאראל פון דער רעוואלוציע.

— אזוי האבן אלע געזאגט, זאשקע. יעדע דאגמע און רעליגיע האט געשאפן איר אייגענע מאראל, און דאס איז דאס געפערלעכסטע. איך גלויב, אז עס איז דא איין־איינציקע מאראל פאר אלע צייטן און אלע וועלטן, די מאראל פון אמת און פון מענטשן־ליבע. קיין אנדערע מאראל איז נישטא.

— גוט, גוט, זאכאריושקע.

און זי האט שוין צוגענומען זיין באבארדט פנים צו איר באלעבטער ברוסט און אים געטוליעט צו זיך: „נו, קאנסטו נישט ליגן א מינוט רואיק? שוויג, וועל איך דיר עפעס דערציילן, וועגן העלענקען וויל איך דיר דערציילן. דו ווייסט, וואס מיר האבן ביידע אפגעמאכט צווישן זיך, ווען מיר פלעגן אלס קינדער ליגן צוזאמען אין בעט? הער".

חברטע סאפיע איז געווארן סענטימענטאל.

קאַפּיטל 11

נקמה פאַר דורות

די צוויי פרויען אין דער וווינונג אויף טשיסטאָ־פרודנע זענען גע־וועזן א יינגערע און אן עלטערע. די יינגערע, האָט מען געוווסט איז די גרעפין ס., די רייכע יורשטע פון א באַרימטער באַיאָרן־פאַמיליע. די עלטערע — איר פראַנצויזישע דערציערין. זיי זענען געבליבן שטעקן דאָרט, ווו די רעוואָלוציע האָט זיי פאַרכאַפּט און האָבן נישט געקאָנט זיך ארויסקריגן. זיי האָט באַדינט א טריי־געבליבענע לייב־דינערין, וואָס פלעגט ארויסטראָגן אויפן מארק הויזלעכע זאכן צו פאַרקויפן און פאַר דעם געלט איינשאַפן שפּייז. די פריצהטעס אליין האָט מען כמעט נישט אָנגעזען. זיי זענען געבליבן פאַרשטעקט הינטער דער טיר פון זייער צי־מער. טיילמאָל פלעגט זיך נאָר דורכגליטשן אן אַנגענעמע סילוועטקע פון א יונגטלעך פרויענצימער, פלינק פאַרביישוומענדיק דעם קאָרידאָר. זי פלעגט ווערן אויפגעשראָקן, ווי א יונגע הירשין פון א באַגעגעניש און באַלד פאַרשווינדן הינטער דער סודותדיקער טיר... ס'האָט זיך אויך קיי־נער מיט די פרויען נישט אינטערעסירט. אזוי ווי זיי וואָלטן געווען שאָטנס פון א געשטאָרבענער וועלט, וואָס שלייכן זיך ארום ביינאכט אין זייער אלטן פּאַלאַץ. קיינער נישט, אַ חוץ דעם חבר רישקאָוו.

חבר רישקאָוו האָט זיך באַזעצט אין גרויסן „דירעקטאָר"־סאַלאָן, וואָס האָט זיך געגרענעצט (דורך א פאַרהאַקטער טיר, פאַרשטייט זיך) מיט די צימערן, אין וועלכע עס האָבן געוווינט די באַלעבאַסטעס.

די הויכע געוועלבטע פענצטער מיט די לייכטע באַטיסט־פאָרהענגלעך, זענען ארויסגעגאַנגען צום גרוימיקן גאָרטן־הויף. אויפן פאַרשנייטן הויף זענען נאָך געשטאַנען, פון זומער־איבערגעבליבענע, די מאַנגאָליע־ און ראָדאָדענדראָן־בלומען־טעפּ אין גרויסע הילצערנע באַליעס, ציטערנדיקע ווי פאַרפרוירענע קינדער, וועלכע מ'האָט איבערגעלאָזט אין דרויסן ווינ־טערן, צוליב דעם, וואָס קיינער האָט נישט געזאָרגט זיי אונטער א דאַך צו נעמען.

דער אויפזעער פונעם הויז, וואָס איז געוואָרן אריינגעזעצט דערין דורך די נייע באַלעבאַטים, האָט זיך באַזעצט אין דעם אריינפאַר־הייזל

און האָט, פאַרשטייט זיך, געשיקט צום טייוול די אַלטע בורזשואַזע איינ־ריכטונגען. נאָר צוליב עפּעס אַ פאַרזען האָט מען נישט צעהאַקט די איוי־דעלע ביימלעך אויף הייץ־האָלץ, ווי מ'האָט געטון מיט די אַנדערע.

דער סאַלאָן איז געווען אַ ברייט־נערווימיקער, אַלטמאָדישער, און ווי דאָס גאַנצע הויז — אָפּלאַקירט אויף ווייס מיט ראָמאַנטישע סצענעס. בלאַנד־יעשאַנאַווע שויבן־שענק מיט גרינעם אונטערשלאַג, אָנגעשטעלט מיט רוסישן פּאָרצעלאַן. קאַנאַפּעס און שטולן, אַלע באַנייט מיט האַנט־אויסגעהאַפּטענע גאָבעלינען, פון זיידנס צייטן, אין שלעכטן לואי־פיליפּ־סטיל. אין סאַלאָן אַריין איז אויך געוואָרן איבערגעשלעפּט פון אַן אַנ־דערער שטוב, אַ שווער, מיט בראָנדז באַקלאַפּט אַמפּיר־בעט, אין וועלכן ס'איז געשלאָפן חבר רישקאָוו.

דאָס הויז איז געוואָרן פאַרוואַלטעט פון אַן אייגענעם „הויז־קאָ־מיטעט", וואָס האָט אויסגעקליבן אַן אויפזעער. ער, דער אויפזעער, האָט געדאַרפט זאָרגן צו באַהייצן דאָס הויז און איבערהויפּט אויפצוהאַלטן די אָרדענונג און ריינקייט.

חבר רישקאָוו, כאָטש איינער פון די פאַרנומענסטע מענטשן אין דער מדינה, אַלס איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער רויטער אַרמיי, געפינט נאָך צייט צו פאַרברענגען די אָוונטן אינדערהיים. ער גייט וויי־ניק אַרויס אין געסט און נעמט קיינעם נישט אויף ביי זיך. איינער אַליין ביי דעם גרויסן געשניצטן טיש, אויף וועלכן עס איז אויך — ווי אויף די אַנדערע זאַכן — געלעגן אַ האַנט־געהאַפּטענע דעק, האָט ער אַרויפגע־וואָרפן אויף אים זיין אַקטן־טאַש מיט די פּאַפּירן, אַוועקגעלייגט זיין רע־וואָלווער, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון דער טאַש. זיין אָפּגעגאָלטער, גלאַנציקער קאָפּ האָט געבלישטשעט אין דעם מילך־שיין, וואָס שלאָגט פון דער גרויסער, גלעזערנער ווענעציאַנישער לאָמפּ, וואָס איז געהאַנגען אין מיטן שטוב און וועלכע איז שוין געוואָרן איינגעאָרדנט אויף עלעק־טרי. ער זיצט און קוקט אויף דער ווייס־אָפּלאַקירטער טיר, וואָס פירט אין די צימערן אַריין, אין וועלכע עס וווינען די פּריצטעס. מיט אויסגע־שטרעקטע אויערן מיט ער זיך צו פאַרנעמען פון דאָרט אַ קלאַנג, אַ גע־רויש. נאָר גאָרנישט. דאָרט, אין יענע צימערן, איז אַזוי שטיל, ווי עס וואָלטן אַלע געווען דערינען אויסגעשטאָרבן.

חבר רישקאָוו האָט געהאַט זיין אורזאַך, וואָס ער איז מיטאַמאָל

געוואָרן אַזאַ שטוּב־זיצער, וואָס עס איז געווען קעגן זיין געוווינהייט.

פון צייט צו צייט פלעגט חבר רישקאָוו אין די אָוונטן אָדער אין
די פרימאָרגנס איבערשרעקן אין קאָרידאָר די יונגע ווייבערשע געשטאַלט,
וואָס ער האָט ביי דער טונקלקייט פון קאָרידאָר נישט געקאָנט זען איר
פנים. ער פלעגט בלויז איינהערן זיך צום שרעקעוודיקן אויפגעשריי, וואָס
די פערזאָן גיט ארויס פון זיך ביי דער פּלוצלינגדיקער איבערראַשונג. ער
פלעגט נאָכקוקן נאָך דער איידעלער סילוועטקע, וואָס ווערט, ווי אַן אָנ־
גענעמער שאָטן פלינק פארשוווּנדן אין דער צווייטער טיר. דער רויש
פון זיידענע אונטער־קליידער, — ווי מען וואָלט פּאַפּיר געריסן, — הינ־
טער אַ בלאָנדיקן לייכטן שלאָפראָק האָט אָנגענעם באַרירט זיין געהער,
ווי דאָס רוישן פון אַ באַהאַלטענעם קוואַל צווישן וואַלד־קוזשאַקעס...

ער פלעגט ארויסמורמלען אַ וואָרט: „זייט מוחל, וואָס כ'האָב אייך
איבערגעשראָקן". נאָר דאָס וואָרט זיינס איז שוין געגאַנגען פארלוירן אי־
נעם פיל־אָנגעשטעלטן, פון אַ קליינעם נאַפט־לעמפּל באַלויכטענעם קאָ־
רידאָר. ווייל די סילוועטקע איז שוין לאַנג פארשוווּנדן הינטער דער טיר.

כאָטש חבר רישקאָוו האָט נאָך נישט געזען דאָס פנים פון דער ווייַ־
בערשער געשטאַלט, האָבן אים דאָך געדייצט דער שוועבנדיקער, לייכטער
שאָטן, דאָס רוישן פון זיידנס, דער איידעלער דופט פון לייכטן בעז־פּער־
פום, וואָס פלעגט ווי אַ הויך פון פרילינג שלאָגן אין זיין פנים, צוזאַמען
מיט אַ בליאַסק פון לייכטע, צעלאָזענע האָר. חבר רישקאָוו האָט נאָך
קיינמאָל נישט געהאַט צו טון מיט דעם מין ווייבער, וואָס שוועבן־פאַר־
ביי אַזוי לייכט, וואָס געבן פון זיך ארויס אַזעלכע דערשראָקענע קלאַנ־
גען, וואָס ציטערן־אויף אַזוי נערוועז ביים איבערראַשן און וואָס לאָזן־
איבער נאָך זיך אַזאַ איידעלן, לייכטן פּערפום־געשמאַק, ווי בעז אין פרי־
לינג. די ווייבער, מיט וועלכע ער איז ארומגעגאַנגען ביז איצט, — זענען
געווען אויסגעהאָרעוועטע שווער־לייביקע, האָבן אָפּגעטון זייער זאַך, ווי
אַ באַדערפעניש, ווי אָפּעסן, למשל. זיי האָבן זיך נישט געקאָנט שפּילן.
קיין זיידנס און באַטיסט האָט אויך נישט געקאָנט זיין אונטער זיי. זיי
האָבן געטראָגן אָן אַ שיעור אונטערקליידלעך איינס אויפן אַנדערן, וואָס
די קאַלטקייט פון דער גאַס און די ווינטן און די שניי־זאַווערוכעס האָבן
געהויכט פון זיי. שווער באַזאָקטע און באַשוכטע פיס. קיין אָנגענעמער
דופט האָט זיך אויך נישט געטראָגן פון זיי: ריחות פון עסנס, פון קיכן און

פון שארפער זייף, אדער זייער געפעפערטע, אין דער נאז בריענדיקע, פער־פום־ריחות, אנגעפודערטע פנימער, אז דו האסט נישט צו דער הויט גע־קאנט צוקומען. זיי זענען געווען ציניש־גראב און יעדעס מאל, נאך א נאכט מיט אזא פרוי, האט ער געהאט דאס געפיל, אז עס איז נויטיק צו גיין אין שוויץ־באד און — ווי אפצושארן פון זיך עפעס אומריינס...

חבר רישקאוו פלעגט נישט איינמאל וועגן דעם איצט רעדן מיט חברים:

— דער טייוול ווייסט זיי! — זיי האבן געהאט צייט זייערע ווייבער צו קעכלען. — דאס האט ער געמיינט דעם ביז איצט פריווילעגירטן קלאס. — אויסגעווארימט זיי, ווי אין וואטע געהאלטן, אז זיי זאלן זיין גלאטיק אויף דעם לייב. נישט אזוי ווי אונדזערע, מיט הענט פון טעפ־שייערן און מיט בלאטיקע פיס קייכן זיי צו די מענער אין די בעטן אריין.

טיילמאל פלעגט ער אויך מאכן די דאזיקע באמערקונג פאר חברטע סאפיע און פאר כירקיגען, באזונדערס זיי אמאל אין אן אוונט אויף א גלעזל טיי, כאטש ער פלעגט עס זאגן אויף אזא גראבן אופן.

— דערשראקן היינט אונדזער אריסטאקראטקע, — האט ער איינ־מאל געזאגט, — האט זיך דאס אויפגעקוויטשעט! און א שוועב־געגעבן ווי א פייגעלע. מען מוז מודה זיין: — און איבערגעלאזט א פיינעם דופט נאך זיך.

דער חברטע סאפיע איז נישט געפעלן דער טאן פון רישקאוון, ווי ער רעדט וועגן זיי:

— זיי האבן געהאט, ווער עס זאל פאר זיי ארבעטן. זיי שמעקן דער־פאר, ווייל אנדערע שטינקען פאר זיי. מיר איז אבער ליבער דאס גע־שטאנק פון אונדזערע, איידער זייערע געשמאקן.

(מען מוז אבער דערביי מודה זיין, אז וואס שייך איר אייגענער פערזאן, — האט חברטע סאפיע אויך זייער גערן געהאט — זיך אויס־צופערפומירן מיט די „געשמאקן" פון די אנדערע).

— דאס איז וואר, — האט חבר רישקאוו צוגעגעבן מיט א שמייכל און איז אריין צו זיך אין צימער.

דער חברטע סאפיע איז אינגאנצן נישט געפעלן חבר רישקאווס באציאונג צו די אלטע באלעבאטים. מען קאן זאגן, אז ער האט זיי אין־שוץ גענומען.

ווען זיי האָבן אַרויסגעטראָגן זאַכן אויפן מאַרק צו פאַרקויפן — האָט זיי ביים אַרויסגיין פון הויף דער הויז־פאַרוואַלטער שטענדיק אונ־טערזוכט, צי זיי טראָגן נישט אַרויס פון די שטיבער דאָס, וואָס מען האָט צוגענומען פאַרן פּראָלעטאַריאַט.

אַז חבר רישקאָוו האָט עס באַמערקט, פלעגט ער געבן אַ מאַך מיט דער האַנט צום הויז־פאַרוואַלטער, אַז מען זאָל זיי לאָזן צורו.

אַמאָל האָט חברטע סאָפיע פאַרגעלייגט פאַרן „הויז־קאָמיטעט", אַז מען באַדאַרף נאָר צו זיי אַריינגיין און זען וואָס זיי טוען דאָרט ביי זיך אין שטוב: צי זיי גרייטן נישט צו עפּעס אַ בונט קעגן דער סאָוויעטי־שער מאַכט.

אַז חבר רישקאָוו האָט געהערט דערפון — האָט ער געגעבן אַ שטרענגן באַפעל נישט צו באַאומרואיקן זיי.

— צו וואָס? אַלטע ווייבער דאָרט. נאָך וואָס פאַרביטערן?

לעצטנס האָט ער גאָר אָנגעהויבן אַהיימצוברענגען שפייז. נישט פאַר זיך, נאָר פאַר אַנדערע. ער נעמט אַ שטול, לייגט אַוועק אויף איר ווייס ברויט (די גרעסטע זעלטנהייט, וואָס עס איז געווען באַשטימט נאָר פאַר קינדער אין שפּיטעלער), אַ בלעכן קעסטל געפּרעסטן קאַוויאַר, פוטער און אַנדערע עסנוואַרג. ער שטעלט אַוועק דעם שטול פאַר זייער טיר. זאָגט־אָן דעם הויז־פאַרוואַלטער, אַז ער זאָל אויפפּאַסן, דאָס קיינער זאָל עס נישט צונעמען, אַ חוץ די, פאַר וועלכע עס איז באַשטימט. מיט אַ קליין צעטעלע „פאַר דער בירגערין ס. ה. פון דער סאָוויעטישער מאַכט".

אַז חבר רישקאָוו קומט אַהיים אין אָוונט, געפינט ער די זאַכן אויפן שטול נישט באַרירט. אַרויסגעקומען, — דערציילט דער הויז־פאַרוואַל־טער, — אַ קוק געגעבן, איבערגעלייענט דעם צעטל, זיך אָפּגעשאָקלט און געלאָזט שטיין.

חבר רישקאָוו שמייכלט.

חברטע סאָפיע ווערט נעוויר דערפון. באַוועגט מיט די פּלייצעס, ווערט איבערן גאַנצן לייב רויט, און איז נישט פויל צו זאָגן, דעם חבר רישקאָוו אין פּנים אַריין, וואָס זי דענקט וועגן דעם:

— אַז אייך, חבר, גלוסט זיך צונעמען ווייס ברויט, וואָס איז באַ־שטימט פאַר קינדער אין שפּיטעלער, — און עס צוטיילן די בורזשויען, די שונאים פון דעם פּראָלעטאַריאַט — איז דאָס אייער עסק. אָבער אויפ־

שרייבן: „א מתנה פון דער סאָוויעטישער מאַכט" — וואָס האָט דאָ צו טון די סאָוויעטישע מאַכט מיט אייערע פּריוואַטע ענינים?

ווערט חבר רישקאָוו ערנסט. כאַטש זיינע אויגן שמייכלען, שמייכלען מיט א קאַלט פייערל, — און ער זאָגט, געבנדיק דערביי א מאַך מיט דער האַנט:

— דאָס איז שוין מיין זאַך, חברטע סאָפּיע.

— דאָס איז נישט אייער זאַך, — חבר רישקאָוו.

— א שפּאַס געטריבן, — זאָגט ער, ווי צו זיך אַליין. — איבריקנס, דאָס איז מיינס א פּריוואַטער ענין און איך בעט אייך זיך נישט אריינצומישן. איך מיש זיך אויך נישט אין אייערע פּריוואַטע ענינים.

ווערט חברטע סאָפּיע ווידער רויט איבערן גאַנצן לייב און פּנים און ענטפערט-אָפּ:

— איך האָב נישט קיין פּריוואַטע ענינים...

נאָר חבר רישקאָוו שרעקט זיך נישט. שטעלט ווייטער אנידער ביי דער טיר א שטול מיט עסנוואַרג. דאָס מאָל אויך צוקער און טיי. נאָר „סאָוויעטישע מאַכט" לאָזט ער ארויס פונעם צעטל און שרייבט אויף: א „מתנה פון חבר ר".

מישט זיך חברטע סאָפּיע שוין נישט אריין. ס'איז א פּריוואַטער ענין און עס גייט קיינעם נישט אָן.

קומט חבר רישקאָוו אין אָוונט אהיים, טרעפט ער ווייטער די זאַכן אויפן שטול נישט גערירט, שמייכלט ער פאַר זיך:

— הארטע נים.

ער וואַרט אָפּ א געוויסע צייט. פון אינעווייניק הערט מען נישט קיין שאָרך. דער הויז־פּאַרוואַלטער זאָגט: שוין צייט א פּאָר טעג נישט ארויסגעגאַנגען אין גאַס מיט זאַכן. זעט זיך אויס — נישטאָ מער וואָס צו פאַרקויפן. פאַרשטייט חבר רישקאָוו, אַז איצט איז די צייט.

ברענגט ער ווידער אהיים עסנוואַרג. שטעלט־אַוועק אויף א שטול ביי דער טיר. דאָס מאָל צווישן טיטן מיט גרויפּן, רייז, קאַוויאַר, פּוטער, ברויט, אויך א גרויס מעסטל פונעם טייערסטן, וואָס איז פאַראַן אין רוסלאַנד — זאַלץ, וואָס ער לייגט עס פון אויבן־אויף, אַז מען זאָל עס באַלד אָנזען. שוין אָן א צעטל.

און אַז ער קומט אהיים אין אָוונט — געפינט ער אַלץ אויף זיין

אָרט, נאָר דאָס מעסטל זאַלץ פעלט. שמייכלט חבר רישקאָוו מיט זיין גלאַנציק פּנים: הורא! דאָס זאַלץ האָט געזיגט! לאָזט שטיין די זאַכן אויפן שטול איבערנאַכט.

צומאָרגנס אינדערפרי געפינט חבר רישקאָוו א ליידיקן שטול.

דאָס אַנדערע מאָל, ווען חבר רישקאָוו באַגעגנט אינעם טונקל־באַלויכטענעם קאָרידאָר די ווייבלעכע געשטאַלט — אַנטלויפט זי שוין ניט און קורטשעט זיך שוין נישט מער צונויף. צוויי גראָע, רוסישע אָפענע אויגן, אונטער אויסגעגלעטע לעפעלעך מיט רונדיקע בייגעוודיקע אונטערגעצייכנטע ברעמען קוקן אים אָן פרעמד, ערנסט, מיט א גלוסטנדיקער שרעק. קוקט ער זי אויך אָן מיט זיינע ברעמען־נאַקעטע אויגן, פרעמד, ערנסט. און אויך מיט א גלוסטנדיקער שרעק.

די צוויי פּאָר רוסישע אויגן קוקן איינע אין די אַנדערע א סעקונדע — א שעה און זענען איינע די אַנדערע מנצח. ביז זי בייגט־אַרונטער דעם קאָפּ. רישקאָוו דערזעט ווי א גלאַטיק־מיידלשער קאָפּ שטייט פאַר אים אונטערטעניק, ווי א פאַרלוירן זשרעבאַקל:

— פאַרוואָס טוט איר דאָס? — פרעגט זי אים.

איידער ער האָט נאָך געהאַט צייט אַרויסצובּרענגען א וואָרט — שוועבט זי לייכט אַוועק. און פאַרשווינדט אויף יענער זייט טיר.

אַז חבר רישקאָוו קוקט דערנאָך אַריין אין גרויסן שפּיגל, וואָס הענגט אין זיין שטוב, — באַמערקט ער, אַז ער, חבר רישקאָוו, איז בלייך, און ער פאַרשטייט פאַרוואָס, דאָס האַרץ שלאָגט ביי אים הויך, אַזוי ווי ער וואָלט א מענטש ערשט דערהרגעט, און ער קאָן עס נישט קאָנטראָלירן.

שפּייט ער אויס, נעמט זיין אַקטן־טאַש מיט די פּאַפּירן — און גייט אַוועק צו דער אַרבעט. אַרבעט א גאַנצן טאָג אין פאַרשידענע קאָמיסיעס. פאַרריכט צענדליקער זאַכן מיטאַמאָל. רעדט טאָפּלט: דורכן טעלעפאָן און צו מענטשן, וואָס געפינען זיך פאַר אים. פליט מיט אַן אויטאָמאָביל ווי א טייוול. די אַרבעט ברענט פון אונטער דער האַנט און אין דער אַרבעט פאַרגעסט ער באַלד וועגן אַלעם.

נאָר ווען ער הערט, אַז חברטע סאָפיע האָט געלאָזט אויפרייסן אַן איינגעמויערטע וועש־שאַנק אין א וואַנט און פון דאָרט אַרויסגענומען לייַלעכער, זיי צעטיילט צווישן די איינוואוינער פון הויז, אַז זיי זאָלן עס

זיך איבערנייען אויף העמדער, ווערט ער אין כעס און לאָזט דורכן הויז־פּאַרוואַלטער אָפּנעמען די וועש און שיקט זי זיי צוריק אַריין.

— דער „הויז־קאָמיטעט״ האָט אָנגענומען אַ באַשלוס צו קאָנפיס־קירן די לײַלעכער, — טענהט דערנאָך צו אים די פּאָר כעס בלײַך־געוואָ־רענע חברטע סאָפיע, מיט שוים־שפּייעכטס אין די מויל־ווינקלען. — קיי־נער פון אונדז האָט נישט קיין העמד, קיין לײַלעך, אויף וואָס צו שלאָפן, און דאָ פוילן שטויסן וועש ביי זיי אין די שענק. קיינער האָט נישט דער־פון קיין נוצן, אַ חוץ די מייז. און פּראָלעטאַרישע טוער האָבן נישט קיין העמד אויפן לײַב!

ווערט ער, דער חבר רישקאָוו, בייז. ער פאַרלירט דאָס רואיקע, קאַלטע שמייכעלע אויף זיינע פליישיקע ליפּן:

— דערפאַר זענען מיר פּראָלעטאַריער. זאָלן זיי דערוואָרגן ווערן מיט זייער וועש. ווען מיר וועלן באַדאַרפן — וועלן מיר זיי שטעלן צום ווענטל. נאָר, אויף אייגענער פּויסט האַנדלען? — אַזוי טוען אַנאַרכיסטן, נישט באָלשעוויקעס. איך וועל אייך שטעלן פאַר אַ פּאַרטיי־משפּט.

— ס'איז געווען אַ באַשלוס פונעם „הויז־קאָמיטעט״.

— איך וויל נישט מער הערן. מיר זענען נישט קיין באַנדע רויבער. פאַרשטאַנען?

ער ווייסט, אַז ער האָט נישט רעכט און ער איז אויף זיך בייז, וואָס ער לאָזט זיך פאַרפירן פון אַ סענטימענט. שפּייט־אויס און מאַכט ביי זיך אָפּ, זיך ווייטער נישט צו אינטערעסירן מיט דעם גאַנצן ענין.

אין אָוונט רוימט ער איין דעם פאַרוואַלטער פון דער „סטאָלאָווע״ אינעם קאָמיסאַריאַט פאַר מיליטערישע ענינים, אַז ער זאָל אים מיט־געבן אַן עקסטרא „פּאַיאָק״. ער האָט אינדערהיים אַ באַזוך פון אַ פער־זענלעכן כאַראַקטער. פאַרשטייט דער פאַרוואַלטער זיין ווונק...

און דערינען, הינטער דער פאַרשלאָסענער טיר, — איז מען, זעט זיך אויס, אויך נישט גלייכגילטיק. פּונקט אַזוי ווי עס באַאימרואיקט און רעגנט־אויף דעם חבר רישקאָוו דאָס אַלטע רוסישע באָיאַרן־בלוט, וואָס פליסט אין דער גערוועזער געשטאַלט פונעם יונגן מיידל, אַזוי רייצט דאָרט הינטער דער טיר דעם לעצטן אָפּשטאַם פון אַן אַלטער פאַמיליע. דער נייער רוסישער מענטש פון דער רעוואָלוציע: — ווער איז ער דאָס, דער שרעקלעכער מענטש, וואָס איז אַרויסגעקראָכן פונעם פינצטערן קע־

לער און פֿאַרטריבן דעם צאַר פֿון טראָן, באַזיגט די הויפּטשטאָט און הערשט אומבאַגרענעצט אויף לעבן און טויט אינעם צאַרישן פּאַטערלעכן קרעמל? ווער איז ער. דער רישקאָוו, וואָס שוין פֿאַרן בלויזן קלאַנג פֿון זיין נאָמען ציטערן און פּלאַטערן די אַלע מעכטיקע און שטאַרקע, וואָס זי האָט געזען אין זייער גאַנצן גלאַנץ אין די צאַרישע הויפֿן, אויף די צאַרישע בעלער, וואָס עס האָט זיך געדאַכט, אַז קיין שום כוח וועט נישט זיין אימשטאַנד זיי צו באַזיגן? ווער איז דאָס די דאָזיקע משוגעדיקע, ווילדע חיה, וואָס האָט מיט אירע ציין און נעגל דערוואָרגן און צעשמעטערט רוסלאַנדס פּראַכט און גלאַנץ? דער דאָזיקער שרעקלעכער רישקאָוו ווינט מיט איר טיר-ביי-טיר. זיצט אין פּאַפּאָטשקעס קאַבינעט. שלאָפֿט אינעם סאַלאָן אין מאַמאָטשקעס חופּה־בעט. און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער דאָזיקער רישקאָוו איז גאַרנישט אַזוי שרעקלעך. אַן אָפֿן רוסיש פּנים, מיט בלויע רוסישע אויגן. מיט אַ מעכטיקן, שטאַרקן שאַרבן. פֿאַר־וואָס גאָלט ער אַזוי זיין קאָפּ? זי וואָלט אים געוואָלט זען אין די האָר. ניין, אַזוי איז ער אינטערעסאַנטער. מיט זיין געגאָלטן שאַרפֿן שאַרבן זעט ער אויס ווי עפּעס אויסטערלישעס פֿרעמדס, שטאַרקס, ווי עס דאַרף אויס־זען דער רישקאָוו. דער שרעקלעכער, וואָס האָט גע־ומען מאָסקווע. און דער דאָזיקער רישקאָוו איז גאָר פֿריינטלעך צו איר.

צוערשט האָט זי אים פֿאַראַכטעט, וואָס ער האָט זיך דערוועגט צו־צושטעלן עס־געוואָרג ביי איר טיר. איצט אָבער פֿאַרשטייט זי עס. ער, ריש־קאָוו, נעמט זי אין שוץ קעגן די שרעקלעכע יידישקעס, וואָס וואָלטן שוין לענגסט געמאַכט פֿון איר אַ תל, ווען נישט דער דאָזיקער רוסישער מענטש. ער האָט פֿאַר איר געראַטעוועט די פֿאַמיליען־זועש. ניין, ער וויל גאָר־נישט פֿון איר. ער מיינט גאַרנישט מיט זיין זאָרגן זיך פֿאַר איר. פּשוט, די רוסישע נשמה רעדט אין אים. און איין רוסישע נשמה נעמט זיך אָן פֿאַר דער אַנדערער. אפֿשר, ווער ווייסט? אפֿשר וועט פֿון די פֿאָלקס־מענטשן, וואָס מיר האָבן אַזוי פֿאַרנאַכלעסיקט, קומען די ישועה פֿאַר רוסלאַנד. דער רוסישער פּויער האָט שוין אַמאָל אָפּגעראַטעוועט דאָס מוטערל רוסלאַנד פֿון פּוילישער פֿאַרפֿלייצונג און אַרויפֿגעזעצט דעם ערשטן ראָמאַנאָוו, דעם צאַר מיכאיל פֿיאָדאָראָוויטש אויפֿן רוסישן טראָן. פֿאַרוואָס קאָן עס נישט טרעפֿן היינט? דער רוסישער פֿאָלקס־מענטש האָט

נאָך נישט אָפּגעשפּילט זיין ראָל אינעם רוסישן לעבן. ער הייבט ערשט אָן — און פון אים קאָן קומען די ישועה.

עס ברענט אין איר דער חשק זיך צו באַקענען מיט אים, מיט דעם רוסישן מענטש, צו רעדן מיט אים. אפילו אויף דער געפאַר צו זיין אין זיין מאַכט... און אפשר טאַקע דערפאַר...

אַז זי טרעפט זיך מיט חבר רישקאָוו דאָס אַנדערע מאָל אינעם טונקעלן קאָרידאָר, בויגט זי נישט מער אַראָפּ איר קאָפּ, קוקט אים גלייך אין די אויגן אַריין:

— איך דאַנק אייך... און זי שטרעקט-אויס צו אים אַ ווייך, קאַלט-מיידלש הענטל.

— פאַרוואָס? — פרעגט רישקאָוו.

— ווען נישט איר, וואָלטן פון מיר די זשידעס שוין לענגסט געמאַכט אַ תל.

חבר רישקאָוו קנייטשט-איין דעם שטערן. ער איז בייז אויף איר פאַר די דאָזיקע ווערטער, נאָך מער אָבער אויף זיך, וואָס צוליב אַ נאַרישן סענטימענט שטייט ער און הערט אויס אַזעלכע „אפּיקורסישע רייד". ער וויל איר געבן צו פאַרשטיין, אַז דער אינטערעס, וואָס ער האָט צו איר, איז צוליב גאָר אַן אַנדערן ענין. און כדי איינמאָל פאַר אַלעמאָל קלאָר צו מאַכן דעם ענין, נעמט ער זי אָן ברוטאַל ביי דער האַנט, קוקט איר מיט אַ חוצפּהדיקן בליק אין פּנים אַריין און זאָגט איר אין אַ נישט צווייטייטיקן אָנצוהערעניש:

— אַז איר ווילט מיר דאַנקען, איז נישט דאָ דאָס אָרט. קומט צו מיר אַריין אין אָוונט, איך בין אַליין.

דאָס בלוט צינדט זיך אָן אין איר פּנים. חבר רישקאָוו קאָן אפילו אָנזען דאָס רויטלען זיך פון איר לייב און די האָר־וואָרצלען פון איר מיידלשן קאָפּ, וואָס זי ווייזט אים איצט אָנשטאָט איר פּנים. ער הערט איר האַרץ קלאַפּן. נאָר דאָך קוועטשעט זי נישט אויף און פאַרשווינדט נישט מיט די לייכטע, שוועבנדיקע טריט און בויגט איר קאָפּ וואָס נידעריקער אַראָפּ, ווי אַ קאַלב, וואָס מען פירט צו דער שחיטה, און שווייגט.

— נו, ווען איר קומען? זאָל איך וואַרטן אויף אייך? — פליסטערט ער איר שוין נעענטער צום פּנים, און האַלט זי פעסטער ביי דער האַנט.

זי שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, ווי אַ קרבן.

— אָבער נישט אויף דיסקוסיעס? — זאָגט ער ברוטאַל און שמייכלט.

זי הייבט פּלוצים אָן צו ציטערן, אַזוי ווי זי וואָלט געהאַט פיבער. אויף איר פּנים באַווייזט זיך אַ רירנדיקע אידעלע ווייסקייט. זי עפנט־אויף צוערשט אירע אינגאַנצן צוגעמאַכטע ליפּן, און דער פולער ווייס־בלישטשענדיקער קאַסטן ציין פאַרקרימט זיך אין אַ וויינענדיקער גרימאַ־סע, אַזוי ווי ער וואָלט נישט געקאָנט פון זיך אַ וואָרט אַרויסברענגען. ענדלעך זאָגט זי, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, צווישן אירע ציין, וואַרפנדיק דערביי ווי אַ שטראַל פון אירע קאַלטע אויגן, וואָס בויערן זיך שוין אַריין אין רישקאָווס פּנים:

— אַז איר ווילט מיך — וועל איך קומען. — און פאַרשווינדט גע־שווינד הינטער דער טיר...

ער וואָרט איין נאַכט, נאָך אַ נאַכט — זי קומט נישט אַריינ־צוגיין...

**
*

זי וויל אים געפעלן, זי וויל ווערן ווי איינע פון זיי. זי וויל אויפגיין אין פאָלק און זי ראַנגלט זיך הינטער דער פאַרשלאָסענער טיר אין קאַמף מיט איר אָפּשטאַם. ענדלעך איז זי גובר איר וויל־דערצויגנקייט. זי וויל געהערן אונטער זיין געוואַלט, אפילו צו וויסן רוי באַהאַנדלט צו ווערן פון אים.

זי לאָזט זיך פון איר געטריי־געבליבענער דינערין אַרויסזוכן דעם פויערשן קאָסטיום, וואָס זי האָט באַהאַלטן אין איינעם פון אירע קאַסטנס מיט אַמאָליקע בעלער־קאָסטיומען. די פויערשע פאָלקס־טראַכט קליידט איר גוט. זי פאַרוואַנדלט זיך אין אַ פאָלקס־מיידל. פאַרקעמט זיך די האָר אין צוויי לאַנגע צעפּ. דעם גאָלדענעם „קאָקאָשניק" מיט דער גאָזע־וואָלקע אויפן קאָפּ, דעם מיט בלישטשענדיקע פליטערלעך אויסגע־נייטן סטאַניק אויפן לייב און דאָס לאַנגע ברייט־פאַלדעוודיקע באַבלימל־טע קלייד. זי וויל זיין, ווי איינע פון זיי, באַהאַנדלט ווערן ווי אַ דאָרף־שיקסע פון פויער, ווען זי קריכט צו אים אין שטאַל־אַריין.

זיי זיצן ביידע ... אַז ... ביים ... טיש. דער רע־

זואָלווער פאַר אים, טרינקט אַ צעשוויצטער טיי און פאַרטראַכט זיך אין פּאַפּירן, וואָס ליגן פאַר אים. קלאַפּט מען אָן אין דער טיר און עס פרעגט אַ ציטערנדיקע, מיידלשע שטימע:

— מען קאָן אַריינגיין?

רישקאָוו קוקט פאַרוונדערט, מיט אַ לאַכנדיקן ביטול, אויף דעם זויס־באַבלייכטן פּריצישן מיידל־פּנים אין די פּויערשע קליידער. זאָגט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל:

— אַזעלכע האָב איך גענוג. קום אין די פּריצישע קליידער, און וועלכע דו ביסט געגאַנגען אויף די צאַרישע בעלער!

רייסט זיך אַרויס אַ ווייבערשער וויין־קוויטש און עס פאַרשווינדט הינטער דער טיר.

חבר רישקאָוו פאַרטיפט זיך ווייטער אין זיינע פּאַפּירן.

**
*

די לאַנגע צאָלן דורות באַיאָרן האָבן זיך פאַרליבט אין אַ שוואַך מיידל. ווי די דיבוקים ראַנגלען זיי זיך פאַר זייער כבוד און שטאָלץ אין די בלוט־צעלן פונעם דאָזיקן איידעלן קערפּער. דער לעצטער באַיאַרישער טראָפּן אָבער וויל זיך אַריינגיסן אינעם פּאָלקס־ים. עס בענקט די אויס־געהויכלטע, אויסגעאיידלטע מיידלשע הויט צו ווערן באַרירט פון אַ רויער, שטאַרקער האַנט. צו קומען אין געוואַלט פון אַ מעכטיקן, שטור־רעמדיקן כאַראַקטער, אפילו לייביק צו ווערן, געצייכנטיקט פון אַ מענערישן באַפעל, אויסצוגיין ווי אַ הויך און אויפצוגיין אינגאַנצן אין אַ מעכטיקן גײַסט־אָפּהאַלטנדיקן ווילן. פּייניקט זי זיך, ראַנגלט זיך מיט אבות־שאָטנס פון דורות און דורות. איין נאַכט, צוויי — אַ וואָך. ביז זי רייסט זיך אָפּ אינגאַנצן פונעם טויט־שנור און גיט זיך איבער אַ שטאַרקערער מאַכט.

און זי גייט און זי טוט זיין רצון.

אינעם גרעפישן שפּיצן־קלייד, אויף אַ בורשטין־אַטלעס אויפגענייט, טיפע ברוסט־ און רוקן־דעקאָלטן, אין די לעצטע פּערפומען־טראָפּנס, מיטן יידענעם שוואַרצן שפּיצן־שאַל, פאַרוואָרפן איבער די נאַקעטע הענט, ז פּעבער אַ ; דער האַנט, קומט זי און שטעלט זיך פאַר אים ווי צום אַפּעל.

נעמט ער זי אַן ביי דער האַנט, און זעצט זי אוועק נעבן זיך.

— שיינע שפּיצן ביי דיר, — זאָגט ער, — און נעמט איר זיידע־נעם שפּיצן־שאַל אין האַנט־אַריין. — אוודאי א ירושה? וואָס, ניין?

— פאַמיליען־שפּיצן, — ענטפערט זי.

— נו, געוויס. לייב־אייגענע האָבן דאָס געהעקלט דורך די ווינטער־נעכט, ווי די דיוואַנעס דאָ אַרום. הענט זענען געווען גענוג, ס'האָט נישט געקאָסט קיין געלט, — לאַכט ער.

זי וואָלט געוואָלט מיט אים וועגן עפּעס אַנדערש רעדן; נאָר ער האַלט זיך דווקא ביי דער טעמע.

— געווען ביי אייך אַ סך פּויערים אין דאָרף?

— אין וועלכן? — פרעגט זי.

— נו, אינעם גרויסן, אין וועלכן איר האָט געוווינט?

— גרויס זענען געווען אַלע. און געוווינט האָבן מיר אין קיין איינס נישט. ווינטער — אין מאָסקווע, זומער אין אויסלאַנד — שמייכלט זי מיט אַן אַריינקויפנדיק געלעכטערל.

— נו, אייער פאַמיליען־אָרט? ווי האָט עס געהייסן?

— איר מיינט דאָס גרעפישע פאַמיליען־גוט, וווּ ס'איז אונדזער שלאָס געשטאַנען? — זאַמיעטשקאַ, אין קורסקער גובערניע.

— קורסקער גובערניע? — וווּנדערט עס זיך. ווייס איך כ'שטאַם אַליין פון דאָרט. זענען מיר — הייסט דאָס — לאַנדסלייט, — לאַכט ער מיט זיינע געזונטע ציין, פון וועלכע זי קאָן שוין נישט — ווי פון אַ כישוף — אַפּנעמען אירע אויגן.

— געווען אַפשר ביי אייך פּויערים מיט געלע בערדלעך, אַזעלכע קאָז־בערדלעך, שפּיציקע, מיט כיטרע אויגן? מיט אַזעלכע אָפענע פּנימער, וואָס שמייכלען שטענדיק און זאָגן „אַ דאַנקען גאָט דערפאַר?“ — זאָגט ער אין גוטן שפּאַס.

— געווען אַזעלכע אויך, ענטפערט זי אויך אין לייכטן שמייכלען.

— דו ווייסט, אַז איך האָב געהאַט אַ טאַטן אַזעלכן? געווען אַ זון פון אַ לייב־אייגענעם. דאַכט זיך אַלס קינד אויך געווען אין „פּאַנשטשיזנע“. ער פלעגט עס מיר דערציילן. פון קורסקער גובערניע אַליין געשטאַמט. ווער ווייסט, אפשר פון אייער דאָרף. אויב אַזוי, זענען מיר דאָ: [illegible]אַר משפּחה־דיקע, — זאָגט ער, און נעמט איר קליין, דין הענטל צווישן זיינע דיקע

פינגער און לאָזט איר פילן זיין האַנט־דרוק, פון וועלכן זי האָט א פיינלע־כע הנאה, וואָס מען זעט עס איר אָן אין דעם אויפגעלעבטן פּנים.

— ווער ווייסט, טאקע פון אייגענע. ביי אונדז זענען די פויערים גע־זעסן אויף דער ערד פון דורות. מיר האָבן זיי באהאנדלט ווי זיי וואָלטן געווען פון איין משפחה, — שמייכלט זי אים אין פּנים אריין.

— אויב אזוי, — זאָגט ער, — אז מיר זענען ווידער פון איין געגנט — קום, לאָמיר זען, צי מיר פּאסן זיך...

ער האָט זי געגעבן א כאפּ אויף זיינע שטארקע הענט, און אָפּגע־טראָגן, ווי א ווארים קעצל, צום גרויסן מיטערלעכן חופּה־בעט. ס'האָט זיך נאָר פון איר ארויסגעהערט א פּריציש קוויטשל, ווי עס וואָלט אונטער זיינע הענט, ביי זיין ברוסט, א הינטל דערשטיקט געוואָרן.

— לאָז אויסטון דאָס קלייד, דו ועסט עס צערייסן.

— דאָס קלייד איז שטארק, עס וועט אויסהאלטן. אין „פּאנשטשיזנע" געארבעט געוואָרן...

און ביי זיך האָט ער געטראכט:

— א שאָד, וואָס דער אלטער פּאָטער לעבט נישט! איך וואָלט אים אויך געלאָזט די נשמה דערכאַפּן.

קאַפּיטל 12

דער וואָרעם הייבט אָן צו נאָגן...

אין זאכארי מירקין האָט אָנגעהויבן צו נאָגן דער וואָרעם, דער ספק. ווי ווייט ער האָט געקאָנט, האָט ער זיך געמיט ווייטער צו גלויבן. ער האָט זיך גענומען א משל פונעם ענטוזיאזם, וואָס פלאקערט ביי אלעמען, ביי זאשקען און ביי אנדערע באקאנטע. ער האָט זיך פאַרגעוואָרפן, אז דאָס איז די שולד פון זיין וואקלדיקייט, פון זיין שוואכן כאראקטער. ער האָט פארשטיקט די ספקות און געטון זיין ארבעט בשלימות: געארבעט אין קאָמיטעטן, געגאנגען אויף זיצונגען, געווען פארנומען אין דעם „ווירט־שאפטס־קאָמיטעט", אין א קאָמיסיע וועגן פאָלקס־בילדונג און אויף פאַר־שידענע אנדערע ערטער, וווּ מען איז דורך א צופאל אריינגעוואָרפן גע־וואָרן.

„ליידן זענען אומפארמיידלעך. דאס זענען ווייען פון א נייער געבורט. די רעוואלוציע שניידט זיך אריין אין לעבן, פארטיליקט די אלע, וואס שטייען איר אין וועג. מען באדארף נאר זען ווי צום שנעלסטן זיך צוצופאסן צום נייעם, גרויסן גליק". אבער דאס זענען נאך געווען ווערטער... און דער ווארעם האט גענאגט ווייטער.

די ערשטע וווּנד האט ער געקראגן אין פעטראגראד, ביים צעטרייבן די „גרינדונגס־פארזאמלונג". ער האט אליין נישט געוווּסט, אז די סצענע, וואס ער האט בייגעוווינט אין פעטראגראד, האט איבערגעלאזט אויף אים אזא איינדרוק. ער איז ארויסגעקומען פון דארטן ווי א חיה. נאך דער יאגד אויף איר. זי האט זיך טאקע געראטעוועט דאס לעבן דורך אן אויסוועג, אבער די קויל, וואס שטעקט אינעם לייב, איז געגאנגען וואס אמאל טיפער. „וואס פאר א רעכט האב איך צו נעמען אויף מיר די אחריות?"

— האט ער פארטרויט די געדאנקען זיין כלהס שוועסטער, זאשקען.

— נאך אלעמען איז עס פריקרע צו זען, — האט ער דערנאך דערציילט זאשקען, — מען מוז האבן כוחות דאס אויסצופירן. כוחות און גלויבן, — האט ער צוגעלייגט. — איך ווייס נישט פון וואנען זיי שעפן עס? פון דער איצטיקער סיטואציע, וואס די רעוואלוציע האט געשאפן?

— פון וואנען זיי שעפן די כוחות? — האט זי אים אפגעענטפערט.

— פון דער פינצטערער פארגאנגענהייט און פון דער ליכטיקער צוקונפט! מירקין האט זיך פארטראכט.

— צי וועט זי אבער קומען, די ליכטיקע צוקונפט, פאר וועלכער עס לוינט זיך די אלע ליידן? — האט ער געפרעגט זאשקען.

ווארים מירקין האט, ווי יעדער רוסישער אינטעליגענט, פארבונדן דעם מענטשנס אויסלייזונג פון אלע זיינע קלעמענישן — מיט דער רוסישער רעוואלוציע. אזוי ווי א פרומער ייד גלויבט, אז ווען משיח וועט קומען, וועט מען גיין אויף פאפירענע בריקן, אזוי האט יעדער רוסישער אינטעליגענט געגלויבט, אז אויף מארגן נאך דער רעוואלוציע וועט די וועלט ווערן אויסגעלייזט פון אלע פלאגן. א קשיא, ווי אזוי? ברייטלעך וועלן אויף דיביימער וואקסן!

צומארגנס נאך „אקטאבער" האט זיך מירקין באלד גענומען פונאנדערצושפרייטן זיינע פליגל, וואס זענען אזוי לאנג געווען געבונדן. גרויסע

פלענער האָט ער געהאַט און געמיינט, אַז אָט, אָט קאָן ער זיי רעאַליזירן. קודם־כל די פּראָבלעמען, וואָס זענען אים צום נאָענטסטן אָנגעגאַנגען, מיט וועלכע ער האָט זיך אַרומגעטראָגן אין וואַרשע און נישט געקאָנט זיי פאַרווירקלעכן: איבערצוואַנדלען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק פון דעם לופט־האַנדל, אין וועלכן עס האָבן אים אַריינגעוואָרפן די רשעות פון דער וועלט און די אייגענע גלייכגילטיקייט, אין אַ פּראָדוקטיוון, שעפערישן עלע־מענט; דורך איין דעקרעט — אַלע יידישע געשעפטלעך פאַרמאַכן און אַלע יידן שיקן אין פאַבריקן און אויף ערד. מיט איין וואָרט: מיט איין מאַך מיט דער פעדער, איבערנאַכט, פאַרענדערן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. ווער קאָן אונדז שטערן?

די יידישע געוועלבלעך האָט מען טאַקע פאַרמאַכט. אַריינשטעלן אין פאַבריקן און שיקן אויף ערד האָט מען אָבער נישט געקאָנט. עס איז גע־ווען אוממעגלעך, ווייל דאָס רעאַלע לעבן האָט אַ טאָג נאָך דער רעוואָלו־ציע נישט אויפגעהערט צו עקזיסטירן און עס איז געגאַנגען מיט זיין אכזריותדיקן, פאַרלאַנגזאַמטן, טאָג־טעגלעכן, קריכנדיקן שריט. עס איז געשטאַנען, ווי אַ שטומע וואַנט פאַר דער נאָז און נישט געוואָלט אָפּטרעטן.

די גרויסע פּלענער וועגן איבערשיכטן די יידישע מאַסן האָט מען, ווי אַלע אַנדערע גרויסע פּלענער, געמוזט איבערדרוקן אויף דער אומקלאָרער צוקונפט, אויף רואיקע צייטן. דערווייל האָט מען געטון דאָס איינציקע, וואָס איז געווען צום לייכטסטן, וואָס האָט נישט געקאָסט קיין מי און וואָס מען האָט געקאָנט אויספירן מיטן שווערד פון געזעץ: מען האָט דורך אַן „אוקאַז“ באַרויבט מיליאָנען מענטשן פון זייער ערלעכער, טאָג־טעג־לעכער באַשעפטיקונג. די אַלטע מאַשין פון צעטיילן אַרבעט און גוטס איז צוזאַמענגעבראָכן; קיין נייע זענען נישט געשאַפן געוואָרן. דאָס לעבן האָט אָבער געפאָדערט דאָס זייניקע, ווי אַ שטראָם זיך געבראָכן דורך די שפּאַ־רעס פון די געזעצן. איבערנאַכט איז דורך דעם געזעץ געוואָרן פאַרוואַנדלט אַ פאָלק פון לאַיאַלע, אַרבעטנדיקע בירגער, וואָס האָבן צוליב דער אונ־טערדריקונג דורך דעם צאַרישן רעזשים געלייגט די גאַנצע האָפענונג זייערע אויף דער רעוואָלוציע, — אין קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן און פאַרברעכער. די טורמעס זענען פול געוואָרן מיט זיי. און אַזוי ווי עס איז געשען מיט זיין אייגן פאָלק, אַזוי איז געשען מיט גאַנץ רוסלאַנד.

ווי מירקין האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער געזען צעשטערונג און פארניכטונג, ליידן און טרערן, וואָס דער „אָקטאָבער" האָט געשאפן. די פּראָבלעמען, וואָס זענען צוליב דער לאַגע אָנגעוואקסן פון טאָג צו טאָג, און מען האָט זיך מיט זיי נישט געקאָנט געבן קיין עצה, זענען טויזנט מאָל שווערער געוואָרן, פארפלאָנטערטער דורך טאָג-טעגלעכע „אוקאַזן", וואָס זענען ארויסגעגעבן געוואָרן, וואָס נישט דאָס לעבן, נישט די נויט פון דער שעה און נייט אפילו די אייגענע אינטערעסן האָבן פארלאַנגט, נאָר צוליב א טויטער דאָגמע.

מירקין האָט געזען, ווי די דאָגמע ווערט נישט נאָר געשטעלט העכער פון די בלוטיקסטע מענטשלעכע אינטערעסן, נאָר ווי די גאַנצע רוסישע מענטשהייט איז, ווי אין א שווערער, פינצטערער צייט, פארוואַנדלט געוואָרן אין א מאַסע, פארשקלאַפט צו אן עבודה־זרה, וואָס מען האָט גערופן „אָקטאָבער".

וואָס ס'האָט אים צומייסט וויי־געטון, זענען געווען די עוולות, וואָס מען איז באַגאַנגען, אויף שריט און טריט, איבער לעבעדיקע מענטשן, וועמענס איינציקער חטא איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן באַלאַנגט צו אן אַנדערן קלאַס. שוין אַלס ייד, האָט ער דערפילט די אכזריות־דיקייט פון ראַסן־האַס, וואָס ער האָט באַקומען צו פילן אויף דער אייגענער הויט, און וואָס ווערט איצט אריבערגעטראָגן אין דערבאַרמונג אויפן „פרעמדן קלאַס".

— ווו איז די ענד? ביי וואָס וועסטו זיך אָפּשטעלן? — האָט ער אמאָל געפרעגט זאַשקען.

— פאַר דער רעוואָלוציע — פאַר גאָרנישט! אבי צו דערגרייכן דעם ציל.

— אפילו איבער לייבער פון נאָענטע?

— אפילו איבער לייבער פון נאָענטע!

מירקין האָט זיך פארטראַכט:

— אָבער דאָס איז דאָך ערעקלעך. די רעוואָלוציע טוט דאָך אָפּ דאָס מענטשלעכע און פארוואַנדלט דיך אין א חיה!

— ניין, די רעוואָלוציע דערוועקט נאָר אין דיר דאָס „ראַסן-געפיל",

— האָט זי קאַלט געלאַכט.

מירקין האָט געטראַכט:

— וואס איז ראסע? ראסע איז בשותפותדיק בלוט, וואס רינט אין די אדערן פון איין שטאם, אזוי ווי עס רינט דאס חיות פון איין־איינציקן ווארצל דורך דעם בוים־שטאם און צעטיילט זיך דורך די פארשפרייטס־טע צווייגן ביז צום לעצטן בלאט. ראסע איז ערד. איין פייכטקייט, איין וואלקן־ספערע, איין זון־באשטראלונג, איין הימל־רייך. דער ווארצל פון בוים נאגט־אויס די גאנצע לעבנס־פייכטקייט פון דעם פאס ערד פאר זיך אליין און פארטרייבט דורך דעם אנדערע ווארצלען פון אנדערע פלאנ־צונגען, וואס רייסן זיך אריין אין זיין שטח: בעסער פאר אונדז, פאר אונ־דזער בשותפותדיק לעבן אויפן בוים.

צוערשט האט זיך ראסע צעטיילט צווישן מיטגלידער פון איין שטאם, פון איין פאלק, סיי ארים, סיי רייך. איצט איז געקומען אן אנדערע צע־טיילונג: ראסע-בלוט רינט נאר אין איין קלאס. דער קלאס איז אלצדינג: פאלק, גלויבן און דאס ערדישע רייכטום.

וויפל מירקין האט זיך נישט געמיט צו אנטדעקן אין זיך אט דעם נייעם ראסן־אינסטינקט פאר זיין קלאס, האט ער עס נישט געקאנט. צו זיין שאנד האט ער זיך איבערצייגט, אז פונקט אזוי ווי זיין ליבע און געפילן האבן צוערשט באלאנגט צו די, וואס זענען צומייסטן געווען בא־עוולהט, צו די געפייניקטע און געפלאגטע, צו די ארימע, — האט ער, צו זיין דערשרעקנדיקער דערשטוינונג אנטדעקט, אז זיינע געפילן נויגן זיך איצט, ווי א באראמעטער, צו דער זייט פון די נייע ארימע, — צו די רייכע. געווים, געווים באדארף מען ענדערן דעם פרצוף פון דער וועלט, אויסגלייכן דעם הויקער, וואס איז א געוואקסן אויף אונדזער רוקן דורך דער פארקריפלונג פון די סאציאלע אומגלייכהייטן פון דורות. וואס זע־נען אבער די מענטשן שולדיק? — האט ער זיך געפרעגט. — זיי שטייען ווי פערד, אנגעשפאנט צום דישעל פון דער צייט. זיי ווערן מיט די לייצעס געקירעוועט אין זייער ריכטונג דורך אומשטענדן. זיי ווערן געשמיסן מיט שארפע בייטשן דורך אומגעבונג, געוווינהייטן, לעבנס־שטייגער און אנדערע זאכן. געווים, געווים באדארף מען דעם מענטש אויסשפאנען פו־נעם דאזיקן משוגענעם וואגן. געווים, געווים מוז מען ענדערן די ריכטונג, אבער דאס, וואס ווערט איצט געטון, הייסט שמייסן די פערד אן א ציל און צוועק, נאר פון בלויזן נקמה־געפיל. א ראסן־האס איז אויסגעבראכן.

מירקין האט, למשל, בשום-אופן זיך נישט געקאנט רעכט־מאכן דאס

פאַרהאַלטן זיך פון זיין קלאַס צו די באַלעבאַטים פון הויז. עס האָט אין זיין האַרץ זיך געוואָרימט איצט אַ שטאַרק רחמנות-געפיל צו זיי. יעדעס מאָל, ווען ער האָט באַדאַרפט דורכגיין דורך דעם קאָרידאָר, האָט ער מורא-געהאַט זיך אָנצוטרעפן מיט זיי. ווי אַ גנב פלעגט ער זיך אַריינגנבענען צו זיך אין שטוב. ער האָט מורא געהאַט זיך צוצורירן צו אַ זאַך. יעדעס מאָל, ווען ער האָט געזען מיט וואָס פאַראַ זעלבסטפאַרשטענדלעכער דרייסטקייט זאָשקע נעמט די זאַכן פונעם פרעמדן הויז, באַנוצט זיי אַזוי, ווי זיי וואָלטן תמיד געווען אירע, האָט ער עס נישט פאַרשטאַנען. נישט איינמאָל זענען צוליב דעם פאָרגעקומען רייבונגען און אפילו אומאָנגענעמע סצענעס:

— אָבער דאָס איז דאָך פּראָסט גזלה!

— גזלה איז עס געווען ביז איצט. איצט איז דאָס אַלץ געקומען אין די ריכטיקע הענט.

זאָשקעס באַציאונג צו די אַלטע באַלעבאַטים האָט ער נאָך ווי עס איז געקאָנט איבערטראָגן. אָבער דאָס, וואָס חבר רישקאָוו טוט (מירקין, ווי איבריקנס, אַלע איינוווינער פון הויז, האָט געוווּסט פון רישקאָווס באַהאַנדלען די גרעפין), האָט ער געהאַלטן פאַר אַ פאַרברעך, וואָס האָט אין אים אַרויסגערופן דעם פלאַמיקסטן פּראָטעסט.

זאָשקע פלעגט אַלע זיינע טענות אָפּווענדן מיט דער שפּאָטישער באַמערקונג:

— די ראַסע אין דיר רעדט.

יאָ. ער האָט דערפילט, אַז די „ראַסע" הייבט אין אים אָן צו ווירקן: די ראַסע, צו וועלכער ער באַלאַנגט, דער צווייטער צד. און הויך און מעכטיק האָט דאָס ראַסע-געפיל אָנגעהויבן אין אים ווירקן בנוגע צו זיינע אייגענע, צו זיין פאָטער...

די באַציאונגען זיינע צו זיין פאָטער האָבן זיך ראַדיקאַל געענדערט. אין דעם מצב, אין וועלכן זיין פאָטער האָט זיך געפונען, איז יעדע ביטערקייט, וואָס ער האָט פאַרמאָגט קעגן אים, פאַרשוווּנדן. איבערגעבליבן זענען נאָר אכטונג און קנאה אויף זיין פאָטערס ווירדיקן פאַרהאַלטן זיך. דורך דעם איז דער פאָטער אויסגעשטעלט געוואָרן ביי אים אויף אַ נישט-דערגרייכבאַרער מדרגה. ער איז געווען שטאָלץ אויפן פאָטערס פאַרהאַלטן זיך, אויף זיין ווירדיקייט. מער אָבער נאָך האָבן אָנגעהויבן

צו רעדן, איצט שוין גאַנץ אָפן, די פּרימיטיווע געפילן, וואָס אַ קינד פאַר־מאָגט צו זיין טאַטן. באַהאַלטענע קוואַלן פון ליבע און אַכטונג האָבן זיך אויפגעעפנט אין אים. ער האָט שוין איצט גאַנץ אָפן באַזוכט דעם פאָטער אין די פרייע אָוונטן אין זיין איינזאַמען צימער אין האָטעל „נאַציאָ־נאַל״.

דער אַלטער מירקין האָט געלעבט ווי אַ פּראָש. פון וואַנען האָט זיך צו דעם דאָזיקן מענטש, וואָס איז שוין געשטאַנען נאָענט צו זיין קבר, גענומען די דאָזיקע, קאָן מען זאָגן, בחורשע הפקרדיקייט, אַזוי ווי דאָס לעבן וואָלט זיך ערשט אָנגעהויבן פאַר אים, און עס האָט נאָך אין די פאַרהילטע פאַלדן פון דער צוקונפט באַהאַלטן פאַר אים איבערראַשונגען? ער האָט ווי דורכגעשפּרייזט דורך דער פינצטערקייט און סכנה פון דער צייט.

ער האָט זיך אין די אָוונטן אַליין, אויף אַ נאַפט־מאַשינקע, געקאָכט זיין לעפל געקעכטס פון די פּראָדוקטן פון דעם „פּאַיאָק״, וואָס ער האָט באַקומען. ער האָט זיך פון דער פּעטראָגראַדער היים מיטגענומען אַ גע־נוגנדיקן זאַפּאַס מיט וועש, שיך און אָנגעטועכטס. ער האָט שטענדיק זיך געהאַלטן ריין און ציכטיק. אויף דעם האָט ער זייער אַכטונג געגעבן. ער האָט מיט זיין רואיקער זויבערקייט געמאַכט אַן איינדרוק, אַזוי ווי אַ גומענע ליאַלקע, וואָס שווימט אין אַ פאַרפּלייצונג. די וועלן שווימען זי איבער, זי טונקט זיך איין אַ מינוט, באַווייזט זיך אָבער באַלד ווידער. מירקינען האָט ער, אַז ער פלעגט אַרויפקומען, באַהאַנדלט ווי אַ קינד, ווי אַ שלעכט, פאַראירט קינד, נאָר אַ קינד. ער פלעגט אים אָפט זאָגן פון שטוב:

— צו וואָס באַדאַרף מען דאָס? דו ווייסט אין וואָס פאַר אַ צייט מיר לעבן? חברים וועלן דערפאַר אויף דיר קוקן קרום, און מיר וועסטו אויך נישט טון קיין טובה. איך מיין עס ערנסט, אַז דו זאָלסט אויפהערן דיינע באַזוכן ביי מיר. אַזוי לאַנג ווי מיר קאָנען גאַרנישט העלפן.

זאַשקע פלעגט באַמערקן זיינע געהיימע וויזיטן צום פאָטער און אים פאַרוואַרפן:

— דעם וואָלף ציט אין וואַלד אַריין...

זיין צוריקגעפונענער פאָטער האָט אין אים דערוועקט אַ וויזיע פון אַן אַנדערער געשטאַלט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז זי באַלאַנגט

צו אַן אַנדער לעבן, וואָס איז געווען אַמאָל און וועט זיך שוין קיינמאָל נישט צוריקקערן. זי איז אין אים דורך דעם געשריי פון טאָג, דעם רעש און אימפּעט, דעם ראַנגלענדיקן לעבן, ווי אינגאַנצן אויסגעלאָשן געוואָרן. זי פלעגט נאָר ווי אַ זון־שטראַל דורך דורכגעריסענע וואָלקנס פאַרביי־שווימען, ווי אַן אילוזיע, ווען ער איז געווען מיט זיך אַליין. זי איז תמיד געקומען צו אים, ווען ער איז געווען אַליין. אין דעם רעש איז זי פאַר־שוווּנדן.

איצט, אין זיין איינזאַמקייט, ווען ער האָט געהערט דאָס קלאַפּן פון זיין אייגן האַרץ, האָט זי זיך ווידער באַוויזן. ער האָט זי געזען, ווי זי שטייט ביי אַ באַליע און וואַשט קינדישע קעפּלעך. ער האָט זי קיינ־מאָל נישט געזען אַליין, נאָר אין קראַנץ פון קינדישע אויגן און הענטלעך ביים בוים אין הויף. און אַ מאָדנע זאַך! עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז צווישן די קליינע גופימלעך פון די קינדער־מיידלעך, וואָס פאַלן אַרום פון זייערע טאַטע־מאַמעס צו גרויסע קליידלעך, שטייט דאָרט אויך זיין נשמה און וואַרט אויף איר ריי, צו ווערן געוואַשן פון איר. און ער ווערט געוווּיר מיטאַמאָל, אַז בשעת ער פאַרטויבט זיך דאָ אין דעם גע־פילדער און רעש, האָט ער איבערגעלאָזט זיין נשמה ביי איר און ער לויפט אַרום אַ נאַקעטער איבער דער וועלט...

און דורך דעם, וואָס עס איז דאָרט ביי איר איבערגעבליבן זיין נשמה אין איר דלאָניע, פילט ער זיך געראַטעוועט, אַזוי ווי די ענד פון זיין רעטונגס־שטריק וואָלט זיך געפונען אין אירע הענט...

***

אַריינקומענדיק אַמאָל צו זיין פאָטער אין האָטעל, האָט ער אים גע־טראָפן אין אַ שטורעמדיקן מוט. קיינמאָל האָט דער פאָטער מיט אים נישט גערעדט וועגן זיינע אייגענע צרות, וואָס ער האָט אויסצושטיין ביי זיך אין קאַנטאָר. דעם נאָמען „מישקע מאַלאַדיעץ" האָט ער קיינ־מאָל נישט דערמאָנט. איצט איז דער אַלטער מירקין געווען אין אַ פוריע פון אויפברויזנדיקן כעס. מירקין האָט נאָך קיינמאָל זיין טאַטן אַזעלכן נישט געזען. דער אַלטער האָט געהאַט רויטע אויגן, ווי ער וואָלט אַ פּאָר נעכט נישט געווען געשלאָפן.

— וואָס איז געשען, פּאַפּאָטשקע? — האָט מירקין אים געפרעגט דערשראָקן.

— צום טייוול! — האָט זיך דער אַלטער נישט געקאָנט באַהערשן.

— אַריינגעזעצט מיר אַ זשוליק, אַ פאַרברעכער, „מישקע מאַלאַדיעץ", און מיך וועלן זיי מאַכן פאַראַנטוואָרטלעך!

— מישקע מאַלאַדיעץ? ווער איז דאָס אַזוינס? — פרעגט מירקין.

— אַ חבר דיינער! — שרייט אויס דער אַלטער. פאַר דער רעוואָלוציע האָט קיין אָנשטענדיקער מענטש מיט אים נישט געוואָלט האָבן צו טון, מיר תמיד פאַרשידענע קאָמבינאַציעס פאָרגעלייגט, איצט נאָך אויך! — האַקט איבער דער אַלטער אין מיטן.

— באַרואיק זיך, פּאַפּאָטשקע. איך וועל זען, וואָס איך קאָן טון. ווי אַזוי רופט מען אים, — מישקע מאַלאַדיעץ?

— יאָ, מישקע מאַלאַדיעץ. ער איז באַקאַנט איבער גאַנץ רוסלאַנד פאַר אַ קאָמבינאַטאָר און פאַרברעכער. היינט איז ער דער פאַרוואַלטער פון מירקינס שוועלן-אָרגאַניזאַציע! און איך, מירקין, בין ביי אים אויף דינסט!

באַרואיק זיך, פּאַפּאָטשקע, באַרואיק, איך וועל זען וואָס איך קאָן טון.

ביים קאָמיסאַר פאַר ווירטשאַפטלעכע ענינים, וועמען מירקין האָט געקענט, און צו וועלכן ער האָט זיך געווענדעט וועגן פאָטערס אָנגעלעגנהייט, האָט מען אים אָפּגעענטפערט:

— מיר זענען אינפאָרמירט און ווייסן, ווער ער איז. מיר האָבן עקסטרע אים דאָרטן אַריינגעזעצט, כדי ער זאָל האַלטן אָן אויג אויף אַ נאָך גרעסערן און נאָך אַ געפערלעכערן פון אים. דאָס איז טאַקע אייער פאָטער.

מירקין איז געוואָרן בלייך פאַר אויפרעגונג:

— איך בעט אייך, חבר, נישט צו באַליידיקן מיין פאָטער אין מיין קעגנוואָרט.

— מיר האָבן נישט געוווּסט, אַז אונדזערע ווערטער וועלן אייך אַזוי באַרירן. מיר האָבן געמיינט, אַז אַלס רעוואָלוציאָנער, אַלס אָנטיילנעמער אין „אָקטאָבער", האָט איר שוין פון לאַנג אָפּגעשניטן יעדע פאַרבינדונג מיט אייער פאָטער, וואָס איז באַקאַנט אַלס איינער פון די הויפּט-זיילן פון

דעם אלטן רעזשים. וואס קאן אייך אנרירן דער כבוד פון אזא פאטער? מאדנע!

— איך באדויער זייער. נאר עס זעט-אויס, אז איך בין פון אן אנ־דער טייג געקנאטן. מיין פאטערס כבוד גייט מיך אן זייער פיל. און כאטש איך בין א רעוואלוציאנער און אן אנטיילנעמער אין „אקטאבער", שעם איך זיך נישט צו זאגן, אז איך האב צו אים אכטונג, נישט בלויז דערפאר, ווייל ער איז מיין פאטער, נאר ווייל ער איז אין זיין וועג, אין זיין ארט, א העכסט ערלעכער, פראדוקטיווער מענטש און אפילו — אן אידעאליסט.

— אין זיין ארט — יא, — לאכט דער קאמיסאר.

— חבר, איך בעט אייך נאך אמאל אפצולאזן דעם טאן. איך וועל נישט דערלויבן קיינעמען צו באליידיקן מיין פאטער. די רעוואלוציע קאן מיר נישט פארווערן צו ערן און צו ליבן דעם, וואס געהערט זיך אן מיט מיר. דאס זענען מיינע פערזענלעכע געפילן.

— א רעוואלוציאנער האט נישט קיין פערזענלעכע געפילן. אייגנט־לעך, באלאנגט איר צו דער פארטיי?

— ניין.

— אויב אזוי, איז עס שוין פארשטענדלעך.

— איך וויים נישט, אויב אפילו דעמאלט וואלטן זיך געענדערט די באציאונגען מיינע צו מיין פאטער.

— ניין, בירגער, — האט מירקין פלוצים דערהערט דעם דאזיקן טיטול, וואס האט אים מאדנע באריהרט, — מיט אייערע פארעלטערטע באגריפן וועגן פאמיליע, מיט אייערע באציאונגען צו א פאטער א קאנטר־רעוואלוציאנער קאנט איר גארנישט באלאנגען צו דער פארטיי. זייט מוחל, די ארבעט ווארט אויף מיר.

מירקין האט אפגעמאכט אריינצוגיין אין אוונט צום חבר רישקאוו אין זיין צימער (ער האט געוווסט, אז ער פארברענגט די אוונטן אינדער־היים) און פארצוברענגען פאר אים דעם גאנצן ענין, כאטש חבר רישקאוו האט, אייגנטלעך, נישט געהאט דערמיט צו טון. נאר מירקין איז געווען זיכער, אז רישקאוו וועט אויפגעבראכט ווערן אויף די עלעמענטן, וואס רייסן זיך אריין אין דער רעוואלוציע, און וועט תיכף האנדלען. זיין גאנצע האפענונג האט ער שוין איצט געלייגט אויף רישקאוון.

מירקין האָט אָנגעקלאַפּט ביי אים אין טיר. אַזוי לינק האָט מען אים נישט אַריינגעלאָזט. אַז חבר רישקאָוו האָט אים ענדלעך געעפנט די טיר, האָט ער אים געכאַפּט אַן אַ רעקל, אַ בייזן, און רישקאָוו האָט אים מקבל־פּנים געווען מיט די דאָזיקע ווערטער:

— אין אָוונט האָב איך מיינע פּריוואַטע ענינים, אין וואָס איך בעט נישט צו שטערן.

מירקין האָט אים איבערגעבעטן און זיך געוואָלט דערוויטערן.

— וועגן מיליטערישע ענינים בעט איך אייך זיך ווענדן צו מיר אין ביוראָ. איך דאַרף אייך טאַקע אויך זען, — האָט רישקאָוו צוגעלייגט.

— ניין, — האָט געענטפערט מירקין, — עס האַנדלט זיך וועגן אַן ענין, וואָס האָט צו טון מיטן „ווירטשאַפטס־קאָמיטעט”. כ'בעט אייך איבער, וואָס איך האָב אייך געשטערט. איך וועל זיך ווענדן צו אייך אַן אַנדערש מאָל.

— אַז איר זענט שוין דאָ, חבר, דערציילט, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, — ענדערט חבר רישקאָוו פּלוצים דעם טאָן און גיט אויף מירקינען אַ ווויל־ווילנדיקן, גוט־באַקאַנטן בליק. — איר פאַרשטייט, חבר, מען אַרבעט אַ גאַנצן טאָג, דער קאָפּ איז ווי אַ ווינטמיל. אַז מען וועט זיך אין אָוונט נישט אַביסל פאַרגעסן, קאָן מען משוגע ווערן. איך ראַט עס אייך אויך, חבר. אַ גוטע זאַך, זיך אַמאָל צו געבן אַ שפּיל. נו, זעצט זיך. דערציילט וואָס עס דריקט אייך אין שוך. נאָר מאַכט עס בקיצור. איר פאַרשטייט דאָך, מען קאָן דאָך נישט לאָזן אַ דאַמע צו לאַנג וואַרטן, — זאָגט חבר רישקאָוו מיט אַ ווונק, און ער פירט אים צו צום טיש, אויף וועלכן עס שטייט איבערגעלאָזט אַן ערשט האַלב־אויסגעטרונקען טעפּעלע טיי, און ער הייסט אים זיצן אויף אַ ווייכן שטול, וואָס האַלט נאָך אין זיך די וואַרימקייט פון אַ נאָר וואָס פאַרלאָזטן קערפּער...

— איך בין ערגעץ אַנדערש נישט פאַרשטאַנען געוואָרן, כ'בין זיכער, אַז איר וועט איינזען די וויכטיקייט פון דעם ענין.

און מירקין האָט אים איבערגעגעבן וועגן „מישקע מאַלאַדיעץ” און די כאַראַקטעריסטיק וועגן אים.

— און דאָס איז אַלץ! צוליב דעם האָט איר מיר געשטערט אַן אַנגענעם באַגעגעניש. אָך, איר...! — און חבר רישקאָוו האָט אַרויסגעוואָרפן אַ וואָרט, פון וועלכן מירקין האָט זיך געוויטלט ווי אַ בוריק.

— איר זאָגט, אַז צוערשט איז ער געווען אַ זשוליק און היינט דינט ער ביי אונדז דער רעוואָלוציע? דער טייוול מיט אים! ווען מען וועט אים מער נישט באַדאַרפן, ווען ער וועט אונדז ווערן שעדלעך — וועלן מיר זיך מיט אים אָפּרעכענען, צום וואַנט שטעלן! אַזוי לאַנג ווי ער דינט אונדז און ווי לאַנג מיר באַדאַרפן אים, זאָל ער זיך האַלטן.

— אָבער, איך קען אַזעלכע, וואָס קריגן אַרויס פּאַרטיי־לעגיטימאַציעס, איך קען אַזאַ אינדיווידואום אין פּעטראָגראַד — און ער ווערט צוליב דעם אַ מושל איבער אַנדערע, איבער אָנשטענדיקע און ערלעכע. מיר טאָרן נישט פאַרגעסן, אַז דווקא די ערלעכע זענען די יעניקע, וואָס קאָנען אַזוי שנעל נישט אַריבערשפּרינגען. זיי האָבן סקרופּולן, געוויסן־ביסן, ערלעכקייט. נאָר די יעניקע זענען זשוליקעס, וואָס האָבן נישט קיין ספקות, און דער עיקר איז דאָך צו האָבן ביי אונדזער אַרבעט עטישע, ערלעכע מענטשן. דאָס איז דאָך דאָס איינציקע, וואָס מיר קאָנען אַנטקעגנשטעלן דעם פריערדיקן רעזשים, — מענטשן.

— חבר — וואָס איז אַ מענטש? אַ וווּרשט־בלעזל. דו קאָנסט אין אים אַלצדינג אָנשטאָפּן. דער עיקר איז נאָר, וועמען דער מענטש דינט, צו וואָס פאַר אַן אידעע. דער מענטש אַליין איז גאָרנישט. נעכטן איז ער געווען אַזוי, היינט — אַנדערש. דער עיקר איז — וועמען ער דינט.

— ניין. אַ מענטש איז נישט קיין וווּרשט־בלעזל. דער מענטש אַליין שטעלט פאַר מיט זיך זיין אַבסאָלוטן ווערט. ער איז אַ הייליקטום פאַר זיך אַליין, אַ ציל פאַר זיך, — זאָגט מירקין.

— וואָס? אַן אַנאַרכיסט? — פרעגט אים חבר רישקאָוו.

— איך בין נישט קיין אַנאַרכיסט. איך גלויב אין אָרדענונג. נאָר איך מיין, אַז אַלץ וואָס מיר טוען און שאַפן, איז פאַרן מענטשנס־וועגן. ער, דער מענטש, איז דער עיקר. דער פּרינציפּ איז באַשאַפן געוואָרן, כדי אים צו דינען און צו ברענגען נוצן, און נישט פאַרקערט.

— דאָס זענען אַלץ טעאָריעס. מיר האָבן נישט קיין צייט, חבר, פאַר טעאָריעס. דאָ איז נישטאָ קיין סך צו רעדן. עס זענען דאָ צוויי צדדים — מיר און זיי. דאָס הייסט, די, וואָס שטייען מיטן „אָקטאָבער" און די, וואָס זענען קעגן אים. און מיר טיילן איין די מענטשן אויף די צוויי חלקים: די, וואָס דינען דער רעוואָלוציע, און די, וואָס אַרבעטן קעגן איר. קוים האָט ער זיך באַקערט צום „אָקטאָבער", איז ער אונ־

דזוערער. מעג עס זיין דער טייוול אליין. דער „אָקטאָבער" וועט אים שוין כשרן. דער פּרינציפּ דערהייבט. ווערט ער דעם פּרינציפּ אומגעטריי, וועלן מיר דענסטמאל האנדלען. דערווייל שטערט נישט, חבר, אין א פּערזענלעכן ענין. איר פאַרשטייט דאָך? קומט אריין צו מיר מאָרגן אין ביורא. שוין לאַנג א טראַכט געטון וועגן אייך. מען באַדאַרף זיך ווידער נעמען צו דער אַרבעט. זיי לאָזן נישט רוען, די הינטישע זין, — און חבר רישקאָוו שטרעקט אויס די האַנט.

— זייט מוחל, חבר, וואָס איך האָב אייך געשטערט.

— שאַדט נישט. שטענדיק גרייט צו דינען. שטענדיק אונדזערע „אָקטאָבער"-מענטשן, — גיט אים חבר רישקאָוו א פריינטלעכן קלאַפּ אין פּלייצע און לאָזט אים אַרויס, זאָגנדיק:

— נאָר אומבאַדינגט, מאָרגן, געהערט, חבר?

ווען מירקין האָט איבערגעגעבן דער חברטע סאָפיע דעם געשפּרעך מיט רישקאָוון, אַז די מענטשהייט איז צעטיילט אויף צוויי טיילן, דאָס הייסט, די, וואָס זענען כּיטן „אָקטאָבער", און די, וואָס זענען קעגן אים, און אַז ער, דער „אָקטאָבער", כּשרט אַלץ, האָט זי געענטפערט:

— נו, יאָ. איך וויים נישט, וואָס דו וואונדערסט זיך.

— אָבער, צי זעט איר דען נישט, אַז איר באַשאַפט א נייעם אָפּ-גאָט, דעם „אָקטאָבער"? פון קדמונים אָן האָבן אַלע כּוהנים געבראַכט די מענטשן פאַר קרבנות אויפן מזבח פון אָפּגעטער. צוערשט, אין די סינ-דישע יאָרן, האָט מען געבראַכט מענטשן פאַר א קרבן פאַר א מולך, און אַזוי דורך דורות און דורות פון שוואַרצע, פינצטערע צייטן האַלט מען אין איין אָפּפערן דעם מענטש — נישט פאַר א צוועק פאַר זיך אַליין, נאָר פאַר פאַרשטיינערטע דאָגמען, פאַר מולכים, רעליגיעס, צאַרן, פאָטער-לענדער, און איצט — פאַרן „אָקטאָבער", מען טרעט אַריין אין עם אויס-געטראַטענעם וועג פון אַלע אָפּגעטער. דו מיינסט, אַז אין אָנהייב איז מולך געווען עפּעס אַנדערש, ווי אַן „אָקטאָבער"? יעדע אידייע, אַז זי קומט, קומט זי, כּדי אויסצולייזן די מענטשהייט, איר צו דינען און צו העלפן אין איר פאַרלוירנקייט. דערנאָך, אַז זי ווערט פאַרשטיינערט, פאַר-וואַנדלט זי זיך אין א מזבח, אויף וועלכן מען שעכט פאַר איר די מענ-טשן. מולך איז אויך אַמאָל געווען א רעוואָלוציאָנער. א רעוואָלוציאָנער קעגן פריערדיקן אָפּגאָט. די כּוהנים האָבן איינגערעדט די מענטשן, אַז

נאָר מולך קאָן זיי העלפן פון די שלעכטע כוחות און שלעכטע וועטערן. מולך איז דער אמתער מענטשן-דערלייזער. דערנאָך, אַז ער איז געוואָרן דער הערשנדיקער אָפּגאָט, האָט מען פאַר אים פאַרברענט די מענטשן. אַזוי איז געווען דער וועג פון אַלע אָפּגעטער. און אַזוי, האָב איך מורא, קומט דער „אָקטאָבער" אין דער ריי.

זאָשקע איז געוואָרן בלייך.

— און דאָס, זאָנסטו, אַ רעוואָלוציאָנער? איינער, וואָס האָט גענו־מען אַן אַקטיוון אָנטייל אין „אָקטאָבער"?

— דערפאַר, — זאָגט מירקין, — האָב איך אַ רעכט און אַ חוב דאָס צו זאָגן.

— זאַכאַרי! וואָס טוט זיך מיט דיר?

— איך ווייס נישט, זאָשקע. איך ווייס נישט. נאָר איך פיל, אַז עס איז עפּעס נישט גוט.

שפּעט אין אָוונט האָט ער זיך בגנבה אַרויסגעגנבעט צום פּאָטער אין האָטעל „נאַציאָנאַל".

— פּאַפּאָטשקע, אַנטלויף! געדענק אָן דיין לעבן, אַנטלויף! עס איז נישט פאַר דיר! טו אַלצדינג און אַנטלויף.

דער אַלטער מירקין איז געוואָרן בלייך. ער האָט אָבער באַלד צור־יקגעפונען זיין מוט. ער איז שוין אויך געווען אין אַן אַנדערער שטימונג.

— מיר דאַכט זיך, זאַכאַרי, אַז אַנטלויפן באַדאַרפסטו. עס איז צייט! — האָט ער געזאָגט, נישט אָן זאָרגן מיט זיין איינגעקנייטשטן שטערן

קאַפּיטל 13

אַרויסגעפאַלן פון די רייען

די מלחמה האָט זיך געענדיקט — די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן. פון אַלע פיר זייטן פון גרויסן רוסלאַנד האָט זי אָנגעהויבן אַרויס־צוקוקן מיט אירע וועלפישע הונגער־אויגן, און מ'האָט שוין געשפּירט איר בר־מינן-געשטאַנק אין דער הויפּטשטאָט. ביז פּסקאָוו און אָרשע

ליגט שווער דער דייטשער אָדלער. אוקראַינע איז אַ פּרעמדע מדינה. ער איז גרייט, דער דייטש, צו פאַרכאַפּן די הויפּטשטאָט צוערשט, איידער עס וועט זיך פּעדערן אַן אַנדערער. אין צפון האָבן די פראַנצויזן און ענגלענדער באַזעצט מורמאַנסק און אַרכאַנגעלסק. אין יאַראָסלאַוו באַ־לעבאַטעווען די ווייסע גוואַרדיסטן, מיט דער הילף פון די „עסערן". ביי דער וואָלגע זאַמלען זיך טשעכאָסלאָוואַקישע מלחמה־געפאַנגענע. און דאָן אין קאַווקאַז האָט זיך באַוויזן דער אַנטלאָפענער גענעראַל קראַסנאָוו. ער נעמט צונויף זיינע קאָזאַקן. און אַלץ רוקט זיך און רוקט זיך, און זיי ציען אויס די הענט איינער צום אַנדערן.

נאָך ערגער ווי אַמאָל ליגט די שלאַנג אויפן לעקעכל. נאָר־וואָס די ערשטע טרופּן פון פראָנט פונאַנדערגעלאָזט, — וואָס מען האָט מיט זיי וואָלין, גאַנץ ווייס־רוסלאַנד און אוקראַינע זיך געקויפט, — און שוין זאַמלט מען זיי ווידער אין קאַזאַרמעס, אין פאַבריקן און הייזער. און ווי־דער קומען די מיט די אַנגעוואַקסענע בערד און שמוציקע העמדער, היי־זעריקע פון אַגיטירן „צו גיין באַשיצן מיט די בריסטן".

דאָסמאָל איז דער אָפּגאָט נישט דער „צאַר און דאָס פאָטערלאַנד", אפילו נישט די „רעוואָלוציע". דאָסמאָל איז דער גרויסער מולך — דער „אָקטאָבער".

אַז מירקין איז אַהיימגעקומען, האָט ער אָנגעטראָפן זאָשקען פּאַקן דעם ראַניעץ, די גרויסע געלע אָקטן־טאַש. זי האָט ווידער באַגייט די געלע, לעדערנע קורטקע, וואָס זי האָט שוין לעצטנס פון זיך געהאַט אַראָפּגעוואָרפן, מיט דעם רויטן שנור פון רעוואָלווער איבערן האַלדז.

— וואָס איז? — פרעגט זי מירקין.

— קאָרנילאָוו האָט זיך באַוויזן ביי די קאָזאַקן אין ראָסטאָוו. די סאָלדאַטן פון טערקישן פראָנט, אונטער סאָראָקינס קאָמאַנדע, זענען אָנ־געקומען ביז נאָוואָ־טשערקאַסק. מיר וועלן זיי אויף מעל צעררייבן. און אַז מען וועט באַדאַרפן, וועלן מיר רוסלאַנד אין אַ טייך בלוט דערטרינ־קען. יאָ, מיר וועלן דאָס געבן אַ קנאַק מיט דער טיר. נאָר נישט דערלעבן וועלן זיי עס. פּאַקלען וועלן זיין געגוג, — רעדט זאָשקע, — כ׳ווער גע־שיקט אויף דער פּראָווינץ אויף אַגיטאַציע, צו ווערבירן רויטע אַרמייער. און וואָס איז מיט דיר? חבר רישקאָוו האָט שוין נאָך דיר געשיקט צוויי

קוריערן. גיי גלייך אהין, זיי ווילן דיך באשטימען פאר א קאמיסאר. מיט אן אפטיילונג. אפשר וועלן מיר זיין אויף איין פראנט.

מירקין איז געווארן בלייך און האט געשוויגן.

— וואס שווייגסטו? זיך דערשראקן? — לאכט זי אים אין פנים אריין.

— און אז דערשראקן זיך, איז וואס? איך זע נישט איין, פארוואס מען זאל זיך נישט שרעקן. א גוטע זאך איז זיך צו שרעקן. דאס שרעקן זיך האט אונדז אפשר פאר מענטשן געמאכט, געטויט אין אונדז די חיה. טאקע זיך שרעקן. טאקע אזוי. פארוואס נישט? — האט מירקין כמעט געשריגן.

— שרעקנדיקע רעוואלוציאנערן, — לאכט זאשקע. — ווען מיר וואלטן זיך געשראקן, וואלטן מיר נישט אנגעהויבן די רעוואלוציע.

— ווען איך וואלט געגלויבט, אז דאס אלץ, וואס מיר טוען, איז באשטימט פון א העכערער מאכט, ווי מאכמעדם אנהענגער, למשל, גלויבן וועגן די רעליגיעזע מלחמות, וואלט איך די גאנצע פאראנטווארטלעכקייט פארן פארגאסענעם בלוט ארויפגעווארפן אויפן באטרעפנדן „מיט,ס", וואס האט מיר געהייסן, פאר זיין גלאריע וועגן, ווערן א מערדער. קיין „מיטאס" האבן מיר דאך נישט. אין קיין העכערער מאכט גלויבן מיר דאך נישט. מען באדארף דאך אלצדינג נעמען אויף אייגענער אחריות, אויף אייגענעם שכל. בין איך זיך מודה: ווי ביי וועמען, ביי מיר פעלן אוים כוחות.

זאשקע האט אים אנגעקוקט מיט א פאראכטנדיקן שמייכל, מיט באדויערן געשאקלט צו אים מיטן קאפ:

— וואס פארדרייסטו א קאפ מיטן „מיטאס"? דא האנדלט זיך וועגן דער רעוואלוציע, וועגן „אקטאבער", וועגן פראלעטאריאט! אלץ שטייט אין געפאר.

— איך גלויב נישט אין מלחמות! — זאגט מירקין קורץ.

— יעדנפאלס וועל איך דיר ראטן זיך באלד צו באגעבן צום חבר רישקאוו.

זי האט זיך אוועקגעדרייט פון אים און זיך באשעפטיקט מיט אירע אייגענע זאכן.

ביים חבר רישקאוו אין ביורא האט געהערשט א קאכעדיקע, נער-

ווזע ענערגיע. דאָס גאַנצע גרויסע הויז איז געווען אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן. מען איז געגאַנגען, געקומען. אַן אויפגערעגטע, דערוואַרטנדיקע נערוועזיטעט האָט געהערשט צווישן די אָנגעפּראָפּטע מענטשן. מירקין האָט זיך קוים אַריינגעקראָגן צום חבר רישקאָוו, וואָס איז געזעסן איבער אַ פּאַק פּאַפּירן, האָט דערזען ווי צענדליקער מענטשן שטייען פאַר אים. חבר רישקאָוו האָט געהאַלטן אין רעדן דורכן טעלעפאָן, דערביי אָבער האָט ער זיך געווענדעט צו דעם אָדער צו יענעם מיט אַן אויפטראָג, און אַריינגעקוקט אין אַ פּאַפּיר.

חבר רישקאָוו האָט געקאָנט טון צען מלאכות מיטאַמאָל.

— חבר מירקין, דאַכט זיך, — האָט געזאָגט רישקאָוו אין אַן אייליקן טאָן, זייענדיק פאַרנומען מיט טויזנטער זאַכן איינצייטיק. ער האָט אונטערגעשריבן פּאַפּירן, אַרויסגעגעבן באַפעלן צו אַריין- און אַרויסגייענדיקע מענטשן, אויסגעהערט ראַפּאָרטן, זיך געמאַכט נאָטיצן און זיך, צווישן אַנדערעס, אויך געווענדעט צום קעגנאיבער אים שטייענדיקן מירקין.

— חבר מירקין, — האָט ער געזאָגט נאָך אַמאָל און בשעת-מעשה מיט אַן ענערגישן פּאָר מיט דער האַנט זיך עפּעס אָנגעצייכנט אויפן פּאַפּיר, — איר זענט אונדז צונוצגעקומען אין די אָקטאָבער-טעג. ווו זענט איר דאָס פאַרפאַלן געוואָרן? אין אַ ווירטשאַפטס-ביוראָ, וועגן צוקער, זאַלץ? צו דעם זענען גוט אויך אַנדערע. מיר באַדאַרפן אייך זייער האָבן, — האָט ער ווידער עפּעס אַנדערש געטון און נישט געשאָנקען אַ בליק מירקינען. — מיר מוזן האָבן אַזעלכע מענטשן, אויף וועלכע מען קאָן זיך פאַרלאָזן. די רעוואָלוציע האָט אַ סך שונאים. די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע כוחות זאַמלען זיך. נאָר מיר וועלן זיי ווייזן. באַנדיטן האָבן זיך באַוויזן אין די וועלדער. מיר וועלן זיי אויסראָטן. מיר אָרגאַניזירן די רויטע אַרמיי. מיר באַדאַרפן אייך האָבן. איך וויל, אַז איר זאָלט אָוועקוואַרפן אייער געוועלבל און אַריבערקומען צו אונדז. מיר באַדאַרפן האָבן פּאָליטיש-רייפע מענטשן — אַריינצוגלייבן זיי אין דער אַרמיי. איר זענט אונדז אין די אָקטאָבער-טעג צונוצגעקומען, זייער צונוצגעקומען. נו, וואָס מיינט איר, חבר מירקין?

— כ'האָב מורא, חבר רישקאָוו, אַז ס'איז נישט פאַר מיר. אַן אַרמיי? איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין מלחמה-מאַן.

— אָ, דאָס מיינט איר? — זאָגט אים חבר רישקאָוו. — פאַר דעם שרעקט זיך נישט. דאָס וועט איר זיך שוין אויסלערנען. די רעוואָלוציע לערנט אַלץ אויס. אפילו אָן אַם זיין, — לאַכט ער אַלץ צו זיך, נאָך נישט האָבנדיק קיין צייט אָנצוקוקן מירקינען. — מיר זענען אויך נישט געווען אין קיין מיליטער־אַקאַדעמיעס. דאָך, אַז די רעוואָלוציע באַדאַרף, נישט וואָר, חבר מירקין?

— אָבער, חבר רישקאָוו, כ׳בין נישט איבערצייגט, צי דאָס, וואָס מיר טוען איצט, איז גוט — האָט זיך אָנגערופן מירקין.

— וואָס? האָט חבר רישקאָוו אַוועקגענומען מיט אַן ענערגישן הויב זיין שאַרף־געשניצטן גלאַנציקן שאַרבן פון די פּאַפּירן און אָנגעקוקט מירקינען. — וואָס האָט איר געזאָגט, חבר? — האָט שוין רישקאָוו געפרעגט באַרואיקט, אַזוי ווי דאָס, וואָס ער האָט געהערט, וואָלט געווען אַ טעות.

— וואָס מיינט איר, אייגנטלעך, מיט דעם „דאָס וואָס מיר טוען איצט“, חבר?

— איך מיין דעם בירגער־קריג, וואָס שטייט אונדז פאַר.

רישקאָוו האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פאַראַכטנדיקן שמייכל און געזאָגט:

— נאָר וואָס דען? נאָך אייך נאָך באַדאַרפן מיר לאָזן די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן צוריק איינגעמען אַלע אונדזערע־דעראָבערונגען און מאַכן אַ תל פון דער רעוואָלוציע?

— איך ווייס נישט, וואָס מען באַדאַרף, — ענטפערט־אָפּ מירקין, — נאָר איך ווייס, אַז דאָס, וואָס מיר טוען איצט, איז נישט גוט. עס מוז האָבן אַ גרענעץ ווי ווייט מיר זאָלן טון שלעכטס, כדי צו טון גוטס. מען ד׳אַרף זען, צי דאָס שלעכטע ווענט נישט איבער דאָס גוטע. איך מיין, אַז אין אייפער פון קאָלוזשעם בלוט, וואָס מיר פאַרגיסן ארום אונדז, אַז מיר פאַרטרינקען אַליין אין שמוץ און זינד, וואָס מיר באַשאַפן ארום. איך האָב געזען מלחמה. איך ווייס, וואָס אַזוינס דאָס באַדייט. דער מענטש ווערט אַ חיה. די איידעלסטע מלחמה מאַכט פון מענטש אַ חיה.

רישקאָוו האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש, אָנגעקוקט דעם בלייכן מירקין און געזאָגט:

— זאָגט מיר, יונגערמאַן, וואָס האָט אייך, אייגנטלעך, געבראַכט צו אונדז אין אָקטאָבער? פאַרבלאָנדזשעט?

— פארבלאָנדזשעט? ניין. געקומען באַוווסטזיניק. יאָ, באַוווסטזיניק. די אומשטענדן און די געשעענישן האָבן מיך געשמיסן מיט אייזערנע ריטער צום „אָקטאָבער“: די פאַרפוילטע מלחמה, ניקאָלאַיס פּאָגראָמען. איך בין געקומען, ווייל כ׳האָב געגלויבט, אַז „אָקטאָבער“ וועט אויסלייזן די וועלט, געבן איר אַן אַנדערע געשטאַלט.

— וועלכע וועלט?! — שרייט רישקאָוו. — וועלכע? אייערע, די פאַרפוילטע בורזשואַזע, צי אונדזערע, די פּראָלעטאַרישע?! ביי אונדז, יונגערמאַן, איז „אָקטאָבער“ נישט געווען קיין וועלט־אויסלייזונג, נאָר כדי צו פאַריאָגן קערענסקין, צו פאַרענדיקן די מלחמה. ביי אונדז איז „אָקטאָבער“ געווען אַן אָפּשלאַכטן, אַן אָפּשלאַכטן פון דער אַלטער, בורזשואַזער וועלט און אַ געבוירן פון דער נייער, פּראָלעטאַרישער. ביי אונדז איז „אָקטאָבער“ — בלוט! אונדזער פּראָלעטאַריש בלוט. נישט קיין בורזשואַזער מישמאַש, אַ מחותנישע שותפות מיט אַלעמען. און אָט פאַר דעם דאָזיקן פּראָלעטאַרישן בלוט זעען מיר גרייט אַלצדינג מפקיר צו זיין, די הויט פונעם וועלט־לייב אָפּצושיילן און אַ געשונדענע זי לאָזן אַרומלויפן. כאַ־כאַ־כאַ! קומט אַהער, חברים! הערט זיך צו: פאַר מענטשלעכקייט וועגן באַדאַרפן מיר נישט די רויטע אַרמיי אָרגאַניזירן. מיר דאַרפן זיך לאָזן פון די ווייסע גוואַרדיסטן די העלדזער איבערשניידן. פאַר מענטשלעכקייט וועגן באַדאַרפן מיר דעם „אָקטאָבער“ ליקווידירן. קומט אַהער, הערט זיך איין.

מירקינען האָבן באַלד אַרומגערינגלט יונגעלייט אין מיליטעריש צוגעשניטענע קורטקעס, מיט הויכע שטיוול. צווישן זיי זענען געווען אויך עטלעכע מיט גרויע קעפּ, אינטעליגענטע פּנימער, וואָס האָבן מאָדנע, נישט־פּאַסיק אויסגעזען אין זייער מיליטערישער קליידונג.

ס׳האָט שוין לאַנג צוגעצויגן זייער אויפמערקזאַמקייט רישקאָווס צעהיצטער געשפּרעך מיטן יונגנמאַן, און זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס ער, רישקאָוו, וועלכער האָט נישט קיין צייט צו אַ חבר צוויי ווערטער אַרויסצורעדן, לאָזט זיך אין דער ברענענדיקער אַרבעטס־צייט מיט אים אַריין אין אַ דיסקוסיע. באַלד איז זיי דאָס דאָזיקע רעטעניש אויפגעקלערט געוואָרן.

— און דער האָט אָנטיילגענומען אין „אָקטאָבער“, געקראָכן מיט אונדזערע אויפן טעאַטער־דאַך! — זאָגט רישקאָוו.

די מענטשן האָבן מירקינען אַרומגערינגלט און אים באַטראַכט, ווי מען באַטראַכט אַן אויסטערלישע חיה. טייל האָבן אפילו אויף דעם נישט געוואָלט קיין צייט פאַרלירן, געוואָרפן אויף אים אַ פאַראַכטנדיקן בליק און עפּעס געמורמלט.

אַ מיידל, אָנגעטאָן אין אַ שינעל, מיט קורצע האָר און זייער אַן אויפגעריסן נעזל, ווי עס וואָלט איר ווער אַ גוטן ש'על געגעבן, האָט זיך אָנגערופן:

— איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס מען גיט זיך אָפּ מיט דעם אַזוי פיל? אַזעלכע נייהערז צום חבר מאַרעק אין קעלער אַריין, — און צוגע־גאַנגען צו מירקינען, פרענט זי אים האַלטנדיק פון דערוויטנס איר נעזל:

— ער איז דאָך מירקין, דעם גרויסן האַלץ־סוחרס זון! זיין פאָטער איז געווען אַ גאַנצער קנאַקער ביי די צאַרישע טשאַלניקעס, געווען אַ גרויסער פויגל. הײַנט דינט ער אַלס „ספּעץ" אינעם ווירטשאַפטס־קאָמי־טעט פאַר די באַנען. איך ווייס נישט ווי אַזוי מען לאָזט אַזאַ איינעם צו צו אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכער שטעלע?

חבר רישקאָוו, וועלכער איז שוין געווען פאַרנומען מיט עפּעס אַנ־דערש, האָט זיך איינגעהערט צום געלעכטער; געזען, ווי מירקין שטייט אין מיטן קרייזל אַ בלייכער, און אַלע קוקן אויף אים מיט פאַראַכטונג און שלעכטע בליקן, — האָט אין זיין האַרץ, ווי עס איז דער פאַל ביי שטאַר־קע, זיכערע מענטשן, אָן עס צו וויסן אָדער וועלן, אויפגעבליט אַ וואַרים רחמנות־געפיל צו דעם פאַרלוירענעם, פאַרבלאָנדזשעטן יונגנמאַן, פון וועלכן אַלע לאַכן:

— חבר, די רעוואָלוציע נויט נישט קיינעם. מיר באַטראַכטן דאָס זיין אַ רעוואָלוציאָנער פאַר אַ פּריווילעגיע, פאַר אַן אויסדערוויילטקייט, נישט פאַר אַ געצוואונגקייט. גייט אייך געזונטערהייט צוריק צו אייער באַ־שעפטיקונג, קיין פּחדנים באַדאַרפן מיר נישט.

צוערשט האָט דאָס דאָזיקע וואָרט מירקינען געגעבן אַ ברי, ווי מיט אַ הייסן אייזן. דערנאָך האָט ער זיך אַריינגעטראַכט, צי דאָס, וואָס ער האָט געטאָן, איז טאַקע פּחדנות. מיטאַמאָל איז אים אַ ליכט אויפגעגאַנגען פאַר די אויגן: ווער ווייסט, צי די דאָזיקע „פּחדנות" איז נישט דאָס, אין וועלכן די מענטשן נויטיקן זיך צומייסטן, כדי צו זיין מענטשן? אינעם

אימפּעט פון מוטיקייט פאַרגעסט מען דאָס הייליקסטע. און ווער ווייסט, צי דאָס איז נישט דאָס אײנציקע, וואָס קאָן ראַטעווען די מענטשן אין דער משוגענער צייט?

אַז ער איז אַהיימגעקומען אויפן קוואַרטיר, האָט ער שוין זאַשקען נישט געטראָפן. דערפאַר האָט ער געטראָפן אָנגעשריבן אויף אַ שטיק פּאַפּיר מיט איר ענערגישן כתב:

— „כ'האָב געהערט, וואָס עס האָט זיך ביי חבר רישקאָוו געטון. איך שעם זיך פאַר דיר. מיט אַ פּחדן וויל איך גאָרנישט מער האָבן וואָס צו טון, און איך האָף, אַז אויך מיין שוועסטער. צווישן אונדז איז אַלצדינג אויס“.

מירקין האָט זיך צעלאַכט הויך, גענומען דאָס פּאַפּיר און עס צע־קנייטשט אין זיין האַנט.

— קענען אַלע צאַרן און אַלע הערשער האָבן זיי דערקלערט רעוואָלו־ציע, נאָר נישט קענען מאַרס. ער איז אויך דאָ דער אָנערקענטער גאָט. איך בין דער איינציקער, וואָס דערוועגט זיך צו מאַכן אַ רעוואָלוציע דעם מלחמה־גאָט. איך בין אַ פּחדן.

אַ גרויסער שטאָלץ האָט אים אַרומגענומען. ער איז אַרויס אויף דער גאַס. ס'האָט זיך אים געגלוסט שרייען צו די פאַרבייגייענדיקע:

— מענטשן, איך בין אַ פּחדן. טוט מיר נאָך. פּחדנות איז דאָס איינ־ציקע, וואָס איז בכוח צו ראַטעווען די וועלט!

קאַפּיטל 14

מאָסקווע

לאַנגזאַם, מיט פּאַמעלעכע טריט, קומט־אָן דער פרילינג אין מאָסקווע, ווי אַ קינד, וואָס לערנט זיך גיין. וואַכן און וואַכן שטייט ער צוערשט אין דער לופט, איידער מען זעט אים אָן אויף דער ערד. יעדן טאָג ווערט פון דער ערד אַראָפּגעוויקלט אַ ווינטער־קלייד, ביז זי אַנטפּלעקט זיך אַ נאַ־קעטע אין איר ליכטיקער געשטאַלט.

אויף דער ערד האָט מען דעם פרילינג נאָך גאָרנישט אָנגעזען. זי איז

געוועזן בלאַטיק און קויטיק. נאָר מירקין, ווי יעדער איינער, האָט אים דער־פילט דורך דעם, וואָס עס זענען אים מיטאמאָל געוואָרן איבערדריסיק די ווינטער־קליידער, די קלעבעדיקע שעפּסענע קורטקע איבער זיין „אינטע־ליגענטן" אנצוג. אויסטון די קורטקע האָט ער אָבער נישט געקאָנט. ער האָט מיט איר געמוזט פאַרדעקן די אויסגעריבענע הויזן, אין וועלכע מ'האָט זיך מער נישט געקאָנט באַווייזן.

ס'האָט זיך אים פאַרגלוסט צו גיין אין באָד, דאָס לייב גוט אויספּאַ־רען און איבערצובייטן די וועש, א באַדערפעניש, וואָס ער האָט נישט גע־האַט זינט א לאַנגער צייט. כאָטש א פּאָר נייע שטיקלעך טרוקענע לייוונט, מיט וועלכע מען זאָל קענען די פיס ארומוויקלען, אז זיי זאָלן זיך נישט רייבן אָן די פייכטע שטיינער דורך די געלעכערטע ווילאָקעס. אפילו זיך אין דער פרישער קאַלטער „מאָסקווע" אריינוואַרפן — אזוי ווי ער שטייט און גייט — וואָס ביי איר ברעג האָט ער זיך איצט ארומגעשלעפּט פּוסט און פּאַס.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן גרויסן מאַיעסטעטישן פּלאַץ, אויף וועלכן עס הערשט די מעכטיקע צערקווע פון קריסטוס דעם דערלייזער. ער איז אראָפּגעקראָכן פונעם ברייטן, הארטן טראָטואַר צום ערדיקן קלעביקן ברעג, ווייל ס'האָבן אים צוגעצויגן די האַלב־נאַקעטע לייבער פון די פאַר־וואָרלאָזטע יינגלעך, וואָס האָבן זיך געשפּילט ביים טייך. ער האָט זיך געפילט אזוי היימלאָז און הפקרדיק ווי זיי, און געהאַט חשק זיך אוועק־צוזעצן אין זיינע פוילנדע קליידער צווישן זיי.

ער איז אראָפּ צום ברעג און אָנגעטראָפן מחנות מיט היימלאָזע קינ־דער. צען־צוועלף־יעריקע יינגלעך מיט שטריק ארומגעוויקלט די ווינטער־שמאַטעס, מיט לאַבוזעוואַטע, פאַרברודיקטע פּנימער, וואָס האָבן אויסגע־זען ווי אַלטע בעלי־עבירות. אויך מיידלעך זענען געווען צווישן זיי. ס'איז קוים מעגלעך געווען צו דערקענען זייער ווייבערישן מין, ווייל זיי האָבן זיך מיט זייער חוצפּהדיקן האַלטן, ווי אויך מיט זייער מאַנסבילשער קליי־דונג, מיט גאַרנישט אויסגענומען פון זייערע בחורשע חברים — א חוץ מיט די ווייבע, לאַנגע האָר פון אונטער די צעריסענע יינגלשע קאַשקעטן, אין וועלכע זיי זענען געגאַנגען, און אָפּטמאָל אויך מיט אַן איידעלן מיידל־שן שניט פון א פּנים, אָדער פון דעם יונג־אָנגעגאָסן קינדיש־מיידלשן לייב,

וואס האט אפילו פון דער צעטראסקעטער מאנסבילשער קליידונג ארויס־באוויזן די מיידלשע ליניע, און פארראטן דעם מין, צו וועלכן זיי געהערן.

אין מיסט פון צעבראכענע כלים און פארפוילט שטרוי זענען געזעסן א שיכט מיט קינדער און געשפילט מיט שמוציקע קארטן. אנדערע אבער, אזוי ווי זיי וואלטן זיך געוועזן דערמאנט, אז זיי זענען קינדער, האבן זיך פארשפילט מיט א שיפל, וועלכעס זיי האבן געפרווט אפצושטופן אין טייך אריין. גאר אנדערע זענען שוין אין מיטן טייך, און נאך אנדערע האבן ארונטערגעווארפן פון זיך די שטיקער פארבלאטיקטע שיך, וואס זענען געווען צוגעבונדן צו זייערע פיס, און מיטן לעבעדיקן קינדער־לייב געפלע־שטשעט אין וואסער. ס׳האט מירקינען אנגענומען א בענקשאפט זיי נאכ־צוטון, אראפצווארפן פון זיך זיינע פארפוילטע, אנגעהיצטע ווילאקעס און אויסווייקן די פיס אין וואסער, — ס׳איז געווען פרילינג.

לאנג איז אים אבער נישט געווען פארגונען דאס פארגעניגן אנצוזע־טיקן זיך מיטן פרילינג. די בעטלער־קינדער האבן מיטאמאל אוועקגע־ווארפן זייער שמוציק קארטן־שפיל, זייער קינדיש שטיפן מיטן טייך — און זענען אלט־תכליתדיק געווארן. זיי האבן אויף זייערע שפילנדיקע, לאַ־בוזעוואטע פנימער ארויפגעצויגן א רחמנות־ארימקייט און ארומגערינגלט מירקינען ווי א כמארע בינען ביי דער האניג־בלום, אויסגעשטרעקט צו אים די שמוציקע הענט, וואס האבן ארויסגעקוקט פון די צעריסענע ארבל. זייערע שקצישע אויגן האבן לאבוזעוואטע ארויסגעגליט פון די האר־באַ־קלעבטע שטערנס. נאר די מיילער האבן זיי פארקרומט מיט בעטלער־קאפריזן און געשניצט קראנקע גרימאסן:

— חבר, גיב אויף א „ליעפעשקע“ (א קלעביק טייגל).

פון דער חברה קינדער־שנארער האט זיך אויסגענומען א מיידלש קינדיש פנים — מיט א דערפארענעם אלטן בליק, אזוי ווי עס וואלט שוין נישט געווען עקזיסטירט קיין סוד פאר די דאזיקע קינדער־אויגן. אזוי ווי די האלב־אויפגעגעסענע, פארפוילטע קינדישע ציין, וואלטן שוין געהאט פארזוכט אלע ביטערקייטן... זי האט זיך מיט איר שמוציק לייב, וואס שטיקער פון זיינע אינטימסטע ערטער האבן מיט דערבארעמדיקער אומ־פארשעמטקייט ארויסגעקוקט פון די לעבער פון די שמוציקע קליידער, זיך צוגערוקט גאנץ געדיכט צו מירקינען. זיך מיט א קינדישער זייט געריבן אין

זיין פוס און אים געקוקט אין פנים אריין מיט א חוצפּהדיקן, איינלאַדנדיקן בליק:

— חבר, קום מיט מיר אונטער דער בריק...

פון קיינעמס אויגן קאָן די זינד נישט אַזוי אַרויסקוקן מיט איר גאַנצער גלוסטיקער אכזריותדיקייט, ווי פון די אויגן פון קאַליע־געוואָרענע קינדער.

די חברים יינגלעך האָבן איר מיט שטימע בליקן און רעדנדיקע ווונקען צוגעגעבן מוט און חשק. דאָס קינד־פּראָסטיטוטקע האָט עס געטון פון איי־גענעם חשק, און מיט אומבאַהאָלפענער פאַרשייטקייט האָט זי מיט אירע שמוציקע הענטלעך אומאַנשטענדיק באַרירט מירקינען — און געווונקען צו אים...

א שרעק און אן עקל, א גרויסער צאָרן האָט זיך אָנגעצונדן אין מיר־קינען. און ער האָט כמעט הויך אויסגעשריגן:

„אָקטאָבער, ביי וואָס וועסטו זיך אָפּשטעלן?!"

ער האָט די קינדער צוגעוואָרפן א שטיק ברויט, וואָס ער האָט עס, ווי יעדער איינער אין יענער צייט, געהאַלטן ווי דעם טייערסטן אוצר ביי זיך אין טאַש, און איז אַנטלאָפן.

ער האָט געפילט א באַדערפעניש זיך אָפּצוואַשן פונעם קינדישן זונה־געשטאַנק. ער האָט געבאָדן זיין בליק אין דער געדיכטער שוואַרצקייט, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פון גרופּעסביימער אויף דער צווייטער זייט ברעג.

ער האָט זיך דערפרישט מיטן אָנבליק פון פרישע נאַקעטע ביימער־צווייגן, מיטן ברייט־שייניקן שפּיגל פון דער „מאָסקוואַ" אין איר ערדי־קער, ווייכיקער קאַריטע.

עס גרינט זיך שוין דאָ און דאָרט פונעם צעשמאָלצענעם שניי. די ביימער אויף יענער זייט הויבן אַרויס פון זיך רויט־פיאָלעטענעם אָטעם... די וועלט איז ווי געוועזן: ברייט, גרויס און שיין. דער הימל — א צעגאָסע־נער זילבער־ים מיט באַפליגלטע, רויך־אויפגייענדע בלויקייטן. ער שטרעקט אויס ברייטע אָרעמס און נעמט אַרום דעם גאַנצן אוניווערס, פאַרפירט אים אין ליכטיקע אומענדלעכקייטן. זיין שיין פאַלט צוריק און צינדט אָן אַלע פענצטער פון די הייזער, באַלייכט גאָלדענע קופּאָלן און גרינע דע־

בער. די וועלט איז די זעלבע. הימל און ערד זינגען געזאַנגען, ווען דער מע:טש פלאָנט זיך צווישן זיי, אַלע זיינע ווונדן האָבן זיך אויפגעעפנט און עס טריפט זיין בלוט און אייטער...

געזאַ:גען, געזאַנגען פונעם ליכטיקן הימל אראָפּ! געזאַנגען, געזאַנ־גען פון דער באַפרייטער ערד! און איבער דעם הארטן ברוק זינגט מען אויך אַ פריילעך, טריאומפירנדיק, מאַרשירנדיק, געזאַנג. אָבער מיט אַ טויטן-שלייער שוין באַשלייערט. עס מאַכט אַן איינדרוק, אַזוי ווי מען וואָלט נאָכגעשפּילט הינטער אַ לוויה אַ פריילעכן חופּה־מאַרש.

מירקין קוקט זיך ארום: — עס גייען רעקרוטן: רייען, רייען אַר־בעטער. טייל נאָך אין זייערע ציווילע קליידער, אַנדערע שוין געהילט אין זעלנערישע שינעלן. זיי באַלאַנגען שוין צו אַן אַנדערער וועלט. טייל פּנימער, — די יינגערע, אויפגעריסענע, לעבעדיקע און באַגייסטערטע, — אָנגעגאָסן מיט מוט און ווילן. די עלטערע מיט בערד באַוואַקסענע, מאַרשירן אויך מיט אַ מידן, מיליטערישן ענטוזיאַזם, נאָר שרעק קוקט ארויס פון די אויגן. און אַלע זינגען זיי — ווי פריילעכע ווידוי־געזאַנגען — דעם „אינטערנאַציאָ:אַל" און שעפּן פונעם דאָזיקן געזאַנג כוחות, באַ־גייסטערונג.

שטייט ער, מירקין, און קוקט זיי נאָך מיט קנאה און פאָרוואורף: פאַרוואָס געפינט ער זיך נישט דאָרט אין די רייען? — פאַרוואָס קלאַפּן נישט אָן זיינע טריט אויף די האַרטע שטיינער צווישן זיי? מיט דער ביקס אין דער האַנט, אַזוי ווי זיי? — וואָס פאַרא רעכט האָט ער זיך איצט ארויסצומאַכן און צו גיין באַזונדער? ווי האָט צו אים געזאָגט חבר ריש-קאָוו: דער, וואָס זאָגט „אַלף" — מוז אויך זאָגן „בית". וואָס פאַרא רעכט האָט ער איצט זיך ארומצושלעפּן הפקרדיק אַליין?

ער קאָן עס זיך נישט פאַרענטפערן. ער ווייסט, אַז ער איז שולדיק. נאָר טון אַנדערש — קאָן ער נישט. ער פילט, ווי ער איז געגאַנגען אין דער מחנה, אָנגעהאַלטן דעם טריט, און מיטאַמאָל איז ער מיד געוואָרן, זיך דערשראָקן פאַר עפּעס, אומגעפאַלן און אַזוי ליגן געבליבן. ער פילט, ווי די חברים טרעטן איבער זיין לייב. הונדערטער טויזנטער פיס שפּרייזן איבער זיין קאָפּ, איבער זיין רוקן — און גייען ווייטער, לאָזן אים איבער אַ צעטרעטענעם, ווי די הפקר־יינגלעך ביים טייך, ווי דאָס פּראָסטיטוט־קע־קינד, ווי גאַנץ רוסלאַנד...

„געווים, געווים באדארף עס אזוי זיין. די רעוואָלוציע האָט פיל שונאים און זי מוז זיך ווערן. וואָס דען? זיך לאָזן אויפפרעסן פונעם אנ־דערן צד? מאַכן אַ תל פון אַלע דערגרייכונגען און זיך אַליין באַגראָבן? — ווען יענער צד וועט זיגן — וועט ער דאָך סיי־ווי־סיי פון אַלעמען מאַ־כן אַ תל. — איז דאָך שוין גלייכער מיט דער שווערד אין דער האַנט צו ראַטעווען די רעוואָלוציע און דאָס אייגענע לעבן. געווים, געווים האָבן זיי רעכט. דאָס איז דער גורל פון יעדן איינצלנעם, וואָס שליסט זיך אָן אָן אַן אידעע. די אידעע שלעפּט דיך נאָך זיך, ווי אָנגעבונדן ביי אַ סייט. דער, וואָס זאָגט „אלף" — מוז אויך זאָגן „בית". — איך האָב זיך אָפּ־געשטעלט, ווייל כ'בין אַ פּחדן, אין פּשוטן זין פון וואָרט. דערפאַר, ווייל כ'האָב מורא. נאָר, כדי זיך צו פאַרענטפערן, וויקל איך עס איין אין טע־אָריעס. כדי זיך אַרויסצומאַכן פון עסק — קלער איך אויס, אַז ס'איז טאַקע גוט צו זיין אַ פּחדן, אַז פּחדנות קאָן ראַטעווען די וועלט. אָבער, אין דער אמתן, שטאַמט אַלץ פון מורא, פון ריינער פּחדנות, ווי זאָשקע האָט מיר צוגעוואָרפן.

גוט, איך וועל זיך האַלטן דערביי: איך בין אַ פּחדן, איך האָב מורא פאַר מיין איינן לייב. איז אָבער מורא נאָר אַ נידערטרעכטיק געפיל? — מורא טראָגט דאָך מיט זיך נישט־דעצידירטקייט, ספק, אַ נייג צום צווייטן צד: — אפשר האָב איך נישט רעכט? אפשר איז דער יושר דאָרט?

אויב אַזוי, איז עס דאָך אַ מענטשלעך, שעפעריש געפיל? —

דאָס מענטשלעכע בלוט, געשטייגערט דורך אַנטוויקלונג פון דורות צו דער העכסטער שאַפונגס־מעגלעכקייט; דאָס מענטשלעכע בלוט, גערייניקט דורך די פילטערן פון מענטשלעכע מדריגות, — איז דאָך געבליבן שטעקן אין זיין אור־קוואַל, אָנגעקניפּט דורך געהיימע בונדן צו יענעם אומבאַוווסטן כוח, פון וואַנען עס פליסט און טראָגט אין זיין עצם די אומפאַרשטענדלעכע איינגעשאַפט פון זיין געטלעכן מקור. איינע פון די דאָזיקע איינגעשאַפטן איז מורא און פּחדנות, וואָס זענען מיט דער צייט געוואָרן אויסגעלאָשן דורך פוסטע מענטשלעכע פאַרמעסטונגען, אַרויסצור־גיין פון זיך אַליין. דער אור־מענטש האָט זיך געשראָקן, ווען נישט, וואָלט ער נישט געווען געשאַפן קיין געטער. דער אור־מענטש, אין זיין גאַנצן געראַנגל מיט חיה און נאַטור, האָט זיך באַטראַכט פאַר אַ שוואַך, אָפּהענ־גיק באַשעפעניש. אויב נישט — וואָלט ער זיך דאָך אַליין געווען גע־

האלטן פארן אור־קוואל פון אלעם, — פאר גאט, און נישט באדארפט צו קומען צו פארהייליקן שטארקערע כוחות פאר אים: דונערן, אדער שוואכערע — קי און קעץ.

אזוי לאנג ווי דער עלעמענט „אימה" האט געהערשט אין אונדזער בלוט — איז דער אור־מענטש געווען א מענטשלעך, רעליגיעז באשעפעניש, וואס האט ארום זיך געשאפן גוטס, הכנעה און ליבע. ערשט מיט דער צייט, ווען דער געטלעכער עלעמענט פון אימה האט אנגעהויבן צו ווערן אונטערדריקט דורך טייוולאנישן געצן־דינערישן מוט און שטארקייט, זענען אויפגעקומען די מלחמות, דערארבערונגען, אנזאמלונגען פון מאטעריעלער עשירות מיט זייערע קרבנות פון שוואכע און אונטערדריקטע. כדי צוריקצושטעלן דאס גלייכגעוויכט אין דער וועלט, כדי צוריקצוגעווינען די הערשאפט פון ליבע און גוטסקייט, איז אלערערשטנס נויטיק — צוריק אויפוועקן דעם געטלעכן פונק פונעם מענטשלעכן כאראקטער — דאס געפיל פון פחדנות און אימה.

צי איז דאס נישט א באהאלטן זיך הינטער אן אויסגעטראכט שפאניש ווענטל? וואס האב איך געטון? — געיאגט דורך אומשטענדן און אומגערעכטיקייטן, האב איך מיט מיין ווינציקייט געהאלפן א סיסטעם, — וואס איך האב געגלויבט, אז עס איז בכוח צו ברענגען יושר צווישן די מענטשן — קומען צו דער מאכט. כ'ביך געקראכן אויף דעכער און געהאלפן טויטן מענטשן. דאס געפיל פון פחדנות און מורא איז געווארן אין מיר דערשטיקט דורך א העכער געפיל, — דורך גלויבן. דאס געפיל פון פחדנות און מורא איז צוריקגעקומען דענסטמאל, ווען כ'האב אנגעהויבן צו צווייפלען אינעם אידעאל. הייסט עס, אז נישט אין מיר ליגט די שולד, — נאר אינעם סיסטעם.

אבער, אין וואס האב איך אנגעהויבן צו צווייפלען? אינעם אידעאל? ניין, נישט אידעען זענען גוט אדער שלעכט — נאר דער מע:טש. — איך האב אנגעהויבן צווייפלען — אין די מעטאדן.

דאס לעבן ווערט נישט אויסגעפירט פון אידעאלן, נאר פון טאג־טעגלעכע מעשים. די אידעאלן שווימען, ווי נשמות, צוריק אין הימל, און אין לעבן לייגט זיך דער חומר פון מעשים. מיין פעלער איז באשטאנען אין דעם, וואס א:שטאט אינעם מענטש, האב איך אנגעהויבן צו גלויבן אינעם סיסטעם. דאס סיסטעם מאכט שטענדיק דעם חשבון אן דעם באלע־

באָס, אָן דעם מענטש. עס גייט איבער זיין קאָפּ און פאַרוואַנדלט זיך אין א טאָרטור־מאַשין, אין א טויטער דאָגמע, וואָס אָנשטאָט באַפרייאונג ברענגט זי — פאַרשקלאַפונג. אָנשטאָט טרייסט און רעטונג — יסורים און צער...

דער מענטש איז דאָס העכסטע גוטס, דער איינציקער קוואַל, דורך וועלכן עס פליסט שעפעריש לעבן. ער אַליין איז בכוח זיך אויפצוהויבן, צו פילן די געטלעכקייט אין זיך, ווייל דער מענטש איז געטלעך. אָנגע־קניפּט דורך זיין בלוט אָן יענעם אומבאַוווסטן שעפערישן קוואַל פון אַל־מאַכט, פון וועלכן ער שטראָמט־אַרויס, — איז ער אַזוי אומבאַגרייפלעך, אומבאַרירלעך און הייליק ווי די גאָטהייט. יעדער אידעאַל, וואָס טראָגט נישט מיט זיך די אומבאַגרענעצטע רייכטימער פון דעם נאָך אומדער־קלערטן אָדער פון דער אומענדלעכקייט, — מוז פאַלן אויפן מענטש, ווי קייטן".

ביי די דאָזיקע געדאַנקען האָט אויפגעפלאַמט פאַר מירקינען דער קרעמל. א קופּקע גאָלדענע טורעמס, מיט גרינע דעכער, מיט פינקלדיקע שויבן, — ווי ווייבער אונטער א צוים אַרומגערינגלט, און די דיקע מויער מיט די צען שפּיצן. פונדערווייטנס האָבן זיך אויפגעהויבן די ווינקל־טורעמלעך, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט מיט זייערע הויכע, ווי היימיש אויס־געשניטענע פענצטער, ווי קינדישע, צוגויפגעקלעפּטע לאַמטערן.

ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע אומברחמנותדיקע אַזיאַטישקייט פון דער רוסישער נשמה, די טיפע פלאַנגדיקע גרויסקייט פון איר אַלטער פאַרגאַנגענהייט ליגן אויסגעגאָסן אין די לעפיש־אויסגעהאַקטע פענצטער־לעך פון די קרעמלער טורעמלעך.

כמאַרעס רוסישע נשמות פון דורות און דורות נעסטן, ווי פייגע־לעך, אונטער די געזימסן, אונטער די דעקלעך און באַלקן־פענצטערלעך, און בריען דאָרט אויס אין דער טיפער רוסישער פאַרגאַנגענהייט, — פאַר־שפּינוועבט אין די קרעמלער ווענט, — די מיסטישע אומרואיקייט פונעם רוסישן זוכנדיקן כאַראַקטער.

א וואַנט־פענצטער פונעם „גראַנד פּאַליי" האָט איצט אויפגעפלאַמט, אַרויסגעקוקט מיט ברענענדיקע אויגן איבער די אַקסלען פון דער קרעמ־לער וואַנט.

מיט די דאָזיקע געדאַנקען איז מירקין אַריינגעקומען אין „אַלעס־

סאַנדערסקי סאַד". דער שניי איז נאָך עקשנותדיק געלעגן פאַרשמאַדערט, צעטראָטן, נאָר דאָך אַ ווייסער, צווישן די ביימער. און ס'האָט זיך געדאַכט צו פאַרנעמען זיין, דעם שנייס, געדאַנק: „כ'וועל נישט אָפּטרעטן פון דאַנען, ביז מיין לעצטן טראָפּן".

נאָר דאָך האָט שוין פון צווישן די שניי-ריסן אַרויסגעקוקט נישט קיין נאַקעטע ערד, נאָר שוין אַ מיט גראָז באַוואַקסענע. דאָס גראָז איז געווען דורכגעווייקט, נאָר צוליב דעם ווייסן שניי איז עס אַרויסגעקומען בולטער מיט זיין גאַנצן גרינעם טעם.

די גרעזער האָבן האַרץ־ברעכיק פון שניי אַרויס געבעטן רחמים זיך צו ראַטעווען... אַ יונגער, לייכטער פרילינגס-ווינט האָט געבלאָזן אין זיי און צעווינדיקט די גרעזלעך, ווי די פעדערן אויף אַ הינטערשטן טייל פון אַ הון. געציטערט, האָבן זיי זיך צעשיט און אַרויסגעוויזן דאָס געהיימניש פון זייער בליעכטס. ביז צו די שוואַרצלעכע וואָרצלען, מיט וועלכע זיי שטעקן אין דער מוטער־ערד.

און דאָס גאַנצע גראָזישע געהיימניש איז אַנטפּלעקט געוואָרן פאַר דער עפנטלעכקייט. אויף די בענק, אין דער ערשטער יונגער פרילינגס-לופט, האָט ער אָנגעטראָפן האַלב־פוילנדע קינדער־לייבער פון ביידע מינים, וואָס האָבן זיך אין שמוץ און זינד אַרומגעוואַלגערט, ווי פּאַראַיאַריקע בלעטער, אין דער פּייכטקייט, און מיט שמוץ אָנגעוואַקסענע הענט געשפּילט אין ברודיקע קאָרטן...

דערפאַר אָבער האָט מירקין אויף וואָזנעסענסקי פּלאַץ אָנגעטראָפן מחנות זעלנער. עס זענען נאָך נישט געווען קיין ריכטיקע זעלנער, נאָר ערבדיקע. אַ מישמאַש פון אָנטועכצער, פון פעל-„שובעס", פון שעפּסענע, שמוציק־געוואָרענע פעל־מאַנטלען, אויך מיט לעדערנע קורטקעס באַקליידעטע. אַ שלל פון פאַרשידענע מינים היטלעך, באַשפּרענקלט אַרום די זייטן מיט ריכטיק־מונדירטע סאָלדאַטן.

צווישן די מאַרשירנדע האָט מען אויך געזען פיל ווייבערשע געשטאַלטן, וואָס האָבן מיט זייערע מעכטיק אויסגעשטעלטע בריסטן, מיט זייערע נקבהשע פּנימער, געוואָלט אויסזען מער מענעריש, ווי די מענער אַליין. אָבער דאָס האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן. וואָס מעכטיקער און שטייפער זיי האָבן אַרויסגעשטעלט זייערע טריט — אַלץ מער יצר־הרעדיק־ווייבלעך האָבן זיי געווירקט. אַלע, אָן אויסנאַם, האָבן געטראָגן

הויך אויף די הענט און אקסל־רוענדיקע ביקסן. די ביקסן האָבן אַלעמען געגעבן איין אויסזען און זיי שוין אויסגעטומען פון די ארומיקע מענטשן אויף דער גאס און באשאפן פון זיי גאָר עפּעס אנדערש: זעלנער.

נאָך זיי זענען נאָכגעגאַנגען, ווי נאָך א לוויה, די „סאָוויעטישע פערדלעך", — די נאַקעטע היימלאָזע קינדער מיט די שפּייז־שליטעלעך, וואָס זיי האָבן געפירט פאר די זעק־מענטשן פּראָוויאַנטן פון די באַנען. זייער קינדישער חשק האָט זיי געמאַכט א מינוט פארגעסן אין זייער נוצלעכער באַטעפטיקונג, און נישט געקוקט אויף די מאָנענדיקע תביעות פון זייערע באַלעבאָטים צו גיין אינעם באַשטימטן וועג, האָט אָבער זייער קינדישקייט זיי געשטופּט נאָך די סאָלדאַטן. איינגעשפּאַנט ווי שטיף־קינדישע זשרעבאקעס צו די שליטעלעך — האָבן זיי זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם זעלנערישן גאַנג און מיטגעזונגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל".

מירקין האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיי נאָכגעקוקט. ס'איז אים מיט־אמאָל פארגעקומען, אז „אָקטאָבער" איז געוואָרן פארוואַנדלט אין א חיה, און ווי א חיה פרעסט ער דאָס מענטשלעכע באַשעפעניש אָן אויפ־הער...

קאַפּיטל 15

הונגער נאָך לייוונט

מירקין האָט עפּעס דערזען, וואָס האָט אים געמאַכט אין אַלעם פארגעסן. ער האָט געדענקט בלויז וועגן זיין בארווּיסן איך, וועגן זיין נאַקעטער פיעטע, וואָס רייבט זיך, צוזאַמען מיט א שטיק פארפוילטער אָגי־טשע אינעם געלעכערטן „ווילאָק", אָן דעם פייכטן אספאַלט פונעם טראָטואַר. ער האָט דערפילט דאָס צעקריכנדיקע העמד אויף זיין לייב. ער איז זיך אַליין געוואָרן איבערדריסיק און עקלדיק. ער האָט דערפילט א מעכטיקן הונגער און דורשט צו פריש־געוואַשענער, קנאַקעדיקער לייוונט...

די בענקשאַפט צו לייוונט האָט ארויסגערופן ביי אים דער אָנבליק פון העמדער, פון ווייבערשע העמדער.

אויפן טראָטואַר, ביים צוגאַנג צום „רויטן פּלאַץ", אקעגנאיבער דער

הייליקער טווערסקאיא, פון וועלכער ברענענדיקע ליכט זענען געלאָשן געוואָרן אין טאָג־העלקייט, זענען געשטאַנען צוויי פרויען, איינע אַן על־טערע, איינע אַ ייִנגערע, אין פאַרנעמען שוואַרץ, מיט געדיכט-פאַרשלייער־טע פּנימער און אָנגעבאָטן צו קויפן ווייבערשע יידענע העמדער, וועלכע זיי האָבן זאָנפט, ווי קליינע קינדער, געהאַלטן אין זייערע הענט. די דאָ־זיקע צוויי פרויען האָבן געהאַט פרומע פּנימער־מינעס, אַזוי ווי זיי וואָלטן אין משך פון זייער גאַנץ לעבן גאַרנישט עפּעס אַנדערש געוועזן געטון, נאָר געוועגזלט זיך אין קירכלעכן ווייַרויך, אַזוי ווי זייערע ליפּן וואָלטן, אַ חוץ מורמלען פרומע תפילות, נישט געקאָנט קיין צוויי איבערציילן. דאָך האָבן זייערע געקאַרבטע, זיידענע האָר, אויף די ווייכע ווייבערשע שטערנס, דער פאַרנעמער, עלעגאַנטער אויסבויג פון זייערע שטאַרק־באַצייכנטע ברעמען אין די דערשראָקענע, ציטערנדיקע בליקן פון אונטער די שוואַרץ־האַריקע אויגן־הייטלעך — אויסגעזאָגט פון וועלטלעכקייט, פון וויל־טאָג. פון זיי, ווי פון די געוואַשענע ראָזע־קאָלירטע, מיט שפּיצן באַזעצ־טע זיידענע באַטיסט־העמדער, וואָס זיי האָבן אָנגעבאָטן צום פאַרקויפן, האָט זיך געטראָגן יצר־הרעדיקער געשמאַק, אויסגעמישט מיטן דערוועקנ־דיקן, היימישן גערוך פון זומערדיקן נאַפטאַלין, וואָס טראָגט זיך פון דער מאַמעס מלבושים. דער געוועגלעכער אָנבליק פון ווייכן, ווייבערשן באַטיסט האָט מירקינען פשוט אָנגעשיכורט. ער האָט נאָך מער ווי פריער, דערשפּירט די באַדערפעניש זיך אויסצובאָדן און צו הערן געמאַנגלטע וועש קנאַקן איבער זיין הויט. ביים אָנבליק פון ווייבערשער, געוואַשע־נער וועש — איז ער זיך פאַרגעקומען נאָך שמוציקער ווי פריער: מורא־געהאַט, אַז שוין זיין אָנבליק אַליין זאָל נישט ברודיק מאַכן דעם אויס־געצירטן, אויסגעגלעטן, ווייבערשן באַטיסט, וואָס האָט דערמאָנט אין זונדיקע חופּה־נעכט... אין זיין מויל אָבער האָט ער געהאַט דעם זיסן טעם פון אַ זאַפטיקער פלוים, וואָס ער וואָלט נאָר־וואָס געוועזן פאַרזוכט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פונדערווייטנס. געשטאַנען און געטרונקען מיט זיי־נע בליקן דעם זויבערן, פריש־בלעטערנדיקן אָנבליק פון דער ייִנגערער פרוי. ס'האָט זיך אים געדאַכט צו פאַרנעמען דאָס קנאַקן פון איר זיי־דענער ווייכקייט. אַ קינדישער פאַרלאַנג האָט אים אַרומגענומען: צוצו־גיין און כאַטש זי אָנצורירן מיט דער האַנט...

צו וואָס אַלץ פאַרא געדאַנקען עס קאָנען ברענגען אויפן זינען ווײ־

בע־שע, זיידענע העמדער, — ביי מירקינען האָבן זיי איצט אַרויסגערופן די ריינסטע און איידעלסטע געפילן, אַזוי ווי ער וואָלט דורך זייער נאַקעטן אָנבליק אַליין שוין געוואָרן געריינִיקט און געלייטערט.

ווען ער האָט דערזען אַ גוט־באַשוכטע און גוט־באַטוכטע פּויערטע, וואָס איז איצט אַרויסגעקומען פון דער הייליקער טווערסקאַיאַ, און איז צוגעגאַנגען צו די פּרויען, אָנגענומען מיט אירע אויסגעאַרבעטע פינ־גער דעם זיידן־באַטיסט פון די העמדער, געטאַפּט זיי, עפּעס גערעדט, גע־דונגען זיך אַוודאי, — האָט ער זיך פון עפּעס־וואָס געפילט באַליידיקט, פאַרשוועכט אין זיינע געפילן...

זיין אַרומשלעפּן זיך איז איצט שוין געווען באַגלייט מיט די געדאַנ־קען וועגן די באַטיסטענע העמדער. ער קאָן גאָרנישט פאַרשטיין, ווי מענ־טשן קאָנען אָנביטן זייערע העמדער צו פאַרקויפן. אַ העמד איז דאָך אייגנטלעך דאָס אייגנסטע, וואָס אַ מענטש פאַרמאָגט, אַ צווייטע הויט, — דאָס נאָענטסטע צום לייב. עס איז מיט אים אין זיין אינטימסטער פאַרבאָרגנקייט, ביי זיין געבוירן ווערן, ביי זיין שטאַרבן. ביי דער נאָ־ענטסטער נאָענטקייט פון זיינע איבערלעבענישן. ווי אַזוי לאָזן אַן אַנ־דערן עס אָנטאַפּן מיט די פינגער? —

דער אָנבליק פון די העמדער האָט דערוועקט אין אים אַ מוראַדיקן הונגער צו לייוונט. ער האָט גאָרנישט געוואוסט, אַז מען קאָן זיין אַזוי הונגעריק צו העמדער, פּונקט אַזוי ווי צו ברויט. פּונקט אַזוי ווי אַ דורש־טיקער קאָן וועגן גאָרנישט קלערן נאָר וועגן פליסיקע קוואַלן, אַזוי האָט ער איצט קיין אַנדערע זאַך נישט געקאָנט האָבן אין זינען, ווי פריש־קנאַ־קעדיקן באַטיסט אויף זיין לייב, און ריינע שטיקער לייוונט איבער זיינע פּיס.

משוגענע וויזיעס האָבן זיך געוועקט אין זיין דערהיצטן געהירן. ער האָט זיך געזען אַ נאַקעטן און ער שווימט אין אַ פליסיקן טייך פון לייוונט... צו וואָס פאַרא אַסאָציאַציעס פון געדאַנקען עס קאָן ברענגען אַן אָנבליק פון אַ זאַך! — אַ זאַך, אַ פּשוטע, טעגלעכע זאַך קאָן אַמאָל אָנשיכורן ווי דער גליענדיקסטער וויין. מירקין איז פונעם אָנבליק פון דעם ריינעם ווייבערשן באַטיסט שיכור געוואָרן און געשוועבט אַ באַ־פליגלטער איבער די מאָסקווער גאַסן. ס׳האָבן זיך אין אים דערוועקט בענקענישן און פאַרלאַנגען, וואָס עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זענען שוין

לאנג פארווישט דורך די יאָגנדיקע ווינטן פון די געשעענישן און אָפּגע־פלאָסענע פארגאנגענהייטן. פארוואָס עפּעס איז מיטאמאָל געקומען צו שווימען אין זיין געהירן ארייַן פון דער נאכט ארויס דער זכר פון הע־לענקען?

ער האָט זי געזען אַזוי ווי זי איז, און דאָך נישט אַזוי ווי זי איז. גאנץ אנדערש האָט איצט אין זיינע וויזיעס אויסגעזען איר צעקנייטש־טער מענערישער הוט אויף אירע שאטינענע האָר. און גאנץ אנדערש דער געל־ער פוקסענער קאָלנער אויפן האַריקן, קאָליר־פארווישטן מאַנטל. אַן אַנגעזעענע נישט־וועלטישע רייַנקייט און ווייסקייט האָט געשטראַלט פון איר. דאָס, וואָס ער האָט אַמאָל געפילט, ווען ער האָט באַרירט מיט זיין האַנט די רונדיקע, קילע גלאַטיקייט פון אירע אַראָפּפאַלנדיקע, אויסגע־קנעטענע אַקסלען — איז צו אים צוריקגעקומען דאָ, אין מיטן דער גאַס. ער האָט עס געפילט אויף זיינע ליפּן, און ס'איז אים מיטאמאָל געוואָרן ליכטיק אין די אויגן. די דערהאַינערונג וועגן איר נעמט אים ארויס פון זיינע שמוציקע קליידער און באָדט אים אויס אין קילע, קרישטאָלענע בערג־וואַסערן. אַ הייליק ציטערן גייט־אַדורך דורך די תהומיקע טיפע־נישן פון זיין לייב. יעדע צעלע זיינע, יעדער נערוו, יעדער געדאַנק ווערט געלייטערט. ווי אַ קינד פון דעם מיטערלעכן לייב ארויס, אַזוי האָט ער זיך ארויסגעוויקלט פון די פארהוילענע וועלט־שלייערן און ער שטייט נאַ־קעט אַלייז מיט זיך. קיין העמד, קיין איין פעדעמל באַדעקט נאָך נישט זיין אויסערלעכקייט. קיין איין געדאַנק וואַנדלט נאָך נישט אַרום אין זיין אינערלעכקייט...

ס'האָט געדויערט קוים אַ רגע, און פארשוואונדן איז די אילוזיע. איי־בערגעבליבן איז בלויז די שמוציקע פייכטקייט פון דער גאַס, דאָס צע־קריכנדיקע העמד אויפן לייב. די טאָפּטשנדיקע פיס מיט די אויסגעריי־בענע ווילאָקעס אין דער בלאָטע — און אַן אַנוואַקס פון מאַך און גרינ־קייט אויף לייב און לעבן. אַ בלייערנע שווערקייט פון פארהוילענע וואַג־וועלטן שלעפּט אין די טיפע אָפּגרונטן...

אָבער די אילוזיע האָט, ווי דער ווייסער שלייער ביי אַ כלה, איבער־געלאָזט די בענקשאַפט און דעם פארלאַנג צו איר. און די בענקשאַפט און דער פארלאַנג האָבן ארויסגעהויבן פון אַלע שווערקייטן, געריייניקט און

געליטערט און געגעבן פליגל זיך אויף די שפיץ פינגער צו הויבן און נאָכ־צוקוקן נאָך דער פאַרשווונדענער.

מיטאַמאָל אָבער האָט ער דערפילט, אַז די ווייסע ריינקייט האָט זיך באַזעצט אין אים.

אַ כישוף־האַנט האָט דורך אָנגעקניפּטע פּעדים אים אַרויסגעצויגן פון אַלע אָנגעוואַקסענע מאָכן און פייכטע גרינקייטן, וואָס האָבן געהאַט אָנגעוואָרפן, און האָט אים צוריקגעבישופט אין די קינדער־יאָרן אַריין. ער פילט, ווי ער ווערט געטראָגן פון וואַרימע, שטאַרקע הענט, ווי ער ווערט אַריינגעבראַכט אין אָנגעוואַרימטע וואַסער־שלייערס, וואָס גיסן זיך איבער זיין בויך און רוקן. ער ווערט געהיקט אין לייוונטענע וויק־לען און ווערט פאַרטראָגן דורך דעם אין אַנדערע וועלטן...

עס וועקן זיך אויף בענקשאַפטן און פאַרלאַנגען. העלענקעס מיידליש לייב פאַרקערפּערט אַלע ווייבער־מוטערס פון זיינע קינדער־יאָרן.

דאָס אויפגעלאָזענע קערפּערלעכע שאַפט פאַנטאַסטישעס אין דער פאַרשטעלונג פון אויסגעקנעטענע, קילע מיידלשע פלייצעס, וואָס איז אי־בערגעבליבן ווי אַ האָניג־טעם, און עס טראָגן זיך אַריין אַנדערע ווונטשן, אַנדערע חלומות: אַ נאַפטאַלין־פּערפומען־געשמאַק, וואָס האָט זיך געפילט פון מאַמאַטשקעס קליידער; זינדיק איינלאַדנדיקע בליקן פון אַ טויט פּנים, וואָס האָט זיך, ווי אַן אָפּגעריסענער באָבע־יאַכנע־פאָדים, געשפּונען אין זיין אונטערבאַוווסטזיין; רעשטן אילוזיעס פון זעלבסטמאָרד־פּרוון... שוין פון לאַנג פאַרשטעקטע און באַגראָבענע, תאווהדיקע פאַרלאַנגען, דאָך אי־נעם בלוט לעבן־געבליבענע, צו מילך־אָנגעגאָסענע בריסטן, צו ווייבערשע, רייפע, פליישיקע בייכער, וואָס הויבן זיך פון פאַרנעמע שוואַרץ־זיידענע קליידער... דער טעם פון צערדיקן פאַרלאַנגען האַלט זיך נאָך אויף ביז היינט אויפן ראַנד פון באַוווסטזיין... אַלע נישט אויסגעלעבטע גלוסטונ־גען, צום אויסלעשן געצווונגענע, ביי זייער אויפברויז, ווערן געלייטערט, געאַכפּערט ווערן אויסגעקעמפט פון זייערע זינדיקע ברויזונגען, דערלייזט פון זייערע שלאַנגען־נעסטן, אַרויסגעוויקלט פון זייערע שוואַרצע שליי־ערס, דערהויבן און געלייטערט צו יענער נישט דערגרייכלעכער ווייטקייט. וואָס האַלט זיך איצט אויף אין אים, — זיי פאַרוואַנדלען זיך פון עבירות צו מצוות, זיי באָדן זיך מיט אים אין לויע, קינדישע וואַסערן און וויקלען זיך איין מיט אים אין ווייסע לייוונטענע וויקלען...

— וואס איז היינט מיט מיר? נישט אנדערש, סיידן איך האב וואַרימקייט, פרילינגס־ווארימקייט, צי וואס? אפשר גאר זיך צוגעקילט?

ס'האבן נישט געהאלפן די פארווורפן, די פארשעמונג, דאס געצווונגענע אונטערדריקן.

ער פילט נישט מער דעם ברי פון דער נאקעטער פיענטע און דאס דרייבן זיך פונעם אויסגעגאנגענעם ווילאק אן הארטן שטיין... פארקערט, דער ווייטיק טוט אים גוט. עס דערעסט נישט מער דער ווערימדיקער פארמיאוסטער שעפסן־פעלץ. ער דערפילט נישט מער דאס איבערדרימלעכע אנרירן פון נאקעטן קארק אן דער האריקייט פון אויסגענוצטע וואלהאר. עס פארדריסט נישט מער דאס פארשוועכטע בארירן פון די אינטימסטע ערטער, די נאקעטקייט פון אויסגעריבענע הויזן־פעדים, — לויע וואסערן-שטראמען קילן ליבלעך איבער דעם רוקן־ביין, — מוטער־הענט בארירן נאקעט לייב...

אנגסטיקע טראפן באפאלן אים. ער דערפילט, ווי עס רינט פון זיין צעהיצטן שטערן איבער זיין פנים קילקייט.

— איך בין קראנק. — צוגעקילט זיך, צי וואס? באדארף גאר גיין אהיים? — אבער ווו?

ער איז ארויסגעפאלן פון חלום און געפינט זיך צוריק אויף דער ערד.

ער האט זיך ערשט איצט דערמאנט, אז אייגנטלעך האט ער נישט וווהין צו גיין. פון דער דירה אויף טשיסטא־פרודנע איז ער אוועק. ער האט נאכן געשפרעך מיטן חבר רישקאוו געפילט, אז ער האט נישט קיין רעכט אויף איר, ער האט אויך נישט געהאט קיין חשק אין איר איבערצובלייבן. קיין נייע האט ער נישט געהאט.

די ערשטע פאר נעכט האט ער גענעכטיקט אין א מין אכסניה פאר אין שטאט געקומענע סאוויעטישע טוער. די לעצטע נאכט גאר אין גאס, מיט היימלאזע...

— אפשר גאר ארויפגיין צום טאטן? — האט ער זיך געפרעגט. — ניין, נישט אין דעם מעמד. מ'דארף זען קודם־כל זיך ווו איינצוארדענען. מען דארף צוריקגיין צו דער ארבעט, וואס עס זאל נישט זיין. מ'דארף זיך מאכן נוצלעך. נאך אלעם איז דער „ווירטשאפטס־קאמיטעט" א נויטיקע זאך. יא, ער וועט צוריקגיין צו דער ארבעט. פארציילן די חברים — פארלוירן די וווינונג, — זוכן אן אנדערע.

ער האָט זיך נאָכאַמאָל איבערגעחזרט דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט פאַר די לעצטע פאָר טעג, זינט ער האָט פאַרלאָזט זאַשקען: „מען דאַרף זיך מאַכן נוצלעך". אָבער, עס זענען געווען אויסערלעכע ווערטער, ווי זיך צו דערמאָנען אָן עפּעס. דער גוף פאַלט וואָס אַמאָל טיפער אין הינער-פּלעט. א שלעפעריקער שלעפּט ער זיך דורך דעם „רויטן פּלאַץ", פאַרקוקט זיך אויף די געדרייטע טערקישע טורבאַנעס פון דער וואַסילעווסקער צערקווע. ער שלייכט זיך, ער שלייכט זיך איבער גאַסן און מערק. פון א הויף פאָרט אַרויס א פור אָנגעפּאַקט מיט סחורות. שיעור נישט אים אי־בערגעפאָרן. אויף די טראָטואַרן זיך אָנגעשטויסן אָן איילנדיקע מענטשן. מענטשן מיט געזאָלצע קעפּ, אָנגעוואַקסענע בערד, מיט פאָרטפעלן אונטער די אָרעמס. ער שלעפּט זיך אויף דער צווייטער זייט אַריבער. א געשטאַנק פון פאַר׳עגע׳עם פעטס, פון אַלט־געוואָרענע פיש שלאָגט אים אין פּנים אַריין. שפּייכלערס פון רויט־פוילנדיקן קאַוויאַר, שטינקנדיק פלייש, גע־זאַלצענע קעלבערנע פעל. שטאַרקע ריחות פון דזשעגעכץ. א הו־האַ. מען שטופּט אים. א רויט־פּנימדיקער רוס מיט א ברייטער פּאַטריאַרכאַלישער באָרד פאַלט־אַרויף אויף אים מיט א קאַסטן משא. שיעור זיך נישט אי־בערגעקערט.

— פאַרשאָלטענער! וואָס פּלאָנטערסטו זיך אונטער די פיס? זעסט נישט — א מענטש גייט מיט א משא? — בלינד, צי וואָס? —

ער געפינט זיך אויף באַרבאַרע־פּלאַץ. אומצייליקע ביידלעך און שטעלן. סחורות און זאַכן וואַלגערן זיך אויפן שמוציקן ברוק. בעבעבעס פון שטיבער און ווינקלען אַרויסגעשלעפּט אויף דער גאַס, ווי נאָך א שׂרפה. פּליושענע איבערדעקנס, אַלטע שטיוול, צוזאַמען מיט טעלער און גאָפּל־מעסער. אַזוי ווי די מענטשן וואָלטן ביי זיך אָפּגעמאַכט — נישט מער צו באַנוצן קיין כלים צום עסן, וואַרפן־אַרויס זייער געשיר. נאָר ווי־דער איז עס דער אָנבליק פון לייוונט, וואָס פאַרכישופט אים. דאָס מאָל ריכטיקע מעטער-לייוונט. אַן אַלטער מאַן, אָנגעטון אין א מיליטערישן מונדיר, מיט אָפּגעשניטענע שליפעס, שטייט אויסגעצויגן, ווי צו א פּאַ־ראַד. דער ווינט באַוועגט די גוט־געפּלעגטע גרויע האָר פון דער באָרד און רויטלט זיין פליישיק גרויס פּנים. דער מאַן האַלט אויף די הענט אויסגע־וואַשענע לייוונטענע גאַטקעס מיט א כבוד און איינגעווירדע, אַזוי ווי ער וואָלט נאָכגעטראָגן דאָס קישעלע מיט מעדאַלן נאָך א געפאַלענעם חבר.

ווי עס זאָגט שוין אַלץ — דער אָנבליק פון אַ גענעראַל מיט גאַטקעס אויף די הענט. מיט דעם זעלבן פאַרשטיינערטן בליק שטייען פאָרנעמע אַריס־טאָקראַטקעס, עלטערע דאַמען, איינגעהילט אין שענשילענע פעלערינעס מיט קליינע, קאָקעטע קאַפּעליושלעך איבער די קעפּ. זיי האַלטן אין די הענט געפּרעסטע טישטיכער, סערוועטן, בעט־וועש און לייב־וועש. אַנ־דערע — קאַראַקולענע מאַנטלען, אַלטע שטיקלעך זילבער־געצייג, וואונדער־באַרע אַלט־ווענעציאַנער און בריסעלער שפּיצן, נאָך מער אָבער היימיש־געמאַכטע פון לייב־קנעכט אין פּאַנשטשיזנע.

טייל האָבן אַרויסגעשלעפּט אויפן מאַרק צו פאַרקויפן זייערע באַל־קליידער. ווייסער אַטלאַס בלישטשעט אין דער זון, מיט ביבער־פּעלץ באַ־זוימטע באַיאַרישע קאַפּטאַנעס. וואונדערבאַרער דאַמאַסק, פראַנצויזישע לואי־שטאָפן.

קיינער פון זיי רעדט קיין וואָרט נישט. קוקן זיך אפילו נישט אַרום אויף די מענטשן, וואָס קומען צו צו זייערע סחורות, טאָפּן זיי מיט די הענט און פרעגן אויפן פּרייז. זייערע אויגן, פאַרהילט אין געשטיקטע וואָלקעס, קוקן איבער אַלעם אַריבער און ווי פּופּען האַלטן זיי הילציק די סחורות אין זייערע שוואַרץ־געהענטשקעטע הענט מיט פאַרשטיינער־טע מינעס.

אַ דאַמע, אין אַן עלעגאַנט־געשניטענעם שוואַרצן פרילינגס־קאָסטיום מיט אַ זילבער־פוקס פאַרוואָרפן איבערן האַלדז, אַזוי ווי זי וואָלט געווען אויפן וועג צו אַ פאָרנעמען וויזיט, האָט זיך געלאָזט נאָכטראָגן איר וואונ־דערבאַרן סערוויס פון איר געטריי־געבליבענער קאַמער־דינערין. מיט איר געטאָלטער, שוואַרץ־באַהענטשקעטער האַנט ווייזט זי אויפן בלוי־גאָלדע־נעם טעלער, וואָס די נאָך גוט־בירגערלעכע קאַמער־דינערין האַלט פאַר־זיכטיק אין דער האַנט, און זאָגט מיט אַ גוטמוטיקן, קאָקעטישן שמייכל, באַטש צו זיך אַליין, מיט אַ פראַנצויזישן אַקצענט:

— סעווורישער פּאָיאַנס!

אַ בלייכער, עלעגאַנטער יונגערמאַן האָט אַרויסגעבראַכט זיין פראַק אויפן מאַרק. אַ פּויערישער דאָרף־שייגעץ, אין אַ פּאָר שרעקלעך־פאַרבלאָ־טיקטע שטיוול, מיט זיך אים איצט מיט אַלע כוחות אַרויפצוציען אויף זיין וואַטאָווקע. מענטשן שטייען דערביי און לאַכן, עצהן אים, ווי אַזוי דאָס צו טון. דעם צילינדער טראָגט שוין אַן אָפּגעריסענער טרעגער אויף זיין

קאַפּ, דאָרט אין דער מענגע, פון וואַנען עס דערהערט זיך איצט אַ באַ־לעבטע פריילעכקייט...

אַ וואָרנונגס־געשריי: די מיליץ! און דער מאַרק ווערט אויסגעלייזדיקט. די אַריסטאָקראַטקעס פאַרלירן זייער פּאַרגעמע, טרויעריקע רואיקייט. מען באַהאַלט זיך, ווי מען קאָן. אַ געקלימפּער פון צעבראָכענע טעלערס. דאָרט שטופּט זיך צווישן די מאַסן דער רויטער טויט־דערשראָקענער גענעראַל, מיט אַן אַסטמאַטישן שווערן אָטעם. די גאַטקעס באַהאַלטן אונטער זיין שליפּע־באַפּרייטן מונדיר...

אין מירקינען דערוועקט זיך ווידער דער הונגער צו לייוונט. עס פאַרשווינדן אַלע אַרויסגערופענע אילוזיעס. און ער פילט נישט מער, נאָר דאָס צעפּאַלענע העמד איבער ליבּ, אַזוי ווי אַן אָנגעוואַקסענע טשערעפּאַכע וואָלט אים געהאַלטן דאָרטן אין איין באַרירן... עס בריט דאָס פיענטע־פלייש, אַזוי ווי דער ברי פון פייער. אַלץ, דאַכט זיך, וואָלט ער אוועקגעגעבן אַצינד פאַר אַ פּאָר גאַטקעס, וואָס זאָלן פאַרמיידן זיין נאַקעט פלייש צו רייבן זיך אָן די רויע נענט פון זיינע אָפּגעטראָגענע הויזן...

ער בלייבט שטיין ווי אַ צוגעפעסטיקטער צו זיין אָרט, רייסט אויף מיט דערשטוינען זיינע אויגן. ווי אַ דורשטיקער, אַריינגעטון אין וואַסער, אַזוי נעפינט ער זיך אַרומגערינגלט מיט מעגערישע קליידער־שטיקער וועש, ריינע און אויסגעפּליקע, ווייבערשע העמדער, שקאַרפּעטקעס, זאָקן, זיידענע האַלקעס, סטאַניקעס, גאָרסעטן, שטיוול, קאַלאָשן — צוזאַמען מיט גאָפּל־מעסער. פּליושענע קאָלדרעס האָבן זיך געוואַלגערט ביי זיינע פיס. אונטער אַ שטעל איז געזעסן אַ ברייטע, פעט־פליישיקע, רויט־פּנימדיקע באַבע, אָנגעטון אין אַ ברייטן מענערישן ביבערנעם פּעלץ מיט אַ וווּנדערבאַרן לעבעדיק־פינקלדיקן קאַמטשאַטקער קאָלנער פאַרלייגט איבער איר פליישיקן נאַקן. אויף איר קאָפּ — אַ מעכטיקער גרויסער קאַפּעליוש פון אויסערגעוועגלעך לאַנגע, קאָלירטע פעדערן. אויף איין פליישיק לעפּל האָט געבאָמבלט אַ פּערל־אוירינג. דאָס אַנדערע האָט נאָך געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט.

זי איז געזעסן אַליין ווי אַ געשוואָלענער סאַמאָוואַר, צווישן פאַרשידן־פאַרמדיקע ברייט־בייכיקע מעשענע און אַנדערע מעטאַלענע סאַמאָווארן. נישט צו באַוועגן זיך פון איר אָרט — האָט זי קאָמאַנדעוועט

מיט אירע משרתים, וואָס האָבן געציטערט פאַר איר פלײשיק פּנים און רויטער קאַרטאָפל־נאָז, ווי פאַרן טײוול.

די משרתים זענען געווען פאַרנומען מיטן אַפּאַראַטיקן די פּילע קו נים. טייל האָבן געבראַכט צו שלעפּן זאַכן, פּאַרקויפט, געטוישט אויף שפּייז־מיטלען. די פלײשיקע באַבע האָט קאָמאַנדעוועט פון איר אָרט מיט בליקן.

די פּעק זענען אָנגעוואַקסן אין הויכע פּיראַמידן, מיט הויזלעכע און מענטשלעכע זאַכן, אַזוי אַז עס האָט זיך געדאַכט, דאָס מ'האָט אויסגע־רוימט אַלע מאָסקווער הייזער, אַרויסגעשלעפּט פון זיי אַלע שענק, קאָמאָ־דעס, וועש און קליידער, די טעלער, און גאָפּל־מעסער, איבערגעלאָזט נאַ־קעטע די ווענט און די דילן, און אַוועקגעלייגט די דיוואַנען אין איין שטויס פאַר דער באַבע.

מירקין האָט מיט זשעדנע אויגן געקוקט אויף דער קופּע מיט זאַכן און געפּרוווט אויסגעפינען פּאַסיקע שטיקער, מיט וועלכע ער וואָלט גע־וואָלט באַקליידן זײן נאַקעטקייט. ער האָט געזען אַ פּאָר האַנט־געשטריק־טע וואָלענע שקאַרפּעטקעס אַרומוואַלגערן זיך. זיי זענען אים פאַרגעקומען אַזוי באַקאַנט, אַזוי היימיש, אַזוי ווי אַ געטרייע האַנט וואָלט זיי געווען אויסגעשטריקט פאַר אים. און כאָטש ער האָט נישט געהאַט מיט וואָס זיי צו קויפן — האָט ער זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטן, ווי אַ הונגע־ריקער, כאָטש צו באַרירן די שקאַרפּעטקעס און פרעגן אויפן פּרייז.

— לאָז־אָפּ, לאָז־אָפּ! — דאָס איז נישט פאַר דיר, — האָט די באַבע געשריגן פון איר אָרט.

— פאַרוואָס נישט פאַר מיר? — פרעגט מירקין.

— מען דערקענט דיך דאָך באַלד אין דײן נעזל, ברודערל, אַז דו באַלאַנגסט צו זיי דאָרט, — ווייזט זי מיטן קאָפּ אויף די אַריסטאָקראַטן.

— דו ביסט אַ בורזשוי, — נישט פון אונדזערע.

— און צו וועמען באַלאַנגסטו? — פרעגט זיך מירקין.

די פלײשיקע באַבע האָט אַוועקגעבויגן דעם קאָפּ פון אים, אַזוי ווי עס לוינט זיך גאָרנישט אַרויסצוואַרפן אויף אים אַ וואָרט.

— זי? זי איז טאַקע אַליין אימס אַן אייגענע מומע, — רופט זיך אָן אַ צווייטער אַרומשלעפּער, ווי מירקין, וואָס איז געשטאַנען דערבײ.

— דו, רעד נאָך אַ וואָרט, רוף איך באַלד אַהער די מיליץ, — זאָגט די באָבע. — טראָג זיך ליבער אָפּ פון דאַנען.

און איך זאָג דיר — שפּיל זיך נישט מיט איר. זי האָט אַ צד אין טיש, אין קאָמיסאַריאַט. אַ גאַנצע אייגענע. ביי אַלעמען קאָנפיס־קירט מען די סחורות, נאָר נישט ביי איר, — ווייזט אויף דער באָבע מיט אַ ווונק אַן אַנדערער הענדלער.

— וואָס טוט זיך דאָ אַזעלכעס? אין מיטן הארץ פון מאָסקווע לאָזט מען צו עפּעס אַזוינס? פאַרוואָס דערלויבט עס די מיליץ? — ווו איז די מיליץ, ווו? — הייבט פּלוצים מירקין אָן ווילד צו שרייען און צו רופן הויך אויפן קול: — מיליץ! דאָ אַהער! —

— מיינע קינדער זענען לויטער קאָמוניסטן. דאָס קלייב איך טאַקע צונויף פאַר די ייִנגלעך. מיין זון האָט זיך באַטייליקט אין „אָקטאָבער". און דו, ווער ביסטו? — אַ באָסיאַק, אַ בורזשוי, אַ פאַרשאָלטענער, אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, דו טראָג זיך בעסער אָפּ פון דאַנען. איך לאָז דיך פירן צו מיין זון אין קאָמיסאַריאַט! — שרייט אויף אים די באָבע.

— ס'איז אמת. זי איז פון די נייע. מיט איר איז נישט גוט זיך צו משפּטן, — עצהט מירקינען דער באַרוויסער, וואָס שטייט נעבן אים.

— אַ זון אַ קאָמיסאַר, אין „אָקטאָבער" אָנטיילגענומען? — וואָס טוט זיך דאָ אַזעלכעס? — אַוועק מיטן טריפהנעם האַנדל! אַוועק! — און מירקין האָט זיך אַ ווילדער געוואָרפן אויף די פּעק וועש, קליידער, זיי אָנגעהויבן צו צעשאַרן אויף אַלע פיר זייטן. — קרענק פון דער רע־וואָלוציע! איר „אָקטאָבער"־בורזשויע!!

אינעם גערודער פון זיין פוריע האָבן זיך שקאַרפּעטקעס, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעקנוילט מיט אַנדערע זאַכן, אַוועקגעקוילערט און זע־נען צוגעפאַלן צו זיינע פיס.

ווי אַ טויט־דורשטיקער דערזעט דעם עמער וואַסער, האָט מירקין אינמיטן דערינען אָן אַלעם פאַרגעסן. זיך געוואָרפן אויפן פּאָק פאַר זיינע פיס, געכאַפּט די שקאַרפּעטקעס און געשריגן ווי אַ משוגענער:

— איך אויך גענומען אָנטייל אין „אָקטאָבער", איך אויך! אויפן דאַך פון טעאַטער־פּלאַץ, דאָרט! — לאָז מיך האָבן דערפאַר אַ פּאָר שקאַר־פּעטקעס.

. געכאַפּט און אַנטלאָפן.

די משרתים־יונגען האבן זיך געוואלט ווארפן אין געיעג נאך אים. די באבע וועלנדיק אויסמיידן א צוזאמענגעלויף, — האט זיי צוריקגע־האלטן מיט א מאך מיט דער האנט.

— אוודאי פון די, ביי וועלכע מ'האט צוגענומען די קאסעס. לאזט דעם טייוול לויפן.

בירקין אויבקערעווענדיק זיך א וועג אין געראנגל מיט דער מענגע, האט זיך ענדלעך א צעשוויצטער, און אויסגעמאטערטער אפגעשטעלט. ארויסגענומען פון טאש די מציאה, וואס ער האט זוכה געווען פון הפקר: אנשטאט די שקארפעטקעס האט ער געכאפט א צעריסע עם ווייבערשן זאק. א חרטה האט אנגעהויבן צו נאגן אין הארצן, אוועקווארפן דעם זאק אין מיטן דער גאס:

— זעט זיך אויס, אז איך בין מיט אן אמת קראנק, — האט ער זיך געזאגט און ער האט אנגעהויבן צו שפרייזן וווהין ס'האט אים געשלעפט דער אינבטינקט: צום איינציקן מיטיש, וואס ער האט איצט געהאט, — צו זיין באבער אין האטעל־שטיבל אריין.

קאפיטל 16

כרחם אב על בנים

אז דער פאטער האט דערזען זיין זון, האט ער זיך דערשראקן פאר זיין אנבליק. זאבארי האט זיך געטרייסלט. אויף זיין פנים איז געלעגן אויסגעגאסן אן אפשרעקנדיקע ווייסקייט, וואס האט פארהארטעוועט די גרימאסן און פארקראכמאליעט זיי אין איין שטיק, ווי א מאסקע. איבער דעם טויטן שטערן האבן זיך געזעצט הייסע אנגסטן.

— וואס איז מיט דיר — נישט געזונט? — פרעגט דער פאטער דער־שראקן.

— גארנישט פעלט מיר, — האט ער אויסגעשריגן אויפן גאנצן קול.

— ווי זעסטו אויס? דו ביסט קראנק — גיי אהיים, לייג דיך אין בעט אריין.

— איך בין נישט קראַנק, איך בין נישט קראַנק — קיינמאָל נאָך נישט אַזוי גוט זיך געפילט.

און איידער ער האָט נאָך פאַרענדיקט דעם זאַץ, האָט ער זיך אָנגעהויבן אַראָפּצולאָזן אויף די קניען, ווי עס וואָלט ווער אַ בענקעלע פון אונטער זיינע פיס אַוועקגערוקט — און פאַרלייגט מיט אַ מאָדנער חיה־שער אומבאַהאָלפנקייט זיין קאָפּ אויף דער פּלייצע, ווי יעדעס גאָטס באַשעפעניש טוט עס.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט דער פּאָטער אויסגעשריגן און מיט אַ יינגלשן שפּרונג שוין געווען אונטער זאַכאַרין. אונטערגעהויבן, אונטערגעהאַלטן אים און צוגעפירט צום בעט און אַוועקגעלייגט.

דער פּאָטער האָט אַראָפּגעשלעפּט פון אים דעם דורכגעווייקטן שעפּסענעם „פּול־שובעק", אַראָפּגעצויגן פון זיינע פיס מיט גרוים מי די וואַלאָקעס, וועלכע זענען פון פאַרפוילטקייט שוין געווען צוגעוואַקסן צו זיין פלייש. דערזען די צעפוילטע וועש אויף זיין לייב, האָט ער זיך דערשראָקן.

— גאָט, ווי דו זעסט־אויס! אין וואָס פאַרא הולך?

אין זיין קאַסטן האָט דער פּאָטער נאָך געהאַט די לעצטע פלאַש אָדעקאָלאָן, וואָס ער האָט באַהאַלטן אויף אַ נויט, האָט ער זי געעפנט, באַנעצט אַ האַנטוך, און גענומען רייבן זאַכאַרים קינדיש־מאַגערישן קערפּער.

— פאַרוואָס האָסטו מיר נישט געזאָגט, אַז דו האָסט קיין העמד נישט איבערצובייטן? — ביי מיר געפינען זיך דאָך נאָך.

זאַכאַרי האָט אים גאָרנישט אָפּגעענטפערט. עס האָט זיך אים געגלוסט שלאָפן, און ער האָט די אויגן פאַרמאַכט.

דער פּאָטער האָט פון זיין קאַסטן אַרויסגעשלעפּט אַ ריין געוואַשן העמד, אַרויפגעצויגן אויף זאַכאַרין און אים אין בעט געלייגט.

— שלאָף נישט, שלאָף נייטע — איך וועל טיי אָפּקאָכן, דו האָסט זיך צוגעקילט. הייז אַביסל — דאָס אַלץ.

זאַכאַרי האָט אויף אַ מינוט די אויגן אויפגעעפנט און אָפּגעענטפערט:

— הייז אַביסל — דאָס אַלץ, — און צוריק די אויגן פאַרמאַכט.

דער פּאָטער האָט זיין נאַפט־מאַשינקע אָנגעצונדן, דאָס קעסעלע מיט וואַסער אַרויפגעשטעלט און איז ווידער צוריקגעלאָפן צו זאַכאַרין,

וועלכער האָט דערוויַיל שוין אײַנגאַנצן די אויגן פאַרמאַכט צום שלאָפן.

— שלאָף נישט. עס איז שעדלעך איצט צו שלאָפן, וועסט דיך צו־ערשט מיט הייסע טיי אָנטרינקען, דורכשוויצן זיך — מאָרגן וועט דיר בעסער ווערן.

— יאָ, יאָ — דורכשוויצן, מאָרגן וועט בעסער ווערן. — און זאַכאַרי האָט ווידער די אויגן פאַרמאַכט.

— גאָט, וואָס טון? ביבע אַ דאָקטאָר רופן! — שטייט דער אַלטער פאַרצווייפלט, אָפּהענטיק אין מיטן שטוב.

— ניין, ניין, איך שלאָף נישט, עס איז שוין באַלד פאַרביי, — באַמיט זיך זאַכאַרי צו שטאַמלען, וואָך צו זיין מיט אַלע כוחות. אַ מינוט גע־לינגט עס אים.

דער פאָטער גייט צוריק צו דער נאַפט-מאַשינקע.

אַז ער קומט צוריק צום זון מיט דעם גלעזל הייסע טיי, וואָס גיסט זיך איבער זיינע ציטערדיקע הענט, געפינט ער שוין זאַכאַרין מיט פאַר־שלאָסענע אויגן, אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַוועקגעפאַלן אין אַ הינער־פלעט. געשלאָפן איז ער נישט. מ'האָט עס געקאָנט אָנזען אין זיין שווערן אָטעם. עס האָט זיך אייסגעוויזן ווי עס פּייניקט אים וועד אין חלום...

דער פאָטער האָט געשווינד אַוועקגעשטעלט דאָס גלעזל טיי אויף אַ טיש, איז ווידער צוגעלאָפן צום זון, אויפגעדעקט אים, איבערגעהויבן דאָס העמד און אָנגעהויבן אים צו באַטראַכטן.

— נאָר נישט דאָס! נאָר נישט דאָס, גאָט מיינער! — האָט דער אַל־טער געשטאַמלט פאַר זיך אַליין.

קיין רויטע פלעקן איז נישט געווען צו זען אויפן זונס לייב.

— קיין טיפוס איז עס נישט, גאָט צו דאַנק, — זאָגט דער פאָטער צו זיך, — צוגעקילט זיך אַביסל, יעדנפאַלס וועט מען באַדאַרפן די נאַכט דורכוואַרטן.

דער פאָטער האָט באַטראַכט זיין זונס אויסגעמאָגערטן ייִנגלשן קער־פּער. ער איז באַשטאַנען פון הויט און ביינער. זיינע ריפּן־ביינער האָבן אַרויסגעשטאַרט ווי בויגן־זייטן, וואָס ווילן אויפשפּרינגען. זיין בויך — אַ ליידיק איינגעפאַלן זעקל. די פיס — דינע שטעקנס. שוואַך זענען געווען פאַרוואָרפן די הענט. דער גאַנצער קערפּער איז ווי אַ געפּייניקטער, אַ גע־שמיסענער גלעגן חיהדיק אומבאַהאָלפן און געבעטן זיך רחמנות.

— גאָט, וואָס האָבן זיי געטון מיט אים? זיי האָבן אים געפּייניקט, צי וואָס? קיין איין לויט פלייש איז דאָך נישטאָ אויף אים. — זאַ־כאַריושקע, מיין אָרים ייִנגל, וואָס איז געשען מיט דיר? — און דער פּאַ־טער האָט זיין גרויע, האַרטע באָרד צוגעבויגן צו זיין זונס נאַקעטן לייב.

ער האָט אים שוין איצט פּאָטער־געטריי געריבן מיט גרויס צערט־לעכקייט מיטן פייכטן האַנטוך איבער דער דאַרער זייט, צוגעדעקט אים וואַרים מיט דער קאָלדרע און מיט זיין פּעלץ, און אוועקגעזעצט זיך אויפן ראַנד פון זיין בעט, געוועקט דעם זון מיט אַ לייכטער באַרירונג.

— זאַכאַריושקע, דו הערסט מיך?

זאַכאַרי האָט געהערט אַלץ, וואָס דער פּאָטער זאָגט, געוואָלט אים אָפּענטפערן און נישט געקאָנט. ער האָט באַוועגן מיט די ליפּן, נאָר זיי האָבן נישט געקאָנט קיין וואָרט פון זיך אַרויסברענגען. ער האָט גע־שטאַרקט זיך די אויגן צו עפענען, און נישט געקאָנט, ווי עס וואָלט ווער אַ שווערע וואָג אייזנס אויף זיינע הייטלעך אַרויפגעלייגט. אַלץ, וואָס האָט זיך געטון אין שטוב, האָט זיך איינגעהילט אין וואָלקן־רויך, און פון דער גערדיכטעניש האָבן אַהערגעדרונגען צו אים דעם פּאָטערס ווערטער ווי דורך אַ געדיכטער זיפּ. אַלץ דערווייטערט זיך פון אים און רוקט זיך אָפּ — ביז עס ווערט אַזוי קליין, אַז ער דערזעט עס קוים.

דער פּאָטער, וועלכער האָט געהאַלטן זיין קראַנקן זונס דערהיצטע האַנט אין זיינער און געקוקט אין זיין פּנים אַריין מיט גרויס ליבע, האָט געזען, ווי זאַכאַרי גייט־אַוועק פון אים, ער אַמפּערט זיך און רייסט זיך פון אים. מיט זיבן־מייליקע טריט אַנטרינט ער פון אים אין אַן אַנדערער פאַרהוילענער וועלט, וואָס ער זעט איצט אין זיין שלאָף. דער פּאָטער וויל אים איינהאַלטן מיט אַלע מיטלען און וועגן.

— זאַכאַריושקע, דו הערסט מיך? זאָג, אַז דו הערסט מיך. שלאָף נישט, שלאָף נישט. זאָג, דו הערסט מיך.

— יאָ, פּאַפּאָטשקע. יאָ, יאָ, איך הער דיך, — וויל זאַכאַרי זאָגן, נאָר די ווערטער ווערן פאַרזונקען אין דעם נעפּל, וואָס איז פאַרוועבט אַרום אים.

קוואַלן פון ליבע צו זיין קינד עפענען זיך אין אַלטן מירקינס האַרץ און איבערשווימען אים. ער האָט קיינמאָל נישט געוווּסט, אַז אַ פּנים פון אַ זון קאָן אַזוי פיל רחמנות דערוועקן. זאַכאַריושקע ווערט פאַר־

וואַנדלט אין דעם איינציקן אינהאַלט פון זיין לעבן. דאָס גאַנצע ציל און זין פון זיין שטרעבן דערזעט ער מיטאַמאָל. דאָס אויסערגעוויינלעך־בליי־כע פאַרשטיינערטע פּנים פון זיין יינגל רירט אים ביז טרערן. די באַוועגונגען פון זיין ביינערדיקער ברוסט, וואָס אַרבעט הויך און מוטשעט זיך אונטער דער דעק, דערוועקט אין אים אָן אַ שיעור רחמנות. זאַכאַריוש־קעס לייב ווערט וואָס אַמאָל באַקאַנטער, אייגענער און קינדישער. די פֿאָרם פון זיינע גלידער ווערט אויסגעהויבט צוריק און אָפּגערונדעט מיט קינדישן חן, אַרויסגעקוקטן מיט צערטלעכקייט און ליבע. דער אַלטער ווערט פאַרזעצט אין יענע יאָרן פון יעקאַטערינבורג — ער האָט גאָרנישט געהאַט קיין אַנדער לעבן, דאָס אַלץ, וואָס איז געשען מיט אים, איז געווען אַ טעות. דעם איינציקן זון זיינעם האָט ער פאַרלאָזט. פאַרנאַכלע־סיקט אַליין, אַרומגעלאָפן, פאַרבונדן זיך מיט אַנדערע — און צו וואָס? צו וועו?

דער אַלטער האָט זיך געפילט, ווי ער וואָלט שוין אַליין געווען אי־בערגעבליבן אין שטוב. זאַכאַריושקע איז שוין ערגעץ־ווו אַוועק, און ער הערט אים שוין נישט און ער זעט אים שוין נישט, און ווי אין דער קעגנ־וואָרט פון אַ טויטן האָט ער שוין גערעדט צו זיך הויך אויפן קול:

— יעס איז דאָך מיין שולד. — וואָס איז ער דען אינגאַנצן? אַ יינגל. און איך האָב זיך גערעכנט מיט אים, פאַרשטויסן, איבערגעלאָזט אויף זיין אייגענעם גורל. געוויס איז עס מיין שולד. אויף דער עלטער אַ פאַמיליע געגרינדעט. די כלה אים צוגענומען. איך, אַלטער זינדער. אין פאַרפוילטע ווילאָקעס איבער דער גאַס זיך אַרומגעשלייכט, אָן אַ העמד אויפן לייב, ווי דער לעצטער באָסיאַק. און איך האָב נאָך דעם באַליידיקטן געשפּילט — איך, אַלטער עגאָאיסט.

ער האָט געפילט, ווי זיינע אויגן־טאָרבעלעך פילן זיך אָן. ער האָט שוין נישט געמאַכט קיין פּרווו זיך צוריקצוהאַלטן. ער האָט שוין איצט הויך געקלאָגט, ווי דער ערשטער־בעסטער בעטלער. עס איז אים שוין אַלץ־איינס געווען. גאַנץ האָט זיך געגאָסן פון זיין פאַרקרומט מויל אויף זיינע שפּיצן באָרד, טרערן איבער די אַלטע באַקן. ער האָט זיך גע־וואָרפן פאַרן בעט און מיט ציטערדיקע הענט געזוכט דעם זונס הענט, באַרירט זיי מיט זיין באָרד און פּנים:

— זאַכאַריושקע, זאַכאַריושקע, מיין איינציק יינגל, שטאַרב נישט.

שטאַרב נישט. איך האָב דיך דאָך ליב. קיינמאָל קיין אַנדער לעבן נישט געהאַט. איך האָב דאָך דיך שטענדיק ליב געהאַט. דו, מיין קראַנק ייִנגל, זײַ מוחל, זײַ מוחל, — און פּייכט געמאַכט זאַכאַרים הענט מיט גאַוועד און טרערן.

— דו הערסט מיך, זאַכאַריושקע? זאָג, ווייז אַ צייכן, שאָקל מיטן קאָפּ, אַז דו הערסט מיך! זאַכאַריושקע!

זאַכאַרי האָט אַלץ געהערט. ווי דורך אַ זיפּ זענען דורכגעגאַנגען די ווערטער. עס איז אים גוט געווען, ווי נאָך קיינמאָל נישט. ער איז צוריק אַ קינד געוואָרן. עס איז, ווי עס וואָלטן אַלע מוטערס הענט צוזאַמענגע־נאָסן זייער רירנדיקע צערטלעכקייט אין דעם פליייש, וואָס באַרירט אַזוי געטריי זיין לייב איצט... די האַנט איז נאָך טייערער, ווייל זי איז די אומדערגרייכבאַרע, פון זיין פאָטער. ער פילט, ווי זי וואַשט־אָפּ פון אַלע זינד, וואָס דאָס לעבן האָט אויף אים אָנגעגאָסן. זי זויבערט און דער־לייזט פון אַלע אומגערעכטיקייטן און עוולות. אַלץ קריגט צוריק אַ זין, אַלץ ווערט באַרעכטיקט... דאָס שלעכטס, וואָס לאַסטעט אויף דער נשמה, ווערט פאַרטיליקט — זי טראָגט דיך זיכער, און ברענגט דיך אין טייכן — וואַשט דיך פון איין כוואַליע אַרויס אין דער אַנדערער אַריין. עס כאַפּן דיך אויף ווינטן, יאָגן איבער דיך, נעמען דיך אַדורך ווי שטראַלן, וויקלען דיך אין ווינטיקע וויקלען, אין באַוועגלעכע שאָטנדיקע טיכער — אַזוי וויקלסטו דיך אַרויס פון עלטער און שלעכטס צוריק אין דיינע קינדער־יאָרן אַריין. דו ביסט געזויבערט, דערלייזט און באַלייטזעליגט געוואָרן.

— פּאַפּאָטשקע, מיר איז גוט, — האָט ער געהאַלטן אין איין זאָגן. נאָר די ליפּן האָבן זיך נישט באַוועגן.

**
*

שפּעטער אין דער נאַכט האָט זיין לייב און פּנים אָנגעהויבן צו ברע־נען. די אויגן האָט ער נאָך געהאַלטן פאַרשלאָסן. אַנגסטן זענען גערונען פון די פייכטע האָר איבערן שטערן אויף די באַקן אַראָפּ. דאָס ביינער־דיקע האַרץ־ברעט האָט זיך איצט וואָס אַמאָל העכער געהויבן. ווען דער פאָטער האָט אַראָפּגערוקט די דעק פון אים דורכן לייַלעך, האָט מען געזען, ווי די ביינערנע ריפּן אַרבעטן פון זיין דינעם לייב אַרויס.

ער האָט געה־עדט פון שלאָף אומפאַרשטענדלעכע ווערטער. ער האָט זיך געפונען אויף אַ בית־עולם, אין וועלכן די גאַנצע וועלט איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן. ער גייט משופּעדיק באַרג־אַרויף, אויף שריט און טריט געפינען זיך אָפענע קברים, אינעווייניק ליגן בר־מינגם אין געשטאַלט פון ווורשט־פענכערס. די ווורשט־פענכערס שטרעקן־אויס צו אים ווורשטן־פאָרמדיקע אברים, ווילן אים אַראָפּשלעפּן אין די קברים. האַנט־אין־האַנט גייט ער מיט העלענען איבערן בית־עולם זוכן אַ שטעג צווישן די אָפענע קברים. זיי אײַלן זיך ווי אַמגעשווינדסטן אַרויסצוקריגן זיך אויפן שפּיץ באַרג — דאָרט אויבן איז דער קץ־כּל־הקצים. — און דאָרט אַרויף מוז מען זיך דערדראַפּען. נאָר וואָס ווייטער — אַלץ מערן זיך די קברים און פאַרשטעלן דעם טריט. די וועלט איז באַגאָסן מיט אַ בין־השמשותדיקער גלות. בלויע און געלע טוליפּאַנען וואַקסן־אַרויס אונטער די טריט, לײַכטן זיך ווי אַ יום כּפּור־ליכט. אָט דערזעען זיי שוין דעם שפּיץ באַרג, דעם שטעג, וואָס פירט אַרויף גלײַך צו אים. מיטאַמאָל ווערן די טריט שווער, ווי עס וואָלט ווער געוויכטער אָנגעהאָנגען אויף זיי. זיי קנעטן זיך אַרײַן אין בלאָטיקע ליעבער און קאָנען זיך נישט רירן פון אָרט. ער שטייט פאַר אַן אָפענעם קבר. — „ביז דאַנען וועסטו גיין, נישט ווייטער" — ווערט אים מיטאַמאָל באַוווסט. העלענקעס האַנט גליטשט זיך אַרויס פון זײַנער, זי גייט ווייטער און לאָזט אים שטיין צוגעקייטלט צו זײַן אָרט. פון קבר שטרעקן זיך אויס די ווורשטן־הענט צו אים.

— שטיי, שטיי, וואַרט אויף מיר, איך קום, — האָט ער הויך אָנ־געהויבן צו שרייען אויף רוסיש און געריסן זיך פון בעט.

— זאַכאַריושקע, וואָס איז מיט דיר? איך בין דאָך בײַ דיר, — האָט דער אַלטער געהאַלטן אַרומגענומען זײַן זונס דורכגעווייקטן, אַנגסטיקן קערפּער, וואָס האָט זיך געריסן פון בעט...

דער אַלטער איז אַ גאַנצע נאַכט נישט אָפּגעטראָטן פון זײַן זונס בעט, געהאַלטן אים אין איין אײַנרײַבן מיט אָדעקאָלאָן און צוגעלייגט נאַסע האַנטיכער אויפן צעהיצטן שטערן. די אילוזיעס האָבן זיך געביטן און מיט זיי זײַן זונס פאַרהאַלטן. זאַכאַרי האָט אָנגערופן נעמען, געראַנגלט זיך מיט וועמען. אַן אַנדערש מאָל געבעטן מחילה. זיך באַשולדיקט. די אילוזיעס האָבן אויך אָנגעשטעקט דעם אַלטן מירקין.

— ווער נאָר געזונט, זאַכאַריושקע, ווער נאָר געזונט. קיינמאָל,

קיינמאָל וועל איך דיך נישט מער פאַרלאָזן. קיינמאָל נישט, דו הערסט מיך, זאַכאַריושקע? זאָג, דו הערכט מיך?

— איך בין נישט שולדיק, איך בין נישט שולדיק — זאָג, אַז דו גלויבסט, אַז איך בין נישט שולדיק! — בעט זיך זאַכאַרי ביי וועמען.

דער פאָטער, וועלכער האָט געמיינט, אַז זאַכאַרי האָט צוריקגעקראָגן דעם באַוווסטזיין און רעדט דאָס צו אים — האָט אים מיט טרערנדיקע בליקן געצערטלט:

— זאַכאַריושקע, מיין ייִנגל. עס איז מיין שולד. די גאַנצע שולד אויף מיינע אַלטע פּלייצעס. דו האָסט עס דאָך גוט געמיינט.

— און דאָך וועלן מיר זיי נאָך ווייזן. אויף דעם „רויטן פּלאַץ" וועלן מיר אַ בית־המקדש פאַר דעם מענטש אויפשטעלן!

***

צומאָרגנס איז געגאַנגען דער אַלטער מירקין און האָט איבערגעטוישט ביים פריינטלעך־געשטימטן לאַקיי פון האָטעל זיין ווייס־לייוונטן העמד אויף אַ רוסיש־פּויעריש. אָנגעטון זאַכאַרים צעריסענעם שעפּסענעם „פּול־שובעק", די האָר פון דער באָרד צעקאָלטענעוועט. די גישט־אויסגעשלאָפענע אויגן האָבן געקראָגן פייכטע רויטע רינגען — האָט ער אויסגעזען, ווי אַ צעבראָכענער אָרימער מאַן. ער האָט אָנגעהויבן אַרומצוקריכן פון איין שפּיטאָל צום אַנדערן, געבעטן זיך:

חברים, גיט אַ בעט פאַר אַ קראַנק־געוואָרענעם „סאָוויעטישן" טוער, אַן אַקטיוון אָנטיילנעמער אין „אָקטאָבער"!

ביי זאַכאַרין האָט זיך אַנטוויקלט אַ לונגען־אַנטצינדונג.

דער אַלטער מירקין האָט אָנגעהויבן צו פאַרנאַכלעסיקן זיין אַרבעט, די „אָרגאַניזאַציע" איז אים שוין מער נישט אָנגעגאַנגען. ער האָט געהאַט נאָר איין אויפגאַבע אין זיין לעבן: צו פלעגן זיין קראַנק קינד.

קאפיטל 17

אין סטעפ

נאכן רעגן איז דער סטעפ אויפגעגאנגען מיט א שפעדיקן ריח פון גראז. דער הימל איז נאך געווען אש־בלויאיק, באליגט מיט טונקעלע וואלקנס. נאר די וואלקנס האבן שוין קיין ממשות נישט געהאט. אויסגע־לאדן די ברכה, וואס זיי האבן געטראגן אין זיך, זענען זיי ווי צעריסענע זעק צעקראכן, רויטלענדיק מיט אויפגעריזטע פארעס און פון צווישן זייערע ריסן האט זיך ארויסגעוויזן דער ריכטיקער בלוי־זילבערדיקער שיין פון די הערלעכע הימלען. ביים ראנד פון האריזאנט האט זיך אויפגע־עפנט א ברענענדיק פייער־לאך, און אין אים איז איצט אלץ אריינגע־פאלן...

די סטעפישע ערד האט נאכן רעגן טייגיק געיערט, צעלייגט זיך אין טיילן. טויזנטער מיילער האבן זיך אויפגעעפנט און איינגעזויגן אין זיך דעם פעטן רעגן־טראפן. די קי, וואס זענען איצט פון דעם נאסן פעלד צו־ריקגעקומען, געטריבן אונטער די שמיץ פון א דורכגענעצטן דארפס־שניץ, מיט א זאק איבערן לייב, זענען, ווי זייער פירער, פיטש־נאס דורכגעווייקט געווען. דאך האבן זיי מעלה־גרהדיק צופרידן געמרוטשעט, געטראטן מיט זייערע שטארקע בזומשע קנעכלען אין דער בלאטיקער ערד פון דער גאס און פארשפרייט פון זייערע דורכגעווייקטע רויטע פעלן א מילכיקדיקן גע־רוך, אויסגעמישט צוזאמען מיט קיאישער צאה, פון שווארץ־דורכגעווייק־טע פלויטן זע־ען בארוועסע פויערטעס ארויסגעקומען, אריינגעטריבן זייערע בהמות אין זייערע הויפן.

פאר איינעם פון די הייזלעך איז איצט געשטאנען א פויערשער ברייטער וואגן. באליגט מיט פרישן שטרוי און איינגעשפאנט צו צוויי קארע פויערשע פערדלעך. פון דעם נידעריקן שטיבל־טירל האט דער פויער ארויסגעטראגן קופערס מיט וואליזקעס. נאך אים זענען ארוים צוויי שטאָ־טישע פאסאזשירן, אין קאווקאזישע שווארץ האריקע ווילאק־פעלערינעס איינגעהילט, אויפגעזעצט זיך אויפן וואגן, און דער פויער איז מיט זיי אין סטעפ ארויסגעפארן.

דאס זענען געווען דער אדוואקאט האלפערין מיט זיין זון מישענקע.

דורך וואַכן און וואַכן האָבן זיי זיך געשלעפּט. צוערשט קיין מאָסקווע, דערנאָך קיין קורסק מיט דער באַן, פון דאָרט ווייטער ביז כאַרקאָוו. מיט דער הילף פון פּאָלישע סאָוויעטישע פּאַפּירלעך, וואָס זיי האָבן פאַר גוט געלט ארויסבאַקומען, האָבן זיי זיך פון כאַרקאָוו געשלעפּט דורך דעם סטעפּ, ביז זיי האָבן זיך ענדלעך דערשלאָגן צום דאָרף מיכאַי־לאָווקע, וואָס ליגט ביים באַן־קנופּ איוואַנאָווקע. די גאַנצע צייט דורך דעם סטעפּ זענען זיי געווען אין גפאַר אריינצופאַלן אין באָלשעוויסטישע הענט. דער סטעפּ פון כאַרקאָוו אָן איז געווען דאָ „רויט" און דאָ „ווייס". פון כאַרקאָוו אָן איז די באַן געווען אָפּגעהאַקט. סאָלדאַטישע מאַראָדערן און רויבערישע באַנדעס האָבן געמאַכט דעם גאַנצן סטעפּ נישט זיכער. די פאַרבן האָבן זיך געטוישט. אָט איז אַ שטח געווען „רויט", און דעם נעכסטן טאָג האָבן שוין דאָ די „ווייסע" געהערשט. און מען האָט נישט געוווּסט, וואָס פאַראַ פּאַפּירל צו באַנוצן: צי אַלס „באָלשעוויסטישע שלי־חים", אָדער זיך געבן צו דערקענען מיט די ריכטיקע נעמען. מיכאַילאָוו־קע איז אָבער שוין געווען זיכער „ווייס". פון איוואַנאָווקער באַן־קנופּ זענען זיך די באַן-ליניעס צעגאַנגען איינע אויבן־אַרויף, צו צאַריצין, ביי דער וואָלגע; די אַנדערע, אונטן-אַראָפּ, צו דרום, קיין ראָסטאָוו. קיין אי־וואַנאָווקע האָבן זיך געצויגן אַלע אַנטלאָפענע אָפיצירן, יונקערס און אַנ־דערע צעטריבענע געליטענע עלעמענטן — פּאַריאַגטע פריצים פון הויפן, ארויסגעוואָרפענע באַאַמטע, וואָס האָבן זיך געקליבן מלחמה-האַלטן מיט די באָלשעוויקעס. נאָר אַממערסטן האָבן אהין געצויגן די פון פראָנט צוריק־געקומענע סאָלדאַטן, וואָס האָבן שוין נישט געקאָנט צוריקגיין צו זייער טאָג־טעגלעכער באַשעפטיקונג און האָבן געזוכט נייע מעגלעכקייטן פאַר מאָרד און רויב. ארויסגעקראָגן זיך פון די באָלשעוויסטישע צוואַנגען, האָט דער אַדוואָקאַט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ דריי־טאָגיקן אָפּרו אין דאָרף מיכאַילאָווקע. עס איז געווען גענוג צו עסן אין דעם פעטן סטעפּישן דאָרף, און מען האָט געקאָנט פריי אָפּכאַפּן דעם אָטעם פון אַלע איבער־לעבענישן, פון דער טויט־אַנגסט, וואָס האָט געהאַלטן אין אירע נעגלדיקע לאַפּעס זינט דעם באָלשעוויסטישן איבערקער.

ארויסגעקראָגן זיך פונעם באָלשעוויסטישן קלעם, האָט דער אַדוואָ־קאַט זיך געפילט ווי ניי־געבוירן. דער קאָשמאַר האָט דורך די דריי טעג פון רואיקן שלאָף, וואָס ער האָט גענאָסן אין דעם דאָרף, אָנגעהויבן צו

צערינען. און דער אַלטער גלויבן האָט ווידער אָנגעהויבן אויפצולעבן און געגעבן אים כוחות אויף נייע האָפענונגען, אויף נייעם מוט.

דער אַדוואָקאַט און מישע האָבן געזאָלט אַרויספאָרן פון דאָרף אויף מאָרגן באַגינען. זיי זענען פאַרהאַלטן געוואָרן דורך דעם רעגן ביז דער ערשטער מיטאָג־שעה. דאָך האָבן זיי נאָך דערוואַרט ווי עס איז צוצוקריגן זיך מיט דער נאָכט צו דער באַן־סטאַציע איוואַנאָווקע. און מיט דער גרעסטער האָפענונג ענדלעך אַריינצוקריגן זיך אין אַ באַן־וואַגאָן, האָבן זיי זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

אַז זיי זענען אַרויסגעקומען פון דאָרף אין דעם אָפענעם סטעפּ, האָט שוין די זון געטריקנט מיט איר וואַרימקייט די פייכטע בלאָטיקע ערד. דער סטעפּ איז שוין געווען אינגאַנצן אויפגעגאַנגען, ווי אַ טראָגנדיקע פרוי אין די הויכע חדשים. איצט, נאָכן רעגן, האָט ער ערשט ריכטיק אָנגעהויבן צו שמעקן מיט אויפגייענדיק ברויט. די ווייכע גרינקייט פון די גראָזדיקע קאָרן־זאַנגען האָבן די גאַנצע אויבערפלאַך פון סטעפּ באַדעקט. די ווייצן־גרעזער, דער האָבער, די מילך־גראָזן פון דער קאָניטשינע, וואָס דער רעגן האָט געהאַט אומגעוואָרפן, האָבן פון די וואַרימע שטראַלן אויסגעגלייכט זייערע רוקנס, געציטערט מיט קינדישער צערטלעכקייט פאַר באַנאַסטער פרישקייט. אַ ווינטל האָט געבלאָזן, אויפגערודערט וועלן איבער דער פוכיקער גרינלעכער אויבערפלאַכקייט, ווי איבער אַ טייך... דער אַדוואָקאַט האָט ערשט איצט צייט געהאַט מיט פרייען אָפּגעלאָזטן אָטעם צו געניסן פון דעם אָנבליק פון דעם פרילינגדיקן סטעפּ, און ער האָט זיך אָנגערופן צו זיין נעבן־זיצנדיקן זון, מישענקע:

— שיין איז אונדזער רוסלאַנד. עס לוינט זיך פאַר איר אַלץ איבערצוטראָגן.

מישענקע איז דורך די לעצטע יאָרן אויסגעוואַקסן. ער האָט אין דער מלחמה פאַרלוירן זיין ווייכע ווייבלעכקייט. ער איז נאָך אַזוי שיין געווען ווי אַמאָל — דער מוטערס שווערע אויסגעגלעטע אויגן־הייטלעך מיט די דעליקאַטע ברעמען. נאָר זיין פּנים, ווי זיין כאַראַקטער, זענען איצט מער מענלעך געווען.

— דאָ, אין דעם טייל סטעפּ, זעט אויס, האָבן זיי פאַרזייט, און מען זעט אויך נישט אַזאַ פאַרניכטונג פון פריצישע הויפן, ווי עס איז געווען

דאָרט אונטן. נישט גאַנץ רוסלאַנד איז משוגע געוואָרן. עס איז, ווי די רעוואָלוציע וואָלט צו זיי גאָרנישט דערגרייכט.

— ניין. נישט גאַנץ רוסלאַנד איז פאַררוקט געוואָרן. איך הייב־אָן צו גלויבן אין רוסישן פּראָסטן מענטש, נישט אין דעם אינטעליגענט. די אינטעליגענץ איז אפשר געווען דאָס אומגליק פון רוסלאַנד. מיר האָבן גע־זוכן ביי אויסלאַנד, נישט פארשטאַנען די רוסישע נשמה, און וואָס עס איז גוט פאַרן דייטש האָבן מיר געוואָלט צופּאַסן צום רוסישן מענטש. דער אינטעליגענט האָט אָפּגענאַרט, פאַרראַטן. די ישועה וועט קומען פון רוסישן פּויער, פון איינפאַכן רוסישן פאָלקס־מענטש, ער האָט שוין נישט איינמאָל געראַטעוועט רוסלאַנד, דער רוסישער פּויער — פון דער אמאָ־ליקער פּוילישער אינוואַזיע, פון נאַפּאָלעאָנס איבערפאַל. און ער וועט ראַ־טעווען רוסלאַנד פון די באָלשעוויקעס. ער וועט זיך מער נישט לאָזן פאַר־שקלאַפן, דער פאָלקס־מענטש. זע, ווי זיי קומען־אָן. מען זאָגט, איוואַ־נאָווקע איז פול, פון אַלע פראָנטן קומען זיי אָן. די טשעכאָסלאָוואַקן שטייען שוין באַלד ביי קאַזאַן, לאָזן זיך אויף ניזשני־נאָווגאָראָד, קראַס־נאָוו האָט צונויפגענומען זיינע קאָזאַקעלעך פון דאָן, די ארמיי פון מער־קישן פראָנט רוקט זיך אויך צו. ניין, נאָך נישט אַלץ איז פאַרפאַלן. אָפּט־מאָל דאַכט זיך, בחינם שלעפּן מיר זיך קיין קאַווקאַז. לאָזן די ווייבער וואַרטן, — אויך זיך באַדאַרפט אָנשליסן, ווען נישט ביים פראָנט, איז כאָטש מיט עפּעס אַנדערש בייהילפיק צו זיין.

— נו, פּאַפּאָטשקע, פאַר דיר וועט עס זיין שוין נענוג. דו האָסט שוין דאָס דייניקע אָפּגעטון. די ערשטע זאַך באַדאַרפסטו זען די ווייבער אין זיכערקייט צו ברענגען.

— נישטאָ קיין קרבן גרויס גענוג, ער זאָל נישט ווערט זיין אָט די ערד דאָ, — ווייזט דער אַדוואָקאַט אויפן בליענדיקן סטעפּ. — די צרה מיט אונדז יידן איז געווען דאָס, וואָס מיר האָבן זיך לייכט געלאָזט פאַר־טרייבן פון די ערטער, אויף וועלכע מיר זענען געזעסן. מ׳האָט אונדז גע־שלאָגן אין איין לאַנד, האָבן מיר זיך אויפגעכאַפּט, גענומען האַק און פּאַק און איבערגעפּעקלט זיך אין אַ צווייט לאַנד, ווו מ׳האָט אונדז געדולדעט. דורך דעם זע־ען מיר צו קיין ערד נישט געוואָרן צוגעוואַקסן. גענוג גע־וואַנדערט. רוסלאַנד איז אונדזערס. דאָ האָבן מיר אויסגעהאַלטן פּאָגראָ־מען און פאַרפאָלגונגען און געהאָלפן רוסלאַנד באַפרייען זיך פון צאַרישן

יאַך, און מיר וועלן איר. העלפן אראָפּוואַרפן פון זיך די באָלשעוויסטישע פאַרשקלאַפונג. ניט אַנטלויפן, נאָר שטיין מיט די בעסטע קינדער און נאָך אַמאָל מיטן בלוט באַצאָלן פאַר איר פרייהייט. קיינער זאָל אונדז נישט קאָנען דערנאָך פאָרוואַרפן, אַז מיר זענען געקומען צום גרייטן. מיר יידן מוזן טייער באַצאָלן, נאָך טייערער ווי יעדער אַנדערער עלעמענט, פאַר אונדזער פרייהייט. ניין, ניין, פון דאַנען גייען מיר מער נישט. דאָ טיילן מיר דעם גורל מיט אַלע — גוט אָדער שלעכט. איך בין זייער שטאָלץ אויף דיר, מיין זון, זייער שטאָלץ, וואָס דו שליסט דיך אָן אין דער אַרמיי.

דער אַדוואָקאַט איז שטיל געבליבן און האָט אַרויפגעקוקט. אַנטקעגן זיי איז אָנגעקומען צו רייטן איינער פון רוסלאַנדס „בעסטע קינדער", גלייך אויף זיי.

א פוטערן קאָזאַקיש היטל אויפן קאָפּ, אין אַ צעריסענעם שפּענ־פּעלץ, איז ער אָנגעריטן, מיט דער רער פון זיין ביקס אָנגעצילט אויף די פּאַסאַזשירן, צום וואָגן צו.

— שטיין! ווער זענט איר דאָס אַזעלכע? — פרעגט ער.

דער קאָזאַק האָט געקוקט מיט וויל־לוסטיקע אויגן אויף זיינע קרבנות.

דער אַדוואָקאַט האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געבייזער:

— ווי אַזוי וואַגסטו אונדז צו פאַרהאַלטן? דאָ פאָרן אָפיצירן זיך אָנשליסן אין גענעראַל קראַסנאָווס אַרמיי, מלחמה צו פירן קעגן די באָל־שעוויקעס. אָט דאָס איז מיין זון, אַ לופט־פליער.

— דאָס וועלן מיר זען. אַנו, באַווייז נאָר דיינע דאָקומענטן, — לאָזט זיך שוין דער קאָזאַק צו דעם אַדוואָקאַט, טאַפּנדיק מיט די הענט.

— אָט דאָס זענען אונדזערע דאָקומענטן, — האָט מישענקע צונג־שטעלט די רער פון זיין רעוואָלווער צום קאָזאַקס פּנים. ווילסט אים זען? הינטישער זון!

דער קאָזאַק האָט באַוויזן זיינע ווייסע געשליפענע ציין, פאַרשפּרייט די נאָז־לעכער, און דאָס בלייכע פּנים האָט אויפגעלאַכט.

— זייט מוחל. געמיינט, אַז איר זענט יידן, וואָס גנבענען זיך פון די באָלשעוויקעס. פאַרשידענע סוביעקטן שלעפּן זיך איצט איבערן סטעפּ. זייט מוחל! — און ער האָט געגעבן זיין פערד די שפּאָרעס צו פילן און איז אָפּגעריטן.

נאָך דעם אינצידענט האָבן שוין פּאָטער און זון אויפגעהערט צו פירן דאָס פּאַטריאָטישע געשפּרעך.ביידע זענען פאַרזונקען געוואָרן אין זייערע געדאַנקען. און דער פייער אויפן געזעס, און די פערד אין שפּאַן האָבן אָנגעהויבן אויסצושנאַפּן מיט זייערע נאָזדרעס די ריכטונג קיין אי־וואַנאָוואָקע — פון דעם נאַקעטן, ברייט־וימיקן סטעפּ אַרויס...

***

דער באַן־קנופּ איוואַנאָוואָקע איז געווען קוים אַ קליין שטעטל, פאַר־זוואָרפן אין סטעפּ. אַ פּאָר נייע געשינדלטע הייזער און אַ גרויסער אומגע־לומפּערטער ניי־אויפגעשלאָגענער באַן־הויף. דער באַן־הויף איז געווען פאַרפּלייצט מיט סאָלדאַטן, אָפיצירן און אַנדערע גאַנצע, האַלבע און שטיק־לעך מיליטער־לייט, וואָס מען האָט אָנגעזען, אַז זיי האָבן אויף געשווינד אַרויפגעוואָרפן אויף זיך שטיקלעך מיליטערישע אָנטועכץ, כדי זיי זאָלן האָבן אַ רעכט צו זיין פון די רויבער און נישט פון די קרבנות.

שוין אויף דער סטאַציע אין איוואַנאָוואָקע האָט דער אַדוואָקאַט גע־האַט געניג געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט דעם עלעמענט, וואָס האָט זיך געקליבן צו באַפרייען רוסלאַנד פון דעם באָלשעוויסטישן יאָך. „די בעסטע קינדער פון רוסישן פאָלק", ווי דער אַדוואָקאַט האָט זיי אָנגע־רופן, זענען באַשטאַנען פון אַ מישמאַש, כלערליי פאַרדעכטיקע און פינצ־טערע עלעמענטן. וואָס שייך זייער האַלטן זיך, זייער אויסזען, זייער רעדן — האָט עס פאַרראַטן די אמתע מאָטיוון, וואָס האָבן זיי געבראַכט אַהער. עס איז געווען אַ בבל־אויסמיש פון פעלקער, ראַסן און נאַציעס. אָפיצירן און סאָלדאַטן פון פאַרשידענע מיליטערישע אָפּטיילונגען, אָנגעטון אין יעדער מעגלעכער באַקליידונג — האַלב־מיליטעריש, האַלב־ציוויל. פאַר־טערנע קאָזאַקישע היטלעך, קאַווקאַזישע פעלצענע מאַנטלען, פעלערינעס, פּויערשע שעפּסענע „פּולשובקעס", שלעכט באַשוכטע, טייל אין וואַלאָ־קעס, אַנדערע אין שטאָטישע לאַקירטע שיך. אַלע זענען געווען באַקליידט מיט קאַווקאַזישע פּאַטראָן־פּאַסקעס און אָפיצירן־רימענס איבער די ביי־כער. זייערע כלי־זיין, ווי זייער אָנטועכץ, זענען באַשטאַנען פון פאַרשי־דענע טיילן: טערקישע צווייפלהאַפּטע ביקסן, רעוואָלווערן, קינזשאַלן, שפּיזן אָדער גלאַט מעסערס. אין דער באַקליידונג און באַוואָפענונג האָבן

זיי גיכער געמאכט אַן איינדרוק ווי אַ צוזאַמענלויף פון באַנדיטן, איידער פון אַן אַרמיי. אַלץ האָט געברענט מיט אַנגעהיצטער אומגעדולד אויף אָנ־קומענדיקע צוגן, וואָס האָבן זיך קיינמאָל נישט געוויזן.

אויף דער פּאַדלאָגע אין ענגן שמוציקן וואַקזאַל זענען געלעגן אָנ־געוואָרפן קופּעס מענטשן, פון וועלכע עס האָבן זיך געטראָגן פאַרשטיקטע ריחות, ווי פון פאַרלעגענע פליישן... דער מענטשן־מין איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אויפגעלאָזענע לייבער־מאַסן, קעפּ אויף אַקסלען, פיס און הענט אויף בייכער. זיי האָבן געמאַכט אַן איינדרוק, ווי קופּעס מענטש־לעכע אברים זענען צונויפגעוואָרפן געוואָרן. צווישן די סאָלדאַטן און מי־ליטער־לייט האָבן זיך געפונען נישט ווייניק פּליטים, וואָס זענען גע־זעסן ווי די הינער איבער זייערע געפּעק און קעסטלעך, מורא־געהאַט, אַז מ׳זאָל פון זייערע לייבער נישט אוועקנעמען דאָס ביסעלע האָב־און־גוטס, וואָס מ׳האָט געראַטעוועט פון דעם באָלשעוויסטישן פייער. ווייבער און קינדער האָבן זיך אויסגעמישט מיט דערוואַקסענע מענער, ציווילע און סאָלדאַטן. איינער איז געלעגן אויפן אַנדערן, איינער האָט געפּרוווט גנבע־נען ביים צווייטן דעם לעצטן פּאָדעם. דאַ־און־דאָרט האָבן זיך אָנגעצונדן קריגערייען און געשלעגן צווישן פאַרשידענע גרופּן און ווינקלען. מ׳האָט געריסן די ביסנס פון די מיילער, מ׳איז געקראָכן צו פרעמדע ווייבער, געטשעפּעט זיך צו קליינע קינדער. טייל האָבן זיך געשאָלטן, אַנדערע גע־שלאָגן זיך, נאָר דער גרעסטער טייל זענען ווי אָנגעוואָרפענע באַלן וואָל. אָדער צוזאַמענגעשאָטענע ״הערינג, געלעגן איינער אויפן אַנדערנס בויך און זענען גלייכגילטיק געשלאָפן.

ביים אָנקומען פון אַ צוג האָט זיך די גאַנצע צוזאַמענגעקנאָטענע מאַ־סע צעשאָטן, צעוואָרפן, צעלאָפן, ווי אַ סטאַדע פייגל, ווען עס פאַלט אין זיי אַ קויל פון אַ ביקס. אַלץ האָט זיך געוואָרפן אויף דעם צוג. עס איז נישט געווען קיין חילוק וווהין ער גייט, אַבי אַרויספאָרן פון גיהנום. מ׳האָט אַריינגעוואָרפן די קעסטלעך געפּעק, די קינדער, און אָנגעהאַנגען זיך מסירת־נפשדיק אויף די טרעפּלעך, אויף די טירן און געשטופּט זיך אין איבערגעפּראַפּטן וואַגאָן אַריין. פון אינעווייניק האָבן די סאָלדאַטן צוריק־געשטופּט, פאַרשטעלט דעם וועג, נישט געלאָזט. מ׳האָט מפקיר געווען האָב און גוטס. ווייבער האָבן מיט ווונקען און באַוועגונגען געגעבן אָנצוהערן,

אַז זיי זענען גרייט מיט זייערע לייבער צו קויפן אַ פּלאַץ פאַר זיך פון די צעיושעטע סאָלדאַטן...

דריי, פיר צוגן זענען שוין אָנגעקומען און אוועקגעגאַנגען דורך דער צייט, וואָס דער אַדוואָקאַט און זיין זון געפינען זיך אויף דער באַן־סטאַ־ציע, און זיי האָבן נישט געהאַט קיין געלעגנהייט זיך אַריינצוכאַפּן. זיי זענען געבליבן פון דרויסן. דער אַדוואָקאַט האָט זיך געמוזט אויפהאַלטן אין דעם גיהנום צוויי טעג און צוויי נעכט.

דורך דער צייט האָט דער אַדוואָקאַט גענוג געלעגנהייט געהאַט זיך צו באַקענען מיט די עלעמענטן, וואָס גייען ראַטעווען רוסלאַנד. זיי האָבן גערעדט דערפון גאַנץ אָפן, נישט פאַרשטעלט. ווי רויבער־באַנדעס האָט מען זיך שוין צעטיילט מיטן גוטס, איידער מ׳האָט עס נאָך געראַבעוועט. מ׳האָט איינער דעם אַנדערן געטרייסט מיט די גוטע געלעגנהייטן, וואָס די מלחמה וועט ברענגען. דער עיקר אָבער האָט מען גערעדט וועגן יידן. אַזוי ווי יידן וואָלטן געווען דער פּרייז, וואָס מ׳האָט זיי אָנגעבאָטן פאַרן אָנ־שליסן זיך אין דער ווייסער אַרמיי, האָט מען צווישן זיך געטיילט פראַנק און פריי זייערע פאַרמעגנס, זייערע ווייבער און טעכטער, ווי הפקר־גע־וואָרענע קאָרפּאָטוועס.

— מיר וועלן זיך שוין אָפּנעמען דאָס אונדזעריקע.

— איך האָב מיר אָנגעצייכנט: די ערשטע צען יידישקעס פאַרגוואַל־דיק איך, די איבעריקע טויט איך. כ׳האָב מורא, זיי וועלן דערעסן ווערן...

נישט איינמאָל האָט דער אַדוואָקאַט, צוהערנדיק די געשפּרעכן, גע־וואָלט אויפשפּרינגען. דער זון האָט אים קוים מיט צרות צוריקגעהאַלטן.

— באַרואיק דיך, מיר מוזן זען ווי אַמשנעלסטן דורך די באַנדעס זיך דורכקריגן, — רוימט ער איין דעם פאָטער.

מישענקע האָט אַרויסגעשלעפּט פון זיין באַהאַלטענעם מאַנטל די אָפּ־צייכענונג פון זיין לופט־פלי־אַפּטיילונג, אין וועלכער ער האָט געדינט אויפן פראָנט (וואָס ער האָט געהאַט דורך דער צייט פון גאַנצן וועג באַ־האַלטן פון די באָלשעוויקעס), האָט עס אָנגעשטאָכן זיך אויף זיין ציוויל־היטל. די אָפיצירישע אָפּצייכענונג האָט זיי געגעבן אָנזען. דאָס, און מי־שענקעס רעוואָלווער, האָט זיי געראַטעוועט פון אומאָנגענעמלעכקייטן אָדער נאָך ערגערס.

דער אַדוואָקאַט, וועלכער האָט זיך ערשט באַפרייט פון באָלשעוויס־

טישן קלעם, האָט זיך אָנגעהויבן דאָ, צווישן די עלעמענטן, צו פּילן ווי אַריינגענומען אין אַן ערגערער, אין אַ בריענדיקער צוואַנג. ער איז ווידער געל־און־גרין געוואָרן, זיינע אויגן האָבן ווידער געשפּריצט מיט פייער, און ער האָט איינגערוימט זיין זון אין אויער:

— און דאָס וויל ראַטעווען רוסלאַ:ד. מיט וואָס פאַרא כוח? מיטן כוח פון באַנדיטיזם?

פאָטער און זון האָבן שוין איצט געקלערט דערפון, אַז דאָרט, אויף דער צווייטער זייט, איז כאָטש דאָ אַ מאָראַל. נאָר גערעדט האָט מען דערפ:ן נישט, פאַרשטייט זיך.

**
*

ענדלעך איז זיי געלונגען מיט דער הילף פון מישענקעס אָפיצירישער אָפּצייכענונג, אַריינצוקריגן זיך אין אַ צוג, וואָס איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון נאָוואָטשערקאַסק.

דער וואַגאָן איז געווען אָנגעפּראָפּט מיט סאָלדאַטן. אין דעם ווינקל ביים קלאָזעט האָבן זיך געשטופּט צעהיצטע, צעפלאָשעטע קעפּ און הענט צו אַ פרוי, וואָס איז וויקיק געווען זיי זיך איבערצוגעבן פאַר ווערן אַריינ־געלאָזט אין וואַגאָן. פון דאָרט זע:ען אויפגעגאַנגען פאַרשטיקטע קולות, לאַכן א:ן אָרגישע ספּאַזמען. דער אַדוואָקאַט האָט זיך אַ בלייכער געריסן פון זיין פּלאַץ. ק:ים מיט צרות האָט אים זיין זון צוריקגעהאַלטן:

פּאַפּאָטשקע, באַרואיק דיך. געדענק אין גאָט. דאָס זענען דאָך ווילדע בעסטיעס.

— מישענקע, איך האָב מורא. מישענקע, רוסלאַנד איז פאַרפאַלן. ניין, ניין, נישט פון זיי וועט די הילף קומען.

— איך ווייס עס, פּאַפּאָטשקע. איך ווייס עס, — האָט אים מישענקע באַרואקיט.

איבער זייערע קעפּ זע:ען געהאָנגען נאַקעטע שמוציקע פיס פון די אויבערשטע שלאָף-בענק. אַן אַנדערע גרופּע האָט פון אונטן גערעדט מיט די „נאַקעטע פיס", וואָס הענגען איבער דעם אַדוואָקאַטס קאָפּ. ווילנדיק, צי נישט, האָט ער געמוזט זיך צוהערן צו זייער געשפּרעך. איינער מיט אַ רויט איבערגעקערטער הויט פון אַן אויסגערונען אויג, האָט דערציילט פאַר

די אידישן׳

— פון האָספּיטאַל אויסגעשריבן. אין כּאַרקאָוו זיך געפונען. פאַר זעקס חדשים נישט צוגערירט זיך צו קיין ווייב... די ערשטע בעסטע אין גאַס אָנגעטראָפן. צוערשט איז זי ווילינ. דערזען דאָס אויסגערונענע אויג, איז זי אַנטלאָפן. געעקלט זיך. און אַז איך האָב דאָס אויג געקראָגן פאַר ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד, איז גאָרנישט! אַז אַ שונאס קויל האָט מיר אַ לעק געגעבן — איז גאָרנישט. אַ כאַליערע זיי אין דער מאַמען!

— דו וועסט זיך שוין דאָס דייניקע אָפּנעמען, ברודער. די יידישקעס וועלן דיר שוין באַצאָלן פאַר דער גאַנצער צייט.

— יאָ. איך וועל זיך דאָס מייניקע אָפּנעמען, ברודער. בריסטן וועל איך שניידן, ווי גאָט איז מיר ליב. בריסטן וועל איך שניידן, ווי עפּל, — האָט דער סאָלדאַט געזאָגט, און מ'האָט געפילט, ווי דער געשמאַק ליגט אים אויף די ליפּן, און ער באַלעקט זיך דערפון.

— דאָס איז ריכטיק, אַלע יידישקעס זענען אונדזערע. קראַסנאָוו האָט זיי אונדז פריי געגעבן.

דער אַדוואָקאַט כאַפּט זיך אויף אַן אָפּגעבריטער פון זיין אָרט.

— ווי אַזוי...

נאָר מישענקע האַלט אים שוין פעסט ביי דער האַנט:

— טראָג עס דורך, פּאַפּאָטשקע, טראָג עס דורך, ווי גאָט איז דיר ליב.

— מישענקע, אַנטלויף, מישענקע — דאָרטן ביי זיי, איז דאָך צום ווינציקסטן דאָ אַן אידעאַל.

מישענקע שווייגט.

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ סטאַציע. צוויי קאָזאַקן קומען אַריין מיט קאָזאַצקע נאַהאַיקעס, פרעגן הויך אויפן קול:

— געפינען זיך דאָ ביי אייך יידן, ברידערלעך?

— זשידעס? — פרעגן די סאָלדאַטן איבער און קוקן זיך אַרום אויף די ציוויל־פּאַסאַזשירן. זיי שטעלן זיך אָפּ מיט די בליקן אויף דעם בלייך געוואָרענעם אַדוואָקאַט.

— זשידעס? צום טייוול מיט זיי!

דער אַדוואָקאַט האָט זיך מיט דער גאַנצער קראַפט פּלוצלינג אַרויס־געריסן פון מישענקעס שטאַרקער האַנט און אויפגעשטעלט זיך אין דער גאַנצער הויך און אויסגעשריגן:

— איך בין א ייד! הינט! איך בין א ייד! — האָט ער געשלאָגן זיך מיט דער פויסט אין האַרץ. — נאָט, איך בין א ייד!

איידער מישענקע האָט נאָך צייט געהאַט זיין רעוואָלווער ארויסצו־כאַפּן, האָבן זעלנערשע הענט אָנגעכאַפּט זיין פאָטער, געוואָרפן אים איבער די קעפּ צו די קאָזאַקן צו.

מישענקע האָט זיך געוואָרפן אַפּראַטעווען, נאָר סאָלדאַטסקע הענט האָבן אים שוין געהאַלטן געפּענטעט.

— און דעם גיט אויך אַרויס.

— ניין. דער זעט נישט אויס ווי זיי. ער איז נישט קיין ייד.

— פּאַפּאָטשקע, פּאַפּאָטשקע! — האָט מישענקע געשריגן.

די סאָלדאַטן האָבן אים אָבער פעסט געהאַלטן.

— דער וועט אונדז צונוצקומען פאַרן ערשטן פייער — א לופט־פליער.

ענדלעך האָט זיך מישענקע א ריס געגעבן צום פענצטער. אויף דער פּלאַטפאָרמע האָט ער דערזען זיין פאָטער אָן א היטל, מיט צעפּלאָשעטע האָר און באָרוועסע פיס.

— פּאַפּאָטשקע, — דער זון האָט אויסגעשטרעקט א האַנט צום פאָ־טער דורך דער אויסגעבראָכענער שויב.

דער צוג האָט זיך גערירט. און סאָלדאַטן, וועמעס גאַנצע לייבער האָבן זיך אַזש געטרייסלט פון לאַכן, האָבן מישענקען, ווי מיט אייזערנע צוואַנגען, געהאַלטן געבונדן, צוגעשמידט צום אָרט.

מישענקע האָט שוין אָבער תמיד געזען זיין פאָטער מיט צעפּלאָשעטע גרויע האָר, א באָרוועסן, שטיין אויף דער פּלאַטפאָרמע, אַרומגערינגלט פון קאָזאַקן. ער האָט נישט געפילט דעם שמערץ אין זיין גאַנצער שאַרפקייט, ווייל עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז דאָס, וואָס ער האָט געזען, איז נאָרנישט רעאַל געווען. זיין פאָטערס געשטאַלט האָט געהאַט אן אומהיימ־לעכע ענלעכקייט צו דער געשטאַלט, וואָס ער האָט אַזוי אָפט געזען אויף בילדער אויפגעמאָלט. דער פאָטער האָט אים דערמאָנט אָן קריסטוס אין די הענט פון די רוימישע סאָלדאַטן. און אַזוי האָט ער אים שוין זיין גאַנץ לעבן דערנאָך געזען...

ביי דער נעכסטער סטאַציע האָט מישענקע זיך ארויסגעקראָגן פון

וואגאָן. ער איז געלאָפן אָן אָטעם צוריק זעכצן וויאָרסט. עס איז געווען ביינאַכט. ער האָט דעם פאָטער געזוכט. ער האָט אים מער נישט געפונען.

מישענקע האָט זיך ארומגעוואַלגערט נאָך א טאָג, צוויי אין דער גאַנצער אומגעגנט. ער האָט דעם פאָטער נישט געפונען. מען האָט אים געזאָגט, אַז די קאָזאַקן האָבן אים אין וואַלד פארשלעפט. ער איז אַוועק אין סטעפּ, געבלאָנדזשעט טעג און נעכט, ביז ער האָט אָנגעטראָפן אויף דער ערשטער אָפּטיילונג פון דער „רויטער ארמיי", וואָס איז געגאַנגען קעגן קראַסנאָוון.

ער האָט זיך זיי איבערגעגעבן און זיך אָנגעשלאָסן צו זיי...

קאַפּיטל 18

צוויי שוואַלבן

א קרענק איז ווי א רייזע אין א ווייטער מדינה. זי לייטערט דאָס איבערגעלעבטע און שטעלט עס אַוועק אין אַזאַ ווייטן מהלך, אַז עס שיינט פון דאָרטן ארויס, ווי אַן אילוזיע...

דורך די פּאָר וואָכן, וואָס זאַכארי האָט איינער אַליין געקעמפּט מיטן טויט און אים באַזיגט, איז דער אַלטער זאַכארי אָפּגעשטאָרבן. איצט ליגט ער א ניי־געבוירענער אויף דער וועראַנדע פון א געוועזענעם פּריצישן הויז, אין א וואַלד הינטער מאָסקווע, וואָס איז פארוואַנדלט געוואָרן אין א דערהאָלונגס־היים פאר סאָוויעטישע טוער.

און נישט נאָר זאַכארי אַליין איז דורך דער צייט פון זיין קרענק אָפּגעשטאָרבן און נאָכאַמאָל געבוירן געוואָרן. זיין פאָטער, דער אַלטער מירקין, אויך. דורך די זעקס וואָכן, וואָס דער אַלטער האָט זיך געדרייט מיט רויטע, געשוואָלענע אויגן פאר דעם טויער פון האָספּיטאַל און געוואַרט מיט אַנדערע פאָטערס און מוטערס, ווייבער און קינדער צוגעלאָזט צו ווערן צו זייערע קראַנקע נאָענטסטע, האָט דער אַלטער מירקין דערפילט, אַז ער איז ארומגעגאַנגען איבער גאָטס ערד א פארשטעלטער, מיט א פאַלשער מאַסקע. ער האָט גאָרנישט מער אין זיין לעבן, נאָר דעם קראַנקן זון, וואָס ראַנגלט זיך דאָרטן אינעווייניק אין זיין אַנגסטן־שוויים מיט אַן אומ־

געוועגעט, ווי יעקב מיטן מלאך. אין דעם קאמף קאן ער אים נישט גארנישט נישט העלפן, און טאקע דערפאר, ווייל אין דעם געראנגל מוז ער שטיין פונדערווייטנס און צוקוקן זיך, האט זיך זיין רחמנות און ליבע מער צע-פלאמט צו זיין קינד. ווי געהייכטע קוואלן, וואס זענען דורך יארן און יארן געלעגן פארשטאפט, באהאלטן אין די צעלן פון זיין בלוט, וואלטן זיך איצט מיט מעכטיקע שטראמען געעפנט, אויסגעבראכן און איבערגעגאסן זיין הארץ. וואס איז אים איצט אנגעגאנגען די ארגאניזאציע פון זיין גע-שעפט, די צוקונפט פון רוסלאנד, אפילו זיין ווייב און קינד? — גארנישט. נאר דער קראנקער יינגלשער גוף, וואס ליגט דארטן אינעווייניק אין זיינע אנגבטן. דער דאזיקער קרענקלעכער, פון בלוט־אויסגעזויגענער קערפער איז ווי א פארטריקנטע בלום געווען אלץ, וואס איז איבערגעבליבן פון זיין לעבן. ווי דער קראנקער וואלט געהאלטן אין זיינע שוואכע הענט זיין נשמה, ווי אן אויסגייענדיק ליכט. ער האט איבערגעלאזט די „ארגאניזאציע" צו מישקע מאלאדיעץ. זאל ער טון, וואס ער וויל. זיין ווייב און קינד האט ער איבערגעלאזט צו זייער אייגענעם גורל. דא, אונטער דער קאלדרע, וואס באוועגט זיך מיטן ארבעטן פון דעם קראנקנס הארץ, ליגט אלץ קאנצענ-טרירט, וואס האט א ווערט. דער אלטער האט דורך דער ליבע, וואס האט זיך אזוי פלוצלינג דערוועקט אין אים צו זיין זון, זיך צוריקגעפונען: ווי עס וואלט אויף אים א רעליגיע געפאלן, האט ער זיך דורך דעם געפילט דערהויבן, געלייטערט און באגאסן מיט א גנאד.

אין האספיטאל נעבן זאבארים בעט איז געלעגן א קראנק יינגל. ווען מען האט דעם אלטן מירקין צו זיין זון אריינגעלאזט, האט מען אויך דעם ארימען, בלייכן ארבעטער צוגעלאזט צו זיין יינגל. מירקין האט זיך דורך דעם זייער באפריינדעט מיט דעם פאטער פון זיין זונס שכן. ביידע טא-טעס, וואס פלעגן זיך טאג־איין, טאג־אויס טרעפן ביי דעם טויער פון האספיטאל, זענען אזוי ענג פארבונדן געווארן דורך דער קראנקהייט פון זייערע קינדער, ווי זיי וואלטן זיך שוין געקענט זינט יארן, ווי זיי וואלטן באלאנגט צו איין קלאס. איינער פלעגט דעם אנדערן טרייסטן און אונ-טערהאלטן דעם מוט. פארבונדן דורך איין גורל, איז מירקינען דאס פרעמ-דע יינגל געווארן נאענט, משפחהדיק. דער אלטער מירקין איז געזעסן איינ-געבויגן, פארשוונדן אונטער דעם שאטן פון זיין קראנקן זון. ער האט גע-

האלטן זאכאריס בלייבע, אנגסטיקע האנט, אָנמעכטיק צוגעקלעט זיך, ווי זיין זון ראנגלט זיך אונטער דעם פאַרהאַנג פון פארשמאכטן שלאָף מיט דעם „אומבאקאנטן". ער פלעגט אָפּווישן אים מיט א טיכל די אנגבלן פון זיין שטערן און שווייגן. דאס זעלבע האָט אויך געטון דער פאָטער פונעם יינגל, און ביים אַרויסגאנג האָט איין פאָטער אויפן אַנדערן גע־וואַרט און אויסגעפרעגט זיך. מען האָט זיך די הענט געגעבן, א טרייסט־וואָרט געזאָגט, און צעגאַנגען זיך. דער אַלטער מירקין פלעגט לאַנג נאָכ־קוקן דעם אָרימען אַרבעטער, ווי ער איז געגאַנגען איינגעהויקערט אונטער דעם יאָך פון זיינע צרות און געטראַכט זיך:

— עס איז דאָ אַזאַ אומדערשעפּטע רייכקייט, ווי פאָטער־ליבע. דאָס איז באַשערט יעדן איינעם, דעם אָרימסטן. קיינער קאָן עס נישט צונעמען. און ער האָט דערפון ביז איצט נישט געוווסט, ביז אַזוי שפּעט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז זיין גאַנץ לעבן איז ער געגאַנגען ביי דער זייט פון זיין וועג, און ערשט איצט, ווען ער האָט שוין ביים ענדע פון געזעג, זעט ער דעם ריכטיקן שטעג, וואָס האָט געפירט צו זיין גליק. און זיין האַרץ איז רייף געוואָרן א תפילה:

— א דאַנק דיר, גאָט, וואָס דו האָסט מיך נישט געלאָזט שטאַרבן, איידער דו האָסט מיך נישט באַשאָנקען מיט דעם חסד צו פילן פאָטער־ליבע, ווי עס איז יעדן אָרימען מענטש באַשערט...

און נישט קוקנדיק אויף זאַכאַריס געפאַר, איז ער געגאַנגען אַהיים צו זיך א גליקלעכער נאָך יעדן באַזוך אין האָספּיטאַל. געטרייסט און באַ־רייכערט...

עס האָט אים געלוינט צו לעבן, נאָר בלויז דאָס געפיל צו געווינען...

***

איצט איז שוין זאַכארי אין זיין צעבראָכן שיפל דורך דעם שטורעם דורכגעשווומען און צוגעשלאָגן זיך צום ברעג. ער ליגט נאָך א פאַרמאַטער־טער אויפן ברעג און קאָן זיך נישט רירן. דאָך זעט ער דעם הימל איבער זיך און קאָן באַטראַכטן גאָטס וועלט. דאָס הויז שטייט ביים ראַנד פון א טרוקענעם נעדריכטן סאָבנע־וואַלד. ער האָט אַרויסגעקוקט אויף א פריי ברייט פעלד, באַוואַקסן מיט גרעטשקע. פון דער וועראַנדע האָט מען גע־

קאַנט זען אי דעם וואַלד און אי דאָס פעלד. זאַבאַרי האָט עס איינגעטיילט אין צוויי טיילן פון דער וועלט. איין זייט ליניע־שטול האָט ער גערופן „אַמעריקע“, און דער צווייטער טייל ליניע־שטול האָט געהייסן „אייראָפּע“. אַז ער איז אָפּגעפאָרן קיין „אַמעריקע“ (דאָס הייסט, אַז ער האָט זיך מיט דער הילף פון דער שוועסטער פאַרדרייט צו דער זייט פון וואַלד), האָט ער געזען, ווי הויכע סאָסנעס שטייען און קוקן זיך אַרום תמימותדיק־אַנגסטיק, ווי זיי וואָלטן זיך דאָ פאַרבלאָנדזשעט און ווייסן נישט, ווו ווייטער צו גיין. פון צייט צו צייט גייט דורך צווישן די פאַרפּלאָנטערטע, פאַרוועבטע גאָלד־קרוינען אַ קילער ווינט, וואָס שלאָגט זיך אָפּ אין די ענגליש־גראַדע סאָסנע־שטאַמען. אַן אומפאַרשטענדלעך וואָיען אין קלאַנג, ווי מען וואָלט דאָרט אין דער טיפעניש פון וואַלד לעבעדיקע באַשעפענישן געפייניקט, קומט אַהער צו דרינגען צוזאַמען מיטן ווינט־דרויסן. אַז זאַבאַרי איז אָפּגעפאָרן קיין „אייראָפּע“, האָט ער דערזען, ווי אַ הויבער הימל מיט קלאָרע זילבערנע וואָלקנס ציט זיך אויס איבער אַ וואַרים פעט־אויפגעגאַנגען פעלד מיט גרעטשקע, מיט ראָזאָווע־ווייסע בליעכיק־בלומען באַשאָטן. דאָ און דאָרט פלאַמט אַרויס אַ רויטער מאָן־קאָפּ. רויטע מאָן־קעפּ זענען די ליכטיקסטע קינדער פון דער פעלד־בלומען־משפּחה. עס דאַכט זיך, זיי שפּרינגען איבער פון איין אָרט אויפן אַנדערן. דאָ צינדן זיי זיך אָן, דאָ לעשן זיי זיך אויס, אָדער אַן איינזאַמע ליליע שטעקט אַרויס איר שטאָלצן, בלויבלייכן שפּיץ העכער איבער אַלע גאָטס באַשעפענישן. פאַר־איינזאַמטע קאָרנזאַנגען, פאַרשלעפּטע פון ווינט, שטאַרצן אַרויס זייערע שטעקן־בעזעמס און נעמען זיך איבער מיט זייער ברויט־טראָגעדיקייט איבער די אומניצלעכע פעלד־בלומען. מחנות בינען ראַיען זיך אין די פעטע בלימעלעך, און צווישן זיי שניידן דורך מיט מעסער־פליגלען די ליפּט־קוויטשענדיקע שוואַלבן, וואָס כאַפּן אויף אינזעקטן. שפּעטער אָבער האָט זאַבאַרי געמאַכט אַ נייע אַנטדעקונג. עס איז דאָ אַזעלכעס, וואָס איז „קיינעמס לאַנד“, מ'הענגט אין דער ליפטן און מ'פאַרט צו קיינעם נישט, נאָר צו זיך אַליין. „קיינעמס לאַנד“ — דאָס איז, אַז מען ליגט מיטן רוקן גלייך, און מען קוקט אין הימל אַריין. דענסטמאָל קאָן מען אַנטדעקן, וואָס פאַר אַ וועלט מען וויל. מען איז אומעטום, און מען איז אין ערגעץ נישט, נאָר ביי זיך אַליין...

לעצטנס אָבער, אַז ער האָט זיך געשטאַרקט, זענען די הענדער און די וועלט שוין געקומען נענטער און כמעט איבערגעמישט זיך. איצט ליגט ער און באַטראַכט עקשנותדיק די פינף „פּאָקראַקעדיקע“, מיאוס־פּנימדיקע שוואַלבן, וואָס קוקן אַרויס ווי יאָדערס פון אויפגעקנאַקטע ניס פון דער שוואַלבן־נעסט, וואָס איז אונטער דעם געזימס פון דער וועראַנדע. זיי הערן נישט אויף צו פּיפּיקן מיט זייער שטענדיקן קוויטשען.

פון זיין ליגשטול האָט זאַכאַרי געקאָנט באַטראַכטן די נעסט, וואָס איז פון שוואַלבן־פּאַרפּאָלק אָנגעקלעבט געוואָרן אונטער זיין נאָז. מיט באַוווּנדערונג האָט ער זיך צוגעקוקט, ווי די שוואַלבן־מוטער ווערט נישט מיד א גאַנצן טאָג צו פליען פון נעסט אין פעלד און צוריק, צו ברענגען אין איר שנאָבל אויפגעכאַפּטע אינזעקטן, ווערעמלעך און קרישקעלעך, און זיי אַריינלייגן אין די מיילעכלעך פון די שוואַלבן־עופהלעך. יעדעס מאָל, ווען די מוטער באַווייזט זיך, דערהערט זיך א פאַרהילכט פּלאַפּלעריי, און פינף שנעבעלעך שטרעקן זיך אויס פון דער נעסט, ווי שלימאַקעס פון זייערע הייזלעך, עפענען אויף די מיט ווייסקייט באַזוימטע מיילעכלעך. יעדעס איינע באַמיט זיך אַריינצושטעקן פריער פאַר איר ברודערל דאָס פּיסקל אין דער מאַמעס מויל, אויפצוכאַפּן דעם טראָפּן שפּייז.

זאַכאַרין האָט אינטערעסירט צו דערוויסן זיך, אויב די מוטער־שוואַלב האָט א סיסטעם ביים שפּייזן אירע קינדער, אויב אין דער שוואַלבן־נעסט עקזיסטירט דער וואַלד־ און וועלט־געזעץ פון „כל דאלים גבר“ — ווער עס איז שטאַרקער, דער כאַפּט אַממייסטן אינזעקטן. פון די ביכער, וואָס ער האָט געלייענט אַמאָל איבער שוואַלבן, האָט ער זיך נישט געקאָנט דער־וויסן וועגן דעם.

באַלד אָבער האָט ער זיך איבערצייגט, אַז עס עקזיסטירט נישט קיין סיסטעם ביי דער שוואַלבן־מוטער אין נערן אירע קליינע. אויך דאָ הערשט דאָס אומבארחמנותדיקע אָפּקלייב־געזעץ, ווי איבעראַל אין דער נאַטור. וואָ־רים ער האָט געזען, אַז דאָס לעצטע, דאָס קלענסטע פון אַלע, וועלכעס איז פאַרזעצט געוואָרן אין סאַמע עקסטן ווינקעלע פון נעסט, האָט ווינציר־קער געלעגנהייט געהאַט אַריינצובאַקומען זיין שנעבעלע אין דער מוטערס מויל, ווי די אַנדערע, ווי די, למשל, וועלכע האָבן פאַרנומען אין דער נעסט די „פּריווילעגירטע“ פּאָזיציע צו זיצן אין דער מיט און קאָנען דורך

דעם אַמלייכטסטן דערגרייכן דער מוטערס מויל. ער האָט דערפאַר דאָס שוואַלבעלע אַ נאָמען געגעבן מיט זיין אייגענעם נאָמען, „זאַכאַרושקע“.

און ער האָט אויך איינגעזען די פאָלגן פון דעם „אָפּקלייב־געזעץ“, שפּעטער ביים לערנען פליען.

די מוטער־שוואַלב איז געווען זייער אַ באַשעפטיקט באַשעפעניש. אַ גאַנצן טאָג האָט זי געהאַלטן אין איין אָנטראָגן פון פעלד אינזעקטן. אַז די שוואַלבן־קינדער זענען אונטערגעוואַקסן, האָט זי זיי געלערנט ווי זיך ציכטיק צו האַלטן, — אָנגעכאַפּט ביים שנאָבל די עקן פון די קליינע, איבערגעדרייט מיטן הינטן אין דרויסן, כדי נישט צו פאַראומרייניקן מיט זייער צאָה די נעסט... באַלד איז אויך געקומען די צייט פון גיין אין חדר, — לערנען פליען.

מיט דער הילף פון פאָטער האָט זי אויפגעבויט אַן אַפּרו־סטאַציע אויף דער וואַנט קעגנאיבער דער נעסט. זי האָט אויסגענוצט דערביי די דראָטן פון אַן עלעקטרישן פּאַרקניפּ. זי האָט אָנגעטראָגן שטרוי און פאַרקלעבט מיט שוואַלבן־ליים. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז פאַרטיק געוואָרן אַ באַקוועמער „שטאַנד“. דערנאָך האָט די מוטער, נישט אָן פּהערנדיק אין איר קוויטשענדיקער אומאַנגענעמער שפּראַך עפּעס אָנצוזאָגן די קליינע, גענומען פליען אַהין און צוריק פון נעסט צום „שטאַנד“, פּישטשע דיק דערביי אָן רחמנות אויף די קליינע אין איר פויגל־שפּראַך. אַ האַלבן טאָג האָט געדויערט די פּלי־לעקציע. די ערשטע, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוואַגט פון דער נעסט, כדי דער מוטער נאָכצוטון, זענען טאַקע געווען די מיטלסטע דריי, וואָס האָבן געהאַט גענוג געלעגנהייט שטענדיק זאַט צו זיין. אין אַ טאָג אַרום איז אַרויס נאָך איינס, נאָר „זאַכאַרושקע“ איז געבליבן זיצן צוגעקלעבט אין זיין נעסט־לאָך, האָט שוואַך געפּישטשעט, אָבער רירן זיך פון אָרט האָט עס מורא געהאַט.

אַזוי האָט עס געדויערט אַ טאָג צוויי. אין איין שיינעם זוניקן פרימאָרגן, ווען מ'האָט זאַכאַרין אַרויסגעפירט אויף דער וועראַנדע, האָט ער צו זיין דערשטוינען באַמערקט, אַז די שוואַלבן־נעסט איז ליידיק. איבערגעבליבן איז נאָר אין זיין לאָך „זאַכאַרושקע“. ער האָט אַרויסגעשטאַרצט זיין מיאוס־פּנימדיק, קאַלך־אָפּגעווייכט שנאָבעלע און נישט אויפגעהערט גרוליק, האַרצרייסנדיק צו פּישטשען.

דער מענטש זאכארי האָט זיך אוועקגעלייגט צו באַטראַכטן דעם שוואַלב „זאכארי". עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער פויגל איז נישט בלויז זיין „גורל־ברודער", נאָר איז אַ טייל פון אים. זיין „איך" איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַן אַנדערן מין.

דער שוואַלב „זאכאַריושקע" האָט זאכאַרין נישט אויפגעהערט צו דערמאָנען אין זיך. זיין פויגלדיק געשריי איז געווען אַ קלאָג־ליד, אַ רחמנות־בעטן אויף זיין גורל, — העלפן אָבער האָט מען אים נישט גע־קאָנט.

ענדלעך האָט זאכארי באַמערקט די מוטער־שוואַלב צוריקקומען, אַ פּאָר מאָל האָט זי געמאַכט אַ קרייז פון גרעטשקע־פעלד צו דער נעסט, אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר אינזעקטן אין „זאכאַריושקעס" שנאָבעלע, עפּעס אָנגעשריגן אויפן שוואַלבן־לשון, אוודאי: „אַז זי האָט נישט קיין צייט, און אַז זי וועט באַלד צוריקקומען", און איז ווידער אַוועקגעפלויגן.

אַזוי האָט זיך דאָס איבערגעחזרט אַ פּאָר מאָל דורכן טאָג. נאָך שעהען און שעהען פיינענדיק וואַרטן און לאַמענטירן פונעם שוואַכן „זאַ־כאַריושקע", איז די מאַמע־שוואַלב צוריקגעקומען אַ פאַרהאָרעוועטע, אַ פאַרשמייעטע פון איר אַרבעט אין פעלד — די קליינע צו לערנען אינ־זעקטן כאַפּן, — צום פאַרלאָזענעם „זאכאַריושקע", אָנגעקאָרמעט אים, אַ פּאָר גוטע ווערטער צוגעוואָרפן, אפשר אויך שוואַלבן־אַרטיק אַ מוטער־גלעט געטון, וואָס מיר פאַרשטייען נישט, — און איז אַוועקגעפלויגן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז „זאכאַריושקע" די שוואַלב שטאַרקער גע־וואָרן, די מוטער האָט אים איצט ספּעציעלע פלי־לעקציעס געגעבן, — נאָר מיט מער צערטלעכקייט און מיט מער געדולד, ווי זי האָט עס געטון פאַר אירע גרויסע. דער קליינער „זאכאַריושקע", וועלכער האָט ביים ערשטן פלי־פּרוּוו שוואַך פאַרוואָרפן דאָס קעפּעלע, סכנות־נפשותדיק געציטערט מיט זיינע נאַקעטע פליגעלעך, אַז מען האָט געמיינט יעדן אויגנבליק, אַז ער פאַלט אַרונטער און ער עקט זיך, האָט זיך ענדלעך אויסגעלערנט די פלי־קונסט, און באַלד איז ער אַ גלייכער צווישן גלייכע מיט זיינע ברי־דער אַרויסגעפלויגן אין פעלד אַריין און מ'האָט אים שוין נישט דערקענט.

„הייסט עס, אַז עס איז דאָ אין דער נאַטור עפּעס אַזעלכעס, וואָס שטייט העכער פון „אָפּקלייב־געזעץ", וואָס נישט נאָר עס קאָריגירט אים, גלייכט אויס די עוולות, נאָר ווי אַ געטלעכע באַשטימטקייט שטייט עס

ווי א געפאנצערטער ריטער אויף דער וואך פון דעם טויט־שטומען געזעץ־טראגנדיקן רעכט. דאס איז די מוטער־געטלעכקייט, — און איר טרייבנדע קראפט איז ליבע.

„קום איך נישט ארונטער אונטער דעם רעכט פון „אפקלייב־געזעץ", שטיי איך אונטער דער שוץ פון מוטער־געזעץ? אונטער די פליגלען קום איך ארונטער מיטן רעכט פון שוואכן".

ביי קראנקע, ווי ביי קינדער, ווערט די רעאליטעט צעלאזן אין א שיטערער מאסע, ס'ווערן ביי זיי צעפירט די גרענעצן פון אפגעפארעמטקייט. עס נעמט אן א פליסנדיקע אויסגעגאסנקייט, אין וועלכער אלץ אוממעגלעכעס קאן צערינען אין נעפלדיקייט און לעבן מיטן זכות פון אילוזיע.

די קראנקהייט איז ביים חולה ווי א מוטער. ס'איז דא א געוויסע וויל־לוסטיקייט אין איר. די קראנקהייט האט אין זיך ווייבערישעס, דער חולה — קינדישעס. שווער שיידט זיך דער חולה פון איר, פונקט ווי א קינד פון זיין מוטער־לייב.

און עס חלומט זיך לייכט אין דער קראנקהייט. די געדאנקען ווערן געטראגן אויף לייכטע פליגלען.

דאס הויז הורוויץ, רחל־לאהס קינד, זיין פארלאזענע כלה העלענקע, זענען איצט אזוי נאענט געווען. עס האט זיך זאכארין געדוכט, אז ער דארף נאר די האנט אויסשטרעקן זיי צו דערגרייכן. גארנישט איז דורך דער צייט געשען. און ער האט זיך פארגעשטעלט זיין צוריקקומען צו זיי אזוי איינפאך און זעלבסטפארשטענדלעך, ווי א קינד שטעלט זיך פאר דאס צוריק־אהיימגיין נאך א טאג פארבלאנדזשעט ווערן.

וואס מער אבער ער איז ארויסגעפאלן פון די ווייכע ארעמס פון דער קראנקהייט און אריינגעוואקסן אין לעבן אריין, זענען די אילוזיעס פארשוונדן, און די רעאליטעט האט אנגעהויבן אויסצושטעלן אירע שטארנדיקע בולטע קאנטורן: „ביז דאנען קאנסטו גיין, ווייטער נישט". דאס „צוריקגיין" האט זיך אפגעשטעלט, און עס האבן זיך ארויסגעוויזן אלע מניעות. מאראלישע וואג־אייזנס האבן אנגעהויבן צו באשווערן דעם אזוי לייכט אויסזעענדיקן פלאן — „וואס פארא רעכט האט ער דערויף?" דורך יארן און יארן פארשווונדן פון זכרון. נישט געווען, געריבן זיך צו פרעמדע לייבער, פרעמדע בלוטשע־דלעכע פארלאנגען... איצט א נאקעטער און א בארוועסער, מיט א פוסט הארץ, אן גלויבן וועט ער ברענגען צו שלעפן

זיין שוואכן גוף אין א פרעמדער שוים אריין. ווי א בעטלער שטיין ביי דער טיר, ווי אויף א בעטלער וועלן זיי קוקן אויף אים, ווי אויף איינעם, וואס איז ארויסגעפאלן פון די רייען, אויף אן אנטרינענדיקן, וואס האט גע־ראטעוועט זיין נאקעט לייב און ברענגט עס צושלעפן אין פרעמדע שטובן...

ווי אמאל אין די קינדער־יארן, האט ער נישט געוואלט פארלאזן די ווייכע מוטער־שוים, אזוי האט ער איצט נישט געוואלט אפלאזן די קראנק־הייט, וווּ ער האט זיך אין די צערטלעכע ארעמס, וואס האבן זיך צו אים אויסגעשטרעקט פון יענער זייט גרענעץ, געפילט אזוי ווארים... דאס גע־נעזן־ווערן האט אים אויסגעשיילט פון זיינע פארנעפלטע חלומות, איבער־געלאזט אים א נאקעטן אין דרויסן, ווו ער האט אנגעהויבן מיטן שטערן אנצוקלאפן זיך אין די ענגע ראמען פון באגרענעצטן זיין.

אין זיין פארלוירנקייט האט ער געזוכט א רעטונג. די שוואלב „זא־כאריושקע“ האט געראטעוועט דעם מענטש זאכארי.

— איך וועל טון, ווי ער, מיט דעם זעלבן כוח ווי ער.

— בין איך נישט שטארק גענוג ארייננצוגיין אין געזעץ פון „אפ־קלייב“, קום איך מיטן דעכט פון שוואכן...

זיין שוואכקייט האט זיך אים אויסגעוויזן, ווי די העכסטע גבורה...

***

דעם נעכסטן זונטיק, ווען דער פאטער איז ארויסגעקומען אין וואלד אריין אים באזוכן, האט ער געפונען אן אומדערווארטעטע ענדערונג צום גוטן אין זיין זונס געזונט. זאכארי איז געווען מונטער, און זיינע גרויסע, ריינע אויגן האבן פייכט געלויכטן מיט קרענקלעכן ליכט פון זיין אויס־געבלייכט און אויסגעצערטלט געזיכט. ער האט א לייכטנדיקער דעם פא־טער באלד מיטגעטיילט ביים באגריסן מיט קינדערשער פרייד:

— ווייסטו, פאפאטשקע, „זאכאריושקע“ איז פארט ארויסגעפלויגן,

— האט ער געוויזן אויף דער ליידיקער נעסט.

דער פאטער, וואס איז צוליב א סיבה עפעס זייער ערנסט געווען, האט אים אפגעענטפערט:

— נו, איצט וועלן מיר האפן, אז ד ע ר „זאכאריושקע“ וועט אויך ארויספליען.

— אָ, יאָ, איך פיל שוין מיינע פליגלען, — האָט ער געשמייכלט.

— עס איז די העכסטע צייט, — האָט דער פּאָטער נישט געקאָנט אונטערדריקן אַ קרעכץ.

— וואָס איז מיט דיר, פּאַפּאַטשקע, עפּעס אומאַנגענעמס? — פרעגט זאַכאַרי דערשראָקן.

— אָ, ניין, גאָרנישט אויסערגעוויינלעכס, נאָר צייט געזונט צו ווערן, יינגל.

— וואָס איז געשען? — פרעגט זאַכאַרי דערשראָקן.

— גאָרנישט, — שמייכלט דער פּאָטער און וויל עפּעס פאַרווישן, — האָסט דאָך עפּעס איבערגעלאָזט אַ כלה אין ווייטע מקומות, צייט חתונה צו האָבן, מיין זון.

— איך האָב אויך געקלערט וועגן דעם, — שמייכלט שוין זאַכאַרי צום פּאָטער און רויטלט זיך מיט בחורישער רויטלעכקייט.

נאָכדעם האָבן זיי ביידע געשוויגן.

***

צום סוף זומער איז זאַכאַרי שוין אויף אַזוי פיל שטאַרק געווען, אַז מען האָט אים אויסגעשריבן פון דער „היים". ער איז אַוועק מיטן פּאָטער צוריק אין שטאָט.

קאַפּיטל 19

אין חבר מאַרעקס קעניגרייך

זיבן גרויסע וואונדן האָבן זיך אויפגעעפנט אין רוסלאַנדס לייב. און פון אַלע זיבן וואונדן האָט אָנגעהויבן דאָס בלוט צו רינען.

דער כעס האָט זיך געזאַמלט. און האָט ער נישט געפונען קיין אויסוועג פאַר זיינע גאַזן אין דער עפנטלעכקייט, האָבן זיי זיך אונטערגעגראָבן, ווי אין די אַמאָליקע צאַרישע צייטן, אונטער דער ערד. דער ערשטער קרבן איז געפאַלן דער פּעטערבורגער קאָמיסאַר, חבר אוריצקי,

פון דער קויל פונעם יונגן פּאָעט קאַנענגיסער. כדי אַרויסצורופן שווערי־קייטן מיט דייטשלאַנד, איז געפאַלן דער דייטשער געזאַנדטער מירבאַך פון דער קויל פון בלומקין. און אַפילו אויף „אים" אַליין האָט אַ יידיש מיידל, דאָרא קאַפּלאַן, געוואַגט אויפצוהייבן אַ האַנט.

אויף דער גרויס־לוביאַנקער גאַס איז געשטאַנען אַ נייע געביידע, וואָס איז נאָר־וואָס פאַרענדיקט געוואָרן פאַר אַ פאַרזיכערונגס־געזעל־שאַפט. די געביידע האָט פאַרמאָגט טיפע, סאָלידע, פייער־געזיכערטע, מיט שטאָלענע פּלאַטן באַלייגטע קעלערן, אין וועלכע עס האָבן באַדאַרפט אויפבאַוואָרנט ווערן די דאָקומענטן פון דער געזעלשאַפט. דאָרט, אין די טיפע קאָרידאָרן, האָט מען געקאָנט אַלצדינג אָפּטון, און עס איז איינגע־זונקען און פאַרלוירן געוואָרן אין דער טעמפּער טיפקייט, ווי אין וואַסער. קיין איין הויך קאָפּט זיך נישט אַרויס דורך די שטאָלענע ווענט אין דער עפנטלעכקייט. האָט מען עס געפונען פאַר דעם פּאַסנדיקסטן אָרט פאַר דעם צוועק, וואָס מען האָט באַדאַרפט. חבר מאַרעק האָט זיך באַזעצט אין דער געביידע. דער נאָמען „גרויס־לוביאַנקע" איז געוואָרן אַ מלאך־המות־קלאַנג, וואָס האָט אַ טויט־שרעק אַנגעיאָגט אין די הערצער פון אַלע „באַפרייטע" בירגער פון רוסלאַנד.

דעם מאָרגן האָט זיך חבר מאַרעק אויפגעכאַפּט פון זיין שווערן שלאָף אויף זיין פעלד־בעט, וואָס איז געשטאַנען אין אַ צימער אויף די ערשטע שטאָקן. ער האָט יעדע נאַכט איבערגענעכטיקט אין אַן אַנדער צימער, — צוליב אַן „עין־הרע". דער ערשטער געפאַנגענער אויף לו־ביאַנקע איז חבר מאַרעק אַליין געווען. ער האָט נישט געוואַגט אַרויסצו־גיין פון דער געביידע. מיט אים אין דעם זעלבן צימער, אויף אַ צווייטן פעלד־בעט, איז געשלאָפן דער חבר בורשאַנאָוו, וועלכער איז איצט גע־ווען דעם חבר מאַרעקס הויפּט־העלפער. פאַר זיכערקייטס־וועגן, אַפילו פאַר די אייגענע חברים (וואָס מ'קאָן קיינמאָל נישט וויסן, ווער עס באַ־האַלט זיך אונטער זיי), זענען זיי געשלאָפן זאַלבעצווייט, מיט די רעוואָל־ווערן ביי זיך אונטער דער קאָלדרע.

אַז חבר מאַרעק האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין דער זעלנערישער „פּאָרזיצנדער" געווען אָנגעטון אין זיין לאַנגן מונדיר, אַזוי ווי ער וואָלט אים קיינמאָל פון זיין לייב נישט אַראָפּגענומען. ער איז געזעסן אויפן בעט און געטרונקען „קיפּיאַטאָק" (הייס וואַסער) פון אַ קעסעלע, וואָס

ער האָט זיך פון ערגעץ־ווו געבראַכט, און פאַרביסן מיט ראַזאָווע ברויט.

חבר מאַרעק איז, ווי תמיד, אויפגעשטאַנען מיט א שרעקלעכער מיגרענע, אויף וועלכער ער האָט לעצטנס זייער געליטן. די שטייפע שוואַרץ־גרויע האָר זענען געשטאַנען ווי שטייפע דראָטן אויף זיין באַר־נע־פאַרמיקן קאָפּ. זיין הויכער שטערן האָט געגלאַנצט, און זיין דינע ביינערדיקע נאָז האָט זיך אַרויסגעהויבן פון זיין מאָגערן, איינגעפאַלענעם פּנים. שטענדיק זענען געשטאַנען אויף זיינע איינגעפאַלענע באַקן רויטע פלעקן, וואָס האָבן עדות געזאָגט אויף א געהיימער קראַנקהייט, וועלכע ער האָט פון סיביר מיטגעבראַכט. דאָס קאָזע־בערדל אויף דער שפּיץ גאָמבע איז געווען פאַרקאַלטענעוועט, צעפּלאָנטערט, אויסגעבויגן, און ס׳האָט אויסגעזען ווי א צוגעטשעפּעטע באָרד אויף א נאַקעטער גאָמבע.

— שפּעט? — האָט ער געפרעגט אין אימפּעט דעם זעלנערישן חבר.

— צייט, — האָט יענער אָפּגעענטפערט קורץ און נישט געשטערט זיך ווייטער אין טרינקען דאָס הייסע וואַסער.

חבר מאַרעק האָט אַרויסגעשטעקט פון אונטער דער זעלנערישער קאָלדרע זיינע ביינערדיקע דינע שטעקן־פיס, וואָס זענען געווען שטאַרק באַוואַקסן מיט שוואַרצע האָר, און פלינק, מיט אימפּעט, ווי ער האָט אַלץ געטון, זיי אַריינגעשטעקט אין סאָלדאַטישע הויזן. דערביי האָט ער פון צייט צו צייט (ווי ער האָט נאָר א האַנט פריי באַקומען) געקעמט זיך מיט די פינגער דאָס בערדל, אויסגעגלעט עס, געקלערט פלינק, און זיינע ווער־טער האָבן זיך נאָך שנעלער געשאָטן. איידער זיינע געדאַנקען:

— שפּעט איינגעשלאָפן, א שרעקלעכער קאָפּ־ווייטיק. היינט דאַרף מען די קאַמערן אויסרייניקן. נישטאָ וואָס מיט זיי זיך צו צערעמאָניען. דאָס הויז איז איבערגעפּאַקט, און דערביי האָבן מיר נאָך גאָרנישט דער־גרונטעוועט. נישטאָ די לעבער, ווו די קאָנטער־רעוואָלוציע באַהאַלט זיך נישט.

דער סאָלדאַט האָט אים, ווי זיין געוווינהייט איז געווען, שטום צו־געטאַקעוועט.

חבר מאַרעק האָט באַלד פאַרגעסן אָן דער שרעקלעכער מיגרענע, וואָס האָט זיין קאָפּ, ווי אין א פייערדיק ראָד, געהאַלטן אַרומגענומען. חבר מאַרעק האָט אַנדערש נישט געקאָנט טון קיין זאַך, סיידן ער האָט

זיך נישט אין איר אריינגעווארפן מיט זיין גאנצן אימפעט, מיט הענט און פיס. ער האט פון עפעס אנדערש נישט געקאנט קלערן און רעדן, נאר וועגן דער ארבעט, וועלכע ער האט זיך אונטערגענומען צו טון. זיין טעמפעראמענט האט זיך אנגעצונדן, ווי א פלאקער פייער, און נישט געקאנט זיך אויסלעשן אויף איין סעקונדע. זיין מוח האט געארבעט אפילו אין שלאף, ביים עסן, ביים טון די נויטיקסטע זאכן. ער איז געווען געפאנגען, ווי א חיה אין א נעץ, פון זיין אייגענעם אימפעט, און האט נישט געקאנט פון אים זיך באפרייען אויף א סעקונדע.

אין איילעניש, ווי ביי א שרפה, האט ער זיך אנגעטון און געהאלטן אין איין רעדן:

— מיר האבן דאך עפעס אנדערש צו טון, איידער די עקלדיקע ארבעט: בויען די סאציאליסטישע ארדענונג. נאר ווי אזוי קאן מען בויען, אז זיי שטערן, אז זיי גראבן זיך אונטער, ווי די מייז, און גרייזשען. ווי אזוי קאנען מיר בויען, אז זיי סאבאטירן אונדז, אז זיי רינגלען אונדז ארום מיט א נישט געזעענעם פייערדיקן פראנט, ווי אזוי קאנען מיר עפעס טון, אז דו ווייסט נישט ווען דו האסט פאר דיר, מיט וואס פארא געדאנקען ער טראגט זיך ארום? צייט, צייט דאס אלץ אויסצורוימען. צו־שפעט זיך געכאפט, געלאזט דעם באדן פארפאסקודעוועז. איך האב עס נעכטן „אילייטשן" געזאגט: „ניין, מיר נעמען נישט קיין נקמה. די רעוואלוציע טוט נאר דאס נויטיקע".

ער האט זיך אפגעגאסן מיט קאלט וואסער, וואס איז געשטאנען אויף אן אייזערנעם באשטאנד אין ווינקל־שטוב, פון וואנען עס האט זיך געהערט א קאזארמע־געשטאנק... ער האט זיך אפגעטריקנט דאס פנים מיט א שמוציק האנטוך און געגלעט זיך דאס בערדל מיט די פינגער:

— נו, זאגן מיר, אז מיר באגייען אמאל א טעות. נו, איז וואס? כדי קלארקייט אריינצוברענגען, כדי צו באפעסטיקן דעם באדן, מיר זאלן זוכן, אז מיר גייען מיט זיכערע טריט, איז דאך ווערט אפילו פינף און צוואנציק פראצענט, אפילו פופציק פראצענט טעותן. יעדע מינדסטע בורזשואזע מלחמה קאסט דעם פראלעטאריאט הונדערטער טויזנטער, מיליאנען קרבנות. יעדן טאג לייגן אוועק דאס לעבן פאר די אימפעריאליסטישע פארכאפערס — צענדליקער טויזנטער ארבעטער. ווי שעפסן שיקט מען זיי אויפן שלאכטפעלד. און קיינער זאגט נישט קיין ווארט,

ווייל די קרבנות זענען דער געפּייניקטער פּראָלעטאַריאַט. און דאָ, ווייל די קרבנות זענען פון פּריווילעגירטן צד, היט מען זיך, שרעקט מען זיך אַ טעות צו באַגיין. די רעוואָלוציע שטייט אין בלוטיקסטן קאַמף. די וועלט־בורזשואַזיע מיט אירע משרתים, בלערליי מענשעוויקעס און סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן האָבן דעם פּראָלעטאַריאַט דערקלערט אַ בלוטיקע מלחמה. נישט אָן אָפענע, נאָר אַ באַהאַלטענע. פון אַלע פאַרהוילענע לעכער קוקט זי אַרויס. אויף יעדן טריט לויערט זי אויף אונדז. יאָ, די האָבן דערקלערט דעם פּראָלעטאַריאַט דעם בלוטיקסטן קאַמף, און מיר זענען געוואָרן אַזעלכע פיין־פילנדע, אַזעלכע מאָראַלישע שוואַכלינגען. באַקעמפן מוזן מיר די קליינבירגערלעכע פּסיכאָלאָגיע, וועלכע שטעקט נאָך אין אונדזערע רייען. מלחמה איז מלחמה. און מיר ווילן דעם שונא דערטרינקען אין זיין אייגן בלוט, ביז ער וועט עס האָבן גענוג.

דער מרה־שחורהדיקער סאַלדאַט האָט שטילשווייגנדיק אָנגעגאָסן דעם חבר אַ טעפּעלע טיי און צוגערוקט אים אַ שטיק שוואַרץ ברויט.

— עסט, חבר.

דער חבר מאַרעק, פאַרטון אין זיינע געדאַנקען, האָט אַ צעשטרייטער אָפּגעקנייפּט אַ שטיק ברויט, געכאַפּט אין מויל אַריין, אַ זופּ־געטון פון טעצל. ער האָט עפּעס געזאָגט, נאָר זיין מויל איז געווען איבערגעפילט, מ׳האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס ער האָט געזאָגט. נאָכן ערשטן ביס האָט ער אוועקגעשטעלט דאָס טעצל און געזאָגט פון באַפרייטן מויל:

— נו, חבר, קומט־אַראָפּ, צייט אָנצוהייבן.

— איר עסט נישט? צו מיטאָג איז נאָך פיל צייט, און אַרבעט וועט היינט זיין גענוג, — זאָגט דער סאָלדאַט.

— איך האָב קיין אַפּעטיט נישט. פאַסקודנע אין מויל. קומט, חבר.

געכאַפּט דאָס קאָמיסאַרן־היטל, דעם רעוואָלווער־אויטאָמאַט האַלטנדיק גרייט אין דער האַנט, דאָס קאַזע־בערדל פאַראויס פאַר זיך, איז ער אַרויס פון דער טיר. נאָך אים האָט זיך איבער דער טרעפּ נאָכגעשלעפּט דער לאַטווישער סאָלדאַט, קייענדיק דאָס שטיק ברויט אין מויל. זיין פּנים איז נאָך איצט טרויעריקער און פינצטערער געווען. זיין לאַנגער מאַנטל האָט פאַרטוליעט זיינע שטיוול אַזוי, אַז מ׳האָט זיינע טריט נישט געהערט.

אויף די טרעפּ, אין די קאָרידאָרן, האָבן זיי אָנגעטראָפן אַרעסטיר־

טע, געפירט פון סאָלדאַטן אין די פאַרשידענע „קאַבינעטן" צו די סלע־דאָוואַטעליעס אויף אויספאַרשונגען. אַלע זענען אָפּגעשפּרונגען אָן אַ זייט און בלאַסע דורכגעלאָזט מיט יראת-הכבוד דעם חבר מאַרעק מיט זיין באַגלייטער, וועלכע האָבן גרייט, אויף יעדן פאַל, געהאַלטן די רעוואָלווערן אין דער האַנט, ביז חבר מאַרעק איז פאַרשוווּנדן אין זיין צימער, ווו מ'האָט פאַר אים פאָרגעפירט די וויכטיקסטע אַרעסטירטע.

דער ערשטער איז געווען אַ הויכער אַריסטאָקראַט, מיט אַ לאַנג, אויסגעצויגן פּנים. די ברייטע לאַנגע אָפּגעגאָלטע ליפּ אונטער דער הויך־פאַרשנעלטער נאָז האָט שוין אָנגעהויבן צוריק באַוואַקסן צו ווערן מיט שטעכיקע גרויע העלרלעך. זיין לאַנגע אַראָפּהענגענדיקע גאָמבע האָט זיך געבאָמבלט. זיינע בלויע נאַאיווע אויגן האָבן מיט אַנגסטיקער שרעק זיך אַרומגעקוקט, — אַמאָל אויף דעם אויפגעגעטן, האַר־צעפּלאָשעטן חבר מאַרעק (וועלכער האָט נישט געקאָנט איינזיצן אויף זיין אָרט, אויפגע־הויבן זיך פון זיין שטול, אַ פּאָר מאָל אַרומגעלאָפן און צוריקגעזעצט זיך). און אַמאָל געווענדעט זיך צום טויט־שווייגנדיקן, מרה-שחורהדיקן זעל־נער, וועלכער האָט געהאַלטן אַ רויטע דיקע בלייפעדער אין דער האַנט איבער אַ פּאַפּיר און אויף עפּעס געוואַרט.

— ווערבירט צווישן די אַריסטאָקראַטן אָפיצירן פאַר דער ווייסער אַרמיי? העי? געווער באַהאַלטן, העי? עס האָט זיך אייך פאַרגלוסט צוריק דעם צאַר? איר ווילט נישט שלום מאַכן מיט דער סאָוועטישער מאַכט, העי? — האָט דער חבר מאַרעק געהאַלטן אין וואַרפן ווערטער, דערבײַ זיך נישט אויפגעהערט צו גלעטן דאָס בערדל און געשאָקלט זיך הינטערן טיש מיט זיין דאַרן, הויכן, אויסגעהויקערטן רוקן.

דער „אַריסטאָקראַט", ווי אַ גוט־אויסגעפּאַשעטער הערן-הונט צום ערשטן מאָל צווישן וועלף, האָט קיין איין וואָרט פאַר צעמישונג נישט גע־קאָנט אַרויסברענגען. גרויסע אַנגסטן זענען געוונען פון זיין הויכן שטערן איבער זיין נאָז אַראָפּ, און זיינע בלויע אויגן, וואָס זענען איצט פאַר־שטאַרט געוואָרן, ווי פאַרגליווערט אויף זייערע ערטער, האָבן חיה-סכנה־דיק געקוקט פון זיין גרויסן פּנים אַרויס. זיינע נישט-צוגנדיקע ליפּן האָבן זיך נאָך מער געעפנט, און האָבן אַרויסגעוויזן גוט־געפּלעגטע פּערדישע גרויסע ציין. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר האָט בשום-אופן קיין

ווערטער נישט געקאָנט אַרויסברענגען. אַנשטאָט דעם האָבן מיטאַמאָל טרערן־רינגלעך זיך אַ גאָס־געטון פון די אויגן.

— פון צאַרס פאַמיליע אפשר, העז ווער זענען געווען אייערע מיט־העלפערס, פאַרוואָס באַהאַלט איר עס? פאַרוואָס באַהאַלט איר עס פון אונדז? מיר ווילן נישט זיין גרויזאַם. איר מאַכט אונדז צו באַנוצן זיך מיט ענויים. גיט אַרויס אייערע מיטהעלפער!

דער אַריסטאָקראַט האָט עפּעס געשטאַמלט. פאַר שרעק האָט אַ ווייסע מאַסע פאַרשטעלט זיינע אויגן, ער האָט גאָרנישט געזען. און אַזוי ווי זיין ראיה, אַזוי איז געווען זיין דיבור.

ער האָט גערעדט, גערעדט, נאָר מ׳האָט אים נישט פאַרשטאַנען.

— אַרויסגעגעבן, זאָגט איר, אַרויסגעגעבן? — חבר מאַרעק קוקט אין פּאַפּיר אַריין.

— און מער האָט ער נישט געהאַט קיין אַנדערע נעמען, חבר איוואַנאָוו?

חבר איוואַנאָוו, וואָס האָט געפירט די אויספאָרשונג פון דעם אַריסטאָקראַט (אַ נידעריקער מיט זשאַנדאַרמסקע אויגן), איז געקומען צו־לויפן פון אַ צווייטן טיש צום חבר מאַרעק און האָט עפּעס געזאָגט:

— אַלע, זאָגט ער, אַרויסגעגעבן, אַלע. גוט, גוט. איר זענט פריי, בירגער, לאָזט אים, חברים, אָפּ.

דער אַריסטאָקראַט איז געבליבן שטיין אַ פאַרשטאַרטער, זיינע אויגן זענען גרעסער געוואָרן, נאָר פאַרגליווערט, אַזוי אויך זיין אָפן מויל. ער איז שטיין געבליבן און זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט.

— איר זענט פריי, בירגער! איר קאָנט גיין, — האָט אים חבר מאַרעק נאָך אַמאָל צוגעוואָרפן.

דער פאַרשטאַרטער אַריסטאָקראַט איז אָבער געבליבן שטיין און נישט באַוועגן זיך, ווי אַ פאַרשטיינערטער.

— איר זענט פריי, — האָט אים חבר איוואַנאָוו אויסגעדרייט און געוויזן אויף דער טיר.

דער אַריסטאָקראַט איז נאָך אַלץ געשטאַנען, נאָר זיינע אויגן האָבן אָנגעהויבן צו באַקומען אַ בליאַסק, און זיין פאַרשטייפט פּנים איז באַוועגלעך געוואָרן. ער האָט נאָך אַ פאַראירטן בליק געוואָרפן, ווי ער

וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן, אויב עס איז אמת, און האָט אָנגעהויבן צו גיין מיט שטייפע טריט, ווי אויף שטאָלצן, צו דער טיר.

איידער אָבער ער האָט דערגרייכט די טיר, האָט זיך דערהערט עפּעס א געוויש, א טעמפּער קנאַל. א קויל פון חבר מאַרעקס אויטאָמאַט איז דעם הויכן אַריסטאָקראַט געבליבן שטעקן אין לייב. ער האָט נאָך צייט געהאַט זיך אומצוקוקן פאַרוואונדערט, אַזוי ווי מען וואָלט אים גע־וועזן צוריקגערופן. און פּלוצים האָט ער זיך אוועקגעזעצט אויף דער ערד, ווי א קליין קינד, און פּאַמעלעך זיך אויסגעצויגן. סאָלדאַטן האָבן אים ביי די פיס אַרויסגעשלעפּט פון שטוב...

די צווייטע אויפן פּאַרהער איז געווען א יידיש מיידל. א קורץ־געשוירענע ברונעטע, מיט א בלייכער, לאַנגער און אויסגעקרימטער נאָז. די בלוטיקע פלעקן אויף איר פּנים און איר קרום האַלטן זיך האָבן עדות געזאָגט אויף עינויים, וואָס זי האָט נישט לאַנג צוריק געמוזט איבערטראָגן. זי האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. נאָר פון אירע אויגן האָט אַרויס־געפלאַקערט אַזא חוצפּהדיק ליכט ביים אָנבליק פון חבר מאַרעק, אַז זי האָט באַלד גובר געווען אירע פיזישע ליידן און איז שוין געשטאַנען א שטאָלצע, אַן אַרויספאָדערנדיקע און געקוקט מיט א קאַלטן, פאַראַכטנ־דיקן שמייכל דעם חבר מאַרעק אין פּנים.

א לאַנגע מינוט האָט געדויערט דאָס שווייגן. חבר מאַרעק און דאָס יידישע מיידל האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע געמאָסטן מיט די בליקן, ווי צוויי העגער, איידער זיי פאַלן־אָן איינער אויפן אַנדערן. חבר מאַרעק איז פּונקט ווי זיין קרבן איצט בלייך געוואָרן, א שוים האָט זיך געזעצט אין די ווינקלען פון זיינע ליפּן, איידער ער האָט געקאָנט א וואָרט אַרויס־ברענגען פון זיין מויל.

— טעראָר האָט זיך אייך פאַרגלוסט! — האָט חבר מאַרעק געוווּ־נען זיין לשון און אָנגעהויבן צו שרייען מיט א קוויטשנדיקער שטימע, פאַר כעס אויפגעשפּרונגען פון זיין בענקל און איבער דער שטוב געלאָפן.
— איר מיינט, אַז עס זענען צאַרישע צייטן. אין ראָמאַנטיק זיך שפּילן! זאָגט, ווער עס זענען געווען אייערע מיטהעלפער! מיר וועלן אייך מאַכן רעדן, מיר האָבן די מיטלען דערצו!

— איך ווייס עס, — האָט אים דאָס מיידל אָפּגעענטפערט און גע־קוקט אים אין די אויגן אַריין.

עס איז געווען ווי חבר מארעקס מוט וואָלט געבראָכן געוואָרן פון דעם איינפאַכן וואָרט. עס איז נישט געווען דאָס וואָרט בלויז, נאָר דער טאָן און דער אופן, ווי זי האָט עס ארויסגעזאָגט.

— און פאַרוואָס ברענגט איר אונדז דערצו? איר מיינט, אַז עס איז אונדז אָנגענעם צו פאַסקודעווען זיך מיט דעם. איר האָט זיך אָנגעשלאָסן צו די שונאים פון דער רעוואָלוציע, געוואָרן די לאָקייען פון די בורזשויען און פאַרקויפט דעם פּראָלעטאַריאַט. פאַרוואָס, פרעג איך? פאַרוואָס?

דאָס מיידל האָט אים נישט אָפּגעענטפערט, נאָר געקוקט אים אין פּנים אריין, נישט מיט אירע אויגן, נאָר מיט די בלוטיקע פלעקן פון איר פּנים...

— איר וועט נישט ארויסגעבן אייערע מיטהעלפער?

דאָס מיידל האָט פאַרעקשנט געשוויגן.

— איך זאָג נאָך אַמאָל, אַז מיר האָבן מיטלען אייך צו מאַכן רעדן.

— דאָס ווייס איך, — האָט דאָס מיידל נאָך אַמאָל איבערגעחזרט איר וואָרט.

חבר מארעק האָט זיך דורכגעקוקט מיט חבר איוואַנאָוו, וואָס האָט זיך איצט אויסגעדרייט פון פענצטער און אָנגעקוקט דעם חבר מארעק.

חבר מארעק האָט געשאָקלט מיט זיין בערדל אויף יאָ.

איוואַנאָוו האָט געגעבן אַ ווונק. די סאָלדאַטן האָבן זי ארויסגעפירט.

חבר בורשאַנאָוו האָט איצט מרה־שחורהדיק, פאַרשנדיק, געקוקט דעם חבר מארעק אין פּנים אריין, וועלכער האָט שוין צייט געהאַט זיך אוועקצוזעצן צוריק אויף זיין אָרט.

— נו, יאָ, יאָ. נישטאָ קיין צייט צו צערעמאָניען זיך.

חבר בורשאַנאָוו האָט מיט זיין רויטן בליישטיפט אַ שאַרפן קריץ־גע־געבן אויפן פּאַפּיר.

אין שטוב איז געשטאַנען אַזאַ האַרטע לופט, אַז עס האָט זיך גע־דאַכט, מען ווערט דערשטיקט. די מיגרענע האָט געברענט איצט דעם חבר מארעקס קאָפּ. רויטע פלעקן האָבן זיך אָנגעהויבן צו זעצן אויף זיין אויסגעגלעט פּנים, ער האָט נערוועז געגעבן אַ שלעפּ זיין בערדל און האָט אַ קוויטש-געטון:

— עפנט דאָרט אויף אַ לופטשיק, מען ווערט דערשטיקט.

עמיצער האָט אויסגעפּירט זיין באַפעל, און די פרישע לופט האָט זיך ווי אַן אומשולדיק קינד אין שטוב אריינגעכאַפּט.

דער דריטער אויפן פאַרהער איז געווען דער אַלטער מירקין.

— פאַרוואָס סאַבאָטירט איר אונדז? פאַרוואָס הונגערט איר אוים דעם פּראָלעטאַריאַט? פאַרוואָס פאַרבינדט איר זיך מיט אונדזערע שונאים? פאַרוואָס? פאַרוואָס? — האָט זיך חבר מאַרעק געקלאָגט מיט אַ וויינענדיקער שטימע צוליב דער מיגרענע, וואָס האָט אים געפּייניקט, פאַרן בלייכן אָבער שטייף זיך האַלטנדיקן אַלטן מירקין, וועלכער איז געשטאַנען אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע מיט די פאַרשטיינערטע צוויי גרויסע שפּיצן־בערד, מיט גרינע אויגן, וואָס זענען געהאַנגען אין דרויסן אויף די עקן טרערן־טאָרבעלעך אַזוי, אַז עס האָט זיך געקאָנט דוכטן, אָט־אָט פאַלן זיי אַרויס.

דער אַלטער מירקין האָט אים רואיק אויסגעהערט און אָפּגעענטפערט מיט אַ זיכערער שטים, באַשטאַרקנדיק זיינע ווערטער מיטן קאָפּ אויף „ניין".

— עס איז נישט אמת, אַז איך סאַבאָטיר. איך האָב געטון מיין פליכט פאַר דער סאָוויעטישער מאַכט.

חבר מאַרעק איז דערשטוינט געוואָרן פון דעם ענטפער. דער זיכערער טאָן פון דעם אַלטן און זיין רואיק האַלטן זיך האָט אים פאַרוואונדערט, אויך איינצייטיק איבערצייגט. ער האָט אויפגעהויבן זיינע קינדישע אויגן און אָנגעקוקט פאַרוואונדערט דעם אַלטן מירקין.

— אויב אַזוי, מוז דאָך עמיצער אַנדערש סאַבאָטירן אין אייער אָרגאַניזאַציע. די באַנען קראַכן־צונויף, עס פעלן אוים שוועלן, עס פעלט אוים האָלץ צו הייצן די לאָקאָמאָטיוון אין דעם ערנסטן מאָמענט. ווען איר זענט נישט שולדיק, מוז דאָך עס עמיצער אַנדערש זיין?

— דאָס קאָן איך נישט וויסן. פיל איז שולדיק אין דעם די אַלגעמיינע לאַגע: די קוועלן, פון וואַנען מיר פלעגן באַקומען מאַטעריאַלן, זענען אָפּגעשניטן; די „דעפּאָס" האָבן זיך אויסגעליידיקט. מיין עצה גלייך אָנצוהייבן אויסצוהאַקן די וועלדער אַרום מאָסקווע און אַנדערע ערטער, האָט מען איגנאָרירט. מען האָט געזאָגט, אַז עס זענען נישטאָ קיין הענט. די בעסטע מיטהעלפער האָט מען ביי מיר צוגענומען און געגעבן מיר

אומפאראנטוואָרטלעכע, אומדערפּאַרעגע מענטשן. אויף מיר האָט מען גע־קוקט מיט חשד. וואָס האָב איך געקאָנט דערביי העלפן?

דעם חבר מאַרעק האָט דענערווירט דעם אַלטנס רואיקער טאָן. אומ־באַוווּסט האָט ער זיך דערפילט דערפון פערזענלעך באַליידיקט, וואָס דער אַלטער לאָזט זיך אַריין מיט אים אין „דיסקוסיעס". איינציייטיק אָבער האָט יענעמס זיכערע האַלטן זיך געמאַכט אויף אים אַן איינדרוק. חבר מאַרעק האָט אים איבערגעריסן:

— אויב איר זענט נישט שולדיק, מוז דאָך עמיצער אַנדערש זיין שולדיק, זאָג איך נאָך אַמאָל. אַזוי קאָן מען דאָך נישט איבערלאָזן. (ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין אָרט און אָנגעהויבן גיין אַרויף און אַראָפּ.) מוזן מיר זיך דאָך איבערציינגן, אַז איר זענט טאַקע נישט שולדיק און אָנהייבן זוכן די ריכטיקע שולדיקע, — האָט ער געהאַלטן אין איין רעדן צו זיך. ער איז צוריקגעקומען צו זיין טיש, אַוועקגעזעצט זיך און געלאָזט זיך געבן פון סאָלדאַט בורשאַנאָוו די פּאַפּירן און אַריינגעקוקט אין זיי.

— איר האָט געגרינדעט אייער אָרגאַניזאַציע אונטער דעם אַלטן רעזשים. ווי קומט עס, אַז איר, אַלס אַ ייד, האָט געוואָלט אַזאַ צוטרויען ביים צאַרס מענטשן? — פרעגט ער אים, קוקנדיק אים אין די אויגן אַריין.

דער אַלטער מירקין האָט ערשט איצט באַמערקט, אַז דער חבר מאַ־רעק, וואָס זיצט פאַר אים, האָט קיין ברעמען נישט, און זיינע אויגן זיצן נאַקעט, ווי אַן שאָטנס. דאָס האָט אים אין דעם מאָמענט מער דערשראָקן, ווי דאָס, וואָס שטייט אים פאַר.

— איך האָב זיך געמיט, אַז מען זאָל געווינען צו מיר צוטרויען, — ענטפערט־אָפּ דער אַלטער רואיק.

— הייסט עס, אַז איר האָט גוט געלעבט מיט „נאַטשאַלסטווע". דורך כאַבאַר, פאַרשטייט זיך? געהולטאַיעוועט מיט זיי, אָדער נאָך ערגע־רע זאַכן געפּראַוועט! — זאָגט חבר מאַרעק.

— אויף קיין אַנדערן אופן איז נישט מעגלעך געווען צו אַרבעטן אין רוסלאַנד. זיי האָבן געהאַט די מאַכט, און דער, וואָס האָט געוואָלט עפּעס אויפטון ביים אַלטן רעזשים, האָט געמוזט גוט לעבן מיט דער מאַכט.

חבר מאַרעק איז פאַרשוויגן געוואָרן. ער האָט געקוקט אָן אַ זייט,

אויסמיידנדיק דעם אלטנס בליק און נאכגעקלערט. דערביי האט ער זיך נישט אויפגעהערט צו ציען דאס בערדל.

— זאגט מיר, איך בעט אייך, ווי קומט עס, וואס איר האט אונדז נישט פארלאזט, ווען אייערע פריינט זענען אוועק, — דער נאפט־סוחר גאלדשטיין, אייער פאמיליע, דער אדוואקאט האלפערין? וואס האט אייך געבראכט צו בלייבן און ווייטער צו ארבעטן מיט אונדז?

— איך האב געוואלט העלפן בויען רוסלאנד.

— וועלכעס רוסלאנד? — צעשרייט זיך פלוצים חבר מארעק, — אונדזערס, דאס סאוויעטישע, דאס אקטאבערישע, דאס רוסלאנד פון פראלעטאריאט, אדער דאס רוסלאנד פון די צארן, מיט וועלכע איר האט גוט געלעבט?

— מיר איז נישט קיין חילוק, וועלכעס רוסלאנד. איך קאן נאר איינס — אונדזער פאטערלאנד, און דער, וואס בויט עס, דעם וויל איך דינען.

— אבער אונדז איז יא שוין א חילוק. נו, איצט וויל איך אייך זאגן, בירגער מירקין, פארוואס איר זענט איבערגעבליבן, איר זענט איבערגעבליבן דערפאר, ווייל איר האט אפגעווארט אונדזער מפלה, איר האט זיך נישט געוואלט רירן פון אייער געשעפט, איר האט זיך געהאלטן פעסט ביי די לייצעס און געווארט, ביז מיר וועלן פאלן. זאגט, בירגער מירקין, איז עס אמת? — און חבר מארעק קוקט דעם אלטן טיף אין די אויגן אריין מיט זיין נאקעטן בליק.

— דאס איז נישט אמת; — ענטפערט אפ דער אלטער רואיק, איצט רויט ווערנדיק.

— וועלן מיר זיך אין דעם איבערצייגן! הייסט עס, אז איר האלט זיך נישט שולדיק?

— איך ווייס נישט פון קיין שולד מיינער קעגן דער סאוויעטישער מאכט — ענטפערט־אפ דער אלטער מיט זיין גאנצער ווירדע.

— פירט־אפ, חברים, דעם בירגער. די אויספרעגונג האט זיך געענדיקט.

אז מ׳האט דעם אלטן מירקין דערוויטערט, האט דער זעלנער געקוקט פרעגנדיק אויף חבר מארעק מיט זיין באקאנטן מרה־שחורהדיקן בליק.

— דער טייוול ווייסט אים, אויב יא שולדיק, אדער נישט. יעדנ-

פאַלס באַדאַרף מען אים דערוויטערן, כדי זיך צו איבערצייגן, ווער עס זענען די אמתע שולדיקע.

חבר בורשטאַגאָוו האָט אין מירקינס פאַפּיר אַ קריץ־געגעבן מיט זיין רויטן בלייפעדער.

* * *

זאַבאַרי האָט פון פרימאָרגן, נאָך דער נאַכט, אין וועלכער מען האָט דעם פאָטער פון דעם האָטעל צוגענומען, געפרוווט אַריינקריגן זיך אין קרעמל צום מאַן מיט די מאָנגאָלישע אויגן. עס איז אים אָבער נישט געלונגען. אַלע באַקאַנטע חברים, צו וועמען ער האָט זיך געווענדעט, אַז זיי זאָלן זען באַקומען פאַר אים אַ פּאַפּירל, ווען זיי האָבן דערהערט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן זיין אַרעסטירטן פאָטער, האָבן זיך אָפּגעזאָגט מיטצוהעלפן אין דער זאַך. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי מען קאָן איצט דעם קרעמל באַאומרואיקן וועגן דעם גורל פון איין מענטש, ווען דער בירגער־קריג גייט־אָן אויף אַלע פראָנטן, און דער רעוואָלוציע דראָט אַ געפאַר פון די אויסערלעכע און אינערלעכע שונאים.

כדי נישט צו פאַרלירן קיין צייט, — און ער האָט געוווסט, אַז פיל איז נישט איבערגעבליבן, — האָט זאַבאַרי באַשטימט דירעקט זיך צו ווענדן צום חבר מאַרעק. ער האָט ווייניק האָפענונג געלייגט אויף דעם, אָבער דער חלק איז געלעגן אויפן האַלדז. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט ווירקן אויף אים מענטשלעך.

נאָך פיל מי איז אים געלונגען צו באַקומען אַן אַריינלאָז־צעטל אין הויז אויף לוביאַנקע. צוליב אַלטער באַקאַנטשאַפט האָט אים חבר מאַרעק צוגעלאָזט און אויפגענומען אים ווי תמיד מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט.

— איך שווער אייך ביי מיין קאָפּ, אַז ער איז אומשולדיק. ראַטעוועט אַן אומשולדיקן מענטש, חבר מאַרעק! — האָט זאַבאַרי איינגעשטרעקט צו אים די הענט און געבעטן.

— שולדיק אָדער נישט שולדיק, די רעוואָלוציע מוז גיין אויף אַ זיכערן וועג. מיר מוזן האָבן קלאָרקייט. ווען נישט ער, זענען אַנדערע שולדיק. דורך דעם באַדאַרף מען אים ערשט דערוויטערן, כדי מיר זאָלן זיך איבערצייגן, ווער עס סאַבאָטירט.

זאַכאַרי, בלייך פון זיין קרענק און שרעק, איז צוגעלאָפן צו אים מיט ציטערנדיקע הענט:

— אָבער ווי אַזוי קאָנט איר? כדי איר זאָלט זיין זיכער! עס איז דאָך אַ מענטש. עס גייט דאָך אין אַ מענטשנס לעבן.

— וואָס איז אַ מענטש פאַר דער רעוואָלוציע? און אַז אונדזערע ווערן געטויט אויפן פּראָנט טאָג-טעגלעך, ווען דורך סאַבאָטאַזש ווערן אונדזערע קינדער געשוואָלן פאַר הונגער, די בעסטע סאָוויעטישע טוער צום טויט געשיקט, — מאַכט דאָס אייך נישט אויס, נאָר דאָס לעבן פון אַ בורזשוי, וועלכער האָט געדינט דעם אַלטן רעזשים און איז נאָר געזעסן פּעסט אין זיין אָרגאַניזאַציע, כדי אָפּצוּוואַרטן אונדזער פאַלן?

— אָבער דאָס איז דאָך מיין פאָטער! מיין אַלץ!

—באַדויער איך זייער, וואָס דאָס איז אייער פאָטער. איבעריקנס, אַ רעוואָלוציאָנער זאָגט זיך אָפּ פון אַ פאָטער אַ בורזשוי, וואָס איז געווען אויסגעקאָכט מיט נאַטשאַלסטווע.

— חבר מאַרעק, ער האָט מיר דאָס לעבן געראַטעוועט, איר ווייסט, וואָס ער איז געווען פאַר מיר? — פון דער גאַס האָט ער מיך אויפגע־הויבן. איך האָב גאָרנישט מער אין לעבן, נאָר אים. איך בעט אייך, גיט מיר אים צוריק, — האָט זיך זאַכאַרי געוואָרפן פאַר אים.

— איך שעם זיך פאַר אייך, צו זען אייך אין אַזאַ קלעגלעכער ראָלע. דאָס איז אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין אָקטאָבער? וואָס האָט אונדז געהאָלפן אין די צאַריסטישע צייטן? אַזוי האַנדלט אַ רעוואָלוציאָנער? אַ ריכטיקער רעוואָלוציאָנער גיט אַליין אַרויס אַזאַ טאַטן, שיסט אים מיטן אייגענעם רעוואָלווער, נישט ווי איר, וואָס קומט בעטן פאַר אים.

— איך בין נישט קיין רעוואָלוציאָנער, איך בין אַ קראַנקער, שוואַ־כער מענטש. איך בין — איז זאַכאַרי שטעקן-געבליבן, געשטיקט פון טרערן.

— דאָס זעט מען אייך טאַקע אָן, חבר מירקין.

זאַכאַרי האָט זיך איינגעבויגן, איינגעקאַרטשעט זיך, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַלן אונטער די אונטערגעשניטענע פיס, און ער האָט געזוכט אָנצונעמען חבר מאַרעקס הענט.

— חבר מאַרעק, איך האָב פיל מאָל איינגעשטעלט מיין לעבן פאַר

דער רעוואָלוציע. אין צייט פון מלחמה, — איר ווייסט עס וויל, — אין אָקטאָבער, אויפן טעאַטער־דאַך געזעסן. חבר בורשאַנאָוו, איר ווייסט עס, — ווענדעט ער זיך צום טויט־טרויעריקן זיצנדיקן סאָלדאַט, — איך האָב עס קיינמאָל נישט דערמאָנט. פאַר אַ באַלוינונג פאַר דעם אַלעם, בעט איך אייך, — באַפרייט מיין פאָטער. שיסט אים נישט! דערוויי־טערט אים. איך וועל אים אַליין אין אויסלאַנד ברענגען. אַז נישט, וועל איך אים האָבן מיט די אייגענע הענט געהרגעט. איך וועל עס שטענדיק טראָגן אויף מיין געוויסן.

— אַלץ, וואָס איר זאָגט איצט, איבערצייגט מיך נאָר אין דער ריכ־טיקייט פון אונדזער האַנדלונג. אויב אייער פאָטער איז נישט שולדיק אין סאַבאָטאַזש, איז ער גלאַט שעדלעך פאַר דער רעוואָלוציע. מיט זיין בורזשואַזער פּסיכאָלאָגיע האָט ער געווירקט און אָנגעשטעקט אייך, ווען איר קאָנט אייער גאַנצע רעוואָלוציאָנערע קאַריערע אַוועקגעבן פאַר ראַ־טעווען אַ פאָטער — אַ בורזשוי! זאָגט מיר, חבר מירקין, פאַרוואָס זענט איר נישט געגאַנגען אויפן פראָנט, ווען די רעוואָלוציע האָט אייך אַמנוי־טיקסטן באַדאַרפט, ווי יעדער אַנדערער האָט דאָס געטון?

— איך האָב נישט געקאָנט, — שטאַמלט מירקין.

— איך וועל אייך זאָגן פאַרוואָס. אייער פאָטער האָט אייך נישט גע־לאָזט. זיין בורזשואַזע פּסיכאָלאָגיע האָט שוין געווירקט אויף אייך. מיר ווייסן, איר האָט אָנגעהאַלטן באַציאונגען מיט אים.

— עס איז נישט אמת, עס איז נישט אמת, — האָט זאַכאַרי אָנ־געהויבן צו שרייען, ווי ער וואָלט געוועזן געזען דעם אָפּגרונט, וואָס ער אַליין האָט געגראָבן פאַר זיין פאָטער.

— אייער איינשטעלן זיך פאַר אייער פאָטער איבערצייגט אונדז, ווי שעדלעך עס איז געווען זיין איינפלוס אויף אייך. חבר בורשאַנאָוו, מיר האָבן איצט אַ ריכטיקן באַווייז אין בירגער מירקינס שולד!

— בירגער מירקין, דער אינטערוויו איז געענדיקט רופט־אריין דעם נעכסטן.

מען האָט זאַכאַרין דערווייטערט.

***

אַז חבר מאַרעק איז נאָך דעם שווערן טאָג אַרבעט אַרויף צו זיך אין צימער, איז ער געפאַלן אויף זיין בעט אַן אויסגעמאַטערטער. די

קרענקלעכע, רויטע פלעקן האָבן זיך איצט צעבליט ווי רויטע רויזן אויף דער באַקן־הויט, פון וועלכער די ביינער האָבן ארויסגעשטאַרצט. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן מיט דער האַנט, און זיין קאָזע־בערדל האָט זיך פון זיך אַליין באַוועגט אויף דער ענדע פון זיין גאָמבע. ער האָט געזען דאָס פוילישע דאָרף, אין וועלכן ער איז געבוירן געוואָרן. הארבסט־צייט. באַר־וועסע דאָרפס־קינדער יאָגן געגדז און קאַטשקעס מיט א רוט אין טייכל אריין. ער איז געוואָרן סענטימענטאַל. זיך אָנגערופן צום חבר בורשאַנאָוו, וואָס איז געזעסן קעגנאיבער אויף זיין בעט אין זיין מאַנטל און האָט מיט זיינע מרה־שחורהדיקע אויגן זיך פארקוקט ערגעץ פאַרטראַכט:

— חבר בורשאַנאָוו, איר האָט עפּעס ליב קינדער?

דער סאָלדאַט האָט אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— איך האָב זייער ליב קינדער. אז מיר וועלן האָבן זיך אָפּגעפאַר־טיקט מיטן שטיקל ארבעט, וועל איך זיך נעמען פאַר אונדזערע פאַרלאָזטע קינדער...

***

ווען די נאַכט האָט זיך אָנגערוקט, האָבן באַוואָפנטע סאָלדאַטן, אָנגע־פירט פון חבר בורשאַנאָוו, ארונטערגעפירט אַלע היינטיקע פאַראורטייל־טע אין טיפן קעלער אריין. פאַר דעם אריינגאַנג איז געווען א גרוימיק פאָדער־שטיבל. דאָס פאָדער־שטיבל, וואָס האָט שוין נישט געהאַט קיין גראַטן־פענצטער, נאָר איז ווענטילירט געוואָרן קינסטלעך, איז געווען באַשטעלט מיט לאַנגע הילצערנע בענק. דאָ האָט מען די פאַראורטיילטע אריינגעפירט גרופּנווייז. אין דער גרופּע, וווּ עס איז געווען דער אַלטער מירקין, האָבן זיך געפונען אריסטאָקראַטן, סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און רוסישע סוחרים.

— בירגער, טוט זיך אויס, — האָט חבר בורשאַנאָוו געזאָגט מיט א טרויעריקער שטימע.

— פאַרוואָס? נאָך וואָס? — האָבן זיך צעשריגן היסטערישע שטי־מען.

— וואָס איז אייך דער חילוק, אין די קליידער אָדער אָן די קליידער. איר וועט זיי נאָר בחינם דורכלעכערן, און אנדערע קאָנען זיי צונוץ־קו־מען, — האָט דער סאָלדאַט געזאָגט אין זיין מרה־שחורהדיקן טאָן.

די פאראורטיילטע זענען געבליבן זיצן פארשטארטע.

דער אלטער מירקין איז געווען דער ערשטער, וואס האט זיך אויסגעטון די שטיוול.

— ווי אזוי וועט דאס זיין? — ווי הייכט? מען קאן זיך דאך צוקילן אויף דער קאלטער פאדלאגע, — האט געזאגט אן אריסטאקראט דערשראקן.

קיינער האט אים נישט אפגעענטפערט.

צווי „רויטע גווארדיסטן" האבן צוגענומען די אויסגעטועטע שטיוול, קליידער. אן אנדערער האט זיי אריינגעטראגן אין א בוד־אריין די פאראורטיילטע זענען אריין אין שטאלענעם קעלער, — טייל אין די נאכט־העמדער, אנדערע — נאקעטע...

* * *

מיט אונטערגעשניטענע פיס האט זיך זאכארי, נאכדעם ווי ער האט פארלאזט חבר מארעקס קאבינעט, געשלעפט מיטבאניש צום קרעמלער בריקל. ער האט גאנץ גוט געוווסט, אז אן א „פאפירל" וועט ער זיך נישט דורכקריגן. און טאקע האט אים באלד דער אויף דער וואך שטייענדיקער רויטער גווארדייעץ מיט דער ביקס אפגעזאגט. אזוי האט ער זיך א כך מאל געדרייט פון „לוביאנקע" צום קרעמלער בריקל — און צוריק.

שפעט אין אוונט האט ער געזען, ווי פאר דעם הויז אויף לוביאנקע איז צוגעפארן א גרויסער טראנספארט־אויטא און זיך אוועקגעשטעלט פאר די קעלער־פענצטערלעך. וואס קוקן ארויס ביים פיסגב פון פונדאמענט.

מיטאמאל האט דער טראנספארט־אויטא געלאזט דעם מאטאר אין אנגעמאכט א רעש. זאכארי האט געוווסט, אז זיין פאטער ווערט איצט דארט אונטן אין קעלער דערשאסן.

ער האט זיך נישט פארשטאפט די אויערן. ער האט זיך געוווּנדערט, פארוואס עס רירט אים מער נישט אן.

ער האט נאר מיט זיינע הענט ארומגענומען די קאלטע וואנט, ביי וועלכער ער איז געשטאנען. עס האט זיך אים אויסגעוויזן, אז ער נעמט ארום זיין פאטערס לייב.

* * *

שפּעטער האָט זאַבאַרי געפונען איינגענייט אין זיין מאַנטל אַ פּאַפּירענעם פּאַקעט. אין אים זענען געלעגן ווערט־פּאַפּירן אויף אַ גרעסערער סומע און דעם פאָטערס אַ בריוו:

„איך האָב זיך געריכט אויף דעם יעדן טאָג. איך בין צוגעגרייט דערצו. סיי ווי סיי איז שוין לאַנג נישט איבערגעבליבן צו לעבן. און נאָך אַלעמען איז דער טויט דער בעסטער פאַרזאָרגער אויף דער עלטער. אַלץ האָט געמוזט געשען, קיינער האָט דאָ קיין שולד נישט. יעדער איינער איז אַ קרבן פון זיין צייט און פון די אומשטענדן. זע דיך ארויסצוקריגן ווי אַמשנעלסטן. באַמי זיך צו פאַרגעסן און אַלץ אָנצוהייבן אויפסניי. דאָס איז פאַר דיר דער טייל פון דיין מוטערס ירושה. מיינע פליכטן צו די אַנדערע האָב איך באַזאָרגט אויף אַן אַנדערן וועג...

„איך דאַנק גאָט פאַר דעם חסד, וואָס ער האָט מיר געטון מיט מיין זון זיך איבערצובעטן. איך האָב דיך שטענדיק ליב געהאַט, אַלץ איבעריקע איז געווען אַ טעות”.

* * *

דעם פאָטערס צורופנדיק וואָרט האָט זאַבאַרין מוט געגעבן און ער האָט זיך גענומען קלייבן אין וועג אַריין.

קאַפּיטל 20

פעטערבורגער דאַמען

אַלגע מיכאַילאָוונע און נינאָטשקע מירקין האָבן געוווינט אין דער פּרעכטיקער ווילע אין מוידישן סטיל געבויט, אין דעם מאָדערנעם זומער־אָרט אויף קאַווקאַז, וואָס זיי פלעגן יאָריערלעך אָפּדינגען פון אַ רייכן גאַטער, איידער זיי האָבן אויפגעבויט זייער אייגענע ווילע אויפן פּלאַץ, וואָס דער אַלטער מירקין האָט געקויפט. דאָס בויען האָט זיך פאַרשלעפּט צוליב דער אומרואיקער צייט, און אויך איבער דעם, וואָס נינאָטשקע האָט זיך נישט געקאָנט דעצידירן, אין וועלכן סטיל זי זאָל איר זומער־דיקן פּאַלאַץ איפּבויען. ווי שטענדיק, האָט ביי זיי געוויילט דער „ענגליענ־

דער" ראָזאמין, וועלכער האָט יעדן זומער, זינט די לעצטע צוואַנציק יאָר, תמיד באַגלייט אַלגע מיכאַילאָווגע אויף איר אַפּרו, און וועלכן לאַנד און אין וועלכן אָרט זי האָט נאָר געפונען פאַר פאַסיק זיך אויסצוקלייבן. אַלגע מיכאַילאָווגע האָט, נאָכדעם ווי ניגאַטשקע האָט איר אַפּגעטון דאָס „שפּיצל" (ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט) און זי געמאַכט פאַר א באָבע, „רעזיגנירט" און באַטראַכט זיך פאַר אַן „אַלטע דאַמע, וואָס האָט שוין מער גאָרנישט צו דערוואַרטן פון לעבן", ווי זי האָט גערן געהאַט אָפּטער זיך אויסצודריקן. און אַלס עלטערע דאַמע וועט מען דאָך פאַרגינען איר אומשולדיקע, קיינעמען שוין נישט שאָדן־ברענגענדע „ראָמאַנטישע שטימונגען" – האָט זי איצט גאַנץ אָפן גאַנצע טעג פאַרבראַכט אין געזעלשאַפט פון דעם „ענגלענדער", וועלכער איז שוין מער נישט אַפּגעטרעטן פון איר. ער האָט איר געהאָלפן זייער פיל אין לאָרעלטרין אָריענטאַלישע פלאַנצונגען פאַר איר גאָרטן, מיט וועלכע זי האָט זיך לעצטנס אָפּגעגעבן. ניגאַטשקע האָט זיך וויניקוואָס געשטערט, וויניקוואָס זיך אינטערעסירט מיט זיי און אויך וויניקוואָס אין זייער געזעלשאַפט געווען. ניגאַטשקע האָט זיך אַרויסגעוויזן, רעגן אַלע דערוואַרטונגען און קעגן אַלע נביאותן פון גוטע פריינט, נישט בלויז פאַר א ציטערנדיקער, זאָרגפעלטיקער מוטער, נאָר אויך פאַר א געטרייע ווייב. זי האָט איר גאַנצע פרייע צייט געווידמעט איר ניי־געבוירענעם זון, באַשטאַנען דורכאויס, אַז זי זאָל אים אַליין זייגן (צום פאַרצווייפלטן פאַרדרוס פון איר מוטער, אַז דאָס וועט איר טאַליע רואינירן). נישט באַצאָלט מיט קיין שמייכל פאַר דער אויפמערקזאַמקייט, וואָס עס האָבן איר געשאָנקען די פיל פעטערבורגער יונגעלייט פון איר קרייז, וועלכע האָבן זיך געפונען און זעלבן באַד־אָרט און וואָס האָבן געוואָלט אויסנוצן די גוטע געלעגנהייט, ווען אַן „אַלטער מאַן" לאָזט זיין יונג ווייבל אַליין. די מוטער האָט טאַקע געזאָגט אויף איר, אַז זי פאַרשטייט נישט, ווי אַזוי ניגאַטשקע איז אַזוי פרי „פאַרבאַבעט" געוואָרן.

ווען דאָס אומגליק מיט די באָלשעוויקעס איז געקומען, האָט מען זיך, פאַרשטענדלעך, ווי אַלע אין רוסלאַנד וויניק־וואָס געמאַכט דעראויס, מ'האָט עס געהאַלטן פאַר איינעם פון די אומאַנגענעמע „עפּיזאָדן", מיט וועלכע דאָס „באַפרייטע פאָטערלאַנד" איז אין יענער צייט אַזוי רייך באַשאָנקען געוואָרן, און מ'האָט אוועקגעזעצט זיך וואַרטן אויף דער ליקר

ווידאַציע פון דעם אומגליק, ווען מען וועט קאָנען צוריקפאָרן קיין פעטער־בורג. דערווייל האָט מען ווייטער געלעבט אויפן ברייטן פוס. די בענק האָבן נאָך אויסגעצאָלט און אויף קאַווקאַז אַליין האָט מען ווייניק־וואָס אָנגעזען פון דער איבערקערעניש. די דינערשאַפט איז טאַקע אביסל ווי־דערשפּעניק געוואָרן און מאָדנע זיך באַנומען, נאָר דאָס איז נאָך געווען פון פריער אָן, זינט דער „נייער קורס" האָט איינגעשלאָגן, אַזוי, אַז אָלגע מיכאַילאָוונע האָט געהאַט געדאַנקען (אַזוי ווי עס וואָלט נאָר געווען אָפּ־הענגיק פון איר אַליין), צי עס האָט זיך איינגאַנצן געלוינט די רעוואָלוציע — צי עס וואָלט נישט בעסער געווען, אַז עס וואָלט געבליבן ביים אַלטן. אין דער עפנטלעכקייט האָט זי, פאַרשטענדלעך, אירע מיינונגען נישט אַרויסגעזאָגט. עס איז געווען קעגן גוטן טאָן, וואָס האָט דעמאָלסט גע־הערשט. איבערהויפּט אין איר קרייז, אינעם קרייז פון רייכע יידן און רוסישע ליבעראַלן.

באַלד אָבער האָבן זיך אָנגעהויבן צו זען די שפּורן פון דער באָלשע־וויסטישער איבערקער־עניש אין דעם רואיקן, אָפּגעלעגענעם באָד־אָרט. די בענק האָבן מער קיין געלט נישט אַרויסגעגעבן, אין שטאָט האָבן זיך אָנ־געהויבן צו באַווייזן פאַרדעכטיקע עלעמענטן. אומרוען אין די אָרימע קוואַרטאַלן, פּאַניק-פאַרשפּרייטנדע ידיעות האָבן זיך געטראָגן פון אויער־צו־אויער. די שטאָט האָט אָנגעהויבן איבערצוגיין פון איין מאַכט צו דער אַנדערער. דער באָדן איז צו היים געוואָרן, וואַרטן איז נישט געווען אויף וואָס.

היינט איז שוין פון אַלעם אַן ענדע. א יאָר צייט האָט געדויערט דאָס שלעפּן זיך פון קאַווקאַז קיין פּאַריז. ערד און לעבן זענען פיל מאָל געשטאַנען אין קאָן. טיילמאָל דורך ניסים, אַן אַנדערש מאָל דורך נינאָטש־קעס טאַקט — מיט ציין און נעגל זיך געראַטעוועט פון געפאַר איבער־באַטום אויף א פראַנצויזישער שיף קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. בריליאַנטן און פּערל, וואָס מען האָט געהאַט ביי זיך, האָבן געקלעקט פאַר דער רייזע. דאָס פאַרלייקענען דעם יידישן נאָמען, שוואַרץ־מאַהדיקע באַקאַנטשאַפט האָט געהאָלפן אָפּראַטעווען פון טויט...

אין פּאַריז אָנגעקומען גלייך נאָך די פרידנס-אונטערהאַנדלונגען. א גרויסע וועלט. אויף שריט־און־טריט אָנגעטראָפן באַקאַנטע. גאַנץ פּעטער־בורג, גאַנץ מאָסקווע, גאַנץ רוסלאַנד אין דער „עמיגראַציע". אַלץ איז

געווען אין גוטער האָפענונג און אַלע האָבן געוואָרט אויף דעם גליקלעכן אויסגאַנג פון בירגער־קריג, וואָס די „בעסטע קינדער" פון רוסלאַנד אונ־טער די ווייס־גוואַרדיסטישע גענעראַלן, מיט דער הילף פון דער אַנטאַנט, פירן העלדנמוטיק צו באַפרייען דאָס פּאָטערלאַנד פון באָלשעוויסטישן יאָך.

אין פּאַריז איז מען געווויר געוואָרן פון גרויסן אומגליק, אַז פּאָטער און מאַן זענען טויט, און מישענקע איז אין דער רויטער אַרמיי.

אָלגע מיכאַילאָוונע האָט זיך באַקליידט אין פּאַרנעמען שוואַרץ, פון ערגעץ־וווּ אַרויסבאַקומען אַן אומבאַוווּסטן „אָפּצייכן" און אים געטראָגן שטאָלץ אויף איר ברוסט. זי האָט באַלאַנגט אויך צו עפּעס אַ פּאַרדעכטיקן עמיגראַנטישן פאַראיין. און כאָטש דער באַרימטער אַדוואָקאַט איז דאָך געווען אַ קרבן פון די „ווייסע", און איר זון האָט איצט געקעמפט אין די רייען פון די באָלשעוויקעס, האָט אָבער אָלגע מיכאַילאָוונע גאָרנישט געוואָלט וויסן דערפון. זי האָט איר אומגליק צוגעשריבן אויפן חשבון פון די רויטע, אָנגעקניפּט ענגע באַציאונגען מיט דער שוואַרץ־מאַהדיקער עמיגראַציע. געוואָרן אפילו אַ גאַנצע גבאיטע אין איינעם פון זייערע פאַראיינען און געטראָגן איר „טרויער" מיט אַ פּאַרנעמער שטאָלצקייט, ווי איינע, וואָס האָט אַלצדינג געבראַכט אויפן מזבח פון „פּאָטערלאַנד".

דערווייל אָבער האָט דער טרויער נאָך די מענער נישט געשטערט די פרויען צו לעבן אויפן ברייטן שטייגער, אַלץ איז דאָך פול געווען מיט האָפענונג אויף דער באַלדיקער ליקווידאַציע. אין פּאַריז האָט מען אויך געפונען אַ קליין פאַרמעגן, וואָס דער אַלטער מירקין האָט דורך דעם נאַפט־סוחר גאָלדשטיין איבערגעוויזן. בחינם האָט דער פּאָרזיכטיקער נאַפט־סוחר דיסקרעט אויפמערקזאַם געמאַכט די דאַמען, אַז עס זענען צווייפלהאַפטע האָפענונגען, וואָס זיי לייגן אויף די ווייסע גענערעלער און דעליקאַט אַפילו זיך דערלויבט צו באַמערקן וועגן דער „פּאַרוואָלקנ־טער צוקונפט". זיין מאַנונג באַצייטנס זיך צו עפּעס צו נעמען, כדי צו באַזאָרגן מיט חיונה דאָס נאַקעטע לעבן, האָט מען באַטראַכט פאַר אַ חוצפּהדיקער אַרויספאָדערונג, וואָס מ'דערלויבט זיך לגבי זיי, נאָר דער־פאַר, ווייל דער גורל איז געווען אַזוי אומברחמנותדיק און האָט זיי אי־בערגעלאָזט הילפלאָז אַליין. אַלע האָבן דאָך געוווּסט און געוואָרט דער־רויף, אַז אָט באַלד, באַלד וועלן די „העלדן", מיט דער הילף פון דער אַנ-

טאַנט, מאַכן אַ תל פון די „ראַזבאַיניקעס”. רוסלאַנד וועט ווערן צוריק רוסלאַנד און מען וועט צוריק געפינען די רייכטימער, וואָס זייערע מענער האָבן איבערגעלאָזט פאַר זיי.

האָט מען געלעבט אין ערשט־קלאַסיקע האָטעלן, ווי מען איז געוווינט געווען, ברייט־הענטיק זיך געטיילט מיט אַנדערע געליטענע, געחברט זיך מיט דער רוסישער עמיגראַנטישער אַריסטאָקראַטיע, וועלכע האָט זיך איצט זייער גענויטיקט, — כדי צו באַווייזן, אַז אין אַן עת־צרה זענען מיר אַלע געווען צוזאַמען. ביז מען איז געבליבן ביים לעצטן העמד...

ערשט דעמאָלסט האָט זיך נינאָטשקע צו עפּעס גענומען.

עס זענען פאַראַן מענטשן, וואָס נויטיקן זיך, כדי זיי זאָלן צו זיך קומען און זיך אַליין דערקענען, אין אַ גוטן קלאַפּ איבערן קאָפּ. נאָכדעם ווי עס איז שוין נישט געווען פון וואַנען צו נעמען — די בריליאַנטן און פּערל פאַרקויפט, די באַנק אָפּגעשלאָסן דעם חשבון, און דער נאַפט־סוחר, וועלכער האָט זיך איצט געפונען אין לאָנדאָן, האָט אויפגעהערט אָפּצור־ענטפערן אויף בריוו — האָט נינאָטשקע איבערגעצויגן זיך מיט איר קינד אין אַן אָרימען פּענסיאָנאַט אויף דער לינקער זייט פון דער סענע. דאָרט האָט זי אָנגעטראָפן אַלטע באַקאַנטע רוסישע אַריסטאָקראַטישע פרויען, וועלכע זי האָט געקענט פון די פּעטערבורגער צייטן. דורכגערעדט זיך מיט זיי און פאַרלייגט צוערשט אין אַ קליינער מאָס אַ ניי־ווערקשטעל פון אויס־געהאַפּטענע עלעגאַנטע דאַמען־וועש, וואָס זי האָט צוגעשטעלט פאַר די גרויסע מאַגאַזינען. איר גוטער געשמאַק און אירע אָרגאַניזאַטאָרישע, סוחר־רישע פעאיקייטן, וואָס זי האָט וווּנדערלעך אין זיך אַנטדעקט, זענען איר צונוץ געקומען. זי האָט באַלד מיט דער הילף פון׳דעם נאַפט־סוחר, וועל־כער איז פאַר קאָמערציעלע אונטערנעמונגען דאָך צו הילף געקומען, גע־זאַמלט אַרום זיך אַלטע פּעטערבורגער באַקאַנטשאַפטן. היינט פאַרמאָגט זי אַ גאַנץ אָנגעזעענעם דאַמען־קליידער ווערקשטעל, שוין אויף דער רעכ־טער זייט סענע, וואָס זי האָט מיט איר ענערגיע, ראַפינירטן געשמאַק און קאָמערציעלן זין אַנטוויקלט צו אַ גאַנץ סאָליד געשעפט, אַרום וועלכן עס געפינען באַשעפטיקונג און אַרבעט פיל פון דער רוסישער אַריסטאָ־קראַטישער עמיגראַציע. שפּעטער האָט זי חתונה געהאַט מיט דעם שותף און פאַרוואַלטער פון איר געשעפט, אַ געוועזענעם רוסישן באַנקיר. זי האָט פון אים צוויי קינדער, זי דערציט זיי פראַנצויזיש.

די מוטער, אָלגע מיכאַילאָוונע, האָט נישט געקאָנט צוזען דאָס פאַלן פון איר טאָכטער, פאַראַכט ביזן היינטיקן טאָג ניגאָטשקעס פּלעבייאיִשע פּעאיקייט פון צופּאַסן זיך: „דאָס איז דער נייער דור" — זאָגט זי מיט עקל, — „דער דור פון נאָך דער מלחמה". דאָס שטערט איר אָבער נישט אויסצופּרעסן געלט דורך לאַמענטירנדע בריוו פון איר טאָכטערס „עסטאַבלישמענט".

אָלגע מיכאַילאָוונע וויל זיך גאָרנישט רעכענען מיט דער צייט און אומשטענדן. ווי אַ קינד פאַרשטייט זי נישט, וואָס עס איז געשען און קאָן זיך באַין־אופן נישט צופּאַסן צו דער לאַגע, אין וועלכער זי געפינט זיך. געלט פאַרשווינדט צווישן אירע פינגער. אויף דעם באָדן קומען־פאָר אָפטע מחלוקתן צווישן מוטער און טאָכטער. לעצטנס איז אָלגע מיכאַילאָוונע אַנטלאָפן פון דער גרויזאַמקייט פון די „נאָך־מלחמה־מענטשן" קיין ניצע. די טאָכטער שיקט איר אַ מאָנאַטלעך געהאַלט, אָבער, פאַרשטייט זיך, אָלגע מיכאַילאָוונע געניגט עס קיינמאָל נישט ווייטער ווי ביז צו די ערשטע טעג פון חודש. און זי האַלט אין איין אַלאַרמירן די טאָכטער מיט דראָענדע בריוו, אַז זי וועט זוכן אַן אויסלייז פון אירע פּיין אויף אַן אַנדערן וועג, ווען נאָט איז אַזוי אומברחמנותדיק צו איר, זי צו דערלייזן פון לעבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט. צוערשט האָט זיך די טאָכטער דערשראָקן פאַר די דראָאונגען. אַז זיי זענען געוואָרן אָפטער, האָט זיך ניגאָטשקע צו זיי צוגעוווינט, שיקט איר יעדן מאָנאַט איר באַשיידענעם געהאַלט. די בריוו לאָזט זי אומבאַענטפערט.

יאָ, דער ענגלענדער, איר לעבנסלענגלעכער „פאַרערער", איר נישט־אָפּטרעטנדיקער שאָטן, האָט זי אויך פאַרלאָזט, ווען עס האָט זיך ענדלעך דערפילט זיין לעבנס־ווונטש, וואָס מ'האָט אַזוי פיל מאָל זיך געסודעט וועגן דעם אויף נאַכט־געזעגלעכע שפּאַצירן — ווען אָלגע מיכאַילאָוונע איז „באַפרייט" געוואָרן פון איר גורל, האָט זי פאַרלוירן פאַר אים יעדן רייץ. מ'האָט זיך אָנגעהויבן צו ווערטלען, אפילו איינמאָל זיך אָרנטלעך צעקריגט און דער „נישט־אָפּטרעטנדיקער שאָטן" איז פאַרשוונדן קיין לאָנדאָן.

היינט לעבט אָלגע מיכאַילאָוונע אין איר גרויסער איינזאַמקייט „צוריקגעצויגן" אין איר ראָמאַנטישער פאַרגאַנגענהייט אין ניצע. אין דער פאַרמיטאָג־צייט באַווייזט זי זיך שטענדיק אין פאַרנעמען שוואַרץ

(מערסטנס אין אַן אָפּבלאַקירטן שוואַרץ שפּיצן־קלייד אין צייכן פון טרויער, אַזוי נאָכן מאַן, אַזוי נאָכן „פּאַטערלאַנד") אויף „פּראָמענאַד ד'אַנגלעי". זי האַלט נאָך גאַנץ קאַלט אין איר קליינער חנעוודיקער שוואַרצער באַהענטשקעטער האַנט דעם שוואַרץ־שפּיצן־פּאַראַסאָל. אין „פּאַווילִיאָן בלעי" נעמט זי פּאַר די לעצטע פּאַר פראַנק איר „אַפּעריטיוו". קוקט זיך דערביי צו מיט פאַראַכטונג, אָבער נישט אָן קנאה צו דער נייער יוגנט, וועלכע זשעגירט זיך נישט און פירט־אויס אין קורצע באַד־קאָסטיומען די אומאָנשטענדיקע מאָדערנע טענץ אונטערן קלאַנג פון אַ היימיש אָנגעשטעלטן גראַמאָפאָן.

אויף איר וועג אַהיים שטעלט זי זיך אָפּ אין איינעם פון די רוסישע שפּייז־געוועלבלעך אויף „רי דע לאַ פראַנס", איינצושאַפן זיך איר פרישטיק, וואָס זי גרייט זיך אַליין אָן מיט דער הילף פון אַ ספּירט־מאַשינקע אין איר אָרימער באַשיידענער וווינונג.

אַמאָל, אַהיימגייענדיק פון איר שפּאַציר איבער „רי דע לאַ פראַנס", האָט זי באַמערקט אַ ניי־געעפנט רוסיש שפּייז־געוועלבל, וועלכעס זי האָט ביז איצט נישט געקענט. אַלגע מיכאַילאָוונע, וועלכע האָט שוין אין די אַנדערע געוועלבלעך אָפּגענוצט איר קרעדיט, איז אַריינגעגאַנגען מיט דער נומער אויסזיכט אויף נייעם קרעדיט, — שליסן באַקאַנטשאַפט. אונטער דעם טיש אין געוועלבל האָט זי אָנגעטראָפן אויף אַ באַקאַנט פּנים. עס האָט ביי איר גענומען אַ געוויסע צייט, ביז זי האָט זיך דערמאָנט צו וועמען עס געהערט די בכבודיקע ליכטיגע און בלויע כיטרע אויגעלעך. עס איז געווען אַקימאָוו, דער אַלמעכטיקער סענאַטאָר אַקימאָוו, וואָס האָט איצט אויף אַ רוסישן רעכן־ברעטל אויסגעחשבונט פאַר אַ קונה דעם באַטרעף פון אַן איינקויף, — וואָס ער האָט געטון מער געוויסנהאַפט ווי אַמאָל אין זיין דינסט אַלס פּאָרזיצער פון דער פּאַלאַטע פון רוסישע וועלדער. זיי האָבן זיך געגעבן צו דערקענען איינער דעם אַנדערן. ביי די ערשטע באַקאַנטשאַפטן פלעגט מען נאָך אַמאָל דערמאָנען די פּעטערבורגער צייטן. שפּעטער אָבער האָט מען ביי די צוזאַמענקונפטן אין רוסישן שפּייז־געוועלבל נאָר גערעדט וועגן זויערע אוגערקעס, הערינג און... פאַרלעגענע חובות.

קאפיטל 21

איבער גרענעצן

א טונקעלע, נידעריקע שטוב, אזוי טונקל און אזוי נידעריק, אז מ׳זעט קוים די קאנטורן פון די מענטשן, וואס באוועגן זיך. אונטערן איבער די קעפ ליגנדן באלקן איז ווי א טייג אלץ צוזאמענגעווירן — מערדער און קרבנות. צוזאמענגעשמיסן ביי דער שטוב ליגט זאכארי צווישן לייבער. דער משוגע־געווארענער אלטער ייד נעבן אים מיט זיין גרויסער באָרד דערמאָנט אים אָן ווען, אָן אזעלכן, וואס ער האט אמאל געזען, נאר ער קאן זיך נישט דערמאָנען ווען־און־ווו... אין דער טויטאנגסט מישן זיך צוזאמען שרעק און געלעכטער, אויסגעלאסנקייט און האלדדרייסנדיקער געשטאנק פון היימיש־געטריבענעם ספירט („סאמאגאָן") און פארלעגענער וורשט. ביים „פיעקעליק" שטופן זיך סאלדאטן ארום א האלב־נאקעטער שיקסע. פון זיין ווינקל ארויס זעט זאכארי, ווי א סאלדאט גיט איר א פאר שטיוול, וועלכע ער האט נאר־וואס ביי וועמען פון די קרבנות אראפגעשלעפט. אין די בלויע קאפ־ברענענדיקע שטראלן פון נאכט־טויט רייסט זיך אריין א לעבעדיקער חשק, וואס עס וועקט אויף אין דעם טויט־פארשטייפטן קערפער דאס ראזאווע שיקסעדיק־נאקעטע לייב... דער ווייבערשער אונטערטייל, וואס זעט זיך ארויס פון צווישן זעלנערישע שטיוול, פאריאגט אלע אנגסטיקע שרעקן פאר דעם דערוואַרטנדיקן... מאכט פארגעסן אן אלע קאנצענטרירנדע פארבארייטונגען צום גרויסן מאמענט און רופט־צוריק, גיסט־אן די אברים מיט חשק און באזיכט דעם לעצטן ראנד פון לעבן...

דערנאך קומט דער לעצטער גרענעץ־שטריך צווישן לעבן און טויט. זאכארי וואונדערט זיך, וואס עס איז אזוי איינפאך און זעלבסטפארשטענדלעך, און עס טרעפט גארנישט קיין אויסטערלישעס. ער איז זיך באוווסט, אז ער שטייט אנגעלענט ביי א האלצערנער וואנט, ער פילט איבער זיך דאס שטרויענע פארפוילטע דעכל, פון וועלכן עס פאלן לעצטע רעגן־טראפנס אויף זיין פנים. א באָרוועסער שטייט ער, נאר ער פילט נישט, אז ער איז באָרוועס. אדרבא, עס איז גוט צו פילן מיט די נאקעטע פיס דעם בלויזן אָנריר פון פייכטער ערד. ווי דו וואלסט דיך געוועזן באהעפט

צו לייב. עס איז גוט צו פילן לעבעדיקס ביים טויט... פאַר אים ליגן מיט אָפענע מיילער די נאַקעטע לעבער מיט דעם אַנגעשיטן ליים, וואָס זיי האָבן היינט אינדערפרי געגראָבן. ער איז זיך גאָרנישט באוווסט, אַז אין אַ מינוט אָדער צוויי וועט ער זיך געפינען אונטער דער מאַסע פון דעם צוזאַמענגעקלעפטן ליים, וואָס דער רעגן האָט דורכגעפייכט. ער קלערט נישט איצט וועגן דעם, ער קלערט וועגן דעם וואונדער, וואָס געשעט מיט אים. זיינע אויגן זענען פאַרלוירן געוואָרן... אַ סימן, אַז זיי זענען פאַרלוירן געוואָרן, דען ער זעט גאָרנישט. ער קאָן אפילו נישט אָפּשיידן, צי עס איז טאָג אָדער נאַכט. טאָג און נאַכט צוזאַמען. ער ווייסט נישט. וואָס עס שטייט פאַר אים פאַר פינף שריט. די גריבער זענען אויך פאַרשוווּנדן. ער קאָן גאָרנישט מער זען, וואָס עס טוט זיך אַרום. אָנשטאָט זיינע אויגן מוזן דאָרט זיצן אומדערהערטע פיין-אויסגעשליפענע לינזן פון שפּאַקטיוון. וואָרים ער זעט די סאָלדאַטן מיט די ביקסן פון אַזוי ווייט. זיי מוזן שטיין זייער ווייט, מיילן-ווייט. וואָרים די סאָלדאַטן זעען-אויס אַזוי קליין, ווי זיי וואָלטן איינגעשרומפּן געוואָרן דורך דעם מהלך, וואָס ליגט צווישן אים און זיי. זיי רוקן זיך וואָס אַמאָל מער אָפּ פון אים און דאָך זעט ער זיי אַזוי קלאָר, שאַרף דורך די גלעזערנע לינזן, וואָס זיצן אין זיינע אויגן-לעכער. ניין, זיי שיסן נאָך נישט. זיי אַמפּערן זיך וועגן עפּעס. די אַלטע גויע פון שטוב, ביי וועלכער זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן, זידלט זיי, דינגט זיך מיט זיי. איר העלפּט-מיט די שיקסע מיט דעם ראַזאָווען לייב, וואָס קוקט אַרויס פון אירע צעריסענע אַרבל. זיי זידלען, ער הערט זייערע שטימען אויך פון אַזאַ ווייטקייט, ווי זיי וואָלטן אַהערגעדרונגען דורך טעלעפאָן-דראָטן. ניין, דאָס, וואָס געשעט דאָרט אויף יענער זייט פון די גריבער, צווישן די סאָלדאַטן מיט די צוויי גויעס, קומט פאַר אויף אַ מהלך פון מיילן, נאָר דורך אַ נס, וואָס געשעט אויף דער גרענעץ פון לעבן און טויט, ווערט עס איבערגעטראָגן צו אים און ער קאָן עס הערן באַשיינפּערלעך. די אַלטע גויע ביט-אָן די סאָלדאַטן פיר קווארט היימיש-געטריבענעם „סאַמאָגאָן", אַז זיי זאָלן די געפאַנגענע פריילאָזן גנבענען די פוילישע גרענעץ. די סאָלדאַטן טענהן, אַז זיי קאָנען נישט, אַז עס איז קעגן דעם „זאַקאָן". נאָר פאַר נאָך עפּעס וועלן זיי עס טון. וואָס דאָס עפּעס איז, ווייסט זאַכאַרי נישט, און עס גייט אים אויך נישט אָן, וואָרים סיי-ווי-סיי איז ער דאָך שוין טויט און

דאָס, וואָס עס געשעט איצט מיט אים, געשעט אין אַ „הינער־פּלעט". די יונגע שיקסע איז מסכים דערויף, צו הוליען מיט זיי אַ גאַנצע נאַכט, ווען זיי וועלן די געפאַנגענע פריילאָזן. די סאָלדאַטן גייען יאָ דערויף איין און נישט איין, עפּעס פעלט נאָך — וואָס, ווייסט זאַכאַרי נישט.

איצט צעשרייט זיך די אַלטע גויע, זי סטראַשעט אַפילו די סאָלדאַטן מיט איר פויסט, זי האָט אַפילו אויפגעהויבן אַ שטיין אויף זיי, ווי מען הייבט־אויף אויף אַ בייזן הונט:

— קריסטן זענט איר — טאָטערן, ציגיינער, טערקן פאַרשאָלטענע, משוגע־געוואָרענע בעסטיעס. מענטשן־לעבן איז ביי אייך פּרוכנע געוואָרן. וואָס האָט איר זיך צו פאַרזינדיקן די נשמה? זיי האָבן דאָך אויך אַ גאָט, און יענער וועט זיך אָננעמען פאַר זיי. די קויל וועט אייך נישט מיידן, ווי אייערע האָט נישט געמיטן. דער וואָלף וועט אייך פרעסן אין נאַקעטן פעלד. לאָזט־אָפּ די געמאַטערטע, קומט בעסער אין שטוב אַריין. פיר קוואָרט „סאַמאָגאָן" וועל איך שטעלן פאַר אייך. — אָקעוויט האָט איר, אַ שיקסע איז דאָ. גייט זיך בעסער שפּילן, איידער גאָטס באַשעפעניש אונטערצוברענגען.

איצט גייען די סאָלדאַטן אויף דעם איין. די גויע מיט דער שיקסע רייסן די געפּענטעטע שטריק פון די הענט, אַלץ ווערט צוריקגעטריבן אין נידעריקן שטיבל אַריין. זאַכאַרי קלערט: — אַ שאָד, אַזוי נאָענט געווען... ענדלעך געווען אַריבערגעשפּרונגען דעם שטריק.

דאָס שטיבל איז פול מיט געשטאַנק פון אָקעוויט און פאַרלעגענער וורשט. ווידער שיינט דאָס ראַזאָווע שיקסע־לייב אַרויס פון צווישן באַשטיוולטע זעלנערישע פיס... דער יצר־הרעדיקער אָנבליק שיכורט־אָן, מאַכט אין אַלעם פאַרגעסן און פאַרזיסט די מינוט... דער משוגע־געוואָרענער ייד האַלט אין איין קלאָגן מיט דעם „איכה"־ניגון, זאָגנדיק מאמרים פון מדרש אַרויס:

„און זיי האָבן געשחטן קליינע קינדער אויף דעם שטיין, און דעם נביאס בלוט האָט זיך נישט געוואָלט איינשטילן"....

אַ יידענע אַמפּערט זיך מיט אַ זעלנער. צעלאָזענע האָר, אַנטבלויזטע ברוסט. די אַלטע גויע גיט־צו מוט: — „אַלץ בעסער פון טויט". דער סאָלדאַט ציט דאָס אונטערקלייד פון דער יידענע אַראָפּ, וועגט עס אין דער האַנט. אַנדערע קומען־צו. מ'וואַרפט זיך דערויף, ווי אויף אַ געפאַנג. אין

א מינוט ווערט עס צעטרענט אין די הענט, גאָלדענע מטבעות קויקלען זיך איבער דער פּאָדלאָגע. די יידענע ספּאַזמירט. א הויכער געשטופּלטער שייגעץ מיט אן אויסגעטון רעקל, אין סאָלדאַטישע הויזן, קלאַפּט א שי־כורער איבערן טיש:

— דריי מלוכות האָב איך געדינט און איך ווייס נישט, צו וועמען איך געהער. קומען די אוקראַינער — מאַכן זיי מיך פאַר אן אוקראַי־נער, קומען די פּאָליאַקן — זאָגן זיי, איך בין א פּאָליאַק, כאַפּן גאָר די באָלשעוויקעס, הייסן זיי זיין א באָלשעוויק!... א צייט א פאַרשאָלטענע אזעלכע — א טייוול אין די מענטשן אריין. יעדער איינער גיט א ביקס און יעדער איינער הייסט שיסן, אז דו ביסט שוין מיד צו מאָרדן.

די גויע, מיט א גרויסן גאַנישער „סאַמאָגאָן" גייט אַרום און גיט פון פלאַש-האַלדז צו טרינקען גלייך אין מויל אריין. עס וואַלגערן זיך אויף דער פּאָדלאָגע סאָלדאַט און ייד מיטאַנאַנד, מערדער און קרבן האַלטן זיך געאָרעמט. פאַרשיכורט פון איין טראָפּן, קויקלען זיי זיך ביידע אין שמו־ציקע ווינקלען. פון „פּיעקעליק" קומען די קולות אהער. אן אויפגעלייגט יאָכצן, פאַרקייעט מיט קללות, פאַרשטיקט מיט ווייבעריש געלעכטער. ווייבערישע נאַקעטע אונטערלייבער שיינען יצר־הרעדיק פון צווישן זעל־נערישע שטיוול ארויס... דער משוגענער ייד מיטן אָפּגעריסענעם ־דאַשעק־היטל הערט אלץ נישט אויף צו שיטן מיט מאמרים פון מדרש. די אַלטע גויע זידלט די סאָלדאַטן מיט מוטערלעכע שטראָף־רייד:

— נו, איז נישט גלייכער, אנו, הינטישע זין, זיך צו פאַרהוליען, איידער די נשמה זיך צו פאַרזינדיקן. „סאַמאָגאָן" איז דאָ, א שיקסע פאַ־ראַן — און זיי גלוסט זיך גאָר מענטשן צו מאָרדן.

דער מיטן שעפּסענעם פעלץ־הוט, וועלכן ער נעמט נישט פון זיין קאָפּ אראָפּ, זיצט א האַלב־אויסגעטוענער. א דערשוויצטער פון בראָנפן, האַלט אין איין אויפטרענען די קליידער און די קאַפּאָטעס, וואָס ער נעמט־אראָפּ כסדר פון די פאַרהאַלטענע. אנדערע טרינקען, אנדערע שפּילן זיך מיט די ווייבער. ער טוט זיין זאַך. ער טרענט די קליידער און די קאַפּאָטעס, און וואָס ער געפינט, וואַרפט ער אויף די צוגעהאַלטענע קני פאַר זיך אזוי, אז אלע זאָלן זען, אז ער גנבעט נישט. פאַרנומען ביי זיין ארבעט, ענטפערט ער אָפּ דער גויע:

— ביי אונדז האָסטו געפּועלט — דו פּטר זיי בעסער פון שטוב אַרויס, איידער די אַנדערע קומען. שיק זיי אין וואַלד אַריין...

***

דערנאָך קומט די משוגענע נאַכט. ווי שדים און רוחות רעות לויערן פון אַלע ווינקלען אַרויס. די נאַכט פון גנבענען די גרענעץ. וואָס איז נאַכט? נאַכט דערלייזט אונדז פון אונדזער אייגענעם אָפּגעשלאָסענעם איך, צו וועלכן מיר זענען פאַרשאָלטן פאַרקערפּערט צו ווערן דורך אונ-דזער קלענגלעך לעבן, און גיסט אונדז אַריין אין דעם אייביקן גישט-זיין, פון וועלכן מיר קומען און גייען. נאַכט איז דער אָן־תהומיקער כף־הקלע, אין וועלכן מיר האַלטן אין איין נידערן. לעבעדיקס און אָפּגעפאַרמטעס ווערט צוריקגעוואָרפן אין כאַאָס, פון וואַנען עס האָט זיך אַנטוויקלט און עס ווערט צוריק, וואָס עס איז געווען — אַטמאָספערישע כוחות, וואָס וואַלגערן זיך אין לופט אַרום. עס ווערן אָפּגעווישט די באַגרענעצטע פאַר־מען פון טאָגעדיקן זיין, און עס דערהויבט זיך צו אַ העכערער אומבאַ־גרענעצטקייט פון נאַכט־מאַכט. מענטש און נאַטור ווערן צוריק דאָס, וואָס זיי זענען געווען צוערשט. אַ נאַסער, פייכטער בוים אין דער נאַכט ווערט מגולגל אין אַ מענטשלעכער געשטאַלט. דער מענטש ווערט פאַרבוימט — דערפילט דעם מקור, פון וואַנען ער קומט: די צווילינגס-געבורט פון „חי" און „דומם" פאַרברידערט זיך צוזאַמען, און גייען צוריק צום איינ־ציקן מוטערלעכן מקור, צו דער גרויסער נאַכט.

ווער קאָן וויסן די גרענעצן פון אַזאַ נאַכט, אין וועלכער מען טרעט־אַדורך דורך דעם שוואַרצן פייכטן וואַלד? שטימען פון אומגעזעענע ברו-אים וואָיען. חומרים וואַקסן-אויף און פאַרשטעלן דיר דעם וועג. דו קומסט־צוריק צו ערטער, ביי וועלכע דו ביסט אַמאָל שוין געווען, וואָס דו טראָגסט אין דיר אומבאַוווּסט. ווער זענען די ברידער־מענטשן, וואָס גייען נעבן דיר? ווער ביסטו אַליין אין דער נאַכט?

דאָך, אַז עס הייבט אָן צו גראָען מיט קאַלטער ראָסע-גראָקייט, פאַלט אַלץ צוריק אין זיין פאַרשאָלטענעם „איך".

— וואָס מיינט איר, זענען מיר שוין אַדורך? געפינען מיר זיך שוין אויף דער צווייטער זייט? — פרעגט אַ נייגעריקע שטימע און ברענגט־צוריק אין לעבן אַריין.

דער חרם פון שווייגן, וואָס האָט געהערשט דורך דער נאַכט ביים גנבענען די גרענעץ, איז אַראָפּגענומען געוואָרן. מיט דער ערשטער בלויער בלייכקייט, וואָס קומט־אָן מיט שדים־טריט צווישן די וואַלד־ביימער, פילט מען זיך דערלייזט, ווי אָנגעקומען צו אַ ברעג.

דער עולם פאַלט־אַרוים פון דער צוזאַמענגעקנעטנקייט, פון וואָס ער איז באַשטאַנען ביינאַכט, און טרעט־אַריין אין זיין אָפּגעפּאַרמטער יחידותדיקייט.

דער משוגענער ייִד מיטן אָפּגעריסענעם דאַשעק טרעט אַ באָרוועסער אין שטויביקן זאַמדיקן וועג. זיין אָנטפּלעקטע ברוסט איז געבויגן פון געוויכט פון דעם שווערן פּאַק, וואָס ער טראָגט אויף זיינע פּלייצעס. פון שטויב, צי פון עפּעס אַנדערש, איז ער אַזוי פאַרברודיקט, אַז זיין גרויע באָרד איז טונקל געוואָרן דורך דער נאַכט. ער הערט נישט אויף צו מורמלען אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, — פּסוקים פון תהלים אויסגעמישט מיט אַנדערע שפּרוכן, ווי ער וואָלט געהאַלטן אין איין דאַוונען.

און אַ וווּנדער — איצט דערמאָנט זיך זאַכאַרי, אַז ער האָט אים טאַקע געזען. ביי די ערשטע רויטע שטראַלן, וואָס די יונגע פרילינגס־זון גליט־דורך דורך די הויכע סאָסנעס־שטאַנגען, קומט אים דער ייִד פאַר זייער באַקאַנט, נאָר ער קאָן זיך נישט דערמאָנען, צי ער האָט אים געזען אין דעם לעבן, צי אין אַן אַנדערן, וואָס ער האָט אַזוי פיל מאָל געלעבט אין דער לעצטער צייט.

שפּעטער זענען געקומען די ערשטע פּוילישע גרענעץ־סאָלדאַטן.

***

היינט זענען דאָס שטיקער אָפּגעריסענע זכרונות, ווי צעריסענע וואָלקנס, וועלכע ליגן צוזאַמען־געקנוילט אין דעם פינצטערן, אָן־תהומיקן כף־הקלע פון זיין אונטערבאַוווסטזיין. טיילמאָל קומען זיי אָפּעררצושווימען, ציען־פאַרביי, ווי באַבע־יאַכנע־שנורן און פאַרשווינדן ווידער.

זאַכאַריס ערשטער אַריינטריט אין לערער הורוויצס שטוב אַריין איז געווען אַזוי:

אין רחל־לאהס קיך איז געשטאַנען אַ גויע אויף רחל־לאהס אָרט ביים קיכל, און האָט אים געפרעגט, וואָס ער וויל. ער האָט איר נישט

אפגעענטפערט, נאָר איז אריין אין צווייטן צימער. אַלץ איז נאָך געשטאַנען אויף זיין אָרט — די קאַנאַפּע, די שטולן, די בילדלעך אויף דער וואַנט און די לאָמפּ איבערן טיש. נאָר דאָך איז עס נישט געווען דאָס זעלבע, עפּעס-וואָס האָט זיך געענדערט — וואָס ער האָט נישט געקאָנט וויסן. עס איז זיכער געווען, ווי אין דער זע-קראַפט פון זיינע אויגן איז געקומען אַן ענדערונג: די ווענט זענען געווען אָפּגעריסן, דאָ־און־דאָרט האָבן זיך געשיילט די טאַפּעטן, אַזוי ווי די צייט וואָלט מיט אירע לאַפּעס געווען געקראַצט איבער די ווענט... ער איז צוריקגעקומען אין קיך. פון דער שולע פון דער צווייטער קאָרידאָר־טיר האָט זיך געהערט אַ קינדישער ליאַרעם. די שולע איז נאָך דאָ — האָט ער זיך געטראַכט. ער ווייסט נישט פון וואַנען עס האָבן זיך צו אים די כוחות גענומען, ער איז אריין אין דער טיר פון דער שולע.

ער האָט זי געטראָפן, אַזוי ווי ער האָט זי געזען אין זיין געדאַנק. זי איז געשטאַנען ארומגערינגלט מיט קינדער, אָרים־באַקליידעטע, און האָט עפּעס אויסגעהערט, צי גערעדט צו זיי.

געווען איז זי די זעלבע, די זעלבע געשטאַלט, נאָר אַ קליידל האָט זי געטראָגן אַן אַנדערס, נישט דאָס ווייסע מיט די שוואַרצע קעסטעלעך. (— אַ שאָד — האָט זיך זאַכאַרי בשעת-מעשה געטראַכט.) און נאָך עפּעס — איר פּנים איז אויך פאַרענדערט געוואָרן. צוערשט האָט ער נישט געקאָנט וויסן, אין וואָס עס באַשטייט די ענדערונג, דערנאָך איז אים באַוווּסט געוואָרן, — זי האָט זיך זייער געעלטערט, אַזוי ווי זי וואָלט געווען אירס אַן עלטערע שוועסטער.

— לערערקע, אַ מאַן שטייט ביי דער טיר, — האָט אַ קינד אויפמערקזאַם געמאַכט אויף אים.

העלענקע האָט זיך דערשטוינט אומגעקוקט און איז מיטאַמאָל זייער בלייך געוואָרן. זי האָט געוואָלט אויפשרייען און איבערגעהאַקט אין מיטן.

— קינדער, — האָט זי געזאָגט, — איך וועל באַלד אריינקומען,

— און איז צוגעגאַנגען צו אים. קיין וואָרט האָט זי נישט געזאָגט, נאָר אָנגענומען אים ביי דער האַנט און געפירט אים פון שולע ארויס.

אין קאָרידאָר האָט זי אים געקושט, אין איין אויגנבליק שוואַך אָנגעלענט איר פּנים אויף זיין ברוסט. דאָס האָט געדויערט קוים אַ סעקונדע, אַ טרייסל־געגעבן מיט אירע האָר, אַ ווייגענדיקן שמייכל־געטון:

— ווען ביסטו געקומען?

— היינט אינדערפרי.

ניט אפגעלאזן זיין האנט, האט זי אים אין קיך אריינגעפירט, צו־געשלאסן די טיר הינטער זיך, געפאלן אויף זיין האלדז און לאנג זיך צע־וויינט:

— איך האב געמיינט, אז איך וועל דיך שוין קיינמאל נישט זען, — האט זי ארויסגעכליפעט און באגאסן זיין האלדז מיט טרערן און גאַ־ווער.

ער איז געשטאנען ווי פארשטיינערט.

— ווו איז די מאמע?

— די מאמע לעבט נישט מער. אין דער דייטשער אקופאציע גע־שטארבן.

זאכארי האט געקוקט אין איר פנים אריין. ארום אירע אויגן און מויל זענען געווען אויסגעגראבן טיפע רחל־לאהשע־קנייטשן, דער גוידער־האט אויך אנגעהויבן שלאבריק צו ווערן, און מיטאמאל האט ער דער־פילט, ווי זי קומט־אן צו שווימען צו אים דורך דעם פארעלטערטן פנים, ווי א שיף, וואס קומט־אן צו שווימען אויף שטילע וואסערן. ער האט עס דערקענט... און ער איז צוגעגאנגען און באריהרט מיט די אויגן און מיט זיין מויל דאס, וואס איז זיינס...

שפעטער איז דער פאטער געקומען. דער לערער הורוויץ האט זיך ווייניק־וואס געענדערט דורך דער צייט. ער איז נאר, דאכט זיך, העכער געווארן, דינער און גרוי ווי א טויב. ער האט זיך גארנישט געוואונדערט אויף זאכארים פלוצלינגען אויפשווימען, אזוי ווי ער וואלט אים ערשט נעכטן געווען געזען. ער האט אריינגעשטעקט זיין קנאכעדיקע האנט אין זאכארים, אראפגענומען די ברילן און אים לאנג אנגעקוקט מיט די רויטע נאקעטע אויגן און געשוויגן.

ער האט זיך אוועקגעזעצט, בחוריש־ארטיק פארלייגט א פוס אויף א פוס און זיך אנגערופן שאקלענדיק מיטן קאפ:

— מיר האבן זיך, דאס אלץ גאנץ אנדערש פארגעשטעלט.

— די רוסישע רעוואלוציע? — האט אים זאכארי געפרעגט.

— נישט נאר די רוסישע רעוואלוציע — אלץ! — און פאר זיך האט ער צוגעלייגט מיט א קרעכץ:

— דאָס באַפרײַטע פּױלן — און סאָלדאַטן און פּאָליציי — דו פאַר שטייסט?

— און דאָך איז בעסער, ווי עס איז געוועז, — זאָגט זאַכאַרי.

— יאָ, בעסער איז עס, נאָר איך האָב עס מיר גאַנץ אַנדערש פאָרגעשטעלט, — האָט דער לערער געזאָגט מיט אַ בענקענדיקן קרעכץ נאָך זײַן שיינעם חלום, וואָס איז אַזוי מיאוס אָפּגעשלאָגן געוואָרן פון דער ווירקלעכקייט.

— אָבער דאָך וועט מען באַדאַרפן אָנהייבן אויפסניי! — זאָגט מירקין.

דער לערער האָט אים אָנגעקוקט:

— שפּרינגען איבער דעכער?

— ניין, זיך געבן טאָג־טעגלעך טראַפּנווייז, ווי זי האָט עס געטון, — האָט ער געזאָגט רויט-ווערנדיק, געוויזן אויף הערענקען, אָבער ער האָט עס באַלד פאַרריכט: — ווי איר דאָ.

דער לערער האָט זײַן קנאַכיקע האַנט געלייגט אין זאַכאַרס — און געשווגן.